STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00753

NOAH PANDRE

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob Mirviss

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שניאור

נח פאַנדרע

ערשטער טייל „עמי־הארצים"

ארויסגעגעבן דורכן יובל־קאמיטעט
1938 וואַרשע

Printed in Poland

Z. SZNEUR
„NOACH PANDRE”
Wyd. Komitetu Jubileuszowego

Druk „Renoma”, Warszawa

נ. ח. פאַנדרע

וואו זיינט איהר?

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

וואו זיינט איהר אצינד, איהר דעמבענע אידען, מיט די ברייט-נאָזיגע שטיוואַלעס און מיט די צעשוואומענע, פאַרברענטע נעזער, ווי ביי לייבען? איהר. באַלעגאָלעס, קצבים, גאָסקע-טרעגער, ליימער, זעגער...

אייער קול איז געגאַנגען ווי פון אַ פוסטע פאַס אַרויס, און אין אייערע קינדערשע אויגען האָט געשפּילט דער כח פון לעבען.

ס'האָט פון אייך שטענדיג געשמעקט מיט וואַלד, מיט דיעגעכץ, מיט קאָרענע מעהל, מיט פרישע פעלען. און אפילו ערב-שבת נאָכן באָד, בשעת איהר זיינט שוין מיט מזל אַריינגעקראָכען אין די געווענטענע, שמאָל-געוואָרענע קאַפּאָטעס און סורדוקען פון אייערע חתונה-צייטען, האָט פון אייך געדאַמפט מיט גע-פּאָרעטע, בערעזאָווע בעזימער, מיט קאָרע און מיט דער שפּע פון אַ פולער וואָך.

די סידורימלעך האָט איהר געהאַלטען אין די הענט ווי מען האַלט געלינקע פיסקליאַטעס. מיט אַ צערטליכקייט און מיט אַ רחמנות פון גבורים האָט איהר זיי געהאַלטען און פרום גע-שאָקעלט זיך איבער זיי. און מיט די זעלבע פאַרמאַזאָליעטע, צעשווּנדענע לאַפּעס האָט איהר אומגעוואָרפען צעהן-פודיגע

משאות, פון שפייכלער צום וואָגען און פון וואָגען צום שפייכ-
לער, ווי מען וואַרפט אום קנייכלעך כּאָדים. מיט איין פּאַטש
איבער דער ליטקע האָט איהר איינגעשטילט צעווילדעוועטע פערד,
וואָס ווילען אין שפּאַן ניט געהן.

„עם-הארצים" האָט מען אייך גערופען. אין מערב-זייט,
ביים טיר פון בית-מדרש זיינט איהר געזעסען באַשיידען און
אונטערטעניג. יאָהרען-לאַנג געוואַרט אויף אַן „עליה", וואָס
פאַלט אַראָפּ פון בעלעמער, ווי אַן אָפּגעגריזשעטע ביין, בשעת
קריאת-התורה. גבאימלעך מיט אַ „מיחוש", איידימלעך אויף
קעסט האָבען אויף אייך געקוקט פון אויבען אַראָפּ. און יונגע
באַלעבאַטימלעך האָבען געדוצט אַפילו אייערע אַכציג-יעהריגע
אַלטע לייט.

זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט עסען די
גוטע, שמעקענדיגע עפּעל און פאַראַכטען די שוואַרצע וואָרצלען
פון עפּעלבוים; אַז מען טאָר ניט טרינקען קיין קלאָרע וואַסער
און מבזה-זיין די מאָכיגע ווענט פון ברונים.

איז אויסגעבראָכען אין שטעדטעל אַ שרפה, זיינט איר
האַלב-נאַקעטע די ערשטע געשפרונגען לעשען. אַ מגפה — זיינט
איהר, טופּענדיג מיט די שווערע שטיוועל, געלאָפען מינטערען
די פאַרחלשטע. ציטערדיג און שטיל ווי אידענעס אַרומגעגאַנגען
אַרום די „פאַרבייאיגע", און וועגען זיך ניט געקלערט.

האָט זיך אין אַ מאַרק-טאָג פאַרקאָכט אַ געשלעג מיט
שכּורע גוים — האָט איהר זיך אָנגענומען פאַר שוואַכע קרע-
מערלעך, פאַר אלמנות, וואָס פאַרקויפען לעקעך און גריינס אויף
די טישלעך, און דערנאָך געגאַנגען זיצען אין אָסטראָג פאַר די,
וועלכע איהר האָט באַשיצט.

דער באַהעלטער פון געזונט בלוט און פון ערדישע ליי-
דענשאַפטען זיינט איהר געווען אין פאָלק ישראל. ווען ניט דער
רויטער זאַפט אין אייערע שטאַרקע אברים, ווען ניט דער אור-
אַלטער פייער אין אייערע אָדערען — וואָלטען אויף דער
אידישער גאַס געבליבען בלויז מערידאַלניקעס, פאַרשפּיצטע

בטלנישע נעז, קרומע קעפ, ווינט-מענשען, אויסגעצוואָגענע לייבער פון פרומאַקעס, נעוורוֹסטעניקער...

די כונקען פון ליעבע און פון לידער האָט א י ה ר באַהאַלטען. דאָס גליק פון אַרבייט האָט געטליעט אין א י י ע ר לייב, די בענקשאַפט נאָך פעלד און וואַלד קומט פון אייער ערדישער פראָסטקייט, פון אייערע מעשות. דער ווילען דורכצוברעכען די לעצטע מויערען פון דער גהעטאָ שטאַמט אויך פון אייך. פון אייער מיטען האָט דער נייער קוואַל פון וועלט-באַפרייאונג אויפגעשלאָגען און צעגאָסען זיך איבער יונגע דורות. פונקט ווי אייערע עלטערען זענען אַרויפגעשטיגען אויפן באַלעמער צו דער תורה, אַזוי אייערע קינדער — אויף עשאַפאָטען. און פון הויכע תליות האָט איהר אונז אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון נ י י ע צ י י ט ע ן.

פון אייערע גראָב-געפאַרבטע העמדער און האַלזטיכער, פון די זוניגע נאַאיווע קווייטען און שפרענקלעך אויף די ציצענע קליידלעך ביי אייערע הויך-ברוסטיגע ווייבער און שוועסטער, זיינען נאָך עד-היום פאַרבליבען די פרעהליכסטע פאַרבען אויף די פאַליטרעס און פענזלעס פון אַ נייעם דור אידישע מאָלער.

דורך גאַנצע געשלעכטער פון דערשלאָגענע קרעמער און פאַראומערטע שענקער האָט אייער גבורה, ווי זאַלץ, מאַרינירט די קראַנק-געוואָרענע אידישקייט. און אייער הומאָר האָט, ווי צוקער, קאָנסערווירט די פירות פון אידישען לעבען. אָהן אייער האַמעטנער איבערגעגעבענקייט, אָהן אייער פויערשער איינגעשפאַרטקייט, וואָלטען זיי אינגאַנצען פאַרפוילט געוואָרען.

די קלענסטע צאָהל פון „איבערלויפער”, די אונשעדליכסטע משומדים זיינען פון א י י ך אָפגעפאַלען, ווי זשאַווער פון הייסגעקאָוועטען אייזען... נישט אַזוי ווי פון די איידעלע קלאַסען, פון די לומדים, פון גבירים, פון די אויסדערוועהלטע. דאָרטען, אַז ס'האָט אָנגעהויבען צו פוילען, איז עס געגאַנגען ביזן טיפסטען חאָרצעל.

נאָר גענוג צו זינגען פון אייך! לאָמיך בעסער פון אייך דערצעהלען.

נ״ח פאַנדרע

1.

צי „פאַנדרע״ איז אַ כשרער פאַמיליע־נאָמען, צי אַ צונעמעניש, צי אַן אָנשפּיל אויף זיין גויעשקען אויסזעהן—דאָס קען מען אַצינד אויף זיכער ניט זאָגען. דער דור זיינער איז אויסגעשטאָרבען — דער קצבישער דור, פון וועלכען עס האָט געשלאָגען מיט רויקייט און מיט גבורה אויף ד׳ אמות.

נאָר אַז ער האָט געהייסען נח, דאָס איז געוויס.

אַ קצב בן קצב. אין די באַקען איז איהם געלעגען דאָס רויע פליישׁ און אין די אברים אַן אָקסענער כח. דער גרויסער קיילער־האַק איז ביי איהם געגאַנגען אין די הענט, ווי אַ געצייגעל אין די פינגער פון אַ מייסטער. די יאַטקע־קלאָץ פלעגט אויפציטערען ווען ער פלעגט צו איהר צוגעהן. אַ האַלבע זייט פון אַ בהמה פלעגט ער איבערקעהרען, ווי אַ ניט־דערבאַקענע מצה אין אויווען. אַלע קצבים האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. כאָטש ער איז נאָך דאַן קיין גאַנצע נײַנצעהן יאָהר ניט אַלט געווען.

מ׳האָט דערצעהלט, אַז ער האָט צוויי רויטע רייפען אויפן בויך — אַ דייטליכער סימן פון זיין מוראדיגער גבורה. שמחהלע טורערז דער שכור — נח פאַנדרעס שכן אין די יאַטקע־געוועלבלעך — פלעגט ניט אַלעמאָל האָבען גענוג כח צוקיילען די גראָבע קנאָכענס פון אַן אַלטען אָקס. מייסטענס נאָך אַ גוטען טרונק אין דער פאָריגער נאַכט... פלעגט ער הייזעריג צורופען זיין יונגען חבר פון פאַך:

— קום, העלף, ברודערקע!

ניט רעדענדיג קיין ווארט געהט נח צו, לאזט אראפ די האק איינס און צוויי און די זאך איז געמאכט, די ביין איז געבראכען. שמחהלע טורערו מיט דער אנגערוקטער באראשקענער פארשפיצטער היטעל איבערביידע אויערען, שטעהט אן דער זייט און גלאצט פארגאפט מיט זיינע פארלאפענע אויגען. ער באוואונדערט נחס קראפט. פון גרויס באגייסטערונג באדאנקט ער איהם אויף קצבישען לשון אזוי:

— אי, פאנדרע, צוויי כאלערעס מיט פיער „בן-פקועס" דיר אין דער „צעפצעפעכע" אריין!

נח פארויטעלט זיך א ביסעלע פון אזא קצבישען קאמפלימענט און גיט שעמעודיג א בירטש:

— אבער געדענק, שמחה גנב, עס קומט פון דיר א טרונק בראנפען!

און שמחהלע פארזיכערט איהם מיט גרויס ליבשאפט:

— וועסט קריגען, וועסט קריגען, א „סרחה" דיר אין דיין טרפהנער ריאהקע אריין!

אבער ניט די שווערע שינד-ארבייט אין שעכט-הויז, ניט דאס קיילצן אין טאטענס יאטקע, ניט דאס העלפען זיינע שוואכערע חברים אויף די פארבלוטיגטע ברייטע קלעצער ארום איהם, איז גענוג געווען אפצוצאפען זיין כח און אויסצופארען פון איהם די היציגקייט פון א יונגען אגער. יעדע דינסט-מויד, וואס קומט מיט'ן קאשעק איינצוקויפען, פלעגט פון איהם קריגען א קניפ און א בליאסק מיט די גרויע גרויסע אויגען און מיט די ווייסע צייהן. די מוידען פלעגען עס מקבל באהבה זיין פון אזא שענעם יונג ווי נח פאנדרע איז געווען. און טאמער האט איינע אומגערן א קוויטש געטאן, פלעגט זיך אויף איהר נח צעברומען מיט א משונהדיגען בת-קול, ווי פון א חורבה ארויס:

— בהמה, האסט דאך געוואלט שפאנדרע, טו נא דיר שפאנדרע!

דערביי נאך א מאל א קוועטש געטאן דעם מעקניפענעם ארם.

מיט רויטע בלוט-פלעקען אויף די ווייסע קאָפּטעלעך און מיט בלויע פלעקען אויף די לייבער, אונטער די קאָפּטלעך, פלעגען די אויסגעפּאַשעטע, גבירישע דינסטמוידען קומען אַהיים, פלעגען שטילערהייט באַטראַכטען נחס צייכענס און געוועזן פּאַר איהם די כפּרה. איין דינסטמויד פאַר דער צווייטער האָט זיך כלומרשט געקלאָגט:

— ברוין און בלוי האָט ער מיך דאָך געמאַכט דער פאַנדרע, אַ ברעך זאָל אויף איהם קומען!

פאַרקאַטשעט איהר חברטאָרין דאָס קאָפּטעל און באַווייזט אַ יצר-הרעדיגען, טונקעלען פלעק אונטער דער סאַמע ברוסט. און די אויגען פלאַקערען איהר דערביי. ס'געהט איבער, ניט-ווילענדיג, אין אַ מין באַריהמעריי צווישען סאָלדאַטען, וועד ס'האָט, פאַר גוט שיסען, באַקומען מעהר אויסצייכענונגען... וואָס מעהר אַזעלכע ליבע-צייכענס אַלץ נעהנטער, הייסט דאָס, איז מען צו נחן, „אַ בייזער יאָהר אויף איהם!..״ אַלץ מעהר לייטזעליגקייט, הייסט דאָס, האָט מען געפונען אין זיינע אויגען.

און ניט אומזיסט זיינען די מוידען אַזוי פאַרקאָכט אין זיינע „קנייפּ-מעדאַלען״. אויסער דעם, וואָס ער איז אַזאַ גבור, איז ער נאָך אַ קראַסאַוועץ אַ יונג. זיין שוואַרצע טשופּרינע פאַלט ווי אַ שטורעם אַראָפּ איבער זיין ווייסען, פירקאַנטיגען שטערען, זיינע גרויע און אָפענע אויגען זיינען איינגעראַמט אין שוואַרצע זעהר לאַנגע וויעס. זיינע ליפּען זיינען שטייף און שען געשלענגעלט אונטער שוואַרצע זיידענע וואָנסעלעך. און גיט ער אַן עפען אַ מויל — גייט עס אַ בלענד אין די אויגען פון ווייסקייט. עס באַקומט זיך דאַן אַ מין קליינער, פרישער רעגענבויגען פון שוואַרצע וואָנסעס, מאַלינע ליפּען, ווייסע ציינער און ראָזיגע יאַסלעס. אמת, די באַקען זיינען ביי איהם אַ ביסעל צו רויט. אויך מיר אַ חסרון! ווי דען-זשע זאָל אַ קצב אויסזעהן?

דערפאַר אָבער די שטיוועל מיט די לאַקירטע כאָליאַוועס, וואָס ער טראָגט שבת און יום-טוב — אַ כפּרה פאַר זיי אַלע קאַמאַשען מיט רעזינקעס און אַלע געוועזענע הויזלעך פון די באַלעבאַטישע יאַלדען! „בוטילקעס״ (בוטלען) הייסען אַזעלכע

שטיוועל מיט לאַקירטע כאָליאַוועס, און זיינען אין דער גרויסער מאָדע ביי קצבים און וואוילע־יונגען. די הערצ.ר פון דינסטמיידלעך און נייטאָרינס ווערען פאַרפאַרעגעלט און פאַרשרפעט פון ווייער בליאַסק.

ביינאַכט, אין ענגע געסקעס, צווישען קרויט־גערטנער און סעדער, ווען מען דערהערט נהס שטילען ב.וב־באַס און אַ פאַרשטיקטען ווייבערשען געלעכטער — ווייסט מען, אַז דאָס שפּילט ער זיך מיט זיינע כלות. וויפיעל כלות האָט ער? מען דערצעהלט, אַז אַ רעכט שפּאָרעוודיג ביסעל. זלידנע פאַרקרימטע באַלעבאָסטעס באַריידען איהם, און פרומע באַלעבאַטים טענהן, אַז מען האָט געדאַרפט אסרן זיין יאַטקע. וואָרים אַזאַ חברה־מאַן איז מסוגל אויף אַלץ... נאָר ביי די דינסטמיידלעך וועט מען עפּעס אויספיהרען? זאָג זיי יאָ און זאָג זיי ניט — וועלען זיי אַלץ קויפען ביי נח פאַנדרע'ן. און רעד מיט זיי און וואָרען זיי — וועלען זיי אַלץ טענהן, אַז אַזאַ עהרליכע זאַך ווי פאַנדרע איז גאָר אין שקלאָוו נישטאָ. יאָ, קנייפען, אַ בראָך צו איהם, קנייפט ער זיך, אָבער קיין אידישע טאָכטער וועט ער ניט אומגליקלעך מאַכען...

שטעהען טאַקע אַרום זיין קלאָץ, אין דער פריה, טאָג־איין טאָג־אויס, אַלע שעהנע דינסטמוידען מיט די קאָשיקעס אין די הענט און וואַרטען געדולדיג ביז נח וועט זיי אָפּוועגען אַ חלק פלייש און שענקען אַ קניפּ.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז כון שפּילען זיך צווישען טונקעלע גערטנער און קנייפען זיך קען אַזאַ יונג, ווי נח, ניט געהאָלפען ווערען. נו, און אויב אָנהויבען זיך מיט אַ אידישער טאָכטער — מוז מען דאָך מיט איהר גלייך חתונה האָבען. אָבער ווי אַזוי זאָל פאַנדרע חתונה האָבען, אַז דעם „פריזיוו״ איז ער נאָך ניט אָפּגעשטאַנען?.. וואָלט דאָך געווען זעהר ביטער. וואָס־זשע טהוט אָבער גאָט? — זיינען דאָ גויות אויף דער וועלט. זעהט מען טאַקע ר' נחן אַרויסשלייכען זיך פון שייערס אויף „פראַנצאָווקע״ און פון איינזאַמע שפייכלערס, ווייט הינטער די גויעשקע געסלעך. מענשען מיט אויערען האָבען אַפילו געהערט פאַרדעכ־

טיגע שטילע קולכער, וואָס רופען נחן נאָך; עפּעס גויעש-טרויעריג און פאַרבענקט רופען זיי:

— „נאָי, ראָדנאָי״!... קום מאָרגען אויך!

דיזעלבע מענשען וואָלטען געקענט שווערען, אַז זיי האָבען אַפילו געזעהן, ביי אָט די מאָדנע באַגעגענישען. אויפגעבונדענע קאָפּ-טיכער, צופאַטעלטע פלאַקסענע האָר, אויפגעריסענע העמדער פון גראָבען פויערשען לייווענט... נאָר געה קוק זיך ביינאַכט צו ווער דאָס איז און וואָס דאָס איז! נייגעריגע האָבען אַפילו יאָ געפּרובט. האָבען זיי באַקומען אַ פּלעם איבערן האַלז און נאַקען אין אַ שליידער אַוועק, אַז זיי האָבען שוין פאַרזאָגט אַ צעהנטען. הכלל, אידען, וו.ו מען זעהט ביינאַכט פּאַנדרעס שאָ-טען — דאַרף מען זיך האַלטען אויף אַ מייל פון דערווייטענס!..

.2

אָבער ניט-קוקענדיק אויף דעם, וואָס ביי נחן אַליין איז אַ פליישיגע גויע אין אַ מילכיגען שפייכלער ניט אינגאַנצען טרייף, איז ער גופא דוקא אַ שטיקעל מקפיד אויף גויעשע צניעות. וואָרים וואו ער דערטאַפּט אַ שגץ מיט אַ פאַרליבטער שיקסע — טרייבט ער זיי אַרויס ווי היהנער פון שטייג. און אָפּטמאָל, אַז ס'איז איהם גאָר פרעהליך אויפן האַרצען, איז ער מכבד מיט קלעפּ אויך.

איינמאָל, ראַנעצקע, געהענדיג פון שעכט-הויז, האָט ער ערגעצוואו, הינטער קוסטעס, דערשמעקט אַזאַ גויעשקען „ער״ מיט אַ „זי״. האָט ער זיי פעסט צוגעהאַלטען מיט איין לאַפּע, ווי מען האַלט צו צוויי איינגעביסענע גליטשיגע העכט, און מיט דער צווייטער האַנט צוזאַמענגעבונדען זיי מיט'ן לאַנגען קצבשען גאַרטעל — פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי געפונען, אַרויפגעוואָרפען דאָס פּאָרל אויפן פּלייצע און אַוועקגעטראָגען זיי צאַפּעלדיגע און שרייענדיגע איבער גאַנץ שטאָדט, אַזוי ווי פנחס בן אליעזר, אין חומש, האָט אַוועקגעטראָגען דעם געשטאָכענעם איש-ישראל

מיט דער גויע מיט זיינער, מיט דער „מדינית"... ער האָט אַזוי די לעבעדיגע, האַלב-נאַקעטע משא דערטראָגען ביזן גאַניק פון קאַזיאָנעם ראַבינער און זיי דאָרטען אַראָפּגעלאָזען. פאַר וואָס גראָד ביים קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק? ס'איז געווען אַ שטיקעל נקמה. דער שקלאָווער קאַזיאָנער ראַבינער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבען נאָך פאַנדרען אַ מעטריקע מיט אַ שטעמפּעל. פאַנדרעס טאַטע האָט אַפילו געטענהט, אַז ער מוז עס האָבען נויטיג צום „פּ־יזיוו", כדי מאַכען נחקען, באַצייטענס, אַ „ווטאָרע-לגאָטע", וואָס קומט איהם לויטן זאַקאָן, מחמת נחס צווייטער ברודער איז מיט אַ סך יאָהרען אינגער פאַר איהם. און נעמט מען נחן אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט בלייבט ער, דער קראַנקער טאַטע, אָהן אַ שטיץ, און מ'מעג די יאַטקע אין גאַנצען צושליסען.

דער קאַזיאָנער ראַבינער האָט אָבער געטענהט, אַז טאַטע-מאַמע האָט פאַרגעסען מעלדען וועגען נחס ברית, און ער האָט ניט, פשוט, וואָס אויסצושרייבען פון די קאַזיאָנע ביכער... טאָ זאָל ער זיך שטעלען צום „נאַרוזשנעם-ווויד"...

נאָר געה שטעל זיך פאַר פּאָניעס מבינים, זיי זאָלען דאָס אָפּשאַצען נחס יאָהרען! אַז מיט פופצעהן יאָר האָט שוין דער יונג אויסגעזעהן ווי אַ בייבאַק פון צוואַנציג.

איז אַוועק אַ שנאה צווישען פאַנדרעס משפחה און צווישען שקלאָווער קאַזיאָנעם ראַבין.

אַצינד, אַז דער ראַבינער מיט די ברילען איז אַרויסגע-לאָפען אויף די געוואַלדען און געלעכטערס אויף דער גאַס, האָט נח גראָד געהאַלטען ביים אָפּבינדען זיין פאַרשמאָלצע:ועטען קצבישען גאַרטעל פון די צוויי גויעשע לייבער; ער האָט גראָד געשטעלט פאַר עדות דעם גאַנצען אָנגעלאַף, ברומענדיג און זיך ווינשעווענדיג מיטן עולם:

— מזל טוב, מזל טוב!.. אָט! למען השם!.. ניט פאַר-געסען! למען־השם איינשרייבען אין די קאַזיאָנע ביכער!

שמחת תורה האָט נח געהאַט אַ טבע צו נעמען אַן אי-בעריגען טרונק בראַנפען מיט שמחהלע טורערו. און אַרומגענומען

ביי די העלזער, אויפן פויערשען שטייגער, פלעגט ער, פאַנדרע דער ריז מיט שמחה׳לען דעם אויסגעדאַרטען אָדערדיגען נפש אין דער באַראַשקענער היטעל, אַוועקשטעלען זיך אונטער די פענסטער פון די ברוגז׳ע באַלעבאַטים, וואָס קויפען ביי זיי קיין פלייש ניט און גלויבען ניט אין זייער כשרות, אוןביידע פלעגען זיי „אַוועקלעגען״ אַ מאָדנע „מי שברך״.

אָנגעהויבען האָט זיך דער „מי שברך״ מיט נחס כשרן באָמען און ענדיגען האָט ער זיך געענדיגט מיט שדים ווייסען וואָס. דער דוּעט האָט זיך געקייטעלט אונגעפעהר אַזוי:

אלה תולדות נח:
פון בראָנפען קריגט מען כח.
כח קריגט מען פון בראָנפען,
חערען זאָלסטו אַ דלפון!
אַ דלפון זאָלכטו הערען
טאַנצען זאָלכטו מיט בערען.
מיט בערען זאָלסטו טאַנצען,
ליגען זאָלסטו אין פראַנצען.
אין פראַנצען זאָלסטו ליגען,
קרחות זאָלסטו קריגען;
קריגען זאָלסטו קדחות
פון קאָפּ א. א. וו.
ונאמר אמן!

אָבער אָט די ווילדע שקאָצערייען זיינען נאָך ניט בכח געווען אָפּצוקיהלען פאַנדרעס ברויזענדיגע, קצבישע בלוט. בשעת שמחהלע טורצרו ליגט שוין אַ האַלב-געחלשטער אונטערן פלייט, ערשט דאַמאָלסט פאַרטאָפּעלט זיך נחס גבורה און זיין אינגעלשע לוּסטינקייט. אָדער ער לאָזט זיך אַוועק אין מיטען העלען יום-טוב פאַרמאַכען די לאָדען אין גאַנץ שקלאָוו, אָדער ער כאַפּט אַן אָצוּפּ מיט אַן עמער און נעמט זיך שעפּען וואַסער פון ברונים און גיסען אויף דער ערד. ער טהוט דאָס מיט אַזאַ ווילדען ברען, מיט אַזאַ מסירת-נפש, אַז באַלד שטעהט ער שוין

מיט זיינע לאַקירטע כאָליאַוועס אין אַ טייך וואַסער, און קיינער קען צו איהם ניט צוגעהן. באַלעבאַטימלעך אין יום־טובדיקע קאַפּאָטקעלעך שטעהען אַרום „טייך" און מאַכען מיט די הענט, ווי דערשראָקענע אידעלעך פאַר קריעת ים־סוף. פאַרגאַפט און דערשיטערט פון אַזאַ גבורה, וואָס גיסט זיך איבער אַלע ברעגעס, זיינען נאָר די אידישע קינדער. זיי קוקען צו און שווייגען. זיי זעהען אין פאַנדרען און אין זיינע ווילדע שטיק אַ מין פאַרשטעלטען שמשון הגבור, וואָס רייסט אויס די טויערען פון דער שטאָדט עזה אין מיטען דער נאַכט, און טראָגט זיי אַרויף אויף אַ באַרג; וואָס בינדט צוזאַמען דריי־הונדערט פיקס ביי די עקען מיט אָנגעצונדענע האָלאָוועשקעס צווישען; וואָס צערייסט נייע פלאַקסענע שטריק אויף די אָרימס, און אַ ברומיגען לייב — צווישען די ווייגגערטנער... נאָר זיי, די חדר־אינגלעך, פאַרשטעהען איהם. זיי וואָלטען אַודאי און אַודאי אויך אַזוי געטאָן. נאָר זיי זיינען נאָך צו קליין און שוואַך. מילא, פאַרלאָזען זיי זיך אינגאַנצען אויף נח פאַנדרען, אַז ער, הייסט דאָס, וועט מיט דער צייט צושלאָגען די פלשתים און אויסלייזען אַלע אידען פון גויעשקע הענט...

3.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפען אַ מעשה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ טומעל אין שטאָדט און דערנאָך אַזאַ געמורמעל, אַז אַפילו אַנטציקטע חדר־אינגלעך האָבען פאַרלאָרען יעדע האָפענונג אויף פאַנדרען, אַז ער וועט מיט דער צייט ווערען אַ „שופט" און וועט גליקליך מאַכען אַלע אידען...

די מעשה איז אַזוי געוועזען: ציהענדיג די געהויבענע קאַרעטע פון קלויסטער אַהיים, צום „הויפעל"־צו, האָבען זיך צוטראָגען די פריצישע הייסע פערד. און די פריצטע אַליין, אַ דאַרע נקבה מיט לעבעדיגע שוואַרצע אויגען, איז שיער ניט געניזוקט געוואָרען. אין ווילדען געשלייגעלטען גאַלאָפּ אין שטויב און געשריי, האָט מען נאָר געזעהען די פאַווע־פעדערען

פון דעם פּריצישען קוטשער מיט זיין רויטען אָנגעבלאָזענעם קאַרק. אַט־אַט פּלאַצט ער פון אָנשטרענגען זיך ביים ציהען די לייצעס. און אין דער ברייטער קאַרעטע וואַרפט זיך אַרום, ווי אַ געוועזענטע ליאַלקע, די פּריצטע אַליין. זי שרייט און כאַפּט זיך מיט לאַנגע הענטלעך, אין ווייסע לייקענע הענטשקעס, אָט פון זיך און אָט פאַרן רויטען גאַרטעל ביים קוטשער, און פאַלט צוריק. איהר ווייסע פעטערבורגער היטעלע מיטן שטרויס־פעדער קייקעלט זיך אַראָפּ און פליהט־נאָך, נאָך דער קאַרעטע, ווי אַ גלגול. אידען און גויים לויפען נאָך צעטומעלטע און העל־פען שרייען ווי דער שטייגער איז. גראָד דאָ געהט אָן נחקע פאַנדרע מיט אַ פולען קאָשיק פלייש, וואָס ער האָט געהאַלטען אין פאַרנאַנדערטראָגען זיינע באַלעבאַטים. האָט ער גלייך אַ וואָרף געטאָן דעם פולען קאָשיק און אָנגעכאַפּט די צעווילדע־וועטע פערד מיט זיין שטאַרקער האַנט ביים צוים, אַ קירעווע אָן דער זייט און אַ שטויס צוריק די מיטעלסטע האָלאָבליע אַזוי, אַז די גאַנצע קאַרעטע מיטן קוטשער און פריצטע האָ־בען געגעבען אַ פאַל אויף הינטען. ווייסער שוים האָט זיך געגאָסען פון די פערדישע מיילער איבער פאַנדרעס אַרבעל. ערשט דאָ זיינען אידען און גויים געוואָרען גאָר כראַבּרע און האָבען אָנגעכאַפּט די קאַרעטע פון אַלע זייטען. אין ערשטען שטויבי־גען טומעל און געשריי האָבען אידען געזעהען ווי די פריצטע מיט צעוואָרפענע האָר שטעקט אָפּ נח פאַנדרען דעם קצב־יונג, אַ הענטעל אין אַ ווייסער לייקענער הענטשקע און שמייכעלט צו איהם.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום, פאַרנאַכטליך, האָבען באַלע־באַלעס געזעהען ווי נחקע פאַנדרע. אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעפוצטער, מיט זיינע לאַקירטע שבתדיגע כאַליעוועס, קלינגט אָן אין טויער פון „הויפעל" און דער פּנים ברענט אויף איהם. דער סטאָראָזש, אין רויטען העמדעל, עפענט איהם, פאַרנייגט זיך ביז דער ערד, לאָזט איהם אַריין און שליסט צו. נו, לכתחילה האָט מען געמיינט, אַז נחקע פאַנדרע איז געקומען אָפּנעמען אַ מתנה, דערפאַר וואָס ער האָט דער פּריצטע גע־ראַטעוועט דאָס לעבען. „זאָלען מיר דאָס פאַרדינען אַלע וואָך,

האָס דער יונג וועט באַקומען אין יַד אַריין"... אַזוי האָבען זיך אידען געווינטשעוועט. נאָר ס'געהט אַ־יבער אַ וואָך און ס'געהען אַריבער צוויי וואָכען און באַלעגאָלעס, וואָס קומען אָן פון שליאַך, ברענגען אַלע פאַרנאַכט די זעלבע נייעס, אַז פאַנדרע קלינגט נאָך אַלץ אין „הויפעל", און דער גויעשקער סטאָראָזש עפּנט איהם און ברעכט זיך פאַר איהם אין דרייען. איז די וואָך געוואָרען אַביסעל קשה: וויפיעל איז דער שיעור צו נע־מען מתנות ביי אַ פריצטע? ס'איז אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר גאַנץ שטאָדט, אַ איד זאָל אַזוי בעטלען ביי אַ גויע. בעסער לאָזען דאָס אויף אַן אַנדערש מאָל. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך. טאָמער דאַרף שטאָדט האָבען אַ טובה...

ביסלעכווייז האָט מען אָבער גענומען מורמלען, אַז... יאָ!.. אפשר גראָד פאַרקעהרט! אפשר נעמט ער גאָר ניט מעהר, דער קצב־יונג, קיין שום מתנות ניט, אפשר ברענגט ער גאָר מתנות איהר, דער אַלטער שקורע... האָ־האָ! און צוריק־רעדענדיג — איהר נשמה איז דאָך אויך ניט קיין ראָזינקע. און אַז אַ פריצטע איז וואָס? אַן אַלמנה איז זי דאָך און אין גוטס באָדט מען זיך. נחקע האָט זי דאָך געראַטעוועט גראָד דענסט־מאָל, ווען זי איז געפאָהרען פון מאַ:ס קבר. ער ליגט דאָך באַגראָבען אין גרינעם קלויסטער אויפן הויף. נו, פאַנדרע איז אפשר אַ מיאוסניק? אַ גבר אַ יונג! בלוט און מילך! פריצישע נפקאס האָבען, זאָט מען, גראָד ליעב אַזעלכענע...

אָבער וואָס ווייטער אַלץ פינסטערער איז געוואָרען דאָס גערעד:

— ער וועט זיך נאָך שמדען, דער קצב־יונג! — האָט מען זיך געשושקעט. אָט וועט איהר זעהען...

נאָר דערצו איז עס, חס־ושלום, ניט געקומען.

ווען נח פאַנדרעס „גויעשקייט" און קלינגען אין טויער פון הויפעל איז פאַרגאַנגען גאָר ווייט, האָט עס מיט אַמאָל געפּלאַצט. און פון שטויב און רויך און פון אַלע נאַרישקייטען און רעדערייען איז אַרויס אַ איד, אַ וואוילער איד, אַ געזונטער איד. אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען!

פאַנדרע ווערט אַ בעל תשובה

1.

נאָך די ימים-טובים, מיט די ערשטע טרוקענע פרעסטלעך, הויבט זיך אָן אין שקלאָוו דער פריזיוו.

פון די ווייטע וואָלאָסטען קומען אָן יונגע קורנאָסע שקציס מיט פלאַקסענע קעפּ און אין נייע שעפּסענע פעלצען, מיטן פוטער אינווענינג און מיט די געל- און רויט-געפאַרבטע לעדערס — דרויסען. געהען זיי, קופּעסווייז, איבער די גאַסען און הוליען. איינער פון חברהצקע שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. צוויי, דריי געהען אַ „פּריסיאַדקע"*) און די איבעריגע שרייען, גוואַלדעווען, בלאַזט אין דער וועלט אַריין. וואו זיי געהען דורך, פאַרשליסען פאָרזיכטיגע אידען די הילצערנע קרעמעלעך, און ווייבער אויף טישלעך וואַרפען אַריין די אויסגעלעגטע בולקעס און לעקעכער אין אַ זאַק. מיידלעך באַהאַלטען זיך, און ביינאַכט געהען זיי אי-בערהויפּט ניט אַרויס פון שטוב. די לאָדען פון די פענסטער ווערען צוגעמאַכט ווי נאָר עס ווערט פינסטערלעך. די אָנגעצונ-דענע לאָמפּען זיינען אַ צו-גוטער ציעל פאַר שטיינער... וואָרים די גויעשע פריזיוויקעס לערנען זיך, דערווייל-וואָס, שיסען מיט האַלבע ציגעל אין אידישע שויבען אַריין. אין עטליכע טעג אַרום פאַרטרייבט מען זיי סיי ווי סיי אין די קאַזאַרמעס צו עסען

*) זיץ-טאַנץ.

באָרשץ און צו כאַפּען קלעפּ מעהר ווי דאָס עסען איז ווערט. היינט וואָס האָבען זיי וואָס אָנצווועהרען? דערנאָך געה זוך זיי און רוף זיי צו אַ דין-תורה... איז גלייכער — מען הויבט זיך מיט זיי אינגאַנצען ניט אָן. ניט-קוקענדיג אויף צוזאַ פאָרזיכטיג-קייט קומט דאָ און דאָרטען פאָר אַ שלעגעריי. פּאָניע בלייבט פּאָניע. כאַפּט אַ דאָרפישער שייגעץ אַראָפּ אַ היבין*) פון אַ מישעל אָדער אַ שטיק גויעשקען לעקאַך, גמאַכט אויף פּאַטאָקע און מיט אַ סך געווירצען. מאַכט די בעגזלטע אידענע אַ גרויס געשריי. לויפען אָן קצבים און נאָסקע-טרעגער און זיינען מכבד דעם גויעשקען פּריזיוונ׳ק מיט „טרוקענע". זיי פּאַטשען און ער פּרעסט. זיי שטורכען און ער לאָזט דעם שטיק לעקאַך פון האַנט ניט אַרויס. ווי אַ מאַלפּע וואָס גנבעט ניס פון אַן ענגען שפּאַלט... ער קייקעלט זיך שוין אויף דרערד און די צייהנער זיינען איהם פאַרשטירעט פון וועהטאָג און פון פאַרפרעסענקייט, מיט אַ מוראדיגען ביס לעקאַך אין מויל. וואָרים וואו און ווען האָט ער דאָס געגעסען אַזאַ אַנטיק ווי געווירצטען לעקאַך אויף פּאַטאָקע? שלאָגט מען איהם ווי מען שלאָגט אַ חזיר ערב חגא, און ער שרייט און עסט. מסתמא לוינט עס איהם... לויפען אָן זיינע חברים ראַטעווען איהם. ערשט דאָ צעברענט זיך די אמתע מלחמה... וואָס דען! קצבים וועלען לאָזען פאַרשעמען אַן אָרימע אידענע?... און ס׳איז אַ גרויסער חידוש: די פּריזיוויקעס באַפאַלען דאָך אַלעמאָל אין די צעהנדליגער, און די אידישע גבורים זיינען געצעהלטע מענשען, פונדעסטוועגען הערט מען אַלעמאָל שרייען די גוים... „קאַראַאול!" שרייען זיי און „ראַטוטשע!" און אידען גיבען די „טרוקענע" און שווייגען ווי די לעמער. און אַז די צוויי שלימזלדיגע דעסיאַטניקעס, מיט די אָפּגעקראָכענע לאַמפּאַסען לויפען אָן, איז שוין ניטאָ קיין איד אויף אַ רפואה. פיהרט מען אַוועק אין סטאַן די צעמזיקטע שקצים און דער פּריסטאַוו קיהלט אויף זיי אָפּ זיין צעקאָכט האַרץ דערפאַר, וואָס אַזעלכענע דאָרף-יונגען האָבען אָנגעמאַכט אַזאַ טומעל אין זיין רעזידענץ. און

*) גויעשקע בולקע.

אַז מען וויל זיין גאָר זיכער, גיט מען איהם עפּעס אין יד־אַריין, דעם שקלאָווער פּריכטאַוו. האַלט ער זיי אָפּ, די שקצים, אין סטאַן ביזן סאַמע פּריזיוו, כדי „זיי זאָלען זיך ניט שלאָגען"... כאָטש לויט אויסזעהן פון די שקצים זעהט כלל ניט אויס, אַז זיי זאָלען זיך האָבען געשלאָגען. אַדרבא, מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז די אידישע קצבים האָבען זיי געבראָכען די ביינער און געלאָזען בלויע סמנים. נאָר אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט. דער פּריסטאַוו, דער כשרער שופט, דערלעגט דערצו און אודאי ניט.

שמהלע טורערו, נח פּאַנדרעס שכן, געהט פּאַרנאַכט פון דער יאַטקע אַהיים, און אָנשטאָט אַ שטעקען האַלט ער, פּריזיוו־צייט, אין האַנט אַ קורצען אייזערנעם לאָם. אָנקלאַפּענדיג זיך אויף שטיינער קלינגט דער לאָם גזלניש און מאוימדיג. נאָר עס קען ניט שאַדען. אַ ביסעל בראָנפען האָט מען דאָך נאָך דער צו־ בייט גענומען. אין קאָפּ דרעהט זיך און די טריט זיינען ניט גאַנץ זיכער, און די אָנגערוקטע, שפּיציגע באַראַשקענע היטעל איבער די אויערען, וועלכע ער טראָגט סיי זומער סיי ווינטער, רייצט די גויעשקע פּריזיוווניקעס צו טשעפּען זיך מיט איהם, מאַכען חוכא־טלולא פון אַ אידעל... מען האָט איהם שוין איינמאָל אויסגעקויקעלט אין בלאָטע ווי גרויס ער איז. פון דענסט־מאָל אָן געהט שמהלע טורערו, פּריזיוו־צייט, מיט אַ לאָם אין האַנט. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. הלואי זאָל מען ניט באַדאַרפען!...

און איינמאָל, נאָך די ימים־טובים, האָט מען טאַקע געפונען. צווישען די קרויט־גערטנער. צוויי צעקאַליעטשעטע גרויסע שקצים־פּריזיוווניקעס. ביי איינעם איז אַפילו געווען איבערגעבראָכען אַ פוס. האָט מען שטילערהייט גערעדט, אַז דאָס איז שמהלעס מלאכה. זיין לאָם, הייסט דאָס, האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקעלע אַרבייט. וואָרים ס'איז דאָך אַ גזלן איז דאָס, ניט קיין איד. אַ רצחן. נאָר געה, הויב זיך אָן מיט שמהלע טורערו! ס'איז איהם דען אַ מעשה צו קליין? און אונטערצינדען קען ער ניט? און שטעכען — פאַרגינט ער זיך ניט?

איז די מעשה מיט די פּריזיוּוניקעס געבליבען „צווישען אייגענע". אַפילו דער פּריסטאַוו האָט זיך ניט געמישט. אַ פּנים חברה קצבים האָבען איהם און דער פּריסטאַוויכע פאַרשמירט דעם מויל מיט פרישע לונג-און-לעבערס, מיט פעטע זאָדיקעס און מיט מאַרכיגע פּיסנאָהעס...

גאָר אַנדערש פיהרען זיך אויף די אידישע פּריזיוּוניקעס. זיי, געוועזענע חדר-יונגען, וועלען חס ושלום פון די טישלעך ניט כאַפּען, שויבען אין די אידישע הייזער וועלען זיי ניט ברעכען, און נאָך אידישע טעכטער וועלען זיי אויף דער גאַס אודאי און אודאי ניט נאָכלויפען. אַלא וואָס דען? — מען איז דאָך עפּעס פּאָרט שטיקלעך פּריזיוּוניקעס; אַביסעל סקאַנדאַלע-ווען מוז מען דאָך... זיינען זיי זיך משמח גאָר אויף אַן אַנדער אופן: אין די נגידישע הייזער, דאָרטען וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרען „לגאָטעס", מאַרשירען זיי אַריין מיט אַ ברייטקייט פון קעסט-קינדער. ניט אויסווישענדיג די שטיוואַלעס, פון דער נאָך-יום-טובדיגער בלאָטע, שפּרייזען זיי אַריין מיט אַ ברייטען ברוכים-הבאים גלייך אין זאַל אַריין. צוזעצען זיך זעהר ברייטליך אַרום טיש און הייסען דערלאַנגען עפּעס צובייסען און אַ ביסעל בראַנפען. איז מען זיי מכבד איז גוט, אלא וואָס דען ניט — דאַן נעמט מען דעם נגידישען „לגאָטניק" מיט געוואַלט אין קאָמפּאַניע אַריין. און ער מוז זיך אַרומטרייבען מיט זיי, דאָס אויסגעפּעסטשעט בחורל, איבער אַלע גאַסען ביזן סאַמע פּריזיוו... קויפען זיך אָפּ שקלאָווער באַלעבאַטים פון אַזאַ וואַרימער גוט-ברודערשאַפט מיט וואָס מען קען. אָפּטמאָל קומט אויס אַרויסלעגען אויפן טיש די גוטע איינגעמאַכטסען, וואָס מען האָט זומער-צייט אָנגעגרייט, און די שטאַרקע נאַליווקעס פון קאַרשען און פון שוואַרצע יאַגדעס. און אַז מען וויל אינגאַנצען פּטור ווערען, מוז מען אַמאָל אַרויסנעמען עטליכע קערבלעך פאַר די אָרימע פּריזיוּוניקעס אויך. כ'מיין, וואָס טהוט מען ניט צוליב אַ קינד!.. געהען די פּריזיוּוניקעס אַוועק און די „לגאָט-ניקלעך" בלייבען זיצען אין שטוב, בחדרי-חדרים, בלאַסע און אָנגעשראָקענע, ווי גאָר יונגע מיידלעך פאַר דער חתונה...

וואָרים מען קען ניט וויסען. די אידישע פריזיוואניקעס קען זיך פאַרוועלען קומען נאָך אַ מאָל.

נאָך אַזאַ נצחון, שלוקערצענדיק פון די גוטע געדיכטע איינגעמאַכטסען און פון די שטאַרקע נאַליוואקעס, לאָזען זיך חברה-פריזיוואניקעס אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ קנאַק און מיט אַ פייף און מיט אַ געזאַנג און מאַרשירען אַוועק צו די אַנדע-רע גליקליכע „לגאָטניקעס", כדי צו דערגעהן זיי די יאָהרען, זיי און זייערע אויסגעכאָליעטע טאַטעלעך און מאַמעלעך, אַ רוח אין זייערע זיידעס אַריין! מען מאַרשירט און מען קיהלט זיך דאָס האַרץ מיט לצנותדיקע לידער. אָנשטאָט אַ גויעשקע האַר-מאָשקע פייפט דאָ אַ כוואַט אַ פריזיוואניק מיט צוויי פינגער און אַנדערע „קלעזמער" פאַטשען זיך אין די כאָליאַוועס צום טאַקט. דאָס געזאַנג איז פונקט אַזוי פאַראָדירט ווי די מוזיק. על פי רוב ווערט געזונגען אַ נאָכגעמאַכטע פאָלקס-ליעד, וואָס אידישע מיידלעך זינגען אין שטוב נאָך טשאָלענט. ביי די אי-דישע פריזיוואניקעס און ביי זייערע דיכטער קלינגט עס אָבער גאָר אַנדערש ווי ביי די מיידלעך. עס קלינגט מיט תליה-הו-מאָר און מיט ביטערער פרעהליכקייט, פאַרן אַוועקגעהן אין קאַזאַרמע. אַט למשל:

„אַזוי ווי ס'איז ביטער, ליעבע מוטער,
צו עסען בולקע אָהן פוטער,
אַזוי איז ביטער, ליעבע מוטער,
צו פריהרען ווינטער אָהן אַ פוטער".

העלפט אונטער כאָר מיט אַ פאַטשעריי אין די כאָליאַוועס און מיט אַ פייפען אויף צוויי פינגער:

„צו פריהרען ווינטער אָהן אַ פוטער!.."

צעקלאָגט זיך ווידער אַ פריזיוואניק מיט אַ מיידעלשען קול וואָס בענקט נאָך איהר באַשערטען:

„אַזוי ווי ס'איז ביטער, ליעבער פאָטער,
צו פאַרבינדען דעם עק ביי אַ קאָטער,
אַזוי איז ביטער, ליעבער פאָטער,
צו צופען בײם באָרד... אַ טאָטער!"

באַשטעטיקט דער כאָר אויף די כאַליאָוועס און אויף אַלערליי קעצישע קולות:

„צו צופען ביים באָרד... אַ טאַטער!"

אַ שמחה און אַ פרייד איז אַזאַ מוזיק פאַר חדר־אינגלעך, וואָס געהען וואַרמעס עסען, און אַ ציטערניש און אַ האַרצקלאַפעניש פאַר באַלעבאַטישע „לגאַטניקעס" וועלכע זיצען באַהאַלטען בחדרי־חדרים.

2

אין דעם דאָזיגען נאָך יום־טובים, אַז ס'איז אָנגעקומען פאַנדרעס פריזיוו, האָט ער דערפיהלט, אַז — ווער־וועך, נאָר ביי איהם וועט קיין זכות־אבות ניט אָנגעהן. די מעטריקעס זיינען ניט געמאַכט, דער קאַזיאָנער ראַבינער, דער כניאָק, האָט זיך דאָך איינגעשפאַרט. און די רוסישע קאַזאַרמע וואַרט אויף אַזאַ יונגאַטש ווי ער. איז אַ סוף, הייסט דאָס, מיט קנייפען די דינסטמיידלעך, און אַ סוף מיט שטרוי־שייערען הינטערן שטאָדט, וואו די גויות אין פאַרביגע קאָפּ־טיכלעך וואַרטען אויף איהם אין די זומער־פאַרנאַכטען. אַ סוף מיט דער פריצטע אין הויפעל... פיער יאָהר נאָכאַנאַנד וועט ער מוזען לערנען דאָס, וואָס ער קען בעסער פאַר אַ גאַנצען סקאַדראָן סאָלדאַטען, ווי למשל: רייטען, שפּרינגען, לויפען און אַלע איבעריגע יונישע חכמות. און ווי אזוי לאָזט מען דאָס איבער אַ קראַנקען טאַטען מיט אַ יאַטקע אויף גאָטס באַראָט? וואָס וועט ער געפינען אַז ער וועט אויסדינען? אַ פאַרשימעלטע יאַטקע־קלאָץ און דעם טאַטענס קבר.

ס'איז איהם פאַרגאַנגען אַ וועהטאָג, נח פאַנדרען. ער האָט אויסגעפּרובט אלע סגולות כדי צו באַרוהיגען זיך: קודם כל האָט ער ביים קאַזיאָנע ראַבינער אויסגעשמירט די טויער און קליאַמקע מיט דיעגאָכץ. דערנאָך האָט ער גענומען אַ גוטע כוסה מיט שמהלע טורערו צוזאַמען און פרעהליכערהייט געכאַפּט

שעפּען וואַסער פון ברונים און גיסען אויף דרערד, — אַ וואויל־טאָג וואָס ער פאַרגינט זיך איין מאָל יאָהר. שמחת־תורה... דער־נאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ חברה־פריזיוונ־יקעס צום נייעם נגיד, וועלכער האָט היי־יאָהר געשטעלט צום פריזיוו אַ זוהנדעל, אַ בלאַסען „ווטאָראָ־לגאָטניק". דאָרטען האָט ער זיך געזעצט אויבענאָן אויף דער קאַנאַפּע, און גענומען טרינקען נאַליווקע מיט אַ טיי־גלאָז, און איין גלאָז האָט ער, אויף צו־להכעיס, אויסגעקערט איבער דער טישטוך. דערנאָך האָט ער אויפגעזוכט דעם נייעם נגידס „לגאָטניקעל" אין שלאָפצימער און איבער־געקוליעט איהם אין דער לופטען איינמאָל און צווייטמאָל, גע־מאַכט פון איהם אַ מילעכעל און אַריינגעוואָרפען אין דער נגידיכעס פאַרבעטע בעט. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געהאָל־פען. דער ספּעציפיש־אידישער שרעק פאַר דער סאָלדאַטשינע איז אַלץ געוואַקסען. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שמחה'לעס חברשאַפט. און, אַז יענער איז צו איהם צוגעשטאַנען געהן נעמען אַ פרישען טרונק בראַנפען, האָט איהם נח פאַנדרע אָפּגעשטויסען:

— געה, לאָטרע! אַז איך וועל ווערן אַ יון, וועסטו דער ערשטער ירשנען דעם טאַטענס קונים... געה!

כדי אַראָפּנעמען פון זיך יעדען חשד, האָט שמחהלע טורערו געוואָלט צוזאַמענפיהרען איהם מיט אַ „מאַכער", וואָס וועט איהם, פאַנדרען, מאַכען פייפען פון אַן אויער, אָדער פּאָנ־פען פון נאָז, אָדער פינטלען מיט איין אויג, אָדער גאָר אַראָפּ־נעמען דעם גראָבען פינגער פון פוס „אָהן אַ ברעקעל וועה־טאָג"... שאַ! און אויב ער וויל, קען ער עס מאַכען גאָר ביליג, און מ'דאַרף ניט האָבען קיין שום „מאַכער". ביים האַקען פלייש קען ער זיך פאַרפאָהרען מיט דער האַק איבער איין פינגער און געפּטרט אַן עסק!.. נישקשה, ביז דער התונה וועט זיך פאַרהיילען. אָט ער, שמחהלע, האָט אויך אַזוי געטאָן פאַרן פריזיוו. ער זעהט דעם מיטעלסטען פינגער מיט דער ביינדעלע, צי ער זעהט ניט?.. איז אָט —

אָבער פאַנדרעס געזונטער חוש האָט זיך געשטעלט אַנט־

קעגען אַזעלכע מיטלען. צו אָפּטאָן איבער זיך אַליין אַזאַ מעשה האָט איהם געעקעלט, ווי טרייבערען פלייש פון אַ נבלה.

דער פאָטער זיינער, דער אַלטער פאַנדרע, האָט איהם פון אויזוען-צראָפּ געגעבען אַן אַנדער עצה:

— זאָג תהלים, נח! תהלים...

האָט ער געפּרובט זאָגען תהלים, נח דער פּריזיוניק׳ אין דער שטיל, פאַרטאָג, איידער געהן אין יאַטקע. אָבער זיין שרעק איז צלץ געוואַקסען. אַ קינדערשע אָפּהענטיגקייט האָט איהם אַרומגענומען. ערגעץ-וואו איז אָפען אַ שוואַרצער טויער פון אַ קאַזאַרמע, וואָס שמעקט מיט טריפהן באָרשץ, און אַ גרויסע בייטש טרייבט איהם אָן, איהם פאַנדרען: „אַריין, שיי-גאַץ, אין טויער אַריין! אַריין!..״ פאַר די אויגען זיינען אויפ-געשטאַנען אַלע מעשים-טובים זיינע, די הוליאַנקעס מיט שמחה-לע טורערו, דאָס אָנקלינגען ביי דער פריצטע אין „הויפּעל״, פאַלשע וואָג אין יאַטקע, אונטערגעלעגטע ביינער פאַר אָרימע-לייט, נבול-פה, שיקסעס... און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך גאָר, אַז בשעת בדיקה אין שעכט-הויז האָט ער איינמאָל דער-זעהן שטעקען אַ פאַרזשאַווערטע פען אין דער „צעפּצעכע״, ביי זיינער אַ געקוילעטער בהמה. האָט ער זי ממזריש-גיך אַרויסגע-כאַפּט, דער בלינדוואַטער שוחט — ר׳ אליה זאָל עס ניט דער-זעהן. ער איז דאָך אַזאַ מקפּיד ר׳ אליה חסיד און טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניגקייט. אַזוי איז די בהמה אַוועק אָהן אַ שום טרוחה אין כשר... אַ שווייס האָט פאַנדרען באַגאָסען, און די פסוקים פון תהלים האָבען איהם גענומען טאַנצען פאַר די אויגען. נו, אַצינד האָט ער ניט מעהר וואָס צו בראָקען תהלים. דאָס איז דאָך די זעלבע זאַך ווי עסען אום פּסח מצה מיט טריפהן באָרשט. אַצינד ווייסט ער, אַז ער געהט אַוועק אין סאָלדאַטען און קוילעט אַוועק דעם אַלטען טאַטען מיט דער יאַטקע. און דאָ אין מאַרק הערט מען שוין, אַז מאָרגען — אי-בערמאָרגען פאָהרען צראָפּ פון מאָהליוו דער גענעראַל מיט די חאָיצנע דאָקטוירים. ס׳איז איהם, פאַנדרען, שוואַרץ געוואָרען

פאַר די אויגען. עס העלפט ניט. מען מוז ציהען אַ גומער. דעם גורל מוז מען ציהען.

צו מאָרגען גאַנץ פריה האָט נח ניט אויסגעהאַלטען און איז מיט זיינע ברייטע פלייצעס און מיטן ריח פון רויהע פליישׁ ווריינגצפאַלען צום מורה־הוראה אין שטוב. ער האָט דעם אַלזען מורה־הוראה געטראָפען זיצען אין טלית און תפילין, אין יער ציצענער, לאַנגער קאַפּאָטע מיט טערקישע קווייטען. אין זיין בלאַסער איידעלער האַנט האָט ער געהאַלטען אַ גענזענע פעדער, און אַזוי פרום און שטרענג געפּערעלט רבנישע אותיות־לעך אין אַ ספר מיט איינגעבונדענע, פאַרצייטיגע בלויליכע פּאַפּיר, דורכגעצויגען מיט קעלבערנע אָדערען, ווי אַ ספר־תורה.

ניט אַנדערש, אַז דאָס שרייבט ער אַזוי זיין חיבור, דער אַלטער מורה־הוראה. ער שרייבט עס מיט גרויס כשרות און מיט גרויס יראת־שמים, און זעהט אויס ווי אַ אליהו הנביא, וואָס שרייבט די תורה פאַר אידישע זינדיגע לייט, זיי זאָלען לערנען און בעסער ווערען...

דער „גוט מאָרגען" איז פאַנדרען געבליבען שטעקן אין האַלז ביים אָנבליק פון צזא בילד, פאַרטאָג, ביי דער בלויליכער ליכטיגקייט פון פענסטער. ער האָט נאָר קוים געקענט אַרויסרעדע:

— רבי!..

און איז שטעהן געבליבען.

מיט אַ מאָדנער רוהיגקייט האָט דער חסידישער מורה־הוראה אַוועקגעלעגט די גענזענע פעדער און האָט מיט אָפענע גוטע אויגען אָנגעקוקט זיין באַגינענדיגען גאַסט, וואָס זעהט אויס, ווי נאַרקנאָטען מיט יאַטקע־בלוט, פון איין חלק איד און פון צוויי חלקים גוי. נאָר אַפּנים, ער האָט גלייך דערזעהן די גרויסע טרויעריגקייט אין פאַנדרעס גרויע אויגען, וואָרים ער האָט שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילסטו, מיין זוהן?

— איך, איך... האָט נח נאָכגעשטאַמעלט ווי אַ פאַרזינ־דיגט אינגעלע און ווייטער ניט געקענט ריידען.

דער מורה־הוראה האָט אַ ציה געטאָן מיט זיין דינער נאָז, וואָס די ווענטלעך איהרע קוקען זיך דורך ווי רויטליכער וואַקס:

— ביזט אַ קצב?

נח פאַנדרע האָט ווי אַן אָקס אַ בויטש געטאָן מיטן שווערען קאָפּ.

— היטסטו אָפּ כשרות? — האָט אויף איהם דער מורה־הוראה אָנגעשטעלט אַ פּאָר אַלטיטשקע, דורכדרינגענדיגע אויגען.

נח האָט דערפיהלט, אַז דער מורה־הוראה ווייס שוין אַלץ, נאָך איידער ער האָט איהם עפּעס געזאָגט. האָט ער סאַפּענדיג, ווי אַ געקוילעטער אָקס, גענומען עפּעס באַלאַבעטשען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט. פונדעסטוועגען האָט דער מורה־הוראה אויסגעהערט מיט אַ סך געדולד און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען און צוגעשאָקעלט מיטן „של ראש" אויפן קאָפּ.

דאָס האָט נח פאַנדרען נאָך מעהר צוגעקוועטשט, ווייך געמאַכט זיין קצבישען קאָרק. האָט ער עפּעס גענומען דערצעה־לען מיט בלוטיגע אויגען און מיט ליפּען פאַרלאָפענע מיט ווייסען שוים: מכּה אַ „צעפּצעכע"... אַ שטאָלענע פּען... וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט ביים איינגאַנג אין דער גראָבער קישקע... אליה דער שוחט האָט ניט געזעהן... די בהמה איז אַוועק אין כּשר... אַ פּריזיוו... די יאַטקע בלייבט אַליין... דער אַלטער טאַטע... פון זיין „לגאָטע" איז גאָרניט געוואָרען... דער קאַזיאָנער ראַבינער... רבי, רבי...

דער מורה־הוראה איז נאָך אַ ווײַלע געזעסען בלייך, מיט פאַרמאַכטע אויגען. אַ טויטער מענש. אַ פאַרגליווערטער אליהו הנביא. נאָר פּלוצלינג האָבען זיך די טויטע אויגען אויפגע־שפּאָלטען און אַ בלאַסער שמייכעל האָט אַ שיין־געטאָן פון אונטער די טונקעל־גרויע וואָנסעס, וואָס גיסען זיך אַריין, ווי צוויי ריטשקעלעך, אין גרויסען טייך פון באָרד:

— ווי, זאָגסטו, האָט די פּען נצשטעקט, אין דער „צעפּעכע"? מיטן שפּיץ אַרויף צי מיטן שפּיץ אַראָפּ?

— מיטן שפיץ אַרויף, רבי!

— און ווי טיעף האָט זי געשטעקט, מיין זוהן?

— קוים, קוים, רבי, ווי אַ האַלב נאָגעלע די טיעף, רבי!

דעם מורה־הוראהס אויגען האָבען זיך אינגאַנצען אויפגעפענט:

— נאַ, נאַ, בחזקת כשרת, כשר! שרעק זיך ניט!

— רבי, - האָט נח אויסגעשריען מיט באַגייסטערונג — רבי, איך, איכל...

אָבער דער מורה־הוראה האָט איהם רוהיג אָפּגעשטעלט:

— געה, מיין זוהן, און גאָט וועט דיר העלפען!

נח פאַנדרען האָט דורכגעשטראָמט אַ גרויסע פרייד. זיין אייזערנער גוף האָט אינגאַנצען געציטערט. זינט ער לעבט האָט ער אַזאַ קינדערשע פרייד ניט געפיהלט אין אַלע אברים. ער האָט זיך געמוזט אָנהאַלטען ביים טיש כדי ניט אַנידערצופאַלען. ער וואָלט זיך ניט געשעמט וואָלט ער אַט דעם הייליגען מענשען געכאַפּט אויף ביידע אָרימס, ווי אַ תורהלע, און וואָלט איהם אויסגעקושט אַלע גלידער.

— רבי, — האָט ער ווייטער גענומען שטאַמלען — איצטער אַרט מיך ניט, אַרט מיך שוין ניט... זאָל זיין סאָלדאַט, זאָל זיין ניט סאָלדאַט, אַבי, אַבי...

אָבער דער מורה־הוראה האָט שוין ווידער גענומען די געגזענע פעדער אין האַנט, אָנגעצויגען די סיווע ברעמען ווי צוויי זילבערנע בויגעס איבערן אַלטען ספר מיטן בלוילעכען פּאַפּיר. אַ סימן, אַז ער וויל שרייבען, אַ סימן, אַז מען מוז געהן.

נאָר אַז נח האָט שוין געהאַלטען די קליאַמקע פון טהיר, האָט איהם דער מורה־הוראה צוריק אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, מיין זוהן!

ווי אַ חדר־אינגעלע איז נח צוגעלאָפען צום רבס טיש. די גענזענע פעדער מיט אַ טראָפּען טינט אויבן שפיץ איז געווען אָנגעשטעלט צום באַלקען, ווי אַן אויסגעדאַרטער פינגער

וואָס ווייזט נחן אין הימעל אַריין, און דעם מורה־הוראהס בלאַסע ליפּען האָבען צו איהם לייטזעליג אַזוי גערעדט:

— אַז דער אויבערשטער וועט דיך, אם ירצא־השם, אויסלייזען פון גויעשע הענט — זאָלסטו זיך נעמען צו אַן אַנדער פּרנסה...

נח איז ביי זיך אַראָפּגעפאַלען:

— רבי, איך וועל זיין גוט, רבי, פון היינט אָן...

די גענזענע פּעדער האָט אַ מאַך געגעבען פון אויבען אַראָפּ:

— איך גלויב דיר, מיין זוהן! פונדעסטוועגען איז בעסער... וועסט משנה זיין דיין פּרנסה, וועסטו משנה זיין דיין מזל...

פאַנדרעס אויגען און זיין גראָבער קול זיינען פאַרלאָפען מיט טרעהרען:

— וואָס זאָל איך טאָן, רבי, וואוהין זאָל איך געהן...

— וואָס זאָלסטו טאָן?

— מיין טאַטע — אַ קצב, — האָט נח געֹטענהט, מיין זיידע געוועזען אַ קצב, מיין עלטער־זיידע אויך...

דער מורה־הוראה האָט, דאַכט זיך, גאָר ניט געהערט וואָס דער יונג רעדט צו איהם. זיינע אַלטעטשקע אויגען האָבען גוטמוטיג געבלאָנדזשעט איבער פאַנדרעס פּלייצעס, איבער זיינע שטאַרקע אָרעמס. דערנאָך האָט ער שטיל און קורץ אַרויסגערעדט, ווי אָפּגעפּסקנט אַ האַרבע שאלה:

— ווער אַ באַלעגאַלע!

פאַנדרע ווערט אַ „שמייסער"

1.

צוויי גרויסע נייעסען האָבען אין עטליכע טעג אַרום פאַר־קלונגען די קצבישע שול: ערשטענס, אַז אַזאַ גבר ווי נח דער קצב איז אַרויס פריי פון פריזיוו; און צווייטענס — אַז ער וואַרפט אַוועק די יאַטקע און ווערט אַ באַלעגאָלע.

און אַרויס איז ער מיט אַ „בלויען בילעט" דורך אַ נס, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין אַ יובל. וואָרים נח פאַנדרע האָט אַרויסגעצויגען איינעם פון די גרעסטע נומערען. און גראָד איז דאָס יאָהר געוועזן אַ גערעטעניש אויף אידישע פריזיווני־קעס. גראָד דאָס יאָהר איז מען זיך וועניג צעלאָפען קיין אַמעריקא, און פאַנדרע מיט נאָך עטליכע בחורים זיינען געבליבען אויסערן „פאָבאָר", מיט גרויסע נומערען אין די הענט. נח זאָגט האָט אין דעם געזעהן אַ צייכען פון הימעל, דעם מורה־הוראהס ברכה... וואָרים ווי זאָל עס זיין אַנדערש? כמעט אַלע יאָהר פלעגט דאָך צו דער אידישער קוואָטע פאַרפעהלען, און עס פלעגען, ניט פאַר קיין אידישער שטאָדט געדאַכט, אָנגעריהרט ווערען דריטע און צווייטע לגאָטניקעס, שפייזער פון אַלטע טאַטעס און מאַמעס. קיין שום מעטריקע פון דעם קאַזיאָנעם ראַבין האָט דאָ גאָרניט געקענט העלפען. און דאָס מאָל... הער אַ מעשה! דאָס מאָל האָט מען אַזאַ אייזערנעם יונג, ווי נח פאַנ־דרען, ניט געלאָזען אפילו אויסטאָן זיך. „סטופאַי!" האָט מען

צו איהם געזאָגט ייִדן אַ פּאַטש געגעבען איבערן פּלייצע, „סלאָבאָדען!"

צוזאַמען מיט פאַנדרען איז אַרויס פריי, אויך דורך אַ גרויסען נומער, יוסף דער שוסטער — אַ גידול אַ בחור, הויך און גרויס ווי עוג מלך הבשן, מיט אַן אָנגעשפּאָלטענער אויבערשטע־ליפּ פון גרויסע שלעגערייען שמחת־תורה... און כאָטש אַ קצב מיט אַ שוסטער זיינען ניט קיין נאָהענטע מחותנים, פונדעסטוועגען האָבען זיי ביידע, אַרויסגעהענדיג פון „פּריכוטסטוויע", אַרומגעכאַפּט זיך קושען. און דער גאַנצער שקלאָווער מאַרק האָט זיך אַרויסגעשאָטען קוקען, ווי צוויי געזונטע בחורעצען פאַרלעגען האַנט אויף אַקסעל און לאָזען זיך צוועק אַ דריידעלמאַנץ אינמיטען דער האַלב־פאַרפרוירענער בלאָטע און אין מיטען מיטוואָך, עלף אַ זייגער, פאַר אָנבייסען... די שמחה האָט אַרומגעכאַפּט אפילו די אָפּגעגעבענע אידישע פּריזיוונ־יקעס. זיי האָבען זיך אַרומגעשטעלט אין אַ ראָד אַרום דאָס גליקליכע פּאָרעל און געפּאַטשט לאַדאָזשקעס. קוקענדיג אויף אַזאַ שמחה, האָט זיך ביי די אָנגעפּאָהרענע פויערים איבערגעדרעהט אין קאָפּ, אונטער די מאַגערקעס, דער גאַנצער אידישער קאַלענדאַר: און זיי האָבען באַשלאָסען, אַז ביי אידען איז היי־יאָהר ווידער־אַמאָל אָנגעקומען דער „משוגענער יום־טוב", ס'הייסט: שמחת־תורה, ווען אַלע קלוגע אידען מאַכען זיך נאַריש, און עליע־דער־שוחט קייקעלט זיך אויף דער ערד אינמיטען גאַס און טיילט בראַנפען אַלעמען, וועמען נאָר ער באַגעגענט; צו אידען, צו גוים, ס'אַלץ איינס. האָבען זיי זיך מיט גרויס האָפענונג געקראַצט אין די פאַטילניצעס, אויסגעקוקט די אויגען אויף עליע־דעם־שוחט מיט דער גרויסער פלאַש אין קעשענע פון קאַפּאָטע, און אַרויסגעוויזען איינער פאַרן צווייטען זייערע בקיאות:

— אַשטשע שאַליאָני פּראַזדנעק!.. הליצאַד, אי ראַזניק פּרידיעט!*)

*) שוין נאָך אַמאָל דער „משוגענער יום־טוב"... באַלד וועט קומען דער שוחט!..

אָבער עליע דער שוחט, דער פייערדיגער חסיד, האָט, ווייזט אויס, דעם פויערשען לוח ניט אָנערקענט, וואָרים ער איז, מיט זיין גרויסער פלאַש בראַנפען, דאָס מאָל ניט געקומען.

בכלל איז היי-יאָהר געווען אַ פריזיוו מיט משונהדיגע זאַכען. געגאָסען האָט זיך אין פריסוטסטוויע מעהר געלעכטער ווי טרעהרען. אפנים טאַקע מחמת דער גרויסער געראַטעניש אויף אידישע פריזיוונִיקעס. סיי די מיליטער-דאָקטוירים — די באַקאַנטע רצחנים, סיי נאַטשאַלסטוואָ ביים טיש האָבען זיך מעהר „גע-שפילט" מיט אידישע בחורים ווי „געקוילעט" זיי.

איינער אַ דאַרינקער פריזיוונִיק, פון אַ דערבייאיגען קליינ-שטעטעל, האָט דעם דאָקטאָר געוויזען אַ צעפלעטשטען גראָבען פינגער, וואָס איז איהם, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געווען אַריינגעוואַקסען אין סאַמע דלאָניע. מען האָט דעם פינגער גע-פרובט ציהען און ניט געקענט אַרויפציהען.

— ווי לאַנג האָסטו אַזאַ פינגער, מאָשקע? — האָט איהם דער מיליטער-דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן.

— שוין באַלד דריי יאָהר, — האָט איהם דאָס בחורל בראָוו אָפגעענטפערט.-אונטערגעפאַלען אונטער אַ ראָד... גאָספּאָדין דאָקטער, און פון דאַן אָן —

— און ווי אַזוי איז ביי דיר פריהער געווען? — איז דער דאָקטאָר געוואָרען זעהר נייגעריג.

— אָט אַזוי! — מאַכט דאָס בחורל און הויבט אויף דעם איינגעוואקסענעם צעפלעטשטען פינגער.

פונדעסטוועגען האָט מען איהם ניט אָפגעגעבען, דעם בחורל, ניט נוקם געווען זיך פאַרן שווינדעל. וואָרים אויסער זיין איינגעוואַקסענעם פינגער פון פאַר דריי יאָהרען איז ער נאָך געווען צו שמאָל אין די פלייצעס, ניט געכאַפּט די מאָס אויף גאַנצע עטליכע ווערשקעס. אין אַן אַנדער יאָהר, אַזוי האָבען שקלאָווער לייט פון שטאָדט-דומע געזאָגט, וואָלט איהם אַזאַ מעשה ניט פאַרשוויגען געוואָרען, אפילו ווען ער זאָל געווען זיין דין, האָבען זיי געזאָגט, ווי אַ שטרוי.

אַ צווייטער שעפעליאָווער בחור, אין בלויע שפּאַקולען, האָט

זיך געמאַכט בלינד. וואָס הייסט בלינד! ער זעהט ניט די ליכ־טיגע וועלט — האָט ער געטענהט. ער זעהט גאָרניט...

— וואָס הייסט דו זעהסט גאָרניט! — האָט איהם דער דאָקטאָר גענומען אויפן פאַרהער — למשל? פרימערנא?

— פרימערנא? — האָט דער בלינדער איבערגעפרעגט מיט אַ געזאַנגעלע און גענומען אַרומבלאָנדזשען מיט שטאַרע אויגען איבער די ווענט און איבער דער סטעליע.— אָט, וואָשע בלאַגאָ־ראָדיע, איהר זעהט דאָרטען אַ פינטעלע?

— וואו? — קוקט זיך אום דער דאָקטאָר אויף טשיקאַווע.

— אָט דאָרטען אין ווינקעלע, אויפן באַלקען...

— עפּעס זעה איך ניט! — רייבט זיך דער וואָיענער דאָקטאָר די אויגען.

— איהר זעהט ניט? — טייטעלט איהם דער בלינדער מיטן פינגער, — אָט דאָרטען, לעבען שפּעלטעל —

— אַה?

— אָט, אָט לעבען טשוועקעלע. אַ געפּגרטע פליג וויינט אויס...

— אַך יאָ, — מאַכט דער דאָקטאָר — מיר דאַכט אַז יאָ... יעצט זעה איך עפּעס אַזוינס, אַזאַלכענעס —

— און איך, — מאַכט דער בלינדער און לאָזט אָפּ ביידע הענט ווי אַ פאַרפאַלענער מענש — איך זעה דאָס אינגאַנצען ניט! גאָרנישט זעה איך...

און באַפרייט האָט מען איהם פאַרט. און ניט גראָד פאַר זיינע אויגען, וואָס דערזעהען אפילו ניט אַ פליג אויפן באַל־קען, נאָר דוקא פאַר זיינע צייהן. וואָרים עס האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט ניט גענוג צייהן אין מויל צו קייען דעם סאָלדאַטסקען ברויט.

נו, הענין דעם זייגערמיסטערס בחורל — ווייסען דאָך אַלע, אַז ער איז נעביך טויב ווי די וואַנט. ער וואָלט געקענט ברענ־גען פאַר עדות האַלב שטאָדט און ביידע שקלאָווער דאָקטוירים מיטן „פערשעל“ צוזאַמען, אַז ער הערט ניט. נאָר גראָד איז איהם איינגעפאַלען צו מאַכען זיך אין פריסוטסטוויע אַ סך טוי־

בער ווי ער איז. צי מען האָט איהם געפרעגט, צי מען האָט צו איהם געשריען, צי מען האָט איהם געטרובעט איןביידע אויערען — אויף אַלץ האָט ער געהאַט איין צעשראָקענעם שאלה־תשובה: „האַ? איך הער ניט!" און אַ סוף אַן עק. דערביי האָט ער נאָך פאַרריסען די ברעמען, ווי איינער זאָגט: „געוואַלד, וואָס מוטשעט מען מיך!"

לסוף, אַז די גויעשקע דאָקטוירים איז נמאס געוואָרען צו עוסקן זיך מיט אַזאַ קאַליקע, האָט מען צו איהם גראָב אַ זאָג געטאָן:

— סטופאַי דאָמאָי!

האָט העניך דעם זייגערמיסטערס גלייך געכאַפּט די פיס אויף די פלייצעס און גענומען לויפען.

— סטאָי! — האָט איהם דער דאָקטאָר נאָכגעשריען און געהייסען צוריקפיהרען, ביי אַ גרויס געלעכטער פון דער גאַנצער פריסוטסטוויע, — דו הערסט דאָך ניט, דו מאָשעניק איינער, היינט וואָס לויפסטו?

פונדעסטוועגען האָט מען איהם אויך באַפרייט און אָהן „איספּיטאַניע"*) פון עטליכע וואָכען אין לאַזאַרעט, ווי מען וואָלט געטאָן אין אַן אַנדער יאָהר. אפנים ס'איז געהן געגעבען אַ וואונק פון נאַטשאַלסטוואָ, ביים גרינעם טיש, מען זאָל היי־יאָהר נעמען נאָר קערנדיגע יונגען און לאָזען לויפען אַלע שלימזל־ניקעס, אַלע אויערען־פייפער, אַלע אויגען־פינטלער, אַלע נאָז־פּאָנפער און קאָפּ־טרייסלער... אַז מען שמועסט, אַז מען האָט זיך היי־יאָהר געבאָדען אין פּריזיוואָניקעס אַזוי, אַז אַזאַ גבור ווי נח פאַנדרע איז געבליבען ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען. ניט אומזיסט האָט ער, זאָגט מען, צוויי רייפען אויפן בויך. דאָס איז, זאָגט מען, אַ סימן אויף מזלדיגקייט.

---

*) אויספּרובירען

.2

אין דעם זעלבען אָווענד, נאָכן טאַנץ אינמיטען מאַרק, האָט פּאַנדרע אַליין, ביי אַ גוט גלעזעל משקה, באַשטעטיגט פאַר חברה־קצבים, אַז ער וואַרפט אַוועק די יאַטקע. די קצבים איז עס עפּעס אויסגעקומען זעהר אויסטערליש: וואָס הייסט מען נעמט און מען וואַרפט אַוועק אַ ירושה־געשעפט פון אבות־אבותינו? זיי האָבען איהם חושד געווען, אַז ער מיט שמחהלע טורעוו האָבען שטילערהייט געמאַכט יד־אחת אַריינצוּברעגגען שחיטת־חוץ, אָהן קאַראָבקע. ביי צאַזאַ כח ווי נח האָט און ביי צאַזאַ רציחה ווי שמחהלע פאַרמאָגט — איז זיי דאָך ביידען קיין מעשה ניט צו קליין. צי אפשר האָט איהם גאָר די פריצטע „אָפּגעקויפט" פאַר זיך און ער געהט אָכטאָן א „יענע מעשה", ס'הייסט, פראָסט און פּשוט ער געהט זיך שמדען און לעבען מיט דער גויע אין „הויפעל".

האָבען זיך חברה קצבים אויף איהם אָנגעזעצט: הער, פּאַנדרע, אונז אַ טויט אָדער דיר אַ טויט, אָבער מאַך ניט קיין שטיק און מאַך ניט קיין אָנשטעלעניש און פאַרקאָך ניט קיין קאַשע מיט שמחהלען, וואָרים קיין לעבעדיגער וועסטו פון אונ־זערע פינגער ניט אַרויסגעהן...

דערהערט אַזעלכע פאַרדאַכטען מיט אַזעלכע דיבורים, איז נח אויפגעשפּרונגען ווי אַ ווילדע חיה, און מיט איין לייכטען שטויס איבערגעקעהרט דעם שווערען דעמבענעם טיש מיט די פלעשער און גלעזער:

— איהר סטראַשעט מיך גאָר?

מיט פאַרלעגטע הענט האָט ער זיי אַלעמען אָנגעקוקט, ווי אַ לעמפּערט קוקט אָן אַ קופּע מייז. כאָטש די דאָזיגע מייז זיינען אויך געווען נישקשהדיגע יונגען מיט האַרטע פּלייצעס און מיט אָדערדיגע הענט.

— ווי פליגען וועל איך אייך צעקוועטשען, נבלות!

נאָר אין אַ רגע אַרום האָט איהם דער כעס אָפּגעלאָזען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מורה-הוראה מיט דער געגזענער פעדער אין האַנט, און האָט זיך צעשמייכעלט אַביסעלע פאַרשעמט, מיט זיינע ווייסע ציינער און ראָזעווע יאַסלעס אונטער די שוואַרצע וואָנסעלעך:

— נאַ, בקיצור... דער מורה-הוראה האָט מיר אָנגעזאָגט... ער האָט מיך געבענטשט האָט ער... אַז איך וועל אַרויס פון גויִשע הענט זאָל איך ווארפען די יאַטקע.

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דיבורים, האָבען זיך די קצבים מיט דרך-א״ץ פונאַנדערגערוקט, און נח פאַנדרע האָט אַ געה-געטאָן איבער דעם איבערגעקעהרטען טיש און צעבראָכענע פלעשער, ווי אַ לייב איבער חורבות. אַוועקגעהענדיג אָהן „אַ גוטע נאַכט״, האָט ער נאָר אַ בורטשע געטאָן:

— אַ באַלעגאָלע ווער איך!

פון דענסטמאָל אָן האָט מען פאַנדרען מעהר אין יאַטקע ניט געזעהן. זיין חזקה, זיינע קונים, זיין קלייטעל, זיין האַק און קלאָץ האָט ער אָפּגעטראָטען זיין געוועזענעם שכן און חבר — שמחהלע טורערו, און געמאַכט אַ ביסעל מזומן.

נאָר ס׳איז ניט אַזוי לייכט אַריינצופּאַהרען אין באַלעגאָלישען צעך מיט אַ שפּאָגעל נייער קאַרעטע און מיט אַ פּאָר פּריש-געשפּאַנטע אָדלערס. די אַלטע באַלעגאָלעס ווילען אויך פּרנסה, זייערע פערד האָבען אויך ליעב האָבער... נו, און לערנען די מלאכה דאַרף מען דאָך אויך! האָט פאַנדרע, ווי אַלע פורמאַנעס, פריהער געמוזט ווערען אַ „שמייסער״ ביי אַ צווייטען, ביי אַן איינגעפונדעוועטען באַלעגאָלע; און געפונען האָט ער אַזאַ „שטעל״ ניט ביי קיין אַנדערען ווי „סענדער פאַרדאָן״, און ניט אָהן דעם מורה-הוראהס הילף. אין אויך דאָ זיינען איהם געשעהן נסים. וואָרים גלאַט אַזוי נעמט ניט אַ באַלעגאָלע אַ „שמייסער״ אויפן האַלז. סיידען ער איז קראַנק, אָדער סיידען ער איז רייך, און האָט צוויי בוידען. אַזאַ „נגיד״ איז אָבער פאַנדרעס באַלעבאָס ניט געווען.

ר׳ סענדער איז אַ הויכער, שטאַרקער איד פון אַ יאָהר

זעכציג, מיט אַ געלבליכען פּנים און מיט שיטערע געלבליכע האָר, אָהן איין גרויען פעדימעל אין קאָפּ און באָרד. זיין ניט־גלייכע נאָז זעהט אויס, מחמת איהר געלבליכקייט און בערגעל־דיגקייט, ווי אַ גרויסער אָנגעטריפּטער „צאַפּען" פון אַ וועקסענע ליכט. בשעת ער דאַווענט קומען נאָך צו איהר צו אַ פּאָר לאַנגע שפּאַקולען מיט מעשענע האַלאָבליעס, אין פאַרשטאַרקען נאָך די ניט־געזונטע פאַרב פון זיין פּנים. שלעפּענדיג די פּערד און בויד אַרויף אַ ליימיגער, גליטשיגער באַרג האָט ער זיך, מיט אַ סך יאָהרען צוריק, „אָנגעריסען", און אָפּגעלעגען אַ צייט אין מאָהליווער שפּיטאָל. און דאָס איז דאָך דער סוף פון אַלע באַלעגאָלעס, וואָס כראַבּרען זיך צופיעל...

זינט דעמאָלט איז איהם דאָס בלוט אַוועק פון די האַרטע באַקען. און פּנים און הענט זעהען ביי איהם אויס ווי דורכ־געשלאָגען מיט זאַפּרען. אָבער ניט־קוקענדיק אויף דעם, האָט ער נאָך כח ווי דריי יונגע באַלעגאָלעס צוזאַמען, און דער גאַנצער באַלעגאָלישער צעך האָט גרויס דרך־ארץ סיי פאַר איהם, סיי פאַר זיין למדנות. מען רעדט אין צעך, אַז סענדער האָט אַמאָל געלערנט אַ פּרק משניות און אַז ער קען נאָך, ביז צו היינטיגען טאָג, לייענען רשי־כּתב ווי אַ וואַסער... יאָ, אָט וואָס ר' סענדער קען נאָך באַווייזען! ער איז דער איינציגער באַלעגאָלע, וואָס געהט אַוועק אַלע שבת, נאָך שלוש־סעודות, הערען „אַ קאַפּ חסידות" ביים מורא הוראה אין שטוב און טהוט אָן, לכּבוד אַזאַ געשעהעניש, אַ צעפּליקטע אַטלעסענע זשופּיצע, וואָס האָט מחמת אַלטקייט אַ קאָליר פון שמעק־טאַבאַק. אָבער, אַז ניט־געניטע באַלעגאָלעס אין צעך ווערען נייגעריג און הויבען אָן אויסצופרעגען, וואָס פאַר אַ מין זאַך „חסידות" איז און וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט, ענטפערט ר' סענדער אָפּ זעהר קורץ, אַז מערינאָווע פערד גיט מען ניט שמעקען פון אַן אתרוג־פּושקע...

„פאַרדאָן" איז ניט זיין פאַמיליע, נאָר אַ צונעמעניש.

און רופען רופט מען איהם אַזוי אונטער די אויגען דערפאַר, ווייל ער האָט איינמאָל געפיהרט פון אָרשע קיין שקלאָוו עפּעס אַ פראַנצויזעל, אַן „אינזשיניערעל" מיט אַ האַרטען

קאַפּעליושעל און מיט לעדערנע טשעמאָדאַנעס. האָט איהם יענער געזאָגט עטליכע מאָל און זעהר העפליך עפּעס אַ מאָדנעם וואָרט אַזאַ. „פּאַרדאָן, פּאַרדאָן" האָט ער איהם געזאָגט... געה ווייס, וואָס ער האָט דערמיט געמיינט! אָבער ר' סענדערן איז דאָס וואָרט גראָד געפעלען געוואָרען. האָט ער איהם געפּרובט לאָזען אין גאַנג ביי דער „סטאָיקע" אין צעך, און אין באַלעבאַטישע הייזער, ביים דינגען זיך מיט „שודאַקעס"... איז געוואָרען אין גאַנץ שטאָדט אַ גרויס געלעכטער: „שאַ, ר' סענדער לערנט זיך שוין גאָר פראַנצויזיש"!... און וואָס מיינט איהר איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען, אַז ר' סענדער האָט אויף די עלטערע יאָהרען געקראָגען אַ קלעפּיגע צונעמעניש, פאַרזאָרגט פאַר דורי-דורות, אויף קינדער און קינדס-קינדער. ער — „פּאַרדאָן" דאָס ווייב — „פּאַרדאָניוכע", אין די טאָכטער זיינע — אַ ביסעלע איידעלער — „פּאַרדאָניכע".

סענדער האָט געפּרובט נאָכלויפען מיט דער בייטש, געגעבען קלעפּ... ער אליין האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטרייסעלט פון אַזאַ פּאַסקודנעם וואָרט, מיט וועלכען אַ פראַנצויז אין אַ האַרטען קאַפּעליוש האָט איהם אָנגעשטעקט צווישען אָרשע און שקלאָוו. נאָר ס'האָט שוין מעהר ניט געהאָלפען. שוין באַלד צעהן יאָהר אַריבער און דאָס צונעמעניש לעבט און געדייעט אַרום ר' סענדערס הייזקע ווי אַלטע קראָפּיווע. נאָר ס'מאַכט ניט אויס! מענשען וואָס ווילען לעבען אויף דער וועלט וועלען איהם קיינמאָל אין די אויגען דאָס צונעמעניש ניט זאָגען... און ר' סענדער בלייבט ר' סענדער. היינטיגע יונגע באַלעבעסלעך וואָלטען זיך ביי איהם געמעגט לערנען סיי אידישקייט, סיי פרומקייט, סיי שטאָט.

והא ראיה, ניט נאָר די באַלעגאָלעס האַלטען פון סענדערן, אפילו אַזאַ למדן און אַזאַ באַלעבאָס ווי פּעטער אורי, וואָס דאַווענט מיט סענדערן אין איין בית-מדרש און טרעפט זיך מיט איהם שבת צו „חסידות", ביים מורה-הוראה, אפילו ער האַלט פון איהם עולם ומלואו. און אַז פּעטער אורי קומט זומער-צייט צופאָהרען אַהיים מיטן פאַרעכאָד, ועט ער קיין

אַנדער פּאַיעטאָן, אויסער ר׳ סענדערס, ניט נעמען. און ווינ־
טער, אַז מען דאַרף פאָהרען צום באַהן אין אָרשע, וועט ער
קיין אַנדער בויד, אויסער ר׳ סענדערס, אויך ניט נעמען;
ס׳איז שוין אַ חזקה צוּזאַ.

דאַרף זיך גראָד היי־יאָהר מאַכען, ס׳הייסט היי־יאָהריגען
תשרי, פאַר פּאַנדרעס פּריזיוו, און פעטער אורין קומט אויס צו
פאַרבלייבען איבער די ימים־נוראים אין ניזשני אויפן יאַריד.
ניט ספּראַווען זיך, ווייזט אויס, מיט די געשעפטען. נעמט ער
און שרייבט אָן מומע־פּייגען אַ בריעף, אַז זי זאָל בעטען סענ־
דערן ער זאָל זיך מטריח זיין און אַכטונג געבען אויף זיינע
דריי בנים, אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, אַז זיי זאָלען זיך
ראש־השנה און יום־כפור אויפפיהרען לייטיש: זיי זאָלען שטעהן
אויף אַן אָרט און דאַווענען מיט לייטען גלייך... נישקשה — אַזוי
האָט פעטער אורי געשריבען — ער קען זיך אויף ר׳ סענדערן
פאַרלאָזען מעהר ווי אויף אַנדערע, מעהר ווי אויף די יחסנים
פון מזרח־וואַנט...

3.

און סענדער פּאַרדאָן האָט איבערגענומען די אַפּטרופּות,
איבער אוריס חברהצקע, זעהר וואָרעם און זעהר „ראַיעל״. ער
האָט אויסגעשטעלט אוריס גמרא־בחור, זיין חומש־בחור און מו־
זיניקעל האַרט ביי זיין באַלעגאָלישען טלית און קיטעל, וואָס
לאָזען זיך הערען מיט דיעגאַכץ און מיט כאָמעט אפילו ימים־
נוראים, אפילו פּסח; מיט דעם זעלבען ריח, הייסט דאָס, וואָס
וועפט זיך ניט אויס פון זיין הייזקע אַ קיילעכדיגען יאָהר.

שטעהט ער אַזוי, יום־כפור נאָך מוסף, איבער די דריי
טייערע בחורימלעך, וועלכע האָבען אַ שם איבער גאַנץ שטאָדט
מיט זייערע ווילדע שקאָצערייען. זיין שווערען לעדערנעם
ירושה־מחזור האַלט ער פעסט אין ביידע הענט, די מעשענע
שפּאַקולען זיינען איהם טיעף אַראָפּגעלאָזען ביזן לעצטען „אַר־

צפסעל״ פון זיין וועקסענעם נאָז, און זיינע וואַסערדיגע אויגעלעך קוקען איבער די גראָבע גלעזלעך האַרב און פייערליך, כדי צו זעהן צי די דריי מזיקים מישען גוט די בלעטער פון זייערע קליינע מחזורימלעך און צי זאָגען זיי גוט נאָך, ווען דער חזן ענדיגט. דערזעהט ער, אַז זיי געהען שלעכט אין שפּאַן — שטורכעט ער זיי אונטער און גיט זיי צו חשק מיטן קנעכעל פון פינגער און מיט אַ האַסטיגען און ברומענדיגען: „נו-נו-נו!״

נאָר מחמת זיין געוואוינהייט אומצוגעהן מיט פערד — הערט זיך דאָס ביי איהם אַ ביסעל אָן ווי „ניאָ-ניאָ-ניאָ!״ וועניגסטענס אַזוי דוכט זיך אויס אוריס בנים, וועלכע שטעהען און ווערען פאַרשוואַרצט פון זיין אָנטרייבעניש. ר׳ סענדערס אונטערגעגאַרטעלטע טלית און קיטעל אויף זיין ברייטען גוף זעהט זיי אויס ווי די דריי פעלצען, איינס אויף איינס, וואָס ער טהוט אויף זיך אָן ווינטער-צייט, בשעת ער לאָזט זיך מיט זיין בויד קיין אָרשע... מעהר ניט — וואָס דאָ, אָנשטאָט פערדישע הינטענס, זעהט ער פאַר זיך די רוקענס פון דריי לאָשיקלעך, אוריס זשערעבטשיקעס, וואָס וואַרפען אונגעדולדיג מיט די פלייצעס נאָך יעדען „נו-נו-נו״ און נאָך יעדען שטורך. פונקט עפּעס ווי אַ נייער כאָמעט וואָלט זיי געריבען, אָדער דער יאָך פון אַ ענגער דוהע מיט אַ גלעקעל וואָלט זיי געדריקט... מעהר ניט — ס׳איז אַ מקום קדוש! אַז ניט וואָלט אַ סך גלייכער געווען אָנצעטרייבען די בריקענדיגע פאַרשוינדלעך מיט אַ לייצע און געבען זיי צו פאַרזוכען דעם טעם פון אַ בייטש:

— היניאָ, חדר-יונגען!

און גראָד דאַ־ף טרעפען, אַז דער חזן צעציקעלט זיך ביים עמוד. ער צעקייט פּאַמעליך אַ שטיקעל פיוט און לעגט אַריין דעם עולם אין מויל אַריין. וואָרים צו נעילה איז נאָך ווייט און דער טאָג איז לאַנג, און אין האַרצען נאָגט דער תענית. היינט, וואָס האָט ער זיך צו איילען? גרייזעלט ער אַ פסוק נאָך אַ פסוק און צעציהט דאָס „שטייגערעל״ בנעימותדיג

און קהל ענטפערט אָפּ נאָך יעדער פסוק: „ד' מלך"*) אָדער „ד' מלך"**) אָדער „ד' ימלך לעולם ועד". און עס פאַלט זיי גאָר קיינעם ניט איין, אַז פעטער אוריס בנים געהט אָן אַ חלשות פונם חזנס געפּיעסטשעטען נגונדעל און פון קהלס צוּבאַמקענישען, אָהן אַ סוף און אָהן אַן עק. און ס'פאַלט גאָר קיינעם ניט איין, אַז אין קאָכשטוב-אַלמערל ליגט אָנגעגרייט פאַר אוריס בנים אַ קאַלטע פאַלקע פון אַ כפרה מיט ווייסע חלה. אָבער העכער פאַר אַלעמענס קולות הערט מען ר' סענדערס קול. וואָרים אויסער זיין באַלעגאַלישער פרומקייט מיינט ער נאָך מיטן הויכען „ד' מלך" אָנצוטרייבען אוריס חדה-יונגען אויך, זיי זאָלען ניט פאַרגעסען ענטפערען דעם חזן מיט קהל צוזאַמען, אַזוי ווי אורי האָט געשריבען אין בריעף פון ניזשני... ציהט זיך אַזוי פון עמוד דאָס חזניש מחיהדיג געזאַנגעלע, פאַוואָליע, ניט געכאַפּט, און עס קלינגט די בלעכערנע עברי פון משונהדיגע פיוט, אונגעפעהר אַזוי:

— מנוסי מסה במלל ממללים!

דער חזן אָבער האָט צייט און דאָס האַרץ חלשט איהם פון תענית און מתיקות. קומט ביי איהם אַרויס:

— מע-נו-סיי-ווי, מאַ-וואָ-סאָ, ב-מע-ווע-לעל, מע-מאָ-וואָ-וואַל-לע-לים!

און דאָ וואַכט שוין סענדער פאַרדאָן איבער זיינע „לאָשיקעס". ער איז אָנגעלאָדען ווי אַ האַרמאַט און קען זיך, אין זיין האַמעטנער פרומקייט, ניט דערוואַרטען ביז דאָס חזנדעל וועט שוין אויסצאַצקען אַלע זיינע צאַצקעס. און ווי נאָר יענער האָט געענדיגט זיין לעצטען דריי-גאָרענדיגען דריידעל, אַזוי גיט זיך צפּעס ביי ר' סענדערן ראַפּטום אַ ריס אָפּ, ער גיט אַ ברום אין בויך און אַ ריטשע אין האַלז און עס דערלאַנגט אַ טראַך מיט אַ דונערדיגען באַס:

*) אדאָנאַי מאַלאָך
**) מעלעך

— ד׳ מלך!*)

אוריס בנים זיינען אָבער ניט אַזוי פּרום און זייער כּוונה איז כּלל ניט צוגעגרייט צו אַזאַ שאָס. בלייבען זיי שטעהן אַלע דריי פאַרציטערטע און קענען ניט אַריינטרעפען מיטן „ד׳ מלך״ אין פינטעל אַריין. שאָקעלט איבער זיי ר׳ סענדער דעם שוועררען באַקיטעלטען און באַטליתטען קאָפּ זיינעם, האסטיג און געררייצט, ווי אַ פערד ביי וועלכען ס׳איז אויסגעאַנגגען דער האָבער אין אונטערגעבונדענעם זעקעל, און ברומט:

— נו־נו־נו!

דער חזן ציקעלט זיך דערווייל ווייטער, און וואָס ווייטער אַלץ געמיטליכער. אַ מחיה איז הערען אַזאַ עברי:

— צרופי צרף בצקון מצא־ווא־ווא־קע־קים!

און ר׳ סענדערס הערמאַט שיסט ווידער אָפּ הינטער די קינדערשע פּלייצקעס אַזוי, אַז עס רייסט זיך זיי אָפּ, שונאי ישראל, אין האַרצען:

— נו, נו, ד׳ ימלך לעולם ועד! נו־נו!

און יעדער עכבר׳ל באַקומט נאָך אַ שטויס־צו מיטן קנעכעל פון באַלעגאָלישען פינגער.

מען קען ניט זאָגען, אַז אַזאַ ציהען די נשמה פון איין זייט און אַזאַ האַסטיגער אָנטרייבען פון דער צווייטער זייט איז אוריס בנים שטאַרק געפעלען געוואָרען. ס׳איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. ס׳האָט געמוזט קומען... וואָרים ביי אַ ווייטערדיגען שאָס און שטורך האָט פּיווקע, אוריס חומש־בחור, מער ניט אויסגעהאַלטען און דערלאַנגט ר׳ סענדערן אַ בריק מיטן פּיסעל אויף הינטען, ווי אַן אמתער צעיושעטער לאָשעק. און משמעות אַז פּיווקע האָט איהם אַריינגעטראָפען אין אַ זעהר געפעהרליכער שטעלע. וואָרים ר׳ סענדער פאַרדאַן האָט זיך נעביך פאַרדרעהט ווי אַ בויגעל, אַזוי גרויס און שווער ווי ער איז, און האָט זיך אין טלית און קיטעל פאַמעלעכענס געטומען אַראָפּזעצען אויף דער ערד. דער באַלעגאָלישער באַס האָט זיך

---

*) גאָט האָט געקיניגט!

פֿאַרענדערט אין אַ מין קוויטשעדיגען ווייבע־שען אָכצען... באָרעמהאַרציגע אידען, מיט פֿלעשער חלשות־טראָפּען, האָבען זיך גענומען שטופּען פֿון אַלע זייטען, און נייגעריגע ווייבער האָבען אַרויסגערוקט די זיידענע קאָפּ־טיכער פֿון עזרת־נשים. קולי־קולות האָבען זיך געטראָגען:

— ער חלשט!

— ר' סענדער! ר' סענדער!

— מינטערט איהם!

— נעביך דעם תענית ניט אויסגעהאַלטען!

— דאַכט זיך, אַזאַ גבר!

— ר' סענדער!

ס'איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס אַלע זיינען אין דעם טאָג געווען באַוואָפּענט מיט פֿלעשער „ט־אָפּענס", און וואָס יעדערער האָט געוואָלט מינטערען, באַווייזען זיין דאָקטאָריע... מען האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזעהן, אַז מיט אַזעלכע מיטלען וועט מען דאָ גאָר ניט מאַכען. וואָרים ביי ר' סענדערן האָט זיך גאָר, ניט פֿאַר קיין אידען געדאַכט, צעשפּילט זיין אַלטער „פּעהלער"... און מען האָט איהם געמוזט אַוועקפֿיהרען אַהיים אונטער די הענט.

ערשט שפּעטער, נאָך מעריב, האָט מען זיך דערוואוסט פֿון ר' סענדערס מויל, אַז ניט דער שווערער תענית איז געווען שולדיג, נאָר פּייוּקע, פּייוּקע אוריס בחורל, דער שייגאָץ, דער „בעזבאָטשקעוויטש"... און פּייוּקע האָט טאַקע געכאַפּט די הייסע פּעטש, באַלד נאָך דער קאַלטער כפּרה, סיי פֿון דער מומע־פּייגען, סיי פֿון ישראל דעם גבאי, וואָס האָט מומע־פּייגען געבראַכט דאָס שעהנע נייעס. און דערנאָך, אַז פֿעטער אורי איז געקומען אויף סוכּות אַהיים, האָט ער פּייוּקען די הויט אַראָפּגעשונדען. ר' סענדערן איז אָבער דערפֿון גרינגער ניט געוואָרען. און אין האַרצען האָט ער אַ נדר געטאָן מעהר קיינמאָל ניט איבערצונעמען די אַפּוטרופּסות איבער באַלעבאַטישע זשערעבטשיקעס, וואָס בריקען זיך גאָר ווען מען טרייבט זיי אָן אין דאַוונען. ער איז אַזוי אָפּגעלעגען שעהנע עטליכע וואָכען,

העט־העט ביז אין שקלאָוו האָט זיך געענדיגט דער פריזיוו. די פערד זיינען געשטאַנען אין שטאַל, געגעסען אומזיסטען האָבער און ניט געוועו אפילו ווער עס זאָל זיי שפאַנען. אָבער ווער ווייס דאָ געהן טראַכטען פון פערד, אַז ס׳האָט געהאַלטען מען זאָל דעם חולה אַוועקפיהרען אין מאָהליוו מאַכען אַן אָפּעראַציע. נאָר גאָט און זכות־אבות האָבען געהאָלפען און מ׳איז זיך באַ־גאַנגען אָהן אַן אָפּעראַציע. נאָר מיט אַ נייער „באַנדע”. ר׳ סענדער האָט זיך געשטאַרקט און איז אויפגעשטאַנען אויף זיינע אַלטע פיס. דעם פריהערדיגען כח האָט ער נאָך אפילו ניט געהאַט, נאָר צום מורה־הוראה אויף „חסידות” איז ער אַוועק־געגאַנגען.

באַלד נאָך הבדלה, האָט איהם דער מורה־הוראה צוגערו־פען צו זיך, פונאַנדערגעפרעגט וואָס ער מאַכט און געגעבען איהם אַן עצה ער זאָל צונעמען אַ „שמייסער”... שאַ! ער האָט פאַר איהם אַ „מענשען”, האָט ער פאַר איהם. ער איז אָקאָרשט אַרויס פון פריזיוו און זוכט אַזאַ „שטעלע”. ר׳ סענ־דער מוז איהם קענען. ער הייסט נח... נח פאַנדרע.

— רביניו, — מאַכט ר׳ סענדער גאַנץ פאַרוואונדערט — ער איז דאָך גאָר אַ קצב!

— עס מאַכט ניט אויס... ער וויל ווערען אַ באַלעגאָלע...

סענדער פאַרדאָן האָט קיין סך קשיות מעהר ניט געפרעגט. אַז דער מורה־הוראה הייסט איהם, מסתמא ווייסט ער.

אָט אַזוי איז פאַנדרע אַרויף קיניגען ביי סענדערן אויף דער פאַרלאָזענער „קעלניע” פון בויד. אין באַלעגאָלישען צעך האָט אפילו קיינער קיין פיפס ניט געטאָן, וואָס אַזאַ נייער חברה־מאַן האָט זיך אַריינגעריסען אין זייער פרנסה. וואָרים ר׳ סענדער איז אין צעך אַ מין גבאי, אַ פּאָרזיצענדער. און אַז ר׳ סענדער הייסט — מסתמא ווייסט ער...

ר׳ סענדער מוסרט זיינע פערד

.1

זינט נח פּאַנדרע איז אַרויף דוכנען אויף דער הויכער „קעלניע״ פון סענדער פּאַרדאָנס בויד, איז ער גאָר געוואָרען אַן אַנדער מענש, אַזוי זאָגען אַלע.

דאָס געדיכטע קצבישע בלוט האָט זיך איהם, דאַכט זיך, אויסגעלויטערט. ער האָט אויפגעהערט צו טרייבען זיינע שטיק מיט שיקסעס אין די טונקעלע שייערן מיט היי, און דערטאַפּט מען איהם צמאָל אין אַ שמיטה מיט אַ צעפּאַטעלטער גויע — שלאָגט ער זיך ניט... ער איז געוואָרען לייטישער. ער טרינקט ניט אַזוי אָפּט ווי פריהער, און מיט שמחהלע טורערו חברט ער זיך זעהר ווייניג.

סענדערס „שודאַקעס״ קענען זיך גאָר ניט אָנלויבען פון זיין נייעם „שמייסער״. שטרוי בעט ער אויס אין בויד מיט אַ ברייטער האַנט. עלטערע אידען און אידענעס מיט קאָשיקעס העלפט ער אַריינקריכען און אַרויסקריכען פון בויד. באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ פיהרט ער די פערד מיט אַ שטאַרקער האַנט. עס טרייסעלט ניט און עס גליטשט זיך ניט, ווען נח פּאַנדרע שטעלט אונטער די פּלייצע. און דאָס טהוט ער אָפטמאָל, ביי שלעכטע וועגען און געשמאָלצענעם שניי. ער וועט ניט דערלאָזען, ווי אַנדערע באַלעגאָלטשיקלעך, זיינע בכבודיגע פּאַסאַזשירען, זאָלען מוחל-זיין אַראָפּקריכען און טאָפּטשען אין קויט און אין

בלאָטע. אַ כפרה צעהן גוים פאַר זיין פלייצקע! ביז וואַנען אַנדערע באַלעגאָלעס בעטען זיך־איין ביי די דורכפאָרענדיגע פויערים, יענע זאָלען העלפען שלעפען די רעדער פון לייהם, איז שוין פאַנדרע פאַרטיג מיט זיין אָנגעפּאַקטער בויד, איינער אַליין. „נאָר אָהן טובות... ניאָ, ניאָ!" אַזוי שרייט פאַנדרע צו די פערד און שפּאַרט זיך איין אין זייט פון וואָגען. און די בויד רוקט זיך, אָהן עין־הרע, ביז זי קריכט אַרויס פון דער טיעפסטער בלאָטע.

צו ר' סענדער פאַרדאָן און צו זיין „שמייסער", האָבען זיך באַלד אַ שאָט געגעבען אַלע יחסנים פון שקלאָוו. וואו אַן איידעלע זאַך, וואו אַ איד מיט אַ „מיחוש" וואו אַ מעוברתע ווייבעל, וואָס האָט מורא פאַר טרייסלען, אָדער פאַר געהן, אין מיטען וועג, באַרג־אַרויף, צו פוס — האָבען זיך גענומען שטופען פאָהרען קיין אָרשע מיט סענדערס שמייסער. כאָטש קאָסטען קאָסט דאָס מיט אַ פּאָר גילדען טייערער ווי ביי צאַנדערע באַלעגאָלעס. סענדער האָט געמאַכט ברייטער די בויד, צוגעקויפט נאָך אַ פערד און שפּאַן. נאָר ס'האָט ניט געקלעקט. אין וואָגען איז ביי איהם שטענדיג ענג, ווי אין אַ הינער־שטייג.

סענדער פאַרדאָן אַליין האָט זיך פשוט גענומען אויסרוהען אויף די עלטערע יאָהרען, סיי פון זיין שווערער האָרעוואַניע, סיי פון זיין „פעהלער", ניט פאַר קיינעם געדאַכט, וואָס פיוזקע אוריס האָט איהם אינמיטען יום־כפור אַזוי צעוועהטאָגט... ער שטעהט נאָר ביים איינשפּאַנען די פערד און קאָמאַנדעוועט: דערלאַנג מיר דעם כאָמעט! פאַרציה דעם שנאָל! ליאַפּע מיר אַריין דיעגאַכץ אין אַקס! שיט צו האָבער אין זעקעל!.. און ביי נח פאַנדרען ברענט עס אונטער די הענט. ביי אַ גוטער פאַגאָדע זעצט זיך ס'ד צ' צו, צו נחן אויף דער קעלניע, און מען טרייבט די פערד צוזאַמען. ער לערענט נחן די חכמה פון אַ ערדיגען שליאַך, פון אַ שטיינערדיגען שאָסע, פון אויסקירעווען, פון באַרג־אַראָפּ. ער לערענט איהם צום צעהנטען מאָל, ער מוז דאָך וויזען, אַז ער איז באַלעבאָס און אַז פאַנדרע איז

פֿלויז אַ שמייסער. אָפּגעפֿאָהרען עטליכע וויאָרסט, קוקט זיך סענדער אַרום, אַז נח קען שוין די מלאכה ניט ערגער פֿאַר איהם — דעם אַלטען געניטען באַלעגאָלע, דעם עלטסטען אין צעך... און גיב נאָר אַ קוק! פֿאַנדרע הערט זיך פֿונדעסטוועגען צו מיט קאָפּ, פּונקט ווי דער באַלעבאָס דערצעהלט איהם דאָ סתרי־תורה. ס'איז אַ דרך־ארץ פֿון אַזאַ געוועזענעם קצב! אַט אַזוי דאַרף טאַקע זיין!...

פֿאַרקלעהרט זיך אַ ווייל׳ע ר׳ סענדער, קוקט אָן דעם יונג פֿון אַ זייט. ציהט אַרויס אַ פֿאַרשמאָלצעוועטען תהילימל פֿון בוזים, זאַטעלט אָן די מעשענע שפּאַקולען אויפֿן אַרבעסדיגען נאָז און „בראָקט" שטילערהייט. די בויד שאָקעלט זיך, און סענדער מיטן תהילמל שאָקעלט זיך מיט, ביז ער דרימעלט איין מיט אַ פּסוק אין מויל און גיט זיך אַ כאַפּ־אויף מיט אַ צווייטען פּסוק אין מויל. אַ בורטש אַריין אין תהילימל און אַ פּיק מיט דער נאָז, און אַ שריי־אויף און אַ ריס דעם קאָפּ פֿון תהילימל. אַ זיסע מידקייט און נאָך אַ זיסערע אויפֿטשוכען זיך, בייטען זיך ביי איהם כסדר... אַט דאָס הייסט הנאה האָבען אויף די עלטערע יאָהרען!

און וואָס זאָל מען דאָ לייקענען! באַלעבאָס און שמייסער זיינען איינער פֿון דעם אַנדערען שטאַרק צעפֿרידען. יעדערער אין האַרצען זעהט אין דעם איין דעם מורא־הוראהס ברכה, זיין גוטע עצה, זיין וואונק... און יעדערער פֿון זיי מיינט, אַז דער מורא־הוראה האָט א י ה ם אויסדערוועהלט, איהם געוויזען אַ וועג צו פּרנסה. ר׳ סענדער פֿאַרפֿעהלט איצטער קיין איינציגען שבת ניט. ער איז איינער פֿון די ערשטע, וואָס קומען צום רבין אויף חסידות. און שוין אַ פּאָר מאָל איז ער, נאָך הבדלה, צוגעגאַנגען צום מורא־הוראה, געוואונשען אַ גוטע וואָך און געדאַנקט:

— רבי, — אַזוי האָט ער צו איהם גערעדט, — איהר האָט מיך געראַטעוועט! דער פֿאַנדרע איז אַ יונג, זאָג איך אייך, רבי! ער לאָזט דאָך מיך אַ פֿינגער אין קאַלט וואַסער ניט צריינטאָן...

דער חסידישער מורא־הוראה האָט נאָר צוגעשאָקעלט מיטן

שטריימעל און עפעס פאַרסודעט צוגעשמייכעלט; אַ מין וואונק ר׳ סענדערן, אַז מען דאַרף דערפון קיין סך ניט רעדען... און סענדער פאַרדאָן איז טאַקע געווען זיכער, אַז נאָר אַ רוח־הקדש האָט גערעדט אינם רבין, ווען יענער האָט איהם געגעבען די עצה, צו נעמען פאַנדרען פאַר אַ „שמייסער". וואָרים ווי קומט דאָס אַ רב צו וויסען, אַז פון אַ קצב־יונג וועט זיך אַרויסשיילען אַזאַ מזיק אַ משרת, וואָס פאַרשטעהט אומצוגעהן מיט פערד ווי אַ געבוירענער באַלעגאָלע?

אַ דאַנקבאַרקייט צום רבין האָט געטליעט אויך ביי פאַנדרען אין האַרצען. נאָר ער האָט פשוט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל דאָס אַרויסווייזען. וואָרים געה, שפרייז פלוצלינג אַריין צום מורה־הוראה אין שטוב מיטן פעלץ און בייטש און מיט די וואַטאָווע פלודערען, בשעת יענער זיצט גאָר מיט אַ גענזענע פעדער אין האַנט און שרייבט חיבורים — און זאָג איהם... וואָס זאָל ער איהם זאָגען? וואָס פאַר אַ אידישען פנים וועט דאָס האָבען?...

אַנדערש ווי אין טלית און תפילין, מיט אַ גענזענער פעדער אין האַנט, ווי אינם טאָג פון פריזיוו, ווען דער מורה־הוראה האָט איהם געבענטשט, האָט זיך איהם פאַנדרע ניט געקענט פאָרשטעלען. האָט ער געוואַרט ביז ס׳וועט זיך עפעס מאַכען.

און די שעה פון אָפדאַנק איז געקומען... ווען דער מורה־הוראה איז זעהר אָפגעשוואַכט געוואָרען פון זיין אידישער חולאת, אָפגעגאַנגען נעבעך מיט בלוט און געמוזט פאָהרען קיין מאָהליוו מאַכען אַ „ריפעראַציע", האָט ר׳ סענדער צוגעשטעלט אַ פרייע בויד מיט אַלע דריי פערד אין שפאַן. און נח פאַנדרע האָט מיט זיינע אייגענע הענט אַרויסגעטראָגען דעם רבין, זאָל לעבען, פון שטוב, ווי מען טראָגט אַ „זיבעטעל" אין וואַטע; אַריינגעזעצט איהם אין בויד און אַרומגעוויקעלט מיט קאָלדרעס ווי אַן אתרוגעל אין פאַקליע, וואָס מוז זיך נאָך אויסגרינען...

באַגלייט דעם רבין קיין מאָהליוו האָט נאָר ישראל דער־

גבאי. און נחת האָט די דרייסיג וויאָרסט-שאָסע געפֿיהרט די בויד און אָנגעטריבען די פערד. איידער ר׳ ישראל האָט זיך אַרומגעקוקט, איז מען שוין געווען אין מאָהליוו. און ווער האָט דעם מורה-הוראה אַרויפגעטראָגען אויפן צווייטען שטאָק אין שפיטאָל? ווייטער פאַנדרע. עס זיינען אפילו אַרויסגעלאָפען משרתים אין ווייסע פאַרטוכער און געוואָלט העלפען, נאָר פאַנדרע וועט דען לאָזען גויים צו האָבען אַזאַ הנאה פון רבין? און א מצוה איז זיי ווייניג?

מיט דער זעלבער צאַרטליכקייט האָט ער דעם מורה-הוראה מיט דער סיווער באָרד אַרויפגעטראָגען אין זיין קאַמערעל אין שפיטאָל. און אַ גאַנצע וואָך דערנאָך איז איהם פון דער דאָזיגער באַריהרונג מיטן רבינס אויסגעמאָגערטען, הייליגען גוף, געשטאַנען אַ זיסע מאַטקייט אין אַלע זיינע שטאַרקע אברים.

— ווי איך בין אַ איד! — אַזוי האָט ער, מיט טרעהרען אין די אויגען, דערצעהלט דעם באַלעבאָס זיינעם די טיפע איבערלעבונג, — ער וועגט דאָך אַ לויט, ר׳ סענדער! אַן איידעלקייט פון אַ מענשען! שיך אין זאָקען, אַ שטריימעל ווי אַ באַק-דייזשע און אַליין איז ער גרינג ווי אַ שטרוי... אַ מחיה צו קוקען אויף איהם! קוים וואָס ער געהט, קוים וואָס ער רעדט... ווי אַ פיצעל קינד. אַ מחיה צו נעמען איהם אויף די הענט!

— בייס דיר אָפּ די צונג! — האָט אויף איהם ר׳ סענדער אָנגעשריען, — אָט דאָס הייסט ביי דיר אַ מחיה? דו גראָבער יונג דו!

— אָי, ר׳ סענדער, ווי איך בין אַ איד! — האָט זיך פאַנדרע גענומען טומלען, ווי אַ הייס-פאַרליבטער, — וואָס רעדט איהר, וואָס? איהר פאַרשטעהט ניט, ר׳ סענדער! אָט... געהרגעט מאָג איך ווערען דאָ, אויף אַן אָרט!

2.

ניט מיט איין מאָל איז געקומען פאַנדרעס פאַרענדערונג. דער שניי אין די וועלדער האָט איהם זיין בלוט אָפגעקיהלט, די פרייע ווינטען, צווישען פעלדער, האָבען פון איהם, ביסלעכווייז, ארויסגעיאָגט דעם ריח פון יאַטקע. און דער ווייטער הימעל האָט פאַרשאַרפט זיינע פאַרשוואומענע אויגען.

צוריק איז נח אויף דער קעלניע אָנהויב ווינטער, ווען עס כאַפּט פריהערען אין דער פריה, און די פאַלדען פון דער בלאָטע ווערען פאַרהאַרטעוועט. מיט אַ שליטען קען מען נאָך ניט פאָהרען, און מיט רעדער — טרייסעלט אויס די נשמה. דענסטמאָל איז ער נאָך געפאָהרען אונטער סענדערס השגחה און געקראָגען שוואַרקע בויכוועהטאָג פון אַזאַ טרייסלעניש. נאָר ער האָט זיך שטאַרק אונטערגעגאַרטעלט, פאַרביסען אַ ליפּ און געטריבען. „ניאָ־ניאָ!" האָט ער זיך געכראַברעט און געשריען אויף די פערד. און געוואָלט האָט זיך איהם גאָר שרייען: „אָי, מאַמע, ראַטעווע!..."

דערפאַר אָבער, אַ וואָך שפּעטער, ווען ס'האָט אויסגעשאָטען אַ געדיכטער שניי און אַ זאַווערוכע האָט איהם איבערגעזיפט און אַ פראָסט האָט איהם אויסגעקאָוועט — האָט זיך די שליטען געגליטשט ווי אויף פּוטער. און פאַנדרע האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט, וואָס הייסט זיין אַ באַלעגאָלע אויף דער וועלט.

ער האָט, צום ערשטען מאָל, געפיהרט עטליכע אידען צום אָרשער באַהן. ער האָט דרייסיג וויאָרסט כסדר געטריבען סענדערס פערד דורך בריליאַנטענע פעלדער, דורך וועגען אויסגעבעט מיט פוך און מיט געשטויסענע גלאָז. ווייסע שטערענדלעך זיינען געהאָנגען אויף פאַראַיאָהריגע שוואַרצע אויסגעדאַרטע קוסטעס, און זילבערנע אוירינגלעך אויף די בעריאָזעס. פוכקע הייבלעך זיינען געווען אָנגעטאָן אויף פלעקענער, אויף די

טעלעגראַף־סטאָלבעס און אויף די געפּאַסקעטע וויאָרסט־שטיי־גער אויפן וועג. וואו אַ שטיקל אייזען, וואו אַ פערזשאַווער־טער טשוואָק האָט עס געשטאַרט מים ווייסע חזיר־האָר און מיט גלעזערנע נאָדלען, — פאַרקיהלטע קלאָרע שטראַהלען אַרום איי־זערנע שטערען... און איבער אַלץ און אַלעמען לויכט אַ קאַל־טע זון. נאָר אָנשטאָט פייער שיסט זי מיט פראָסט, אָנשטאָט צו שמעלצען — פאַרגליווערט זי. ביי יעדען פאַרקערעווען זיך אויפן גלאַטען שליאַך, סוויסטשעט די שליטען, ווי אַ גרויסע באַנדו־רע, בשעת מען רייבט זי אָן מיט קאַניפאָל. באַ! און מיט אַמאָל ווערט דאָס גאָר פינסטער, אַ ווייס־גרינע כמאַרע רוקט זיך אָן. די בויד איז אַריין אין ווינטערדיגען סאָסנע־וואַלד. די נאָדעלדיגע, ברייטע לאַפּעס שטעהען אָנגעלאָדען מיט פאַרפרוי־רענעם ווייסען שוים. אַזאַ שוים שלאָגען אָן ערב יום־טוב די וויבער, די אשת־חילניצעס, פון אייער־ווייסלען, איידער זיי שטעלען זיך באַקען די צוקער־לעקעכער... דורכן וואַלד־וועג, ווי דורך אַ ריזיגער שפּאַקטיווע, קוקען זיך דורך די נאָך־וויטערע וועלדער. און יענע זענען דורכגעשלאָגען מיט אַ בלויען רויכעל און מיט קיהלע קלעמעניש. עס כאַפּט אַזש צופּען ביי דער נשמה. פליהט אַרויס די בויד פון וואַלד, ווי פון אַ גזלנישן הייל, און עס ווערט ווייטער ליכטיג. גלאָז־שטערענדלעך צע־בליאַסקען זיך מיט טויזענטער חנדלעך, צעווינקען זיך מיט מי־ליאַסען שמייכלעך. אַן אויסלעשעניש און אַן אָנצינדעניש פון טויזענטער שטיקלעך־ברעקלעך פאַרפרוירענע רעגענבויגענס. פאַר־איאָהריגע בייטען פון גרויסע קרויט־גערטנער צעפּעכערען זיך ווי מוראדיגע פוכאָווע פעכערס, מיט טייערע שטיינער באַפלי־טערט און מיט שטרויס־פעדערען באַפּוצט. האָ־האָ־האָ, משוגע קען מען ווערען! גויות מיט געפלאָכטענע קערב פון ליקע (קאָרע) קומען אָן פון ערגעץ־וואו, שווימען אַרויס אויף זייערע ברייט־נאָזיגע לאַפּטיעס. אויף זייערע פויערישע קעפּ זיינען אָנ־געצדרעהט גאַנצע פּעק מיט רויטע, וואָלענע כוסטקעס. גיבען זיי אַ בליאַסק אין ווייסען שניי, ווי לעבעדיגע מאָהן־בלומען. מכשפות זיינען דאָס גאָר, ניט קיין גויות! פון זייערע קאָרענע

קערב הענגען אָפטמאָל אַראָפּ געפּרווירענע הענגלעך מיט „קאָלי־גנעס" אָדער ריאַבינעס — אַ נאַשערײַ פאַר פאַרשמאַכטע מײַלער, וואָס זײַנען שוין מיעד פון די ווינטערדיגע קאַרטאָפליעס און זויערע אוגערקעס. אָבער דאָ אין מיטען שליאַך, אין מיטען דער פוכיגער ווײַסקייט גליהען די קאַלינעס ווי הייסע קוילען, וואָס מכשפות טראָגען זיי אין ליקענע קערב און ווער־ען ניט פאַרברענט... אָ־האָ־האָ! קוימענס רויכערען אין דער ווײַטען, שוואַרצע וואַראָנעס קראַקען! אַן אָנשטעל איז דאָס, ניט קיין וואַראָנעס! זיי זײַנען יד־אחת מיט די גויות, מיט די קאַלינעס, מיט די רויטע כוכטעס — קראַקען זיי. ניאָ— ניאָ—ניאָ פאַדלעס! אַ בראַנד זאָל זיך אין אײַך אַרײַנכאַפּען!... ווער ווייסט, צי אָט די תמעוואַטע סוסים, וואָס פּאָכען מיט די עקען, האָבען דאָ אויך ניט קיין חלק?...

אין אַלעקסאַנדריע, אויפן מיטען וועג, כאַפּט מען אַ טרונק בראַנפען בײַ ר' שכנאן אין שענק, און אונטער די פערדישע מאָרדעס בינדט מען אונטער זעקלעך מיט האָבער. אַזוי הייסט ר' סענדער. און פּאָיען זיי טאָר מען ניט איידער זיי קיהלען זיך אָפּ פון לויף, אַז ניט קריגען זיי אַ ציטערניש אין די פיס. אַזוי זאָגט ר' סענדער. די פערד דערקענען דעם אַלטען באַלע־באָס נאָכן ריח נאָך. ער מעג אפילו שטעהן פון הינטען. אָבער ווען פאַנדרע געהט צו, קרימען זיי אויף איהם די גרויסע בלוי־שוואַרצע אויגען; לאָזען אַראָפּ די אויערען און שנאָרכען. זיי דערפיהלען אין זײַנע אונטער־מלבושים דעם אַלטען ריח פון יאַטקע, פון פאַרטריקענט בלוט... כאָטש געבליבען איז פאַנדרע־פון די קצבישע צײַטען בלויז איין קורטקע. און אויך זי טראָגט ער אונטער אַ וואָלענער „דעליע" און אונטער אַ שעפּ־סענעם פעלץ. אָבער סענדערס פערד, וואָס זײַנען געוואוינט צו דער פרײַער לופט פון די פעלדער, דערשמעקען עס. אַ חוש־הריח פון פיער־פיסיגע! ווי געפעלען אײַך פרעטענזיעס פון סוסים?... פאַנדרען פאַרדריסט דאָס. ער איז פון קינדווייז אָן געוואוינט צו קוקען אויף אַ חיה מיט פיער פיס, ווי אויף אַ זאַך, וואָס מען קוילעט דאָס, ווען מען באַדאַרף. אמאָל צוליבן

פלייש, אַמאָל צוליב דער פעל. און דאָ גיב נאָר אַ קוק ווי סענדער פּאַרדאָן פּאַדיעט אַרום, אַרום אַזעלכע חיות! ער גלעט זיי אויף די העלזער און רעדט מיט זיי ווי מיט זיין גלייכען! ווען דער אינגערער פערד, „שמענדריקע", ווי ר׳ סענדער רופט איהם, מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל דעם באַלעבאָס אָפּרייסען אַן אַרבעל — שרייט אויף איהם ר׳ סענדער אָן: „ווערסט שוין אויפהערען צו פּראַווען דיינע טריפהנע שטיק, צי ניט?" און „שמענדריקע" קעהרט אָפּ דעם קאָפּ, פלאַטערט מיט זיינע ווייכע שוואַרצע לעפצען און באַווייזט די גרויסע ווייסע צייהן זיינע. און עס דאַכט זיך, אַז ער לאַכט-אונטער פון סענדערס קללה. ער ווייסט, אַז ס׳איז אויף צופלייסען... דער עלטערער פערד, „שמאַרצוואָז", אַ גרויסע באַשעפעניש אין ברוינע און ווייסע פלעקען, איז גאָר אַ גרויסער מפונק, אַ גרויסער אויסקלייבער אויף עסען. מישט איהם אונטער ר׳ סענדער, אויף טשיקאַוועס, אַ ביסעל סעטשקע אין האָבער, שטעהט ער, דער נאַשער, דער לאַנג-אויערענדיגער גאַסטראָנאָם מיטן אונטערגעבונדענעם זעקעל, דרעהט מיט די אויערען און גלאָצט מיט די אויגען אויפן באַלעבאָס, ווי איינער זאָגט: „ניט געטראָפען דעם אָרט!.." און קייען טהוט ער ניט. פאַרשטעלט זיך ר׳ סענדער אַז ער איז אין כעס, גיט איהם כלומרשט אַ שטורך, שמאַרעוואָזען, מיטן ברייטען נאָז פון שטיוועל אין בויך און רעדט צו איהם אַזוי: „שוין גאָר אַזוי? סעטשקע ביסטו קראַנק צו עסען? מאַרציפּאַנעס זאָל איך דיר געבען? אַן איידעם אויף קעסט ביסטו ביי מיר? דעם נייעם נגידס איידעם אפשר..." און „שמארעוואָז" שאָקעלט אונטער מיטן גרויסען קאָפּ, ווי ער וואָלט פערדיש-שטום אָפּגעענטפערט: „אָט-אָט, באַלעבאָס, געטראָפען אין פּינ-מעל! טאַקע אַן איידעם אויף קעסט!... מאַרציפּאַנעס!..."

„דזשירקעליכע", די קליאַטשע, סענדערס דריטער פערד, איז עפעס גאָר אַ מאָדנער נפש. שטיל איז דאָס און אונטער-טעניג, קיין קאַטאָוועסען פּראַוועט עס ניט און קיין אויסקליי-בערין אויף דער אכילה איז עס אויך ניט. נאָר ס׳האָט אַן אַנ-דער טבע. ווי נאָר מען שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט עס אַ ציטער.

נאָר ס׳וואָלט געוואָלט מען זאָל זי איינדעקן מיט קאָלדרעס, מיט ראָגאָזשעס, מיט שמאַטעס. די וועלט איז איהר ווענינ! און דערפאַר טאַקע רופט זי ר׳ סענדער „דזשירקעליכע״. ס׳איז אַן אַ שפּיצל אויף אַ שקלאָווער קבצנטע מיט פּונקט אַזאַ צונעמעניש, וואָס פּוצט זיך אויך מיט פינף פאַרלאַטעטע קליידלעך, איינס קירצער פאַר דאָס אַנדערע, און מיט דריי צעריסענע זשאַקעטלעך. אָט אַזוי געהט זי איבער די הייזער. און רק זי קלאָגט זיך, אַז ס׳איז איהר קאַלט, אָט־אָט ווערט זי דערפרוירען. און רק זי בעטעלט בגדים, אַן אַלטען קאַפּטעל, אַ פּאַטשיילע מיט לעכער, אַ צעפליקטע וואַטאָווע קאַצאַווייקע אָהן קנעפּ. אַלץ איז ביי איהר רעכט, ביי דער טראַנטשיכע, אַבי נאָר מען קען עס אַרויפציהען אויף זיך.

ווי נאָר מען גיט אַ זאָג: „טפּררו״ און מען שטעלט זיך אָפּ ביי אַ שענק אויפן וועג, אַזוי הויבט שוין אָן „דזשירקעליכע״, סענדערס קליאַטשע, צו קלאַפּען מיט אַ פּאָדקאָווע און צו טרייסלען מיט דער פעל פון ליטקע. דאָס גיט זי אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז איהר נעבעך קיהלבלעך און ס׳וואָלט געווען אַ יושר דער באַלעבאָס זאָל זי איינדעקן.

ר׳ סענדער דערקענט באַלד די טעלעגראַף־צייכענס פון זיין קליאַטשע, וואַרפט ער איהר איבערן רוקען אַן אַלטע לעבערדיגע קאָלדרע און רעדט צו איהר אַזוי.

— האָסט שוין קיין צייט ניט, דזשירקעליכע? אַ „קאָליעלע״ איז אויף דיר אָנגעפאַלען, אַ צייהן־טרייסלעניש? נא!... טראַסקעסט נאָך אַלץ מיטן קאָריקעל? אַ קאָלדרע איז דיר חעניג? אַ טכוירענע ראָטאָנדע וועל איך דיר באַשטעלען ביי זשאַמע דעם סקאָרניאַק. אַ פיזעמנע פוטער וועל איך דיר אויסשרייבען פון ניזשני. סטאָי, טטאָי! שטעה שוין, שטעה אין קרענק!

נח פאַנדרע לאַכט פון פולען האַלז, דערהערענדיג ווי ר׳ סענדער טענהט זיך אויס מיט זיינע סוסים. אָבער ר׳ סענדער פאַרדאָן אַליין קוקט איהם אָן אַזוי ערנסט, פּונקט ווי ער וואָלט פאַראיבעל געהאַט, וואָס דער „שמייסער״ מאַכט חוזק פון זיין לייבליכער משפחה. און נח ווייסט ניט, צי קוקט דאָס אַזוי ר׳

סענדער מיט אַן אמת, צי אויך צופלייסען. האַקט פּאַנדרע אָפּ זיין קצבישן געלעכטער און קערט אָפּ דעם קאָפּ.

ביסלעכווייז געוואוינט זיך אָבער פּאַנדרע צו די פערד. ער לערנט זיך ביי ר' סענדערן ליעב צו האָבען די פיער-פּיסיגע ברויט-געבער. ער דערקענט, אַז אַ פערד האָט שכל. ס'האָבען נאָר מלמדים פאַרשוועכט דעם פערדס כבוד, זידלענדיג זייערע תלמידים, די פאַרשטאָפּטע קעפּ זייערע... אַ פערד פאַרשטעהט אַ סך. ער איז פלייסיג און געטריי. ער קען ווערען ברוגז, ער קען זיין פרעהליך. ער פאַרעקשנט זיך, אַז ער וויל. ער קען שטעהן פאַרטראַכטערהייט, ווי אַ מעקלער נאָכן יאַריד, מיט אַן אונטערגעבויגען פיסעל. ער קען ליעב האָבען, ער קען זיין דאַנקבאַר פאַר אַ גלעט און פאַר אַ גוט וואָרט... הכלל, אַ סך גראָבע-יונגען וואָלטען זיך געמאָגט ווינשען האָבען אַזויפיעל פיינקייט, וויפיעל אַ געכאָליעטער פערד; אַזויפיעל גוטסקייט. פּאַנדרע וואָלט דאָס גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט. ער האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעלערענט ביי ר' סענדערן צו אונטערפּאַטשען דעם אָפּגעמאַטערטען פערד אויפן רוקען און פיהלען, מיט הנאה, די גלאַטע וואַרימקייט פון דעם פערדס פעל, ווי עס צאַפּלט אונטער די גראָבע מאַזאָליעס פון דער דלאָניע. ס'איז אויך אַ נחת צו צוקוקען זיך מיט וואָס פאַר אַן איידעלקייט אַ פערד טרינקט פון עמער. עס מעג אין איהם ברענען דער דאָרשט, וועט ער ניט „שאָרבען", ווי אַ קליינשטעדטעלדיגע יענטעוואַטע בהמה, וואָס פאַר אַ „פּאָמינעס" מען רוקט איהר ניט אונטער. מוטנע וואַסער וועט אַ סוס ניט טרינקען. דוקא קלאָרע. קאַלטינקע גיב איהם!... דעם דעק פון עמער מוז ער זעהן מיט זיינע אייגענע פערדישע אויגען. און אויך דענסטמאָל ציהט ער דאָס וואַסער מיט די שפּיצען ליפּען, ווי דורך אַ שטרויעלע. נאָר דער גייער נגיד פון שקלאָוו פאַרגינט זיך אַזוי צו טרינקען! אַז ער טרינקט זעלצערקע מיט סאָק, ציהט ער דאָס דורך אַ גלעזערנע רעהרעל אַזאַ, וואָס ער האָט געבראַכט פון מאָהליוו. אַנדערש פּאַסט איהם ניט.

ר׳ סענדער, גזלנים און א בער.

1.

א מעשה מיט גזלנים.

נאָך פורים-צייט ווערט שוין דער שניי אויפן שאָסיי ווייבער; די שליטען מיט דער בויד גליטשען זיך ניט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. וואו-ניט-וואו, אין גריבלעך, שטעהט אַ קאַלט וואַסערעל, פול מיט שטיקלעך אייז. ווי צעבראָכענע שויבען שווימען די שטיקלעך איבערן וואַסער. אינדערפריה העגען נאָך ווייסע צעפּלעך אויף די דאָרפישע סטרעכעס פון ביידע זייטען שליאַך; און בייטאָג, אויף דער זון, קאַפּעט פין זיי, ווי פון חלבנע איבערגעקעהרטע ליכטלעך, מיט טראָפּענדלעך פייער. ס׳זעהט אויס, אַז מ׳האָט זיי אָנגעצונדען איבערגעקעהרטערהייט. טריפט פון זיי אַזוי אַרויס דער גאַנצער חלב אין פייער. מצהר געלאָשען זיך ווי געברענט, ביז זיי צעשמעלצען זיך אינגאַנצען...

הויבט אָן דער וועג קאַליע צו ווערען. פּאַסאַזשירען מיידען אויס אַזאַ שליטען-וועג ווי נאָר זיי קענען. זיי פאַרטרויען די באַלעגאָלעס אָפּצעפיהרען זייערע סחורות צום אָרשער באַהן, אָדער אָפּנעמען זיי דאָרטען. קומט אָפּטמאָל אויס צו טרייבען די בויד אָהן „שודאַקעס״, מיט בלויז קאַסטענס סחורה, זעקלעך מעהל און שאר ירקות. נוצען אויס די באַלעגאָלעס אַזאַ געלעגענהייט און טרייבען די פערד — ניט בייטאָג, ווען דער שניי שמעלצט זיך, נאָר צו פאַרנאַכט-צו, ווען עס כאַפּט פריהרען,

ווען די בלאָטקעלעך ציהען זיך איבער מיט אייז. גליטשט זיך דאַן די בויד אַ סך בעסער און אַ סך גיכער. אַליין איז מען רוהיגער. ברוגזדיגע באַלעבאַטים טרייבען ניט אין האַלז און נאַקען. אידענעס מיט קוישען קרעכצען ניט.

אָט אין אַזאַ פאַר־פּסחדיגען וועטער, פאַרנאַכטליך, זיצט זיך ר׳ סענדער אויף דער קעלניע מיט נח פאַנדרען זיין „שמייסער״. די בויד איז געפּאַקט מיט סחורות פאַר שקלאָווער קרעמער, און אַ „שודאַק״ איז אויף אַ רפואה ניטאָ. פאַנדרע טרייבט די פערד אויף דעם שליאַך, צווישען אָרשע און שקלאָוו, און דער באַלעבאָס זיינער זיצט לעבען איהם, גוט איינגעדעקט, און האָט ניט וואָס צו טאָן. זאָגען תהלים איז שוין צו כמורנע. דער שניי אונטען און דער הימעל אויבען — האָבען איין בלאָטיגען אויסזעהן. נעמט ר׳ סענדער אַ טיפען שמעק טאַבאַק און צערעדט זיך. ער פאָהרט דאָך שוין, געלויבט דער אויבערשטער, צווישען אָרשע און שקלאָוו צוריק שוין גוטע פערציג יאָהר. האָט ער וואָס צו דערצעהלען וועגען יעדען בוים אויפ׳ן וועג, וועגען יעדען שטיין, וועגען יעדער הייזקע, וואָס באַווייזט זיך אין דערווייטענס. און דאָס איז שוין אַ באַקאַנטע שוואַכקייט פון עלטערע באַלעגאָלעס: אַלע מעשות האָבען מיט זיי אַליין געטראָפען; אויב ניט מיט זיי אַליין — איז מיט זייערע טאַטעס, אויב ניט מיט די טאַטעס איז מיט די זיידעס. וואָס דען! ווי היינטיגע יונגע באַלעגאָלעס, וואָס קענען נאָר דעם „שליאַך״, ווי אַ לאָשעק, און אַ ביסעל ווייטער — ווייסען זיי ניט ווער ס׳האָט זיי „באַטערכעט״...

— געווען איז דאָס...— אַזוי האָט ר׳ סענדער אָנגעהויבען דערצעהלען,—געטראָפען האָט דאָס דאָ אין וועלדעל, פאַר „אַלעקסאַנדריע״, אין וועלכען מיר פאָהרען באַלד אַריין. אַצינד איז דאָס אַ וועלדעל. אַמאָל איז דאָס געווען אַ דעמבענער וואַלד. אַ פינגער ניט אַריינצושפּאַרען. האָט מען איהם אויסגעהאַקט, אַ שריד ופליט איז פון די דעמבעס ניט געבליבען. אַוועקגעפיהרט זיי אין די גרויסע שטעדט, זאָגט מען, צו מאַכען פון זיי מעבעל, זאָגט מען... און אָפּגעוואַקסען איז אַ „דעריגער״

סאָסנע-וועלדעל. זאָלען זיך די וועווערקעס מיט איהם פרעהען!

איז אָט, דורך דעם אַמאָליגען וואַלד, האָט דער טאַטע מיינער, ר' זימעל, עליו השלום, געפיהרט די פּאָטשט פון שקלאָוו קיין אָרשע און פון אָרשע קיין שקלאָוו. די באַהן איז נאָך דענצטמאָל אין אָרשע ניט געגאַנגען. בריעף און פּאָסילקעס זיי-נען געגאַנגען מיטן אָקס אָדער מיטן שליטען. געגאַנגען מיט עטאַפּען: איך — גיב איבער אָרשע, אָרשע גיט איבער סמאָ-לענסק, אָדער אויף וויטעבסק. און אַזוי וויטער און ווייטער, ביז עס דערגעהט צו מאָסקווע און צו „פּייטערבאַרג". היינטיגע צייטען וואָלט מען אַזאַ פּאָטשט גערופען „אָקסען-פּאָטשט". נאָר דאַמאָלסט האָט מען זיך ניט געקענט אָבוואונדערן, ווי גיך „פּראַוויטעלסטווע" שטעלט צו אַ בריעף. כאָטש אַ בריעף פון מאָסקווע — אַהער איז געגאַנגען דריי וואָכען, און פון ניזשני — נאָך לענגער.

איז אָט — פיהרט דער טאַטע, עליו השלום, אַ פולע בויד מיט פּאָסילקעלעך, אַלע מיט אַדרעסען: „ווגאָראָדו" אָט אַזאַ און אַזאַ, „גאָספּאָדינו" אָט אַזאַ און אַזאַ. פיין, ווי ס'באַדאַרף צו זיין... אַ פולע בויד!.. איבערגעצויגען מיט גע-פעכטע לייווענטער איז געווען די בויד. אַזוי האָט „פּראַווי-טעלסטווע" פאַרלאַנגט; פרעמדע פּאָסילקעס זאָלען זיך ניט פאַר-נעצען, די אַדרעסען זאָלען ניט צעשוואומען ווערען.

קאַלט איז גראָד געווען — אַ סכנה. אינמיטען טבת. בוימער האָבען געקלונגען ווי בלעך. די ביינער האָבען גע-קנאַקט. האָט זיך דער טאַטע, עליו-השלום, באַוואָרענט ווי עס געהערט צו זיין: מיט אַ וואַטאָווען לייבעל און מיט געשטעפּטע וואַטאָווע מייטקעס. און פון אויבען — אַ וואָלענע קורטקע מיט אַ פּאָר גראָבע באַלעגאָלישע מכנסים, פערשטעהסטו מיך. און איבער דעם — אַ נייעם שעפּסענעם פעלץ וואָס כאַפּט אַרום די לענדען און לאָזט זיך אַראָפּ אין פאַלדען ביזקעל די פּיאַטעס. און איבערן פעלץ אַ בורקע, פאַרשטעהסטו מיך, פון די אמתע סאָלדאַטסקע סחורה, וואָס מען קויפט אָפּ, פון הינטען-אַרום, ביי

דער „אינטענדאַנסטווע״*) אין מאָהליוו. און איבער דער בורקע
ווייטער אַ פעלץ — אַן אַנטיק זאָג איך דיר. אַן אָפגעטראָגענער
אפילו, אָבער פון יענע סאָרטען פאַררעגענטע און פאַרטריקענטע
פעלצען, וואָס אַז מען טהוט זיי אָן מאַכען זיי אָן אַ רעש און
אַז מען טהוט זיי אויס — בלייבען זיי שטעהן אין ווינקעל, ווי
„אַ סוכה אויף קנעפּ״, מיט אַ מוראדיגען קאָלנער-האָר — אָנ-
שטאָט סכך... און אָט דוקא, אין אָט די דאָזיגע אַמאָליגע פעל-
צען, זאָג איך דיר, איז געבליבען די גאַנצע וואַרימקייט, זאָג
איך דיר!... נו, היינט די שפּיציגע וואַטאָווע היטעל, פון דרוי-
סען מיט באַראַשקע און פון אינווענינג מיט קאַץ, וואָס גליטשט
זיך אַראָפּ ביז איבער די אויערען, אַז ס'איז אַ מחיה. און אי-
בערן היטעל אַ וואָלענער שאַרף, פאַרבונדען מיטן קנופּ אונ-
טערן באָרד. און אַרום שאַרף — די דריי קאָלנערס פון צוויי
פעלצען און איין בורקע צווישען. ועל כולם — אַ קאָזאַצקער
באַשליק מיטן שפּיץ אַרויף. אַ כורעם!.. שאַ... פאַרגעס ניט די
ברייטע שטיוועל, אינווענינג געדעקט מיט האָזען איבער צוויי
פּאָר וואָלענע זאָקען, וואָס דערגרייכען ביז די קניע, און די
גוטע ראַשעיער וואָליקעס — איבער די שטיוועל. אַ הנלפּאַנט,
זאָג איך דיר, וואָלט זיך ניט געמעגט שעמען מיט אַזאַ פּאָר
פיס... היינט די גאַרטלען! צַרום יעדען פעלץ אַן אַנדער גאַר-
טעל, מיט אַן אַנדער קאָליר, כדי ניט צו פאַרקיהלען דעם בויך.
נו, ווייניגער ווי צוויי פּאָר הענטשקעס קען מען דאָך ניט אָנ-
טאָן. לעדערנע און וואָלענע. וכל המרבה הרי זה משובח,
ווער עס טהוט אָן דריי פּאָר ווערט די פינגער אַוודאי ניט אָפּ-
פריהרען! די וואָלענע הענטשקעס — אינווענינג און די לעדערנע
פון אויבען. אַלע נאָר מיט איין גראָבען פינגער. און אַז דער
אָנגעטאָנענער לעדערנער פינגער האָט זיך געטאָן אַ ריהר, האָט
זיך געדאַכט, אַז אַ בלינדע קליאַטשע האָט אַ דרעה געטאָן
מיט אַן אויער. אינגעלוויז האָט זיך מיר דאָס שטענדיג אַזוי
אויסגעדוכט... אָט אַזוי, פאַרשטעהסטו מיך, נחקע, פלעגט מען

*) צושטעלער פון מיליטער.

אַמאָליגע יאָהרען אַרויספאָהרען ווינטער־צייט אין וועג אַריין. ניט ווי די היינטיגע ייִדענע באַלעגאָלטשעקלעך, וואָס טהוען אָן אַ וויבערשען קאַפּטעל מיט אַ פראַנצעוואַטען פעלצעל, מיט אַ טאָטעריש היטעלע, אַ קיילעכדיגס. און הענטשיקלעך שיטע־רינקע, דוקא מיט אַלע פינף פינגער... „דריזשנען“ זיי טאַקע פאַר קעלט ווי די שלח־מנות־טרעגער. „שצאָגעלס“ געוואָרען, צו אַלדי קאַדיק!

איז אָט אַזוי אָנגעטאָן און אָנגעפּעלצט און אַרומגעבונדען פאָהרט ער אַריין, דער טאַטע מיינער, עליו־השלום, אין אָט דעם וועלדעל, וואו מיר פאָהרען איצטער. דער טאַטע זיצט, אָהן עין־הרע, ווי אַ סטאָג היי אויף דער קעלניע; און צו איהם צוגע־טוליעט זיצט אברהמעלע, דער שמייסער זיינער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען! און טרייבט אָן די פערד. פאַר „שו־דאַקעס“ האָבען זיי קיין אָרט ניט געהאַט, ווייל די בויד איז געווען פול־געפּאַקט מיט „פּאָסילקעס“ און מיט פאַרהתמעטע קעסטלעך סחורות פון אָרשער פּאָטשט. אָפּגעפאָהרען ביזקעל מיטען וועלדעל בשלום, ערשט מיט אַמאָל — סטאָי! אַ וועל־בענע פיער געזונטע גוים, אין פּאָדיאָוועס, מיט לאַנגע שטי־וואַלעס, לויפען אַרויס פון ביידע זייטען וואַלד און האַלטען אָפּ די פערד. זיי שרייען עפּעס, סקאַליען די צייהנער אויפן טאַ־טען, עליו־השלום. נאָר שריי היינט, שריי מאָרגען, אַז ער איז אַרומגעוויקעלט, אָהן עין־הרע, מיט דריי קאָלנערס אַרום די אויערען און פאַרבונדען מיט אַ באַשליק. נאָר די שפּיץ נאָז זעהט זיך אַרויס. מיינט דאָך דער טאַטע, עליו־השלום, אַז דאָס ווילען זיי אונטערפאָהרען מיט דער בויד ביז קאָפּוסט — אויפן וועג קיין שקלאָוו. וועט ער עפּעס נעמען מאַכען מחזקות מיט די חזירים? אַז די בויד איז געפּאַקט מיט פּאָסילקעס, און פיהרען פיהרט ער דאָס פאַר „פראַוויטעלסטווע“. איז ער ביי זיך תקיף! גיט ער אַ שטורך דעם „שמייסער“ זיינעם, אברהמלען, און אַ „נוקע“, ער זאָל, הייסט עס, טרייבען די פערד ווייטער און ניט אַריינלאָזען זיך אין שמועס מיט די ערלים. ערשט דאָ דערזעהט דער טאַטע, ניט היינט געדאַכט, אַז ביי זיין „שמיי־

סער״ זיינען אויסגעגלאָצט ביידע אויגען פאַר שרעק. ער גיט אַ קוק אַראָפּ צו די ערלים — יענע ציהען פון די כאָליאַוועס די גוטע מעססערס, און די צוימלעך פון די פערד לאָזען זיי דערווייל פון האַנט ניט אַרויס. און איידער מ׳גיט זיך אַ קעהר־כאַפּען זיך אַרויף צוויי פון זיי אויף ביידע פליגלען פון שליטען און הויבען אָן טרענען די בויך מיט די מעססערס. פון די שניי־טען גיבען זיך אַ שאָט פּאָסילקעלעך אין שניי אַריין, ווי עפּעל פון אַ לעכערדיגען זאַק. קומט אברהמעלע דער שמייסער אַ ביסעל צו זיך. ער גיט זיך אַ שטעל־אויף אויף דער קעלניע, הויבט אָן ציהען די לייצעס און שמייסען די סוסים מיט אַלע כחות, כדי זיי זאָלען זיך ראַפּטום אַרויסרייסען פון די פרעמדע גויעשקע הענט. אָבער בזה הרגע שפּרינגט צו איהם צו, פון הינטען, איינער פון די ערלים וואָס טרענען די בויך און דערלאַנגט איהם, ניט היינט געדאַכט, אַ זעץ מיטן מעסער אין נאַקען. דורך אַלע קאָלנערס איז דער מעסער דורכגעגאַנגען. אברהמעלע איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען אַזוי גוט אָנגעטאָן ווי דער טאַטע. בלויז וואָלענע קאָלנערס זיינען דאָס געווען. האָט דאָס איהם נעבעך געטראָפען אין ריכטיגען אָרט. ער האָט נאָר געגעבען אַ הויב מיט ביידע אָרעמס, גצמאַכט „קככי״, ווי אַ געקוילעטע גאַנז, להבדיל, די לייצעס און בייטש־שטעקעל זיינען איהם פון די הענט אַרויסגעפאַלען און גלייך נאָך זיי — אברהמעלע אַליין. קאָפּ איבער האַלז אונטער די האָלאָבליעס צווישן די פערדישע פיס. ווי אַ מענש, וואָס וואַרפט זיך שווי־מען, איז ער אַראָפּגעפאַלען, און מער קיין פּיפּס ניט געטאָן.

דערזעהט דער טאַטע, עליו־השלום, אַזאַ מעשה — גיט ער זיך אַ בוכצע, ווי גרויס ער איז, מיט אַלע דריי פעלצען און מיט די וואָליקעס אין בויך אַריין, וואַרפט זיך אַרויף מיטן בויך אויף די פּאַסילקעס, קלעמט זיך אין זיי איין מיט אַלע כחות, און שרייט פון די קאָלנערס פון זיינע מיט קולי־קולות, איינמאָל פאַר אַלעמאָל: ער וועט ניט דערלאָזען מען זאָל ראַבעווען „קאַזנאַ״! איינמאָל פאַר אַלעמאָל: דאָס געהערט „קאַזנאַ״!...

הערען עפּעס די גזלנים נתפעל פאַר „קאַזנאַ״!... וואו

קאַזנאַ, וואָס קאַזנאַ? אַז דאָ אין סאַמע אינמיטען וואַלד, מעהר ווי שניי און דעמבעס זעהט מען קיינעם ניט. טרענען די גזלנים אָפּ די גאַנצע בויד, ברעכען אָפּ די רייפען און פּריבען דעם טאַטען, עליו השלום, אַראָפּ־קיקלען פון די פּאָסילקעס. נאָר ריהר איהם און ריהר, להבדיל, אָט דעם בוים פון וואַלד. אַז אַליין איז ער ג־ויס אַ־ן שווער, קיין עין הרע. אויף מיר געזאָגט געוואָרען! און די דריי פּעלצען מיט די שטיוועל מיט די וואַליקעס ווענען אַ־יך עפּעס, האַ? און איינגעקלעמט האָט ער זיך אין די פּאָכילקעס ווי אַ בער, און ברומען ברומט ער פון אַלע קאָ־לנערס ניט מיט זיין קול... האָבען די גזלנים ניט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות און גענומען באַאַרבייטען איהם מיט די מעסערס, וואו ווער עס האָט געקענט דערלאַנגען. איינער אין רוקען, דער צווייטער אין האַלז, דער דריטער אין די פּיס, דער פערטער אין... איך בעט איבער דיין כבוד, פאַרשטעהסט דאָך אַליין, וואו מען מיינט. זיי דאָבען געהאַקט מיט די פיער מעסערס ווי אין קרויט אַריין. נאָר, געה, נעם דורך דריי פּעלצען, מיט לייבלעך, מיט קאָלנערס, מיט קורטקעס! די אייזערנע שפּיצען האָבען זיי צעבויגען, די בלאַנקע שאַרפען האָבען זיי צעראַצט, ביזן הייסען שוויס האָבען זיך די גוים אָנגעהאָרעוועט און מעהר ווי די הויט, געלויבט דער אויבערשטער, האָבען זיי דעם טאַטען, עליו־השלום, ניט צעשטאָכען. ליגט דער טאַטע אונטער זיינע פּעלצען מיטן רוקען צרויף און פּיהלט, אַז דאָס בלוט רינט איהם אונטערן העמד אין וואַרימע ריטשקעלעך. נאָר ער ריהרט זיך ניט פון אָרט און שרייט אין איין קול: „ס׳איז פּאַר קאַזנאַ! ראַטעוועט!... ראַטעוועט!... ס׳איז פּאַר קאַזנאַ...“ ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען און ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקעל. אַ צווייטע בויד איז אָנגעפאָהרען אַנטקעגען, פון שקלאָוו אויף אָרשע. און געזעסען זיינען אין בויד ניט קיין אַנדערע ווי יאָשע קאַזיאָל מיט די בנים מיט זיינע. קוש ע־בראַנד קענכטו? איז דאָס איינער פון זיינע בנים. זיין טי־ערגר מוזינקעל איז דאָס. אַ סך שפּעטער איז ער ביי יאָשען געבוירען געוואָרען. נאָר ס׳איז געווען אַ שעהנע חברהצקע אָהן

איהם אויך! אַריינפּאַלען צו זיי צווישען די פינגערלעך איז גאָר ניט געווען פון די געשמאַקע זאַכען. האָבען אָבער די גזלנים ניט געוואַרט ביז מען וועט זיי אָנטאָן כבוד און זיינען זיך צעלאָפען. גוט זוך דעם פאַר-אַ-יאָהריגען שניי!

האָבען יאָשע קאַזיאַל מיט די בנים אָפּגעפיהרט דעם הרוג, אברהמלען נעבעך, מיטן טאַטען קיין קאָפּוסט, צוועלף וויאָרסט פאַר שקלאָוו. מילא אברהמלען, אונז צו לאַנגע יאָהר, איז שוין ניט געווען וואָס צו מינטערען. די צונג איז איהם, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געווען אַרויסגעהאַנגען. ער איז שוין לאַנג געווען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, פאַרקיהלט נעבעך און האַרט ווי קאָרע. האָט מען זיך גענומען צום טאַטען, עליו-השלום. ער איז געלעגען אַ געחלשטער. אַז מען האָט איהם גענומען אויסטאָן די פאַרבלוטיגטע פעלצען, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט אַביסעל און גענומען יאָמערן: „אַי, אַי, צעשניטען דעם נייעם פעלץ! אַזאַ נייעם פעלץ צעשניטען!...“ מאַכען צו איהם די באַלעגאָלעס, יאָשע מיט די בנים הייסט דאָס: „זאָרגט זיך ניט, ר׳ זימעל, פאַרן פעלץ, זאָרגט זיך בעסער פאַר אייער הויט!...“ „מיין הויט, מאַכט דער טאַטע, עליו-השלום, און שאָקעלט מיטן קאָפּ, וועט זיך מירצעשעם פאַרהיילען. אָבער דער פעלץ! אַזאַ פעלץ!...“ און פאַלט ווייטער אין חלשות. פון וועהטאָג און צוטומלעניש האָט ער אויף אברהמעלע זיין „שמייסער“ אינגאַנצען פאַרגעסען. ער איז נעבעך צַליין אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. פון קאָפּ ביז קעל די פיס איז ער געווען צעשטאָכען. האָט מען איהם גענומען מינטערען און אָפּרייבען זיין נאַקעטען לייב מיט בראַנפען. אַמאָליגע רפואות! טשוכעט זיך דער טאַטע, עליו-השלום, אויס פונם שאַרפען ריח און פונם ברענען און זאָגט צו די באַלעגאָלעס אַזוי:

— „וואָס גיסט איהר מיר עפּעס אַזויפיעל משקה פון דרויסען? גיסט מיר בעסער אַריין אינווייניג...“ כע-כע-כע! אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט, עליו-השלום: „וואָס גיסט איהר מיר עפּעס דרויסען?...

„שמענדריקע“, דאָס אינגסטע פערדעל, האָט דערוויילע גע-

גומען פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען און שצירען מיט ר׳ גרויסע צייהן פון אונטער דער אויבערשטער ליפּ. האָט זיך נח פאַנדרען, ר׳ סענדערס שמייסער, אויסגעדוכט, אַז שמענדריקע הערט זיך אויך צו צום סוף פון דער מעשה, און העלפט ר׳ סענדערן לאַכען פון זיין טאַטענס חכמה. האָט ער איהם ניט־פאַרגינעריש שטאַרק אַ ציה געטאָן ביי דער לייצע און אַ געשריי געטאָן:

— ניאָ, ניאָ, ממזר! דיין עסק אפשר? ניאָ, ניאָ!

און האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז ביסלעכווייז הויבט ער זיך אָן צוגעוועהנען רעדען מיט די פערד, אַזוי ווי ר׳ סענדער זיין באַלעבאָס. אַביסעל אין כעס, וואָס שמענדריקע האָט איהם איבערגעשלאָגען אינמיטען צוהערען זיך, האָט ער איהם נאָך מוסיף געווען מיטן בייטש איבער דער ליטקע און נייגעריג אַ פרעג געטאָן ביי ר׳ סענדערן:

— איז ער, הייסט דאָס, געבליבען גאַנץ, ר׳ זימעל, דער טאַטע אייערער!

— גאַנץ ווי אַ ריבען! עליו־השלום... די דריי פעלצען האָבען איהם דאָך גאָר געראַטעוועט! אַ הייגטיגער באַלעגאָלע, אין אַ היינטיגען פעלצעלע זאָל דאָס באַקומען אַזאַ פאָרציע מעסערס — וואָס וואָלט פון איהם געבליבען? געהאַקטע „קאָנקלעטען" וואָלטען פון איהם געבליבען... די פּאָסילקעלעך, פרעגסטו? — פון זיי האָט אויך קיין האָר ניט געפעהלט. אַלע גאַנץ געווען. אַז דער מאָהליווער פּאָטשטמייסטער האָט דערהערט די מעשה, ווי אידען האָבען זיך מוסר־נפש געווען פאַר „קאַזנאַ", האָט ער געהייסען אַרויסגעבען „נאַגראַדעס". דעם טאַטען, עליו־השלום, צעהן זילבערנע רובעל, און דער אלמנה פון שמייסער — אַ בלאָהינקען פינף־און־צוואַנציגער. ניש־קשה, ס׳איז איהר צעגונג געקומען!...

יאָ, אַמאָל האָט פראַוויטעלסטווע געלעבט בעסער מיט אידען. היינט וועלען זיי דיר אויך געבען פיהרען פאָסילקעס! נאַגראַדעס וועלען זיי דיר געבען!... נאָר אברהמעלע, נעבעך, איז שוין פון דער נאַגראַדע ניט געהאָלפען געוואָרען. ליגט אויפן

קאַפּוסטער בית-עלמין, אין די פאַרבלוטיגטע קליידער האָט מען איהם, נעבעך, מקבר געווען. אַזוי האָט זער רב געהייסען...

— אוי, אוי, באַלעבאָס! — קראַצט זיך פאַנדרע מיטן בייטש-שטעקעל אונטער דער וואַטאָווער ווינטער-היטעל, — געדאַרפט אָנ-טרעפען אויף מיר, די גזלנים! וואָלט איך מיט זיי געלערענט בלק, וואָלט איך...

— באַלעבעטשע ניט! — האָט אויף איהם סענדער אָנ-געשריען. — עס געהט צו נאַכט. אין אַ בייזער שעה זאָל ניט זיין אויסגערעדט... ניאָ, ניאָ! — האָט ער זיך מיט אַ כאָל צעשרי-ען אויף „שמענדריקען", סמאָרקע מיר ניט מיט דיינע „פּימ-פערלעך" און קוק זיך מיר ניט אום, ווי אַ נייער חזן אויף קהל!... פאַר „קאַפּוסט" וועל איך דיר קיין האָבער סיי ווי סיי ניט געבען!...

.2

אַ מעשה מיט אַ בער.

עטליכע וויאָרסט פאַר קאַפּוסט איז שוין געוואָרען גאַנץ פינסטער. נאָר דער שניי אויף די לאַפּעס פון די נאָדעל-בוימער האָט נאָך בלאַס געלויכטען. אַ פרעסטעל האָט דורכגענומען דעם ווייכען שניי אויבען שליטאַך, און די בויד האָט זיך גוט גע-גליטשט.

און ר' סענדער האָט דערזעהן מיט וואָס פאַר אַ נייגיר נח פאַנדרע הערט זיך צו צו זיינע רייד, האָט ער זיך אונטער-געוואַרימט מיט אַ גוטען שמעק טאַבאַק און האָט דערצעהלט אַ צווייטע מעשה:

— און אָט-אָ-דאָ אין וואַלד, פאַנדרע, ווי דו קוקסט, האָט זיך אַמאָל „פאַרנאַדיעט" אַ בער... אַן אכתער בער! דו ביסט נאָך דענכטמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. איך אַליין בין נאָך געווען אַ אינגעל, אָקאָרעט נאָך „בר-מצוה". האָט דער טאַטע, עליו-השלום, גענומען זוכען פאַר מיר אַ תכלית, מאַכען מיך

פאַר אַ באַלעגאָלע, נעמען מיך אויף דער קעלניע. אַפרי-הער — ביזקעל קאָפּוסט און צוריק, דערנאָך — ביז אַלעקסאַנ-דריע, דערנאָך ביז אָרשע. ביז וואַנען איך האָב מיך צוגע-וואוינט. וואָרים אין אָנהויב האָט מיר אויסגעטרייסעלט די נשמה. בויכוועהטאָג האָב איך געקראָגען פון די רעדער, און שווינדלע-ניש — פון דעם שליטען. כ'בין ערשט אַרויס פון ישיבה, וואו כ'האָב, פאַרשטעהסטו מיך, געלערענט אַ בלאַט גמרא. בין איך געווען שוואַך פון שטענדיג זיצען ביי דער הרובע. און ביז די לופט אין פעלד האָט מיר „פּאַליובעט", איז אַריבער אַ שטיק צייט. און אָט... ווי איך דערצעהל דיר, האָט זיך דאָ פאַרפיהרט אַ בער. אַלע האָבען פון איהם געהערט און קיינער האָט איהם ניט געזעהן. עפּעס אַ פּאַסטוך האָט פון איהם דערצעהלט, אַ קעלבעל האָט ער איהם צעריסען. נאָר וואו, וואָס, ווען? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. דער פריץ פון „הויפעל" איז אַרויס אויף אַן „אָבלאַווע" מיט הינט און מיט יעגער און מיט ביקסען, ווי עס באַדאַרף צו זיין. געשמעקט, געזוכט, געגישטערט. דריי טעג און דריי נעכט, געבראָכען די ביינער די גוים און געשמיסען די גויות אין אַלע דערפער, וואו ער איז דורכגע-גאַנגען, אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דעם בער האָט ער פאָרט ניט דערטאַפּט. איז שטיל געוואָרען. און די מעשה מיט דעם צעריסענעם קעלבעל איז פאַרגעסען געוואָרען. מאַלע וואָס אַ פּאַסטוך אַ שכור דערצעהלט! אפשר איז עס גאָר געווען אַ וואָלף און אפשר איז גאָר קיין קעלבעל ניט צעריסען געוואָרען, אפשר האָט דאָס דער פּאַסטוך אַליין געמאַכט בורא-מיני-מזונות איבער דעם קעלבעל. ער, זיין גויע מיט זיינע ממזרים. איבער-געלאָזען פיסלעך מיט אויערען און געמאַכט אַ געוואַלד. מען קען אַזעלכע מעשות!...

דאַרף זיך אָבער טרעפען. אַז דער בער זאָל טשיקעווען דוקא אויף אונזערע פערד, גראָד אויף אונזערע. נאָר דער אוי-בערשטער האָט אונז מציל געווען. אַ נס פון הימעל געווען. אָט וועסטו באַלד הערען!...

און וויסען דאַרפסטו, אַז אָסיען-צייט, איידער רבי „בער"

מיט זיין טייערער פוטער בעט זיך אויפן גאַנצען ווינטער און לעגט זיך אָפּרוהען אין זיין נאָרע מיט דער לאַפּע אין מויל — האָט ער ליעב גוט אַריינצעאכלען. ווי ס׳געהערט צו זיין. ס׳זאָל איהם קלעקען אויף גאַנצע פינף חומשים... איז איידער ער פאַרפאַסט זיך, ווערט דאָס אַ גזלן, אַ ראַזבאָיניק, אַ „הלע־טנו״, אַ פרעסער און אַ זויפער. די וועלט איז איהם וועניג. דערטאַפּט ער אַ ווילדען ביהנשטאָק אין וואַלד, פאַרמאַכט ער די אויגען מיט כונה, כדי די ביהנען זאָלען איהם ניט בייסען, און פרעסט אויף די האָניג מיט דעם וואַקס מיט די אייעלעך פון דער „מאַטקע״, אַלץ מיטאַנאַנדער. מייז איז מייז; און ניסלעך איז ניסלעך, און געפּגרטע פישביים ברעג טייך איז אויך רעכט. אַבי אָנשטאָפּען די בערישע קישקע. דענסטמאָל איז אַ גרויסע סכנה צו באַגעגענען זיך מיט איהם. דערטאַפּט ער אַ פאַרבלאָנדזשעטע בהמלע, קוילעט ער זי אַוועק מיט איין פאַטש פון דער לאַפּע. דעם ערשטען טאָג עסט ער אויף איהרע אייטער מיטן לעבער מיט די נירען. דעם טאַטען זיינעם וועט דיר רבי „בער״ פאַרקויפען פאַר אַ פּאָר נירען!... ס׳איבעריגע פאַרשאַרט ער צווישען קוסטעס און קומט אויף מאָרגען אַן אויסגערוהטער. אַן „אויסגעפאָפּענער״ און פרעסט ווייטער, מיט פאַרשטאַנד און מיט ישוב־הדעת. אַזוי עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז עס בלייבט ניט קיין שריד ופליט פון דער גאַנצער בהמלע...

פאָהרען מיר אַזוי, דאָ, נאָך קאָפּוסט, מיטן טאַטען, עליו־השלום. דער אָסיען־וועג איז שלעכט און אויפן האַרצען איז שפּלדיג. די בלעטער פאַלען, די פערד — קוים וואָס זיי שלעפּען זיך אין בלאָטע. ניט געווען דעמאָלסט היינטיגע שאָסייען. גלאָט אַזוי זיך געווען אַ וועג, דורכגעריבען פון גויעשקע פוהרען, מיט גריבער און מיט גאַנצע כאַלדען קויט, שמאָל און טיעף צווישען די בוימער. געווען ערטער, וואו די פוהרען האָבען גע־מוזט אָפּוואַרטען ביז די אַנטקעגען־געקומענע וועלען דורכפאָהרען.

שלעפּען מיר זיך אַזוי, גראָד אויפן ש״עכטסטען שטיק וועג, צווישען צוויי ווענט מיט הויכע בוימער. און מיט אַמאָל

דערהערען מיר הינטער זיך אַ טרומייט מיט אַ קנאַק פון אַ נאַהייקע. וואָס איז? דרייען מיר זיך אום און כאַפּען אַ קוק הינטערן בויד — ערשט, ס'איז אַ „שטאַפּעט"! דעם פּריצס אַ דינער. פון „הויפעל" געשיקט עפּעס איינקויפען אין אָרשע, אָדער אָפּשיקען פּ. רחתמעטע בריעף קיין מאָסקווע. דער שוואַרץ יאָהר ווייסט איהם דאָרטען! נאָר געפלויגען איז ער, דער „שטאַפּעט", רייטענדיג אַ צעהיצטער, אַ פאַרפלאַמטער. אָנגעלאָפען אויף דער ברייטער בויד אונזערער, האָט ער גענומען שמייסען מיט דער נאַהייקע און טרומייטערען אויף איהר מיט אַ ווילדער רציחה. פונקט ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך. מיר זאָלען פאָהרען גיכער, האָט דאָס געהייסען, וואָרים ער קען ניט דורכפאָהרען. נאָר געה, טרעט איהם אָפּ דעם וועג אין איין מינוט! אַז פון איין זייט שטעהען דעמבעס מיט גליטשיגע, הויבע וואָרצלען און פון דער צווייטער זייט ציהט זיך אַ קאַנאַווע — פול מיט וואַסער. קיין פרייער שפּאַן ערד ניט געווען, וואו זיך אַ קערעווע צו טאָן. דערזעהן, אַז דאָס טרומייטערען און שמייסען הינטער דער בויד העלפט ניט — האָט דער „שטאַפּעט" גענומען זידלען זיך אין טאַטען אַריין און אין דער מאַמען אַריין און אין דער מאַמעס מאַמען אַריין, אַלץ אויפן גויעשקען שטייגער. און — „זשידי!" און „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!" און „אַטראָדיע זשידאָווסקע"... און נאָך אַזעלכע שעהנע ווערטלעך. לסוף איז ער זיך מיישב, כאַפּט אַרויס אַ פּיסטאָל און שיסט אויס... אין דער לופטען אַפּנים. וואָרים ס'האָט קיינעם ניט געשאַדט. נאָר אַ הילכיגער ווידער-קול האָט געענטפערט פון וואַלד אַרויס. און כ'וואָלט געמעגט שווערען, אַז עפּעס האָט דאָרטען אַ ברום-געטאָן באַלד נאָכן שאָס. אָבער ווען זאָל ליגען אין קאָפּ צוצוהערען זיך, אַז דאָ פון הינטען, יאָגט און פלאָגט אַן ערל מיט אַן אמתען פּיסטאָל אין האַנט און שרייט אויף די צייהן: „דראָהו! זשידי!" אַז ניט וועט ער באַלד דערשיסען אי אונז, אי אונזערע קרעציגע פערד...

דערהערט דעם שאָס מיט דעם ווידער-קול פון וואַלד, איז דער טאַטע, עליו-השלום, גרין געוואָרען ווי אַ בלאַט. האָט ער

זיך איינגעהויקערט און גענומען שמייכען די פערד מיט אַלע כּוחות, גענומען זוכען אַ ברייטערען אָרט, וואו צו נעמען זיך אָן אַ זייט. און דאָ שיקט אונז גאָט צו אַ „סטיעזשקע“, וואָס פאַרנעמט זיך פון שליאַך בּאַרג־אַרויף און אין דער קרום, ווי אַ קלין*) אין וואַלד אַריינגעשטאָכען. גיט דער טאַטע אַ ציה מיט ביידע לייצעס און אַ טרייב אַריין די פערד מיט אַ האַלבער בויד אין דער קרומער סטיעזשקע אַריין. בּלייבען מיר אַזוי שטעקען ניט אַהער און ניט אַהין. און דעם פריצס „שטאַפּעט“ צעיאָגט זיך, לויפט דורך, ווי אַ בּליץ, און איז נאָך מכבּד, פאַרבּייריייטענדיג, דעם טאַטען, עליו־השלום, מיט דער נאַהאַיקע איבּערן קאָפּ. שיער אַן אויג איהם ניט אַרויסגענומען. קאַראַבּקען מיר זיך, מיט בויד און פערד, אויף צוריק, וואו, וואָס! די פערד שטעלען זיך דיבּאָם און די רעדער גיהען ניט. נאָר דער „שטאַפּעט“ אַליין פאָבּריקעוועט צאַינד פּראַנק און פריי אויפן שליאַך, און אונז געלאָזען שטעקען אין סטיעזשקע, ווי אין קלעם. האָפּ, האָפּ, האָפּ! ער רייט אַוועק און טרומייטערט, דאַכט זיך. איז איהם דאָך גאָר וואויל ווי די וועלט!.. האַ? נאָר מיט אַמאָל דערזעהען מיר, אַז עטליכע קלאַפּטער הינטער איהם רייסט זיך עפּעס אַרויס אַ שוואַרצע חיה פון צווישען די בּוימער. ווי אַ כמאַרע האָט זי זיך אַרויסגערוקט און האָט זיך צעזונערט: „בּו־הו־הו!..“ מיט עטליכע שפּרונג האָט זי אָנגעיאָגט דעם „שטאַפּעט“, אַרויפגעוואָרפען זיך אויפן הינטען פון זיין פערד, און מיט ביידע פאָדערשטע לאַפּעס אַ ריס געטאָן צו זיך. און וואו רבּי „בּערעל“, פאַרשטעהסטו מיך, גיט אַזאַ ריס מיט ביידע לאַפּקעלעך, וועט שוין קיין גראָז אויף דעם אָרט מעהר ניט וואַקסען. אַ געמויערטע וואַנט וועט ער דיר אומוואַרפען, ניט נאָר אַ ל׳בעדיגע זאַך. האָבּען מיר טאַקע גלייך דערזעהן, אַז דער פערד האָט זיך אין מיטען גאַלאָפּ געשטעלט דיבּאָם, מיט אַ צעפּלאָשעטער גריווע און מיט אַ צעשפּרייטען עק. ער האָט נאָר מוראדיג אַ הירזשע געטאָן און

*) קייל.

איבערגעקוליעט זיך אויף הינטען, מיט זיין רייטער, מיט דעם טרומייט און מיט דער נאַהאַיקע, קאָפּ-אַראָפּ צוזאַמען. נאָר דער „שטאַפּעט" איז, ביים פאַלען, אָפּגעוואָרפען געוואָרען אָן אַ זייט, און פון אונטער דעם צעקאַליעטשעטען פערד האָט זיך די שוואַרצע חיה ווידער אַמאָל אַרויסגעריסען, אַ טרייסעל געטאָן מיטן קאָפּ, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, ווי אַ גידול אַ מענש, להבדיל, און מיט איין זעץ האָט זי דעם פערד אויפגעשפּאָלטען דעם בויך און אַרויסגעלאָזט איהם אַלע קישקעס. דאָס פערדעלע האָט נעבעך גלייך גענומען מאַכען מיט די פיס, ווי אַן איבערגעדרעהטער זשוק... אַ רחמנות געווען צו הערען זיין כאָרכלען און הירזשען פאַר דער גסיסה. אַ רגע האָט דאָס געדויערט. נאָר מיר האָבען דאָס אַלץ געזעהן, פון דער הויך, פון דער קעלניע אַראָפּ; און די סטיעזשקע, וואו מיר האָבען זיך אַריינגעקלעמט, איז אויך געווען אַ סך העכער פון שליאַך... זעהען מיר, ווי דער ערל, דעם פריצס שטאַפּעט, ליגט דאָרטען, אויסגעצויגענערהייט, עטליכע טריט פון בער, ווי ביים טאַטען אין ווייגאָרטען. און ניכאַי וואָלט ער נאָך געשוויגען און אַוועקגעקראַבקעט זיך — שרייט ער נאָך דער חזיר: „ראַטויטשאַ!"...*)

פאַרגעסט רבי בער דעם פערד, מיט דעם אָפּענעם לונג-און לעבער, און לאָזט זיך געהן צום ערל. ער וואָלט איהם אודאי דורס געווען, גלייך אויפן אָרט, פאַר זיינע גוואַלדען. רבי בער האָט פיינט, אַז מען שטערט איהם אינמיטען דער סעודה. אָבער איין לאַפּע זיינע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינם פערדס געדערים, אַ בלוטיגע קישקע האָט זיך איהם פאַרדרעהט אַרום די נעגעל ווי אַ רויטער מאָטיק פאָדים. פאָכעט רבי בער מיטן קאָפּ און מיט דער לאַפּע, ווי אַ מענש, להבדיל, וויל זיך אָפּטרייסלען פון גליטשיגען פּלאָנטער און ריטשעט מיט רוגזה. אויף אונזערע פערד ציטערט די שקורע פון רבי בערעלס „זמירות". אַ שוויס האָט פון זיי אַרויסגעגעצט, די קצם הא-

---

*) ראַטעהטעס!

בען זיי באַהאַלטען צווישען די פיס און שנאָרכען מאַ״ימ־
דיג... דערזעהט אָבער גלייך דער טאַטע, עליו־השלום, אַז אַ
מענש איז אין ככנה. אַן ערל אפילו, וואָס שיסט און שלאָגט
זיך, אַ גוי אַ פּאַרך, נאָר אַ מענש! פאַרגעסט ער אויף זיינע
אייגענע פערד און אויף מיר אַליין, להבדיל, כאַפּט אַרויס פון
בויד עפּעס אַ לעדיגע בלעכענע כלי, שפּרינגט אַראָפּ פון קעל־
ניע און הויבט אָן צו טראַסקען אין בלעך מיטן בייטש־שטע־
קעל. הימעל עפּען דיך! אָט אַזוי טראַסקענדיג מיט אַלע כוחות,
לאָזט ער זיך לויפען צום ערל און צום בער. און אַ טאַראַראַם
האָט ער אָנגעמאַכט מיט זיין בלעך — מתים וואָלט ער געקענט
אויפוועקען. אין וואַלד הילכט אָפּ, פאַרשטעהסטו מיך, אַזאַ
ליאַרעם פון אַ בלעכערנעם פויק אַ סך שטאַרקער.

דערהערט אַזאַ מזמור — האָט זיך רבי בער גלייך אַראָפּ־
געלאָזט אויף אַלע פיער. נאָר איין רגעלע האָט ער זיך אומ־
געקוקט אויף הינטען, אַ ציה געטאָן לופט מיט זיין חזירשען
שנוק און געכאַפּט לויפען הינקענדיג אויף די קרומע לאַפּעס
אַראָפּ שליאַך. ווי אַ פלימעניק נאָך ירושה איז ער געלאָפען!
געווען אַ טריאַטער צו קוקען ווי ער האָצקעט זיך אַוועק אַזוי
גיך־גיך, מיטן ברייטען הינטען. אָקאָרשט אַ מוראדיגע חיה און
מיט אַמאָל גאָר אַ דערשראָקענע הינקענדיגע אידענע... האָסט
אפשר געזעהן ווי עלקע די גבאיטע, מיט דער קורצער פיסעל,
האָט זיך געלאָזען לויפען מיט איהר פולען קאָשעק אין מאַרק...
אָט דעמאָלסט, בשעת די „ציִשיליסטען״ האָבען אין שקלאָוו גע־
וואָרפען באָמבעס לעבען דער „קאַכעלניע״ און אין מאַרק איז
געוואָרען אַ בהלה... האָסט נאָך אפשר געהערט ווי זי האָט גע־
שריען אַוועקהינקענדיג: „אָי, אידען! צו מיינע קראַנקע פיס
פּאַסט נאָך מען זאָל מיר געבען מיט אַ באָמבע!..״ אַ! אָט
פונקט אַזוי האָט אויסגעזעהן רבי בער אַנטלויפענדיג אויפן אַר־
שער שליאַך. און אינמיטען דערינען איז ער זיך מיישב, רייסט
זיך אַריין אין וואַלד אָן אַ זייט, און ניטאָ. באַהאַלטען זיך...
נאָר סימנים נאָך זיך האָט ער י אָ איבערגעלאָזען... גאָר פיינע
סימנים! וואָרים רבי בער, דאַרפסטו וויסען, אַז ער דערשרעקט

זיך פלוצלינג, קריגט ער גלייך אויפן אָרט אַ שוואַכן מאָגען, ווי אַן עלטערער פּראַקטיקאַנט, וואָס באַקומט אַ ידיעה, אַז מען האָט איהם אַנגעזעצט... דער טאַטע, עליו-השלום, האָט מסתמא דעם סוד געוואוסט און איז איהם צריינגעפּאָהרען, רבי בערען, מיטן בלעכענעם באַראַבאַן אינמיטען אָנבייסען...

דערזעהן, אַז די חיה איז אַנטלאָפען, האָב איך זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, אַז אָפּגעשפּרונגען פון דער קעל-גיע און געלאָפען העלפען דעם טאַטען. קודם כל האָבען מירביידע גענומען דעם „שטאַפּעט" פאַר די הענטעלעך, אויפגע-הויבען איהם און אַוועקגעפיהרט איהם צו אונז אין בויד אַריין, ער האָט געבויטשעט מיטן קאָפּ, אויסגעלונקען זיך, אַפּנים, האַלז-און-נאַקען פאַלענדיג פון פערד.

דערנאָך, אַז דער ערל איז אַ ביסעל געקומען צו זיך, האָט ער זיך צערעוועט, האָט ער זיך. וואו פריהערדיגע רוגזה, דער גאַנצער פּאַראַד מיטן טרומייטער? איצט האָט ער שוין געטרומייטערט אויף די אייגענע כלים. אויסגעווישט זיך די אויגען מיטן אַרבעל, אויסגעסמאַרקעט זיך — האָט ער זיך נאָך אַ ביסעל געריבען דעם נאַקען, אויפגעשטאַנען און געהאָלפען אונז אַרויסשלעפּען די פערד מיט דער בויד פון דער סטיעזש-קע, וואו זיי האָבען זיך פאַרקלעמט, טאַקע דורך זיין שיסעריי און דורך זיין נאַהאַיקע, מיט וועלכע ער האָט דעם טאַטען, עליו-השלום, אָנגעשראָקען. נאָר ס'איז געווען אַ נס. מיר האָ-בען באַשיינפערליך געזעהן, אַז דעם ערל אויפן פערד האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט, ווי אַ רפואה פאַר דער מכה. וואָרים ווען ער, דער חזיר, פאַרלויפט אונז ניט דעם וועג, וואָלט רבי בער אונזערע אייגענע פערד אויף שטיקער צעריסען, און אפשר, חס ושלום, אונז אַליין.

קוים מיט צרות אַרויסגעפיהרט די פערד אויפן שליאַך — איז געבליבען, אַז מען זאָל זיך פאַרקירעווען צוריק קיין קאָ-פּוסט. וואָרים דער בער האָט זיך געקענט ערגעץ-וואו פאַר-טאַיען, אויף אַרשער וועג, און טשיקעוועט אויף אונז. געזאָגט —

געטאָן, אַ קנאַק מיט דער בייטש און צעיאָגט די פערד אויף אַלע רגלים, צוריק קיין קאָפּוסט.

אין קאָפּוסט איז גלייך געוואָרן אַ געפּילדער: „ר׳ זימעל צוריקגעקומען! אַ שטאַפּעט! אַ בער!..״ די מעשה האָט פאַרקלונגען גאַנץ שטאָדט. דער פּריסטאַוו איז גלייך געקומען צולויפען אין צען פאַנאַנדערפרענען. ס׳האָבען זיך צוזאַמענגענומען גויים מיט העק, מיט ווידלעס, מיט קאָסעס און מען האָט זיך בקאָמפּאַניע אַוועקגעלאָזען אויפן אָרשער שליאַך. נאָכגעגאַנגען איז מען נאָך די צייכענס פון שיטערע מיסט, וואָס רבי בער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזען. ער האָט זיך גאָר-גאָר באַנאַרישט רבי בער. עטליכע וויאָרסט ווייטער, נאָך דער פאַדלע פונם צעריסענעם פערד, האָט מען איהם דערטאַפּט דעם תנא-ברא, ווי ער פאַרגראָבט זיך אין אַ נאָרע צווישען קוסטעס און ברומט, אָפּגעשוואַכט פון שרעק און פון קראַנקען מאָגען... האָבען איהם די גויים געטאָן זיין רעכט. אָפּגערעכנט זיך מיט איהם פאַרן פערד, פאַרן „שטאַפּעט״, פאַר אונז אויך. די פעל זיינע האָט אָפּגעקויפט דער פריץ פון הויפּצל. און זיין פלייש האָבען די גויים צעטיילט צווישען זיך, גערויכערט און געפרעסען און פאַסמאַקעוועט זיך. זיי זאָגען, די גויים, אַז בערישע ליטקעס זענען זיס ווי צוקער. טפו! געה גלויב זיי!.. נו, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט געקראָגען פון פריץ אַ פּאָר קערבלעך מיט אַ פּאַטש איבערן פּלייצע. אַ דאַנק, הייסט דאָס, פאַרן „שטאַפּעט״, וואָס ער האָט איהם אָפּגעראַטעוועט. דער געראַטעוועטער ערל אַליין האָט איהם פאַר די היטצל געריסען, גענייגט זיך און געבוקט זיך, וואו נאָר ער האָט דעם טאַטען באַגעגענט. אַז ער האָט חתונה געהאַט, דער גויעץ, איז ער, מיינסטו, אפשר ניט אַראָפּגעקומען צום טאַטען מיט זיין פלוניתטע, מיט אַ פלאַש ווישניאַק, און געקלאַפּט זיך אַ האַלב-שכורער אין האַרצען: „ווען ניט דו, „זימליאַ״ (זימעל) וואָלט איך שוין לאַנג געלעגען אין דער ערד מיט די ביינער מיט מיינע טריפהנע. דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפט מיטן בער פאַר מיין שמיץ מיט דער נאַהאַיקע, זימליאַ...״ אַזוי האָט ער זיך, דער ערל,

געקלאַפּט על־חטא פאַר זיין יונגער פלוניתטע אין די אויגען און געווישט זיך די טרעהרען... שאַ! נח, „דזשירקעליכען" אונ־זערער איז, דאַכט מיר, קאַלט געוואָרען. זי כאַפּט שוין מיט אַ זייטעל, די אַלטע שקראַבע. דו זעהסט דאָך, זי וואָלט שוין געוועזן אַ בעלן אָנטאָן אַ סאַמעטענע קאַפּאָטע מיט חאַלעוונע פלודערען. ניאָ, ניאָ, טראַנטשיכע!

פון דער מעשה איז געוואָרן אַן אמת.

.1

נאָך קאָפּוסט איז דער וואַלד געוואָרן געדיכטער, און די נאַכט איז צוגעפאַלען. סענדערס בויד, פול מיט סחורות, האָט זיך געגליטשט אויפן שאָסיי, צווישן צוויי גרינע מויערן פון סאָסנעס, באַלאָדענע מיט שניי. סענדערס פערדלעך, אַלע דריי, האָבן דערפיהלט, אַז דעם גרעסטען טייל וועג איז מען שוין דורכגעפאָהרען, זיינען זיי געוואָרען פרעהליכער אויפן לויף. בפרט „שמאַרעוואָז", דער פרעסער, וועלכער איז געשפּאַנט געוועזן אין די האַלאָבל׳עס צווישען „דזשירקעליכען" — סענדערס קליאַטשע — און צווישען זיין יונגען תכשיט „שמענדריקע". „שמאַרעוואָז" האָט שוין דערפיהלט, מיט צעהן וויאָרסט פריהער, די וואַרימע שטאַל און דעם פולען צעבער מיט האָבער, אָהן „סעטשקע"... האָט ער זיך פון באַגייסטערונג געשמיסען מיטן ברו־נעם עק איבער די ווייסע פיס אין געלע „עפּעל" און געשטאַרעט זיך, געצויגען מיט אַלע כחות. נח פאַנדרע, וואָס האָט שוין געקענט אַביסעל אַלע שטיק פון סענדערס סוסים און געלערענט זיך רעדען מיט דעם באַלעבאָס ווערטלעך, האָט שמאַרעוואָזן" אַ פּיק געטאָן מיטן בייטש־שטעקעל אין הינטען און אַ זאָג־געטאָן צו סענדערן אַזוי:

— הען, ווי ער שטעלט רגלים! ס׳האָט זיך אין איהם צעשפּיעלט די טרפהנע קישקע...

ר׳ סענדער האָט אָבער אַ שמעק געטאָן טאַבאַק און איהם גאָרניט געענטפערט. ס׳האָט איהם אַ ביסעל פאַרדראָסען פון פריהער, וואָס נח נעמט זיך ניט שטאַרק צום הארצען ניט דעם געשטאָרבענעם „שמייסער״, וואָס גזלנים האָבען געהרגעט ביי סענדערס טאַטען אין בויד, ניט דעם טאַטענס וואונדען, ניט דעם טאַטענס המצאה מיטן בער... פאַנדרע האָט זיך אפילו גוט צוגעהערט, מיט ביידע אויערען, מיט דרך-ארץ. גאָר אָהן אַי-בעריגע התפעלות! פאַרקערט, ער האָט גאָר געזאָגט, דער קצב-יונג, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט די גזלנים, אנשטאָט אברהמצלע-שמייסער, וואָלט ער מיט זיי געלערענט בלק...

— אַ שטיק שטיין! — טראַכט ביי זיך ר׳ סענדער און כאַפּט אַ קוק, פון דער זייט, אויף פאַנדרעס פּלייצע, אויף זיין איינגעטוליעטען פּנים. — אַלץ איז ביי איהם האַרט און בולט, ווי געגאָסען פון טשוגון. אַ קצב-יונג בלייבט אַ קצב-יונג.

איין זייט בוימער האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט פון וועג. אַ וויסט שטיקעל פעלד האָט זיך גענומען ציהען ביי דעם דאָ-זיגען זייט פון שליאַך. ס׳איז געוואָרען נאָך טונקעלער און כמורנער. ס׳האָט געפעהלט, פון איין זייט, דער שנייַ אויף די בוימער, וואָס האָט פריהער אַ ביסעל מעהר געלויכטען. און טרויעריג איז געוואָרען. אין דער סומנער פינסטערניש האָבען זיך נאָר געהעצקעט די דריי פעדד אין שפאַן, ווי די רוחות. ווי דריי קורצע כוואַליעס האָבען זיי זיך געוויגט: איין כוואַליע אַרויף, די צווייטע אַראָפּ. און צוועלף פּאָדקעווס האָבען גע-קלאַפּט צום טאַקט, אַ מאָדנעם פּאָדקאָווע-שטייגערעל האָבען זיי אויסגעקלאַפּט...

סענדערס בויד האָט זיך פאַרקירעוועט און אַ קאַלטער ווינט האָט מיטאַמאָל גענומען בלאָזען פון הינטען; פון דאָרטען — וואו דער געפרוירענער דניעפּער שלענגעלט זיך ערגעץ-וואו. די פערד האָבען גענומען דרעהען מיט די אויערען און ציהען שטאַרקער די לופט מיט די ברייטע נ[illegible]עכער.

— ס׳אַ נס, — טראַכט ביי זיך ר׳ סענדער, — וואָס די לעצטע

יאָהרען הערט מען דאָ ניט פון וועקן. אַז ניט איז דאָס פּאַסקודנער ווינטעל. פון הינטען בלאָזט ער, ווי דורך אַ טרובע, לאָזט ניט צו קיין ריח פון וואָלף צו די פערדישע נעזער...

נאָר ער האָט זיך אַ פּנים דעם אָוונד אַריינגענומען אין קאָפּ אָפּצושרעקען פּאַנדרען, ריהרען איהם, דעם שטיינערנעם קצב-יונג. פאַרגעסט סענדער, אַז אָקאָרשט האָט ער אַליין אָנ-געשאָלטען נח פּאַנדרען, וואָס ער „רופט אַרויס" גזלנים צו דער נאַכט-צו, שלאָגען זיך מיט זיי... און הויבט אָן אַ נייע מעשה:

— פּאַנדרע! מיראָן דעם „לעשניק" (וואַלד שומר) האָסטו געקענט? ביסט נאָך אפילו דאַן געווען אַ שנעק, נאָר האָסט איהם נאָך געדאַרפט געדענקען. אַ ווערד אַ גוי געווען „עליו-הסנאָבעל!" אַ יאַגדע האָט ער אַ אידיש קינד אין וואַלד ניט געלאָזט קלייבען. אַהאַ, געדענקסט טאַקע?.. וואָס דען? דו וועסט אום-שבת ניט געהן קלייבען יאַגדעם אין וואַלד, בשעת באַלעבאַ-טישע קינדער לערנען פּרק... אַנגעשטעלט האָט מיראָנען דער פּריץ פון „הויפעל", ער זאָל איהם היטען דעם וואַלד. גויים זאָ-לען קיין בערוועגעס ניט גנבענען, האָלץ ניט האַקען, סכך נאָר אידישע ככות פונם יעלניק ניט קלאַפּען. האָט ער איהם אויס-געבויט אַ הייזקע — האָט איהם דער פּריץ אויסגעבויט. אַ וויאָרסט פינף פון דאַנען האָט זי געמוזט ערגעץ-וואו זיין, עט-ליכע וויאָרסט פאַר שקלאָוו... וואָס רעד איך — אַ הייזקע? אַ פּריץ וועט געהן בויען אַ „לעשניק" אַ הייזקע! יענער איז גע-ווען קאַרג ווי אַ הונט. אַ שפּענדעל האָט ער געזשאַלעוועט. אַ „זעמליאַנקע" איז דאָס געווען! האַלב אין דער ערד, מיט אַ בלעכערנער פּושקע, אָהן אַ דנאָ, אָנ טאָט אַ קוימען. אָט אַזאַ פּאַלאַץ האָט דאָס דער פּריץ מיראָנען אויסגעבויט. און אַן אַלטען ביקס האָט ער איהם געגעבען, וואָס מאַכט אָן מעהר רעש ווי ער טרעפט... „נאַ! אָט האָסטו! און טאָמער קומט אַ גוי אַ כאַמרוליע האַקען אַ בוים – דערשיס איהם אויבן אָרט!.. „אַ יאַ אָטוועטשאַיו!..."*) איך, דער פּריץ הייסט דאָס.

*) און איך בין פאַראַנטוואָרטליך!

איז אָבער אַט דער מיראָן גאָר געווען אַ המן, אַ צורר היהודים. וואָרים, דאַכט זיך, ווער ווייסט דאָס ניט, אַז אידען האַקען ניט קיין בוימער און גנבענען ניט קיין האָלץ. ס'איז ניט קיין אידישע מלאכה. וואו האָט אַ איד העק און זעגען און שליטצנס אויף צו שניידען און פיהרען געהילץ?... אָבער מיראָן פלעגט זיך טשעפען צו אידען. אַ קאַפּ האָט ער ניט געלאָזען אויפהויבען. פאָהרען אידען פון אַ יאַריד — איז רעכט אונטער־גנבענען זיך צווישען די בוימער, אויפן שליאַך, און שיסען אין דער לופטען... כדי אידען זאָל זיך, שונאי ישראל, אין האַרצען אָפּרייסען, אידישע פערד זאָלען זיך „איספּודזשען" און צעטראָ־גען כאַ־ שרעק. פאַרבלאָנדזשען זיך אידישע קינדער ביים קליי־בן יאַגדעס אַביסעל אָן אַ זייט, ערשט אַהאַ! מיראָן, דער קוונאָסער, וואַקסט אויס מיטן ביקס און לאָזט זיך נאָך זיי לויפען. פריהער שרייט ער זיי נאָך „לאָווי! לאָווי!" (כאַפּ! כאַפּ!) דערנאָך, אַז זיי זיינען ווייט, שיסט ער אויס אין דער לופטען און צעלאַכט זיך נאָך, דער מיאוסער ערל, פון זיין חכמה. קינדער פלעגען קומען אַהיים טויט מיט די ביינער, אָפּטמאָל, געבען, מיט נאַסע מייטקלעלעך פאַר שרעק...

דאַרף זיך איינמאָל מאַכען, אַז ער טהוט אָפּ אַזאַ שפּיצעל מיט איצע-חנ'ידל. האָסט איהם ניט געקענט? ווי קומסטו איהם צו קענען! דער „חוזר" פונם קאָפּוסטער רבין געוועזן. פאַנדרע! וואָס אַ „חוזר" איז ווייסטו דאָך, ברוך השם, אויך ניט... אַ „חוזר" איז אַן איבערזאָגער ביים רבין, זאָל לעבען. דהיינו: דער רבי זאָגט אָפּ אַ שטיק חסידות און דער „חוזר" געדענקט. וואָס הייסט געדענקט! וואָרט אין וואָרט, ווי פון סדור אַרויס. אַ פינטעלע וועט ער דיר ניט פאַרפעהלען. שפּילסט זיך מיטן זכרון פון אַ „חוזר"? דער רבי — אַ חלוש, קען דאָך אומעטום ניט זיין. איז אַט? פאָהרט אַרום דער חוזר און טיילט איין די חסידות פון קאָפּוסטער רבין אין אַלע שטעדטלעך. אונזער מורה-הוראה, זאָל לעבען, מיינסטו פאָהרט אַלע מאָנטאָג און דאָנערש־טאָג אין קאָפּוסט אַריינכאַפּען אַ שטיק נייע חסידות? ס'וואָלט איהם ניט געקלעקט די חלה אויף המוציא. די צעליבע רובעל

אַ וואָך וואָס ער נעמט... היינט איז דאָ ר׳ ברוך דער חוזר, אַמאָל איז געווען ר׳ איצע דער „חוזר". איז אָט, פאָהרט זיך צוזוי ר׳ איצע, עליו-השלום, פון קאַפּוּטער רבין קיין שקלאָוו, צום דאַמאָלסדיגען מורה-הוראה, עליו-השלום. טרעפט ער, הייסט דאָס, ר׳ איצע, „מיט די האַלאַבליעס אין מנחה אַריין". ס׳איז זומער-צייט און ס׳הויבט אָן צו ווערען פינסטערלעך. האָט דאָך ר׳ איצע דער חוזר מורא ער זאָל ניט פאַרפעהלען אַ מנחה-דאַוונען. בעט ער דעם באַלעגאָלע ער זאָל אַ ווײַלעצקע בלייבען שטעהן און ער אַליין, ר׳ איצע, קריכט אַראָפּ פון וועגעל, רייבט זיך אָפּ די הענט מיט פייכטע גראָז, געהט אַריין ביחידות אין וואַלד, אַ ביסעל ווייטער פון שליאַך, און שטעלט זיך לעבען אַ בוים שמונה-עשרה. ס׳איז שטיל אַרום. אַ מחיה. ר׳ איצע שאָקעלט זיך און דער בוים, אויבען, שאָקעלט זיך אויך. ר׳ איצע, עליו-השלום, האַלט שוין אין בוקען זיך ביי „מודים אנחנו"... און מיטאַמאָל, אינמיטען-דערינען: טראַך-טאַך—טאַראַ—ראַך!...

אָט וואָס אַן ערל קען אָפּטאָן!... פאַרשטעהסט דאָך, מסתמא, אַליין, אַז ס׳איז געווען מיראָן, דער לעשניק. דאָס האָט ער, דער ערל, אונטערגעטשיקעוועט ר׳ איצע-חסידל ביים דאַוונען אונטערן בוים. און אינמיטען דבקות, אינמיטען התבודדות, אויסגעשאָסען אין דער לופטען. דער באַלעגאָלע האָט ר׳ איצע-חסידל געפונען אַ געחלשטען, מיטן פנים אין שישקעס, מיט אַ בלוטיגען בייל אויפן שטערען, צעקלאַפּט זיך, אַבנים, ביים פאַלען. געמיינט שוין, שונאי-ישראל, אַז ער איז אַ הרוג. מ׳האָט אים קוים אָפּגעמינטערט.

איז אָט, זאָגט מען, אַז ר׳ איצע דער חוזר איז געקומען צו זיך און האָט זיך דערוואוסט ווער ס׳האָט אים דאָס אָפּגעטאָן אינמיטען שמונה עשרה, האָט ער, זאָגט מען, געשאָלטען דעם ערל, אַז וועלף זאָלען איהם אויפפרעסען און, אַז נאָר די שטיוועל זאָלען פון איהם בלייבען אַלס סימן... כדי אַלע זאָלען וויסען, אַז ס׳האָט איהם דער אויבערשטער באַצאָהלט, איהם און ניט קיין אַנדערען...

ווינטער-צייט, אין עטליכע חדשים אַרום, פאַר חגא, הויבט

זיך אָן ביי די גויים אַ שלעפּעניש און אַ טובלעניש כונם „יוזעל״, און ביי אידען, להבדיל, צמאָליגע צייטען, פּלעגט מען פאָהרען צום רבין אויף „ניטל״*), נעמען אַ ביסעל משקה ביים רבינס טיש און זינגען אַ ניגון. פאַרקאָכט זיך ביי מיראָנען די טרפהנע בלוט... פון גלח האָט ער געוואוסט, אַז אידען האָבען געטאָן דאָס רעכט דעם „יוזעל״ זייע׳ען, און אַז אידען פאָהרען מיט שליטען צום רבין קיין קאָפּוסט אין דער נאַכט פון זייער חגא האָט ער אויך געוואוסט. האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ העליש פייער, האָט זיך אין איהם. איינמאָל פאַר אַלעמאָל: היינט ביינאַכט מוז ער מאַכען אַ אידען פאַר אַ קאַליקע! האָט ער קודם-כל גוט „אַריינגעגאָסען אין לאָמפּ״, כדי אָננעמען זיך מיט טרפהנער גבורה, און דערנאָך אָנגעלאָדען דעם אַלטען קרעמנאָווען ביקס מיט שראָט. ניט מיט קוילען, נאָר מיט שראָט!.. ווי מען געהט שיסען פויגלעך. טאַקע מיט דער כונה צו קאַליעטשען, ניט דערשיסען אויף טויט — נאָר קאַליעטשען. מען האָט דערנאָך געפונען דעם ביקס — ווייסט מען. לעבען די צעגריזשעטע שטיוועל האָט מען דעם ביקס געפונען...

געמאַכט די שעהנע הכנות, געהט זיך מיראָן אַרויס פון זיין זשעמליאַנקע מיט צעשפּרייטע טריט און מיטן ביקס פאַרוואָרפען הינטערן פּלייצע, מעשה גבור, און רוקט זיך צווישען די פאַרשנייטע בוימער צום שליאַך. אפשר וועט אַ אידישע פוהרעל אָנפאָהרען, וועט ער שוין וויסען וואָס צו טאָן, וועט ער זיך אָפּרעכענען פאַרן „יוזעל״ וועט ער. און ווי ער געהט אַזוי, — ערשט עס באַווייזט זיך איהם צווישען די בוימער אַ גרינער פייערל, דערנאָך צוויי פייערלעך. נאַ, טראַכט זיך מיראָן אין זיין שכורן קאָפּ, קוים דערוואַרט זיך אויף אַ זשידאָווסקע שליטען מיט אַ לאַמטערנע, מיט צוויי לאַמטערנעס, מיט דריי לאַמטערנעס... גיב נאָר אַ קוק, וויפיעל גרינע לאַמטערנעס! אַ שמחה אויף אידען! געהרגעט אונזער גאָט און פרעהען זיך. וואַרט, וואַרט!...

---

*) „ניטל״ — אַ חסידישער יום-טוב, אַ מין צולהכעיס-פּאַראַדע אויף סילוועסטער.

און, רעדענדיג צו זיך אַזוי, קריכט ער מיט די ידים גאָכן ביקס, היגטערן פּלייצע. נאָר פון די עטליכע גריניגקע פּייערלעך זיינען דערהייל געוואָרען גאָר אַ סך פּייערלעך. זיי האָבען זיך צעשאָטען אַרום איהם. וואו ער גיט זיך אַ קעהר, דערזעהט ער גרינע פּייערלעך. פון די גו-וטע סמנים!... און באַלד דערהערט ער שוין אין שניי עפּעס ווי גנבהשע טריט און אַ מאיומדיגען שטילען וואָיען. פון די געשמאַ-אַקע זאַכען! עפּעס גאָר ניט קיין אידישע קולות, וואָס?.. הויבען אָן אונזער מידאָנטשיקען צו לויפען קאַלטע יאַשצערקעס איבערן רוקען. ערשט דאָ טשוכעט ער זיך אויס. נאָר צום שיסען קומט עס ניט. וואָרים וואו וועט ער דאָ שיסען? אַז רבי וואָלף מיט ר' „וועלוועלען", מיט „וועלוועליכען" מיט די קליינע „וועלוועלעך" זיינען שוין לעבען איהם... ער וויל לויפען, נאָר וואו וועט ער דאָ לויפען? אַז ער איז אַליין פאַרקראָכען צווישען די געדיכטסטע בוימער און איז אַרומגערינגעלט מיט דער שעהנער חברה פון אַלע זייטען. הויבט ער אָן פאָכען מיטן ביקס אַהין און קלאַפּט זיך אָן אַ בוים, מיטן ביקס אַהער — און קלאַפּט זיך ווייטער אָן אַ בוים...

די ערשטע, פאַרשטעהט זיך, דערנעהנטערט זיך צו איהם די וואָלפיכע. וויסען דאַרפסטו, אַז מען טרעפט זיך, חס-ושלום, אין וועג מיט וועלף — האָט מען פריהער פאַר אַלץ צו טאָן מיט דער נקבה מיט זייערער. זי געהט דאָס פאָראויס, זי, הייסט דאָס, איז ביי זיי די גאַנצע אשת-חיל, פיהרט אָן מיטן ראַזבאָי אינמיטען וואַלד. זי מאַכט דאָס די ערשטע ברכה איבער דער שחיטה. און נאָך איהר — פאַלען שוין אָן די זכרים... ניט איינער און ניט צוויי און ניט דריי, מיט די שעהנע אויגעלעך, פון די גו—וטע סים... האַ??? — אַזוי האָט פּלוצלינג ר' סענדער איבערגעריסען זיינע „סימנים" — קוק! פאַנדרע! וואָס איז דאָס דאָרטען? וועה איז מיר ניט גצשעהן! קוק, קוק! שמע ישראל!...

2.

געזוען טאַקע וואָס אָנצוקוקן. צווישען די סאָסנעס, ביים עק פון דער זייטיגער פעלד אין וואַלד, זיינען טאַקע אַרויסגעשפּרונגען צוויי גרינע, שוועבעלדיגע פייערלעך; און נאָך זיי — צוויי פּאָר קלענערע פייערלעך... נאָר איידער נח פאַנדרע האָט זיך אַ ריהר געטאָן, האָבען שוין די פערד דערשמעקט די חיות, האָבען זיך מאוימדיג צעהירזשעט און די גריוועס האָבען זיך זיי געשטעלט דיבאָם. צעיאָגען זיך און אַנטלויפען איז שוין ניט געווען וואו. די וועלף האָבען זיך, ווייזט אויס, געדעקט מיטן ווינט, וואָס בלאָזט פון הינטען, און אָפּגעשניטען זיי דעם שליאַך נאָך פלוצלינג. נאָר איין „שמענדריקע“, דער אינגסטער פערדעל, האָט זיך געכאַפּט רייסען, וואַרפען זיך, ווי אַ בן-יחיד פאַרן אָפּשמייסען איהם. „דזשירקעליכע“ און „שמאַרעוואָז“ זיינען מיט אַ שפּרונג אויף צוריק שטעהן געבליבען, אַראָפּגעלאָזען די קעפּ צו די פאָדערשטע פיס, עפּעס אַזוי טרויעריג, מיושבדיג. נאָר די שקורע האָט אויף זיי אינגאַנצען געציטערט. „דזשירקעליכע“, די קליאַטשע, האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, וואָס די מאַמע האָט איהר אַמאָל אָנגעזאָגט, וואָס מען טהוט ביי אַזאַ צרה... און האָט צעוויגט איהרע שווערע פאָדערשטע פּאָדקאָוועס. גענומען קלאַפּען מיט זיי אין שנייאיגען שליאַך אַריין. זעץ נאָך זעץ, זעץ נאָר זעץ. קוקענדיג אויף איהר, האָט „שמאַרעוואָז“ אויך גענומען טראַסקען מיט די פיס, און נאָך איהם האָט זיך שוין „שמענדריקע“ אויך צעכראַברעט און גענומען נאָכטאָן זיי ביידען. אַלע דריי האָבען זיך דערביי אויסגעדרעהט אין די האַלאָבליעס ווי אַ פעכער, רעכטס און לינקס און „שמאַרעוואָז“ אינדערמיטען, כדי אויסצוציהען דעם בראָנט, און מיט די פיס באַוועגט, ווי שערער-יונגען מיט גרויסע שערען. טאָמער שפּרינגט-צו אַ וואָלף צו די אַראָפּגעלאָזטע העלזער זאָל ער, דערוויילע-וואָס, כאַפּען מיט אַ פּאָדקאָווע איבערן קאָפּ.

ביים שוואַכען אָפּשיין פון שניי האָט זיך פון דער זייט באַוויזען אַ וואָלפיכע, אַזוי גרויס ווי אַ קאַלב. כמעט אויסגע־צויגען אויפן בויך האָט זי זיך גענעהערט, ווי אַ קאַץ, ווען זי קריכט צו אַ פויגעלע. די מאָרדע מיט די פאַרשניטענע אויערען האָט די וואָלפיכע געהאַלטען צווישען די לאַפּעס און די שווע־בעלדיגע אויגען קוקען קרום אַרויף צו די פערד. ווי די פערד — צו איהר, אַזוי קוקט זי צו די פערד. און נאָך איהר צוויי יונ־גע וועלף — לערנען זיך, אַפּנים, פון דער מאַמען, מאַכען איהר נאָך. ס'איז אַלץ וועלפישע סטראַטעגיע, כדי אָנשרעקען די פערד צום טויט; וועלפישער היפּנאָז איז דאָס, כדי די קרבנות זאָלען גאָר קיין תקומה ניט האָבען, ניט האָבען קיין כח צו שטעלען זיך אַנטקעגען.

דאָס אַלץ האָט נאָר געדויערט איין מינוט. אַ מינוט פון פאַרשטאַרונג ביי ר' סענדערן און צעטומעלטקייט ביי נח פאַנ־דרען. די פערד האָבען אין דער מינוט ניט געפיהלט קיין האָר איבער זיך, האָבען זיי אַליין געזוכט ווי זיך צו באַשיצען. דער פערדישער חוש פון זייערע אור־עלטערען האָט זיי געלערענט. אָבער אין דער צווייטער מינוט איז שוין פאַנדרע געקומען צו זיך. מיט איין פלינקען בויג האָט ער אַרויסגעכאַפּט, פון אונ־טער די היי אין בויד, דעם שווערען אייזערנעם לאָם, מיט וועלכען מען לעהנט אונטער די שליטען ווען זי בלייבט שטעהן אויף אַ גליטשיגען באַרג־אַראָפּ, און מיט וועלכען מען הויבט אויף די שווערע קוליעס סחורה פון וואָגען, ווען מען דאַרף זיי אַרויסקייקלען. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם לאָם אין דער רעכטער האַנט, ווי אַ קאָזאַק זיין פּיקע, און די לייצעס אין דער לינקער האַנט. דערביי האָט ער זיך אַ שטעל געגעבען, ווי גרויס ער איז, מיט איין פוס אויף דער קעלניע און מיט דער צווייטער פוס אויף אַ האַלאָבליע. אַצינד זאָל זי קומען „וועלוועליכע" מיט איהרע בנים!..

און וועלוועליכע האָט זיך ניט געלאָזען בעטען. פּאַמעלעך, ווי אין טריאַטער, הויבט זי אָן צו הויבען די פאַרשפּיצטע מאָרדע פון צווישען די לאַפּעס. און הויבענדיג אַזוי די גרינגע

פייערען פון די אויגען, ציהט זי אויס אַ מאוימדיגען וואָי, וועלכער ווערט אַלץ שטאַרקער, וואָס העכער זי הויבט אויף דעם ושעדנעם קאָפּ. און עס דאַכט זיך, אַז זי ציהט די פייערען, אין די אויגען, און דאָס ווילדע וואָיען — פון דער שנייאיגער ערד אַרויס... און נאָך איהר, די געטרייע בנים איהרע, טהוען אַלץ נאָך וואָס די מאַמיכע טהוט. אַזוי אַ פּאָר מאָל נאָכאַנאַנד. אַ וואָיע און אַ קריך־צו, אַ קריך־צו און אַ וואָיע.

— או—או—וואו—או!...—ציהט זיך דער וועלפישער הונגעריגער געוויין איבערן ווילדען שטיק פעלד אין וואַלד. אַזוי פאַרוואָגעלט און אכזריותדיג הערט זיך עס אָן. ווי ווען חיות־יתומים וואָלטען זיך געקלאָגט פאַר די צוויי מענשען אויף דער קעלניע: מיר ווילען דען צערייסען אייערע פערד? מיר זייגען טויט הונגעריג! וועה—וועה—וועה!...

אַ גרויל איז פאַנדרען דורכגעלאָפען איבערן רוקען. דער זעלבער גרויל האָט זיך, דאַכט זיך, איבערגעגעבען די פערד דורך די לייצעס... ווייל די פעל האָט אויף זיי אָנגעהויבען דריבנע צו ציטערען, און אַ מין פערדישער פאַרשטיקטער קרעכץ האָט זיך געריסען פון זייערע אַראָפּגעלאָזטע נאָזלעכער.

פאַנדרע האָט דערפיהלט, אַז מען טאָר אַצינד קיין איינציגע רגע ניט פאַרלירען. האָט ער, כמעט ניט־ווילענדיג, שטאַרק אַ ציה־געטאָן מיט דער לינקער האַנט די לייצעס, ניט אַרויסלאָזענדיג דעם לאָם פון דער רעכטער, און שאַרף אַ פייף געטאָן מיט די ליפּען, איבערגעשניטען די סוסים זייער היגערפלעט...

די פערד האָבען גלייך דערפיהלט אַ האַנט פון אַ מענשען און פון אַ באַשיצער איבער זיך. האָבען זיי אַלע דריי, ווי צוזאַמענגערעדט זיך, ראַפּטום אַ ריס געטאָן די בויד פון אָרט און, הירזשענדיג און מיט אַראָפּגעקוועטשטע אויערען, צעטראָגען זיך, ווי די רוחות, גלייך אויף די וועלף, גלייך אויף זיי.

פונם שטויס איז ר׳ סענדער געקומען צו זיך און גענומען שרייען: „אַטו! אַטו! אַטו!..“ אַ סגולה צו וועלף איז אַזאַ געשריי. „אַטו! אַטו!..“ האָט פאַנדרע אונטערגעכאַפּט מיט

אַ ברום-באַס און, שטעהענדיג אויף דער קעלניע, אָנגעציעלט זיך מיטן לאָם אין דער קרום. און ווידער צעגאָרגעלט זיך, ווי פון אַ פוסטער פאַס אַרויס:

— אַ טו־ר־או! אַ כאָלעריע אין אייך!

פון אַזאַ פלוצליכען געשריי און אָנפראַל פון דער בויד האָבען זיך די וועלף אַ מאָרדעווע געטאָן אויף צוריק, געלאָזען דורכלויפען די שליטען. נאָר באַלד האָבען זיי זיך געכאַפט, אַז די וועטשערע מיטן געשמאַקען פערדען-שוויס אַנטלויפט פון זיי, האָבען זיי זיך אַלע דריי אַ לאָז געטאָן נאָכיאָגען. די וואָלפיכע פון איין זייט, די וועלפלעך פון צווייטען זייט.

כח האָט מעהר די וואָלפיכע און כיטרעקייט — אויך. פאַרלויפט זי די פערד דעם וועג, אָט אָט, דאַכט זיך, וועט זי צעטראָטען! אָבער פון אונטער די פערדישע פאָדקאָוועס גיט זי זיך שלאַנגיש אַ דרעה-אויס און ציעלט זיך אַ כאַפ צו טאָן „דזשירקעליכען", די קליאַטשע, ביים אַראָפּגעבויגענעם האַלז...

ר׳ סענדערן האָט אַ שווינדעל געטאָן אין די אויגען. אַלץ האָט זיך איהם אויסגעמישט: די האַלב-משוגענע יללה פון די וועלף, דאָס צאַפּעלדיגע הירזשען פון די פערד, דאָס סקריפּען פון בויד, דער געקלאַפּ פון די קאָפּיטעס. גאָר נאָהענט לעבען איהם האָבען זיך אויפגעריסען צוויי וועלפישע פיסקעס מיט פאַרסקאַליעטע צייהנער. „שמע ישראל!" באַלעבעטשעט ר׳ סענדער מיט האַלב-געחלשטע ליפּען... און אינמיטען מיש-מאַש גיט, דאַכט זיך, פאַנדרע, זיין שמייסער, אַ ברום פון בויד און, שטעהענדיגערהייט, אַ שטויס מיטן שווערען לאָם פון די קאָזלעס אַראָפּ. און גלייך נאָך דעם אַ מאַך מיטביידע אָרעמס, ווי מיט פליגלען. ער פליהט דאַכט זיך!.. אַ מוראדיגע יללה שאַלט אויף פון אונטערן שליטען. און די פערד צעשפּרינגען זיך אַלץ ווילדער, אַלץ ווייטער און ווייטער אין אַ מין געשלענגעלטען גאַלאָפּ. האַלז און נאַקען וועלען זיי באַלד ברעכען! „שמענדריקע" שלעפּט לינקס און „דזשירקעליכע" גיט זיך אַלע ווילע אַ וואָרף אויף רעכטס. און „שמאַרעוואָז" — אינדערמיטען קען זיך קיין עצה ניט געבען. און מיטאַמאָל ווערט סענדערן

שוואַרץ פאַר די אויגען, ער זעהט מעהר ניט קיין ווייסען שליאַך. די בויד גיט זיך אַ זעץ און בלייבט שטעהן. ר׳ סענדער גיט זיך אַ האָצקע אויף הינטען, קוים וואָס ער דערכאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר דער קעלניע. שטיקער שניי פאַלען איהם איבערן קאָפּ פון די צעטרייסעלטע בוימער. בלייבט ער אַזוי זיצען, איינגעקלאַמערט, ווי אויף אַ משופּעדיגען דאַך. ער קוקט זיך אום — די פערד האָבען די בויד פאַרטראָגען, צווישען סאָסנעס, אויף אַ באַרג־אַרויף און שטעהען. זיי שנאָרכען נאָר ווי צעריסענע בלאָז־זעק, און... ניטאָ מער קיין וועלף! אָבער אויך פאַנדרע איז מעהר אין שליטען ניטאָ...

ר׳ סענדער הויבט אָן צו טאַפּען אַרום דער קעלניע, ווי אין הינערפּלעט. אַ קאַלטער שוויס זעצט איהם אַרויס פון אונטער זיין וואַטאָווער באַלעגאָלישער היטעל: געוואַלד, רבונו של עולם! וואָס טהוט זיך דאָ היינט אַרום איהם?...

ר׳ סענדער גיט אַ כאַפּ די אָפּגעלאָזענע, פאַריתומטע לייצעס, וועלכע זיינען אָקאָרשט געווען ביי פאַנדרען אין זיין שטאַרקער האַנט, און איצטער שלעפּען זיי זיך אַראָפּ־קעלניע, אויסגעטעונקט אין שניי... ער פּרובט אַ ציה טאָן אַהער, אַ ציה טאָן אַהין. נאָר ס׳איז אַן אומזיסטע טרחה! די פערד האָבען זיך פאַרקלעמט צווישען די בוימער, פאַרקראָכען ביזן האַלז אין משופּעדיגען באַרג שניי. זיי שנאָרכען נאָר און וואַרפען מיט די קעפּ און מיט די צעפּלאָטשעטע גריוועס, ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון אַ גרויסען איבערגעלעבטען שרעק, אויסטשוכען זיך פון אַ שווערען חלום... אָבער פאַנדרע, גאָט פאַנדרע, איז ניטאָ!

דרעהט סענדער אויס דעם קאָפּ אויף הינטען און צעשרייט זיך מיט געבעט, ווי הושענא־רבה אַרום בעלעמער:

— נח! נח! ניי—צען!

ענטפערט איהם פון וואַלד אַ ווידערקול. קריכט איהם איבער אין דער ווילדער פינסטערניש:

— ניי—איי—עך!

— געוואַלד געשריען! — שעפּטשעט ר׳ סענדער מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּען, — זיי האָבען דאָך איהם פאַרצוקט דעם יונג... דאַכט זיך אַליין געזאָגט — ניט רעדען אין אַ בייזער שעה... אַ גלגול האָט מיך געצויגען פאַר דער צונג: וועלף! וועלף!... טו, נאַ דיר וועלף!...

פון די פערד האָט געזעצט אַ ווייסע פאַרע. פון „דזשיר־קעליכעס" מויל, וועלכע איז געווען פאַרקלעמט פאָפּערעק, צווישען צוויי שטאַמען, האָט געקאַפּעט מיט געדיכטע שטיקער שוים... זי האָט געקרימט איין אויג צום באַלעבאָס, מיט צער־בעלי־חיים געקייקעלט דאָס וויס־אַפּעל, ווי אַ האַרט־געקאָכטע איי: — „ר׳ סענדער, מיר איז קאַלט! כ׳וועל מיך נאָך חס־ושלום צוקיהלען!...

ר׳ סענדערן איז אָבער גאָר ניט געלעגען אַצינד אין קאָפּ צו טרייבען קאַטאָוועס מיט זיין קליאַטשע. מיט ביטערניש האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער מעשה מיטן בער, וואָס ער האָט היינט דערצעהלט פאַנדרען פאַרנאַכט... און ווי דעם טאָטענס פערד האָבען פאַרטראָגען די בויד אין אַ שמאָלער סטעזשקע אין וואַלד. אויך דאָס איז מקוים געוואָרען. אָט האָסטו דיר אַ „סטעזשקע"! נעכטיגען וועט ער דאָ היינט...

— נח! נח! — האָט ער זיך אַ פאַרצווייפעלטער צעשריען אין דער נאַכט אריין.

— ניי—עך! — האָט איהם איבערגעקרימט דער ווידער־קול, פאַראיידעלט זיין באַלגאָלישע שטים: אָט אַזוי דאַרף מען שרייען אין פינסטערען וואַלד. ניט ווי דו, גראָבער־יונג!

נאָר גלייך נאָכן ווידער־קול האָט סענדער דערהערט אַ שוואַכע שטים ערגעץ־וואו אין דערווייטענס:

— ...ע־ע־נ־דע־ער!

אַ ציטערניש פון פרייד האָט סענדערן דורכגענומען אַלע גלידער: ס׳איז דאָך נח! ער לעבט דאָך דער יונג! ער איז גאַנץ!... מיט מיה און מאַטערניש, ווי אַ גרויסער אַלטער זשוק, האָט זיך ר׳ סענדער מיט אַלע זיינע פעלצען, ווי־ניט־איז ארויסגעקראַבקעט פון דעם משופּעדיגען שליטען, געלאָזען די

פערד אויף גאַסט באַראַט, געכאַפּט לויפען אַפּוּכען דעם שליאַך. און לויפענדיג געשריען מיט אַלע כחות:

— נח! נח!

— סע־ענדער! — האָט זיך שוין גאַנץ קלאָר דערטראָגען פאַנדרעס קול פון וואַלד.

— הע? וואָס איז? — האָט זיך סענדער צוגעהערט. ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז פאַנדרעס קול ברומט מיט נצחון. עפּעס גאָר ניט ווי ביי אַ פאַרצוקטען מענשען!

* * *

צו־מאָרגען, גאַנץ פריה, איז שטאָדט געגאַנגען אויף רעדלעך. אין שקלאָווער מאַרק, לעבען באַלעגאָלישען צען, אויפן ברודיגען שניי — איז געלעגען אויסגעצויגען אַ גרויסע, גרויע חיה, מיטן געלען בויך אַרויף. איהרע צייהנער זיינען געווען אויסגעשטשירעט און פאַרבלוטיגט, איהרע לאַפּעס — צוזאַמענגע־קאָרטשעט און פאַרגליווערט. און דער האָריגער עק — אויס־געשטרעקט. דורך איהר צעקאַליעטשעטען האַלז־און־נאַקען איז איהר געווען דורכגעשטאָכען אַ שווערער אייזערנער לאָם; כדי דער עולם זאָל זעהן באַשיינפערליך, ווי אַזוי פאַנדרע האָט די חיה דערהרגעט... און גלאַט — אַ קשיה אויף אַ וואָלף, טאָמער פאַרטאַיעט ער זיך. טאָמער לעבט ער אָפּ. טו ליג־זשע אַז דו ליגסט!

דער העלד פון טאָג, נח פאַנדרע אַליין, האָט זיך ניט געוויזען. מחמת באַשיידענקייט איז ער בעסער געשטאַנען אין צעך, ביי דער סטאַיקע, און געמאַכט אַ כוסה מיט חברה־שמיי־סער. אָנשטאָט איהם, מיטן בייטש־שטעקעל אונטערן אָרעם, איז, אינמיטען אָנגעלאָפענעם עולם, געשטאַנען ר' סענדער פאַרדאָן מיט זיין אייגענעם כבוד און האָט פּאַוואָליע און פּאָדראָבנע דערצעהלט, וואָס פאַר אַ נסים ס'האָט מיט זיי געטראָפען פאַ־ריגע נאַכט, אין קאָפּוסטער וואַלד; און וואָס פאַר אַ שוואַרצע גבורה ער האָט אין זיך אָט דער נח פאַנדרע — זיין שמייטער.

ווער זאָל עס גלויבן ? פליהענדיג הענדום-פענדום מיט בויד און מיט די צעווילדעוועטע דריי פערד האָט ער נאָך פאַרטיג געמאַכט אַזאַ שטיקעלע אַרבייט. מיט איין האַנט און שטעהענדיגערהייט, איז ער אָט דער „וועלוועליכען” פאַרפאָהרען מיטן לאָם אין גאָרגעל אַריין, און האָט זי, ווי איהר זעהט, „אָטראַזו” (גלייך) צוגעשפּיליעט צו דער ערד... אמת, מחמת האַסטיגקייט האָט זיך פאַנדרע, במחילה, אַליין איבערגעקוליעט און איז אַרויסגעפלויגען פון שליטען. און טרעפט ווי אַזוי ? מיטן קאָפּ דער וואָלפיכע אויפן בויך, כאַ-כאַ ! צו אַנדערען וואָלט זי נאָך מיט די נעגעל אַליין דורס געווען. נאָר פאַנדרע איז גלייך אויפגעשפּרונגען און גענומען זעצען איהר מיט די שטיוועלעס אין פאָרענט... אָט ווי איהר זעהט ! אַלע ריפען האָט ער איהר צעבראָכען. אַ לאַטקע געמאַכט פון איהר. האָבען די קלענערע וועלפלעך דערזעהן, אַז די אשת-חיל איז געפאַלען, זיינען זיי פון פאַנדרען אַנטלאָפען, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט... אַז מיר האָבען זיך דערנאָך, נאָך אַ שעה שרייען, געפונען אין וואַלד, איז ער אויף מיר אָנגעגאַנגען, אָט דער פאַנדרע, אַ צעפלאַמטער, אַ צעיאַכמעטער, מיטן לאָם אויפן פּלייצע. און אויפן שפּיץ לאָם פון הינטען איז איהם אַראָפּגעהאַנגען אָט די „וועלוועליכע”, ווי אַ הענגעל פיש ביי זלמן דעם פישער. זי האָט נאָך געמאַכט מיט די לאַפּעס, אָט די בריהכע, און דאָס טרפהנע בלוט האָט איהר נאָך גערונען איבער פאַנדרעס פעלץ. אַז די פערד האָבען דערשמעקט דעם ריח פונם דערהרגעטען וואָלף, האָבען זיי ווייטער געוואָלט צעטראָגען די בויד. מיט מאַטערניש האָבען מיר די דריי סוסים אַרויסגעפיהרט אויפן שליאַך, פון צווישען די בוימער אַרויסגעשלעפּט, און אַ וואָרף געטאָן זיי דעם געהרגעטען וואָלף צו די פיס. נאַט, פערדישע קעפּ, זעהט ! „שמענדריקע” מיינער האָט איהם נאָך מכבד געוועזן מיט דער קאָפּיטע איבערן קאָפּ. וואָס זאָגט איהר, פאַרענדיגט סענדער, ווי ער האָט זיך דאָס צעכראַבערט מיין תכשיט? אויף אַ געמיטמען וואָלף איז אַזאַ לאָשעק ווי „שמענדריקע” אויך אַ גבור !...

פעטער־זשאָמע, דער סקאָרניאַק, האָט אָפּגעקויפט די פעל. פאַר די פּאָר קירבלעך, וואָס פאַנדרע האָט אָפּגעלייזט, האָט ער מכבד געווען אַלע באַלעגאָלעס אין צעך און האָט איינגעצאַפּט געהאָנגען זייער האַרץ. וואָרים פון דאַמאָלסט אָן האָט מען איהם אריינגענומען אין „חברה בייטש" און ער איז געוואָרען אַ זייערער. מ'האָט געקריגען דרך־ארץ פאַר פאַנדרען. און אידישע דינסטמיידען האָבען איהם נאָכגעקוקט פון די כּעסטערלעך אין אַלע גאַסען.

אָבער מעהר פאַר די באַלעגאָלעס און מעהר פאַר די דינסטמיידלעך האָבען פון איהם אָנגעקוואָלען די אידישע תּדר־אינגלעך. זיי האָבען אַלעמאָל פאַרגעמערט פאַנדרעס גבורה, אפילו דאַן, ווען ער איז נאָך געווען אַ לאָטרע, אַ קצב־יונג; ווען אַלע האָבען נאָך זיין נאָמען ניט געקענט הערען. זיי, חברה קליינוואַרג, האָבען אַלעמאָל געהאַלטען, אַז פאַנדרע איז אַ פאַרשטעלטער שמשון־הגבור אין אַ פאַרשמאָלצעוועטער פאָדיאָווקע... אָבער אין איין העלען טאָג וועט ער נאָך אויפשטעהן און אויסלייזען שקלאָווער אידען פון גלות... אַצינד, נאָך דער מעשה מיטן וואָלף, האָבען זיי געזעהן באַשיינפערליך: כּי הוא זה! אַז ס'איז טאַקע ער, שמשון־הגבור, עליו השלום, מיט די ביינער... זיינער אַ גלגול! און דער וואָלף — דאָס איז דער יונגער לייב, וואָס שמשון האָט צעריסען מיט די בלויזע הענט! איי וואָס, וואו איז דער האָניג, וואָס שמשון הגבור האָט דער־נאָך אַרויסגענומען פון לייבס בויך, לויפענדיג צו אַ שיקסע קיין תּמנה? יאָ, טאַקע, וואו איז דער האָניג? דער האָניג, דאָס איז דער שיטערער דיעגעכץ מיט וועלכען פאַנדערס פינגער זיינען שטענדיג אויסגעשמירט. עפּעס מאָדנער האָניג! שוואַרץ־ברוין איז ער, דער האָניג, ער עפּושט אונטער און לאָזט זיך שווער אָפּוואַשען. נאָר אויף אַ גבור פרעגט מען קיין קשיות ניט.

פֿאַנדרע חתנט זיך.

.1

און ר׳ סענדער האָט אויפגעהויבען זיינע שפּאַקולען מיט די מעשענע האָלאָבליעס און דערזעהן, אַז נח פֿאַנדרע איז אַ יונג מיט ביינער, אַז וואָס ער טהוט איז מיט מזל־ברכה, און פֿאַר וואָס ער נעמט זיך — ברענט דאָס ביי איהם אונטער די הענט. וועלף ווילען איהם צערייסען — פֿאַרקויפט ער זייער פעל, באַלעגאָלעס פֿאַרגינען איהם ניט זיין נייע פּרנסה — חערט ער גאָר ביי זיי דאָס אויבערשטע פון שטויסעל. דער מורא־הוראה אַליין האַלט פון איהם, און חשובע באַלעבאַטים שלאָגען זיך פֿאַר אַן אָרט ביי איהם אין בויד. — איז איהם גאָר איינגעפֿאַלען, ר׳ סענדערן, אַז מ׳דאַרף איהם פֿאַרשדכנ׳ן, פֿאַנדרען; און מיט וועמען? טאַקע מיט דער אייגענער מיזינקע, מיט מערינקען.

מ׳וואָלט פֿריהער מיט אַ יאָהר געווען רעדען זיין טאָכטער אַזאַ שידוך, וואָלט ער צוויי מאָל אויסגעשפּיגען. ערשטענס, איז נח פֿאַנדרע, פֿאַר זיין פּריזיוו, געזיען באַקאַנט אין גאַנץ שטאָדט אַלס אַן אַויסוואורף, אַ לאָטרע, שמחהלע טורערוס חברל, אַ חשוד ביי פרומע אידען אויף טרפה... און צווייטענס, האָט גאָר ר׳ סענדער געטראַכט פון אַ בן־תורה, פון אַן אָרימען ישיבה־בחור אויף קעסט. די עלטערע טעכטער אויסגעגעבען אַלעמען פֿאַר באַלעגאָלעס, דעם טאַטען, ר׳ זימעלס יחוס

חס־ושלום ניט פאַרשוועכט, זיין „פירמע" אין צעך ניט קאַליע געמאַכט... אָבער קיין קדיש נאָך זיך לאָזט ער פאָרט ניט איבער. ניט געבענשט האָט איהם דער אויבערשטער מיט זכרים. סאָ זאָל כאָטש אַן איידעלער איידעם זאָגען נאָך איהם קדיש, אָהן גרייזען!... קומט גאָר אַ געוועזענער קצב־יונג און צעדרעהט איהם, ר׳ סענדערן, אַלע זיינע פלענער אויף די עלטערע יאָהרען.

נאָר איידער ר׳ סענדער טראַכט נאָך פרעגען אַן עצה ביים חסידישען מורה־הוראה — האָט זיך שוין פאַנדרע אַליין לאַנג געזוכט אַ דרך, ווי אַזוי באַקאַנט צו ווערען מיט ר׳ סענדערס טאָכטער, ווי אַזוי איהר געפעלען צו ווערען.

מערע, סענדערס מיזינקע, איז אַ הויכע און אַ שלאַנקע מויד, מיט אַ לאַנגען טונקעל־בלאָנדען צאָפ און מיט ברוינע פייערדיגע אויגען. פאַר איהר זעלטענעם וואוקס רופט מען זי „מערע די הויכע", און ניט פאַרגינערינס האָבען איהר געגעבען אַ צונעמעניש: „בוטשאַן", מחמת איהרע מאָגערע פיס. מען איז אין שטעדטעל ניט געוואוינט, אַז אַ פּאָר מיידעלשע, געטאָקטע פיס זאָלען אַרויסקוקען פון אונטערן פּראָסטען קליידעל, וואָס מען פאַרקאַשערט ביים פּראַניען גרעט אויפן ברעג אָזערע. ווי אַ פאָר פאָלקעס, ווי פון אַ ווילדער, זעלטענער פויגעל, האָבען מערעס פיס אַרויסגעקוקט. און האָט זי נאָך אָנגעטאָן איהרע רויטע וואָלענע זאָקען, האָט זי ביים גרעט־וואַשען אויסגעזעהן פון דערווייטענס טאַקע ווי אַ „בוטשאַן", וואָס שטעהט אין געמויזעכץ און בויגט זיך אַראָפּ נאָך אַ זשאַבקעלע. פאַר אַ וויאָרסט האָט מען זי געקענט דערקענען. אָט דאָס זיינען פיס?... ווייבערשע פיס דאַרפען בטבע זיין דיק, אָהן עין־הרע, קיילעכדיג און שווער ווי די ליימענע מילכיגע קרוגען, אָט דאַמאָלסט איז דאָס אַן „אָסאָבע", אַ נקבה, אַ פאַרשוין...

אָבער נח פאַנדרען, וועלכער איז אַליין געוועזען פולבלוטיג, אָנגעגאָסען, און האָט געטראָגען אויף די ביינער אַ האַרטען אָדערדיגען לייב, זיינען דוקא שטאַרק געפעלען געוואָרען אָט די דינע געטאָקטע איקרעס פון מערעס פיס. זיי האָבען איהם

דערמאָנט דעם גאַנג פון אַ יונגער קליאַטשע, דעם שפּרונג פון יונגע געפּענטעטע ציגעלעך, וועלכע ער האָט אַזוי פיעל אַריבערגעטראָגן אויף די פּלייצעס אין שעכטהויז... פריהער... אַמאָל... ווען איז דאָס געווען?

מיט אַ באַזונדער חנודיגער פלייסיגקייט, מיט אַ באַזונדער „עלעגאַנץ" שפּאַנט נח איין די פערד, ווען מערע קוקט אַרויס פון סענדערס הייזקע, ווען איהר בלאַסער, לאַנגליכער פּנים באַווייזט זיך אין דער פויערשער פענסטערל מיט פיער, שייבלעך... ער שטופּט דאַן אַריין די שווערע הינטענס פון די פערד צווישען די האַלאָבליעס, ווי קינדער אין קונע; ער פאַרוואַרפט די שווערע כאָמעטען איבער די פערדישע קעפּ און העלזער און טרעפט אָן ווי מיט אַ רינג אויפן פינגער. ער פאַרשנאָלט און פאַרשנורט די גראָבע רימענע פּאַסען אַרום די האַלאָבליעס און אַרום די פערדישע בייכער, ווי אַ נגידישער יונגערמאַן פאַרציהט זיינע שנור-שיך... און זאָל זי דאָס כאָטש איין מאָל אַ שמייכעל-טאָן, אָט די דאָזיגע „מערע די הויכע"! נח איז ניט געוואוינט צו אַזאַ קאַלטקייט. נח איז געוואוינט, אַז מיידען זאָלען זיך לאָזען קנייפּען און איינגעמען פאַר איהם די כּפּרה. און אָט די דאָ — קוקט אַלץ צו, אַלץ וואָס ער טהוט, מיט אַ פּאָר ברוינע, פרעמדע אויגען — ווי ניט זי מיינט מען דאָס... און גאָר פּלוצים גיט זי אַ וואָרף מיטן צאָפּ, ווי אַ יונגע קליאַטשע מיטן געפלאָכטענעם עק, ווען זי טרייבט פון זיך אַ צודרינגליכע פליעג, און ניטאָ! אַוועק פון פענסטער... הען, אַ פּאַראַד אַ ביסעל!

נחן האָט דאָס גענומען פאַרדריסען. ער האָט אויף מערען גענומען זוכען חסרונות. זי איז דאָך באמת הויך און דאַר. עס פּאַסט גאָר ניט פאַר אַ נקבה. און בלאַס איז זי, ווי אַ געשיילטע קאַרטאָפעל. קיי און שפּיי... געמעגט אַ ביסעל בעסער אויספּאַשען זיך ביי ר' סענדערן אין שטוב. ער, פּאַנדרע, זאָל זי אַ נעם טאָן אין די ידים, קנאַקט זי ביי איהם ווי... אַ פרישע מצה, ווי אַ טרוקענע דראַניצע. זי וועט דאָך ביי איהם חלשן אין די הענט, וועט זי דאָך. וואָס טויג איהם, פּאַנדרען,

אַזאַ ווייבעל! ער דאַרף חתונה האָבען מיט אַ מויד — בלוט און מילך זאָל זי זיין! געזונט ווי די ערד, אַקער און פּאַרזייה און טאָפּטשע! ס'אַלץ איינס. עס וואַקסט...

אַזוי האָט זיך פאַנדרע געוואָלט מיאוס מאַכען סענדערס מיזינקע, געלעגט זיך אַליין בוימעלדיגע פּלאַכטערס אויפן האַר־צען. אָבער דער וועהטאָג איז פון דעם געוואָרען נאָך גרעסער. אַ בענקעניש כאַפּט איהם אַרום אָכטמאָל אין וועג, אויף דער קעלניע, ווען ער דערמאָנט זיך אָן איהר. און פון איהרע חסרונות ווערען גאָר מעלות. איהר בלאַסקייט, דאָס קומט דאָך — טראַכט ער זיך — דערפון, וואָס זי זיצט צופיעל אין שטוב. ר' סענ־דער וויל דאָך שפּילען דעם אמתן חסיד. ביי איהם ווערט אַ טאָכטער ניט אַרומלויפען מיט שניידער־יונגען, ביי איהם ווערט אַ טאָכטער ניט טאַנצען מיט בחורים אויף פרעמדע התונות, און שבת, נאָך טשאָלענט, ווערט זי זיך ניט לאָזען קנייפּען אין פּראַנ־צאָווקער וואַלד פון „חתנים", און ווערט זיך ביינאַכט ניט שוש־קען צווישען די גערטנער, ווי דאָס טוען פּראָסטע מיידלעך. סענדער איז אַ שטרענגער טאַטע. זיצט זי אין שטוב. סענדערן איז גוט. ער פאָהרט זיך אַרום איבער פעלדער און וועלדער, באָמקעט ביים מורה־הוראה, פּרעפּעלט אין בית־מדרש... און די, מערינקע — זיצט אין שטוב! די לופט פון זיין הייזקע און דער ריח פון זיינע כאָמעטען ליגען איהר אין די ביינער. אָבער ווען מען מאַכט אַזאַ „בוטשאַן" מיט לאַנגע פיס חתונה און מען קאָרמעט זי אונטער, און מען גלעט זי און מען האָלובעט זי, און מען פאָהרט מיט איהר אַמאָל אַרויס הינטערן שטאָדט איינ־קויפען הינער און אייער ביי די גויים, אַ אידענע ווי אַ צימעס וואָלט דאָס דאָך געוואָרען! אַ קראַסאַוויצע וואָלט דאָך דאָס גע־וואָרען! אַ — אַ... כאָלעריע דיר, „דזשירקעליכע", אין די ביי־נער אַריין!"

נח פאַנדרע מוז אויסלאָזען זיין כעס צו סענדערס קליאַ־טשע. וואָרים דאָס האַרץ הויבט איהם אָן צו קלאַפּען פון אַזעל־כע מחשבות. עס געהט איהם אויס לופט און די שטאַרקע צייהן פאַרשטשירען זיך איהם פאַר וועהטאָג. ס'איז אַ וועהטאָג, וואָס מען

ווייסט ניט וואו ער זיצט און האָט ניט קיין נאָמען און ציהט, פונדעסטוועגן, דעם „קליאַק“ פון די ביינער.

„דזשירקעליכע“ גיט, לויפענדיג, אַ בריק מיט דער הינטערשטער קאָפּיטע אין הילצערנעם פאָרענט פון וואָגען. דאָס ענטפערט זי אויף פאַנדרעס שמיק מיטן בייטש. דאָס הייסט: אויב דו, באַלעגאָלע, ביסט „פאַרפרעגעלט“ אין סענדערס מויד, היינט וואָס שלאָגסטו מיך? שלאָג בעסער דיך אליין! קאָפּ אָן וואָגען שלאָג!

פאַנדרעס פאַרשטעהט זעהר גוט „דזשירקעליכעס“ טראַסק מיט דער קאָפּיטע אין קעלניע, אונטער זיינע פיס, און פאַרשעמט זיך אַ ביסעל. באמת, וואָס האָט ער צום פערד?... ער איז דאָך שוין מעהר ניט דער פריהערדיגער קצב־יונג, וואָס האָט געקוקט אויף יעדער באַשעפעניש, ווי אויף אַ זאַך, וואָס אַז מען דאַרף שעכט מען דאָס... יעדער חיה טהוט וועה. מאַלע וואָס אַמאָל איז געווען, פאַרן פריזיוו... מיט אַ יאָהר צוריק האָט ער נאָך געפיהרט קצבישע ליעבעס מיט דינסטמוידען און מיט שיקסעס הינטער די גויעשע שייערס. די צעשוואומענע לייבער, די שווערע בוזימס, די אָנגעגאָסענע פיס, די רויטע צעהיצטע פנימער, די דיקע בייכער... מיט איבערגעפאַרעטע מילך האָט פון זיי אַלעמען געשמעקט, טרפהנע מיילער האָבען זיי אַלע געהאַט. און אַט די מערע, מערינקע די הויכע, זי האָט אויך אַ פּאָר עפּעל הינטער איהר שטוביגער ציצענער קאָפּטעל, אונטער דער בלויער ציצענער קאָפּטע אין קוויטען. אַ פּאָר קליינע עפּעל מיט שפּיציגע הענגלעך, אָקאָרשט פון בוים אָפּגעריסען און אונטערן בוזים באַהאַלטען. אַן עפּעלע רעכטס און אַן עפּעלע לינקס. ווי די שפּיזען שטעכען זיי איהם, ווי צוויי פּיאָוקעס ציהען זיי איהם ביים האַרצען... וואו באַהאַלט מען זיך פון זיי?...

.2

אַ פּאָר מאָל האָט שוין פֿאַנדרע אויפֿגעפּעפּנט דעם מויל צו אָנהויבן מיט איהר אַ שמועס. נאָר אַרויסקומען פֿלעגט בײַ איהם עפּעס אַ קול, ווי פֿון אַ חורבה אַרויס. דורך ווינטען און שנייען איז דער קצבישער קול נאָך רויהער געוואָרען, פֿאַרווילדעטער. און מערע, דערהערענדיג אַזאַ לשון, גיט אַ וואָרף מיטן לאַנגען צאָפּ און גיט אַ פֿרעג: „וואָ־אָס?״ אַזוי געצויגען און פֿרעמד, אַז נחן פֿאַלט איין דער מאַמעס־מוטערס מילך.

אַז פֿאַנדרע איז נצול געוואָרען פֿון וואָלף און האָט איהם פֿאַרטאָג געבראַכט אַ טויטען צו שלעפּען, אויפֿן שפּיץ לאָם, האָט ער איהם קודם־כּל אויסגעשפּרייט נעבען סענדערס הייזקע. נאַ, האָט ער זיך געטראַכט, אָט דאָ וועט זי שוין אַ קוק טאָן און וועט בעסער ווערען, זי וועט שוין רעדען מיט איהם...

אַ ביסעל האָט ער געטראָפֿען. מערע איז טאַקע נייגעריג געוואָרען. זי איז אַרויסגעלאָפֿען, פֿאַרוויקעלט אין אַ פּאַטשיילע און די ברוינע אויגען זיינען איהר געוועזען אויפֿגעריסען. מיט לאַנגע בלאַסע פֿינגער האָט זי אַ ריהר געטאָן דעם שליים'גען, שוואַרצען וואָלפֿישען שנוק, אַ פּרוב געטאָן די שאַרפֿקייט פֿון די אויסגעסקאַלעטע רייסצייהנער. און, אַז ר' סענדער האָט דערוויילע געגומען דערצעהלען, וואָס ער, פֿאַנדרע, האָט דאָ אָפּגעטאָן, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט די פֿערד, און דערשטאָכען די וואָלפֿיכע מיט סכּנת־נפֿשות, האָט זיך נחן געדוכט, אַז מערעס אויגען האָבען אַ בליק געטאָן מיט באַוואונדערונג. אַזוי גליקליך איז נאָך פֿאַנדרע קיינמאָל אין לעבען ניט געוועזען. פֿון זיינעטוועגען האָט ר' סענדער אַזוי געמעגט שטעהן מיטן בייטששטעקעל און דערצעהלען ביז פֿאַרנאַכט. אָבער מערעס קוק האָט איהם צופֿיעל שכּור געמאַכט. ס'האָט זיך איהם פֿאַרדרעהט אין קאָפּ, ער האָט פֿאַרלאָרען די ווערדע פֿון אַ גבור. און, מעשהאינגעל. גענומען קאַטשען די געהרגעטע חיה אויפֿן שניי, גענומען חנדלען זיך, וואַרפֿען זי פֿון רוקען אויפֿן בויך און פֿון בויך אויפֿן רוקען. ער האָט אַליין געפֿיהלט, אַז ער טהוט אַ נאַריש־

קייט, אַז זיין כראַברען זיך איצט איז אין גאַנצען איבע־ריג. אַז
אַזוי טהוען נאָר קליינע אינגעלעך, ווען עלטערע מיידלעך זוי-
קען אויף זיי... נאָר אָפּהאַלטען זיך האָט ער מעהר ניט גע-
קענט. דערהערט ער מיטאַמאָל, ווי מערע ג״ט שטיל אַ זאָג
צו סענדעריכען, צו איהר קליינטשינקער פאַרקנייטשטער מאַמצלע:
— שלעפּט זיך צרום מיט זיין וואָלף, ווי מיט אַ טאָרבע...
נחן האָט גלייך אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּנים. ער
האָט זיך פּלוצלינג פאַרשעמט פאַרן גאַנצען צוזאַמענגעלאָפענעם
עולם, וואָס קוקט אויף איהם. דער געפגרטער. וואָלף און די
גאַנצע גבורה, וואָס ער, פאַנדרע, האָט באַוויזען, נעכטען אין
וואַלד, זיינען איהם מיטאַמאָל נמאס געוואָרען, ווי אַ שפּי-
לעכעל ווע״ט נמאס אַ דערוואַקסען קינד. און טאַקע, באמת,
וואָס איז דאָ פאַר אַ גבורה, אַ וואָרף טאָן אַ שווערען לאָם
און דורכשטעכען אַ חיה? קינדער טהוען דאָס מיט אַ נאָדעל
און מיט אַ פליעג אויך...
דערפאַר, שפּעטער, אַז מען האָט דעם געהרגעטען וואָלף
געבראַכט אין מאַרק, פאַרן צעך, איז פאַנדרע מעהר אויף דער
גאַס ניט אַרויס, דעם נאָז האָט ער זיך געשעמט צו באַווייזען.
ער איז בעסער געשטאַנען אין צעך ביי דער סטאָיקע מיט אַ
חברה יונגע באַלעגאָלעס און געגאָסען אין זיך איין גלעזעל
נאָך דער צווייטער. איי״ע נאָך דער צווייטער. און אין האַרצען
האָט גענאָגט...
דערנאָך זיינען אָנגעקומען די טעג פון „בעזדאָראָזשיצע״,
פאַר פסח־צייט, ווען דער שניי שמעלצט זיך און די וועגען
ווערען פאַרגאָסען, און דער שליאַך ווערט צעשווייגקט און פול
מיט גריבער. קיין שליטען קען זיך ניט גליטשען און קיין ראָד
קען זיך ניט דרעהען. און האָרעווען מוז מען מעהר ווי אַ
פערד. פאַר דער קרעטשמע „אַלעקסאַנדריע״, אויף דעם מיטען
וועג קיין אָרשע, מוז מען זיך איינשפּאַנען צוזאַמען מיט די
סוסים און העלפען שלעפּען דעם וואָגען באַרג־אַרויף, מען רייסט
זיך די געדערים. און אַהיים קומט מען צוריק פאַרשפּריצט און
פאַרדריפּעט ביז׳ן גאַרטעל. מען מוז קודם־כל וואַשען די

פערד, דערנאָך, להבדיל, זיך אַליין. מען מוז נאָך דערביי אַכ־טונג געבען, אַז די אויסגעמאַטעטע פערד זאָלן דערביי ניט באַפּען קיין קאַלטן טרונק. אַז ניט, זאָגט ר׳ סענדער, קענען זיי, חס־ושלום, קרעפּירן. דער עיקר „שמענדריקע״, אַ יונג פערדעל, ערשט אָנדערהאַלבן יאָהר אין שפּאַן. אַ ציטעריגע זאַך, אַן „איידימל אויף האָבער״...

נאָך אַזאַ טאָג פון האָרעוואַניע פאַלט מען אַנידער אויף דעם געלעגער ווי אַ שטיין. און וועמען ליגט עס דאַמאָלסט אין קאָפּ — מערע, ווי זי קוקט און וואָס זי זאָגט?... איבעריגענס, וינט פּאַנדרע האָט זי געהערט אַ זאָג־טאָן סענדעריכען, אַז ער שלעפּט זיך אַרום מיטן וואָלף, ווי מיט אַ טאָרבע, ברענט אין איהם אַ ביטערע שנאה צו איהר... מיטן בייטש וואָלט ער זי צעפּאַסעוועט, אַזאַ דראַניצע מיט פויגעלשע פיס, אַזאַ פגירה, אַזאַ בלייכע נאָז, אַזאַ מילכיגע לאָקש, אַזאַ —

נאָר דאָ, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך מיטאַמאָל צע־שפּיעלט דער זומער. די ערד איז ווייך געוואָרען און אויך פּאַני־דרעס האַרץ איז ווייכער געוואָרען. טונקעלע בענקענישען האָבען זיך אין איהם צעבליהט.

הינטער די אָרשער ברעמלעך הויבט זיך אָן אַ גרינער גן־עדן, וואָס פּאַנדרע האָט, אַלס קצב־יונג, כמעט ווי ניט גע־קענט. די גויעשקע כאַטקעס, זייערע גרויע שייערען און ברוי־דיגע שטאַלען זיינען צעוואָרפען אין דער גרינקייט פון דער וועלט, ווי קופּעס מיסט. נאָר וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ דערפעל? ס׳איז אַ טראָפּען אין שקלאָווער אָזערע. שפּיי אין דניעפּער וויפיעל דו ווילסט! דער דניעפּער בלייבט אַלעמאָל בלוי...

פאַרביי אַ געמויזעכץ פאָהרט פּאַנדרע דורך מיט זיין וואָגען און מיטאַמאָל גיט זיך די גאַנצע לופט אַ צאַפּעל, אַ מאָדנער טרוקענער געמורמעל צעשפּרייט זיך. פרר... פררר... פררררר!.. דאָס האָבען די פערד איבערגעשראָקען, אינם גרינעם אייאיר, אַ גאַנצע מחנה מיט „זומער־שניידערלעך״, אַזעלכע מיני היישעריקלעך מיט גרין־גאָלדיגע, לאַנגע בייכלעך און מיט דורכ־

דיכטיגע טאָפּעלטע פליגעלעך. ווי אַ גלעזערנע נעך האָבען זיך אַ הויב געטאָן און צעשאָטען זיך אויף אַלע זייטען, מיט אַן איידעלען קוונג פון צעריסענע שפינוועבס, און צעגאַנגען זיך, ווי אַ געדיכטע זיסקייט, אין דער קלאָרער לופט... האַלטסט אָפען דעם מויל, פאַנדרע? ס'איז דיר ניט די יאַטקע, ניט דאָס פינסטערע שעכט-הויז, אַה? ס'איז דיר ניט געקוילעטע קעלבער אין דער בלוטיגער האַלב-פינסטערניש, וואו עליע דער שוחט ווישט, ביי אַ נאַפט-לעמפּעל, דעם בלוטיגען ברייטען חלף אָן אַרבעל פון העמד, פון אונטער דער ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע צעזיסגעצויגען... אַ וועלט בליהם, אַ וועלט פרעהט זיך, נחקע! „און גאָטס דערבאַרעמיגקייט רוהט אויף אַלע זיינע באַשעפענישען", ווי די מאַמע האָט אַמאָל געלייענט אין טייטש-חומש... גיאָ, ניאָ, שמאַרעוואָז!..

ביי אַ צווייטען פליין, אינגאַנצען פאַרשאָטען מיט ראַמאַשקע-בלימעלעך, האָט זיך נח מיט זיינע פערד אַריינגעריסען אין אַן אסיפה פון ווייס-גרינע פלעדערלעך. די גאַנצע אסיפה האָט אויפגעפלאַטערט אין דער לופט אין ציק-צאַקען, צעצאַפּעלט זיך, צעפליגעלט זיך, צעהוידעט זיך, צעקייטעלט זיך אין געבראָכענע קייטעלעך. פון צעטומלעניש זיינען עטליכע געבליבען שטעהן, אַ רגעלע, אויפן שוואַרצען כאָמעט פון פערד, באַטראַכט אַ ווײַלע די לאַגע און ווייטער געפלויגען... נחן האָט זיך געדוכט, אַז די ווייסע ראַמאַשקע-בלימעלעך האָבען זיך אָפּגעריסען פון די גרינע שטענגעלעך און פליהען... אַ טייל לעבט, אַ טייל וואַקסט. וואו זיינען די לעבעדיגע און וואו זיינען די בליהענדיגע? נח האָט אַ ווײַלע געמוזט פאַרזשמורען די אויגען. אַזוי האָט דאָס איהם פאַרוואונדערט. צוריק אויפגעעפענט די קוקערס וויאָ, וויאָ!... אַ דאַנק דעם מורה-הוראה און געלויבט איז גאָט! אַוועק — פון דער יאַטקע.

און וואָס אַ וויאָרסט ווייטער, אַלץ מעהר נייע זומערדיגע חידושים. מען פאָהרט אַריין אין וואַלד — איז דאָ גיט עס אַ זעץ אין נאָז מיט אַ שאַרפען ריח פון שוואָמען, דאָ — מיט ביטערע מאַנדלען, דאָ — מיט אָנגעוואַרעמטע בערעזאָווע קאָרע,

וואָס דערמאָנט אַביסעל אָן פסחדיגען ספירט, און דאָ פאַרשמעקט עס מיט סאָסנע-פעך. עס בייטען זיך די ריחות, ווי עס בייט זיך די לופט אַליין. דאָ אָטעמט דער וואַלד הייס און דאָ קיהל און דאָ לעבלעך. דאָ גיט ער אַ הויך מיט פייכטקייט פון אַ קעלער און דאָרטען — מיט אַ טרוקענקייט פון אַן אויבערשטיבעל, וואו ווייבער טריקענען באָב און פאַסאָליעס. עס ווענדט זיך נאָר, וואָס פאַר אַ בוימער דאָ זיינען, וואָס פאַר אַ קרייטיכער און וואָס פאַר אַ געדיכטקייט פון די קוסטעס. ווי אַ געלער זומער-טייוועלע קאַראַבקעט זיך אַ העל-ברוינע וועווערקע אויף אַ שטאַם פון אַ הויכער סאָסנע. כאַפּט זיך אַרויף גאַנץ הויך און הויבט אָן שפּרינגען פון איין בוים-קרוין צום צווייטען. באַהאַלט זיך אַ רגעלע און טשיקעוועט אַרויס מיט שוואַרצע אויגעלעך און מיט אַ שוואַרצער מאָרדעלע אויף די דורכפאָהרער — אונטען. וואָס זאָגט אַ שטייגער פאַנדרע און זיינע סוסים אויף איהרע קונצען? און איהר פוכיגער עק שאָקעלט זיך אזוי שטיפעריש: אַנו, פאַנדרע, וואָלסט אפשר געוועזן אַ בעלן כאַפּען מיך?

דער פיקהאָלץ לאָזט זיך הערען: טוק-טוק-טוק... טרוקען און מיט התמדה קלאַפּט ער. און מיטאַמאָל גיט ער, אַפּנים, אַ קלער, אַז ס'איז ניטאָ מעהר וואָס צו האַקען מיט דער דלאָטע, אומזיסט אומנישט. גיט ער אַ פליה, ווי אַ פעקעלע קאָלירטע פעדערען. און ס'גלויבט זיך גאָר ניט, אַז דאָס איז אַ לעבעדיגער פויגעל. גיכער איז דאָס אַ צו-שטאַרק-אָנגעפאַרבטע צאַצקע אויף אַ פּויערשען, זומערדיגען יאַריד...

עס טרעפט זיך אויך, אַז צווישען די בוימער ביים שליאַך לויפט דורך אַ יונגער פוקס, הערט זיך צו שטעהענדיג אויף דריי פיס, גיט אַ פאָך מיטן רייכען עק און מאַכט פליטה... ניט צאַנדערש, אַז ער איז אַנטלאָפען ביי זשאָמען דעם סקאָרניאַק פון וואַרשטאַט, כון אַ פאַס מיט קוואַשעס... און אָט לעבט ער זיך און זוכט חברטאָרינס! אַ יונגער וועלפעל טרעפט זיך אויך. אָבער זומער-צייט איז קיינער פון זייער חברה ניט געפעהרליך-

זיי האָבן געגוג וואָס צו פרעסן און וואָס צו נאַשן אין וואַלד, ווייכן זיי אויס מענשן, וואו נאָר זיי קענען...

און פאַרנאַכט, אַז מען פאָהרט צוריק פאַרביי דעם גע־מיזעכץ, וואו די „זומער־שניידערלעך" זיינען זיך אין דער פריה צעפלויגען — קלינגט עס און עס טאַראַדייקעט און עס גראָגערט אין עס גערגעלט. אונטער אַ געצבליך ליכט פון אַ לבנה־סערפּ, אָפּגעשייערט ווי אַ שבתדיגע מעשענע לייכטער... דאָס זיינען „ליוהאַשקעס" (פרעש), וואָס פאַרגעהען זיך אין טרעלען, אויף מיני פיאָלען מיט גומצ:ע לעכלעך: „טררדר..." אין נידעריגען טאָן און „טררדר"—אין הויכען שטייגער, און ווייטער אַראָפּ און ווייטער אַרויף... דער אָטעם געהט זיי גאָר ניט אויס! און אינמיטען זיי קוואַקען די גרויסע פרעש; אָכצען און קרעכצען, ווי אַלטע בעלי־עבירות, ביי וועלכע דער יצר־הרע איז גרויס, בעוונותינו הרבים, און דער קול־נגינה איז היי־זעריג, „קוואַ־קוואָ" און נאָכאַמאָל „קוואַ־קוואָ". ס'הייסט: „אָך, אָך, כאָ! זאָלען אונזערע שונאים אַזוי כח האָבען צו לעבען, ווי מיר האָבען כוח צו קוואָקען. נאָר מ'מוז! די קאָנקורענץ!... אַז ניט וועלען די יונגע אַלע נקבות אויסכאַפּען... אָך, קוואָ־קוואָ־קוואָ!

און פאַרהאַן אַזעלכע מיני פרעש, וואָס „קאַרטאַווען" מיטן אָנגעבלאָזענעם האַלז. אָנשטאָט אַ ריש זינגען זיי מיט אַ „כייש", ווי וואָלינער גבירהטעס, מיט דרייגאָרענדיגע גאָידערס... „קוכיי, קוכיי", זינגען זיי בנעימותדיג און מיינען: „קורייה", „קורייה"! און געה טרעף, וואָס זיי ווילען דערמיט לאָזען אָנ־צוהערען!... ס'איז אַ גאַנצער מיש־מאַש פון קאַפּעלען און אינ־סטרומענטען, וואו מען פאַרהערט יונגע און אלטע משוררים און יעד'ער וויל זיין אַ חזן און זינגט פאַר זיך, וויל איבערשרייען דעם צווייטען. און פונדעסטוועגען גיסט עס זיך צוזאַמען אין איין זמירות... און אינם גאַנצען פאַרהאַוועטען טומעל, הערט זיך דייטליך אַ קלאָרער, קיהלער און איידעלער קלונג, ווי מען זאָל געווען שנעלען מיט ווייכע נעגעל אין קרישטאָלענע, דינע גלעזער: „גלינק־גלונק, גלונג־גלינג..." דאָס זיינען דוקא די

מיאוסע זשאַבעס, וואָס שפּרינגען קענען זיי ניט, נאָר קריכען, און ברענען אָפּ די פינגער, ווי מיט שייד-וואַסער, ווען מען ריהרט זיי אָן... נאָר אַ קול האָט זיי דער רבונו-של-עולם געשענקט איינס אין אַ מדינה. באַהאַלטען זיי טיעף אין נאַסען גראָז דאָס, וואָס איז מיאוס, און לאָזען הערען דאָס, וואָס איז שעהן:

— גלינג-גלון! גלונק-גלין!

פאַנדרע האָרכט און לאָזט אָפּ די לייצעס. דער איידעלער, טרויעריגער געקלאַנג, דער קיהלער טאָן, צווישען אַזוי פיעל שטיפעריי און קרעכצעניש, צופּט איהם ביים האַרצען. דאָס גאַנצע געמויזעכץ דערמאָנט איהם אָן אַ „בוטשאַן", וועלכע שפּאַצירט זיך דאָ אַרום, אינדערפריה, אויף רויטע לאַנגע פיס, און דער „בוטשאַן" דערמאָנט איהם אָן מערען, אין איהרע רויטע זאָקען... זיין שנאה צו איהר ווערט ווייך און טהוט וועה, שטאַרק וועה, ווי אַ געשוויר פאַרן פּלאַצען .. אַך, מערע, מערע! איהרע פויגעלשע פיס, אין די רויטע זאָקען, וואָלט ער דאָך אַרומגעכאַפּט, אָט דאָ אינמיטען פעלד, אין נאַסען גראָז... און זאָל זי נאָר שטעהן איבער איהם אַ הויכע, אַ דאַרע, ווי אַ „בוטשאַן", נאָר איהר לאַנגער צאָפּ זאָל זיך צעראָפּלאָזען איבער איהם און קיצלען איהם אין האַלז... געוואַלד, מערע!

זי וויל ניט, זי וויל יאָ...

.1

קומט פאַנדרע אַהיים נאָך אַזאַ זומערדיגען דרייסיג-וויאָרסטיגען פאָהר, פיהלט ער, ווי די לעצטע שיריים פון דער יאַטקע חעפען זיך פון איהם אינגאַנצען אויס. די פאַרשמאָל-צעוועטע פאַדיאָווקע, וואָס האָט אַזוי געשראָקען די פערד מיטן ריח פון פאַרטריקענט בלוט, האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען. נאָר אין לייב און אין די אָדערען איז נאָך אַלץ עפּעס געבליבען, וואָס עס איז פרעמד דער גרינער וועלט און פרעמד ספּנדערס פערד. און אָט, אין דעם דאָזיגען זומער, איז דאָס קצבישע „עפּעס" אינגאַנצען פאַרפלויגען, אויסגעפּאַרעט זיך, אויסגעשוויצט פון פאַנדרעס האַרטען לייב. פאַנדרע האָט באַשיינפערליך נעזעהן, אַז די נאָז האָט זיך איהם געביטען. און אַז דער חוש-הריח האָט זיך ביי איהם פאַרשאַרפט. ער האָט אַליין גענומען פיהלען, אַז זיין אָנגעוואַרימטע באַלעגאָלישע כאַלמידע גיט זיך אָפּ מיט אַ נייעם ריח פון קימעל-ברויט, פון דיעגעכץ און וואַלד...

איינמאָל, נאָך אַזאַ פאָהרען דורכן וואַלד און פעלד, איז ער אַריין אין יאַטקע צו זיין געוועזענעם שכן און גוטען-ברודער — צו שמחהלע טורערו, האָט איהם, פאַנדרען, פאַרכאַפּט דער אָטעם פון זיסליכען געשטאַנק — אַ געמיש פון געפּרעיעטע בלוט און אַלטע קנאָכענס. ס'האָט איהם גענומען שניידען אין

די שלייפען, ווי פון אַ טשאַד. ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרעהט פון שמחהלעס גוט־בדודערשאַפט, פון זיין פלאַש בראַנפען, פון זיינע לאַפּעס מיט די בלוטיגע נעגעל, וועלכע האָבען אַ טבע צו פּאַטשען איבערן פּלייצע, און איז אַוועק. שמחהלע האָט אפילו געמאַכט אַ זויערע מינע. אָבער ער, נח, איז אַוועק: רבונו־של־עולם! ווי אַזוי האָט ער דאָס דאָ געקענט פאַרברענגען גאַנצענע זומער־טעג, אין די גרעסטע היצען?... יאָ, אַצינד פאַרשטעהט ער, פאַרוואָס די פערד פלעגען ניסען פון זיין אַלטער פאַרשמאָלצעוועטער פּאַדיאָווקע. אַצינד פאַרשטעהט ער, פאַרוואָס „שמענדריקע", דאָס „איידימעל אויף האָבער" פלעגט לעבען איהם טרייסלען מיטן פערדישען קאָפּ און קאַפּריזנע אויסציהען די אונטערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט זיך געפּיעסטשעט: „ניין, ניין! איך וויל ניט אַזאַ שמייסער"...

די רויהע פליישיגע פאַרב האָט אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען פון פאַנדרעס געזונטען פנים. אַ ברוינקייט פון צייטיגע וואַלד־ניס האָט זיך געלעגט אויף זיינע האַרטע באַקען און אויף זיין געגאָלטער בלויער געמבע מיט דער גריבעלע. אַצינד, אַז ער האָט אויפגעעפענט אַ מויל מיט צייהן, האָט דאָס געבליאַסקעט ווי פרישע, גוט־געשיילטע יאָדרעס. אַפּעטיטליך און דאַרפיש. סיי פון די אויגען, סיי פון צווישען די ליפּען איז אַוועק יענער גלאַנץ פון אַ צעלאָזענער חיה. דער וואַלד האָט זיך לאַנג געאַמפּערט מיטן שעכטהויז און איז איהם בייגעקומען...

און דאָ האָבען שוין פאַרעכאָדען גענומען געהן איבערן דניעפּער און די פּאָהרענישען מיט פערד קיין אָרשע זיינען געוואָרען זעלטענער. די פערד האָבען אָנגעהויבען עסען אומזיסטען האָבער. האָט מען צוויי פון זיי געפּענטעט און געלאָזען אַרומהינקען איבערן גראָז, לעבען אָזערע, און נאָר איין פערד געשפּאַנט אין דער אַלטער בריטשקע. אַמאָל „דזשירקעליכען", די קליאַטשע, אַמאָל „שמאַרעוואָזן" און אַמאָל „שמענדריקען". צוויי לעדיגגעהער — אויף גראָז, איינער וואָס אַרבייט — אויף האָבער. אין דער בריטשקע האָט מען געפיהרט „שודאַקעס" צום פאַרעכאָד, און פון פאַרעכאָד אַהיים. סיידען מיטן דניעפּער

זיינען אָנגעקומען „בערלינעס", אָנגעלאָדענע מיט זעקלעך מעהל, מיט געבערענטע ציגעל און מיט ליימענע כלים; אָדער בעסטע לייוועס — וואָס מען מוז אָנלאָדען מיט האָלץ, מיט געפּרעסטע פענקע און מיט „ליקע" און מען לאָזט געהן אויף קיעוו. דאַמאָלסט זיינען סענדערס אַלע דריי פערד פאַרנומען. ס'וואָלט געווען אַ פערטער — וואָלט ער אויך געהאַט וואָס צו טאָן. פאַנדרע אַרבייט דאַן אַ גאַנצען טאָג ביים דניעפּער, און באַלעגאָלעס באַוואונדערען זיין גבורה. מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ער וואַרפט די צעהן-פודיגע זעקלעך, און ווי גרינג עס קומט איהם אָן צורויפקייקלען אַ פולע פאַס הערינג אויף דער משופּעדיגער ברעט, וואָס שפּאַרט זיך אָן, אָן סענדערס וואָגען. זיי באַמערקען גאָר ניט, אַז פאַנדרע טהוט עס מיט אַ מין באַהאַלטענער ביטערניש. אַז ער טהוט דאָס, ווי אַ שטאַרקער יונג, וואָס וויל עפּעס פאַרשיטען, פאַרדעקען, ניט זעהן מעהר פאַר די אויגען. באמת האָט זיך נח פאַנדרען געדוכט, אַז דאָס פאַרשיט ער מיט שווערע זעק, מיט קאַסטענס און מיט פעסער „מערע די הויכע" מיט איהר צאָפּ... זי איז אָבער הויך ווי אַ „באָ-שאַן"; און דער קאָפּ איהרער, מיט די ברוינע האַרטע אויגען, שטעקט נאָך אַלץ אַרויס פון דער גרויסער קופּע מיט סחורות, וואָס ער וואַרפט איבער פון די אָנגעקומענע „בערלינעס". שווער צו פאַרשיטען זי, אַט די דאַרע מויד מיטן בלאַסען פּנים, קיין געדעכעניש פון איהר זאָל ניט בלייבען... פון הערינג-פעסער, פון מעהלענע זעק, פון קוליעס מיט טאַראַנקעס, פון בינטלעך ליקע, פון קראַנצען געטריקענטע שוועמלעך, פון פּיער-עקיגע פעק מיט פלאַקס, פון אומעטום קריכט אַרויס איהר פויגעלשער קאָפּ. פון פאַנדרען גיסט זיך דער הייסער שווייס, און „זי" רייצט זיך נאָך מיט איהם:

— שלעפּט זיך אַרום מיט זיין וואָלף, ווי מיט אַ טאָרבע!..

.2

פאַר מנחה, ווען נח איז אַוועקגעפאָהרען צום פאַרעכאַד־
האָט ר׳ סענדער פאַרדאָן געקוקט דורך די מעשענע שפּאַקולען
אין אַ ספרל און געוואַרט אויף אַ גלאָז טהיי. ער האָט גע־
לייענט מיט אַן אויסגערוהטע מינע די וואונדערליכע מעשות
וועגען בעש״ט, און מיט איין אויער צוגעהערט זיך, ווי די
מויד זיינע פאָרקעט זיך אין קיך, אַרום דעם בלעכענעם טשיי־
ניק. עפּעס איז זי, די לעצטע צייט, שווייגעדיג זיין מויד,
אַביסעל צו שווייגעדיג. צי האָט זי זיך „טשאַסאָם״ ניט פאַר־
פרעגעלט אינם שמייסער? אַזאַ בוגרת ווי זי... אַ יונג מיט ביי־
נער איז ער דאָך. ניטאָ וואָס צו רעדען! נאָר זי וועט דען
זאָגען דעם אמת? סענדערס אַ טאָכטער... די גאוה! אַז ער
וועט וועלען, וועט זי ניט וועלען; אין אַז זי וועט וועלען,
וועט ער ניט וועלען... אָט אַזוי בלייבט מען זיצען ביז די
גרויע צעפּ. ער קען זי דען ניט, זיין מיזינקע, וואָס פאַר אַ
סחורהקע דאָס איז? גינהט, דאַכט זיך, אַרום ווי אַ באָטשאַן און
דראָפּעט זיך, ווי אַ קאַץ. ווען לייבעצקע, דער דאַמסקער שניי־
דער, האָט זי געוואָלט אַ טשעפּ טאָן, האָט זי דאָך איהם צע־
קראַצט דעם גאַנצען פרצוף־פנים. אַ גאַנצינקע וואָך האָט ער
זיך געשעמט אויף דער גאַס אַרויסצוגעהן. וואָרים אַלע האָבען
איהם געפרעגט, ווי טייער איז ביי איהם אַן אַרשין וויבער־
שער „דראָפּ״?..

אַז פון פּינדרעס זייט איז קיין מניעה ניטאָ, האָט ר׳
סענדער געפיהלט. ער האָט דען קיין אויגען ניט? אָט דאָ, סוף
ווינטער, בשעת מען האָט געבראַכט אין בויד דעם געהרגעטען
וואָלף, און מערע איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב, האָט זיך שוין
פאַנדרע אַביסעל צופיעל צעכראַבעט. און אַזוי איז דאָך, פאַנדרע, אַן
עניו, האָט פיינט באַריהמען זיך. איז דאָס איהם, סענדערן, גע־
ווען אַ ביסעל קשה... דערנאָך האָט ער באַמערקט, ווי די מויד

האָט אַ לאַך געטאָן צו דער מאַמען, און פּאַנדרע האָט זיך אָנ־געבלאָזען ווי אַן אינדיק. און זינט דעמאָלט ברוגזט ער זיך אויף איהר. קיין גלאַטע זאַך איז דאָס ניט. ווען זיין מויד מיט די הויכע פּיס וואָלט איהם ניט געווען געפעלען, וואָלט ער ניט געהאַט וואָס צו ברוגזען זיך. כע־כע...

מערע די הויכע איז דעם טאַטען אַריינגעפאָהרען אינמי־טען פון זיינע מחשבות מיט אַ הייסער גלאָז טהיי. אַוועקגע־שטעלט די גראָבע גלאָז פאַר זיין ספרל. סענדער האָט גלייך אַ רוק געגעבען די מעשענע שפּאַקולען אויפן שטערען, אַ ציה געגעבען מיט זיין אַרבעסדיגער נאָז, אָנגעשטעלט אויף זיין מויד אַ פּאָר כיטרע, בלויע אויגעלעך, און פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי?... געפעלט ער דיר גאָר ניט?

פון אַזאַ קלאָץ־קשיה האָט זיך מערען אַ וואָרף געטאָן די פאַרב אין פּנים. פונדעסטוועגען האָט זי די ברוינע אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט. זי האָט אויסגעהאַלטען דעם טאַטענס קוקעלע.

אין איהר רויט־ווערען האָט אָבער סענדער געזעהן אַ גוּ־טען סימן: זי ווייסט, הייסט עס, וועמען מען מיינט... און, ניט פאַרלירענדיג קיין רגע, האָט ער געקאָוועט דעם אייזען, ווען ער גליהט נאָך:

— אַזאַ יונג ווי ער... אַזאַ מויד ווי דו... דו טראַכסט גאָרניט פון אַ תכלית...

מערעס רויטקייט איז געוואָרען געדיכטער. זי האָט דעם טאַטענס קוק מעהר ניט אויסגעהאַלטען. אַ וואָרף געטאָן מיטן צאָפּ, ווי אַ קאַפּריזנע חיה מיטן עק, אויסגעדרעהט זיך און אַריינגעשפּרייזט מיט איהרע לאַנגע געטאָקטע פּיס אין קיך אַריין. ערשט דאָרטען, הינטער דער אויסגעקאַכלטער וואַנטעל, האָט זי באַקומען לשון:

— מיט דיין שמייסער! אַזוי לאַנג קרענקט ער...

ר׳ סענדער איז אַ האָר ניט נתפעל געוואָרען פאַר מערעס שילטען זיך. ער איז אַמאָל אויך געווען אַ בחור, אַ בלאָנדער גבר אַ יונג, און מוידען זיינען פאַר איהם אויסגעגאַנגען... גע־דענקט ער, אַז אַזאַ מין ווייבערשע קללה הערט זיך אַפּטמאָל

אָן חי אַ ברכה. למשל, ווען אַ שׂמעוודיגע, פאַרקאָכטע מוֹ״ד חיל אַ זאָג טאָן: „אַ געזונט אין דיינע ביינער!״ רייסט זיך ביי איהר גאָ־ אַרויס: „אַ בראָך זאָל דיך אַוועקלעגען!״ וכדומה נאָך אַזעלכע מיני פאַרביטענע יוצרות. האָט דערפאַר ר׳ סענדער מיטן זעלבען כיטרען שמייכעלע און מיט די ברילען אויפן שטערען אַראָפּגעלאָזט זיין אויסגעהאָרעוועטע האַנט אין דער טיפער קעשענע פון די הויזען, פאַוואָליע אַרויסגעצויגען פון דאָרטען אַ שטיקעלע קאַנדעל־צוקער, וואָס זעהט אויס ווי אַ געלבליכער שטיקעל גלאָז, פאַוואָליע געמאַכט שהכל, אָפּגעביסען מיט זיינע אַלטע שטאַרקע צייהן אַ פּיטשעמאַנטשיקען שטיקעלע פון דער געלבליכער „פאַטשערקע״, און מיט גרויס פאַרגעניגען אַ זופּ געטאָן. שמייכלענדיג און אָפּוואַרטענדיג מיטן צווייטען זופּ, האָט ער אויסגעצויגען אַ שפּאַטישע פּראַגעלע, ווי אַן על־טערער וואָס רייצט זיך מיט אַ קינד:

— איז... מערע, ווילסטו ניט? ניי—ן?

און מערעס בת־קול האָט איהם גלייך אָפּגעענטפערט פון קיך, נאָכגעקרימט איהם:

— ניי—איין!

— סאָ דאַרף מען ניט! — מאַכט סענדער גאַנץ רוהיג און זופּט ווייטער. ועדליג מצרעס ניגון און אויסציהען דעם „ניין״, האָט סענדער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט אַזוי געפעהר־ליך ווי מען קען מיינען... מען דאַרף נאָר געהן מיט חכמה, ניט געאיילט, ניט צופיעל טשעפּען זיך מיט איהר... נאָ! מיט דעם מורה־הוראה, צווישען מנחה און מעריב, קען מען זיך שוין היינט דורכרעדען. טאָקע היינט. וואָרים שבת, נאָך הסידות, קען מען גאָר צום מורה־הוראה ניט צוטרעטען מיט אַזעלכע ענינים. אַלע באַלעבאַטים דרעהען זיך אַרום איהם. עס פּאַסט ניט.

אַרויסגעהענדיג צו מנחה־דאַווענען, האָט זיך אָבער ר׳ סענ־דער ניט געקענט איינהאַלטען און נאָך אַ מאָל אַ טשעפּע גע־טאָן זיין מיזינקע:

— איז, ווי זאָגסטו? ביין?... טאָ דאַרף מען ניט! אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס.

3.

אין יענעם זומער־פֿאַרנאַכט, נאָכן לעצטען פֿאַרעכאָד, איז נח אָנגעקומען מיט דער בריטשקע, אויסגעשפּאַנט „דזשירקעליכען" און געעוסקט זיך ביי ר' סענדערן אין פירהויז. קיינער איז אין שטוב ניט געווען. ר' סענ־ער איז אַוועק צו מעריב. סענדעריכע — אויפן מאַרק, און מערע איז אויך ערגעץ־וואו אַרויס, איינקויפען אויף וועטשערע. אַ שטילקייט איז געשטאַנען אין שטוב און אַ מאָדנע פּוסטקייט אין פירהויז. נאָך אַ טאָג אַרבייט האָט נחן די דאָזיקע פּוסטקייט געדריקט. אַן אומעט איז איהם באַפאַלען. ניטאָ מערע!... ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט זי שוין לאַנג, זעהר לאַנג ניט געזעהן. האָט ער זיך אַ נעם געטאָן פּוצען מיט געריבענע ציגעל די מעשענע טיילען פון כאָמעט. מיט אַ טעמפּער עקשנות האָט ער געפּוצט אין אַ פינסטערען ווינקעל פון פירהויז.

און מיטאַמאָל קומט אַן „מערע די הויכע". זי אליין! מיט איהרע לאַנגע געטאָקטע פיס... אַריינשפּרייזענדיג פון דער ליכטיגער גאַס אין דער האַלב־טונקעלהייט האָט זי נחן ניט באַמערקט און אָנגעגאַנגען גלייך אויף איהם מיט אַ גרויכען קיבעלדיגען לאַבען ברויט אונטערן אָרעם. אין נחס, דורך וואַלד און פעלד פאַרשאַרפטע נאָז, האָט אַ זעץ געטאָן דער ריח פון פרישען ברויט, אויסגעמישט מיטן אָטעם פונם מיידעלשען צעוואַרימטען גוף. ווי אַ כשוף, ווי אַ ליעבע־געטראַנק האָט דאָס איהם אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און ער האָט דערשפּירט אַ זיסע שווינדלעניש. ווי אַ מענש, וואָס וואַרפט זיך אין פייער ראַטעווען דאָס וואָס איהם איז טייער, האָט ער ניט אויסגערעכענט זיין באַוועגונג און זיין כח, און פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט מערעס לאַנגען גוף מיט זיינע אייזערנע אָרעמס. דער פרישער

לאַבען ברויט האָט אַ קנאַק געטאָן. מערע אַליין האָט צוש ? קוויטש געגעבען ווי אַ געשטיקטע קאַץ „מי־אי...” פון וועהטאָג ? פון שרעק ? פון צניעות ? אפשר פון אַלע דריי זאַכען צוזאַמען. נאָר אויפן שטעל האָט זי זיך געכאַפּט, וואו זי איז אין דער וועלט, האָט זי זיך אויסגעבויגען, ווי אַן אָנגעטראָטענע קאַץ, באַפרייט דעם לינקען אָרים און אַראָפּגעלאָזען פאַנדרען אַ ניט־געלונגענעם פלעם איבערן צעהיצטן פּנים, אין דער קרום, פון איין אויג צום נאָז אַראָפּ. נחן האָט זיך גלייך גענומען שיטען מיט רויטע און גרינע פונקען פון איין קוקער און פון נאָז האָט עפּעס גע־גומען קאַפּען... אויף צאַ גבורה פון אַזאַ מאָגערער, בלאַסער מיידעל ווי מערע איז, האָט זיך פאַנדרע ניט גערעכט. ניט אומ־זיסט, הייסט דאָס, וואַקסט זי פון סענדערן — דער אַמאָליגער גבור אין באַלענאָלישען צעך... און מערע אַליין האָט גלייך באַ־מערקט, ווי אכזריותדיג, ניט־ווייבעריש זי האָט נחן געשלאָגען איבערן פּנים, מיט די נעגעל אין דער קרום און אַזוי ניט־גע־שיקט, אַז זי האָט איהם צעמזיקט אַ ברעם און צעקלאַפּט די נאָז. ס'האָט איהר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען. פונדעסטוועגען האָט זי איהם בייז אויסגעזונגען איבערן סאַמע אויער:

— גו—וט ? וואָ—אָס ?

אינם תהו־ובהו פון פונקען און פאַרבלענדעניש האָט נח קוים באַמערקט, אַז מערע האָט זיך אינגאַנצען באַפרייט פון זיינע אָרעמס, אַז זי באַטראַכט דעם צעקוועטשטען לאַבען ברויט און די רויטע פלעקען אויף איהר פאַרטוך... הייסט עס, אַז דער ברויט און דער פאַרטוך אַרען איהר מעהר ווי זיין אויג און נאָז...

אַ ווילדע רציחה האָט אויפגעפלאַקערט אין נחן; די רציחה פון פריהערדיגע טעג, ווען ער האָט נאָך געקיילט שווערע זיי־טען־פלייש אויף דער יאַטקע־קלאָץ צוזאַמען מיט שמחהלע טו־רערי, און געקניפּען דינסטמוידען, און געמאַכט „מי שברך” דעם גייעם נגיד אונטערן פענסטער... האָט ער מערען אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם, העכער איבערן עלענבויגען, אויסגעשטשירעט זיי־

גע הייסע צייהן און אַ הויב־געטאָן אין דער צווייטער האַנד אַ שווערען שטיק רימען פון כאָמעט, וואָס ער האָט אָקאָרשט געפוצט. נאָך אַ רגע — און ער וואָלט זי דורס געווען, די הויכע מויד מיטן לאַנגען צאָפּ. אָבער מערע איז געשטאַנען פאַר זיין ניט־פאַרלאָפענער אויג בלאַס, ווי קרייד, האָט איהם האַרט אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שטאַר־געוואָרענע קעצישע קוקערס, און שטיל, כמעט פאַרוואונדערט, געמרוקעט צו איהם:

— מיך — שלאָגען? אַ מיידעל וועסטו שלאָגען?

נח האָט זיך גלייך אויסגעניכטצרט פון זיין רציחה, ביידע הענט זיינען איהם ווייך געוואָרען, אָפּגעלאָזען זיך. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ שטאַרקערע חיה ווי ער אַליין. אין אַ קליידעל אפילו און מיט אַ פאַרטוך, אָבער אַ שטאַרקערע... אַ שוואַכקייט איז איהם באַפאַלען, אַ ליפּ האָט ביי איהם אַ ציטער געטאָן, ווי ביי אַ באַליידיגט אינגעלע, און ער האָט זיך גענומען בעטען:

— מערע, מערינקע... האָב מיט מיר חתונה...

ער האָט אפילו ניט באַמערקט, ווי משונהדיג־נאַריש ער מוז איצטער אויסזעהן מערען מיט זיין פאַרליבעניש, מיט זיין צעהאַקטער ברעם און מיט בלוט אונטערן נאָז. פאַרקעהרט, ער האָט גאָר געפיהלט אַ מאָדנעם פאַרגעניגען... ניין. זאָל זי טאַקע זעהן, אַזאַ בלייבע מויד ווי זי איז, ווי שוואַך און נישטיג ער איז צַנטקעגען איהר... וואו פאַנדרע? וואָס פאַנדרע? אַ הונט איז ער, אַ וואָרעם... זאָל זי איהם אַ בריק טאָן, זאָל זי איהם צעטרעטען מיט א הר פויגעלשצן פוס.

מערע האָט אויסגעהערט זיין געבעט און קוים אַ שמייכעל געטאָן:

— מיט דיר?... מעהר גאָרניט?...

און באַלד געגעבען זיך אַ דרעה־אויס, אַ וואָרף מיטן צאָפּ און אַ זאָג געטאָן גאַנץ שטיל, אָבער שוין אָהן קראַכט, אָהן שטאָלץ, כמעט שטאַמלענדיג:

— אַז ניט... ניט דערלעבצן... זאָלסטו... פאַנדרע...

און גלייך אַריינגעלאָפען אין שטוב און אַ טראַסק געטאָן

מיט דער טהיר, פינקס ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט צוגעבען מעהר וואָג צו איהרע שוואַכע ווערטער:

— ניט דערלעבען זאָלסטו!

.4

נח האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אינמיטען פירהויז, אייף צוויי צענויפגעלעגטע כאָמעטען. ער האָט זיך געווישט די צעבלוטיגטע נאָז, געפּינטעלט מיט דער געשוואָלענער אויג און געפיהלט, אַז אָט אָט ווערט ער דערשטיקט. אַ סוף!... ס'איז אַ סוף מיט פאַנדרען!... ווי אַ געשמיסענער אינגעלע, וואָס כראַבּרעט זיך, האָט ער זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו פאַנאַנדערוויינען זיך...

ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט ווייסט ער ניט. אַ מינוט, צי צוויי, צי אַ האַלבע שעה... ער ווייסט נאָר, אַז מיטאַמאָל האָט די שטוב-טהיר ווייטער אַ סקריפּ געטאָן, און מערע האָט זיך אַרויסגערוקט. פריהער אַ קאָפּ, דערנאָך — אַ פּלייצע, דערנאָך איז זי אינגאַנצען אַרויסגעגאַנגען. אין האַנט האָט זי געהאַלטען אַ נאַסען האַנטוך.

ניט רעדענדיג קיין וואָרט, האַלב-שעמעוודיג און האַלב מיט אַ מין אָרו־סרוף, איז זי צוגעגאַנגען צו פאַנדרען, אַריינגעשטעלט זיך מיט ביידע פוּיגעלשע פּיס צווישען זיינע שטאַרקע צושפּרייטע קניע אויף די כאָמעטען, און גענומען אַרומביגדען דעם נאַסען האַנטוך אַרום נחס שטערען, פאַרכאַפּענדיג דערביי אין דע' קרוב זיין צעהאַקטע ברעם און אויג.

לויט דעם, ווי מערע איז צו איהם צוגעגאַנגען און מיט וואָס פאַראַ זיכערקייט זי האָט זיך איהם געשטעלט צווישען די קניע, האָט פאַנדרע דערפיהלט, אַז ס'איז געשעהן אַ נס... ער, פאַנדרע, איז אַ פערד מיט פּאָדקאָוועס, מעהר גאָרניט!... מערע איז זיינע! זי וועט זיין זיינע!... מ'עט נאָך לעבען, פאַנדרע!

דער קאַלטער האַנטוך האָט איהם אינגאַנצען אָפּגעפרישט. די קאַלטקייט פון וואַסער און דער ברענענדיגער שמערץ אין

אויג האָבען זיך אויסגעמישט ווי זיס מיט זויער. ציטערנדיג, ווי אַ אינגעל, האָט ער שוואַך, אָהן כח, אַרומגענומען מערעס פיס, אונטער די קניע... מעהר האָט ער, זיצענדיג, ניט געקענט דערלאַנגען. דאָסמאָל האָט זי זיך שוין מעהר ניט געבריקעט, געלאָזען זיך. פון די נידעריגע כאַטעס האָט ער אויפגעהויבען זיין ניט-פאַרבונדענע אויג צו מערען. זי האָט איהם אויסגעזעהן הויך, הויך, אַ סך העכער ווי זי איז... כדי צו דערגרייכען צו איהר האָט ער פּאַזאָליע גענומען הויבען זיך פון זיין זיץ, דורכלאָזענדיג מערעס שלאַנגיגען גוף דורך זיינע אָרעמס, ווי דורך אַ ווייכען רינג. די דאָזיגע באַוועגונג האָט זיך אויסגעצויגען אין איין לאַנגען גלעט איבער מערעס רוקען, איבער איהר זומערדיגער דינער קאָפטעל. אויפגעהויבען זיך—איז פאַנדרע אויסגעוואַקסען און האָט זיך דערפיהלט אַלס א י ה ר ־ג ל י י כ ע ן, יאָ. אַצינד מעג ער זי שוין אַרומנעמען אַביסעל שטאַרקער; אַצינד מעג ער:

— מערינקע! מערײנע־על ע!

מערע האָט אָנגעקוקט מיט צוויי ברוינע אויגען פאַנדרעס גאַנצע אויג, זיין פאַרבונדענעם קאָפּ, און האָט אַפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן, וואָס פאַנדרע דער גבור, דער וואָלף-ווערגער, זעהט אויס אַזוי געבעטכדיג. נאָר איהרע ביידע שוואַרצאַפּלען האָבען זיך פאַנאַנדערגעצויגען און געבערענט, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס שרעקט זיך אַ ביסעל פאַרן קאָטער. איין קליין ווערטעלע האָט זי איהם נאָר געשענקט:

— נו?

דאָ האָט זיך שוין פאַנדרע מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, און זיך איהר אינגאַנצען ערקלערט אין „אייביגער ליבע“:

— מערע, דו הערסט, מערע... אַ נכפי זאָל מיך כאַפּען דאָ אויף אַן אָרט!

• • •

אַז ר׳ סענדער איז געקומען, נאָך מעריב, אַהיים און אין פּרידהויז אָנגעטראָפען נח פאַנדרען מיט אַ פאַרבונדענעם אויג,

האָט ער קודם־כּל אַריינגעקוקט אין דער אָפענער שטוב־טהיר, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף פֿאַנדרען, דערנאָך אַרויפגעכאַפּט די מעשׂנע שפּאָקולען אויף דער אַרבעסדיגער נאָז, און ערשט דער־נאָך שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס עפּעס — דאָס?

— ס'איז גאָרניט, — מאַכט פֿאַנדרע, — געפּאַלען איבער די שנאָלען... פֿון כאָמעט די שנאָלען...

— אַזוי גאָר? איבער די שנאָלען?

אַ שמייכעלע האָט זיך דערביי צעשטיפּט ביי ר' סענדערן אונטער די געלע וואָנסעס, וואָס ווילען ניט גרוי ווערען. אָקאָרשט, אין בית־מדרש, האָט ער גערעדט מכּח זיין מערען און מכּח פֿאַנדרען מיטן מורה־הוראה. אין יענער האָט איהם געגעבען אַ ב״כה. איז אָט... צי האָט שוין די ברכה ניט אָנגעהויבען מקוים צו ווערען?...

ניט רעדענדיג מעהר קיין וואָרט, איז ר' סענדער צוגע־גאַנגען צו דער אָפענער שטוב־טהיר און האָט זי פֿאַרמאַכט. און, רייבענדיג זיך ביידע הענט, איז ער צוגעטרעטען, אין דער האַלב־טונקעלקייט, האַרט צו פֿאַנדרען:

— זאָג נאָר דעם אמת, נח... מיר קענסטו דאָך זאָגען, ווי אַן אייגענעם טאַטען... אפשר איז דער כאָמעט געוועזן גאָר אַן אַנדער זאַך...

פֿאַנדרע האָט איהם אָנגעקוקט מיט איין גאַנצער אויג, אין דער קרום, ווי אַ האָן אויף אַ האָבער־על: גיב נאָר אַ קוק! ער האָט שוין דערשמעקט דער אַלטער תרח... נאָר גער דער־צעהל איהם מעשׂות!... האָט ער זיך געמאַכט תמעוואַטע:

— וואָסער זאַך?

האָט איהם ר' סענדער פֿאַרטייטשט געלאַסען, זעהר בע־לאַסען:

— כ'מיין... אפשר האָט גאָר דער כאָמעט געטראָגען אַ קליידעל?...

פֿאַנדרע האָט עפּעס געגוּמען מעקען: „וואו? וואָס? ווּעמען?“.

אָבער ר׳ סענדערן אַרט דאָס ניט, ער רעדט זיך דאָס ווײַניגע:

— זעה, פּנדרע... אָסטאָראָזשנע! זי קען דיר נאָכ־צמאָל ביידע אויגען אויך אויסקראַצען... וועסט זיך אויף דער גאַס ניט קענען ווייזען. שוין געווען אַזעלכע מעשות...

האָט פאַנדרע דערזעהן, אַז דער באַלעבאָס איז גאָרניט אין כעס, האָט ער זיך שוין צעלאַכט מיט אַ מויל ווייסע ציינער און מיט איין אָפענעם אויג.

האָט ר׳ סענדער אויסגעטאָן די מעשענע שפּאָקולען, זעהר מיושבדיג אויסגעהערט פאַנדרעס געלעכטער, געגעבען אַן עפען די שטוב־טיר און צריינגעשריען:

— זעה, מערע! איז ווילסטו שוין! יאָ—אָ?

— יאָ־אָ!... — האָט איהם מערעס קול איבערגעקרימט פון קיך אַרויס.

אַזוי איז פּאַנדרע, אין אַ מולדיגער שעה און אָן שום הילף פון אַ שדכן, געוואָרען אַ חתן.

כס ברענט ביים נייעם נגיד!...

.1

נאָך דער חתונה האָט סענדער־פּאַרדאָן אָפּגעגעבן פּאַנדרען און מצרען זיין טאָכטער אַ האַלבע שטוב און „אַ האַלבע בויד", און אַלץ איז אַוועק כּשורה. אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס פּאַנדרע איז אַצינד געוואָרען אויס שמייסער, אַן איידעם ביי סענדערן, איז ער פונדעסטוועגן נאָכגעגאַנגען זיין געוועזענעם באַלעבאָס, ווי אַ יונגער זשערעבעץ נאָך אַ קיהלער, אָפּגעאַרבייטער קליאַטשע, מיט דריבנע טריטעלעך און מיט דרך־ארץ. ניט ווי די באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך, וואָס ווי נאָר זיי באַקומען דעם נדן אין האַנט אַריין, אַזוי הויבן זיי אָן צו פּאָבריקעווען און צו קריגען זיך מיט שווער און שוויגער. אַלע שבת און יום־טוב זיצט זיך נח זייט־ביי־זייט מיטן שווער אין בית־מדרש און לאָזט זיך ווייזן אַ „היי אין סידור" — וואו מען האַלט און וואָס מען דאַרף זאָגן. צו קריאת־התורה געהט ער ניט אַרויס אין שול־הויף צו טרייבן קאַטאָוועס, ווי אַלע פּראָסטאַקעס טוען. נאָר ער בלייבט זיצן מעשה־סטאַטיק אויף אַן אָרט. און נאָכן דאַווענען וואַרט ער אָפּ געדולדיג ביז ר' סענדער וועט זיך אָפּבאַמקען און אָפּשפּייען „עלינו" און ביז ער וועט זיך דורכשטופּען מיט זיין באַלעגאָלישען „גוט־שבת" צום מורה־הוראה. זיך אַליין האָט נאָך פּאַנדרע געהאַלטען פאַר ניט־געניג דערוואַקסען, פאַר ניט געניג פרום. ער זאָל זיך אויף

געהן שטופּען צום מורה-הוראה, ווי דאָס טוען די עלטערע לייט, מיידען ער באַגעגענט דעם מורה-הוראה אויף דער גאַס. פּאַנדרע ווערט דערביי אַלעמאָל רויט, ווי אַ חדר-אינגעל, ווען ער באַגעגענט זיין רבין: ער גיט פאַרשעמט אַ ברום-אָפּ זיין „גוט-שבת, רבי!...” און דאָס האַרץ קלאַפּט איהם דערנאָך...

אַלץ געהט כשורה... נאָר מיטן נייעם וואָלענעם טלית האָט ביי פּאַנדרען געטראָפען אַ שטיקעל סיבה. שבת נאָך חתונה, אַז מען האָט אים אויפגערופען צו דער תורה, האָט פּאַנדרע פון אויפרעגונג אַ ציה-געטאָן איין אַראָפּגערוקטען ברעג איבער דער ברייטער פּלייצע. ער האָט נאָר, ווי ער זאָגט, אַ ציה געטאָן אַ קאַפּעלע, אַ האָרעלע ניט מעהר, פונדעסטוועגען האָט דער נייער וואָלענער טלית געפּלאַצט, און גראָד ביים דאָפּעלטען נאָט, דאָרטען וואו עס געפינען זיך די זעקלעך פאַר די ציצית... עס האָט געגעבען אַזאַ פּלאַץ, אַז ר' סענדער, זיין שווער, האָט איהם געמוזט אָנכאַפּען פון הינטען:

— טפררו, פּאַנדרע! אַ טלית איז ניט קיין כאָמעט!

קומענדיג דערנאָך אַהיים צו טשאָלענט, האָט זיך פּאַנדרע געשעמט צו קוקען מערען, זיין יונג ווייבעל, אין פּנים אַריין. וואָס וועט זי, אַ שטייגער, זאָגען צו אַזאַ איידעלען איינשפּאַנען זיך אין אַ נייעם דובראָוונעם טלית!... אָבער מערע האָט דערזעהן דעם געוואָלד-ריס אויפן שוואַרץ-געפּאַסקעטען וואָל, און האָט נאָר אַ שמייכעל געטאָן. נחן האָט זיך אפילו אויסגעדוכט, אַז זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ מין מידער ליעבשאַפט. מערע אַליין האָט נאָך געפיהלט איבער זיך פּאַנדרעס שטורמישע גבורה. זי האָט געוואוסט, אַז זי מוז אַלעמאָל נחן דערמאָנען, אַזוי ווי מען דערמאָנט אַ שטאַרקע קינד, אַז מען מוז זיך אומגעהן פּאַוואָליע, רחמנותדיג מיט אַזעלכע שוואַכע צאַצקעס, ווי אַ ווייב איז, ווי אַ נייער טלית — וועלכער שמעקט נאָך מיט דובראָוונע...

נאָך הבדלה האָט זי דורכגעצויגען אַ דינע פאָדים דורך אַ דינער נאָדעל און האָט זיך ביים לעמפּעל אַוועקגעזעצט צי-ריעהען דעם געפּלאַצטען אָרט. איהר לאַנגער גאָלדיג-טונקעלער

צאָפּ און די שוואַרץ-בלויע פּאַסען פון טלית האָבען זיך געגאָ- סען איבער איהר יונג-ווייבערישען שויס און איבער איהר ווייכע שבתדיגען פּאַרטוך אַראָפּ צו דער פּאָדלאָגע. איהר הויכער האַלז מיטן קליינעם קאָפּ זיינען געווען איינגעבויגען איבער דער אַרבייט. די ליפּען זיינען איהר געווען פרום פאַרשלאָסען, די נאָדעלע האָט געבליצעלט צווישען איהרע מאָגערע פינגער, און דער געוואַלד-ריס אין טלית איז געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער האָט זיך אינגאַנצען פאַרמאַכט. מען זאָל געווען זיין מיט צוויי פּאָר אויגען וואָלט מען אויך ניט דער- קענט.

אַז פאַנדרע האָט דערזעהן, ווי די פּאַסען פון זיין שמע- קעדיגען טלית גיסען זיך איבער מערעס שויס און ווי קונציג זי פאַרגלעט זיין "פּעהלער", וואָס ער האָט געמאַכט, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ גלוסטעניש און אַ בענקעניש און אַ נאָגעניש אין האַרצען. מערע זאָל איהם געווען יעצט זאָגען: „שפּרינג אַראָפּ פון דאַך אין ברונים", וואָלט ער געשפּרונגען. ניט קענענדיג מעהר איינהאַלטען זיינע געפיהלען, האָט ער, מיט זיינע ביידע לאַפּעס, אַרומגעכאַפּט מערעס קאָפּ, ווי אַ לייב כאַפּט אַרום אַ פּיסקליאַטע. אָט-אָט שלינגט ער זי איין. זיין הייסע גלוסטעניש האָט זיך אויסגעדריקט אין אַזאַ לשון:

— פּאַיעטאָנטשיק!... אַ כאָלעריע אין מיר און אַ געזונטעלע דיר אין ביידע זייטעלעך אַריין.

דאָס איז דער העכסטער גראַד פון פאַנדרעס ליעבשאַפט. ווען זיין הייסקייט צו זיין יונג ווייבעל דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה, באַנוצט ער זיך מיט אויסטערלישע ווערטער. וואָס אויס- לענדישער, וואָס משונהדיגער, וואָס ווייניגער טייטש — אַלץ מעהר וואָג האָט דאָס פאַר איהם און פאַר זיין האַמעטענער באַגייסטערונג. אַ סך גראָבליכע ווערטער זיינען איהם פאַרבלי- בען פון דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קצב. אַנדערע האָט ער זיך אָנגעהערט אַצינד, אין באַלעגאָלישען צעך. און גלאַט אַזוי מאָדנע ראשי-תיבותן — ניט-געשטויגען ניט-געפלויגען, מישט ער זיי אַלע צוזאַמען און שפּיעלט אויף זיי מערען, ווי

אויף נאָטען: עסקאַדראָנטשיק, האַלאָבּליעלע, צעפּצעכעלע, בּן-
פּקועהלע, צן אַרטילעריעצקע דיר אין די בּיינדעלעך! אַ קריטי-
נאַלטשיקעל דיר אין די ליטקעלעך...

צום אָנהויב האָט זיך מערע געקרימט, אָנגעשטעלט אויף
איהם די בּרוינע אויגען און געוואָרפען מיטן צאָפּ, ווי אַ פוקס
מיטן עק. אָבּער דערנאָך האָט זי זיך מיט איין אויער גענומען
צוהערען צו זיי. איהר ווייבּערישער געהער האָט אין די דאָזיגע
ווערטער גענומען כאַפּען אַ טייטש, וואָס נאָר זיי בּיידע, זי
און נח, פאַרשטעהען עס... אין יעדען אַזאַ משונהדיג ווערטעל
איז געלעגען אַ שטיק רויהער כח. און מערע האָט דאָס אויפ-
גענומען אין זיך, אין איהר מאָגערען גוף, אין איהר בּלאַסען
געזיכט און אין איהרע ברומע מידות, ווי אַ לעכצענדע ערד
נעמט אין זיך אויף אַ וואַרימען רעגען. אויך נחס גבורה איז
איהר צום אָנהויב ניט בּאַקומען. פּונקט ווי אַ צו-שטאַרקער
רעגען בּאַקומט ניט אַן אויסגעטריקענטער ערד. אַ קורצע צייט
נאָך דער חתונה איז זי נאָך מאָגערער געוואָרען און איז אַרומ-
געגאַנגען אַ צעדריקטע, אַ צעשטורעמטע. מיט בּלויע קרוהעס
אונטער די גרויסע אויגען און ניט אַ מידער פאַרגליווערטקייט
אין די גרויסע שוואַרצאַפּלען. אָבּער בּיסלעכווייז האָט זי זיך
גענומען אויסגלייכען, אויפבּליהען. דורך געהיימע רעהרען, וואָס
נאָר מאַן און ווייבּ קענען זיי, איז פאַנדרעס פולבּלוטיגקייט אַריין
אין איהרע בּלוּליכע אָדערען. די פּלייצעס איהרע זיינען קיי-
לעכדיג געוואָרען. אַ רויטליכער גלאַנץ האָט זיך גענומען דורכ-
שלאָגען דורך איהרע מאַטעווע האָר. דער קוק איז געוואָרען
זיכערער און די לעצטע סמנים פון שטודעם און שאָטענס זיינען
פאַרשוואונדען פון אונטער איהרע אויגען-צפּעל. און שבּת, ווען
זי פלעגט אָנטאָן דעם בּרייטען געפאַלדעוועטען, ווייסען ציץ-
קליידעל מיט די רויט-בּלויע בּלימעלעך און אויף די פּלייצעס —
דער מאַמעס בּרוסט-טוך מיט טערקישע קווייטען, פלעגען יונגע
בּאַלעגאָלעס, פאַנדרעס חברים, איינגעמען אַ מיתה-משונה. זיי
האָבּען אָבּער מורא געהאַט קוקען צו שטאַרק, צו ווינקען —
אודאי און אודאי ניט. הויבּט זיך אָן מיט פאַנדרען!... אפילו

ניט-פֿאַרגינערס האָבען וועגען מערען מעהר ניט גערעדט, חי וועגען אַ „באָטשאַן“ מיט הויכע פיס. מען דאַרף שוין זיין אַ רשע-כרושע צו רופען אַזאַ הויכע און שעהנע יונגע ווייבעל „באָטשאַן“, אָדער „באַרדאָניכע“. ניין, פֿאַנדרע האָט זיך מיטן שידוך גאָרניט אָפּגענאַרט.

נאָר פֿון על-חטא ווערט מען דאָך ניט פעט און פֿון פֿאַר-ליבעניס איז ניטאָ קיין גריבעניס... אויסער זיין הייסער ליעב-שאַפֿט האָט טאָקע פֿאַנדרע צוגעזעהן, אַז מערע זאָל אַ ביסעל מעהר עסען, זי זאָל זיך געוועהנען צו נעמען אין מויל אַריין, ניט ווי אַ צעקראָכענע באַלעבאָטישע טאָכטער, נאָר ווי פֿאַנ-דרעס ווייב. יאָ. אַז געגעסען געקאָכטע לעבער צו וועטשערע, זאָל זיין געשניטען פֿון שטיק און געגעסען. און אַז געזופּט מילכיגען קרופּניק, זאָל זיין געזופּט. ניט פֿון אַ פּלאַטשיגער טעלער, נאָר פֿון אַ שיסעל. און אַז געריבען ווייסען צוואָרעך מיט שוואַרצען ברויט, זאָל זיין געריבען. און כדי עס זאָל זיך גוט גליטשען, בייסט מען צו מיט אַ פרישער אוגערקע. אַזוי האָט ער מערען געלערענט. און כדי הירזשענע קאַשע זאָל זיין באַטעמטער — דאַרף מען זי באַשיטען מיט אַ ביסעל מעהל-צוקער. נאָר ניט געשעגט זיך! און מערע האָט געפאָלגט און ס'איז איהר טאָקע גוט בּאַקומען.

פֿאַנדרע באַנוגענט זיך אָבער ניט מיט היימישע מאכלים אַליין. פֿון די קצבישע יאָהרען אָן איז ער געוואוינט צו עסען אַ סך פלייש. און פֿאָהרענדיג מיט דער בויד איבער די שליאַ-כען מאַכען זיך מציאות, גוטע זאַכען. איז אָט ברענגט ער מע-רען אַ פרישען קעלבערנעם לונג-און-לעבער, וואָס שמחהלע טא-רערז, זיין געוועזענער חבר, האָט איהם פֿאַרקויפֿט פֿאַר האַלב געלט; דאָ האַנדעלט ער פאַר איהר איין אַ קערבעלע רויטע יאַגדעס, פֿון בעראָזעווע ווייסע קאָרע געפלאָכטען, און דאָרט — אַ מאַנדעל פרישע שלאַיען, אָקאָרשט פון וואַסער, מיט בלויע פעטע רוקענס. שוואָמען איז שוואָמען, און אייער איז אייער. און פרישע באָב צום קרופּניק איז אויך ניט קיין שלעכטע פֿאַ-פראָווע. און אַז מערע בייזערט זיך אויף איהם כלומרשט אַז,

וואָס ער גיט אויס אַזוי פיעל געלט אויף דער אַכילה, דערקלערט איהר פאַנדרע דעם שכל פון עסען, קצבים:

— „אַרטיליעריעצקע“... שטאָפּ גוט די קישקע וועט זי דיר ניט צעקריכען אין טשאָלענט...

אָדער באַלעגאָליש:

— מרייגעלע! צו מען שמירט ניט פאָהרט מען ניט!

.2

אַ זומער איז אַוועק און אַ ווינטער איז געקומען. דער רגיטפער איז איינגעפרוירען געוואָרען, די פאַרעכאָדען זיינען געבליבען שטעהן. און פאַנדרעס בויד האָט זיך ווייטער גענומען גליטשען אויף דעם שליאַך, צווישען שקלאָוו און אָרשע. גאָר אַצינד איז דער שליאַך „זיינער“ און די שודאַקעס — זיינע. אויס שמייסער!... אַצינד איז פאַנדרע אַן איידעם און אַ האַלגע באַלעבאָס. וואָרים אַן אָפּמאַך איז דאָ צווישען איהם און ר' סענדערן, אַז אַלץ וואָס מען פאַרדינט טיילט מען זיך אויף דער העלפט.

ר' סענדער פאָהרט ווינטער־צייט זעלטען־ווען אַרויס. ער רוהט זיך אויס און וואַרעמט זיינע אַלטע ביינער אויף דער לעזשאַנקע אין שטוב. גרין זיינען די אַלטע קאַכעל פון דער אַלט־מאָדישער לעזשאַנקע, ווי פאַליוועגע טצפּ, און אויסגעגלעט און וואַרעם זיינען זיי. און אַז ס'ווערט אַ ביסעל צו הייס — זעצט מען זיך אַוועק אין יאַרמעלקע און מען זאָגט תהילים. מערע טראָגט צו אַ גלאָז טהיי. דער וואַנט־זייגערעל, מיט איין וואָג און מיט אַ שיקסע און בלומען אויפען ציפער־בלאַט, סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות צו האַלטען צייט פון פלייש־זאַלצען און פון מנחה־דאַווענען... לויפט ער מיט זיין אומרוה, ווי מיט איין פיסעל פון אַ הינקעדיגען אונטער־שמש, טיק־טאַק, טיק־טאַק, זעהר פאַרהאַווט. אָבער ער פלייסט זיך שוין צופיעל. אָדער ער פאַרלויפט אָדער ער דערלויפט ניט, אָדער ער בלייבט

גאָר שטעהן... טהוט אָן ר׳ סענדער די מעשענע שפּאָקולען און קוקט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיך זיינע סימנים אין ה׳מעל פון דער צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געברויכט קיין זייגערס. פון טאַטען ר׳ זימעל, עליו-השלום, און פון דאָרף-גויים, להבדיל, האָט ער דאָס בירושה. ער האָט זעלטען-ווען אַ טעות. געהט ער צו צום פאַרהאַוועטען זייגערעל, ווי מען געהט צו אַ ווייסען-חברהניק, גיט אַ שטופּ דעם ווייזער, ציהט-אָן די איין-איינציגע וואָג — אָגגעגאָסענע בליי אין אַ מעשענער טרייבעל אָן אַ דנאָ —; גיט, מיט אַ שמייכעלע, אַ קוק אויף דער אויפגעמאָלטער שיקסע אין ציפערבלאַט און מאַכט: „באָם-באָם-באָם...״ אויף חסידיש שטום-לשון הייסט עס: געלויבט דער אויבערשטער! אַ רוהיגע עלטער, אַ גוטע עלטער, אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען!

אָפטמאָל קומט פאַנדרע אָן פון אָרשער באַהן שפּעט ביינאַכט. ביז מען פיהרט פאַנאַנדער אַלע „שודאַקעס״, ביז מען שפּאַנט אויס די פערד און מען שטעלט זיי אַוועק אויף האָבער—באַוויזט דער פאַרהאַוועטער וואַנט-זייגערל נאָך צוועלף.

דאָס מאָל, איבערן גרויסען פראָסט, איז עס אוסגעקומען נאָך שפּעטער. מען קען די פערד ניט פּאָיען אין אַ גרויסער קעלט, איידער זיי קיהלען זיך ניט אָפּ. איז פאַנדרע אַריינגעפאַלען אין שטוב אַ דערפרוירענער, אַן אָנגעהאָרעוועטער, אַן אויסגעהונגערטער. מערע איז אין די חדשים, לעגט זי זיך פריה אין בעט. סענדער און סענדעריכע כראָפּען שוין לאַנג אין דער צווייטער האַלבער שטוב, הינטערן פאַרצאַמען. מיט זיינע בערישע פיס און מיט זיינע ברייטע שטיוואַלעס וויל פאַנדרע געהן אויף די ציפּקעלעך, כדי ניט אויפוועקען מערען. פונדעסטוועגען מאַכט ער אָן אַ רעש, ווי אַ געפּאַדקאָוועטער משא-פערד אויף שט״ינער. דערהערט ער. אַז מערע שלאָפט ניט, בויגט ער זיך איין איבער איהר בעט און פרעגט:

— נו?

— נו-נו. — ענטפערט איהם מערע האַלב-פאַרשלאָפען און געהיימניספול.

— דו הערכט, עטקאַדראַנטשיק, — מאַכט פאַנדרע — אַ געזונט דיר אין די זייטעלעך, כ'וואָלט עפּעס געגעכטן. אפשר איז דאָ אַ קאַפּ מילכיגע „קאַכע"? קאַלטע „קאַסע"... (קאַשע).

מערע הויבט אויף פון גרויסן פּאָווערע-קישען אַ קליין קעפּעלע מיט אַ דיקן פאַרפלאָכטענעם צאָפּ:

— וואָס עפּעס קאַלטע „קאַסע"?

ערקלערט איהר פאַנדרע זיין פּלוצלינגע ליידנשאַפט צו קאַלטע מילכיגע קאַשע, מיט אַ ברומיגען גוטמוטיגען שעפּטשען, אַזוי:

— דו הערסט דאָך, מריינעלע, שטענדיג היינט קושקע־בראַנד, דער פּרעסער, לעבען אָרשער וואָקזאַל און עלעבט ריטשקעגע שוואַרצע קאַסע פון אַ האָלאַטשיק, באַגאָסען פון אויבען מיט מילך... שלעפּט מיט אַ לאַנגער סקאָרינקע און טשמאָקעט... איז דאָך אָבער קאַלט, די שוואַרצע קאַסע מיט מילך איז פאַרקילט, דער האָלאַטשיק איז שמאָל... היינט געה עס אוזאַ קאַסע פון האָלאַטשיק!... זאָג איך, קושקע, זאָג איך, גיב, זאָג איך, כ'וועל דיר העלפען עסען קאַסע פון האָלאַטשיק. כ'האָב, זאָג איך, אַ הילצערנע לעפעל... ריטשעט ער, קושקע, ווי אַ הונט אויפן ביין. געה, זאָגט ער, פאַנדרע, אין דר'ערד מיט דיין לעפעל! כ'וועל דיר ניט געבען קיין קאַסע, כ'האָב, זאָגט ער, אַליין אַ קאַפּ קאַסע. געה, זאָגט ער, צו דיין אידענע... זי איז אַליין אַ גוטע קאַסע, אַ הייסע קאַסע, וועט זי דיר געבען, זאָגט ער, קאַסע... און די באַלעגאָלעס אַרום הי-הי-הי, צעהירזשען זיך, ווי די פערד אויפן יאַריד... זאָג איך: הער נאָר, קושקע, זאָג איך, געה דו אין דר'ערד מיט דיין קאַס!... ווי, זאָג איך, מיט דער קאַפּ קאַסע, אַזוי, זאָג איך, אָהן דער קאַפּ קאַסע. כ'האָב דיך, זאָג איך, אין כאָליאַווע מיט דיין גאַנצער קאַסע! נאָר מיין ווייב זאָלסטו ניט טשעפּען... וואָריב כ'וועל, זאָג איך, באַלד מאַכען פון דיר אַ רויטע קאַסע מיט מילך... וועסטו געדענקען קאַסע! הערסט?... שיער ניט געקומען צו אַ געשלעג. באַלעגאָלעס האָבען זיך אַריינגעמישט.

קאַסע-קאַסע, קאַסע-קאַסע!... דרומעלט זיך מיר אַ גאַנצן טאָג מילכיגע קאַסע אין קאָפּ...

מערע ווערט אינגאַנצן וואַך. זי דערשרעקט זיך פאַר פאַנדרעס מעשה און פאַר זיין ווערלן זיך שלאָגן מיט קושקען. זעצט זי זיך אין בעט און טענהט צו אים מאַן אַזוי:

— שוין גאָר שלאָגן זיך איבער מילכיגע קאַשע! דאַרפסט קליינשטשן ביי קושקען פון זיין האַלאַטשיק?... האָסט ניט וואָס צו עסן?...

דערזעהט פאַנדרע זיין מערען אין העמד, מיט איהרע אויפגעבליהטע פאַרקיילעכעדיגע אברים, מיט איהר גאַנצער נאַכטיגער פאַרגאַלדעטקייט ביים לעמפּעל, פאַרגעסט ער זיין הונגער, די מילכיגע רעטשקענע „קאַסע” וואָס האָט זיך איהם געגלוסט. אַן אַנדער הונגער כאַפּט זיך אין איהם אויף. נעמט ער זי אַן פאַרביידע פּלייצעס.

— אַ-אַ! ס׳איר אַ קאַלטע הענט! — קאַרטשעט זיך מערע.

און פאַנדרע טהוט און וואַרעמט זי מיט הייסע אויסטערלישע צונעמענישען:

— „טרעמאָמעטערעל”, כאַליעריעצקע, צעפּצעכעלע, קאַטשאַנטשיק, צוויי געזונטעלעך דיר אין די פּיס און איין גרויסע כאָליערע אין מיר אַריין...

קנייטשט זיך מערע צוזאַמען און באַהאַלט זיך לאַכענדיג אונטער דער קאָלדרע:

— געה שוין געה! האָסט דאָך געוואָלט עסן, איז געה, נעם פאַרענט אין אויוועון אַ טעפּעל פליישיגע פּאַסאָליעס און עס!

דערמאָנט זיך פאַנדרע, אַז ער איז טאַקע הונגעריג. דעקט ער מערען איין, וואַשט זיך שטילערהייט, שלעפּט אַרויס פון אויוועון אַ טשוהונענעם טאָפּ פּאַסאָליעס, פון אַלמערעל — אַ הילצערנע לעפעל מיט אַ לאַבען ברויט און רייבט געשמאַק, אויף אַ ברעג טיש. אַ יונגער פערד, איבער הייזאָהריגען האָבער, וואָלט געמעגט מקנא זיין פאַנדרעס אַפּעטיט, זייגע ציינער...

מערע הערט זיך צו מיט פאַרגעניגען, ווי דער אָלטגעבאַקענער ברויט קנאַקט און ווי פאַנדרעס הילצערנע לעפעל גרונטזוועט זיך אַלץ טיפער אינם טאָפּ פאַסאָליעס. „אַ כפרה, זאָגט נח, צעהן האַלאַטשיקעס מיט מילכיגע קאַסע” און רייבט ווייטער. דער פנים גיסט זיך איהם אָן מיט אַ געדיכטער רויטקייט פון אַזאַ געשמאַקער מלאכה און די גרויע אויגען בליצען מיט צופרידענקייט. זיין גרויסע לעפעל קלאַפּט זיך אָן אַפּעטיטלעך, מיט אַ טצמפּליכצן קלונג, אָן די קלעפּיגע ווענטלעך פון טשוהונעם טאָפּ. דער קלונג ווערט אַלץ הילכיגער, אַפּנים דאָס געדיכטע געקעכץ ווערט אַלץ ווייניגער. מערען אַליין הויבט אָן ציהען דאָס האַרץ. עס פאַרגלוסט זיך איהר פאַרזוכען. זי איז דאָך אין די חדשים... דרעהט זי זיך אויפן געלעגער, ביז זי האַלט ניט אויס און בעט צביכעלע פאַרשעמט:

— נח, דערלאַנג מיר אַ לעפעל פאַסאָליעס... אויב דו האָסט נאָך...

לויפט צו פאַנדרע און דערלאַנגט איהר אויף אַ טעלערל:

— נאַ, נאַ, פאָרטעפּיאַנטשיק, מריינעלע, כ׳האָב שי־שיער ניט אויפגעגעסען, אַ כפרה זאָל איך ווערען...

— הער זיך אויף צו שילטען! — בייזערט זיך מערע און פאַרזוכט די קאַלטע, אָפּגעשטאַנענע, זויערליכע פאַסאָליעס. דער אַפּעטיט פאַרגעהט איהר גלייך אויפן אָרט. לויט פאַנדרעס געשמאַקען קייען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט אַ טעם גן־עדן... וואו איז אַהינגעקומען דער טעם? ניטאָ. פאַרשוואונדען אין דער נאַכט אַריין... ווערגט מערע אַראָפּ אַ פּאָר פאַסאָליעס, פון יוצא־וועגען, און שטופּט אָפּ דאָס טעלערל.

— שוין? — וואונדערט זיך פאַנדרע — אָט פון אַזאַ אַכלען ווילסטו געהאָלפען ווערען?

אָבער מערע שטופּט שוין דאָס טעלערל מיט אַ זויערער מינע. זי זאָגט איהם, אַז עס קען איהר ניט־גוט ווערען. ער זאָל זי לאָזען צורוה...

— אָהה... — מאַכט פאַנדרע מיט טיפען פאַרשטאַנד, — אזוי נאָר!... ווי האַלט עס מיט אונזער זשערעבטשיק?

אָבער מערע דרעהט זיך צו איהם אום:

— געה, געה! בענש בעסער אָפּ!

געהט פאַנדרע צוריק צום ברעג טיש, עסט אויף דער ווייבס שיריים, און זאָל זיך דאָס איהם אפילו אַ שלוקערץ טאָן נאָך אזא גאַנצען טשוהונענעם טאָפּ מיט אָנגעשטאָפּטע פּאַסאָליעס און נאָך אַ האַלבען אַלטגעבאַקענעם ברויט. ער גיט זיך נאָר אַ רייב ביידע לאַפּעס, פון פראָסט און האָרע־וואַניע — צעברענטע אין פאַרהאַרטעוועטע דלאַניעס. דער צעפּרידענער ריעב מאַכט אָן אַ רעש, פונקט ווי מען וואָלט געשיילט אַ גע־זאַלצענע טאַראַנקע מיט אַ טעמפּען קיך־מעסער: ריק־ריק!... און זיין גרונט ווגע זאַטקייט דריקט נח אויס מיט אזא לויב־געזאַנג פאַרן בענטשען:

— נו, געלויבט דער אויבערשטער! אָפּגעגעסען...

3.

ער הויבט אָן צו ברומען. מעהר אין זיך אַריין ווי אויפן קול. פאַנדרע בענטשט...

נאָר די ווארעמקייט פון שטוב, די נאָהענטקייט פון זיין ווייב, און די גוטע פאַרדייאונג צעגיסען זיך איהם ווי אַ שלאָפטראַנק אין די אָנגעפּרוירענע, שטאַרקע אברים. ער איז מיד, ווי אַ פערד נאָך אַ טאָג אַקערען. און ער דרעמעלט איין, איבערן טיש, מיטן קאָפּ איבער די אָרעמס, שוין ביי דער צווייטער ברכה, ביי „על הארץ ועל המזון...“

... עס אָטעמט זיך און עס כראָפּעט זיך און מען פאָהרט... עס שווימען פערד, האַלאַטשיקעס מיט מילכיגע קאַשע, מערעס קיילעכדיגע באַטעמטע פּלייצעס... און אין מיטען־דערינען רייסט מען איהם נאָר איבער, אין רעכטען מיטען זיסקייט:

— נח! נח! בענש שוין אָפּ און לעג זיך שלאָפֿן! דיין בעט איז אויסגעבעט.

מערעס קול.

כאַפּט זיך אויף נח מיט אַ ברום און צעליפּט זיך:

— אומהו... אַט-אַט!.. „על הארץ ווי, וו... ועל המ... המ... המזון..."

אָבער דער דאָזיגער כח פון אויפכאַפּ און פון צעליף האַלט ניט לאַנג אָן. „מראַם-מראַם-מראַם-מראַם"... אַזוי בורטשעט אין איהם אַ ווײַלע ניט קלאָר דאָס ווייטערדיגע, פאַרשוואומענע בענשען און ער אַליין דרימעלט ווידער איין.

... פון בויד קריכט אַרויס אַ גרויסער טאָפּ מיט פעטע פאַסאָליעס. ער און מערע זיצען קעגענאיבער אין די בלויזע העמדער, מיט הילצערנע נייע לעפעל אין די הענט. דער טאָפּ אינמיטען. אַזוי עסען זיי און לאַכען. ער אַ לעפעל, זי אַ לעפעל. ער אַ לעפעל, זי אַ לעפעל. דערווײַלע-וואָס קיצעלט ער זי אין זייט מיט איין באָרוועסער פוס. צווי פאַרגעניגענס אויף איין מאָל. אָבער זי וויל ניט, זי שרייט גאָר:

— נח! נח! וואָס פאַר אַ כראָפּען ביים טיש! טהו זיך אויס!

— האַ? — גיט זיך נח אַ ריס אויף. ער שטאַרקט זיך, ווי אַ לייב. ער האַלט קאָפּ. ס'איז בלאָטע! מען וועט איהם פון דרך, ווי אַ בלינדען פערד, ניט אַראָפּפיהרען. ער געדענקט גוט, אַז ער האַלט נאָך אינמיטען בענשען. ענטפערט ער מע-רען ווי אין הינערפלעט:

— אומהו... אָה!... על הארץ ווי... וו... ועל המזון, מראַם-מראַם-מראַם...

— נח! אויסגעבע—עט!

אַן אַקציע היינט מיטן אָפּבענשען. ס'איז אַ כשוף! ער קען פון שפאַן ניט אַרויס. ער רייסט זיך צו דער וואַרימער פערענע און דער כאָמעט, דער „על הארץ ועל המזון", האַלט איהם צוריק. סטאַי, ברודער! אָנגעפרעסען זיך, ווי אַ גוטער גוי, און ניט אָפּגעבענשט? טפררו!!

ניט זיך פאַנדרע אונטער — ביסט געררעכט ווי די וועלט!

— „על הארץ ועל המ... המ... המזון" מראַם-מראַם...

— נח! ניי—אַך! בים-באַם, בים-באַם, בים-באַם!

פונוואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַ קלויסטער? פון מע-רען איז גאָר געוואָרען אַ משונהדינער גלאָק. און זי וואַקסט נאָך אויס... זי איז וואַקסט. זי איז דאָך אויף דער צייט, אָהן עיך-הרע!... מען דאַרף לויפען! מען דאַרף זיך אויסטאָן! די בעט איז דאָך אויסגעבעט! נאָר צוליב וואָס רייסען ביים האַלז, פרייסלען איהם!...

— ניי—נָך! אוי, אוי!

ניט באַשערט געווען פאַנדרען אויסצוזוהען זיך היינטיגע נאַכט. נאָך צוזאַ פראָסטיגען טאָג, נאָך אַזאַ האָרעוואַניע, נאָך צוזאַ טאָפּ מיט לעבלעכע פּאַסאָליעס. וואָרים ווען ער גיט זיך נאָכאַמאָל אַ כאַפּ מיטן „על הארץ ועל המזון"... דערזעהט ער גאָר, אַז מערע שטעהט לעבען איהם אין בלויזען העמד, מיט אַ צעשראָקען פנים, און רייכס איהם ביים קאָלנער. און סענ-דער, זיין שווער, לויפט גאָר פלוצים אַרויס פון הינטער דעם פּאַראַוואַן אין יאַרמולקע און אין תחתונים. און אויף דער גאַס קלינגט מען! מען קלינגט...

פאַנדרע גיט זיך אַ ריס און אַ שטעל-אויף אויף ביידע פיס. נאָר איין רגעלע שאָקעלט ער זיך נאָך, ווי פון אַ שכרות, און באַלד איז ער שוין אינגאַנצען אויסגעטשוכעט:

— מערע! שווער! וואָס איז דאָס?

— קוים אויפגעוועקט דיך! — שרייט מערע, — דו זעהסט דאָך! עס ברענט! אָט-אָ קוק!...

אין די פאַרפרוירענע שייבעלעך, מיט די פראָסט-קווייטען, גלימערט אַ בייזע רויטקייט, וואַקסט זיך פאַנאַנדער, ווי אַ גיפ-טיגע רויז. דער גלאָק פון קלויסטער קלינגט מאוימדיג, און דער רויטער אָפּשיין וואַקסט. איינס דערנעהרט, דאַכט זיך, דאָס צווייטע.

פאַנדרע גיט אַ שפרונג אין קאָכשטוב און שלעפט אַרויס זיין האַק פון אונטער דעם מילכיגען בענקעל. ס'איז דער האַק

פון אַ פּאָזשאַרניק. וואָרים פֿאַנדרע געהערט צו חברה „פֿרייע פֿייערלעשער". און איז איינער פֿון די בעסטע קלעטערער בשעת אַ שׂרפֿה, אויף ברענענדיגע דעכער, אויף הילצערנע טרעפּען. מיט איין ריס פֿון פּאָזשאַרנעם קרוק לעגט פֿאַנדרע איין אַ פֿלאַקערנדיגע בערוועגע וואַנט, פּליקט אָפּ לאָדענס און טהירען ווי זשאַבערס פֿון אַ געבראָטענעם הערינג. אַז פֿאַנדרע לויפֿט אָן אויף אַ שׂרפֿה צעבראַברעט זיך אַשקענאַזי, דער לעהרער, דער שקלאָווער בראַנדמייסטער, מיט גאָר אַ נייער פֿרישקייט:

— פֿאָדאַ—וואַי!

דערזעהט מצרע דעם פּאָזשאַרנעם האַק אין נחס האַנט — ווערט איהר אַביסעל קאַלאַמוטנע. וואוהין וועט ער דאָס לויפֿען? אַ ניט-אויסגערוהטער, אַ פֿאַרשלאָפֿענער, אינמיטען דער נאַכט!

— נח. — הויבט זי אָן צו ציטערן — כ'האָב מורא! בלייב אין שטוב!...

— מריינעלע, וואָס רעדסטו? — בעט זיך ביי איהר נח, לעגט פּאַוואָליע אַוועק דעם האַק, הויבט אויף זיין האַלב-נאַקעטע ווייב, ווי אַ פּעקעל וואַטע, אויף די אָרעמס און לעגט זי אַריין צוריק אין בעט, דעקט זי גוט איין. — „וואָס רעדסטו?" — בעט ער זיך ביי איהר ווייטער און כאַפּט אויף זיך אַרויף די אַלטע פּאָדיאָווקע. — אידען ברענען. מען מוז געבען ראַטונעק, און דו —

פֿון גאַס קאַראַבקעט זיך אַריין ר' סענדער מיטן פּעלץ איבער די תחתונים און מיט די וואָליקעס אויף די באָרוועסע פֿיס און זאָגט, אַז ס'דאַכט זיך איהם, עס ברענט ביי די יאַטקעס, דאָ גאָרניט ווייט, דריי גאַסען פֿונדאַנען, ביים נייעם נגיד, דאַכט זיך...

— ביים נייעם נגיד? — שרייט אויף פֿאַנדרע. אוי וועה, שווער! איך האָב איהם דאָך אָקאָרשט געבראַכט אין בויד פֿון אָרשע... מיין „שודאַק"!

און פֿאַרגעסנדיג אָן ווייב און שווער, אָן שלאָף און בענשען לאָזט ער זיך לויפֿען דורך שטוב-טהיר אין פֿרהויז

אויף דער פּראָסטיגער, בלוי־טונקעלער גאַס. די שווערקייט פון פּאָזשאַרנעם האַק אין דער האַנט גיט איהם צו מעהר פרישקייט, מעהר האַסטיגקייט. לויפט ער, אין די ברייטע, ניט־באַקוועמע שטיוואַלעס פון וועג, אַזוי לייכט ווי אַ אינגעל. ער לויפט ראַ־טעווען זיין „שודאַק". ער איז באַלויכטען מיט דעם בייזען אָפּ־שיין פון דער שרפה און איז באַוואָרפען מיט טומעלדיגע און שווערע בים־באָמס פון קלויסטער־גלאָק... עס הודזשעט שוין ערגעץ־וואו, גאָרניט ווייט. אויף דער צווייטער גאַס הערט שוין פּאַנדרע, אַז מען שרייט גאַנץ דייטליך:

— עס ברענט!... פּאָזשאַ—אַר!

— ביים נייעם נגיד! ביים נייעם נ—אָ—גיד!

א „מורקע״

.1

שטאַמען שטאַמט דער שקלאָווער נייער-נגיד פון אַן אָרי-מער משפחה. און רופן האָט מען איהם אַמאָל גערופען: „חיימקע דער תבואה-הענדלער״. געווען איז ער אַ איד אַ קבצן, אָבער אַ געזונטער, אַן אָדערדיגער מיט אַ געדיכטער קוטשמע האָר און מיט אומרוהיגע אויגען, וואָס זוכען שטענדיג פרנסה. ווערמען צו געבען עסען איז גראָד געווען. אַ גרויסע כאָפּטע קינדער מיט פאַרגרעבטע פנימער און מיט קויטיגע האָר האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין שטוב. האָט מען געהאַנדעלט, מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט. ניט דוקא מיט תבואה. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — „חיימקע דער תבואה-הענדלער״. מ'האָט געהאַנדעלט מיט ליקעס, מיט חזיר-האָר, מיט שוועמלען, מיט פלאַקס, מיט מאָהן, מיט אוגערקעס. און דאָס אַלץ האָט ניט געקלעקט צו געבען עסען צו-זאַט אַ ווייב און אַ גוזמא מיט מיידעלעך און אינגעלעך. אין חדר פלעגען זיינע קינדער קומען אָפּגעריסענע, אָפּ עשל'סענע, צעשראָקענע פון זייער אָרימקייט און פון דער חוצפה פון באַלעבאַטישע אינגלעך, וואָס געהען אין גאַנצע מייט-קעס. זיי האָבען זיך שטענדיג געטוליעט אין די ווינקעלעך. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען. אַז דער רבי ווערט אין כעס, שמייסט ער די באַלעבאַטישע תלמידים פון יוצא-וועגען, און צו זיי, צו

חיימקע דעם תבואה־הענדלערס יונגאַצעס, לאָזט ער אויס דאָס גאַנצע הארץ, די גאַנצע היץ פון זיינע „לאָקשען"...

ניט־פאַרגינער דערצעהלען אפילו, אַז מחמת גרויס אָרימ קייט האָט די חיימיכע, די שפּעטערדיגע נגידיתטע, געלאַטכענט, איינמאָל פרייטאָג, אַ פישעל אין מאַרק און פאַררוקט אין קאָ־שיק. און די פיש־אידענע האָט זי געפּאַקט, אַרויסגעשלעפּט דאָס געלאַטכענטע פישעל מיט גרויס חרפה און געטוקעט דער חיי־מיכע אין פּנים מיט דעם שליימיגען שנוק פון פיש, אויסגעי־שמירט איהר נאָז און באַקען, און די שפיכת־דמים איז געווען גרויס. פון גרויס עגמת־נפש האָט זיך ביי דער חיימיכע צעגאָסען די גאַל. אַ קראַנקע געלקייט האָט זיך געלעגט איבערן געזיכט און אין די ווייסלען פון די צעשראָקענע אויגען. אַ לאַנגע צייט איז עס געשטאַנען אויף איהר הויט ווי קינס שטעמפּעל: „אָט געהט זי, די, וועלכע מען האָט געשלאָגען אין פּנים מיטן גע־גנבעטען פישעל!..."

און מיטאַמאָל איז געשעהן אַ נס. דער אויבערשטער אַליין האָט מעהר ניט געקענט פאַרטראָגען דעם צער פון דער חיי־מיכע און אָפּגערעכענט זיך מיט אַלע איהרע באַריידער. איה־רער אַן עלטערער ברודער, וואָס איז אַמאָל אַוועק פון דער היים, איז געשטאָרבען אין אַמעריקע און איבערגעלאָזען זיין איינציגער שוועסטער אַ ירושה, אַ שווערע מטבע. גערעדט האָט מען, ווי דער שטייגער איז, פון „מילי־מיליאָנען"... נאָר געירשנט האָבען די חיימיכע און חיים דער תבואה־הענדלער — אַוודאי דרייסיג טויזענט רובעלס, אויב ניט מעהר.

אין משך פון צוויי — דריי יאָהר זיינען געשעהן גרויסע וואונדער. פון חיימקען איז געוואָרען „ר' חיים, דער נייער נגיד", און פון זיין אַלטער הייזקע, אַנטקעגען די יאַטקעס, איז, ווי פון אַ שוואַרצען, פאַרפוילטען קערן, אויסגעוואַקסען אַ גרויסע נייע שטוב מיט צוויי געווייסטע קוימענס, מיט גרינע פענסטער־לאָדענס און מיט אַ גרינעם גאַניק. אין שטאַקעטעל*), פאַרן

---

*) פּאַליסאַד.

שטוב, האָבן זיך זומער צעבליהט געלבע און רויטע בלימעלעך; און ווינטער-צייט זיינען אין די טאָפּעלע פענסטער געווען אַריינגעשטעלט, ניט פּיפּערלעך מיט זאַלץ, אָדער גלעזלעך מיט לויטעסיג, ווי ביי אַלע באַלעבאַטים, נאָר דוקא כל-ערליי ליאַלקעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיט בהמהלעך און הירשעלעך. אַלע אויסגעבעט אויף גרינעם מאָך, אָדער אויף ווייסע וואַטע, צווישן פּאַפּירענע בלומען... דאָס, וואָס אַנדערע באַלעבאַטים פאַרגינען זיך ניט אויסצושטעלן אַפילו אין די גלעזערנע אַלמערס, לעבן די פסחדיגע בעכערלעך, האָבן זיך ר' חיים און די חיימיכע פאַרגונען אויסשטעלן אין די דאָפּעלטע פענסטער... ניין! וואָס אַ נייעם נגיד קען איינפאַלן! אַפּנים ס'האָט זיך ביי איהם פון גרויס וואוילטאָג געריהרט אַ קליאָפּקע אין מוח...

די אמתע הנאה פון דער דאָזיגער מענאַזשעריע, אין די טאָפּעלע פענסטער, האָבן געהאַט שקלאָווער חדר-אינגלעך. גאַנצע שעהן האָבן זיי געקענט אָפּשטעהן ביי דעם הויז פון דעם נייעם נגיד. די פּנימלעך אַריינגעשטעקט צווישן די גרין-געפאַרבטע, שעהן-פאַרפּוצטע פלעקענער אין שטאַקעט. די געפרוירענע נעזלעך רינען אַז, די נייגעריגע אויגלעך קוקן און קוקן און קענען זיך ניט אָנזעטיגען... אָבער די קינדער פון דעם נייעם נגיד האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דאָס אַמאָליגע אָפּלאַכען פון זיי, אין די באַלעבאַטישע חדרים, דאָס צופּען זיי פאַר די קויטיגע האָר, דאָס אָנטרעטען זיי אויף די לעכערדיגע שיך... דערמאָנען זיי זיך אַצינד אָפּ מיט אַלע אינגעלעך, מיט זייערע אַמאָליגע חברימלעך. זיי פאַרגינען ניט זייערע אַמאָליגע פיינטער, יענע זאָלען הנאה-האָבען פון אַזאַ אומזיסטען „טריאַטער", פון אַזאַ אויסשטעלונג אין זייערע נייע פענסטער. עפענען זיי אויף שטילערהייט אַ פאָרטקע, הינטער די שענע ווייסע פאָרהאַנגען, און טריבען אַרויס אויף דער גאַס:

— אַוועק פון דאַנען, שלעפּער!

און פאָלגט מען ניט, דאַן פליהען אין קאָפּ שאָלעכץ פון אייער, ווערעמדיגע אַרבעס וכדומה נאָך אַזעלכע מיני „קאָנפעטיע". אָך, יאָ! די חוצפה איז ווי אַ הונט. וואו ס'איז דאַ

מעזער צו עסען, אהין לויפט זי... פריהער האָט מען מיט זיי, חיימקע דעם תבואה-הענדלערס קינדער אַזוי געטאָן; היינט זייַ-נען זיי ר׳ חיים דעם נייעם נגידס קינדער, און טוען דאָס מיט אַנדערע... יאָ. היינט זיינען זיי שוין אויסגעפּוצט אין נייע מייטקעלעך פון גוטען שעוויאָט און אין טונקעל-בלויע מאַטראָזי-קעלעך מיט ווייסע קאַנטען און אין קאַפּעליושלעך מיט פּאַר-ביגע שפּרענקעלעך. אַ רובעל, זאָגט מען, אַ קאַפּעליושעל האָט די נייע נגידיתטע געצאָהלט אין מאָהליוו אין אַ נייעם מאַגאַזין, באַלד ווי מען געהט אַראָפּ פון פאַרעכאָד.

יאָ, אויסגעפּוצט זיינען אַצינד דעם נייעם נגידס קינדער ווי די פּרינצען, אָבער דערפאַר איז זיי אָפּגעקראָכען די געזונטע פאַרברענטע פאַרב פון פּנים. די פּנימלעך האָבען זיך ביי זיי אויסגע-צויגען, די שלייפען איינגעפאַלען, און בלויע אָדערלעך האָבען זיך באַ-וויזען אויף די פאַרבלאַסטע גבירישע נעזלעך. ניט פאַליובעט האָט זיי, אפנים, די נייע נגידישקייט פון טאַטע-מאַמע. די נייע פעטע קעסט האָט זיי, ווייזט אויס, פאַרשאַדט. זעהט מען טאַקע, אָפּטמאָל, דעם גויעשקען סטאַראָזש פון דעם נייעם נגידס הויף, ווי ער לויפט אַ פאַרסאָפּעטער אין אַפּטייק און צוריק. מען שטעלט איהם שוין מעהר ניט אָפּ און מען ציהט איהם ניט נייגעריג ביי דער צונג אין אַ געבראָכענעם פויערשען רוסיש. מען ווייסט שוין, ברוך-השם, אַז ס׳איז גאָרנישט. ביים נייעם נגידס קינדער האָבען זיך צעשפּיעלט די בייכלעך פון דער ניי-נגידישער קעסט. מעהר גאָרנישט.

.2

ביי ר׳ חיימען אַליין האָבען גענומען אויספאַלען די האָר-די „לבנה" האָט גענומען אויפגעהן אין זיין פריהערדיגער גע-דיכטער קוטשמע, ביז ס׳איז געוואָרען אַ פליך, גאָר אַ געהוי-בענער פליך! אַ גלאַנציגער און אַן אונאַנגענעהם-בלאַסער, ווי ביי אַ מענשען, וואָס ליידט אויף אַ געוויסער אידישער תולאת...

אָבער, פונקט ווי אויף צו־להכעיס אַלע באַלעבאַטים פון גאַס אין צו־להכעיס דעם פּליך, האָט ער גענומען אַרומשפּאַצירען פאַרן שטוב אָן אַ היטעל, אין בלויזען כאַלאַט. אויסגעשטעלט, אַזוי צו זאָגען, דעם פרומען הימעל די איבערגעקעהרטע, מילכיגע און נאַקעטע „שיסעל" פון קאָפּ. אָט אַזוי וויל איך, ר' חיים, דער נייער נגיד, און טהוט מיר עפּעס!

געזאָגט האָט ער אַפילו פאַר לייטען, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס איהם געהייסען, מחמת ער, ר' חיים נגיד, זיצט אַצינד צופיל אין שטוב אויף איין אָרט. אַנשטאָט אַרומצולויפען אַ פאַרשמייעטער, אַ פאַרשוויצטער ווי פריהער, אין זון און אין ווינט און אין רעגען... האָט דאָס איהם פאַרשאַדט. ליידט ער דערפאַר שטענדיג אויף קאָפּוועהטאָג, „מיגרענע" — אַזוי רופט דאָס אָן דער דאָקטאָר. אָבער באַלעבאַטים האָבען פאָרט ניט געגלויבט: „נאַ דיר גאָר אַ נייע מין רפואה! געהן אָן אַ היטעל איז שוין אויך אַ רפואה! אַ רפואה צו גויעשקייט אפשר... נאָר אָט, אַלע גויים געהען דאָך אָן היטלען און האָבען פונדעסטוועגען גויעשקע קעפּ".

ניין. ס'איז געוויס נאָר אויף צו־להכעיס. וואָרים אויב ניט אויף צו־להכעיס, וואָלט ער דען גענומען אַ גוי אַ משרת אין שטוב אַריין? וואָס איז? אַ אידישע דינסטמיידעל איז איהם ווייניג! אַזאַ בריה, ווי זי איז — ריקליע, דעם נייעם נגידס דינסטמיידעל! ס'איז נאָר מחמת נגידישקייט, מחמת בלאָזעניש... מחמת דעם זעלבען טעם האָט ער, דער געוועזענער תבואה־הענדלער, אויסגעווייסט די קוימענס איבערן דאַך... וואָס איז? פון אַ רויטען קוימען געהט דען ניט קיין רויך?... אלא וואָס דען? גאָרנישט! נאַט אייך ווייסע קוימענס און פּלאַצט!... שאַ! און צוליעב וואָס, איך בעט אייך, האָט זיך דער נייער נגיד גענומען פוצען, אינמיטען וואָך, אין אַ שוואַרצען ראָק מיט אַ שפּענצער און מיט העלע געפּאַסקעטע הויזען? און צוליעב וואָס האָט ער גענומען רויכערן פאַרטיגע פאַפּיראָסען מיט פּראָבקעס, וועלכע ער טראָגט צו צום מויל זעהר פאָרזיכטיג און זעהר נגידיש, מיט דער גאַנצער פלאַך פון דער דלאָניע?... איז שוין

קיין קשיה ניט, וואָס ער האָט אַריינגענומען אין שטוב מיכאַל־קען, אַן אויסגעדינטען גויעשקען יון. ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג, ס׳איז אַלץ מחמת גאוה, אַלעמען אויף צו־להכעיס!...

גאַס און מאַרק האָבען געקייט און איבערגעקייט דעם גויע׳שען משרת ביים נייעם נגיד און ניט געקענט פאַרדייען. ניט געקענט פאַרשטעהן דעם שכל, צוליעב וואָס מוז דאָס אויסגיסען די פּאָמעניצעס, אויפקלאַפּען די פּערענעס, אויסבעטען דער בהמה, אויסלופטערן די בגדים, דוקא אַן אויסגעדינטער יון?.. פון פאַרדרוס האָט מען גענומען רעדען, אַז ביים נייעם נגיד אין שטוב פאַרמוטשעט מען דאָס דינסטמיידעל. וואָרים אַ גאַנצען טאָג ברענט זי זיך דאָך, נעבעך, אין קיך, קאָכט און באַקט פאַר די נגידישע בייכלעך, הינדעלעך און לאַטקעלעך און יאַיכעלעך. אָט וויפיעל אין שטוב קעפּעלעך, אַזוי פיעל פענדעלעך און טעפּעלעך, בלינטשעקלעך מיט געבאַקטע עפּעלעך. פון טאַטעמאַמע שוין אָפּגערעדט... דאָס דינסטמיידעל פאַרשילט זיך פּשוט די יאָהרען פון אַזאַ קוכמייסטערסקע... אַזוי האָט מען דערצעהלט מכּה דער אכילה, און מכּה דאַוונען — ניט קיין פּרעהליכערע זאַכען. אָנדערוואָכען שטעהט איהם ניט אָן, דעם נייעם נגיד, צו געהן דאַוונען מיט דעם ערשטען, צי מיט דעם צווייטען מנין — נאָר שבת! שבת טהוט ער אַ טובה גאָט און שטאָדט, און קומט צוגעהן מיט די געפּאַסקעטע הויזען אין דער מתנגדישער שוהל. און דאָס אויך נאָך שחרית... פריהער. ווי צו מוסף שטעהט איהם ניט אָן!... מען האָט אַפילו דערצעהלט, אַז ער שיקט זיין אויסגעדינטען יון פרעגען ביים אונטער־שמש, וואו מען האַלט אין דאַוונען... און אַז איינמאָל, שבת פאַר מוסף, איז דער ערל געקומען צו לויפען צום נייעם נגיד אַ פאַרסאָפּעטער:

— זשיוואָ, כאָזשאַאין! אוזש קליטשוט מעניע אי טאַביע!*)

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער נגיד פאַרוואונדערט — וועער רופט דאָס אונז?

---

*) גיכער, באַלעבאָס, מען רופט שוין מיך און דיך!

— ספיוואַק! — האָט איהם דער ערל דערקלערט — מי־באַלקאַ אי חיים!

דאָס האָט געזאָלט הייסען, אַז דער חזן זאָגט שוין אי־בער די שמונה־עשרה פון שחרית און ער האַלט שוין ביי „מכלכל חיים"...

מיט דער נייער נגידיתטע אַליין, מיט דער חיימיכען, איז עס אויך ניט בעסער געגאַנגען. זי האָט זיך אַפילו געגאָסען גאָלד אין האַלז, געוואָרען דיק ווי אַ באַק־דייזשע, אָבער דער פּנים איז איהר דערפון ווייסער ניט געוואָרען. די מאַטע געל־קייט פון אַמאָל, זינט דער מעשה מיט דער געגנבעטער פישעל, זינט די שפיכת־דמים אינמיטען מאַרק, איז איהר פון אונטער דער הויט ניט אַוועק. חישין דעם דאָקטאָרס פּאַ־יע־סאַנדעל, בלייבט שטעהן פאַרן נייעם נגידס שטוב צוויי מאָל אין דער וואָך. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. דאָס היילט, דער יונגער דאָקטאָר, די גאַל ביי דער נייער נגידיתטע. ער וויל זי מאַכען שענער מיט כלערליי רפואות, און עס העלפט ניט. דער פּנים ביי דער חיימיכע ווערט אַלץ געלער און די אויגען פינ־סטערער. די ירושה האָט איהר ניט כּאַליובעט, אַזוי ווי חיימען, איהר מאַן, אַזוי ווי די קינדער זייערע. „אָט... אַזוי ציהען שקלאָווער בייזע צינגער אַ מוסר־השכל, געווען צייהן איז ניט געוועזן קיין ברויט; אַצינד זיינען דאָ גזבראָטענע אינדיקעס, איז ניטאָ קיין צייהן, קיין לייב און לעבען... אָך, טאַטע־ליבער, פאָטער־זיסער!"

.3

איינמאָל, אינמיטען ווינטער, שבת פאַר מוסף, איז מי־באַלקע, דעם נייעם נגידס גויעשקער משרת, אַריינגעלאָפען אין דער מתנגדישער שוהל און האָט אָנגעמאַכט צווישען די דאַוונער אַ גאַנצען האַרמידער. דאָסמאָל האָט ער ניט געפרעגט ביים אונטער־שמש, וואו דער „ספיוואַק" האַלט אין דאַוונען. נייך,

דאָכמאָל האָט ער, אין נאָמען פון נייעם נגיד און אין זיין אייגענעם כשרען נאָמען, געבעטען ראַטונעק... דהיינו: לאַנגע האַנטוכער. וואָרים צוזעלכע לאַנגע האַנטוכער, ווי אין בית-מדרש, זיינען ביי באַלעבאַטים אין גאַנץ שטאָדט ניטאָ... אויף וואָס, אַ שטייגער, דאַרפסטו, מיכאַלקע און דיין כאַזשאַין, בית-מדרש האַנטוכער?... דעם כאַזשאַינס בהמה איז געפאַלען!... ערשט נעכטען ביינאַכט האָט זי זיך אָפּגעקעלבט און היינט קען זי מעהר ניט שטעהן אויף די פיס...

די נייעס האָט אַביסעל אָפּגעפרישט די געמיטער פון די מתנגדישע דאַוונער, וואָס זיינען שוין געווען אַ ביסעל מיד פון דעם איינטאָניגען מורמלען אין סידור, פון דער שטאַרקער וואַרעמקייט אין שוהל. דעם נייעם נגידס בהמה איז געווען אַ שם-דבר אין שטאָדט, אָט די גרויסע פעטע בהמה פון טיראָלער פּאַראָדע, אינגאַנצען אַ ברוין-רויטע ווי נוס, מיט איין ווייסען פלעק אויף דער בהמהשער צורה, מיט די קורצע שטאַרקע הערנער און מיטן דאָפּעלטען גאָידער פון אַן אַלטער גבירה, מיט די שווערע אָנגעגאָסענע וויס-ראָזעווע אייטער און מיט די קליינע פעסטע ציצען, איז אַלעמען געווען באַקאַנט. שקלאָווער ניט-פאַרגינער האָבען דער זעלבער בהמה שטענדיג נאָכגעקוקט מיט שאַרפע אויגעלעך אויף „טאָמער יאָ"... אפשר וועט ־אָרט געלינגען צו געבען דער בהמה די אמתע עין-הרע, זי זאָל אויפהערען צו גיסען מיט מילך און פוטער אין די האַלאַטשיקעס פונם נייעם נגיד... נאָר ס'האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבען. ריקליע, די אידישע דינסטמויד, וועלכע איז איהרע באַלעבאַטים געטריי, ווי אַ הונט, געהט אַלעמאָל אַרויס מקבל פנים זיין די טיראָלער בהמה, ווען יענע קומט פון סטאַדע, און פאַרשטעלט איהר די פולע אייטער מיטן ברייטען פאַרטוך; שפייט אַפילו אָפטמאָל אויס פון סגולה-וועגען... און אָט! פלוצלינג אינמיטען שבת! מנאַ... ס'האָט זיך, ווייזט אויס, סוף-כל-סוף פאָרט איינגעגעבען. אַז שטאָדט זעצט זיך אָן אויף אַ בהמה צו געבען איהר אַן עין-הרע, מוז עס סוף-כל-סוף האָבען אַ שטיקעל פעולה. וואָרים אָט האָט זי זיך אָפּגעקעלבט און געבליבען ליגען!...

ווײַבאַלד שטאָדט האָט אויסגעפּיהרס, האָט מען עוין קײַן האַנטוכער ניט געזשאַלעוועט. ניט נאָר דער אונטער-שמש אַליין האָט זיך באַטײַליגט אין דער הייסער מצוה פון „עזב תעזב עמו...״*) אַלע, אַרום מיכאַלקען, האָבען געהאָלפען אויפזוכען האַנטוכער, די פײַכטע, גענוצטע, צווײַ-קלאַפּטער-לאַנגע האַנטוכער פון שוהל, וואָס ג בען זיך אָפּ מיט אשר-יצרס און מיט שמעק-טאַבאַק פון אַ סך הענט. קלײַבען טהוען זיך די גענוצטע האַנטוכער אין אַ פינסטערען, שטויביגען לאָך הינטערן בעלעמער. פונדעסטוועגען האָט קײַנער ניט געזשאַלעוועט אײַנצושמירען די לכבוד-שבת געוואַשענע הענט. נו, ס'פאַרשטעהט זיך, אַז יעטוועדער איד, וועל-כער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פײַכטען האַנטוך פון הינטערן בע-לעמער, איז דורך דעם אַליין געוואָרען אַ קאַנדידאַט צו לויפען ראַטעווען דעם נײַעם נגידס בהמה. איז מען געלאָפען נאָך מי-כאַלקען, איבער דער גאַנצער גאַס, מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער און מיט לאַנגע בית-מדרש-האַנטוכער אין די הענט. און ווײַבער, אין שבתדיגע קאָפּ-טיכלעך, מיט אַ ברענענדיגער נײַגערי-קײַט אין די אויסגעשטאַרטע אויגען, זײַנען אַרויסגעלאָפען פון טהירען און טויערען און נאָכגעשריען:

— יאָשע! בענ'ע! אָרע! מלך! פיניע!

— וואוהין לויפט מען דאָס עפּעס?

— פאַר וועמען האַנטוכער?

האָבען זיי, די מצוה-אידען, לויפענדיג, געשטילט דעם ווײַבערשען דורשט:

— ששש-אַ!

— דעם נײַעם נגידס בהמה ז'געפאַלען!

— קען זיך ניט אויפהויבען!

— געקעלבט זיך און... ששש-אַ!

— די טיראָלער בהמה!

און ווײַטער געלאָפען זעהר פאַרהאָוועט, נאָכשלעפּענדיג

---

*) אַ פסוק אין חומש: אַז אַ בהמה פאַלט בײַם צהייטען, אפילו בײַ אַ פײַנט, איז אַ מצוה צו העלפען אויפהויבען זי.

נאָך זיך די פייכטע בית-מדרש-האַנטוכער איבערן שני אין דער גרויסער האַלב-טונקעלער שטאַל, אויף אַ הויפּען פּרישע שטרוי, איז געלעגען די יולדת, נעבען, דעם נייעם נגידס בהמה. ווי אַ באַרג פליייש איז זי געלעגען, אַ טרויעריגע, אַ מאַטע, דער ווייסער פלעק אויף איהר בהמהשער צורה האָט איהר צוגעגעבען אַן אויסדרוק פון איבערגעשראָקענקייט. פון אָט דער מאַסקע פון בלאַסען-שרעק, האָבען נאָר אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע פאַרנעפּעלטע מאַמע-אויגען... מיט אַ שטומען קוק פון אַ „פאַרבייאַיגער". האָבען די דאָזיגע פּאָר אויגען גע-קוקט צום רויטען בייקעלע, וועלכער סטאַרעט זיך אַוועקצושטע-לען אויף די דינע ציטערדיגע פיסלעך און קען ניט. ווי פון יוצא-וועגען האָט די בהמה אָפּטמאָל אַרויסגעשטעקט די לאַנגע צונג, געפּרובט אַ לעק טאָן איהר ניי-געבוירענעם נפש, אַ גלעט טאָן איהם כאָטש איין פיסעל... און ניט דערגרייכט. זאָט די מיט אַ טיפען בויך-זיפץ צוריק אַריינגעצויגען די שליימיגע צונג, פאַמעלעך, אָן כח, ווי איינער זאָגט: „פאַרש-יעלט די וועלט..." און ווייטער געקוקט אויף איהר בן-יחידל מיט אַ מענשליכען צער אין די מוטנע אויגען. געזעגענט זיך, דאַכט זיך, שטומער-הייט מיט איהר ניי-געבוירענעם. וואָס דאַרף באַלד ווערען אַ יתום; פון דער מאַמעס בויך איינער אַליין אויף דער וועלט... או—הו—וף!...

אָט דער שטומער צער, באַגלייט מיט די בהמהשע זיפצען, האָט צענומען אַפילו די ניט-פאַרגינער, וואָס זיינען אָנגעלאָפען אויפען בייז-וואונדער. די גראָבע נייגעריגקייט האָט זיך באַלד אויסגעוועפּט, און אַלע האָבען, אין איילעניש, גענומען צוזאַמענ-בינדען די עקען האַנטוכער; איין בית-מדרש-האַנטוך צום צוויי-טען. מיכאַלקע, דער ערל, האָט קאָמאַנדעוועט, און שבתדיגע אידען האָבען געפאָלגט. ער, מיכאַלקע, איז דאָך עפּעס פאָרט אַ מענש פון דאָרף און ווייסט בעסער, ווי צו געבען ראַטונעק קראַנקע בהמות.

די צוזאַמענגעבונדענע האַנטוכער האָט מען דורכגעצויגען דורך דער קראָקווע פון שטאַל און אונטער דער בהמהס אויפ-

געלאָפּענעם בויך, און אַזוי אַרום גענומען זי הויבען, מיט פאַראייניגטע כחות, אויף די בית־מדרש־האַנטוכער, ווי אויף ברייטע פאַסען. מען האָט אַזוי לאַנג געצויגען, ביז די קראַנקע בהמה האָט זיך גערירט פון איהר טרויעריגען געלעגער און גענומען ביסלעכווייז פאָהרען אין דער הויך, ביז זי איז געבליבען שטעהן אויף איהרע שוואַכע קלאָהען. ס׳רעדט זיך אַזוי: „געבליבען שטעהן...״ אייגענטליך איז זי געבליבען הענגען אין דער לופטען, נאָכגעבענדיג, גלייכגילטיג, די שבתדיגע אידען צו טאָן מיט איהר גרויסען גוף אַלץ, וואָס זיי ווילען. נאָר איהרע אומעטיגע מאַמע־אויגען האָט זי ניט אָפּגעקעהרט פון איהר בייקעלע, וועלכער האָט זיך טיפּשעוואַטע געשטופּט מיט זיין ניט־זיכערער מאָרדעלע אין איהרע שווערע אייטער און זיך אַלץ ניט געקענט קיין עצה געבען, ווי צו זויגען, ווי צו לעבען אויף דער וועלט אָהן דער מאַמעס הילף...

אַז די בהמה איז געבליבען הענגען אויף די ברייטע האַנטוכער, האָט מען זיך גענומען פרעגען: וואָס טהוט מען ווייטער? דער נייער נגיד מיט זיין בכבודיגען פליך אַליין און די נגידיתטע מיט איהר גאַליגען פנים זיינען אָנגעקומען אין שטאַל מבקר־חולה זיין זייער טיראָלער בהמה. האָבען אָנגעלאָפענע שבתדיגע אידעלעך און אידענעס, מיט אַ נייער פרישקייט, גענומען אַרומפאַדען אַרום דער הענגעדיגער קוה און אַרום איהרע פאַרזאָרגטע באַלעבאַטים. און עצות האָבען זיך גענומען שיטען פון אַלע זייטען. יעטוועדער איז געוואָרען אַ ידען אין בהמהשע חולאתן, אַ געניטער וועטערינאַר.

— אַ קוואָרט געקאָכטע האָבער זאָל מען איהר געבען אויף אַן אַלטער זאַסלינקע!

— אַ לופטע ברויט מיט סאַזשע!

— וואָס באַלצבאָטשעט איהר? די ערשטע מילך דאַרף מען איהר אָפּמעלקען און באַשמירען די אייטער און אויערען!

— ס׳זיינען באַבסקע סגולות! די בעסטע זאַך — אַ חלבנע ליכטעל אין דער „פאָדכוואָסטניצע״!

— קאַראַסין איז בעסער! דאָס טרייבט דעם שתן!

— מ׳וואָלט געדאַרפט קריגען אַ לעבעדיגע מייזעל... די בהמה זאָ? זיך דערשרעקען. זי זאָל אָבגעהן מיט „קאָל״... איז זי אַ געהאָלבענע!

— ווי געפעלט אייך אַ רפואה? אַ מעוברתע אידענע וועט איהר שרעקען מיט אַ מייזעל, ניט אַ בהמה!

— ווער פרעגט אייך?

— וואָס שטופט איהר זיך?

צעהיצטע עצות-געבער זיינען שיער ניט פאַרפאַהרען איי-נער דעם צווייטען אין די בערד, געכראַפּרעט זיך מיט בהמהשע קענטעניסען פאַרן נייעם נגיד מיט זיין חיימיכע, ביז מיכאַלקע, דער אויסגעדינטער יון, דער אַמאָליגער פּו״ער, איז אַרויס פון די כלים:

— דאָסיטש, זשאַדי! — האָט ער זיך צעשריען — לאָזט צינד די סקאָטינע צו-רוה! מען דאַרף איהר געבען אַ לעבלי-כען טרונק אי דאָסיטש!*)

וואָלט זיך אפשר דערמיט געענדיגט די גאַנצע בהלה. דאַרף אָבער אַ ניט-גוטער אָנכראָגען פון אַ הינטער-גאַס שמחהלע טורערו, דעם קצב, מיט דער באַראַשקענער שביץ ער היטעל, וועלכע ער טראָגט איבער די אָפּגעביסענע אויערען, סיי ווינטער סיי זומער. ער האָט דערזעהן דעם געלאַף און, ווי אַ וואָלף, דערשמעקט פונדערווייטענס אַ קראַנקע קוה, אַ גוטען פאַרדינכטעל אויף דער פולער וואָך... איז ער אַריין אין שטאָל מיט אַ ברומיגען גוט-שבת און מיט אַ פייערדיגען קוקעלע... נאָר רעדען גלייך פון פאַרקויפען די בהמה, פאַר האַלב-געלד אויף שחיטה, האָט ער ניט געקענט. ערשטענס, איז דאָך נאָך שבת אויף דער וועלט. און צווייטענס, האָט ער פון דער פּראַק-טיק געוואוסט, אַז מיט באַלעבאַטים טאָר מען גלייך אויפן שטעל ניט רעדען פון אַוועק-קוילענען אַ בהמה, אַ מילכגעבערין. מיט נייע נגידים — אודאי און אודאי ניט. האָט ער זיך נאָר באַ-לעקט, ווי אַ וואָלף הינטער אַ הויכען צוים מיט ציגען... מי-

*) און גענוג!

באַלקעס עצה מיט דעם לעבעדיכען טרונק איז איהם כּלל ניט געפעלען געוואָרען. ער קען איהם נאָך, דער ערל, קאַליע מאַכען ביז הבדלה דעם גאַנצען געשעפט... האָט ער גענומען „דרעהען מיטן עק" פאַר דעם נייעם נגיד מיט דער נגידיכע אין שטאָל, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ גרויסען פאַרזאָרגער פון קראַנקע בהמות:

— וואָס דרעהט ער אייך, ר' חיים, אַ כאָליאַווע! — האָט ער זיך צעברומט מיט זיין וועלפישען קול, און אָנגעוויזען מיט זיין אויגעל אויף מיכאַלקען, — ר' גרשונען דאַרף מען רופען! ר' גרשון-„קעלבערנע יאָצרע"... ער איז דאָך עפעס אַ רופא פון בהמות... אַ טעווע... אַ „וועטעגאַר" רופט מען דאָס... וואו וואוינט ער? שאַ, באַלעבאָסטע, אָט ליף איך איהם שיקען צו אייך, אַהערצוצו... אָט-אָ, באַלעבאָסטעצקע... אָט ליף איך שוין...

4.

די נייע נגידיתטע, מיטן זויערען פנים, איז דאָך ניט מחויב צו וויסען, אַז גרשון-קעלבערנע-יאָצרע איז יד-אַחת מיט אַלע קצבים אין שטאָדט, אַז ער „דינט זיי צו" ביי קראַנקע בהמות... כאַפּען די קצבים אַ גוט פאַר דינסטעל נאָך אַזאַ איילינגער שחיטה — קריגט אויך גרשון-יאָצרע אַ פּאָר גילדען, אַ פונטעלע פלייש אַ בוגאָב, אַ שטיק לונג-און-לעבער, אַ האַלבען מילך. און דערפאַר טאַקע האָט ער ביי די קצבים אַליין אַ צונעמעניש „יאָצרע", ווייל ער ציהט זיין שלימזלדיגע חיונה פון בהמשע און קעלבערנע יוצרות...

דאָס איז אַ הויכער, איינגעבויגענער איד, פון אַ יאָהר זעכציג, מיט אַ הויכען, איינגעבויגענעם שטעקען אין האַנט, מיט זעהר אַ מיאוס פנים פון אַ באָבע-יאַכנע, צעקנייטשט און כמעט אָהן אַ באָרד. אַזוי שיטער זיינען די עטליכע סיווע הערלעך, וואָס זיינען איהם צעשאָטען איבער די אַראָפּהענגענדיגע באַקען און איבער דער גאָמבע. זיי זיינען אַזוי קויטיג, ווי זיין

פנים, די סיווע הערעלעך, און זעהען זיך דערפאַר ניט שטאַרק אָן פונדערוווייטנס... זיי מאַכען איהם נאָר דאָס פנים אָנגע־שוואָלענער, אָפגעלעבטער. ער טראָגט אַ לאַנגע, פאַרסמאָדרעטע קאַפּאָטע פון אַן אונבאַקאַנטען שטאָף און פון אַן אומבאַקאַנטען שניט, איבערגעכאַפּט מיט אַ דינעם גאַרטעלע, אַ פאַרשמאָלצע־נעם היטעל מיט אַ צעקרימטען קאָזיראָק. בשעת ער געהט, קוקען זיינע שלאַנגישע אויגלעך נאָר אויף דער ערד, און זיין יענטעוואַטע פּנים איז דערביי אָנגעשטרענגט, מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס פיהלט אַ שלעכטען טעם, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרזוכט ריצענאייל. און ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס געהט ער אַזוי איינגעבויגען אונטער אַ לאַסט פון עברות, וואָס ער האָט אויפן געוויסען, — בלוט... אַ סך בלוט פון בהמות, וואָס ער האָט אומגעבראַכט מיט זיין דאָקטאָריש און געמאַכט מען זאָל זיי קוילענען פאַר דער צייט. און אפשר... ווער ווייסט? אפשר נאָך אַ סך הארבערע עברות...

אָט דער דאָזיגער אַלטער בעל־עבירה, גרשון־יאָצרע, איז דאָס אָנגעקומען צום נייעם גביר קורירען זיין טיראָלער בהמה, מיט אַ קרעכצעדיגען גוט־שבת איז ער אַריינגעטרעטען אין שטאַל און מיט אַ קול — פּונקט ווי מען ברעכט אַן אַלטע דראַניצע. קודם־כל האָט ער געבעטען אַ הייפעלע גראָב זאַלץ, און דערנאָך האָט ער געבעטען מען זאָל איהם לאָזען אין שטאַל איינעם אַליין מיט דער בהמה, ווייל ער קען בעסער „אַרבייטען". אַרויסגעהענדיג האָבען נאָר די באַלעבאַטים גע־זעהן, אַז גרשון־יאָצרע פאַרקאַטשעט איין פאַרסמאָדרעטען אַר־בעל; און פון אַרבעל, ווי פון אַ קויטיגער שייד, ציהט זיך אַרויס אַ לאַנגע, אַלטיטשקע האַנט, אויסגעדאַרט, און פונדעסט־וועגען בויגיג, ווי אַ שלאַנג, מיט בלויע אָדערען־פלעקען. אַ מאָדנע האַנט מיט אַ פאַרקלעמטען הייפעלע זאַלץ צווישען די רויטע פינגער...

וואָס ער האָט דאָרטען מיט דער בהמה „געאַרבייט" — ווייסט מען ניט. נאָר אַז ער איז אַרויס פון שטאַל, מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס האָט אָקאָרשט אויסגעטרונקען אַ

קעלישאָק ריצענאייל, איז דאָס הייפעלע זאַלץ פאַרשוואונדען. און דעם פייכטען אָרים מיט די פאַרפאַסקודיעטע פינגער האָט זיך „יאָצרע" געווישט מיט דער פאָלע פון זיין אייגענער קאָפאָטע, וועלכע דינט איהם צו אַלערליי באַדערפענישען. אָפּגעווישט די מיאוסטע לאַפּקע, זאָגט ער, אַז ער מוז רעדען מיט דעם נייעם נגיד און מיט דער נייער נגידיתטע. אויג אויף אויג מוז ער מיט זיי רעדען. ער האָט זיי, מאַכט ער, עפּעס צו זאָגען... און דאָס קולכעל זיינס ברעכט זיך ביי איהם אין איינגעבויגענעם האַלז, ווי אַן אַלטע דראַניצע.

האָט מען איהם פאַרבעטען אין קאָכשטוב, אויג אויף אויג מיט דעם באַלעבאָס און באַלעבאָסטע. וואָס וועט איהר זאָגען גוטס, ר' גרשון?... וואָס זאָל ער זאָגען? אָך—כיע־כיע, ניטאָ מעהר וואָס צו זאָגען, ניטאָ, אָך־כיע־כיע. די בהמה איז אַ „מורקע". זי וועט ניט דערלעבען ביז האַלבע נאַכט, וועט זי ניט. ער האָט איהר אַ טאַפּ געטאָן די געדערים, אָך־כיע־כיע. זיי ברענען ווי פייער, די געדערים... וואָלט געווען גלייכער מען זאָל זי באַלד, נאָך הבדלה, פאַרקויפען אויף שחיטה. וויפיעל מען וועט געבען זאָל מען נעמען. און דעם בייקעל קען מען קאָרמענען אַן אַכט טאָג מיט אַ ראָזשיק, אָך־כיע־כיע. וואָרים פאַר אַכט טעג טאָר מען איהם דאָך ניט קוילענען...

אויסגעהערט אַזאַ באַריכט, איז די נייע נגידיכע גרין געוואָרען. זי האָט זיך פון אויפרעגונג צוגעזעצט אויף אַ ניטטרוקענעס שטוהל אין קיך און צעקוויטשעט זיך אויפן מאַן:

— חיים, דו הערסט? אויס בהמה! אַ סוף מיט דער בהמה!

גרשון־יאָצרע האָט זיך דערווייל אַרויסגעמאַכט. מען כאַפּט זיך צו דער בהמה אין שטאַל, ערשט זי איז שוין טאַקע אַ „מורקע". אָקאָרשט האָט זי נאָך געקוקט מיט צוויי אויגען, אַצינד קוקט זי נאָר מיט איין אויג אויף איהר בייקעלע, און סאָפּעט שווער. און פון הינטען, איבער די אייטער, טריפט איהר אַ ריטשקעלע בלוט מיט צעגאַנגענע שטיקלעך זאַלץ. פונוואַנען בלוט אינמיטען־דערינען?... מען טראָגט איהר צו לעבעדיגע

וואַסער צום מויל — טרינקט זי ניט און נעמט דעם קאָפּ ניט אַוועק. נאָר איהרע נאָזלעכער דישען זיך אינם וואַסער. אַ צער-בעלי-חיים צו קוקען! ערשט שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער טעווע... „ווּעטעגאַר", גרשון-יאָצרע, האָט זי אַזוי גוט און אַזוי ערליך געהיילט; אַזש מחלל-שבת געווען צוליעב אַזאַ שווערער יולדת, להבדיל.

.5

ס'האָט נאָר קוים-קוים גענומען טליהען דאָס ערשטע שטערענדעל אין אַשיגען ווינטער-הימעל — ערשט שמחהלע טורערג, מיט זיין באַראַשקענעם היטעל איבער די אויערען, איז שוין דאָ. ביי איהם איז שוין נאָך הבדלה; און אָנשטאָט זיין שבת-דיגען פּאַלטאָ טראָגט ער שוין זייז קצבישע, וואָכעדיגע פּאָדיאָווקע. „גוט-וואָך, מאַכט ער, ר' חיים! גוט-וואָך, באַלעבאָסטע!... אפשר וועלען מיר אָפּפּטרן דעם עסק?"... „וועלכע עסקים האָבען מיר דאָס מיט אייך?" בלאָזט זיך אָן די נגידיכע.

— וואָס הייסט וועלכע עסקים, באַלעבאָסטע-לעבען? גרשון-יאָצרע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אייער בהמה איז אַ „מורקע"...

נאָר אַפּנים ניט נאָר איהם אַליין האָט „יאָצרע" אָנגעזאָגט, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ „מורקע". יאָצרע דאַווענט אין דער קצבישער שוהל; האָט ער, מן-הסתם, אַלעמען „אָנגעמורקעט" דאָרטען שטילערהייט, יעטוועדערען על-פּי-סוד. וואָרים איידער שמחהלע טורערו האָט נאָך אָנגעהויבען געהן אויף אַ דרך מיט די נייע נגידים, מכּח זייער בהמה, האָבען זיך דורך טהיר און טויער אַ שאָט געגעבען אַלע קצבים פון שטאָדט, אַלע אין וואָכעדיגע פּאָדיאָווקעס, מיט זילבערנע רובעלס אין די הויזענקעשענעס און מיט אַ וואָכעדיגער, קצבישער תאוה צוועקצעקוילען דעם נייעם נגידס בהמה און פאַרדינען עטליכע גילדען...

די גרויסע קאָכשטוב האָט גענומען זשומען פון זייערע וואָכעדיגע קולות. פונקט ווי בייזע פליגען — אַ נבלה זייַנען זיי באַפאַלען. די קראַנקע בהמה הענגט נאָך, קוים אַ לעבעדיגע, אויף די שוהל-האַנטוכער אין שטאַל, און דאָ דינגט מען זיך שוין איבער איהר הויט און פלייש. פופצעהן רובעל... אַכטצעהן רובעל... צוואַנציג רובעל... עס האַלט שוין באַלד ביי אַ פינפאונצוואַנציגער. אַזאַ פעט שטיקעל סחורה, ווי זי איז, איז זי דאָס ווערט אַפילו אַ שעה פאַרן טויט. דער נייער נגידיתטע איז אָבער ניט-גוט געוואָרען פון אַזאַ מקח, פון דעם צער צו פאַרלירען צוואַנציג קוואָרט מילך אַ טאָג, אַזאַ מילכגעבערין... איז זי אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער, גענומען וואַלעריאַן-טראָפּענס אויף אַ שטיקעלע צוקער און זיך אויסגעצויגען אין בעט. די איינציגע, וועלכע האָט זיך באמת גענומען צום האַרצען די בהמה גופא, איז געווען ריקליע, ריקליע די דינסטמויד אינם נייעם נגידס הויז. זי איז געשטאַנען הינטערן אויווען אין קאָכשטוב, צוגעהערט זיך צו די מיאוסע דינגענישען צווישען קצבים און באַלעבאָס און געוויינט אין פאַרטוך אַריין: „אַזאַ בהמהלע, אַזאַ טייערינקע בהמהלע! אָפּגעקעלבט זיך אין אַ בייזער שעה. עין-הרע געגעבען... די אויגען זאָלען זיי אַלעמען אַרויס!...“

מיט אַ ביטערער שנאה האָט ריקליע אַרויסגעשטיקעוועט פון פאַרטוך, צווישען איין כליפּ און דעם צווייטען, אָנגעקוקט מיט עקעל די גזלנישע, צעפלאַמטע פנימער פון די קצבים און דעם טרוקענעם בליק ביים באַלעבאָס מיט זיינע אָפּגעראָנענע באַקען, פון צופיעל איינגעמען מאָגען-רפואות... ניין! ווען זי וואָלט געווען אַ נגידיתטע, וואָלט זי זיך איבער עטליכע רובעל אַזוי מיאוס ניט געמאַכט... זי וואָלט בעסער געלאָזט די בהמהלע אויסגעהן אין שטאַל, לעבען איהר ניי-געבוירענעם בייקעל, אויב ס'איז באַשערט... אָבער פאַרקויפען אויף טרפה וואָלט זי ניט, בשעת יענע גוססט, בשעת יענע —

ריקליע האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דער וואָכעדיג-באַלייכטענער קאָכשטוב, געלאָפען איבערן פינסטערען הויף, כדי

נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף דער קראַנקער בהמהלע מיטן חייִסן פלעק אויפן פּנים, אויפן בייקעל, וואָס וועט באַלד פאַריתומט ווערן...

קיינער פון די שטוביגע האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז מיכאַלקע, דער גויעשער משרת זייערער, האָט די גאַנצע צייט אויך ניט געשלאָפן. באַלד נאָכדעם, ווי גרשון־יאָצרע האָט אַזוי דעליקאַט און אַזוי איידעל אונטערזוכט די בהמה מיט אַ הייפּעלע זאַלץ אין פויסטעלע, האָט מיכאַלקע גענומען מאַכן זיינע אייגענע רפואות. געשטויסענע קאָניפליעס האָט ער דורכגעזייט דורך אַ סיטע מיט וואַרימען וואַסער; און די גרינליכע מילך, וואָס האָט זיך דערפון באַקומען, האָט ער, פון אַ גרויסער דרייקוואַרטיגער פלאַש, אַריינגעגאָסן דער בהמה אין גאָרגעל אַריין. די פאַרלעגטע צונג האָט ער איהר אויסגעריבן מיט בראַנפען; און אַלע וועהטאָגדיגע ערטער, נאָך אַזאַ שווערן קעלבען־זיך — מיט וואַרימען חלב. די בהמה האָט איבער זיך געלאָזען טאָן אַלץ, וואָס מען וויל, נאָכגעבענדיג מיט אַלע איהרע גרויסע אברים. פונקט ווי זי וואָלט געווען פון גומע. דערנאָך האָט זיך מיכאַלקע גענומען פאַרן אָפּגעשוואַכטען בייקעל. מיט ביידע הענט האָט ער איהם אַרומגענומען דעם בייכעל, אויפגעהויבען איהם אויף די שפּיצען קאָפּיטקעס און געלערענט איהם זויגען די קראַנקע מאַמע זיינע, וועלכע הענגט אויף די ברייטע שוהל־האַנטוכער. דאָס בייקעל האָט ביסלעכווייז אָפּגעצוינען די אָנגעשוואָלענע אייטער, און די בהמה האָט אַ בורטש געטאָן פון גרויסען בויך. צום ערשטען מאָל פאַר אַ גאַנצען טאָג האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ קורצען „מוּה“. אַפּנים, ס'איז איהר אַביסעל גרינגער געוואָרען.

אין שטאַל איז שוין געוואָרען גוט פינסטער. און מיכאַלקע האָט אָנגעצונדען אַ לאַמטערנע. די בהמה האָט גענומען שטאַרק פינטלען מיט די פייכטע אויגען... אויך אַ גוטער סימן!

מיכאַלקע האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקענט באַרוהיגען. ער האָט אַרומגעפּאַדיעט אַרום דער בהמה און איינציגווייז אָפּגעריבען איהר די שוואַכע נאָכגעביגע פיס. און מיטאַמאָל האָט

צר דערפיהלט, אַז דאָס בהמהשע פלייש אונטערן פעל ווערט האַרטער, די קניע שפאַנען זיך אָן. האָט ער ביסלעכווייז גענומען אָפּלאָזען די קניפּען פון די לאַנגע האַנטוכער...

אין דערזעלבער צייט האָט שוין דער משא-ומתן מיט די קצבים געהאַלטען ביים גליקליכען סוף. שמחהלע טורערו האָט זיך איינגעשפּאַרט — ער מוז אָפּקויפען די „מורקע". א מין נכפּי האָט איהם גענומען. ער מוז היינט ביינאַכט קוילענען דעם נייעם נגידס בהמה. אַ רובעל איז קיין געלט ניט, און צוויי זייגען בלאָטע. ער איז אַרויפגעלאָפען ביז ניין-און-צוואַנציג קאַרבען. אַלע קצבים זיינען אָפּגעשטאַנען. „שמחה, וואָס טהוסטו?" האָבען זיי צו איהם געשריען. „פאַר א „מורקע" ?...

— איך הער דיך ווי דעם יורקע! — האָט זיי שמחהלע געענטפערט צום גראַם. און אויפגעהויבען די לאַפּע זיינע צו געבען אַ פּליאַסק דעם נייעם נגיד אין דער אויסגעכאַליעטער דלאָניע אַריין:

— דרייסיג?... זאָל זיין דרייסיג!...

אין דערזעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקליך-פריידיגער קוויטש. דאָס איז ריקליע, די דינסטמויד, אַריינגעלאָפען:

— באַלעבאָס! די בהמה האָט זיך געשטעלט!

דער נייער נגיד האָט אַ ריס געטאָן זיין איידעלע האַנט, און שמחהלעס פּאַטש איז געפאַלען אין דער לופטען.

ווער האט אונטערגעצונדען?...

.1

אַז די קראַנקע בהמה שטעהט שוין אויף די פיס, האָט באַשטעטיקט אויך מיכאַלקע — דעם נייעם־נגידס משרת. ער איז אַריינגעלאָפען נאָך ריקליע דער דינסטמויד, אַ צעהיצטער, און האָט אַ רעוו־געטאָן:

— סציט, כולאַ טע־ע־באָשצ! (זי איז שוין משתין, גע־לויבט דער אייבערשטער!).

האָט דער נייער נגיד געלאָזען שטעהן אַלע קצבים אינ־מיטען קאָכשטוב און געלאָפען זעהן די גענעזענע בהמה זייגע, מיט די אייגענע נגידישע אויגען.

האָט די נייע נגידיטע דערהערט אַזעלכע פרעהליכע אויסגעשרייען און גלייך פאַרגעסען אָן איהר קאָפּוועהטאָג, זי האָט געכאַפּט לויפען פון שלאָפצימער גלייך אין הויז אַריין; פאַרשפרייטענדיג הינטער זיך אַ שווערען ריח פון פאַרפום און פון וואַלעריאַן־טראָפּענס.

מען לויפט אַריין אין שטאַל — ערשט ס'איז אָן אמת! די מתנגדישע שוהל־האַנטוכער, אויף וועלכע די בהמה איז גע־האַנגען אַ גאַנצען שבתדיגען טאָג, זיינען אויפגעבונדען, די בהמה שטעהט אויף אַלע פיער קלאָהען, לעקט איהר בייקעלע און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ טרונק וואַרעמען קלייען־פּאָילע, וואָס שטעהט לעבען איהר אין אַ מולטער. דאָס בייקעל אַליין האָט

זיך שוין אַביסעל אויסגעלערענט זויגען. שטופּט ער זיך מיט דעם לעקישען מאָרדעלע אין די פולע אייטער, כאַפּט אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטען, שפּייט אָפּ, פאַרכלינעט זיך און כאַפּט ווייטער.

שמחהלע טורערו, וועלכער האָט שוין אָט-אָט געהאַלטען ביי אָפּקויפען די „מורקע" פאַר אַ דרייסיג קאַרבונים, איז געבליבען שטעהן אינמיטען קיך, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אַלע קצבים, וועלכע זיינען הינטערשטעליג געבליבען מיטן מקח, האָבען איהם נאָך אויפגעהויבען „נאַ-אורא"... אַ צעקאָכטער האָט ער אַ ציה-געטאָן דעם פאַרשמאַלצעוועטען גאַרטעל, טיפער אָנגערוקט דאָס באַראַשקענע היטעל איבער די אויערען, און, בורטשענדיג עפּעס, אַרויסגעלאָזט זיך מיט שווערע טריט צו די באַלעבאַטים אין שטאַל. „ער מוז אַ קוק טאָן", אַזוי האָט ער געבורטשעט, „צי ס'איז ניט קיין מאַכערייקע... וואָרט, וואָרט!"...

ביי דעם געלען שיין פון דער לאַמטערנע האָט ער דער-זעהן אַ גאַנצע בהמשע מלוכה. די גרויסע טיראָלער בהמה מיטן גאָידער שטעהט אינמיטען שטאַל, ווי אַ מלכה, און שוואַר-צע מענשעלעך — די גאַנצע משפּחה פונם נייעם נגיד — פאַדיען אַרום איהר אַרום... איז, הייסט דאָס, פון זיין אָפּמאַך מיט גרשון-„יאָצרע", דעם טעווע... „וועטצנאַר", גאָרניט געוואָרען! אַרויסגעריסען ביי איהם פון אונטער די הענט אַזאַ מציאה! ריקליע, אַ רוח אין איהר באָבען אַריין, מיט איהר קוויטש... און מיכאַל-קע, דער מיאוסער גוי מיט זיינע קולות, האָבען איהם קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען עסק.

שכור פאַר כעס האָט ער אָנגעכאַפּט ריקליען פאַרן האַנט.

— וואָס מישסטו זיך, דו, ממזרת? — האָט ער זיך צעברומט.

— איכל, איכל דיר!...

ריקליע האָט מיט שרעק אַ ריס-געטאָן דעם אָרים, און די גאַנצע משפּחה פונם נייעם נגיד איז אָפּגעשפּרונגען פון

שמחהלען, ווי פון אַ גזלן. אָבער שמחהלע האָט זיי ניט גע-לאָזען קומען צו זיך.

— ר׳ חיים!—שרייט ער צום נייעם-נגיד און די אויגעלעך לויפען איהם אַרום,—די בהמה איז דאָך מיינע!

— דיי—נע?!—וואונדערט זיך דער נייער-נגיד.

— חרטה איז ניט מעשה סוחר!—גיט שמחהלע אַ ברום אין אַ געה-צו צו דער בהמה, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָנכאַפען ביי די הערנער.

אָבער די נייע נגידיכע האָט זיך געשטעלט צווישען איהם און דער בהמה, מיט איהר געלבען און פינסטערען פנים, און ניט דערלאָזען.

— חיים, חיים!—האָט זי זיך צעקוויטשעט צום מאַן,—וואָס וויל דאָ אָט דער?

— אַזוי גאָר?—מאַכט דער נייער נגיד צו שמחהלען גאַנץ רוהיג,—מיין בהמה איז שוין דיי—נע?... מיכאַלקע, וואַרף איהם אַרויס פון שטאַל!...

מיכאַלקע איז גלייך אָנגעגאַנגען אויף שמחהלען מיט זיין צעפּאַטעלטען קאָפּ פלאַקסענע האָר.

— נו, סטופּאַי, ראַזניק, ז׳ באָהאָם! (געה, קצב, מיט גאָט!).

דאָס טרפהנע בלוט האָט אויפגעקאָכט אין שמחהלען. ער האָט פאַרשטירעט די ציינער, ווי אַ הונט, ביי וועלכען מען רייסט אַרויס אַ פעטען ביין פון צווישען די לאַפּעס. אפשר גאָר אַריינפאָהרען דעם מורנו ר׳ חיים-נייער-נגיד אין באַק? ע-עך! צופיעל וויבער שטעהען דאָ אַרום! די נגידיכע, די דינסטמויד, דעם נייעם נגידס מיידלעך... שמחהלע האָט זיך פיינט צו שלאָגען פאַר וויבער אין די אויגען. האָט ער נאָר אַ קריץ-געטאָן מיט די צייהן, אַ קוק-געטאָן אויף מיכאַלקען, אַ קוק אויף דעם נייעם נגיד און בורטשענדיג, אויסגעדרעהט זיך צום טהיר פון שטאַל:

— אַ קאַטערינקע וועל איך מאַכען פון אייער בהמה!

אַרויסטרעטענדיג אין דער נאַכט אַריין, ווי פון אַ באַ־וויכטענעם קאַסטען, האָט ער זיך גראָב צעלאַכט:

— אַ בהמה ווערט איהר האָבען? הא־הא... אַ קדחת ווערט איהר האָבען!

מיכאַלקע איז איהם נאָכגעגאַנגען און געוואָלט צו־קלאַפּען הינטער איהם די שטאַל־טהיר. אין דערזעלבער רגע האָט אַ רויטער, ביינערדיגער קולאַק, גיך ווי אַ בליץ, אַ שטויס געטאָן אין שפּאַלט, צווישען טהיר און בערוועגע־וואַנט, און אַ ריעב געטאָן מיכאַלקען אין זייט. ווי אַן אייזערנער דריי־פונט, וואָס מען צעוויגט אויף אַ שטריק, האָט איהם דער קולאַק געטראָפען. מיט אַן אָפענעם מויל האָט ער אַרויסגעלאָזט די קליאַמקע פון האַנט און אַ פאַל געגעבען אין שטרוי.

.2

איצט האָבען זיך די ראָלען געביטען: די בהמה האָט זיך געשטעלט פעסט אויף די פיס און מיכאַלקע, דער רופא איהרער, האָט זיך געלעגט און ניט אויפגעשטאַנען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד.

אַז גוטע מענשען האָבען זיך דערוואוסט, וואָס שמחהלע טורערו האָט דאָ אָפּגעטאָן און ווי אַזוי ער האָט געסטראַשעט, האָבען זיי דעם נייעם נגיד געגעבען אַן עצה צו היטען די בהמה, ווי אַן אויג פון קאָפּ. ביי שמחהלען איז דאָך קיין מעשה ניט צו קליין! און אַ מעסער דער בהמה אין בויך ווערט ער ניט אַריינרוקען? און אונטערשיקען גנבים ווערט ער זיך אפשר שעמען? אַלס אַן אויפגאַב האָט ער שוין דאָך מכבד געווען מיכאַלקען אונטער דער לעפעלע, איבערגעקערט איהם די בעבעכעס אין בויך... איז אָט, זעהט!...

— נו, און דער פּריסטאַוו איז אַ הונט? — פרעגט געלאַסען דער נייער נגיד און גלעט זיך זיין גאָלדענעם פינגערל מיטן גרינעם שטיין אויף דער אויסגעכאַליעטער האַנט. זינט ער איז

געוואָרען אַ נגיד טראָגט ער אַ פינגערל מיט אַ גרי-נעם שטיין.

האָט מען איהם נאָכאַמאָל געגעבען אַן עצה בעסער ניט צו טשעפּען זיך מיט שמחהלען. פאַרמסרן איהם? חס-ושלום! איי וואָס, דער גוי? מיכאַלקע? נישקשה, אַ חזירישע ביין! ס'וועט זיך שוין ביי איהם פאַרהיילען.

האָט דער נייער נגיד געשוויגען. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער סקאַנדאַל איז אָפּגעלאָפען אַזוי גלאַטיג, האָבען זיך די קצבים, מיט שמחהלע טורערו בראש, געפיהלט באַליי-דיגט אין זייערע טיעפסטע געפיהלען. ס'טייטש, אַ נגיד זאָל ברעכען זיין תקיעת-כף! אַ נגיד זאָל אַרויסרייסען אינמיטען דרינען די האַנט און חרטה האָבען! איבער עטליכע רובל, אי-בער אַ „מורקע"! פע!...

דעם נייעם נגידס שוויגען האָבען זיי אָנגענומען אַלס אַ שוואַכקייט, אַלס מורא; זענען זיי געוואָרען חוצפּהדיגער. ריק-ליען האָט מען געלאָזען שטעהן אין יאַטקע מעהר ווי אַלעמען. „קענסט וואַרטען!" — פלעגען זיי איהר זאָגען. „מיר, ביי דיין באַלעבאָס אין קאָכשטוב, האָבען מיר מעהר געוואַרט. יאָ!" און שמחהלע טורערו פלעגט איהר נאָך נעמען לצבער, ריקליען, דעם נייעם נגידס טרייע דינסטמויד.

— זאָג שוין אויס דעם אמת! — פלעגט זיך מיט איהר שמחהלע טשעפּען, — מיט דער ירושה ביי דיין באַלעבאָס איז שוין מסתמא באַלד אַ סוף, הע? אַ נגיד שצמט זיך ניט חרטה האָבען אינמיטען פאַרקויפען אַ „מורקע"... מסתמא אויסגעזליי-קעט שוין דאָס ביסעל געלט אין זישינקען טייעלע, פאַרשפּילט אין „פירפערענס" מיטן אַפּטייקער...

ריקליע שלינגט אַראָפּ אַ טרעהר. זינט די „מורקע" האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, לאָזען די קצבים אויס דעם כעס צו איהר. נאָר זי דינט דאָך עפּעס ביים נייעם נגיד אין שטוב. פּאַסט איהר ניט צו שילטען זיך מיט אַזעלכע גראָבע יונגען. שווייגט זי.

העלפט שמחהלען זינגען אַן אַנדער קצב, אַ שכן אין יאַטקע:

— וועסט זעהן, ריקליע, מירן מירצעשעם באַלד האָבען אַ „גייעם קבצן...״

דאַרף זיך נאָך גראָד מאַכען און קיין שקלאָוו פאָהרט אַראָפּ אַן „אַגענט״... אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. דער אַראָפּגעפאָהרענער יונגערמאַנטשיק מיט דעם קיילעכדיגען בלאָנדען בערדעל, מיט די לעבעדיגע אויגען און מיט דעם גרויסען, לעדערנעם פּאָליאַרעס אונטער דער פּאַכווע, און מיטן האַרטען קאַפּעליוש אויפן קעפּעלע. אויף דער אַכסניה, וואו ער שטעהט איין, האָט ער דערצעהלט, אַז ער סטראַכירט פון שרפות, פון מגפות, פון וואַסער און פון האָגעל. אַלע קענען ביי איהם, סוף-כל-סוף, נתעשר ווערען. מען דאַרף נאָר אַ קאַפּעלע געהרגעט ווערען, אַביסעלע אָפּברענען, אַ האָרעלע דערטרונקען ווערען, געניזוקט ווערען אויף דער באַהן אין אָרשע, מעהר גאָרניט... דיין „אָבצעסטווע״, אַזוי פאַרזיכערט דער יונגערמאַנטשיק, צאָהלט פאַר אַלץ. און טאָמער גלויבט איהר ניט, כאַפּט ער אייך אַרויס פון פּאָליאַרעס צעטעלעך מיט געדרוקטע ביכעלעך אויף רוסיש און אויף פויליש, פאַרשאָטען מיט ציפערס, ווי מיט אַ שוואַרצען מאָהן, און אָנגעצאַצקעט מיט מענשעלעך און מיט הייזעלעך, אַז עס ווערט שוואַרץ פאַר די אויגען. געטראָפען וועמען צו פיהרען אין באָד! שקלאָווער אידען וועלען איהם דען גלויבען?... און הויבט ער אָן וועמען-ניט-איז איינצורעדען מיט זיינע שרפות און מגפות — שלאָגט מען איבער אינמיטען מיט אַן איידעלער עצה: ער זאָל זיך בעסער אָפּבייסען די צונג...

געהט ער אום, דער יונגערמאַנטשיק, איבער שקלאָווער גאַסען, ניט איין טאָג און ניט צוויי און ניט דריי, און לעגט די צייהנער אויף דער פּאָליצע. קיינער וויל זיך ניט פאַרסטראַכירען. ער הערט נאָר, הינטערן רוקען, ווי מען גיט איהם קאָמפּלימענטען. אַז ער געהט אויף איין זייט גאַס, טייטעלט מען מיט פינגער אויף דער צווייטער זייט:

— אָט געהט דער אַגענט...
— וואָס איז דאָס — „אַגענט״?
— וואָס האַלט דעם בויך אין די הענט...
— אַ פאַרזאָרגער פון יתומים!
— פריהער דאַרף מען פאַרברענט ווערן, דערנאָך צאָהלט ער.
— זאָל ער אַקאָרשט באַווייזען אויף זיך אַליין...

אָבער דאָס פּנים פון אַגענטעל איז געווען אַזוי האַרט, ווי זיין קיילעכדיגער קאַפּעליוש. ער האָט אַפילו ניט געקוקט אין יענעם זייט. ער האָט זיך אַפילו ניט אַ קרים געטאָן. ער האָט קליינשטעטעלדיגע אידען געקענט צו גוט. „וואַרט! האָט ער זיך געטראַכט און געצדריקט די לעדערנע טעקע זיינע צום האַרצען. איהר וועט זיך נאָך ביי מיר בעטען!...״

ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דעם נייעם נגידס הויז, אויף זיין גרויסען הויף מיט דער ברייטער שטאַל, אויף די פאַרצעליינע צאַצקעלעך אין די דאָפּעלטע פענסטער... האָט ער שטילינקערהייט פאַרנאַנדערגעפרעגט וועגען באַלעבאָס פון הויז, ווער ער איז און וואָס ער איז; און איינמאָל, אינמיטען וואָרמעס, איז ער אַרויפגעקומען צום נייעם נגיד מיט זיין לעדערנער טעקע און מיט זיין צינגעלע אויף שרייפלעך. פון דער פּראַקטיק האָט ער געוואוסט, אַז נגידים זיינען גוט און ווייך בשעת זיי האַלטען אינמיטען דער אַכילה. שפּעטער, נאָך וואָרמעס, איז די זאַך אַביסעל געפעהרליכער, ווייל נגידים האָבען בטבע ניט-קיין-גוטע פאַרדייאונג...

ער האָט, אַפּנים, ריכטיג געטראָפען, דער „אַגענט״ מיט די לעבעדיגע אויגלעך, וואָרים אין עטליכע טעג אַרום האָט די גאַנצע גאַס ד׳רזעהן, אַז דער „אַגענט״ דראַפּעט זיך אויף אַ לייטער, צוגעשטעלט צום נייעם נגידס הויז, און שלאָגט צו צום וואַנט אַ קיילעכדיגע, גרינע בלעך מיט אַ גאָלדענעם אַנקער. אַ סימן, אַז דאָס הויז איז שוין פאַרסטראַכירט אין דער „אָבצעסטוועי״. דער אַגענט, הייסט דאָס, האָט אויסגעפיהרט דאָס זייניגע.

האָבען שונאים דערזעהען דאָס צוגעקלאַפּטע גרינע בלעכעל, האָבען זיי געפּרובט אויסטייטשען, אַז קיין גלאַטע מעשה איז דאָס ניט. וויבאַלד דער נייער נגיד מוז זיך שוין סטראַכירען, איז אַ סימן, אַז עס האַלט שוין ביי איהם, מיט זיין עשירות און מיט זיין ירושה, גאַנץ שמאָל... מן-הסתם האָט ער עפּעס אין זינען!...

אַלס אַ ראיה האָט מען דערצעהלט, אַז דער אַגענט, „וועלכער האַלט דעם בויך אין די הענט", האָט איהם, דעם נייעם נגיד, געוואָלט פאַרכטראַכירען געגען וואַסער אויך, געגען האָגעל און ערדציטערניש. נאָר אויף די ענינים האָט זיך דער נייער נגיד ניט געלאָזען.

— אָט האָט איהר זיך דאָך פאַרסטראַכירט געגען פייער, — האָט אין איהם דער אַגענט אַרייגעטענהט,—וויינט פאַרוואָס-זשע ניט — פון ערדציטערניש, פון האָגעל, פון...

— וואָס רעדט איהר, וואָס ?—האָט איהם דער נייער נגיד איבערגעשלאָגען. — א י ה ר זאָלט דאָס זאָגען! פייער איז דאָך אין אונזערע הענט, אָבער וואו וועל איך נעמען ערדציטערניש?

די אַלע ריידערייען האָבען, אָבער, ניט געקענט אָבשוואַכען דעם גרויסען איינדרוק, וואָס דאָס גרינע בלעכעל, אויף דעם נייעם נגידס שטוב, האָט געמאַכט אין שטאָדט.

קוקענדיג אויף איהר, אויף איהרע גילדערנע אותיות, אויף איהר גאָלדענעם אַנקער, וואָס לויכטען צווישען די צוויי נגידישע פראָנט-פענסטער, ווי אַ ריזיגע קאָקאַרדע פון אַ מוראדיג-גרויסען טשינאָווניק, האָבען זיך אידען דערמאָנט, אָן זייערע אייגענע הייזקעס מיט די דראַניצע-דעכער, וועלכע שטעהען אָהן שוץ אין דער גרויסער וועלט. און ס'האָט זיי אָנגענומען אַ חשק צו סטראַכירען זיך, אָנקלאַפּען אַזאַ מין קאָקאַרדע אויף זייערע הילצערנע ווענט. די גרויסע קאָקאַרדע פון דער רייכער „אָבצעסטווע", וואָס זאָרגט זיך אַזוי פאַר אידישע הייזער...

האָט מען דעם אַגענט, מיט דעם האַרטען קאַפּעליושעל, גענומען מקרב זיין, געבעטען ביי איהם די געדרוקטע בלויע צעטעלעך מיט די ווייסע העפטעלעך, וואָס זיי האָבען פריהער

ניט געוואָלט אַפּילו נעמען אין די הענט און אויף וועלכע זיי האָבן פריהער געקוקט קרום ווי אויף מיסיאָנערסקע ביכלעך...

און דעד אַגענט פון דער „אָבצעסטווע" האָט גנאָדיג גע-צויגען די צעטעלעך פון זיין שוואַרצער, לעדערנער טעקע, און מיט אַ שמייכעלע געטיילט אַלע נייגעריגע. און אַזוי זיך, דורך-אגב, פאַרשריבען יענעמס נאָמען אין אַ ביכעלע.

און באַלעבאַטישע מיידלעך האָבען פאַרטייטשט די צע-טעלעך מיט די העפטעלעך, וואָס די טאַטעס האָבען געבראַכט פון דער גאַס, און געגעבען צו פאַרשטעהן, וואָס מען מיינט דאָ.

אַפריהער האָט זיך פאַרסטראַכירט זאָווע דער רייכער מיל-נער; זיין הילצערנע מיהל אויף דעם ברעג דניעפּער, דערנאָך זיין שטוב אויך. נאָך איהם האָט זיך פאַרסטראַכירט ישראל-דער גבאי. און באַלד נאָך איהם — פּעטער-אורי און פּעטער-זשאָמע. ביידע ברידער אין איין טאָג. פּאָרט אויפגעקלערטע מענשען, וועלכע פאָהרען אַלע יאָהר אין ניזשני אויפן יאַריד! זיי פאַר-שטעהען זיך שוין גראָד אין די דאָזיגע זאַכען!...

נאָך זיי איז שוין די זאַך געגאַנגען גאַר נישקשהדיג. אַ העפלישע תאוה פון סטראַכירען זיך האָט אָנגענומען שקלָוער באַלעבאַטים. מען האָט געקלאַפּט גרינע קאָקאַרדעס אין די ווענט. אייזענקרעמער האָבען געלייזט פאַר טשועקעס. און דער אַגענט איז געזעסען ברייטלעך ביי זיך אין צימערל, אין אַכסניה, און אידען זיינען געקומען צו איהם.

3.

וואָכען זיינען אַריבער און שנייען און אייז האָבען זיך בעלייגט, ווי אַ בליי, איבערן שטעדטעל. זיי האָבען געמאַכט פאַרגעסען די „מורקע", שמחהלעס סטראַשאָונקעס, דעם אַגענט פון דער „אָבצעסטווע". ריקליע האָט מעהר ניט געצייטערט מען זאָל דער בהמה קיין שלעכטס ניט טאָן. און דער נייער נגיד

איז זיך רוהיג געפאָהרען קיין אָרשע אין פאַנדרעס בויד און איז צוריקגעקומען.

אָבער גראָד אין יענעם אָוועגט, ווען פאַנדרע איז אַזוי שפּעטליך געקומען צוריק מיט זיין בויד אַן אָנגעהאָרעוועט־יער, אַן אויסגעמאַטערטער, זיינען צוויי שטאָדטישע פויערים געגאַנ־גען אין אַ הינטער־גאַס, ניט ווייט פון די יאַטקעס. דערזעהען זיי, ביי דער בלינדער וואַנט פונם נייעם נגידס שטאַל, שטעהט אָנגעשפּאַרט אַ איד. מיט אַ באַראַשקענעם היטעל איבער אויגען און אויערען, און מאַכט אַ דעכעלע איבער אַ פייערל. ער וויל, אַפּנים, פאַררויכערען אַ פּיפּקע און באַשיצט זיך פון ווינט. ס'איז אַפילו אַביסעל שפּעט צו רויכערען פּיפּקעס, נאָר קיין גרויסער חידוש איז עס אויך ניט. געהען די גויים ווייטער. אָבער ווי נאָר דער איד מיט דעם באַראַשקענעם היטעל דער־הערט זייערע טריט, אַזוי רוקט ער אָן זיין היטעל נאָך טיפער, בלאָזט אויס זיין שוועבעלע און געהט אַוועק אָן אַ זייט, הינ־טערן ווענטעל פונם נייעם נגידס פאַרקאָן. — אויך אָהן סכנה.

אָבער אָפּגעהענדיג אַ האַלבע גאַס ווייטער, דערטראָגט פלוצלינג דער קאַלטער ווינט צו זייערע פויערישע נעזער אַ ריח פון סמאַלינעס. זיי קוקען זיך אום — ערשט אַ ווייסער רויך זעצט פון אַ שינדעל־דאַך. זיי וואָלטען געמעגט שווערען, אַז דער רויך זעצט פון שטאַל, וואו זיי זיינען אָקאָרשט פאַר־ביי־געגאַנגען. יאָ. פון דערזעלבער שטאַל, וואו דער איד אין דעם טיפען באַראַשקענעם היטעל האָט אָקאָרשט געוואָלט פאַר־רויכערען זיין פּיפּקע און אָפּגעטראָטען אָן אַ זייט. אומקערען זיך צום זעלבען אָרט אַ קוק טאָן האָט זיי ניט דערלאָזען זייער איינגעבוירענע, פויערישע שרעקעדיגקייט. האָבען זיי, מיט די טאָרבעס, אָנגעקלאַפּט אין די ערשטע לאָדענס פון אַ שלאָפעדי־גער אידישער הייזקע און האָבען זיך צערעוועט איבער דער פיסטער גאַס:

— האָריטש! האָריטש! (עס ברענט, עס ברענט!).

4.

ווער עס האָט קיינמאָל ניט געהערט, ווי אַ קלויסטער־גלאָק קלינגט אינמיטען דער נאַכט אין אַ פאַרשנייטער הילצערנער קליין־שטעטעלע, דער ווייסט ניט, וואָס הייסט אומעט, פאַרוואָרפענקייט אָהן האָפנונג. דער ווייסט ניט דעם שרעק פון אַ שוואַכינקצן מענשען אין דעם ים פון נאַכט. און אינמיטען דעם דאָזיגען שרעק — אַ מאָנסטרום! אַ ברענענדישע שטוב...

אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אָפטמאָל ירושה פון אַ סך דורות, ברענט און געהט אַוועק מיט רויך. און אַ גויעשער גלאָק קלינגט איבער דעם אונטערגאַנג. אַ גויעשקע באַגרעבעניש פון אַ אידישער שטוב... שטערען ווינקען זיך איבער קאַלטבלוטיג, און הילף קומט אָן פאַמעלעך, טראָפּענווייז. פון די פינסטערע געסקעס קומט זי אָן. שוואַרצע מענשעלעך לויפען און טראָגען זי איבערן שניי. און אַז זי קומט שוין אָן, איז ניטאָ וואָס צו ראַטעווען. סיידען נאָר באַשיצען די שכנישע דעכער, זיי זאָלען זיך ניט אָנצינדען.

נח פאַנדרע, דער „פרייער פייערלעשער”, איז געלאָפען געבען ראַטונעק. מיטן האַק אין דער האַנט איז ער געשפרונגען איבער שנייאיגע קאַנאַווקעס, פאַרגעסען, אַז ער האָט אָקאָרשט געחלשט שלאָפען און אַז מערע זיין ווייב, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין בעט, איז אין די חדשים און האָט שטאַרק מורא. ער איז אָנגעלאָפען אויף דער שרפה איינער פון די ערשטע. ביי דעם נייעם נגיד האָט געברענט די שטאַל. דאָס פייער האָט דערווייל נאָר אַרומגעכאַפּט יענע האַלבע שטאַל, וואו עס ליגט אָנגעגרייט היי און שטרוי פאַר דער בהמה. דער שווערער הייבעל פון שניי, וועלכע ליגט אויפן דאַך, האָט ניט געלאָזט דער פייער זאָל זיך אויסברייטען צו גיך. נאָר פון איין דאַך־ווינקעל האָט געזעצט אַ שרויפיגער פלאַם, געשרויפט זיך מיט רויט־באַלויכטענעם געדיכטען רויך אין פראָסטיגען

שוואַרצען הימעל אַריין. די דראַניצעס האָבּען געקנאַקט, ווי מצות אונטער ריזיגע צייהן. און פון אונטער דער גאַנצער סטרעכע האָט געזוצט אַ געדיכטער רויך און ס'האָט געשאָסען מיט שטיקלעך איבּערגעבּרענטע היי, ווי מיט ראַקעטען.

די שטוב-מענשען זיינען אַלע געווען דרויסען. מיכאַלקע האָט געשלעפּט אַ גרויסען קאַסטען איבּערן גרינעם גאַניק, די עלטערע טאָכטער — אַ פּערינע... די קינדער האָבּען געוויינט, די נגידיתטע האָט געקוויטשעט. פון די „וואָלגע פּאַזשאַרניקעס" זיינען נאָר דערוויילע אָנגעלאָפען עטליכע באַלמעלאָכעס, עטליכע באַלעגאָלעס. קושקע בּראַנד מיט אַ פּעסעל וואַסער אויף זיין פּוהרעל, יוסף דער הויכער, פאַנדרעס חבר צום פּריזיוו מיט אַ קישקע איבּערן אַקסעל. אומבּאַקאַנטע יונגע-לייט, וואָס האָבּען אויסגעזעהן קליין און נעבּעכדיג אויף דעם שאַרפען גרונט פון דער שרפה און נאַכט, האָבּען שוין געקאַטשעט וואַסער פון אַ צווייטער פּעסעל. אָבּער דער דינער שטראַהל פון וואַסער האָט ניט געלאָשען, נאָר געזאָטען און געשיפּעט אינם פייער, און צוגעגעבּען דעם שוואַרץ-רויטען רויך עטליכע ווייסע טענער פון פּאַרע.

פון אַלע געסקעס האָט מען דערווייל געהאַלטען אין איין לויפען, די לאַנגע קרוקעס פון דער פּאַזשאַרנע האָבּען זיך שוין געטרייסעלט אויף אַ פוהר ערגעץ-וואו נאָר נאָהענט. הינטער דער בּלינדער וואַנט פון דער בּרענענדיגער שטאַל, וואָס איז אָפּגעטיילט פונם נייעם נגידס שטוב דורך אַ שטיק פּאַרקאַן, איז געשטאַנען ריקליע, די דינסטמויד. פאַר גרויס שרעק האָט זי געפּאַכעט אויף דעם פייער מיט אַ בּרעג פאַרטוך און געיאָמערט:

— די בּהמהלע! אוי, אוי, די בּהמהלע!

ערשט דאָ האָט פּאַנדרע פאַרנומען אַ דערשטיקט רעווען פון אַ קוה. דעם נייעם נגידס בּהמה האָט דאָס גערעוועט. זי איז געווען איינגעשפּאַרט אין דער צווייטער האַלבּער שטאַל און ניט געקענט אַרויס. אַלע האָבּען אָן איהר פאַרגעסען. נאָר

איין איינציגע ריקליע האָט זיך אָן איהר דערמאָנט און באַ־קלאָגט זי לעבעדיגערהייט.

— מו־הו!...— האָט זיך געטראָגען אַ געשריי דורך דער בלינדער וואַנט פון שטאַל.

פאַנדרע האָט אַ שוידער־געטאָן. דאָס אומגעהן מיט סענ־דערס פערד האָט שוין לאַנג ווייך־געמאַכט זיין קצביש האַרץ... מיט אַן אויג פון אַ געניטען פּאָזשאַרניק האָט ער אָפּגעמאָסטען דעם שטח צווישען דער ברענענדיגער שטאַל און צווישען דעם נייעם נגידס הויז. נאָר עטליכע מינוט זיינען געבליבען, ביז דער פייער וועט זיך דערקלייבען צו דער צווייטער האַלבע־שטאַל, וואו די בהמה איז איינגעשפּאַרט. קיין איינגאַנג צו איהר איז אָבער דאָ, דרויסען, ניטאָ. כדי צו עפענען די שטאַל מוז מען אַריין אין הויף. ס׳הייסט: מען מוז לויפען צו דער שטוב, דורכשטופען זיך צווישען קופּעס מענשען און קאַסטענס. אַרויס־לויפען די טרעפּ פון גאַניק, אַראָפּלויפען דורכן קאָרידאָר אין הויף, און ערשט דאַן עפענען... ניין! צו מאַכען אַזאַ אומוועג איז שוין צו שפּעט.

ניט טראַכטענדיג קיין סך האָט פאַנדרע אַ זעץ־געטאָן מיט דעם שפּיציגען זייט פון זיין פּאָזשאַרנעם האַק אין פּאַר־קאַן, אַריינגעשלאָגען איהם ווי אַ קרוק און, אָנהאַלטענדיג זיך פאַר דער הילצערנער הענטעל, אַרויפגעקלעטערט שווער און פלינק, ווי אַ בער. באַלד איז ער שוין געזעסען רייטענדיג אויף איינעם פון די גראָבע סלופּעס, וואָס בינדען־צוזאַמען די פּאַר־קאַן־ברעטער אין גלייכע פּיערעקען.

— אָט באַלד, ריקלינקע!—האָט ער מיט אַ קורצען אָטעם געטרייסט דעם נייעם נגידס דינסטמויד,— אָט־אָ, נאָך אַ ווײלעכקע...

דעם פּאָזשאַרנעם העקעל האָט ער פאַררוקט אין גאַרטעל און, מיט אַן אויסערגעוויינליכע אָנשפּאַנונג פון ביידע הענט, האָט ער אַ ריס־געטאָן דאָס אויבערשטע, שווערערע, פּיער־װיערשקאָווע ברעט, וואָס איז געווען איינגעקלעמט צווישען צוויי ענגע סלופּעס. מיט אַ קראַך האָט זיך דאָס ברעט געריהרט פון

אָרט. דער פּאַרקאַן האָט אויפגעעפענט אַ מויל, ווי אַ גרויסע מגושמדיגע שער. און דאָס שווערע ברעט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו דער שנייאיגער ערד.

— היט זיך, ריקליע!—האָט פּאַנדרע געשריען און גענומען זיך פאַר דעם צווייטן ברעט.

מיט יעדן שטיק צעוואָרפענעם פּאַרקאַן איז פּאַנדרע אַראָפּ אַלץ נידעריגער און נידעריגער און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך צווישן ביידע סלופּעס געעפענט אַ ברייטער איינגאַנג, אַ מין פּיערקאַנט־גער איינברוך אין אַן איינגענומענער פעסטונג.

— צו מיר, קינדער, צו מיר! — האָט זיך פּאַנדרע צעברומט צו זיינע חברים־פּאָזשאַרניקעס.

דאָס פעסעל מיט דער קישקע האָט גלייך גענומען קריכען צו איהם. פּאַנדרע האָט מעהר ניט געוואַרט, ער האָט אַ שפּרונג־געטאָן איבערן צעוואָרפענעם פּאַרקאַן און איז אַריין אין הויף.

5.

אינם ביטערן רויך, וואָס דער ווינט האָט אויף איהם געבלאָזן פון דער זייט שטאַל, האָט נח אָנגעטאַפּט די קליאַמקע. זי איז שוין געווען וואַרעם...

די טהיר צו דער בהמהס אָפּטיילונג אין שטאַל איז ניט געווען פאַרשלאָסען. אָבער אויפרייסען זי איז ניט געווען מעגליך. שוועל און פריטעלקע האָבען ניט געלאָזט. די טהיר האָט זיך געעפענט צום אינוועניג־צו. און די דרייסיג־פודיגע, צעשראָקענע בהמה האָט זיך, ווייזט אויס, איינגעשפּאַרט מיטן הינטען צום איינגאַנג—ניט אַהין, ניט אַהער; נאָר געטאָן און געברעוועט און געהוסט אין רויך. דאָ, אין הויף, האָט שוין דאָס פייער איבערגעכאַפּט די גאַנצע שטאַל אין דער קרום, פון דאַך ביזן פונדאַמענט, אַזוי, אַז איין דרייעק מיטן גאַנצן דאַך האָבען שוין געפלאַקערט; און דער אונטערשטער דרייעק, מיט דער

פריטעלקע פון דער בהמהס טהיר, האָבען זיך שוין געדרויכערט. קיין רגע האָט מען מעהר ניט געטאָרט פאַרלירען. פאַנדרע איז זיך צעלאָפען, און מיט זיין גאַנצער משא פון לייב און גבורה אָנגעפראַלט, מיט איין פלייצע, האַרט אויף די אייזערנע פעטליעס פון טהיר. די אייזענס האָבען אַ קרעכץ-געטאָן. אַ פּאָר שרוי-פען זיינען אַרויסגעשפרונגען. נאָך אַזאַ צווייטער שטויס — און די טהיר האָט זיך אָפּגעריסען, אומגעדרעהט זיך אויפן מיטען, ווי אויף אַן אַקס, און אַ פאַל געטאָן. און מיט איהר צוזאַמען איז פאַנדרע מיטן קאָפּ און האַלבען גוף אַריינגעפאַלען אין רויך און אין פאַרע פון דערהיצטע מיסט. ער איז אָבער גלייך אויפגעשפרונגען.

פון דער שטאַל-לאָך האָט איצט אַרויסגעשטעקט דער ברייטער הינטען פון אַ טיראָלער קוה. איהרע הינטערשטע פיס זיינען שווער און פאַרעקשנט געווען איינגעשפּאַרט אין שוועל און ס'האָט צווישען זיי, פון אונטער די אייטער, געדאַמפט און גערויכערט, אַזוי, אַז פאַנדרע האָט זיך געמוזט פאַרשמורען.

ער האָט בלינדערהייט געפרובט אָנכאַפּען די בהמה פאַר ביידע ליטקעס. נאָר ער האָט זי ניט געקענט ריהרען פון אָרט. אין איהר בהמהשער פאַרצווייפלונג, ווי אַלע קיה בשעת אַ שרפה, האָט זי פאַרוואָרפען דעם הערניגען טעמפען קאָפּ צווי-שען די געקניהטע פאָדערשטע פיס, הוסטענדיג און רעווענדיג אונטערן בויך מיט רויך און פאַרע פון מיסט:

— מו-הו! קכי-כי!

איינגעקאָרטשעט, ווי אַ גרויסער קנויל פלייש, און איינ-געשפּאַרט אין שוועל מיט דעם הינטער-טייל, איז זי דריי-מאָל שווערער געוואָרען, ווי זי איז. ריהר די וואַנט און ריהר זי!...

ריקליע און די פאָזשאַרניקעס, וועלכע זיינען דערווייל אָנגעלאָפען דורכן איינגעבראָכענעם פאַרקאַן, האָבען דערזעהן, אַז פאַנדרע טהוט עפּעס אַ משונהדיגע זאַך. באַהאַלטענדיג נאָז און אויגען פון רויך, האָט ער זיך פלוצלינג געגעבען אַ זעץ אויפן שוועל פון שטאַל מיטן נאַקען צו דער בהמהס הינטען. אַזוי, זיצענדיג, האָט ער אַ הויב-געטאָן איהרע ביידע הינטערשטע

קאָפּיטעס און פאַרוואָרפן זיי איבער זיינע פּלייצעס. צוהאַלטענדיג אַזוי איהרע ביידע שווערע ליטקעס אויף זיין ברוסט, האָט ער זיך גיך אויפגעשטעלט, ווי אַ גרויסע שטאָלענע ספּרונדזשינע, און גענומען שלעפּן מיט אַלע כּוחות. איצט האָט שוין די דערשראָקענע האַלב־דערשטיקטע בהמה מעהר ניט געהאַט קיין שמיך, און האָט נאָכגעגעבן...

די קישקע האָט דערווײלע גענומען אַרבייטען איבער פאַנדרען. און פונם חירבעל רויך און פונקען און וואַסער־שפּריצן, האָט זיך פריהער באַוויזען אַ פאַררויסענער עק פון אַ קוה, דערנאָך פאַנדרעס צעפּאַטעלטער קאָפּ אונטערן עק, מיט צוויי שווערע הינטער־ליטקעס פון אַ בהמה, וועלכע וואַרפן זיך, ווי אין ניכפּע, אויף זיין ברייטער ברוסט. אָבער פאַנדרע האַלט זיי פעסט מיט זיינע שטאַרקע לאַפּעס, די קלאָהען זאָלען איהם ניט מזיקן... און נאָך זיי, פון הינטען, שלעפּט זיך נאָך אַ לאַנגער בהמהשער גוף. אַ הערניגער פאַרסמאַליעטער קאָפּ, מיט אַרויסגעשטאַרצעטע אויגען, רויכערט, פון גרויסע נאַזלעכער, מיט אַ געדיכטען רויך, וואָס ער האָט אָנגעאָטעמט אין די לונגען... און אָט דער צווייטער האַלבער גוף גליטשט זיך אין שניי, אויף צוריק, מיט צוויי פאָדערשטע אויסגעשפּרייטע פיס... דאָס האָט עפּעס אויסגעזעהן ווי אַ משונהדיגע לעגענדאַרישע חיה, אַ געמיש פון מענש און קוה און דראַקאָן. מיט צוויי קעפּ פון פאָרענט און פון הינטען. די מענשישע קאָפּ פאָכעט מיט אַן עק און די בהמהשע — שפּייט מיט רויך...

אַזוי איז די דרייסיג־פודיגע שרעקעניש געקראָכען נאָך עטליכע טריט, איז שטעהן געבליבען און צעפאַלען זיך אויף צוויי חלקים. פון דעם פאָדערשטען חלק איז געוואָרען... נח פאַנדרע! און פון דעם הינטערשטען — דעם נייעם נגידס בהמה...

— כאַה־כאַה־כאַה! — האָבען זיך די פאָזשאַרניקעס צעלאַכט פון די בייכער אַרויס.

אין דער זעלבער רגע, איז דער גאַנצער ברענענדיגער דאַך פון שטאַל איינגעפאַלען און אָפּגעשאָטען מיט פונקען אַלע פאָזשאַרניקעס. דער געלעכטער איז פאַרשטומט געוואָרען. אַלע

האָבען באַשײנפּערלעך דערזעהן אין וואָס פאַר אַ גרויסער סכּנה פאַנדרע איז אָקאָרשט געווען. צוליעב פרעמדע האָב און גוטס, צוליעב אַ בהמה האָט ער אײנגעשטעלט זיין געזונטען קאָפּ...

די קישקע האָט גענומען אַרבּײטען און גיסען אין דעם צוזאַמענגעפאַלענעם פלאַקער פון בערוועגעס און שטרוי און דראַניצעס; געשיפּעט, ווי שמאַלץ, אויף אַ הייסער סקאָווערדע. דערפאַר אָבער האָט די געראַטעוועטע בהמה אַ לעק-געטאָן איהר אײגענעם אָפּגעסמאַליעטען נאָז. אַ לעק אין איין נאָז-לאָך, אַ לעק אין צווייטען... און מיט גרויס התפּעלות און דאַנקבאַרקייט צעמוקעט זיך איבערן גאַנצען הויף, איבער דער קישקע און מענשליכע קולות:

— מו-הו-ו!

און צוריק אַרײנגעצויגען דעם פייפענדיגען אָטעם, ווי אין אַ געלעכערטען בלאָז-זאַק אַריין.

דאָס האָט זי געבענשט „גומל"... פון איהר בּהמהשען סידור „גומל" געבענשט.

אַ נייער פּריסטאַוו.

.1

אין יענעם ווינטער, עטליכע חדשים פאַר דער שרפה בײם נײעם נגיד, איז אין שקלאָוו אָנגעקומען קיניגען אַ נײער פּריסטאַוו; אַ שעהנער יונגאַטש, מיט פאַרדרעהטע קופּערנע װאָנסעס און מיט אַ שטרענגען, קרומליכען קוק פון בולטע אויגען, ווי ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען — דער אַמאָל גער כאַפּער פון אידישע קינדער... ניקאָלאַי דעם ערשטענס פּאָרטרעט איז דורות-לאַנג געהאַנגען אין דער שקלאָווער פּאָטשט. און דער אַלטער פּאָטשטמײַמטער האָט פאַרגליכען דעם פּאָרטרעט מיט דעם פּרצוף-פּנים פון דעם נײעם פּריסטאַוו, ווען יענער איז געקומען אָפּגעבען איהם דעם ערשטען וויזיט... דער פאַרגלײך איז דעם יונגען פּריסטאַוו, ווײזט אויס, שטאַרק געפעלען געוואָרען. וואָרים זינט דעם האָט ער זיך אַ נעם געטאָן נאָכצומאַכען דעם פּנים פון אַמאָליגען קיסר מיט אַלע פּיטשעווקעס, די באַקע-באַרדען האָט ער זיך געוואוינט צו פאַרקעמען פון אויער צום שלײף, דעם כאָכאָל — אָנגעפּאָמאַדיעט און דורכגעפיהרט אַ שטעגעלע, פון דער זייט. די אויגען — געהאַלטען שטענדיג אָנגעבלאָזען, דעם פּנים — פאַרשטײנערט. פּונקט, ווי די ציהן וואָלטען איהם תמיד וועה געטאָן, נאָר ער האַלט זיך איין, און... קיניגט איבער שקלאָווער אידען.

דורות-לאַנג האָבען פּריצים אָנגערײצט אויף אידען זייערע

בייזע הינט. ליגט זיי דער שרעק פון כלבים אין ס'בלוט. און דער פחד פאר ניקאלאי דעם ערשטען — דער כאפער פון זיי־ערע חדר-אינגלעך — ליגט זיי, אבנים, אויך טיעף אין די ביי־נער... ווארים, ווי נאר אידען הזבען דערזעהן דעם נייעם פרי־סטאוו מיט די אנגעבלאזענע אויגען און מיט די פארדרעהטע דראטענע וואנסען און מיט די קונציג-פארקעמטע גויעשקע פאותן — באקענבארדען, וועלכע זיינען פארדרעהט פון די טרפהנע אויערען, ווי א „מירכא" און א „טפחא", להבדיל, האט זיי א טיאכקע געטאן אין הארצען... ס'האט זיך זיי מתדמה געווען א פארגעסענע גזלנישע צורה אין א שינעל מיט עפא־לעטען. אהא! אזא פארכרעט הענגט דאך טאקע עד-היום אין דער אלטער פאטשט,ביים פאטשטמייסטער אין קאמער...

— ס'וועט זיין א הארבער „אדון"! — האבען זיך אידען אויפן מארק געשושקעט.

— וועט ניט זיין קיין „נעמער"!

— איהר זעהט דאך! המן מיט די ביינער...

און כך-הוה. באלד האט מען דערזעהן, אז דער יונגער פריסטאוו האט זיך צוגעכאפט מאכען נייע פאראנדקעס. דעם אלטען בערוזענע-בריקעל, איבער דער גרויסער קאנאווע, זאל מען איהם פארריכטען!.. האט מען תיכף-ומיד פארריכט דעם בריקעל. צוויי לאמטערנעס, דוקא צוויי, זאלען איהם ברענען אויפן מארק ביז האלבע נאכט!... נא דיר, פריצל, צוויי לאמטערנעס מיט קעראסין-לאמפען און בייזער זיך ניט! — די קהלשע בית־הכסאס זאל מען איהם ריין מאכען און פארגיסען מיט קאר־באלקע! — שא, שא! אט-א רייניגען מיר, אט-א גיסען מיר קארבאלקע מיט וואפנע. שמעק אויב דו גלויבסט ניט!... דעם איז ארום די ברונימער זאל מען איהם ארומהאקען! ווארים ס'איז א סכנה פאר קינדער!.. כע-כע, א נייער פארזארגער פון אידישע קינדער! פונדעסטוועגען האט מען דעם פריסטאוו אויך דעם קאפריז נאכגעגעבען. אבי ס'זאל זיין שטיל. מען האט געמיינט, אז ער וועט קאמאנדעווען-קאמאנדעווען און וועט שטום ווערען. אזא טבע האבען שוין אלע נייע פריסטאווס אין

שקלאָח פון ימים־קדמונים אָן. אפריהער בייזערען זיי זיך, מאַכען פאַראַד, טרייבען אָן אַ מורא, כדי ווייזען נאַטשאַלסטוואָ אין מאָהליוו זייער טריישאַפט צום קיסר ירום־הודו. דערנאָך פאַרזוכען זיי אַביסעל פסחדיגען ספירעט און פרעסען זיך אָן מיט גריבענעס און מיט אידישע געפילטע פיש, ווערען זיי ווייך און וואַרים, די אויגעלעך ווערען זיי פאַרשוואומען מיט גוטסקייט. הייבען זיי אָן צו נעמען אין יד־אַריין. זיצען גאַנצע טעג און נעכט און שפילען קאָרטען מיטן פּאָטשטמייסטער, און שיקען אָנשטאָט זיך די „דעסיאַטניקעס" זייערע...

נו, מיט די דעסיאַטניקעס גיט מען זיך שוין אַן עצה.

האָט מען געמיינט, אַז אַזוי וועט אויך זיין מיטן נייעם „אדוך". ערשט עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. וואָס מעהר מען גיט איהם נאָך, אַלץ מעהר בייזערט ער זיך, אַלץ מעהר טשעפּעט ער זיך. צוינד פאַרלאַנגט ער שוין גאָר מען זאָל אָפּקעהרען די הורבעס מיסט צווישען די קראָמען, נאָך יעדען מאַרק־טאָג. דערנאָך שטעהט איהם ניט אָן, וואָס מען גיסט אויס די פּאָמוניצעס פאַר די שוועלען און אינמיטען די גאַסען פון זיין רעזידענץ. אַ גרוב, זאָגט ער, דאַרף יעדער באַלעבאָס אויסגראָבען הינטער זיין שטוב און דאָרטען גיסען די פּאָמינעס. האָבען אידען גענומען גראָבען גריבער הינטער די בלינדע ווענט פון זייערע הייזער. נאָר דאָס מאָל האָבען זיי שוין געפאָלגט און געשאָלטען. וואָרים די ערד איז געווען געפרוירען און די אַלטע גראָב־אייזענס האָבען זי ניט גענומען. מילא, האָבען אידען געבורטשעט גראָבענדיג: גריבער פאַר די פּאָמיגעס וועלען מיר שוין ווי־ניט־איז אויסגראָבען, אָבער ווען גראָבען מיר שוין אויס אַ גרוב פאַר אַזאַ פּאָמוניצע, ווי דו!...

און וועמען זיי האָבען געמיינט מיטן „דו" פאַרשטעהט מען דאָך מסתמא.

אָבער, איידער די גריבער, הינטער די שטיבער, זיינען פאַרטיג געוואָרען, ערשט — אַהאַ! ער האָט שוין, דער טריפהנער המן, אַ נייע שמיק'ל אַרבייט: אין ר' ישיעלעס חורבה האָט געפּלאַצט אַ ציגעל־וואַנט, זאָל מען זי איהם אינגאַנצען

איינוואַרפֿען, אַז ניט, מאַכט ער דעם מתנגדישען-רב, דעם יורש פֿון ר׳ ישיפֿלעס חורבה, אַ פּראָטאָקאָל! יאָ, דעם אמתן פּראָטאָקאָל!... און אַרום די יאַטקעס דרעהען זיך אַרום צו-פֿיעל הינט, ווילדע קרעציגע הינט, אָהן אַ באַלעבאָס. זיי זיינען אַ סכּנה, זיינען זיי פֿאַר קליין און גרויס. זאָל מען זיי אָפּסמען! וואו? זאָל מען נעמען סם? ס׳איז ניט זיין עסק. זאָלען זיך חברה-קצבים צוזאַמענעמען און דערהרגענען דאָס רעשטעל כּלבים מיט די העק, מיט די בולעוועס! ס׳איז ניט זיין עסק... וואָרים, אַז ניט, וועט ער ווייטער מאַכען אַ פּראָטאָקאָל וועט ער...

האָט שטאָדט דערזעהן, אַז דער פּריסטאַוו האָט זיך אָנ-געזעצט ניט אויף קאַטאָוועס, און, אַז ס׳איז אַ מעשה אָהן אַן עק, האָט מען זיך געמאַכט האַרץ און גענומען „שמירען“.

.2

אויף שמירען „נאַטשאַלסטוואָ“ איז דאָ איינער אין שטאָדט. יאָשקע דער שערער איז זיין כּשרער נאָמען. מיטן געוועזענעם פּריסטאַוו איז יאָשקע אויך געווען אַ גאַנצער כּל-ולך. אַרויפֿגע-פֿיהרט איהם, דעם בייזען פּריץ, אויף אַ דרך-הישר, באַקאַנט איהם מיט אידען וואָס „גיבען“; געמאַכט איהם פֿאַר אַ שטי-קעל מענשען, פֿאַר אַ „נעמער“. טו זאָל ער דעם נייעם פּרי-סטאַוו אויך מדריך-זיין. נישקשה, יאָשקע וועט דערצו דער באָ-בעס ירושה ניט דערלעגען.

נאָר יאָשקע דער שערער איז אַ דיפּלאָמאַט אַ איד. ער וועט ניט לויפֿען צום פּריסטאַוו מיט אַ ברוך-הבא און שטופּען איהם געלט אין לאַפּע. פֿע! אַזוי מאַכען פּאַרטאַטשעס. אַפֿריהער גאָלט מען דעם פּריסטאַוו און מען פּאַקט איהם אַריין אין די וואָנסעס דעם בעסטען פּיקסטואַר (פּאָמאַדע) און מען נעמט קיין געלט ניט. וואַשע בלאַגאָראָדיע! אַזוי און אַזוי גאָלען וועט ער די מאָרדע פֿון זיין „בלאַהאָראָדיע“ מיט כּל-הכבוד, נאָר אָהן

געלט, „פאָ־דרוזשעסקי!“ פון גרויס־פריינטשאַפט הייסט דאָס...

האָט אָבער דער אָפּגעגאָלטער נייער פּריסטאַוו אַ קוק געטאָן אויף זיין נייעם פּריינטעל מיט אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע אויגען, אַז יאָשקען איז קאַלט געוואָרען אין מאָגען. האָט ער ניט ווייסענדיג ווי אַזוי, צוגענומען דעם גילדען, וואָס דער פּריסטאַוו האָט איהם אַ וואָרף געטאָן אויפן שפּיגעל, אַ טאָפּ געטאָן דאָס בערשטעל. הען אַ מעשה! דער אדון האָט אַפילו ניט געוואַרט ביז מען וועט איהם אָפּפּוצען דעם קאָלנער. אַוועק אָהן אַ גוטען־טאָג...

האָט יאָשקע געזעהן, אַז פון דער זכרישער זייט געהט ניט, האָט ער זיך גענומען צו־שאַרען צו דער ווייבערישער זייט פון פּריסטאַוו, צו זיין שוואַכערען טייל, צו דער פּריסטאַוויכע. אַ שעהנע, יונגע גויע איז דאָס געווען, מיט אַ שוואַרצען צאָפּ האָר און מיט רויטע פּלעקען אויף די טאָטערישע באַקען־ביי־נער. בשעת דער פּריסטאַוו איז אַוועק אויפן מאַרק — טשעפּען זיך צו אידען, האָט איהר יאָשקע דורך דער הינטער־טהיר גע־בראַכט אַ פּאָר פעטע געקוילעטע און אָפּגעפּליקטע גענז. אָט, כע־כע, אַ מתנה פון אידישע שכנים!... האָט אָבער די פּריסטאַ־וויכע פאַרצויגען איהר רויטען פּיסקעל און גערעדט צו יאָשקען אויף ריין־פּעטערבורגער לשון:

— צַך, אַסטאַווטיע... אַסטאַווטיע „פּאָזשאַלעסטווע“!...—אַזוי האָט יאָשקע דעדנאָך איבערגעגעבען דעם ריין־פּעטערבורגער לשון. „אָסטאַווטיע פּאָזשאַלעסטווע“ — און האָט זיך צו איהם אומגעדרעהט מיטן צאָפּ.

פון גרויס הארצוועהטאָג, וואָס די שתדלנות איז איהם ניט געלונגען, האָט יאָשקע דער שערער געהייסען זיין ווייב אויס־פּרעגלען ביידע געננז און זיפצענדיג אויף אידישע צרות האָט ער זיי אַליין אויפגעגעסען.

אויפגעגעסען די לעצטע גריבענע מיט ציבעלע־שאָלעכץ איז יאָשקען דעם געניטען שתדלן, איינגעפאַלען, אַז אפשר זאָל מען גאָר אָנהויבען פון סאַמע אונטען, פונם פּריסטאַווס דינער, פון סטעפּאַנען — אַ דוואָרניק און אַ שיק־יונג ביים פּריסטאַוו

אין הויז. זאָל ער זיך נאַר, דער ערל, אָנפּרעסען מיט אַ אידישען מאַכל און דערצעהלען זיין פּעטערבורגער באַלעבאָסטע — דער פּריסטאַוויכע, וועט זיך איהר אפשר אויך פאַרוועלען...

געטראַכט און געטאָן. מיט אַ פּאָלומעסיק געפילטע פיש און מיט אַ גוטער פלעשעל משקה, האָט זיך יאַשקע אונטערגערוקט צום פּריסטאַווס כשרת, ווען קיינער איז אין שטוב ניט געווען. „אָט, מאַכט דער שערער, נעם, כּעפאַן, פאַרזוך, פון אַ אידישער חתונה געבליבען!... וועכט זיך ניט פאַרסמען״!...

— כי — הי! — גיט כטעפאַן אַ הירזשע, ווי אַ פערד, קוקט זיך פאַוואָליע אַרום. גיסט אַריין אַ רעכטע גלעזעל און איז זיך שוין מכין צו פאַרבייסען פון די פיש מיטן אייגענעם פליישיגען גאָפּעל, ס'הייסט — מיט די פינגער. טראָגט אָבער אָן אַ ניט-גוטער די פּריכטאַוויכע פון גאַס אין אַ היטעלע מיט צעפּאַמטע בעקעלעך פון קעלט. סטעפּאַנס אויסגעשטרעקטע פּוּ־ערישע פינגער האָבען זיך גלייך צעפּגעגליטשט פון פּאָלומעסיק צו די רויטע לאַמפּאַסען אויף זיין קורטקע. געגומען טאַפּען זיך די פּאָלע.

— העטאַ שטאָ זאַ בעזאַבראַזיע! — איז די פּריסטאַוויכע אָנגעפּאַלען אויפן אידען און גוי מיט איהר פּעטערבורגער לשון. — וואָס איז דאָס עפּעס ראַנעצקע פאַר אַ שכורען! האַ?

דערזעהט זי דעם פּאָלומעסיק מיט געפילטע פיש און גיט פּריציש אַ ציה מיטן פלאַטשיגען נעזעל:

— וואָס שטינקט עס דאָ אין שטוב אַזוי מיט ציבעלעס?... האָדאָסט!

אָט וואָס אַ מרשעת מיט אַ היטעלע פאַרשטעהט אין אידישע פיש.

דער ערשטער איז געקומען צו-זיך סטעפּאַן, וועלכער האָט אָקאָרשט, דאַכט זיך, געטרונקען פון דעם אידענס משקה און געהירזשעט. נעמט ער זיך גאָר פּלוצים אויספּיינען פאַר זיין באַלעבאָסטע:

— סטופּאַי אַטסיודאַוואַ! — מאַכט ער צו יאָשקען און גיט איהם אַ וויז צום טהיר, ווי מען ווייזט אַ בעטלער.

האָט יאָשקע דער שערער מיט גרויס חרפּה צוגעדעקט דעם פּאָלומעסיק און אַוועקגעטראָגען איהם און זיך אַליין דורך אַלע טהירען פון פּריסטאַווס דירה און, טרויערענדיג, ווייל קהלשע שליחות האָט זיך איהם אויך דאָסמאָל ניט איינגעגעבען, האָט ער, נעבעך, מיט כריין און מיט טרעהרען, אַליין אויפגעגעסען די גאַנצע פיש און געגעבען קהל זיין לעצטע עצה, מען זאָל געהן „נאַ פּראַלאָם״!... מען זאָל דעם „אדון״ אַליין אַריינשטופּען אין האַנט די מטבע! און וואָס ס'וועט זיין וועט זיין...

האָט מען אַביסעל געקווייקעלט צי מאַכען יאָשקען דעם שערער פאַר אַ שליח מיט דער מזומנער מטבע. מ'האָט דאָך שוין, ברוך־השם, געזעהן, וואָס ס'איז געוואָרען פון די צוויי גענז און פון די פיש מיטן פסחדיגען ספּירט. אַפילו דעם פּאָלומעסיק האָט יאָשקע ניט אָפּגעבראַכט... נאָר קיין בעסערער קריכער פאַר איהם איז דאָך פאָרט ניטאָ. האָט מען זיך געמאַכט הארץ און מ'האָט זיך געמאַכט אַ סימן: וועט יאָשקע דער שערער ווערן אַ חבר־לאָפּ מיט דעם נייעם פּריסטאַוו, אַזוי ווי מיט דעם פריהערדיגען, איז אַ סימן, אַז די לא־יחרץ־געלט איז אָנגענומען געוואָרען. אלא וואָס דען — ניט? יאָשקע וועט קומען צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, וועט מען דאָך שוין ממילא וויסען, אַז דער „אדון״ האָט די ממתקים ניט אָנגענומען, און מען וועט ניט דערלאָזען יאָשקע זאָל זיי אַראָפּלאָזען צו זיך אין קעשענע. ס'איז דאָך ניט סדום!

צום אומגליק איז אָבער יאָשקע אינם זעלבען טאָג געקומען צו מנחה אין בית־מדרש עפּעס גאָר־גאָר ניט מיט אַלעמען. רויטע פלעקען זיינען ביי איהם געשטאַנען אין די באַקען, ביי דער געשוירענער באָרד זיינער; און די אויגען אָהן ברעמען האָבען ביי איהם געפינקעלט. ניט רעדענדיג קיין וואָרט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון בוזים די צוויי פינף־און־צוואַנציגער, אָפּגעגעבען דעם גבאי און עפּעס אַ מעקע־געטאָן. האָט מען איהם געפרעגט „וואָס״? האָט ער געענטפערט „דאָס״. האָט מען איהם ווייטער געפרעגט „סטייטש״? האָט ער, ברוגזערהייט, געענטפערט: „קושט אַ בייטש״! איז מען צו איהם צוגעשטאַנען. האָט ער

זיך אָוועקגעשטעלט און גאַנץ גראָבליך דערקלערט, אַז... מצהר צום נייעם פּריסטאַוו געהט ער נ י ט!... האָט מען איהם דאָך ערשט גענומען אויפן צימבעל. האָט זיך יאָשקע דער שערער אויסגעדרעהט און גענומען בראָקען „אשרי יושבי-ביתך"...

ערשט צו מעריב האָט מען זיך דערוואוסט פון שפּעט־אָנגעקומענע דאָרפס־נער, אַז זיי האָבען מיט זייערע אויגען געזעהן, ווי מען האָט יאָשקען מיט גרויס כּבוד צוגעפיהרט אין „סטאַן", ביים פּריסטאַוו, פון אַלע טרעפּ. אָן אַ היטעל איז יאָשקע געווען און צוויי דעסיאַטניקעס האָבען איהם אונטערגעפיהרט מיט גרויס פּאַראַד, און אַ דריטער האָט איהם נאָך מכבד געווען מיטן קני, וואו מען באַדאַרף, גנגעבען איהם אַן „אונטער־פלעצעל", אַזוי, אַז יאָשקע איז געפלויגען אין שניי ביזקעל מיטען גאַס און די קאַראַקולענע היטעלע זיינע האָט מען איהם ערשט שפּעטער נאָכגעוואָרפען... אפנים דער פּריסטאַוו אַליין האָט אַזוי געהייסען.

האָט יאָשקע דער שערער דערזעהן, אַז מען שושקעט זיך, איז ער ביי זיך גאָר צואָפּגעפּאַלען און האָט אַליין דערצעהלט די גאַנצע מעשה. ער האָט נאָך צוגעגעבען, אַז דער המן, דער נייער פּריסטאַוו, האָט נאָך געטופּעט אויף איהם מיט די פיס און געשריען אויף איהם: „קאַק — קאַק — קאַק ווי סמעיעטע!" ווען ניט די פּריסטאַוויכע וואָלט דאָס ביים „קאַק" אַליין ניט געבליבען. מען וואָלט איהם נאָך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. די פּריסטאַוויכע האָט זיך אויף איהם מרחם געווען, ניט דערלאָזען...

.3

זיינען די הערצער ביי אידען איינגעפאַלען. מ'האָט שוין דערזעהן, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיטן אמתן צורר-היהודים. און מ'האָט אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס האָט פּראַוויטעלסטווע דער־שמעקט, אַז דעם פריהערדיגען פּריסטאַוו האָבען אידען געפּרע־געלט אין געגזענע שמאַלץ, באַגאָסען מיט בראַנפען און באַ־

שמירט איהם די אויגען מיט האָניג, כּדי ער זאָל ניט זעהן, וואָס מען באַדאַרף ניט און ניט הערען, וואָס עס קען כּאַ שאַ־דען. איז אָט האָט מען איהם משלח געווען און צוגעשיקט דעם אמתן גוי... און אויסער דעם האָבען זיך דאָך אין שטאָדט, ברוך־השם, פאַרפיהרט די פיינע בחורימלעך מיט די הצמזעלעך און גאַרטעלעך און מיט די געדרוקטע אשרי־יצר־נאַפּירעלעך — די „ציסילישטען". האָט מען אָראָפּגעשיקט אַ „צורר" מאַכען אַ טאָלק... צי דער נייער פּריסטאַוו וועט מאַכען ביי אַזעלכע בחורימלעך אַ טאָלק—איז נאָך אַ גרויסע שאלה. נאָר צרות, אָך־באַ־כאָ, וועלען שוין אידען האָבען!...

און טאַקע באַלד נאָך יאָשקעס חרפּה האָט מען דערזעהן, אַז ס'ווערט אַלץ ערגער. די שקלאָווער דעסיאַטניקעס, וועלכע זיינען נאָך פון אבות־אבותינו אָן אומגעגאַנגען אָבגעריסען־אָפּגע־שליסען, מיט בלויזע מעשענע בלעכלעך אויף די כאַלאַטנטע פּאָדיאָווקעס, האָט דער נייער פּריסטאַוו אויסגעפּוצט אין נייע געווענטענע פּאָרמעס מיט רויטע לאַמפּאַסען און מיט נייע טוכענע קאַרטוזען, מיט רויטע אָקאָלישקעס און מיט קאָקאַרדעס. פאַר אַ וויאָרסט האָט מען זיי יעצט געקאָנט דערקענען. און נייע לעדערנע „סומקעס"*) האָט ער זיי געגעבען אונטער די פּאַכוועס. געהען זיי אַזוי אָרום גאָר גדלותדיג איבערן מאַרק און שטעקען די נאָז אומעטום. אין די נייע גאַרניטערס פון סטראַזש־ניקעס פיהלען זיי זיך גאָר אַנדערש אָט די פאַרהוקעטע־און־פאַרטוקעטע ערלים. גאַנצע „יאַ־טעבע־דאַמס" זיינען דאָס גע־וואָרען. קוקען אויף אידען פון אויבען אַראָפּ. אַ וואָרט טאָר מען מיט זיי ניט אויסריידען. ווי נאָר עפּעס אַ האָר — מישען זיי זיך אַריין און זאָגען אַ דעה. אָט, אַנומעלטען, האָט זיך אַ טעאַערקע און אַ געגזלערקע צעפּאַטשט, און אַריינגע־פאָהרען איינע דער צווייטער אונטער די קאָפּ־טיכלעך, באשר אַ הון, אַ קוואָקזשכע, האָט אַ פליה־געגעבען פון דער געגזלער־קעס קויש און צעבראָכען אַ נייעם פּאָליווענעם טאָפּ... גו, איז

*) טעקעס.

עס אויך דעם סטראַזשניקס עסק? משמעות, דער נייער פּריסטאַוו
האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ס'איז יאָ זיין עסק. וואָרים „ליקשיי"
(אַלעקסיי) מיטן בלעכעל, דער אַלטער שרייב-פּרעסער פון אי-
דישע טשאָלענטען און צינד דער סטראַזשניק אין נייעם גאַר-
ניטער, איז אונטערגעשטרונגען, מעשה-קאָזאַק, און פאַרנאַנדער-
געריסעןביידע צעקאָכטע אידענעס מיט געוואַלד. האָבען איהם
די קעמפּעריש אידענעס גענומען שילטען אויף מאַמע-לשון און
שרייען אויף איהם, אויף „ליקשייען", ער זאָל בעסער געהן
פרעסען איבערגעבליבענע קאַלטע קאַשע פון טשאָלענט, ס'איז
ניט זיין „קלאָפּאָט" איז עס ניט!... האָט זיך אָבער ליקשיי
גלייך אַ שטעל-געגעבען אין דער פּאָזע פון גאָר אַ גרויסען
בעל-דרשער און אָפּגעקלאַפּט די צעהצטע אידענעס אַ דרוש
און אַריינגעשטעקט אין דרוש אַ פסוק מיט אַ „אימענעם יעוואָ
אימפּעראַטאָרסקאַוואָ וויעליטשעסטוואַ..." און „פּאָ זאַקאָני..." דאָס
טיעפע רוסיש האָט איהם אַליין צענומען. פון זיסער איבערגעבונג
און פון איבערגעבענקייט דעם קיסר האָבען זיך ליקשייען גע-
שטעלט טרערען אין די אויגען, און דער קול האָט אין איהם
געציטערט.

האָבען די צעפּאַטשטע אידענעס דערהערט אַזאַ נייעם
לשון, זיינען זיי שטיל געוואָרען, ווי די לעמער. אָי, שלעכט!
אַז עס האַלט שוין אפילו ביי ליקשייען ביי „יעהאָ אימפּעראַ-
טאָרסקאָיע..." איז ביטער! אידען טראָגט אייך בעסער אָפּ!...

טאָמער האָט נאָך געפעהלט, דאַרף זיך גראָד אין יענער
צייט צוכאַפּען דאָס אַגענטעל פון דער „אָבצעסטווע" און
שמועסט איין אידען מע זאָל זיך ביי איהם סטראַכירען. אָנגע-
הויבען האָט זיך דאָס פון דעם נייעם-נגיד, ווען ניט ער, דער
פליכעוואַטער נגיד. זאָל געווען אָנגעהויבען, וואָלט דאָך קיינער
דעם אַגענט אויפן שוועל ניט אַרויפגעלאָזט. ס'האָט זיך אָבער
דעם נייעם נגיד פאַרוואָלט האָבען אַ גרינע בלעכעל מיט אַ
גאָלדענעם „יאַקאָר" איבער הויז. נו, האָט זיך אַנדערע אידען
אויך פאַרוואָלט...

אַז דאָס אַגענטעל פון דער „אָבצעסטווע" האָט איבערגע-

סטראַכירט אַ רעכט ביסל באַלעבאַטישע הייזער און אָנגעקלאַפּט גרינע בלעכעלעך אויף די בצ״ווענע-ווענט, האָט ער אַ פּאָכגעטאָן מיט זיין קאַסטאָרענער שליאַפּקעלע „אַ גוטן טאָג!״ און ניטאָ.

אָנשטאָט איהם, אַ פּאָר וואָכען שפּעטער, איז אַראָפּגעקומען פון מאָהליוו, פון דער זעלבער „אַבצעסטווע״, עפּעס אַ נייער נפש. דאָס מאָל — אַ גוי, מיט אַ הויכען האַלז און מיט אַ הויכען גומענעם קראַגען און מיט אַ פּאָר שטעכיגע אויגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ס'איז אַ קאָנטראָליאָר פון דער „אַבצעסטווע״... איז ער אַרומגעגאַנגען, דער „גאָנער״, איבער אַלע אידישע פאַרסטראַכירטע הייזער, געשטאָכען מיט די אויגען און נאָכאַמאָל פאַרשריבען די נעמען פון די באַלעבאַטים, אָנהויבענדיג פונם נייעם נגיד און ענדיגענדיג מיטן באַלעגאָלישען צעך, וועלכער האָט זיך אויך פאַרזיכערט. אַזוי האָט זיך סענדער פאַרדאָנען, דעם עלטסטען פון חברה-בייטש, פאַרוואָלט...

וואָס זאָג איך: „פאַרשריבען די נעמען״? נאָר די נעמען? ער האָט אויסגעפרעגט, דער קאָנטראָליאָר, פון אונטערן נאָגעל. ווען פאַרסטראַכירט? פאַר וויפיעל פאַרסטראַכירט? מיט וואָס מען באַשעפטיגט זיך?... ער האָט נאָכגעקוקט די אויווענס, צי זיי זיינען גאַנץ, נאָכגעפרעגט זיך, וויפיעל מאָל אין יאָהר מען רייניגט די קוימענס...

אויסגעפרעגט אַלעמען און אויסגעשטאָכען מיט די אויגען — האָט מען דערנאָך געזעהן דעם זעלבען פאַרשוין, מיטן גומענעם קראַגען, ווי ער געהט אַריין צום פּריסטאַוו איינמאָל און צווייםאָל און דריימאָל. ביז ער איז אַוועקגעפאָהרען.

באַלד נאָך זיין אַוועקפאָהרען האָט זיך דער פּריסטאַוו גענומען טשעפּען צו אידען גאָר אויף אַ נייעם שטייגער. די דעסיאַטניקעס זיינע האָבען גענומען צו-שטעהן צו די פאַרסטראַכירטע באַלעבאַטים, צי מען האָט שוין לאַנג גערייניגט די קוימענס צי ניט? טאָמער מעהר ווי עטליכע חדשים, זאָל מען גלייך רייניגען. וואָרים ס'איז אַ סכנה! די סאַזשע קען זיך אָנ-

צינדען... אַ נייער מחותן מיט אידישע קוימענס! — אַי, וואָס? אויף די דעכער ליגט דאָך נאָך דער שניי, איז דאָך קיין סכנה ניטאָ ס׳זאָל כאַפּען ברענען, און דעם קוימענקעהרער ווילט זיך אויך ניט קלעטערן אויף די גליטשיגע דעכער... אָבער דער פּריסטאַוו ויל ניט וויסען. מען זאָל רייניגען!...

דערנאָך האָט ער געהייסען זאָגען דורך זיינע סטראַזשניקעס, אַז ביי יעדער כּאַסטראַכירטער הויז זאָל מען אַוועקשטעלען אַ פּעסצל מיט וואַסער! מאַלע וואָס עס מאַכט זיך... אַי, וואָס, ווינטער ווערט דאָך דאָס וואַסער פאַרפרוירען און צערייסט די הילצערנע רייפען און צעשיט די קליאָפּקעס — אַרט דאָס איהם ניט! אויב הילצערנע רייפען זיינען שוואַך — טו זאָל מען איינהאַנדלען אַלטע פעסער פון הערינג. אַזעלכע פעסער זיינען מיט אייזערנע רייפען, וועלען זיי אויסהאַלטען. אין זשידאָווסקען מאַרק, זאָגט ער, וואַלגערען זיך אַרום גענוג פּוסטע פעסער. די הערינג-הענדלער וועלען זיין צופרידען פּטור צו ווערען פון זיי. דער מאַרק וועט אויך ריינער ווערען, און די הילצערנע הייזער וועלען זיין זיכערער... און געה טענה זיך אויס מיט אַ צורר-היהודים! ביז וויעסנע אַפילו וויל ער ניט וואַרטען...

האָט שטאָדט געזיפצט און געקויפט אַלטע הערינג-פעסער. אַן אויסכאַפּעניש איז געוואָרען אויף הערינג-פעסלעך מיט אייזערנע רייפען. הערינג-הענדלער זיינען ביי זיך געוואָרען זעהר האָפּערדיג. אין שטאָדט האָט פאַרשמעקט מיט זאַלציגען זשאַווער און מיט צעווייקטע אַלטען הערינג-ראָסעל. דאָס איז ווינטער-צייט אַזוי. היינט ווי זיס וועט עס נאָך שמעקען אינמיטען זומער?

און זאַוועל דער קוימענקעהרער האָט אויך ניט צוגעלייגט. פאַר קריכען אויף פאַרשנייטע און פאַראייזטע דעכער האָט ער געריסען אַ טאָפּעלטען מקח און געלייגט אין די פאַרסאַזשעטע פלודערן. די צייהנער האָבען ביי איהם דערביי געגלאַנצט פון שוואַרצען מויל אַרויס ווי צעקייטע קעז. נתעשר איז ער געוואָרען, זאַוועל דער קוימענקעהרער!

האָט זיך שטאָדט סוף-כל-סוף געכאַפּט, אַז דער קאָנטראָ-ליאָר פון דער „אָבצעסטווע״ האָט עפּעס מיטן פּריסטאַוו אָפּ-געמאַכט: אַז דאָס האָט ער, אַפּנים, אָנגעבעטען דעם פּריסטאַוו אַכטונג צו געבען אויף אידישע הייזער זיי זאָלען ניט אַזוק מיטן רויך, „אָבצעסטווע״ זאָל ניט ליידען קיין היזקות... בכן — פון מאַכען „בורא-מאורי-האש״ איז שוין אָפּגערעדט!... ווער'מען ווילט זיך דאָס אָנהויבען מיט אַזאַ חברה?

— אָט וועט איהר זעהן, — האָבען זיך פאַרסטראַכירטע אי-דעלעך געשושקעט, — ס'איז אַן „אָבצעסטווע״ אויף נעהמען, ניט אויף געבען. אַ גאַנץ לעבען וועלען מיר צאָהלען, און אַז ס'וועט זיך, חס-ושלום, עפּעס מאַכען, אַ שטוב וועט אַוועק מיט פייער, וועט מען אונז אויסצאָהלען מיט אַ פייג. אַ פּראָטאָקאָל וועט אונז דער פּריסטאַוו מאַכען...

האָבען זיך עטליכע קלוגע באַלעבאַטים געוואָלט איינגאַנ-צען אָפּזאָגען פון סטראַכאָווקע. לאָז מיך צורוה מיטן צאָהלען און זאָל זיך די שעהנע „אָבצעסטווע״ צונעמען צוריק איהר גרינע בלעכעל מיט דעם „יאַקער״ און געהן צו אַלדי קאַדיק מיט איהרע פאַרזאָרגעכצען. מען האָט מקנא געווען באַלעבאַטים, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט איינרעדען, וועלכע האָבען זייערע הילצערנע הייזקעס ניט פאַרסטראַכירט. און דעם נייעם נגיד האָט מען געשאָלטען מיט טויטע קללות: ער, נאָר ער איז עס שולדיג! ער האָט דאָס דער ערשטער איינגעפיהרט די מאָדע פון סטראַכירען זיך, און אַלע, ווי די בהמות נאָך אַ בייק, זיינען איהם נאָכגעגאַנגען...

איז אָבער באַלד אַראָפּגעקומען פון מאָהליוו דער קאָנ-טראָליאָר מיטן גומענעם קראַגעלע און מיט די שטעכיגע אויגען און געבראַכט מיט זיך צושלעפּען די פּאַפּירען, וואָס די פאַר-סטראַכירטע באַלעבאַטים האָבען אונטערגעשריבען. „אייער אונ-טערשריפט, האָט ער פאַוואָליע געפרעגט, צי ניט?...״ „אונזע-רע!״ האָבען דערשראָקענע אידעלעך באַשטעטיגט. היינט פאַר-וואָס צאָהלט איהר ניט? — פאַרוואָס צאָהלען מיר ניט? אַזוי און אַזוי איז די מעשה, הערינג-פעסער מוזען מיר קויפען, קוי-

מענס מוזען מיר רייניגען אינמיטען ווינטער... מיר זיינען געוואָרען אויס באַלעבאַטים איבער אייגענע הייזער. דער פּריסטאַוו לאָזט אונז ניט לעבען...

— ס'איז ניט אונזער עסק! —מאַכט זיך דער ערל תמעוואַטע, — "אָבצעסטווע" מישט זיך ניט אין דעם פּריסטאַווס ענינים און דער פּריסטאַוו מישט זיך ניט אין אונזעריגע. פון די פּרעמיצס נאָך אַ שרפה, אויב איהר ווילט, קענט איהר זיך אָפּזאָגען, אָבער צאָהלען סטראַכאָווקע מוזט איהר... אָט איז אייער התחייבות אויף אַזוי פיעל און אַזוי פיעל יאָהרען... און טאָמער צאָהלט איהר ניט ביסלעכווייז, וועט „אָבצעסטווע" אויפמאָנען דורכן „סוד" פאַר אַלע יאָהרען מיטאַמאָל...

אָט וואָס פאַר אַ חתונה דער אידישער אַגענטעל, מיט דער קאַסטאָרענער שליאַפּקעלע, האָט דאָ אָנגעמאַכט! געכאַפּט די אונטערשריפטען, איבערגעגעבען אַ שטאָדט מיט אידען אין גויעשקע הענט, און אַליין איז ער נעלם געוואָרען, זאָל ער זיך נאָר יאַווען נאָכאַמאָל אין שטעדטעל! ווי אַ הערינג וועט מען איהם צעררייסען.

אָבער דאָס אַגענטעל האָט זיך מעהר אין שטאָדט ניט באַוויזען. און אידען האָבען געזיפצט, געצאָהלט סטראַכאָווקע און געציטערט פאַרן פּריסטאַוו. געהיט זיך מיט הייסע קוילען און מיט שוועבעלעך און מיט פּאַפּיראָסען, געפּוצט דעם קוימען ווי אַן אבן-טוב. וואָרים ווי נאָר עפּעס אַ האָר, אַ פונק אין סאַזשע, אַ פייער פון אַ הייפעל שטרוי, אַ צו-שטאַרקער ערב-שבתדיגער רויך פון אַ אידישען קוימען, אַ פלאַקער פון ווייסע-חברהניקעס ביים ברעג אָזערע אינם אויסגעטריקענטען טראָסטניק — ערשט אַהאַ! דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע אָנגעבלאָזענע אויגען און מיט די דראָטענע וואָנסעס איז שוין דאָ!... ברוך-הבא, ער שרייט שוין, ער ליאַרעמט שוין! אויב ס'איז ניט פאַרזיכערט — איז נאָך נישקשה. טאָמער אָבער איז אַ הויז אין יענעם אָרט פאַרסטראַכירט, אַזוי גיט ער, דער המן, אַ גלאַנץ מיט זיינע גזלעוואָיסקע אויגען און אַ קלונג מיטן שווערדעל: „דו איצקאָ, דו בערעל, אַזוינער און אַזוינער!...

וואָס איז דאָ פאַר אַ מעשה, אַ ? סטראַכאָווקע ווילסטו אָפּנעמען, אַ ? „פּאָד סוד” ווערסטו ביי מיר, „זשידאָווסקאַיאַ-מאָרדאַ”, אַוועק-געהן, אָט וואָס !”

אָט אַזוי צעשרייט ער זיך, דער המן, איבער דער גאַס; ווער רעדט נאָך, אַז דערביי שטעהען גויים אָהן היטלען און הערען צו זיין דרשה, איז ער ביי זיך גאָר געהויבען. ער ווייזט דאַן באַשיינפּערליך, ווי מען דאַרף געוועלטיגען איבער אידען. שרייט ער, דער צורר-היהודים, און מען ווייסט ניט וועלכען פּייער פריהער צו לעשען, צי די סאַזשע, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין קוימען, צי דעם פּייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען ביים פּריסטאַוו אין זיין טרפהנער גרגרת...

„ארעסטאָוואַט יעווא”!

.1

אין יענער ווינטער-נאַכט, ווען ביים נייעם נגיד האָט זיך אָנגעצונדען די בהמהשע שטאַל, איז גראָד געווען אַ גרויסע שמחהלע ביים פּאָטשטמייסטער. אינם גרויסען נידעריגען זאַל פון דער אַלטער פּאָטשט האָט זיך פאַרזאַמעלט די סמעטענע פון שקלאָווער גויעשקייט. דער אויבער-לעהרער פון דער שטאָדטי-שער שול, דער גלח, דער גאָלאָוואַ פון דומע און דער נייער פּריסטאַוו מיט זיין פּריסטאַוויכע. צי ס'איז געווען מינינעס ביים פּאָטשטמייסטער אַליין, צי ביי זיין טאָכטער — אַ בוגרת אַ שיקסע מיט אַ בלאַסען געזיכט און מיט רויטינקע ווייכפערלעך אויפן שטערען — דאָס איז קיין גרויסע נפקא-מיני ניט. אַבי מען האָט גוט אַריינגעגאָסען, געטרונקען לחיים פאַרן קייזער, וועלכער לעבט און פאַרן אָנדענקען פון די קיסרים, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען און וועמענס פּאָרטרעטען עס הענגען אַרום אין אַלע חדרים פון פּאָטשט, און פאַרלאַנגען אונטערטעניג-קייט אַפילו נאָכן טויט... נו, צווישען אייגענע האָט זיך אַפילו דער נייער, שטרענגער פּריסטאַוו אונזערער ניט געשעמט און האָט גענומען אַ קאַפּעלע. אַפריהער מיטן גלח, דערנאָך מיטן פּאָטשטמייסטער, דערנאָך מיט אַלע איבעריגע זכרים און נקבות, וואָס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף אַזאַ שמחה. אַריינגיסענדיג האָט ער געקוקט אויפן פּאָרטרעט פון ניקאָלאַי דעם ערשטען,

וואָס איז, ווי מען זאָגט, געווען עהנליך צו איהם. און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך לכתחילה געזעצט פונקט אַנטקעגן דעם דאָזיגען פּאָרטרעט, כדי צו הנאה האָבען פון זיך אַליין און זעהן זיך, אין די קייזערליכע בולטע אויגען און אין די דראָטענע וואָנסעס, ווי אין אַ שפּיגעל.

אַ מאָדנע זאַך! מיט יעדער פרישער כוסע האָט דער פּריסטאַוו באַשיינפּערלעך געזעהן, אַז ער ווערט אַלץ עהנליכער און עהנליכער צום צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען. טשאָרט וואָזמי! די זעלבע באַקענבאַרדען און דער זעלבער שטערען און דער זעלבער אָנגעבלאָזענער, שטרענגער קוק... עפּעס אַ מין כשוף! מן-השמים איז דאָס ניט אומזיסט... ער פיהלט אַליין, אַז ער האָט אין זיך וואונדערליכע כחות פון אַ הערשער. מאָה.יוער נאָטשאַלסטוואָ האָט דאָס ניט גענוג אָפּגעשאַצט. מען האָט איהם פאַרשיקט אין אָט דער „פּאָהאַנער" שקלאָוו. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. ער וועט נאָך באַווייזען, וואָס ער קען! ער וועט זיך דערדינען! אַ גאָרנישט איז יענער סאָלדאַט, וואָס האָפט ניט ווערען אַ יענעראַל. דערווייל מאַכט ער אָרדנונג צווישען די „זשידאָווסקע-מאָרדעס", אָבער וואָס פאַר אַן אָרדנונג! עס בליאַסקען אין אַלע ווינקעלעך הערינג-פעסער אָנגעגאָסענע מיט וואַסער. ער וועט אידעלעך ניט דערלאָזען אונטערצינדען און נעמען סטראַכאָווקע. ס'איז בלאָטע! די קוימענס זיינען אומעטום גערייניגט. די אָפּטריטען פאַרגאָסען מיט וואַפּנע און מיט קאַרבאָלקע. די בריקלעך, איבער די קאַנאַווקעס, זיינען פאַרריכט אויפן זשידאָווסקין חשבון. דער דומע האָט אַ קאָפּיקע ניט געקאָסט. די יאַטקע-הינט זיינען אויסגעסמט און זייערע פּאַדלעס ליגן אין איין רייע אויפן ברעג אָזערע. זומער וועט ער נאָך אַרויסלאָזען אַ פּריקאַז, אַז יעטוועדער זשידאָווסקער באַלעבאָס זאָל איינפלאַנצען בוימלעך לעבן שטוב. בעריאָזקעס, ליפּקעס און בעז... ער האָט דאָס שוין אָפּגערעדט מיטן גאָלאָוואַ פון שטאָדט. אַ גאָרטען וועט ער מאַכען פון שקלאָווער בלאָטעס. די זשידעס זיינען דאָס גאָרניט ווערט! נאָר אָרדענונג איז אָרדענונג און כלוזשבאַ איז סלוזשבאַ! אָט וואָס, פאָטער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער! ביז נאַטשאַלסטוואָ

וועט דערזעהן... אַז, אַז, אַז... אַה? — האָט זיך דער פּריסטאַוו מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט פון זיינע הויכע הערשערישע מחשבות — מען קלינגט? טשטאָ טאַקאָיע?

טשטאָ טאַקאָיע! אַז מען קלינגט בייטאָג איז על-פּי-רוב אַ חגא און אַז מען קלינגט אינמיטען דער נאַכט, איז מסתמא אַ שרפה! געסט קוקען אין די פענסטער. מען עפענט אַ טהיר, מען הערט שרייען „פּאָזשאַר”! וואָס דען! אידעלעך פון פאַר-סטראַכירטע הייזער וועלען איהם דען לאָזען רוהיג איינזיצען, נעמען אַביסעל בראַנפען מיט גוטע קריסטען?... בייטאָג און ביינאַכט איז פון זיי קיין רוה ניטאָ. אָט האָט ער זיך נאָר צוגעזעצט אַ ווייל און פאַרזוכט אַביסעל ריאַבינאָווקע, ערשט אַהאַ!... מען קלינגט! די הינטישע זיהן האָבען זיך שוין פּאָסטאָ-רעט... נישט אומזיסט האָט איהם די מאָהליווער „סטראַכאָוואָיע-אָבשצעסטווע” אָנגעזאָגט, ער זאָל אַכטונג געבען... דאָ — אַס! (יאָ!) בייטאָג ברענט ביי זיי אין די קוימענס און ביינאַכט — די הייזער. אָט, אַ פּאָלק! מען קלינגט, אַ?... וואַרט, וואַרט, ער וועט זיי ווייזען די סוקיני-סינעס! — אַזוי האָט דער פּריסטאַוו זיך אַליין אונטערגעוואַרעמט. און שאָקלענדיג זיך אַביסעלע, איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש און מיט פאַרגאָסענע אויגען און מיט אַ הייזעריגען קול אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אַלעקסיי! הרישקאָ!

זיינע צוויי דעסיאַטניקלעך, אין די נייע שינעלען, וואָס ער האָט זיי אויסגעכלאָפּאָטשעט אין מאָהליוו, זיינען גלייך אַרויסגעשפּרונגען פון קיך, וואו זיי האָבען געלעקט און געזוליאָ-קעט, מיט דעם פּאָטשטמייסטערס דינסטען, אַלע שיריים, וואָס זיינען געבליבען פון די געהויבענע געסט. מיט פולע אונטער-געשנירטע בייכער און אָבען זיי זיך געלאָזען לויפען נאָכן פּריסטאַוו, זייער האַר. ער — פאָראויס, זיי — נאָך איהם. ער — צוהאַל-טענדיג זיין לאַנגע שאַשקע מיט איין האַנט, זי זאָל זיך איהם ניט באַמבלען און ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס, זיי — אונטערהאַלטענדיג די פולע בייכער, וואָס זיינען ניט געוואוינט צו אַזוי פיעל אכילה אויף איין מאָל. ער, מעשה-העלד, ווי אַן

אָפּיציר פון ניקאָלײַ דעם ערשטענס צײַטען, מיט אַ הויכער פּאַטריאָטישער באַגײַסטערונג, וואָס פירט זײַן רעכטע צו שטורעמען דעם שונא צרום כנעוואָכטאָכּאָל... און זיי, די סטראַזשניקלעך, ווי פּאַרזינדיגטע נשמות, מיט זויערע פּנימער, וואָס מען שלעפּט, נעבעך, אינמיטען דער נאַכט, שדים ווייסען וואוהין, כדי צו מאַכען פון זיי העלדען, וואָס לויכטען אין שניי. ווי די סיבירער הינט; וואָס שטופּען פאַרנאַנדער הונדערטער אָנגעלאָפענע אידעלעך, וואָס לאָזען ניט גנבענען, וואָס לעשען שרפות...

אַזוי האָבען זיי זיך אַלע דריי אַוועקגעהעצקעט, אין די לאַנגע שינעלען, צו מאַכען פּאַראַנדקעס אויף אַ אידישע שרפה, נאָך האַלבע נאַכט.

·2

פּאַנדרע האָט אָקאָרשט געראַטעוועט דעם נייעם־נגידס מידאָלער בהמה. יענע איז געשטאַנען אינמיטען כומעל און האָט זיך באַטראַכט, צי אַלץ איז ביי איהר אין אָרדענונג. קודם־כל האָט זי פּאַרוואָרפען דעם קאָפּ און אויסגעצויגען די מאָרדע צום עק: יאָ. דער עק, געלויבט דער אויבערשטער, איז גאַנץ. זי האָט אַפילו געפּרובט אַ שמיץ־טאָן מיט איהם אין ביידע באָקעס. יאָ, עס שמייסט זיך, ניט צו פּאַרזינדיגען און די באָקעס זיינען אויך גאַנץ. דערנאָך האָט זי מיט איהר לאַנגען צונג געפּרובט אַ לעק־טאָן די אייגענע צוגעסמאַליעטע נאָז־לעכער. אָך, דאָ איז אַביסעל דאָסיג. עס טהוט וועה, עס שמעקט מיט געברענטע פעל!... אָבער, מיט גאָטס הילף, עס וועט זיך פּאַרהיילען! אַבי מיטן לעבען און מיט די הערנער ארויס פון פייער. מו — הו — הו.

די פּאָזשאַרניקעס זיינען דערווייל צוגעטרעטען צו דער האַלב־איינגעפאַלענער שטאַל, ווער מיט אַ קרוג, ווער מיט אַ האַק, ווער מיט אַן עמער וואַסער, ווער מיט אַ קישקע, און באַלד זייגען שוין פון דער גאַנצער שטאַל געבליבען עטליכע

בערגלעך האַלאָוועשקעס. ווען ניט די פּאָר וועגענער שטרוי, אינמיטען דעם פאַרברענטען בנין, וואָלט שוין געווען אַ סוף פון דער גאַנצער שרפה. די קופּעס האַלב-פאַרברענטע שטרוי האָבען נאָך הייס געטליעט און געראויכערט, ווי אַ קרוכלע פּיי-ערדיגע מאַסע. אַ מין ריזיגער שטרודעל פון פייער, רויך און שטרוי און פּריסיק, האָט זיך נאָך אַזוי געהאַלטען אינמיטען דעם צעפאַלענעם בנין, געשאָטען מיט סנאָפּעס-פונקען און אויסגעלאַכט זיך פון דעם שקלאָווער אָנגעשפּאָלטענער פּאָזשאַר-נער קישקע...

פאַנדרע אַליין האָט נאָך שווער געסאָפּעט. נאָך דער אָפּ-געטאָנענער שטיקעלע מלאכה, ווי אַרויסשלעפּען אַ לעבעדיגע איינגעשפּאַרטע בהמה, פאַר די הינטערשטע פיס פון אַ ברענענ-דיגער שטאַל, האָט איהם פאַרפּעהלט לופט. ער האָט זיך געריבען אַ באַק, וואו די צעשראָקענע בהמה האָט איהם אַ טערעבענך געטאָן מיט איין הינטערשטער קאָפּיטע... די נייע נגידיכע האָט זיך צו איהם צוגעקייקעלט מיט איהר דיקען לייב און איהר דיקער פוקסענער ראָטאָנדע, און האָט איהם געדאַנקט. איהר שטענדיג-זויערער פּנים איז אַצינד, ביים לעצטען אָפּלייכטען פון דער שרפה, געווען ווי באַשמירט מיט האָניג.

— דו זעהסט דאָך, נח,—האָט זי איהם נגידיש געדוצט, אָט ערשט האָסטו דאָך מיין מאַן געבראַכט צופיהרען אין בויד פון אָרשע. אויף אַ שעהנער שמחה איז מיין מאַן אַנגעפּאָהרען, קוים געלעגט זיך שלאָפען, ערשט מען שרייט גאָר: „פּאָזשאַר"! וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו?... מען האָט זיך אָנגעזועצט אויף אונז! אפשר מעהר אויף אונזער בהמה ווי אויף אונז...

פאַנדרען איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דאָס, וואָס די נגידיכע נעמט איהם אַזוי היימיש אַריין אין דער קאָמפּאַניע פון איהר מאַן און פון איהר בהמה, וואָס זי האָט צו איהם אַזאַ צוטרוי און טיילט זיך מיט איהם מיט איהרע פאַרדאַכטען. ער האָט פאַרשטאַנען ווען זי איז חושד, ווער ס'האָט זיך „אָנגעזועצט" אויף דער בהמה... זי מיינט ניט קיין אַנדערען ווי שמחהלע טורערו, זיין אַמאָליגען חבר פון יאַטקע. שמחהלע

איז אַלץ געווען אין כעס פאַר דער „מורקע", וואָס האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט... אַ קשיה אויף שמחה־לען! אַז שמחה־לע דער שכור „פאַרליבט" זיך אין אַ בהמה, מוז ער זי קוילענען אויף פלייש. אויב ניט אויף כשרע איז אויף טריפה. איז ניט אויף טריפה — איז גלאַט געשאָכטען, גע־ברענט... קיין לעבעדיגע וועט זי שוין פון זיינע הענט ניט אַרויס. נאָר נח־פאַנדרע וועט דאָך קיין אַלטען חבר ניט אַרויס־געבען, מאַכט ער צו דער נגידיתטע אַזוי:

— אפשר האָט מען אין שטאַל, נאָכן אויסמעלקען, פאַרגעסען אַ לאָמפּ. די בהמה האָט אפשר אַ בריק־געטאָן — די בהמה...

די נגידיכע האָט מיטאַמאָל צוריקגעקראָגען איהר זויערען כּנים.

— וואו לאָמפּ? וואָס לאָמפּ? ווען לאָמפּ? — איז זי אויף איהם מיטאַמאָל אָנגעפאַלען. איינגאַנצען פאַרגעסען, אַז זי האָט איהם אָקאָרשט געדאַנקט פאַרן ראַטונעק.—אַ נייער דעה־זאָגער! לאָמפּ־סמאָמפּ!... הויב נאָר אָן — וועלען דיר אַלע טייערע שכנים אונטערפידלען! ווער געהט דאָס אין שטאַל מיט אַ לאָמפּ? ביי אַ ליכט אין לאַמטערנע מעלקט מען די בהמה. די קינדערשע לאַמטערנע וואָס זיי נעמען אין חדר. די לאַמטערנע שטעהט שוין לאַנג אין שטוב. ווילט זיך איהם דוקא אַ לאָמפּ!...

פאַנדרע האָט זיך געקנייטשט אונטער דער נגידיכעס מוסר, ווי אונטער אַ שעפעל קאַלט וואַסער. המ... אויסגערעדט זיך! דעם צונג האָט ער זיך פריהער געמעגט אָפּבייסען!...

נאָר אויסהערען דעם גאַנצען מענה־לשון ביזקעל סוף איז איהם ניט אויסגעקומען, ווייל אויף דער גאַס איז מיטאַמאָל גע־וואָרען אַ נייער טומעל און אַן אָנגעלאַף, ווי ביים אָנהויב שרפה. די קולות האָבען זיך געטראָגען פון אַרום דעם נייעם־נגידס גאַניק, איבער דער איינגעפאַלענער שטאַל:

— דער פּריסטאַוו לויפט!

— דער המן!

—ביידע סטראַזשניקעס אויך!...
— אידען, אַנטלויפט!
— הו־הו! — ער האָט זיך גאָר אויסגעצויגען!...

מען ווייסט ניט עד־היום, וואָס מיט דעם רשע, מיטן נייעם פריסטאַוו, איז דאַן געשעהן. צי דאָס איז צו איהם דער־גאַנגען די רכילות, אַז דער נייער נגיד האָט שוין זיין גאַנצע ירושה פאַרשפּיעלט אין קאָרטען און קלייבט זיך „אָפּנעמען סטראַכאָוועקע"... צי דער המן איז געווען שכור און אין כעס, וואָס די שרפה האָט איהם איבערגעשלאָגען אין רעכטען מיטען שמחהביים פּאָטשטמייסטער. נאָר דאָס ווייסט מען אויף גע־וויס, אַז ניט דערלויפענדיג ביזקעל דעם נייעם נגידס הויז, אויפן האַרבאַטען בריקעל פון קאַנאַווע, האָט זיך דער העלדי־שער פריסטאַוו פאַרפלאָנטערט, מיט דער אייגענער, לאַנגער שאַשקע צווישען די פיס, און האָט זיך אויסגעצויגען מיט זיין גאַנצען כבוד, מיט די עפּאָלעטען און מיט דעם זילבער־גרויען שינעל, פאַר אַלע אידען אין די אויגען.

מיט די ווייסע פאַראַדנע הענטשקעס האָט ער זיך אָנגע־כאַפּט פאַר ביידע זייטען בריקעל, כדי ניט אַראָפּקייקלען זיך אין קאַנאַווע און אויסגעשמירט זיי, במחילה, אין פרישע פער־דען־מיסט. אידען האָבען זיך גענומען טוליען איינער צום אַנ־דערען און אָפּרוקען זיך, כדי ניט צו זעהן דעם המן אין זיין גרויסער חרפה. נאָר ווי אויף צו־להכעיס האָבען אַ פּאָר גאַסען־יונגען, פון מיטען־עולם, אויסגעשריען „האָפּ!" בשעת דער פרי־סטאַוו האָט זיך אויסגעגליטשט, און „פּאָפּ!" — בשעת ער האָט זיך מיט זיין אייגענעם כבוד גענומען אויפהויבען. ווייל די סטראַזשניקעס האָבען קיין חוצפה ניט געהאַט אָנצוריהרען דעם כבוד פון פריסטאַווס זילבער־גרויען שינעל... און אַז זיי האָבען שוין יאָ געקראָגען מוט, דערזעהענדיג ווי זייער אויבערהאַר הויבט זיך אַליין, און געוואָלט איהם העלפען, האָט ער זיי מכבד געווען מיט די לאַקירטע פריסטאַוו־שטיוועל אין די בייכער אַריין און אַ קווישטשע געטאָן עפּעס ניט מיט זיין קול:

— סקאָטי—י! (בהמות!).

האָט מען שוין דערפיהלט, אַז דער המן איז באמת אין גרויסען גרימצאָרן. די יוכע האָט אין איהם, אַפּנים, געקאָכט, וואָס שקלאָווער אידען האָבען זוכה געוועזען צו זעהן, ווי זייער האַר און פּריסטאַוו ליגט איבער דער קאַנאַווע. ער אַליין האָט, אַפּנים, אויך געמוזט דערהערען דעם „האָפּ" און דעם „פּאָפּ", מיט וועלכען מען האָט באַגלייט זיין אַנידערפאַלען און אויפשטעהן. וואָרים אַנגעלאָפען איז ער, מיט ניט-גאַנץ זיכערע פיס און מיט שיכורן שוים אויף די ליפען, אויף דער האַלב-איינגעלאָשענער שרפה; ווי אַ בייזער רוח איז ער אָנגעלאָפען און גלייך אַ קאָמאַנדערע געטאָן:

— ראַכטופיס, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! אַ גדיע כאַזאַין? (רוקט זיך פאַרנאַנדער, זשידאָווסקע מאָרדעס! וואו איז דער באַלעבאָס?).

חיים, דער נייער נגיד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט איבערגעצייגט, אַז די בהמה, געלויבט דער אויבערשטער, איז געראָטעוועט און די שטוב וועט אויך בלייבען גאַנץ, איז זיך בנעימותדיג אַרויסגעטראָטען פון צווישען די אַרויסגעשלעפטע פעק און קאַסטענס, בנעימותדיג דערנעהענט זיך צום בייזען פּריסטאַוו, מיט דעם גוטען באָבראָווען קאָלנער איבערן פוטער און, שוין מיט אַ פּאָר טריט פריהער, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די סייבעלנע היטעל פון פּליך און כאַרנייגט זיך:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע, יאַ כאַזאַין! (אייער בלאַהאָראָדיע, איך בין דער באַלעבאָס!).

וואָלט דער פּריסטאַוו — דער המן, געוועזען ניכטער, וואָלט איהם אַזאַ בנעימותדיגע באַנעמען זיך פון אַ אידען געוויס אָפּגעקיהלט דאָס האַרץ. אָבער ער איז פאַרט געוועזען „מלא" פון דעם פּאָטשטמייסטערס כיבוד און פון ניקאָלאַי דעם ערשטענס פּאָרטרעט. ער האָט, טרינקענדיג, אַזוי גוט נאָכגעמאַכט דעם פּאָרטרעט... און מיטאַמאָל... מיטאַמאָל מיאוס אַנידערגעפאַלען, אויסגעשמירט און פאַרפאַסקודיעט אַזאַ געלונגענע, לעבעדיגע קאָפּיע, פאַר אַלע אידען אין די אויגען... אין אַלע זשידאָווסקע אויגעלעך האָבען אַצינד

געטאַנצט פרעהליכע פייערלעך — אָפּשפּיגלונגען פון דער זשי־דאָווסקער שרפה. נאָר אין זיין ניט־ניכטערען קאָפּ האָט זיך דאָס צוזאַמענגעגאָסען אין אַ סך צו־להכעיס־געלעכטערלעך, גע־לעכטערלעך, געלעכטערלעך. צוזאַמענגעגאָסען זיך מיט אַלע פאַרדאַכטען געגען אידישע שטיקלעך, ווי דער „קאָנטראָליאָר" האָט אין איהם אַריינגערעדט... איז ער דערפאַר אויף דעם נייעם נגיד גראָב אָנגעפאַלען, ניט געענטפערט איהם אַפילו אויפן גוט־אָווענט:

— און ווער האָט אונטערגעצונדען? דו—ו! זאָג?

דעם נייעם נגידס אויסגעצויגענע באַקען האָבען זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען. אַ צעטומעלטער האָט ער אַ ווײַלע גע־שוויגען, ווי געשלאָגען מיט דעם פּריסטאַווס שאַשקע איבערן קאָפּ. און דערנאָך קויב־קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— יאַ? ניע... ניע זנאַיו!... ני... ניקאַק ניע זנאַיו! — האָט ער זיך באַלד אַליין פאַרריכט, ווי אַ זעלנער פאַר אַן אָפיציר.

— ניע זנאַיעש? — האָט איהם דער פּריסטאַוו גיפטיג אי־בערגע־רעגט און אַ דרעה־געטאָן איין דראָטענע וואָנסע, — כאַ־כאַ! און פאַרסטראַכירט ביסטו?

— פאַרסטראַכירט.

— שוין לאַנג, אַז דו האָסט זיך פאַרסטראַכירט, סוקין־סין?

דער נייער נגיד האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק. שוין גאָר „סוקין־סין"? (הינטישער זוהן). ער האָט זיינע נגידישע אויערען ניט געגלויבט. זינט ער איז געוואָרען דער „נייער נגיד" אין שטעדטעל האָט אַפילו נאַטשאַלסטוואָ געהאַט פאַר איהם דרך־ארץ. דער געוועזענער פּריסטאַוו פלעגט פאַר איהם דער ערשטער די היטעל־אויסטאָן. האָט ר' חיים אַ הייב געטאָן אַביסעל דעם קאָפּ, נגידיש אַ ציה געטאָן מיט דער נאָז און אין טיעף־רוסיש שטאָלץ אַ פרעג געטאָן:

— קאַק־טאַק?...

ס'הייסט: ווי אַזוי דערוועגסטו זיך אָנרופען מיך מיט אַזאַ נאָמען?

— וואָס-קאַק? — האָט דער פּריסטאַוו אַ קריץ געטאָן מיט די חזירישע צייהן און אַ דרעה געטאָן די צווייטע וואָנסע. — מאָלטשאַט, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, ווען איך רייד!... ווער האָט א. נטערגעצונדען?

— איך ווייס ניט. — האָט דער נייער נגיד קאַלט געענטפערט. — איך קום ערשט פון אָרשאַ מיטן שליטען. דער באַלעגאָלע איז אויך דאָ. ער ווייסט...

— אַזוי?...—האָט איהם דער פּריסטאַוו איבערגעקרימט,— ערשט געקומען פון אָרשע? פּאָנימאַיעם! (מיר פּאַרשטעהען). איז ווער האָסטו געהייסען אונטערצינדען?

ר' חיים האָט געמאַכט אַ שאַרפע באַוועגונג. אַ טראָט געטאָן פאָראויס. נאָר אידען צרום האָבען איהם צביסעל אָפּגעקיהלט:

— האַלט אייך איין, ר' חיים! דער אָדון איז בגילופין... איהר זעהט דאָך!...

אָבער אינגאַנצען האָט זיך שיין דער נייער נגיד ניט געקענט איינהאַלטען. דער נגידישער האָנאָר האָט אין איהם אָנגעשפּאַרט:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! נאַ קאַקאָם אָסנאָוואַניע? חי אַזוי ריידט איהר דאָס עפּעס אַזוינס? איך... איך... איך...

דעם פּריסטאַווס שיכורער פּנים איז אינגאַנצען ברוין געוואָרען. אַ שוים האָט איהם אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער די דראָטענע וואָנסעס:

— קאַ—אַק? — האָט ער זיך הייזעריג צעקוויטשעט און אַ שפּאַן געטאָן צום נייעם נגיד.

און אידען האָבען דערזעהן, ווי דעם פּריסטאַווס שווערע האַנט, אין דער ווייסער איינגעשמירטער הענטשקע, האָט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען און אַראָפּגעלאָזט זיך... אָבער ניט דערגרייכענדיג ביז צום נייעם-נגידס באַק, האָט די דאָזיגע האַנט פלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן אָן אַ זייט, ווי אַן אָפּגעוואָר-

פענער שטיק האָלץ. אַ צווייטע האַנט האָט איהר איבערגע־
קרייצט דעם וועג, ניט דערלאָזען צום פּאַטש.
די צווייטע האַנט האָט געהערט נח פֿאַנדרען.

.3

געשעהן איז דאָס אַזוי: אויפֿן נייעם טומעל איז פֿאַנדרע
אָנגעלאָפֿען פֿון נייעם־נגידס הויף אַ פֿאַרשוואַרצטער פֿון רויך,
אַ צעכאַטעלטער, אַ מידער, מיט אַ צעקראַצטער באַק פֿון דער
בהמהס קאָפּיטע. אין אַ בייזער מינוט איז ער אָנגע אָפּען און
דערזעהן, אַז דער שיכורער פּריסטאַוו וויל גאָר שלאָגען זיין
קונד, זיינעם אַ „שודאַק״... און וועמען? ניט קיין אַנדערען, ווי
ר׳ חיימען, דעם נייעם נגיד פֿון שטאָדט. וועה געשריען!
אידען אַרום זיינען געשטאַנען און געגלאָצט, אָבער פֿאַנ־
דרע האָט ניט דערלאָזען. ער האָט נאָר איין קאַפּעלע אָפּגע־
שטויסען דעם פּריסטאַווס האַנט, איז זי געפֿלויגען אָן אַ זייט
ווי אַ טרוקענע שפּאָן. פֿאַנדרע אַליין האָט מיט תחנונים אַריינ־
געקוקט אין דעם פּריסטאַווס שיכורע אויגען:
— וואַשע בלאַהאָראָדיע! עטאָ וויעד חיים! (אייער בלאַ־
האָראָדיע, ס׳איז דאָך חיים!).
געמיינט, אַז דערמיט וועט ער דעם פּריסטאַוו גאָר־גין
אויסניכטערען, עפֿענען איהם די שיכור׳ע אויגען זיינע, ער זאָל
זעהן, וואָס ער טהוט. דער פּריסטאַוו אָבער, דער המן, איז
גרוי־בלאַס געוואָרען, ווי זיין שינעל. אַ פֿאַרוואונדערטער
האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין אייגענער האַנט, וועלכע איז
אָפּגעשפּרונגען, אַ קוק געטאָן אויף פֿאַנדרעס פֿאַררויכערטען
פּנים, מיטן האַק אין באַלעגאָלישען גאַרטעל, און פֿאַרסקאַליעט
די פֿאָדערשטע צייהן, ווי אַ הונט אויפֿן קייט.
— טי־טי־טי־טי!... — האָט ער פֿון גרימצאָרן געגומען דריב־
נע שיטען אויף פֿאַנדרען, זאַאיקען און קוויטשען פֿון הייזעריגען
האַלז אַרויס. ער האָט אַליין געפֿיהלט, אַז אַזאַ מין סאָרט קווי־

טשען איז גאָר ניט מעשה-הערשער, און עהנליך צו ניקאָלאַי דעם ערשטען איז עס אַודאי ניט. און דאָס האָט איהם נאָך מעהר צערייצט. האָט ער אַ טאַפּ געטאָן דעם אַרבעל פון דער אָפּגעוואָרפענער האַנט און ניט אָנגעטאַפּט דעם יונישען קנאָפּ מיטן צוויי-קעפּיגען אָדלער, וועלכער איז דאָרטען געווען אָנגענעהט. דאָס האָט איהם אינגאַנצען געראַטעוועט די מערכה...

ער האָט זיך גלייך אויסגעצויגען, ווי אַ סאָלדאַט, וואָס דערזעהט אַ באַגרעבעניש פון אַ גענעראַל, און האָט הויך און פייערליך אויסגערופען:

— אָפּגעריסען מיר אַ פּאָפּאָנע!

מיטן אייביגען באַהאַלטענעם שרעק פאַר אַ בלבול, האָבען אידען דערפיהלט מיט וואָס דאָס שמעקט, און פּאַוואָליע גענומען אָפּרוקען זיך פון פּריסטאַוו. די גאַנצע מענשען-ראָד איז געווען באַלויכטען מיט דעם לעצטען אָפּשיין פון דער שרפה. און צוריקווייכענדיג איז אויף איהר דער רויטליכער גלאַנץ אויסגעלאָשען געוואָרען. נאָר פּאַנדרע אַליין איז געבליבען שטעהן אינמיטען דער באַלייכטונג, נאָהענט צום פּריסטאַוו, און ווי אַ באַצויבערטער געקוקט צו איהם מיט אויסגעלופּעטע אויגען. ער האָט קלאָר ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער המן מיינט מיט זיין „אָפּגעריסענער פּאָפּאָנע”, און וועמען ער מיינט...

מיט איין פאַרשמירטען פינגער פון דער ווייסער הענטשקע האָט דער פּריסטאַוו אָנגעוויזען אויף נחן, און זיין הייזעריגער האַלב-שיכורער קול האָט אַצינד געקלונגען נאָך פייערליכער ווי פריהער:

— אַ-רעס-טאָ-וואַט יעווראָ!

געצעהלטע הברות... קענטיג, אַז דער ערל פרעגעלט זיך פאַר הנאה, וואָס אַצינד האָט ער דאָ דערטאַפּט די אמתע עבירה, דעם וואָרצעל פון אַל-דאָס-בייז ביי אידען און האָט אַ גרונט פאַר וואָס צו קאָכען זיך מיט הייליגען צאָרן.

די צוויי שלימזלדיגע דעסיאַטניקעס, „ליקסיי” און הרישקאָ, האָבען זיך, פּלאָנטערענדיג אין די נייע שינעלען, צוגעשאַרט מיט אַ זייטעל צו פּאַנדרען, און ניט זיכער, ווי צוויי צעשראָ-

קענע אונטערפיהרער, אָנגענומען איהם פאַרביידע אָרעמס. ווער פאַנדרע איז און וואָס פאַר אַ גבורה דער דאָזיגער איד טראָגט אין זיך, האָבען זיי גוט געוואוסט.

פון איבעררײַשונג איז פאַנדרע געבליבען שטעהן אַ פאַר־גליווערטער. אָבער באַלד האָט ער דערפיהלט די גויעשקע לאַ־פעס אויף זיינע לעדערנע אַרבעל. ניט אויסגעשלאָפען און פאַר־האָרעוועט, ווי ער איז געווען, איז איהם דערפון אָנגעגאַנגען אַ חלשות. האָט ער אַ דרעה געטאָן מיט ביידע פלייצעס, אָפ־צעשאָקלען זיך פון דער ניט־גוטער באַריהרונג. און באַלד זיי־נען ביידע סטראַזשניקעס געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם צע־טראָטענעם שניי.

— פאַנדרע! — האָבען איהם דערשראָקענע אידלעך גענומען וואָרענען פון אַלע זייטען.

— הויב זיך ניט אָן מיטן אָדון!

— דו זעהסט דאָך ער איז בגילופין!

— שטעל זיך ניט אַקעגען!

— ס'איז גאָרניט, פאַנדרע! מיר זיינען עדות...

— דעם יונישען קנעפעל האָט ער גאָר פריהער אָפּ־געריסען...

— ער איז געפאַלען איבער דער קאַנאַווע... דאָרטען...

— אַצינד טשעפּעט ער זיך... פאָניע!

— פאַנדרע, זיי אַ מענש!

דער פּריסטאַוו האָט אָבער איבערגעריסען אַלע אידישע גוטע עצות:

— מאָלטשאַט, זשידאָווסקיע מאָרדי! — האָט ער אַ טופּ גע־טאָן מיטן לאַקירטען שטיוועל, — וואָס גאַלאַגאַטשעט איהר דאָ? איהר ווייסט וואָס דער זשיד האָט אָפּגעטאָן?

אָנגעשריען אויף אַלעמען, האָט ער זיך ווייטער אַ קעהר געטאָן צו פאַנדרען, פאָכענדיג מיטן אַרבעל פון שינעל:

— אַך, טי סוקין־סין! רייסען פּאָפּאָנעס ביי נאַטשאַלסט־וואָ! שלאָגען פאָליציי בשעת זי פיהרט אויס איהר „אָביאַזאַ־נאָסט״! (פליכט). וואַ־אַ־אַרט!...

סטראַשענדיק אַזוי האָט ער נאָך אַרויסגעכאַפּט זיין שאַש־קע פון שייד און צעברומט זיך אויף זיינע סטראַזשניקלעך:

— הרישקאַ! אַלעקסיי! שטעהט אויף, סוויניאַטשע מאָר־דעס! אַרעס-טאַ-וואַט יעוואָ!

פאַנדרע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ שמשון-הגבור, וואָס לאָזט זיך פּענטען, ווען קהל הייסט... ביי ביידע אַרבעל האָבען זיך איהם שוין ווייטער צוגעהאַנגען די ביידע דעסיאַט־ניקלעך. דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזען.

פונם גאַנצען געמורמעל אַרום דערהערט זיך מיט אַמאָל דעם נייעם נגידס בנעימותדיגער קולכעל:

— צוליעב וואָס?... ניט געדאַרפט זיך אָנהויבען מיט נאַטשאַלסטוואַ...

ענטפערען איהם גלייך, אויפן שטעל, אַנדערע קולות, עזות-פּנימער, אַפּנים:

— ער האָט זיך אָנגעהויבען? ווער האָט זיך אָנגע־הויבען?

— איהר האָט זיך אָנגעהויבען!

— פאַר אייך געהט ער אין סטאַן!

— שוין גאָר פאַר מיר?

— פאַר אייך!...

פאַנדרע האָט אויפגעהויבען זיין פאַררויכערטען פּנים און שאַרף אָנגעקוקט דעם נייעם נגידל אין זיין טייערען פוטער. אַט פאַר דעם צעקראָכענעם נפשל האָט ער זיך דאָס איינגע־שטעלט, איינגעלעגט דעם לעבען פאַר זיין בהמה און פאַר איהם אַליין... מיט אַ כמורנעם קוק האָט ער אַרומגענומען דאָס גאַנ־צע רעדעל אידען און דערפיהלט מיטאַמאָל, אַז מען אַרע־סטירט איהם פאַר זיי אַלעמען... צו איהם אַליין לאָזען זיך אויס אַלע צרות פון היינטיגער נאַכט. אפשר גאָר אַ ריס־טאָן זיך און צעפּאַטשען אַלעמען, אַז בערד און נעזער זאָלען פליהען אין דער לופטען?... ניין, פאַנדרע! מאַך ניט קיין מחזקות! נאַטשאַלסטוואָ און אידען הייסען געהן — טאָ געה!...

פון דער טומלדיגער ראָד מיט מענשען, אויפן גרונט

פֿון דער טליהענדיגער שרפה, האָט זיך אָפּגעריסען אַ קופּקעלע און גענומען שפּאַנען אין דער נאַכט אַריין. פֿאַנדרע, אַ ריזי־גער, אַן אָנגעפּעלצטער, אַ פֿאַרדרויכערטער, אַ מגושמדיגער, האָט זיך געלאָזט פֿיהרען פֿון צוויי קליינע סטראַזשניקלעך אין סטאַן. און פֿון הינטען, ווי אַ בייזער רוח, איז נאָכגעגאַנגען דער פּריסטאַוו מיט זיין בלויזער שאַשקע, כדי צו מאַכען װאָס מעהר איינדרוק אויפֿן אַרעסטירטען און אויף אַלע אידען, וועלכע זיי־נען געבליבען פֿון הינטען.

אַ באַרג פֿון פֿרעמדע ווילענס האָט פֿאַנדרען צוגעדריקט... פֿון דעם קאַלטען טאָפּ פּאַסאָליעס, וואָס ער האָט מיט אַ שעה צוריק אַזוי געשמאַק אַריינגעגעסען, האָט איהם יעצט אויפֿגע־שלאָגען אַ ביטער־זויערער טעם אין מויל. דאָס האָט איהם דערמאָנט אָן שטוב, אָן מערען, זיין ווייב, וועלכע איז יעצט אויף דער צייט, איינע אַליין אין בעט... איינע אַליין — מערינקע.

אַ פֿינסטערניש איז אויף איהם מיטאַמאָל אָנגעפֿאַלען. אַן אינעווייניגסטע פֿינסטערניש האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער קאַלטער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט אַרום איהם. וואָס ווייטער פֿון דער שרפה, אַלץ שווערער איז איהם געוואָרען אויפֿן האַרצען. ס'האָט זיך איהם גענומען דוכטען, אַז אַזוי גיך וועט ער מערען, סענדערן און די פֿערדלעך ניט זעהן...

— מאַרש, מאַרש! — האָט איהם דער פּריסטאַוו אונטער־געטריבען פֿון הינטען. אויף זיין בלויזער, אויפֿגעהויבענער שאַשקע האָט געברענט דער לעצטער אָפּשיין פֿון דער אידי־שער שרפה.

אונז צו לאַנגע יאָהר!

.1

צווישען שקלאָווער משוגעים פאַרנעמט חיה־שרהקע דעם אויבענאָן. ערשטענס דערפאַר, ווייל זי איז אַן איינגעבירגערטע משוגענע. איהר מאַמע, זאָגט מען, איז אויך געווען משוגע און אַרומגעלאָפען אויף דער עלטער אַ נאַקעטע איבער די גאַסען. האָט די טאָכטער איהרע אַ חזקה אויף משוגעת. און צווייטענס: האָט מען אין שקלאָוו אַביסעל כּחד פאַר איהר געזאַנגעלע, ווי פאַר אַ בייזער נבואה. אַלעמאָל איז דאָ אַ פאַרשטעקטער מיין אין די קורצע שורהלעך, וואָס זי זינגט אויס, אַ וואונק אויף שלעכטע זאַכען, וואָס זיינען געשעהן, וואָס וועלען נאָך געשעהן. ניין, קיין גוטס וועט חיה־שרהקע ניט אָנזאָגען. דאָס ווייסט מען שוין פון לאַנג אָן. פענסטער שליסען זיך, ווען מען דערהערט איהר נגונדעל. נאָר עס העלפט ניט. איהרע מאָסקודנינקע ווערטערלעך ווערען כמעט אַלעמאָל מקוים.

שטאַמען שטאַמט זי פון אַ באַלעבאַטיש הויז און משוגע, זאָגט מען, איז זי געוואָרען נאָך אַ שווערען קינפּעט. איהר מאַן, זוסיע דער מילכיגער, פאַרקויפט נאָך עד־היום קעז און פּוטער אין זיין הילצערנער קרעמעלע אין מאַרק. ער האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל מיט אַ שווייגעדיגער שוואַרצער אידענע. אָבער חיה־שרהקע האָט נאָך דעם „גנאָד פון זיין יוגענט” ניט פאַרגעסען. טויט־משוגע ווי זי איז, שטעלט

זי זיך נאָך אַפּטמאָל אָוועק, אין אַ מאַרק-טאָג, אַקעגן זײַן קרעמעלע, אַנטבלויזט איהר ווייסען אָפּגעהאַנגענעם בוזעם און זינגט איהם אויס אַ לידעלע פון בענקשאַפט און משוגעת.

פאַר די קעז און פאַר די פוטער.
דאָ, אויכעט דאָ.
„גיטשיינע״ *) האָב איך אַ כאַפּ געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
פאַר דער באָרד און פאַר דער פערינע
דאָ, אויכעט דאָ...

האַלב מאַרק לויפט זיך צוזאַמען אויפן בייז-וואונדער. און חיה-שרהקעס געוועזענער מאַן, זוסיע דער מילכיגער, וואַרפט זײַן געוועזענער ווייב אין קאָפּ אַריין שטיקער פאַרשימעלטע גאָמולקעס, שאָלעכץ פון אייער, און וואָס עס מאַכט זיך איהם אונטער דער האַנט. אָבער פאַרטרייבען זי קען ער ניט.

אַמאָל, זאָגט מען, איז זי געווען אַ שעהנע, אַ געזעצטע ווייבעל, נאָר אַצינד איז דאָס אַ האַלב-נאַקעטע באַשעפעניש מיט אַ לאַנגליכער שווערער געמבע און מיט אַ סך לאַך-קנייטש-לעך אַרום די אויגען. קוקענדיג אויף איהר, דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך יאָהרען לאַנג, אָהן אויפהער, געקאָטשעט פאַר געלעכ-טער און דאָס לאַכען איז איהר, אויף דאָס גאַנצע לעבען, פאַר-גליווערט געוואָרען אויפן אָפּגעברענטען פנים. טוקען זיך איהרע גרויע, כיטרעוואַטע אויגלעך אינם פאַרגליווערטען געלעכטערעל, ווי בלויע טראָפּענס וואַסער אין שמאַלץ. זי דאַרף זיך נאָר עפּעס דערמאָנען, מען ברויכט זי נאָר אַ קיצעל טאָן — לעבט אָפּ דאָס פאַרגליווערטע לאַכען. די שטאַרע לאַך-קנייטשען צעוויגען זיך און צעשפּיעלען זיך, און פון האַלז רייסט זיך דער פאַרטאַ-יעטער „כי-כי-כי״ מיטן באַקאַנטען געזאַנגעלע צוזאַמען:

פאַר די קעז און פאַר די פוטער
דאָ, אויכעט דאָ...

---

*) אומגערען.

צעעפענען זיך איהרע פליישיגע תּאוהדיגע ליפּען, און איהרע ווייסע שיטערע צייהן שטאַרצען אַרויס, און עס אַנטפּלעקען זיך איהרע שטאַרקע ראָזעווע יאַסלעס. דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז איהר געבליבען פון אַמאָליגע צייטען, ווען זי איז נאָך געוועזן „קלאָר״, ווען זי איז נאָך געוועזן זוסיע דעם מילכיגערס ווייב.

אין שפּיטאָל האָט מען איהר אַמאָל אָפּגעשניטען די האָר. מען האָט נאָך דאַן געהאָפט, אַז זי וועט געזונט ווערען. דערנאָך האָט מען זיך פון איהר מיאש געווען און אַרויסגעלאָזען זי, מיט איהר מאַנסבילש-געשוירענעם קאָפּ און מיט איהר משוגעת, אויף גאָטס וועלט, איינע אַליין. זיינען איהר די האָר אָפּגעוואַקסען אין טרוקען-שוואַרצע משונהדיקע גרויזען. נאָך מיט אַ סך יאָהרען צוריק, איידער מען האָט נאָך אַפילו געטראַכט פון דער מאָדע אַ-לאַ-גאַרסאָן, האָט שוין חיה-שרהקע געטראָגען אַזאַ קאָפּ האָר. דערצו נאָך צעפּאַטעלט און אויפגעברויזט, ווי מען זעהט אָפט ביי משוגעים. אונטער אָט די דאָזיגע גרויזען האָבען איהרע שטאַרקע צייהן געבליאַסקעט מיט אַ באַזונדער הונגעריגער ווייסקייט. און, אפנים, אַז איהר משוגענער קאָפּ האָר, איהרע מילך-ווייסע צייהן און גראָבע נעגער-ליפּען האָבען נאָך געפונען אַ סך געהיימניספולע בעלנים. וואָרים, ניט קוקענדיג אויף איהרע טראַנטעס און אויף איהר שווערער משוגעת, איז זי יאָהר-איין יאָר-אויס געוואָרען טראָגעדיג. דער איבערפלוס פון ליידענשאַפטען קאָכט אין די שטילע שטעדטלעך, אין די הינטער-גאַסען, ביי די אויסגעהונגערטע גראָבע-יונגען. ווי אַ שוואַרצער סם, אין געשלאָסענע קעסלען, קאָכט אָט די ליידענשאַפט. דער יצר-הרע אַליין מישט זי, און איהרע פינסטערע כּחות עסען-אויף און פאַרדייען אַלץ; אַזוי ווי באַלאַגערטע, אין אַ פעסטונג, עסען-אויף און פאַרדייען מייז און האַלבגעפּגרטע קעץ... עס האָבען זיך שטענדיג געפונען בעלנים, וואָס האָבען חיה-שרהקען פאַרשלעפּט אין ר׳ ישיעלעס חורבה, אין וואַלד, צווישען שייערן. און ווען די שפּעט-געלאָפענע בהמות קלעבען זיך אָפּ און ווען די וואַראָבייטשיקעס הויבען אָן לייגען

ווייערע אייעלעך, לעגט זיך אויך חיה־שרהקע אַוועק אין קינפעט און האָט אַ קינד. עס געפינען זיך שוין גוטהאַרציגע גבאיטעס, וואָס באַזאָרגען זי, ווי אַ יולדת, אַ וואָך אָדער צוויי. דערנאָך לאָזט מען זי אַרויס, זי זאָל געהן וואוהין די אויגען טראָגען זי. געהט חיה־שרהקע אַרויס מיט אַ געלעכטערעל אויף דער פרייער קויטיגער גאַס. פון איהר פעקעל שמאַטעס, וואָס זי טראָגט מיט זיך שטענדיג אַרום, שטעקט אַצינד אַרויס אַ קעפּעלע פון אַ מענשליכער באַשעפעניש — היה־שרהקעס ניט־כשרע קינד. הוידעט די משוגענע מאַמע דאָס פעקעלע אויף די אָרעמס, די באָרוועסע פיס טאָפּטשען אין בלאָטע, דאָס אָרימע קעפּעלע איבערן פעקעל שאָקעלט זיך און קוויטשעט, און אַ משוגענע לידעל באַרוהיגט דאָס קוויטשענדיג קעפּעלע:

„ניטשיינע" וואָב איך אַ „האָב"־געטאָן

דאָ, אויכעט דאָ.

פאַר דיין קעפּעל, פאַר דיין פיסעל

דאָ, אויכעט דאָ.

פאַר דער הוהן און פאַר דער יאַיכעל

דאָ, מאַקע דאָ.

זאָגען אידען־למדנים, אַז געבוירען ווערט דאָס קינד אַ געזונטע. נאָר, אַז סע זויגט ביי דער מאַמען די משוגענע מילך ווערט עס אויך משוגע. וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל דאָס קינד אָפּנעמען און געבען זויגען פון אַ ראָזשיק. אַזוי זאָגען שקלאָווער אידען און צופּען זיך די בערד מיט חכמה, ווי אמתע גמרא־קעפּ, וואָס ווייסען אַלץ, אַפילו דאָקטאָריע... נאָר אָפּנעמען דאָס קינד ביי דער משוגענער נעמט קיינער ניט אָפּ. ניטאָ אויף דעם קיין בעלנים.

דערווייל צעשמעלצט זיך דאָס לעצט ביסעל שניי אין די קאַנאַוועס, עס עפענען זיך אויף און וואַקסען אויס די אָרומגעפרוירענע ברונימער. און פאַר די ברונימער ווערען אָוועקגעשטעלט גרויסע קאַריטעס צום פאָיען פערד. ווייל דער זומערדיגער יאַריד דערנעהנטערט זיך און עס ווערט אַ דוחק,

אין וואַסער און אין עמערס פאַר אַלע אָנגעקומענע פערד. באַגאַסט זיך, די ערשטע, חיה־שרהקע די משוגענע מיט די אָנגעגאָסענע קאָריטעס, באָדט דאָרט און ריייניגט איהר פיצעל קינד. קווישעט דאָס קליינע באַשעפעניש מיט קולי־קולות פאַר קעלט און חיה־שהרקע טוקט זי און וואַשט זי. זי זינגט איהר דאָס געשמאַק־לידעלע און איהרע אויגען שווימען אין לאַכעדיגע קנייטשעלעך. זי פרעגעלט זיך פאַר נחת, די משוגענע מאַמע. שטעהען באַרעמהאַרציגע אידענעס אַרום דער קאָריטע ביים ברונים, די וואַלענע פאַטשיילעס איבער די קעפּ און נעז, זיפצען פאַר גרויס צער... און זאָל זיך דאָס כאַטש איינע פון זיי אָננעמען פאַר דאָס געפייניגטע קינד. דאָס זעהט זיי עפּעס אויס, ווי אַ קוה וואָלט גערייניגט איהר קעלבעל מיט דער לאַנגער צונג. אַזוי, הייסט דאָס, מוז עס שוין זיין און אַנדערש קען עס ניט זיין.

איינמאָל און צווייאָל געלינגט חיה־שרהקען אויסצובאָדען דאָס נפשעל און דערהאַלטען דאָס ביים לעבען. און דאָס דריטע מאָל דערטרינקט זי עס, באָדענדיג אין קאָריטע. אָדער דאָס קינד אַליין געהט איהר אויס פאַר קעלט אונטער די משוגענע הארטע הענט. און זאָל דאָס איין באַרעמהאַרציגע אידענע לאָזען פאַלען אַ טרעהר. גאָרנישט. אַזוי, אַפנים, מוז עס שוין זיין...

דערטרונקען דאָס קינד — פאַרקנעפּעלט חיה־שרהקע איהר ווייסען אָפּגעהאַנגענעם בוזעם און ווערט ווידער אַ פרייער מענש. אַצינד גיט זי זיך אָפּ מיט שטאָדט, טאָפּטשעט אַרום מיט באָרוועסע פיס אין אַלע גאַסען און טראָגט, זינגענדיג און טענצעלענדיג, פאַרנאַנדער „די פּאָטשט", מיט ווינקען, מיט מינעלעך, מיט געלעכטערלעך. און שטאָדט, ברוך־השם, ווייסט שוין, אַז קיין גוטס וועט חיה־שרהקע ניט אָנזאָגען. דער גלגול, וואָס לאַכט אין איהר, רעדט מיט האַלבע ווערטער, ווי דער פאַרצייטיגער אָראַקול. נאָר ווייסען ווייסט מען שוין, אַז ערגעץ־וואו איז געשעהן אַ צרה.

2.

אויף די גאַסען האָט שוין אַ בלאָז געטאָן מיט פריהלינג. אין די הייזקעס האָט שוין גענומען שמעקען מיט זויערען שצאַוו. נאָר ביי סענדער דעם באַלעגאָלע אין שטוב איז נאָך חשך. די ווינטערדיגע אָפּגעלאָזענקייט ליגט נאָך אין אַלע וויגקעלעך. פאַנדרע זיצט פעסט אין אָסטראָג און וואַרט אויף זיין משפט. און קיינעם ליגט ניט אין קאָפּ צוריינצולאָזען דעם וויעסנע־וועטער אין שטוב. אומזיסט קלאַפּען די אָנגעשוואָלענע צווייגלעך פון דער בעריאָזקע ביי סענדערס פויערישער פענסטערעל, צימבלען די אויפגעשפּאָלטענע קנאָספּען אין די קליינע שייבלעך: „שוין צייט אַרויסנעמען די דאָפּעלטע פענסטער"!... קיינער הערט זיי ניט, קיינער פאָלגט ניט. די באַלעבאַטים ליגען פאַרנורעט אין די ווינטערדיגע שאָטענס און וואַרטען, וואַרטען...

ערשט היינט, נאָכן אָנבייסען, האָט זיך מערע, פאַנדרעס ווייב, געמאַכט האַרץ. זי איז אין זעקסטען חודש און די שווערע שטוב־אַרבייט קען זי מעהר ניט טאָן, האָט זי זיך גענומען פאַר אַ גרינגערע מלאכה. אויפן טרפהן בענקעל איז זי אַרויפגעקלעטערט און שניידט אַרום, מיט אַ שפּיץ־מעסער, דאָס צייטונג־פּאַפּיר אַרום די אַרומגעקלעפּטע טאָפּעלטע ווינטער־פענסטערלעך. שרייט צו איהר סענדעריכע, איהר קליינקע מאַמעלע, אַז זי זאָל ניט פאַרגעסען, אַז זי איז אין די הויכע חדשים, אַז זי זאָל ניט קריכען אויף בענקלעך. ענטפערט איהר מערע: נח זאָל אַזוי, רבונו־של־עולם, אַרויס גאַנץ פון די גוישע הענט, ווי זי וועט בלייבען גאַנץ...

סענדער פאַרדאָן זיצט דערביי און מישט זיך ניט אַריין. ער קוקט אין זיין אַלטען תהילימל, דורך די מעשענע שפּאַקולען, און מאַכט מיט די ליפּען. זינט מען האָט פאַנדרען זיין איידעם אַרעסטירט, אויף דער שרפה ביים נייעם נגיד, זאָגט ער אַלע

אינדערפריה תהילים, פאַר אָנבייסען אויפן ניכטערען האַרצען און נאָכן אָנבייסען. ער זאָגט און זאָגט און קיין ישועה איז נאָך אַלץ ניטאָ. עס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אַ פלאָנטער מיט גוטע עדות, מיט בלבולים, מיט שדים ווייסען וואָס... עס העלפט ניט, וואָס אַ סך אידען האָבען געזעהן, ווי דער האַלבּ-שיכּורער פריסטאַוו האָט זיך, במחילה, אַליין אויסגעגליטשט אויפן בריקעל איבער דער קאַנאַווע, און האָט, מסתּמא פאַלענ-דיג, אָפּגעריסען אַ יונישען קנאָפּ פון אַרבּעל... דער פריסטאַוו מיט זיינע דעסיאַטניקעס, מיט נאָך עפּעס פאַרדעכטיגע שיכּורע גוי-עצלעך האָבען זיך אָנגעזעצט: איינמאָל פאַר אַלעמאָל: פאַנדרע און פאַנדרע! ער, הייסט דאָס, האָט דאָס דעם פריסטאַוו גע-שלעפּט פאַרן אַרבּעל, ער האָט אָפּגעריסען... פון פאַנדרעס אָפּשטויסען דעם פריסטאַווס אָרעם, ער זאָל ניט שלאָגען דעם נייעם-נגיד, איז אויסגעוואַקסען אַ קרימינאַלער פּראָצעס, מיט אַ משפּט אין אָקרוזשנאָי-סוד אין מאָהליוו, און דער משפּט שלעפּט זיך, ווי כּון פּעך, און ווערט אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש.

מיט תהילים-זאָגען אַליין איז ר' סענדער פאַרדאָן ניט יוצא געווען. ער האָט אויפגעהויבען אַ געוואַלד אין ליובאַווי-טשער בּית-מדרש: ס'טייטש, אידען, ס'איז דאָך סדום! מען זאָל לאָזען פאַנדרען זיין איידעם פאַרפוילט ווערען אין אָסטראָג, פאַר וואָס, פאַר ווען? דערפאַר וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ אידען!... געוואַלד געשריען!

האָבען זיך חשובע באַלעבאַטים אַ נעם געטאָן קלייבען געלט, אויף אַן אַדוואָקאַט, אויפן בעסטען אַדוואָקאַט אין מאָהליוו. האָבען אידען אָפּגעשטעקט אין דער רויטער פּאַטשיילע, יעטווע-דערער וויפיעל ער קען. נאָר אַז מען איז געקומען נאָך אַ נדבה צום נייעם-נגיד אַליין, צוליעב וועלכען פאַנדרע איז אַריינגע-פאַלען אין גויעשקע הענט, האָט זיי די זויערע נגידיכע אַרויס-געטראָגען פון שלאָף-צימער אַ פאַפּירענעם דריי-רובּעלדיגע און געזאָגט, אַז ר' חיים דער נייער-נגיד פּיהלט זיך ניט מיט אַלע-מען... האָבען די גבּאים דאָס דריי-רובּעלדיגע ניט אָנגענומען און געזאָגט, אַז זיי וועלען קומען אַן אַנדערש מאָל. זיינען זיי

בעקומען אַן אַנדערש מאָל און אַ דריטען מאָל, ביז וואַנען זיי האָבען דעם נגיד דערטאַפּט ביי אַ פּרעפּעראַנס מיטן אַפּטייקער, מיטן קאַזיאָנעם-ראַבינער און מיטן שטאָדט-פעלדשער. אַלע אָהן היטלען, מיט פאַרשוויצטע פּליכען. זעהר פאַרהאַוועט. „אַזוי און אַזוי, ר׳ חיים, איז די מעשה. פאַנדרע זיצט. עס פעהלט געלט פאַרן אַדוואָקאַט...״ האָט זיי דער נייער-נגיד מיט אַ טרוקענער מינע דערלאַנגט דעם זעלבען דריי-רובעלדיגע, וואָס זיי האָבען שוין איינמאָל צוריקגעשיקט. ס׳טייטש, ר׳ חיים, האָבען די גבאים געטענהט, צוליעב אייך זיצט ער דאָך, דער פאַנדרע, פאַר אייך האָט ער זיך דאָך איינגעשטעלט!...

— און ווער האָט איהם געבעטען? — האָט דער נייער נגיד אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס און גענומען זיך פאַרן בלייפּען, ווי אַ פאַרנומענער, ווי גאָר אַ פאַרנומענער מענש.

האָבען אין איהם די גבאים ווייטער אַריינגערעדט:

— ס׳טייטש, ר׳ חיים! די בהמה אייערע, וואָס פאַנדרע האָט געראַטעוועט פון פייער, איז דאָך שוין אַליין ווערט אַ וועלכענע פערציג-פופציג קאַרבען, שוין אָפּגערעדט פון אייער כבוד —

האָט זיך דער נייער נגיד אַ קריץ געטאָן, אַרויסגענומען נאָך אַ דריי-רובעלדיגע פון קאָן, דערלאַנגט די גבאים און באַרעכענט אַזוי:

— איז נאָך אַ דרייערעל... „איטאָוואָ״ — זעקס רובעל. גענוג!

און געבעטען מען זאָל איהם מעהר ניט דולען אַ קאָפּ. און, כדי צו באַווייזען ווי פאַרנומען ער איז, האָט ער זיך צו זיינע קאָרטען-חברים געווענדעט בזו-הלשון:

— יע, איז וואו האַלטען מיר אין דער „פולקע״?...

מען האָט ווי-ניט-איז צוזאַמענגעשלאָגען אַביסעל געלט. אָבער וואָס מעהר מען האָט ביים מאָהליווער אַדוואָקאַט איינ-געלעגט, אַלץ מעהר האָט ער פאַרלאַנגט. כ׳מיין, יאָ. ער פאַר-שטעהט די לאַגע... אַן אָרימאַן!... נאָר וואָס זאָל ער טאָן? טעלעגראַמעס, פוהרלעך, הוצאות, דאָס, יענעס...

סענדער פון זיין זייט האָט צוגעזאָגט פופציג רובעל. אַזאַ שווערע מטבע האָט ער גערעכענט אויסשלאָגען פון פאַרקויפען „דזשירקעליכען", זיין געטרייע קליאַטשע, זיין ציטערדיגע בת־יחידקע, להבדיל, אויף איהרע עלטערע יאָהרען. נאָר ער האָט דאָס אָפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג. ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלעגט אויף דער לעצטער מינוט, כאָטש זעהן האָט ער געזעהן, אַז די שטוב געהט אונטער, אַז איין סוס אָדער צוויי סוסים שטעהען אַצינד אַלעמאָל אין שטאַל און פרעסען אומזיסט האָבער. און קושקע־בראַנד, זיינער און פאַנדרעס קאָנקורענט אין באַלעגאָלישן צעך, דער ריהרעווודיגער, דער נואף, דער פרעסער, כאַפּט ביי איהם אויס אַלע זיינע „שודאקעס"... מען טאָר ניט זינדיגען — אָבער וואָס אמת איז אמת! סענדער אַליין קען זיך מעהר ניט ספּראַווען, קען מעהר ניט האַווירען, אַזוי ווי פריהער זיינע אַלטע קונדען. זינט פאַנדרע דער גבור איז געוואָרען זיין איידעם, האָט ער זיך אָפּגעוואוינט פון שווערע באַלעגאָלישע אַרבייט. דאָפּעלט שווער קומט איהם אַצינד אָן צו שפּאַנען זיינע פיערפיסיגע „קעסט־קינדער". די סוסים אַליין, מיט זייער פערדישען חוש, האָבען איבער זיך גלייך דערפיהלט אַ שוואַכערע האַנט, און גענומען בריקען זיך. „שמענדריקע" טרייבט שטיקלעך, כאַפּט אָן און רייסט פאַרן אַרבעל; „שמאַרעוואָז" שנאָרכט און וואַרפט פון זיך דעם האַלב־אָנגעטאָנענעם כאָמעט. און קוקענדיג אויף זיי כראַבּרעט זיך אויך „דזשירקעליכע", די יענטעוואַטע קליאַטשע, מאַכט זיך אינגער ווי זי איז, און שטיפט און שטעהט ניט איין אויף אַן אָרט... פון שטענדיגען צער און האַרצוועהטאָג און האָרעוואַניע, האָט זיך נאָך ביי ר' סענדערן צעשפּיעלט דער אַלטער פעהלער זיינער, דאָס „געבריך", ניט פאַר קיין אידען געדאַכט. און גיט ער אַ הויב דעם צעפּענטען, שווערען כאָמעט איבער „שמאַרעוואָזען" — זיין שטאַרקסטען פערד — אַזוי פיהלט ער, ר' סענדער, אַז עס עקט זיך איהם דאָס חיות; ווי מיט אַ טעמפּען מעסער טרעפט דאָס איהם אין בויך ביז איבערן גאַרטעל.

האָט סענדער געוואָלט לויפען זוכען הילף ביים מורא־

הוראה. צו זיינע־שיך און זאָקען וועט ער צופּאַלצן: „געוואַלד, רבּיניו, ראַטעוועט! דעם מיטעל־זייל פון מיין הויז האָט מען מיר אַוועקגענומען, פאַלט איין, יעדינקען טאָג, אַ נייער שטיק שטוב איבער מיין אַלטען קאָפּ...״

אָבער אפילו צו דערלייכטערען זיין ביטער האַרץ האָט זיך סענדערן ניט איינגעגעבען. זינט מען האָט דעם אַלטיטשקען מורא־הוראה געמאַכט די „רעפּעראַציע״ אין מאָהליוו, איז ער אַראָפּ פון זיינע לעצטע כחות. חסידישע תורה צו שלש־סעודות זאָגט ער ניט מעהר. אין זיין חיבור, מיט אַלטע בלויע פּאַפּיר מיט קעלבערנע אָדערען דורכגענייהט, שרייבּט ער ניט מעהר אַריין. זיין געגזענע פּעדער שטעהט אַן אויסגעטריקענטע, אַ פאַריתומטע אין ווינקעל פון פענסטער. און אָט, שוין באַלד פיער שבתים, אַז ער איז ניט געקומען דאַוונען אין ליובאַוויטשען בית־מדרש. נאָר דעם גבאי לאָזט מען צו איהם צו, מעהר קיינעם ניט. קומט ישראל דער גבאי פון רבּין צו מנחה און בייסט זיך די אונטערשטע אויסגעקראָכענע ליפּ. „וואָס הערט זיך?״ — פאַלען צו איהם צו אַ מנין חסידים, בשעת יענער ווישט זיך נאָך די הענט צו „אשר יצר״ —

— אַך! — מאַכט ישראל דער גבאי און שאָקעלט מיטן קאָפּ, — נקבים נקבים! חלולים־חלולים!... אַך־אַך!...

ווייסען שוין חסידים, אַז מיטן מורא־הוראה האַלט עס זעהר שמאָל. פרעגען זיי ניט מעהר, זיפצען אָפּ און פאַרגעהען זיך אין אַ טרויעריגען מנחה־ניגון פון „אשרי־יושבי־ביתך״...

וואָלט נאָך סענדער דער באַלעגאָלע איינגעהאַלטען אין זיך זיין ברענענדיגען צער און וואָלט צום מורא־הוראה ניט געגאַנגען. בילכערע חסידים, שמויסענע שטריימלעך לאָזט מען צו איהם ניט צו, היינט וואָס זאָל ער זיך געהן שטופּען מיט זיין באַלעגאָלישען בייטש־שטעקעל?... איז אָבער פון אָסטראָג אָנגעקומען אַ ביטערער בריוועל. פאַנדרע איז ביי זיך, פאַרן משפּט, זעהר געפאַלען. בעט ער, ר׳ סענדערן זיין שוועהר, ער זאָל, למען־השם, אַריין צום מורה־הוראה בעטען אַ ברכה פאַרן יום־הדין אין מאָהליווער אָקרוזשנאָי־סוד. דעם רבּיגס

ברכה, אזוי שרייבט פאַנדרע. האָט איהם שוין איינמאָל געראַ־טעוועט, פון פאָניעס הענט ביים פּריזיוו, און וועט איהם אַצינד פונם פּריסטאַווס בלבול אויך ראַטעווען... דאָס בריוועלע איז געווען געשריבען פאַרשטעלט, די גויעשע אויגען וואָס טאַפּען איהם דורך, איידער ער געהט פון טורמע אַרויס, זאָלען איהם ניט פאַרבראַקירען. אָבער סענדער און מערע האָבען שוין פאַר־שטאַנען ווען מען מיינט דאָ — און וואָס מען מיינט דאָ.

האָט זיך סענדער געמאַכט האַרץ, אָנגעטאָן זיין פאַרגריי־טע שבתדיגע קאַפּאָטע און אַוועקגעלאָזען זיך צום קראַנקען מורא־הוראה, מיט פאַנדרעס בריעף אין האַנט. זאָלען אידען זעהן און רחמנות־האָבען.

דעם שוועל פון רבינס שטוב איז ער נאָך ניט אַריבער־געטראָטען—געהט שוין אַרויס ישראל דער גבאי, איהם אַקעגען, און מאַכט מיטביידע הענט, אויף איהם און אויף זיין בריעף:

— ששש־אַ! דער דאָקטאָר האָט ניט געהייסען...

דערנאָך געהט אַרויס די רביצין:

— ששש־אַ! דער דאָקטאָר...

דערנאָך דער שמש. ער זידט אויך דורך די צעפוילטע צייהן:

— ששש־אַ!

אָהן אַ שום דערקלערונג. גלאַט אין דער וועלט אַריין: „ששאַ!"

געהט ר' סענדער אַוועק, מיט פאַנדרעס בריעף אין האַנט, און אין די אַלטע אויגען שטעהען איהם טרעהרען. אין די אויערען שיפּעט עס איהם. איהם דאַכט זיך, אַז אויף דעם מורה־הוראהס שוועל האָבען זיך שלאַנגען צוזאַמענגעקנוילט. זידען אַלע מיט די בייזע צינגער, איהם אָפּצושרעקען, ניט צוצולאָזען צום קוואַל פון ברכה און בטחון...

מערע מיטן קיילעכדיגען בויך אונטערן פאַרטוך געהט איהם אַרויס אַקעגען:

— טאַטע... נו?

— ששש! — מאַכט ר׳ סענדער. — אַלע מאַכען ששש, טאַכטער!... אַלע אין איין קול: ששש...

און אויסטהוענדיג אין שטוב די שבתדיגע קאַפּאָטע רעדט סענדער, ניט צו זיך אַליין, ניט צו מערען:

— פאַרפאַלען... מ׳עט שוין מוזען פאַרקויפען די קליאַטשע...

.3

מערע האָט פּאַוואָליע אַרומגעשניטען די צוגעקלעפּטע פּאַסען פון צייטונג-פּאַפּיר, אַרויסגעשלעפּט די איינגעקלעמטע ווינטער-פענסטערעל, אַרויסגענומען די גלעזעלעך מיט עסיג און די „פּימפּערלעך" מיט זאַלץ, וואָס זויגען איין די פייכטקייט, אַרויסגעקיזהרט דעם מאָך, אָפּגעקייטעלט און אויפגעמאַכט די צוויי האַלבע ראַהמען פון זומער-פענסטערעל.

אין סענדערס הייזקע האָט זיך גלייך אַריינגעריסען אַ שפּילעוודיגער וויעסנע-ווינטעל, אַ צוויטשעריי פון וואָראָביי-טשיקלעך און אַ הירזשען פון סענדערס געפענטעטע פערד, וואָס פּיטערען זיך דאָ ניט ווייט, אויף אַ פוסטען פאַרוואַקסע-נעם פלאַץ ביי דער אָזערע.

— אַה-ה! אַ מחיה! — האָט סענדער מפסיק געווען איינ-מיטען תהילים-זאָגען און אַ ריב געטאָן זיך די צעכראַשצעטע ברוסט. עס האָט איהם אַ שמעק געטאָן, דעם אָפּגעפּאָהרענעם אַלטען באַלעגאָלע, מיט ברייטע שליאַכען, מיט סאָסנעס, מיט היי און דיעגעכץ אין די שיינקען...

האָט ער אַרויפגערוקט די מעשענע שפּאַקולען אויפן שטערען און מיט אַ דאַנקבאַרען שמייכעל אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו מערען, זיין טאָכטער. דאָס האָט זי איהם פאַרשאַפט אַזאַ פאַרגעניגען.

— אַה! — מאַכט ער — טאָכטערקע...

און איז אינמיטען שטעהן געבליבען. ווייל צוזאַמען מיטן פרעהליכען הירזשען פון זיין „שמענדריקען", האָט סענדער

דורכן געעפענטען פענסטערעל דערהערט אַ ווייטען געזאַנגעלע, אַ באַקאַנטען ניגונדעל פון חיה־שרהקע דער משוגענער; און ס'האָט איהם אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען. פון דער פּראַקטיק האָט ער געוואוסט, אַז וואו חיה־שרהקע — דאָרטען איז אַ צרה. אונטער די פענסטערלעך האָט איהם חיה־שרהקע, סוף־ווינטער, באַזונגען די שרפה ביים נייעם־נגיד, דעם פּריסטאַווס אָפּגעריסענעם קנאָפּ פון אַרבעל, דאָס אַוועקשיקען דעם אַרעס־טירטען פאַנדרען קיין מאָהליוו... און אויך דאָס מאָל וועט זי איהם, מסתּמא, קיין גוטס ניט אָנזאָגען. ניט געדאַרפט מפסיק זיין אינמיטען תּהילים־זאָגען. ווייל אַזוי שטעהט אין די הייליגע ספרים: „ווער עס איז מפסיק אינמיטען לערנען און זאָגט: ווי שעהן איז דער בוים, ווי שעהן איז דאָס פעלד! ברענגט ער אויף זיך אַ סכנה...״

חיה־שרהקעס ניגונדעל איז דערווייל אָנגעוואַקסען, דער־נעהערט זיך צום אָפענעם פענסטערעל. אָנגעהויבען האָט זי, ווי אַלעמאָל, אַלעגאָריש, מיט ווייטע זכרונות פון איהר אַמאָליגען לעבען, ווען זי איז נאָך געווען קלאָר, ביי זוסיע דעם מיל־ניגען אין שטוב:

„פאַר די קעז און פאַר די פּוטער
דאָ, אויבעס דאָ.
פאַר די מאַסלינקע און ברינדזשע
דאָ, סאַקע דאָ.״

דערנאָך איז שוין געגאַנגען דאָס ניט־גוטע:

„ניטשיינע״ האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויבעס דאָ!
פאַר דעם רב און פאַר דער רביצין —
אונז צו לאַנגע יאָהר!
אויס שבתים און יום־טובים
דאָ, סאַקע דאָ!...

— מערע, דו הערסט? — איז סענדער אויפגעשפּרונגען

און צוגעמאַכט דאָס תהילימל, — דער רב — זאָגט זי, אַפּנים דער מורה־הוראה —

מערע איז בלאַס געוואָרען. זי האָט געוואָרט אויפן מורה־הוראהס ברכה ניט ווייניגער פאַר פאַנדרען—איהר מאַן. דערפאַר האָט זי אַצינד אַרויסגעשטעקט איהר באַטיכעלטען קאָפּ־האָר פון פענסטערעל און געגומען מאַניען חיה־שרהקען צום שטוב:

— חיה־שרהקע, חיה־שרהקע, נאַדיר אַ קאָפּיקע!

חיה־שרהקע די משוגענע איז גלייך צוגעלאָפען מיט איהר אייביגען ברודנעם פעקעלע אין האַנט און מיט איהר פאַרשטאַרטער לאַכעדיגקייט אַרום די פאַרקנייטשטע אויגלעך.

— וואו האָלטסטו דיין געלט? — האָט זי מערע אַ פרעגגעטאָן פון הינטען אַרום.

— כע—כע, כ'ווייס ניט! — האָט זיך חיה־שרהקע צעלאַכט און גענומען זוכען אַרום זיך, טאַפּען די באָרוועסע פיס. און וואָס מעהר זי האָט געזוכט, אַלץ מעהר פאַרזאָרגט איז איהר משוגענער פּנים געוואָרען, אַלץ מעהר זיינען אַרויסגעפאָהרען איהרע גראָבע חיה־ליפען.

— אָט האָסטו דאָך דיין פעקעלע אין האַנט! — מאַכט צו איהר מערע גוטמוטיג און דערלאַנגט איהר אַ גראָשען. — שטופּ אַריין אין פעקעלע, חיה־שרהקע!

— אין פעקעלע, אין פעקעלע, אין פעקעלע! — האָט זיך חיה־שרהקע דערפרעהט, ווי איינע, וואָס האָט צוריקגעפונען איהר פאַרלאָרענעם אוצר.

— און וואָס איז עפּעס דאָרטען... ביים רב? — גיט זי מערע האַסטיג אַ פרעג.

חיה־שרהקעס צעשטרויטער פּנים ווערט גלייך געשפאַנט, אין איהרע משוגענע אויגען צינדט זיך אָן אַ כיטרער פייערל. די לאַכעדיגע קנייטשעלעך צעוויגען זיך און צעשטראַהלען זיך, און פון האַלז רייסט זיך איהר אַ מטורפדיגער כאַ־כאַ און כי־כי... ס'הייסט: ווילסט ביי מיר עפּעס דערגעהן? וועסט ביי מיר גאָרניט דערגעהן!... און אַפּרוקענדיג זיך פון פענסטערל,

אויף הינטען, ביזקעל מיטען גאַס, הויבט זי אָן ווידער צו ציהען איהר נודנעם ניגונדעל:

„ניטשיינע" האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויבעט דאָ!
פאַר דעם רב און פאַר דער רביצין
אונז צו לאַנגע יאָהר!...

— דערלאַנגט מיר די שטיוועל! — איז סענדער נאָך אומ־רוהיגער געוואָרען. — כ'וועל לויפען... ס'איז ניט קיין גלאַטע מעשה.

.4

קיין גלאַטע מעשה איז עס באמת ניט געווען. וואָרים, אַז סענדער איז צוגעלאָפען צום מורה־הוראהס שטוב, איז שוין די גאַס געווען שוואַרץ פון מענשען... ער האָט שוין מעהר ניט פאַנאַנדערגעפרעגט; ער האָט זיך נאָר געשטופּט.

— וואוהין שטופּט איהר זיך, ר' איד?

— צום מורה־הוראה, אידען... לאָזט מיך!

— ער גוססט...

— לאָזט מיך, אידען! לאָזט מיך!

— לאָזט איהם, לאָזט איהם! פּססס... אַ קליינינקייט. לאָזט איהם!..

מען האָט איהם געשטורכעט און געשטויסען, נאָר איינ־ציגע אידען, וואָס האָבען גוט געקענט איהם און דעם אומ־גליק דיינעם מיטן איידעם, האָבען איהם געהאָלפען דורכצו־שטופּען זיך:

— לאָזט איהם!... אַ ביטער האַרץ.

ר' סענדער האָט אַליין ניט געוואוסט מיט וועמענס כּוח ער האָט זיך דורכגעשלאָגען ביזקעל טהיר, דערנאָך איבערן שוועל. אַפּנים, מיטן כּוח פון פאַרגעטערונג און טיעפען צער.

ווי די הרי-חושך האָבען זיך איהם אָקעגען געשטעלט: דער גבאי, דעם רבינס שטוב-מענשען... ער ווייסט נאָר, אַז ער האָט פלוצלינג דערזעהן פאַר זיך אַ הויכע וועקסענע ליכט אין אַן ערדענעם טאָפּ, דעם שמש פון חברה-לויה מיט אַ פוכיגער פע-דערפּל אין האַנט און דעם מורה-הוראהס איינגעפאַלען געזיכט, געלב-גרוי, ווי מיט ערד געמישט; פאַרשאַרטע זילבערנע ברעמען אונטער דער יאַרמעלקע, פאַרוואונדערטע ברעמען... איינגעזונקענע פאַרמאַכטע אויגען, און די לעפלעך איבער זיי זיינען טונקעל-בלוי... דעם מורה-הוראהס עלטערען זוהן מענדלען, דעם יורש פון זיין כסא הרבנות, וואָס האָט ערשט דאָ ניט לאַנג באַקומען סמיכה אין ליובאַוויטש... די רביצין...

ר' סענדער, דער „געבריכיגער" באַלעגאָלע, מיטן איידעמס בריעף פון אַסטראָג אין קעשענע, מיט דעם אומגליק פון זיין אייגענער הויז אויף די אַלטע פּלייצעס, האָט זיך מיטאַמאָל דערפיהלט אַזוי קליין, אַזוי נעבעכדיג אַקעגען דאָס גרויסע גע-שעהעניש דאָ, ניט אַנדערש, אַז זיין שטומער צער און זיין חסידישער אימפּעט האָבען איהם אַהער אַריינגעטראָגען. אין האַרצען האָט איהם פאַרקוועטשט, ווי ביי אַ אידענע פאַרן חלשן:

— רבינו! — האָט ער אַ כליפּ געטאָן און אומגערען געטאָן אַ טראָט צום בעטעל.

— ששש! — האָט אויף איהם עמיצער געגנומען זידען ווי אַ שלאַנג. — עכ-הא, ץ!

דער גבאי—הפנים.

אָבער סענדערס אָנגעוועהטאָגט האַרץ האָט זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען.

— ר... ר... רבינו! — האָט ער נאָך שטאַרקער אַ כליפּ געטאָן און נאָך אַ גרעסערען טראָט געמאַכט צום בעטעל. זיינע באַלעגאָלישע שטיוועל האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער היי-ליגער שטילקייט פון דער גסיסה. אונטער אַלעמענס פאַראַכטע-דיגע בליקען האָט דער בייטש-שטעקעל אָנגעקלאַפּט אויפן פאַר-שלאָסענעם טויער פון רחמים...

און ס'איז געשעהן אַ נס. אַלע אַרום זיינען פאַרציטערט געוואָרען. דעם רבינס אַראָפּגעפאַלענע אויגען־פאַרטוכלעך האָבען זיך אויפגעשפּאָלטען, געגומען הויבען זיך, ווי שווערער בליי. אַ פּאָר מאַטע אויגען האָבען אָנגעקוקט דעם כליפּענדיגען באַלעגאָלע, אַזוי פרעמד און אָפּוועזענד, פון יענער־זייט וועלט. דערקענט איהם. פון אָפּגעשטאָרבענעם גוף איז אויפגעשוואומען אַ שוואַכער קול:

— סע־ענ־דער!

— געה־צו! — האָט מען איהם פון דער זייט, ניט־פאַרזינעריש, אַ שושקע געטאָן, — נו!...

סענדער האָט ווייטער אַ סמאָר געטאָן מיטביידע באַלעגאָלישע שמיוועל.

— ששש־אַ! — האָבען איהם בייז־שיפּענדיגע קולות מתרה געווען.

אָבער סענדער האָט שוין מעהר קיינעם ניט געהערט. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ער שטעהט שוין הארט ביים פאַרשלאָסענעם טויער, וואָס האָט זיך אַצינד קוים־קוים געעפענט פאַר איהם. מיט זיין הויכען האַמעטענעם וואוקס האָט ער זיך איבערגעבויגען איבער דעם מורה־הוראהס בעטעל און צעיאָמערט זיך, ווי אַ אידענע:

— ר־ר־רביניו! אויף וועמען? אויף וועמען... בה־הו־הו...

משמעות — ער האָט געוואָלט זאָגען: „אויף וועמען פאַרלאָזט איהר אונז” און ניט דערזאָגט.

דעם רבינס האַלב־אָפּגעשטאָרבענע אויגען האָבען זיך נאָך מעהר אויפגעריסען. עפּעס אַזוי מוראדיג פּוסט און פאַרוואונדערט האָבען זיי אַצינד געקוקט. סענדערן האָבען גלייך די טרעהרען אויסגעטריקענט. ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען קוק. קיין טרייסט איז איהם ניט געווען, קיין ברכה, קיין במחון. אַן אָפּגרונט!...

ווי אַ מענש וואָס טרינקט זיך, האָט סענדער אויסגעצויגען דעם האַלז, כדי צו כאַפּען לופט. איהם האָט זיך געדוכט,

אַז דער אָפּגרונט ציהט איהם, רופט איהם: „קום, סענדער! מיט מיר, סענדער! מיט מיר צוזאַמען...״

אַ שטרענגע האַנט האָט סענדערן אָנגענומען פאַרן אַרבעל און אָפּגעפיהרט פון בעטעל. די שטיוועל, דאַכט זיך, געהען און די אויגען ציהען זיך אויף צוריק... אַזוי האָט ער זיך פון שמשל, געלאָזען פיהרען, ווי אַ קליין קינד, דורך אַלע טהירען, ביז איבערן שוועל...

ווייטער אַ שטופעניש, אַ שטורכעניש. ניט-פאַרגינערישע אויגען פון ניט-צוגעלאָזענע, בכבודיגע חסידים. נאָר אַצינד האָט זיך שוין סענדער מעהר ניט געשטופט מיט די עלענבויגענס. צוליב וואָס? דער לעצטער אָנהאַלט האָט זיך צעבראָכען. די לעצטע הילף איז פאַרשוואונדען. דעם רבינס האַלב-געשטאָרבענע אויגען האָבען געשוועבט פאַר איהם. פאַרוואָס האָבען זיי אַזוי פינסטער געקוקט אויף איהם?... „סענדער״, האָט ער צו איהם געזאָגט, ווי פון אַ קבר אַרויס. „סענדער!״ און מעהר גאָרניט.

אויף דער פרייער גאַס האָט איהם שוין אָפּגעוואַרט חיה-שרהקע די משוגענע. די פאַרשוואומענע אויגלעך איהרע האָבען זיך געוואָרפען אין אַ כיטרען געלעכטערעל און אין אַ נעץ פון קנייטשעלעך. ווי אַ מיאוסע מחותנתטע וואָס וואַרט אָפּ די כלה, ווען זי געהט פון מקוה און ווינשעוועט איהר צו, אַזוי האָט איהם חיה-שרהקע צוגעזונגען. אָנגעהויבען האָט זיך מיט די בענקעניש פון איהר אַמאָליגען לעבען, קלאָרערהייט, מיט זוסיע דעם מילכיגען:

פאַר די מאַסלינקע און ברינדזע
דאַ, אויכעט דאַ!

און פאַרענדיגט האָט זי מיט אַ משוגענעם אָנזאָג:

„ניטשיינע״ האָב איך אַ קוק געטאָן
דאַ, אויכעט דאַ!
פאַר דעם רב און פאַר ר׳ סענדערן —
אונז צו לאַנגע יאָהר!...
אויס שבתים און יום-טובים
דאַ, טאַקע דאַ.

אין פרעמדען שפאַן

.1

זינט דער אַלטער מורא־הוראה איז געשטאָרבען, איז די כמאָרע איבער סענדערס הויז נאָך געדיכטער געוואָרען. סענדער האָט באַשיינפערליך געזעהן, אַז דער מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון איהם.

פאַרשטאָפּט איז געוואָרען דער קוואַל פון ברכה, אויסגעלאָשען די הויכע הבדלה־ליכט, וועלכע האָט איהם שטענדיג געלויכטען, מיט טרייסט און מיט שפע, אַ פולע וואָך.

פאַרשאָטען מיט ערד זענען די ליפּען, וואָס האָבען שטענדיג געבענשט; פאַרפּלאָנטערט אין תכריכים איז די איידעלע האַנט, וואָס האָט אַריינגעפיהרט, אין זיין האַלב־איינגעפאַלענער הייזקע, נחת־פאַנדרען מיט זיין פרישער גבורה, צו זיין איהם אַ שטיץ און אַ זייל אויף די עלטערע יאָהרען.

אויף דעם מורא־הוראהס פּאָטער־שטוהל האָט מען אָפּילו אַוועקגעזעצט זיין יורש, מענדלען. נאָר סענדער האָט צו אָט דעם מענדלען קיין צוטרוי ניט.

סענדער געדענקט נאָך זעהר גוט, ווי מענדעל, דער נייער מורא־הוראה, פלעגט קריכען צו איהם אין וואָגען, פלעגט רייסען סטרונעס פון די פערדישע עקען... אָט דאָ ניט לאַנג, דאַכט זיך, איז עס געוועזן!... ער האָט אָפּילו ניט איינמאָל אָנגעפּאַטשט מענדלען איבערן קורצען הינטען, אויף די אויסגעריבענע

מייטקעס. און מיטאַמאָל גאָר איז אָט דער זעלבער מענדעל־מיטן געפּאַטשטען געזעס, געבליבען זיצען אויף דעם טאַטענס כסא־הרבנות !...

היינט די צורה אַליין! קיין הדרת־פּנים איז ביי מענדלען ניטאָ: די הויכע איידעלע וואוקס פון זיין טאַטען, עליו־השלום, די לאַנגע באָרד, די רוהיגע אויגען, די שמאָלע האַנט, וואָס רוקט זיך אַרויס פון דער זומערדיגער ציצענער קאַפּאָטע מיט די טערקישע קווייטען, ווי אַן איינגעדאָרטע בלום — קיין זכר איז דערפון ניט געבליבען! אויסגעוואָקסען איז מענדעל אַ קליינינ־קער, מיט אַ גרויסען קאָפּ, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען. אין די אומרוהיגע בולטע אויגען איז ניטאָ קיין זיכערקייט. און טהוט מענדעל אָן דעם טאַטענס איבערגעניצעוועטע סייבעלנע שטריימעל, זעהט ער אין איהר אויס, ווי אַ פּייג אונטער אַ דעכעלע. ער פּיהלט עס, אַפּנים, אַליין, און קען די עלטערע בכבודיגע חסידים גלייך אין די אויגען ניט קוקען.

אויסער דעם, אין די בחורשע יאָהרען, איז אָט דער מענדעל געחען געכאַפּט אויף דער מעשה, אויף לייענען לשון־קדשדיגע ביכלעך. זיינע ברידער, וועלכע זענען זיך צעפּאָהרען אין די גרויסע שטעדט. זענען גלאַט אַפּיקורסים. הייגט ווי אַזוי זאָל ר׳ סענדער אין איהם גלויבען?

מענדלעס משפּחה־לעבען איז אויך ניט פון די גליקליכע. זיין ווייב האָט שטענדיג לעבער־פלעקען אויפן פּנים און איז אַ מרה־שחורהניצע. דאָס מיידעלע זיינע, ווען זי ווערט אין כעס, פּאַ״ט זי אַנידער אויף דער ערד און צאַפּעלט און שלאָגט מיט הענטלעך און פיסלעך און די ראָפּע שלאָגט איהר פון מיילכעל, ווי ביי אַ „געפּאַליגער״. און ביי זיין עלטערען איינגעלע וואַקסט אַ הויקער אויף דער רעכטער לאָפּעטקע. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פון אַן אָנוואָקס, אַזוי גרויס ווי אַ ניסעל. און אַצינד איז עס שוין, נעבאַך, אַזוי גרויס ווי אַ האַלבע חלה. ער געהט מיט אַ זייטעל און די חדר־אינגלעך קרימען איהם איבער. די יונגע רביצין פאָהר׳ט מיט איהם אום, פאַרשוואַרצטערהייד, צו דאָקטוירים. און מענדעל זיפצט, ציהט אַ האָר פון דער קיילעכ־

דינער שוואַרצער בערדעל און שאָקעלט זיך איבער אַ ספר. ווי אַ קרום בוימדעל איז זיין לעבען אַרויסגעוואַקסען פון די דבנישע, אַלטע וואָרצלען; ווי אַ קרומער נוס־בוים איבערן קבר פון זיין גרויסען טאַטען. אַ מענש קען זיך אַליין ניט העלפען, היינט ווי אַזוי זאָל ער העלפען אַ נדערע?

די איינציגע זאַך, וואָס גיט נאָך מענדעלען צו אַ געהיימניספולע ווערדע, איז דער „תזכרו" פון קריאת־שמע... בשעת מענדעל דאַווענט און דערגעהט אין קריאת־שמע צו „למען תזכרו", קוועטשט ער דעם „זין" מיט אַלע פאָדערשטע ציינער:

— למען תזזזזכרו! תזזז...

פונקט ווי ער וואָלט געשלייפט אַ צעראַצטען שטאָלענעם מעסער אָן אַ נייעם שאַרפשטיין. שפּיציגע זאַמד־שטיינדלעך, דאַכט זיך, און פונקען שיטען זיך אַרום איהם. דער אָטעם גהט איהם גאָרניט אויס:

— תזזזזכרו!

קיין שום ליובאַוויטשער חסיד אין דער וועלט איז ניט בכח נאָכצומאַכען אַזאַ זעגענדיגען־זידענדיגען, זשומענדיגען „זין". יעדער פרומער איד גיט אַביסעל אַ קוועטש דעם „תזכרו" אין קריאת־שמע. אָבער ווי קומט דאָס צו מענדעלעס שאַרפשטיין!

נאָר צוליעב איין „תזכרו" אַליין קען מען נאָך אינם פרישגעבאַקענעם מורא־הוראה קיין בטחון ניט האָבען. ניין; דערצו איז שוין ר' סענדער אַביסעל אַלט־געבאַקען...

און דערווייל זיצט נח־פאַנדרע אין אָסטראָג און צום משפט איז נאָך ווייט. פון ביידע זייטען, סיי מצד דעם פריסטאַוו, ימח־שמו זאָל ער ווערען, סיי מצד פאַנדרען און זיין אַדוואָקאַט — האַלט מען אין איין קלייבען עדות, אידישע עדות און גוייִשע עדות. מען זוכט אויס אויף פאַנדרען, וואָס אין אַ קאָרט. אַלע זינד פון זיין אומרוהיגער בחורשאַפט ביז היינטיגען טאָג. זיין אַמאָליגען שכורען, זיין שלאָגען זיך. זיין מאַכען סקאַנדאַלען אונטער פענסטער פון באַלעבאַטים אום יום־טוב, דאָס אַרויסשלעפען צוויי נאַקעטע מענשען ביים קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק... אַלץ, וואָס מען האָט געקענט אויסזוכען צו פאַרשוואַרצען

זיין נאָמען, איז געוואָרען אויסגעזוכט. און אַ קאַשע האָט זיך פאַרקאָכט, אַז גאָט זאָל שומר-ומציל זיין!

איין קליינינקייט!... מען באַשולדיגט איהם, פאַנדרען, אַז ער האָט זיך צעיושעט, ווי זיין שטייגער איז, און געשלאָגען פאָליציי, בשעת יענע האָט געטאָן איהרע פליכטען אויף דער אידישער שרפה. געשלאָגען די סטראַזשניקעס און אויפגעהויבען אַ האַנט אויף דעם פריסטאַוו אַליין. אַ סימן איז — דער אָפּגעריסענער קנאָפּ פון אַרבעל... אַ שעהנער סימן! אַזאַ סימן שמעקט, זאָגט מען, מיט „סימביר“, מיט אַרעסטאַנטסקע ראָטעס.

סענדער דערצעהלט ניט מערען, ווי עס האַלט מיט איהר מאַן. זי איז דאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אין אַכטען חודש. זי טאָר זיך צופיעל צום האַרצען ניט נעמען. ס'קען חס-ושלום טרעפען אַ סיבה... דערצעהלט מען איהר דערפאַר באָבע-מעשיות: אָט מאָרגען, איבערמאָרגען, אין אַ וואָך אַרום וועט פאָניעס גערעכטיגקייט אַרויסשווימען, ווי בוימעל אויף וואַסער, און פאַנדרע וועט קומען אַהיים!... סענדעריכע, די מאַמעלע איהרע, היט אָפּ מערען אויפן מאַרק, און סענדער — אין גאַס. פאַר „גוטע שכנים“ היט ער זי. טאַטע-מאַמע האָבען מורא, מען זאָל איהר ניט אונטערטראָגען די „פאָטשט“, מען זאָל זי ניט איבער-שרעקען...

און דאָ שטעהען נאָך דריי פערד אויף האָבער. אַמאָל דער, אַמאָל יענער סוס מוז איינגעשפּאַנט ווערען אין פייע-טאָנדעל, כדי צו פיהרען „שודאַקעס“ צום פאַרעכאָד, און אָנגעקומענע געסט — אויף אכסניות. ס'איז נאָך אַ נס, וואָס ס'איז שוין נאָך-פסח צייט; ברויכט מען ניט צו שפּאַנען דריי פערד צום שליטען, שלעפּען זיך דרייסיג וויאָרסט קיין אָרשע און צוריק און איבערלאָזען די שטוב, אַ גאַנצען מעת-לעת, אויף די צוויי פאַרחשכטע, פאַרהאָרוועטע ווייבער...

און ווער עס זאָל העלפען איז ניטאָ. באַלעבאַטים האָבען אָפּגעגעבען יעדערער זיין נדבה פאַר פאַנדרעס אַדוואָקאַט און האָבען זיך באַרוהיגט. אָפּגעטאָן אַ מצוה און אַראָפּ פון מאַרק. די באַלעגאָלעס אין צעך קלאַפּען מיט די בייטש-שטעקלעך אין

טיש אַריין, טומלען און האַרמידערן, ברומען ווי פֿון פּוסטע פֿעסער אַרויס. דערנאָך צעפֿאָהרען זיי זיך, יעטוועדערער מיט זיין פֿערדעל אין זיין זייט... סענדער וואָלט שוין אַראָפּגענידערט פֿון זיין באַלעגאָלישער ווערדע אין יאַטקע אַריין, צו פֿאַנדרפֿס געוועזענע חברים, צו שמחהלע טורערו, למשל, אויסגיסען דאָס האַרץ. אָבער זינט דער מורא-הוראה איז נפטר געוואָרען געהט אַלץ קאַפּויר. וואו סענדער ריהרט זיך צו — דאָרטען רייסט זיך אָפּ אַ שטיק און פֿאַלט אין כף-הקל אַריין. וואָרים אין אָסטראָג האָט מען, אַנומעלטען, אויך שמחהלע טורערו אַריינגעזעצט. אַלץ פֿאַר דער שרפה ביים נייעם-נגיד...

ס'האָבען זיך געפֿונען שטאָדטישע פּויערים, וואָס האָבען אַליין געזעהן, מיט די אייגענע אויגען, ווי שמחהלע האָט זיך, נאָך האַלבע נאַכט, געדרעצדט אַרום דעם נייעם-נגידס שטאַל. טאַקע אין יענער נאַכט, ווען די שטאַל האָט אָפּגעברענט. ער האָט כלומרשט פֿאַררויכערט זיין פּיפּקע, שמחהלע, אָנגעשפּאַרט זיך אָן ווינקעל און שוועבעלעך געריבען... און וויפֿיעל דאַרף אַ הילצערנע שטאַל, וועלכע איז אָנגעפּראָפּקעט מיט שטרוי? איין אָנגעצונדענע שוועבעלע אַ וואָרף אונטער דער אָפֿענער קראָקווע און פֿאַרטיג! געברענט האָט די שטאַל, אין אָנהויב, טאַקע פֿון דאַך-ווינקעל צום גאַס-צו...

זיי דערצעהלען, די עדות, אַז ווי נאָר שמחהלע האָט זיי דערזעהן, האָט ער אויסגעלאָשען די שוועבעלע און האָט זיך באַהאַלטען. דערנאָך איז ער ווידער אַרויס און גענומען רייבען שוועבעלעך. אָה, זיי האָבען געטשיקעוועט! זיי קענען שווערען אויפֿן צלם... און, איידער זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ האַלבע גאַס אַראָפּ, האָט שוין פֿון שטאַל געזעצט אַ רויך...

— פֿאַרוואָס דוקא שמחהלע טורערו? אפשר אַ טעות? ס'איז דאָך געווען פֿינסטער, נאָך האַלבע נאַכט...

— ס'איז טאַקע געווען נאָך האַלבע נאַכט, אָבער דער שניי האָט גוט געלויכטען. און ווער קען דאָס ניט דעם קצב מיט דער באַראַשקענער שפּיציגער היטעל ביז איבער די אויערען? ס'איז שמחהלע, ניט קיין אַנדערער!

און נאָך עטליכע גויעצלעך האָבן זיך אָפּגעזוכט: דער האָט געהערט. דער האָט געזעהן. דעם האָט זיך געדוכט. דער האָט געהערט, אַז יענער האָט געזעהן. אַ גלוסטעניש צו זאָגען עדות איף אידען האָט אָנגעכאַפּט די גויעשקע שכנים אין שטאָדט, ווי די תאוה זייערע נאָך פסחדיגען ספּירט און נאָך געפילטע אידישע פיש...

דער שווערער חשד, וואָס איז געהאַנגען איבער שמחהלען האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען די מאָהליווער „אָבצעסטווע", וואָס האָט געזאָלט אויסצאָהלען סטראַכאָווקע, האָט אַ נעם געטאָן אריפּן צימבעל דעם נייעם-נגיד שטוב-מענשען: מיכאַלקען דעם גויצשען משרת און די אידישע דינסטמיידעל.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז שמחהלע טורערו האָט גע-סטראַשעט בשעת די „מורקע", ס'הייסט: דעם נייעם-נגידס קראַנקע בהמה — האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע קצבישע הענט. ער האָט בפירוש געסטראַשעט, אַז די בהמה וועט שוין קיין גאַנצע ניט בלייבען, און אַלס אַן אויפגאָב האָט ער מכבד געווען מיכאַלקען מיט אַ רעכטען ריב אין זייט אַריין. דריי טעג האָט זיך מיכאַלקע פון אָרט ניט געקענט ריהרען.

— פאַר וואָס זשע האָט מיכאַלקע ביז איצטער געשוויגען?

— גוטע מענשען האָבען אַזוי אַן עצה געגעבען... שמחהלע דער קצב איז אַ ראַזבאָיניק. אַלע האָבען פאַר איהם מורא...

דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, צוזאַמען מיטן קאָנטראָליאָר פון דער מאָהליווער „אָבצעסטווע", האָבען די אַלע פאַרדאַכטען גוט צוזאַמענגעשטוקעוועט: איז אָט, הייסט דאָס, ווי שקלאָווער אידלעך פיהרען זיך אויף! זייער חוצפה, זייער גזלעוואַטע! דער איינער שלאָגט אַ פּראַוואָסלאַוונעם און צינדט אונטער אַ שטאַל און סטראַשעט צו דערהרגענען, אויב מען וועט אויסזאָגען...

און דער צווייטער, דעם אונטערצינדערס אַ חבר, שלאָגט פּאָליציי און רייסט אָפּ פּאָפּאָגעס!... זאָל זיך טאַקע „יעהאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ", דער מאָהליווער גובערנאַטאָר אַריינ-

מישען און מעהר ניט צולאָזען, אַז פּראַוואָסלאַוונע זאָלען אַזוי פאַרשקלאַפט ווערען ביי אידען.

און מאָהליווער נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך גנאָדיג אַריינגע־מישט, אַראָפּגענידערט פון דער גובערנסקער שטאָדט אין שטעדטעל אַריין, און אַרעסטירט אויך שמחהלע טורערן, פאַנ־דרעס חבר.

זיצען זיי, נעבעך, ביידע, די געוועזענע גוטע ברידער פון יאַטקע און פון טרונק־בראָנפען, און וואַרטען אויף זייער משפט; יעדערער מיט זיין בלבול אויפן קאָפּ. און אַ סברה איז, אַז פאַנדרע, דער באַשיצער פונם נייעם־נגיד און פון זיין בהמה, איז מעהר אין סכנה פאַרשיקט צו ווערען אויף אַרעסטאַנטסקע ראָטעס, ווי שמחהלע טורערו, דער אונטערצינדער...

.2

אַלס אַ צוגאָב צו ר׳ סענדערס צרות אויף די עלטערע יאָהרען איז נאָך אָנגעקומען פון פאַנדרען אַ בריעף מיט אַ יללה איבער דער מורה־הוראהס פּטירה. ווצה געשריען! זיין מורה־הוראה, וועלכער האָט איהם אויסגעלייזט פון פּריזיוו, מיט וועמענס כח ער איז אַרויס פון יאַטקע. אָט דערזעלבער מורא־הוראה, וועלכען ער האָט אין מאָהליוו, אויף זיינע אייגענע אָרעמס, אַרויפגעטראָגען אין שפּיטאָל צו דער אָפּעראַציע, ווי מען טראָגט אַרויף אַ קליין קינד... אוי און וועה. אַצינד ווייסט ער שוין, פאַנדרע, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער. וואָס איהם אַדוואָקאַט, חען אַד־וואָקאַט! ער וועט שוין פון פּאָניעס העגט קיין גאַנצער ניט אַרויס...

אָנגעשריבען איז דער בריעף געוועזען אויף אַ פאַרשטעלטען צעקאַליעטשעטען אידישען־רוסיש. ווייזט אויס — דורך אַ צווייטען אַרעסטאַנט אין אָסטראָג. וואָרים ווי קומט פאַנדרע צו שרייבען רוסיש?... ביי סענדערען אין שטוב האָט אויך קיינער קיין גויעש ניט געלייענט. האָט דאָס ר׳ סענדער אָוועקגעטראָגען, מ מ

אַ קלאַפּנדיג האַרץ, צום נייעם נגיד. דעם נייעם-נגידס בנאָק, וועלכער געהט אין שטאָדט-שול, זאָל אַזוי גוט זיין און איבערלייענען.

דעם נייעם-נגידס מיטעלסטער זוהנדעל — אַ צעלאָזענע בריאה מיט אַ פאַרשטאָפּט נעזעל און מיט אַ רימענעם פּאַסעק אויף די דאַרע לענדען, איבער דער גרויער שול-קורטקע, האָט גראָד געהאַלטען אין רעכטען מיטען טשעפּען זיך מיט זיין אינגסטער שוועסטער. די אינגערע שוועסטער האָט געהאַט אַ צונעמעניש „ציעג", וואָס האָט איהר גענומען דעם לעבער... זי איז באמת געווען אַביסעל עהנליך צו אַ ציעג מיט איהר אַרויסגערוקטער שמאָלער גאָמבע און מיט די פּערעל-באָמבעלעך און די אויסגעצויגענע בלאַסע אויערען. און ווען זי געהט און די באָמבעלעך שאָקלען זיך, איז זי גאָר עהנליך... און קייען קייט זי, וואָס-ניט-איז, אַ גאַנצינקען טאָג. אַ מאַנדעל-בויגעלע, אַ סוכאַריקעל, אַ דאָס, אַ יענעס. דער דאָקטאָר האָט איהר געהייסען עפּעס קייען אַלע פּאָר שעה, כדי זי זאָל זיך „פּאָפּראַווען". קייט זי און באַוועגט מיט ציגענע העויות די אונטערשטע בלאַסע ליפּ און די באָמבעלעך שאָקלען זיך.

דער שול-תלמיד, איהר געראָטענער ברודער מיטן פאַר-שטאָפּטען נעזעל, האָט איהר דאָס מאָל אַוועקגעלעגט אַ שטיקעל „משניות" מיטן אמתן ניגון פון אַ קלויזניק. ער האָט זיך דערביי געצופּט די בלאַסע גאָמבע זיינע, ווי אַ ישיבה-בחור צופּט זיך דאָס שיטערע בערדעל, ווען ער לערנט, און צוגעזונגען גאָר מיושבדיג:

קאָזי קאָזינע,
שהלך לגינה
ואכלה לבעטשתינע,
אָמר רבינא —
מאי דינא?
נוטל דובינע,
והכה לקאָזינ...

ביים בחורל איז דאָס, דורכן שטענדיג־פאַרשטאָפּטען נעזעל־ אַרויסגעקומענע מיטן „דלד" אָנשטאָט א „נון": קאָזי קאָזידע שהלך לגידע, ואכלה לבאָטשווידע... און מיט אַ זופּ אין זיך, אַריין נאָך יעדען „דלד". און ס'האָט געזאָלט הייסען: אַ ציעג אַ ציגעלע, וואָס איז אַריין אין גאָרטען, און האָט אויפגעגעסען די באָטשווינע. פרעגט רבינא: וואָס איז דער דין? מ'נעמט אַ דוּבינע און מען איז מכבד די „קאָזינע". די ציעג, הייסט דאָס...

די גערעטענע מויד האָט ניט קלאָר פאַרשטאַנען דעם טייטש פונם שטיקעל „משניות". נאָר יעדער גראַם האָט זי געטראָפען, ווי אַ קויל אין האַרצען. צעפוקעט און צעזעצט איז זי געוואָרען. האָט זי זיך געיאָגט נאָך איהר גערעטענעם ברודער, דעם בעל־דרשער, מיט אַ טעפען קאַלאָש אין האַנט, כדי צו וואַרפען דעם „בראַטאָק" אין קאָפּ אַריין, און דערביי האָט זי נאָך געמעקעט.

— זע—עה, מאַמע! ער טשע—ע—ע—פּעט זיך!

האָט דער גערעטענער בחור מורא געקראָגען פאַרן טיעפען קויטיגען קאַלאָש און צוריק געשריען:

— זעה, מאַמע, די צי—י—י—עג!

באַהאַלטען זיך אין קאָכשטוב, הינטערן פריפּעטשאָק, האָט זיך דער גערעטענער ברודער דערפיהלט אַ ביסעל זיכערער און האָט דער גערעטענער שוועסטער אויסגעזונגען אַ נייע וואַריאַציע:

אמר רב אחא:
נוטל פּליאַכע
והכה לקאָזאַכע...
מעה—ע—עה! — — —
אוי! מאַמע!

פאַרוואָס עפּעס „אוי מאַמע" אין מיטען דערינען? ווייל דער טיעפער קאַלאָש פון דער שוועסטער האָט איהם פאָרט דערטאַפּט, דערלאַנגט איהם פּלוצלונג איבערן קאָפּ און איבער־געריסען, אין רעכטען מיטען משניות... און די „ציעג" אַליין

שטעהט נאָך אַקעגען איהם, איהרע קאָזע־אויגען שפּאָטען, איהר אויסגעצויגענע גאָמבע מעלה־גרהט אַ מאַנדעלבויגעלע, און איהרע אוירינגלעך באַמבלען צו:

— אַ—האַ—אַ!

אויף דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער סצענע פון צאַרטליכקייט צווישען נגידישען ברודער און נגידישער שוועסטער איז גראָד אָנגעגאַנגען ר׳ כענדער מיט פאַנדרעס האַרטען בריעף.

אין כעס אויף דער „ציעג" האָט זיך דאָס געראָטענע בחורל, מיט סימנים פון קויטיגען קאַלאָש אויפן שטערען, לאַנג געבריקעט, געבורטשעט, ניט געוואָלט לייענען קיין באַלעגאָלישען בריעף; ביז ריקליע, דאָס אידישע דינסטמיידעל מיט איהר גוטע האַרץ, און די מאַמע — די נגידיתטע מיטן זויערען פנים, האָבען זיך אַריינגעלעגט אין ענין, און איינגעבעטען דעם געראָטענעם בחורל ער זאָל טאָן אַ אידען אַ טובה.

האָט דאָס בחורל גענומען לייענען הברות־ווייז, איבערגעקרימט דעם שלעכטען רוסיש און געטייטשט מיט משונהדיגע אידישע ווערטער. און די מאַמע און די טאָכטער מיט די באָמבעלעך האָבען אונטערגעכאַפּט און געהאָלכען טייטשען.

ר׳ סענדער איז געזעסען אין דער נגידישער קאָכשטוב אויפן טרפהן בענקעל, ווי אַ בעטלער, און מיט האַרצקלעמעניש צוגענומען יעדען וואָרט און יעדען טייטש, ווי אַן אָרימאַן — אַן אָבגעריבענע נדבה. די טייטשען־נ׳בות האָבען זיך געקליבען, ביזקעל סוף בריעף, שווערע און מגושמדיגע, ווי אַלטע גראָשענס פון יעקאַטערינאַס צייטען. זייער שווערקייט האָט ער דערפיהלט אַזש אונטערען גאַרטעל... און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן מיטן צעכנייטשטען בריעף אין האַנט, האָט ער שוין קלאָר געשפּירט, אַז דער אַלטער, גריזשענדער פעהלער — דאָס „געבריך" — ציהט און שניידט איהם, ווי נאָך יענעם יום־כפור, ווען פּייוקע, אוריס האָט איהם אַ בריק געטאָן מיטן פיסעל אויף צוריק... וואָס וועט זיין אַצינד? ווען אַזאַ יונג ווי פאַנדרע האָט פאַרלוירען דעם בטחון, היינט וואָס זאָל טאָן אַזאַ אַן אַלטער, קראַנקער איד ווי סענדער איז?

די בעסטע זאַך וואָלט געווען אויסליגען אַצינד דעם ווערטאָג, צולעגען אַ הייסען קאָמפּרעס און זאָגען תהילים... פון דער פּראַקטיק ווייסט סענדער, ווי דאָס הײלט, ווי דאָס באַרוהיגט. אָבער אויסליגען זיך האָט מען איהם ניט געלאָזען. פאַנדרעס משפט אין „אָקרוזשנאָי סוד" האָט זיך אָנגערוקט צוליך נאָהענטער. דאָס קומט אַ שליח פון מאָהליוער אַדוואָקאַט, אויספרעגען איהם און סטראַשען אַגב, אַז אויב מען וועט ניט סילוקן דאָס רעשט געלט, וועט ער איבעררייסען די „אַרבייט"... און דאָס שיקט נאָך איהם דער נייער פּריסטאַוו, ימח־שמו, סענדער זאָל זיך מטריח זיין אין סטאַן. ביידע צדדים ציהען פאַרן צונג און ציהען דעם קליאָק פון די ביינער. איין צד, נדי צו פאַרטיידיגען פאַנדרען, און דער אַנדערער צד — צו באַגראָבען איהם.

און וואָס נעהענטער עס ווערט צום משפט, אַלץ ווייטער רוקען זיך אָפּ די חשובע באַלעבאַטים פון ר' סענ־ערען. די מיילער ווערען שווייגענדיגער, די אויגען – פאַרשעמטער. סענדער פיהלט דאָס גוט און זעהט דאָס זעהר גוט דורך זיינע מעשענע שפּאַקולען. יעטוועדער האָט מורא פאַר זיך, האָט פּחד צו שטעקען אַ פינגער אין הייסען טאָפּ. הויב זיך נאָך אָן מיטן נייעם פּריסטאַוו! ער זאָל זיך נאָר דערוויסען, וועט ער יעדערען אַריינגעמען אין „שפּיעל". אויף גאַנץ שטאָדט וועט ער זיך אָנוצען פאַר זיין יונסקען אָפּגעריסענעם קנעפּעל.

די גאַנצע אַחריות פאַר פאַנדרען זיין איידעם, וואָס דאַרף געמשפט ווערען, און פאַר מערען זיין טאָכטער, וואָס דאַרף געלעגען ווערען, איז אַזוי געפאַלען אויף סענדערס האַלז און איהם צוגעדריקט. ער האָט אינגאַנצען אָפּגעלעזען די לייצעס פון זיינע דריי פערד. און אין שטוב האָט זיך שוין געפיהלט אַ דוחק...

האָט ער גענומען זוכען אַ קונה אויף זיין קליאַטשע, אויף „דזשירקעליכען", און ניט געפונען. צום זומערדיגען יאַריד מיט די אָנגעפאָהרענע, ניט־שטאָדטישע קונים איז נאָך געווען ווייט. האָט איהם „קושקע־בראַנד", זיין קאָנקורענט, געגעבען אַן

עצה ער זאָל דערחיילע אויסבאָרגען זיינע פערד און טיילען די פרנסה אויף דער העלפט.

זינט ר׳ סענדער איז אַ באַלעגאָלע אויף דער וועלט האָט ער קיינמאָל ניט אויסגעליהען זיינע פערד. „עס ווייסט אַ צדיק די זעל פון זיין בהמה״... און דער גוטער באַלעגאָלע ווייסט ווי פרעמדע לאַפּעס ציהען אָן די לייצעס, ווי פרעמדע בייטשען שמייסען... אָבער די נויט האָט געצוואונגען — האָט ער גענומען אויסבאָרגען צמאָל „שמאַרעוואָזען״, צמאָל „דזשירקעליכען״. אָבער נאָר די עלטערע אין צעך האָט ער זיי אויסגעבאָרגט. עלטערע באַלעגאָלעס פאַרבּרען זיך ניט מיטן פייפענדיגען אַרויספאָהר און מיטן קנאַקעדיגען אַריינפאָהר. עלטערע שאָנעווען אַ לעבעדיגע זאַך...

נאָר איין „שמענדריקען״, אַט דעם דינפיסיגען שטיפער, אַט דעם „איידעמעל אויף האָבער״, וואָס סקאַליעט די פערדישע ציינער, ווען מען מוסרט איהם, איהם האָט סענדער קיינעם ניט פאַרטרויט. ווי אַ בן-זקונים האָט איהם סענדער געהאַלטען. זאָל ער בעסער עסען אומזיסטע היי און ניט געהן אין פרעמדען שפּאַן.

נאָר איינמאָל אין אַ בייזער שעה נאָכן דאַוונען, האָט זיך קושקע-בראַנד אָנגעזעצט אויף סענדערען. ער איז אַראָפּגעקומען צו סענדערס געלעגער און געבעטען ער זאָל איהם אויסבאָרגען שמענדריקען. דוקא שמענדריקען. אַט גראָד דער יונגער פערדעל פעהלט איהם, קושקען, אין שפּאַן צו זיין יונגער קליאַטשע. זיי פּאַסען זיךביידע. זיי זענען פון איין „מאַשטש״ (קאָליר) זענען זיי. ער, קושקע, האָט אויסגעכאַפּט אַ פּאָר גאָר וואַזשנע שודאַקעס — אַ פריך מיט אַ פריצטע. ער מוז זיי אָפּפיהרען מאָרגען גאַנץ פריה אויף אַ גויעשקער חתונה קיין קופּיאָל, אויפן זשלאָבינער שליאַך, בכך-הכל דרייסיג וויאָרסט אַהין און דרייסיג — צוריק. עס פּאַסט איהם ניט, קושקען, צו שפּאַנען שוואַרץ-און ווייס אָדער רויט און פּאָפּליאַטע, אַ יונגע קליאַטשע מיט אַ משא-פערד, וואָס טראָגט פודיגע פּאָדקאָוועס אויף די קאָפּיטעס און האָט קאָלטונעוואַטע „בערד״ אויף די באַבקעס... ער קען קאַליע מאַכען דעם גאַנצען עסק. אַ פריץ אַן ערל איז דיר ניט קיין שקלאָווער טאַבאַק-נאָז... ער ריכט זיך, קושקע, אויף

גאַנצע צעהן זילבערנע רובעל. אויסער עטליכע גריווניקעס אויף בראַנפען... וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען! — פּרנסה אויף דער העלפט! בראַנפען — אויף דער העלפט! האָבער נעמט ער אויך אויף זיך...

ר' סענדער האָט אויסגעהערט דעם גאַנצען דרוש קוקענדיג אין זיין אַלטען תהילימל אַריין, דערנאָך האָט ער פּאַוואָליע צוויפגערוקט די מעשענע שפּאַקולען אויפן שטערען און האָט אָנגעקוקט קושקען, דורכגענומען זיינע לעבעדיגע אויגען, זיין פאַרפרעסענעם פּנים, זיין קיילעכדיגע, זאַפרענדיגע בערדעל אַרום די רויטע באַקען, און האָט שטיל און דייטליך אַרויסגערעדט:

— איך באָרג ניט שמענדריקען!... „שמאַרעוואָזען", אויב דו ווילסט...

קושקע-בראַנד איז אָבער ניט פון יענע, וואָס לאָזען זיך אָפּשטופען מיט אַ וואָרט. בפרט, ווען עס האַלט ביי פּרנסה. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז מיט פינף-רובעלדיגע וואַרפט מען זיך אַצינד ניט אַרום ביי סענדערן אין שטוב. האָט ער זיך ניט געפּוילט און אַראָפּגעקומען נאָכאַמאָל צו סענדערן, נאָך מעריב, ווען די סענדעריכע קומט פון מאַרק... אזוי און אַזוי, ר' סענדער, שפּאַרט זיך ניט איין! גיט צו פאַרדינען אַ אידען און פאַרדינט אַליין! ניט אַלע טאָג מאַכען זיך אַזעלכע גויעשקע פּריצים. אַ פינגער אין קאַלט וואַסער דאַרפט איהר דערביי ניט אַריינשטעקען! איך, קושקע, שפּאַן שמענדריקען איין לעבען אייער שטוב און שפּאַן איהם דאָ אויס. אָט איז סענדעריכע און אָט איז אייער מערע, זאָלען זיי אַליין זאָגען...

— קושקע! — מאַכט סענדער און קוקט זיך אום אַביסעלע צעשראָקען אויף זיין אַלטיטשקער — בינד מיר ניט קיין זעקעל האָבער אונטער דער מאָרדע! דיין פערד בין איך ניט...

אָבער דאָ איז געשעהן דאָס, וואָס קושקע-בראַנד, דער ממזר, האָט לכתחילה אויסגערעכענט. סענדעריכע האָט זיך אַריינגעמישט מיט איהר מיילעכעל און מיט איהרע פלינקע הענטעלעך:

— סענדער, גאָט איז מיט דיר! עס געהט צו אַ קינפּעט אָהן עין-הרע. קיין וויקעלע איז אין שטוב ניטאָ. קיין הוהן אויף

אַ יאַיכעל, קיין לעפעל איינגעמאַכץ אויף אַ רפואה וואָס וועט־ דיין „תכשיט" אויסשטעהן אין שטאַל, אַז אַליין איינשפּאַנען קענסטו ניט...

די ווייבערישע טענות האָבען גובר געווען. סענדעריכע, ניט סענדער, האָט שמענדריקען אויסגעבאָרגט...

אָבער בשעת קושקע איז גאַנץ פריה געקומען איינשפּאַ־ נען דעם „איידעמעל אויף האָבער", אין זיין נייעם פּאַיעטאָן, האָט זיך סענדער אַרויסגערוקט פון שטוב און אַוועקגעשלעפּט זיך מיט זיין מיחוש איבער די פּוסטע, נאָך ניט אויסגעאַקערטע, קרויט־גערטנער. ער האָט זיך געשלעפּט, האַלטענדיג זיך ביים גאַרטעל, און געזיפצט. געזיפצט האָט ער אויף דעם, וואָס פרעמדע האַלטען זיין איידעם אין אָסטראָג, זיין שטיק אויף דער עלטער. פרעמדע לייענען זיינע בריעף; פרעמדע שפּאַנען זיינע פערד... ער אַליין, דאַכט זיך, שלעפּט אַצינד אַ פרעמדען יאָך. אין אַ פרעמדען שפּאַן געהט ער און האָט מורא פאַר אַ פרעמדער בייטש... אַ לעבען אָפּגעהאָרעוועט ר' סענדער! אַ לעבען אָפּגעהאָרעוועט...

אין קנעכטשאַפט ביי מאיר פענטע

.1

אויף מאָרגען פריה, בשעת קושקע-בראַנד איז אָנגעפאָהרען מיט שמענדריקען צוריק פון קופּיאַל, וואוהין ער האָט אָפּגע-פיהרט זיינע „פּריצים" — איז סענדער אינדערה'ים ניט געווען.

אַ שליח איז געקומען פונם מאָהליוער אַדוואָקאַט און אַרויסגערופען ר' סענדערן צו זיך. ער האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען פאַנדרעס זכות-אָבות. אויסגעפרעגט און פאַרשריבען. ער האָט אויך געפרעגט: צי איהם, סענדערן, איז ניט באַקאַנט, אַז פאַנדרע האָט אַמאָל געראַטעוועט די פּריצטע פון „הויפעל", בשעת איהרע פערד האָבען פונאַנדערגעטראָגען די קאַרעטע?...

ר' סענדער האָט גענומען בעקען און מעקען. ער האָט זיך געשעמט. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס מען האָט אַמאָל גערעדט וועגען פאַנדרען, אַז צווישען איהם און דער געראַטעוועטער פּריצטע איז עפּעס ניט-גלאַטיג, אַז פאַנדרע קלינגט אָן אַלע פאַרנאַכט אין טויער פון הויפעל און דער סטאַראָזש פאַרנייגט זיך פאַר איהם...

— מ... יאָ, — מאַכט סענדער זעהר דערשלאָגען דערפון, וואָס אַפילו פאַנדרעס באַשיצער פאַרקען זיך אין זיינע אַלטע ווערש — יאָ... עפּעס האָט ער געהערט זאָגען... איידער פאַנדרע איז געוואָרען זיין איידעם.

מאַכט צו איהם דעם אַדוואָקאַטס באַהעלפער, אַז אַצינד איז ניט קיין צייט פון ריידען האַלבע ווערטער. אַזאַ העלדישקייט, ווי ראַטעווען אַ פריצטע, קען פאַנדרען אין „אָקרוזשנאָי סוד„ שטאַרק צוניץ קומען... אַזאַ מסירת-נפש!... און צי ווייסט מען דאָ ניט, אין שטעדטעל, וואו איז אַצינד די בעל-דברטע אַליין, די פריצטע, הייסט דאָס?

— פונוואַנען זאָל ער, סענדער דער באַלעגאָלע, וויסען אַזעלכע זאַכען? וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיטן גויעשקען „הויפעל”? ער ווייסט נאָר, אַז פאָהרען פאָהרט די פריצטע אַראָפּ אין איהר „אימעניע”, בשעת די גרויסע היצען. און אַ גאַנץ יאָהר, זאָגט מען, איז זי אין „פּייטערבאַרג”...

— מען מוז דערגעהן איהר אַדרעס, — מאַכט דער אַדוואָקאַטעל און לעגט צוזאַמען די פּאַפּירען, — מען מוז איהר שרייבען, אויב זי איז דאָ ניטאָ... זי זאָל באַשטעטיגען דורך אַ בריעף, אויב זי אָדער איהר קוטשער קענען ניט אַרויסטרעטען אַלס עדות...

סענדער איז אַוועק דאַוונען און האָט פאַר זיך געשמייכעלט. ער האָט געזעהן באַשיינפּערליך, ווי דער אויבערשטער באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. פון די אַמאָליגע רכילות וועגען פאַנדרען און דער ניט-יונגער פריצטע פון הויפעל, וואַקסט גאָר פאַר איהם אויס אַ ישועה, מיט עטליכע יאָהר שפעטער...

פאַר קושקע-בראַנד איז געווען ווי געוואונשען דאָס, וואָס ר׳ סענדער איז אינדערהיים ניט געווען. וואָרים „שמענדריקע”, סענדערס „איידעמעל אויף האָבער”, האָט אויסגעזעהן פאַרמאָרעט, פונקט ווי ער אַליין וואָלט אַ גאַנצע נאַכט געהוליעט אויף דער גויעשקער חתונה... פון זיין צוימעל האָט זיך געגאָסען אַ שיטערע שוים, און אַרום די רימענע פאַסען, ביים שווער-אָטעמדיגען בויך, איז געווען ווי אָנגעזייפט מיט פעטע מולינעס. זיין פייכטער רוקען האָט געדויכערט אינם קיהלען מאַיאָווען פריהמאָרגען, זיינע גרויסע שטיפערישע אויגען זיינען געווען אומרוהיג, געבלאָנדזשעט אויף אַלע זייטען. און אויף זיין שוואַר-

צער פעל, פון הינטען, זיינען, אין שמאָלע צלמים, געווען צע-
וואָרפען אַ סך העלערע פּאַסען... סימנים פון בייטש. קענטיג
געווען, אַז קושקע האָט כלל ניט געשאַנעוועט דעם ציטערדיגען
תּכשיט פון זיין קאָנקורענט.

סענדעריכע, די קליינינקע באַלעגאָלטשיכע, מערעס מאַמע,
איז אַפילו גלייך אַרויסגעלאָפען אַ קוק צו טאָן ווי שמענדריקע
זעהט אויס. צבער קושקע-בראַנד, דער ממזר, האָט איהר גלייך
דערלאַנגט אַ הויפען זילבער: צעהן זילבערנע האַלבע רובעלס
נוך-געלט, און אַ פּאָר גילדען אַ צוגאָב — „אויף בראַנפען".
אַלץ ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט. דערמיט האָט ער זי אינגאַנ-
צען פאַרבלענדט. וואָרים סענדעריכע האָט שוין לאַנג ניט גע-
זעהן אין איהרע אויסגעהאָרעוועטע אַלטע הענטלעך אַזאַ מטבע.

מיט דער דאָזיגער פאַרבלענדעניש האָט זיך קושקע באַ-
נוצט, אויף גיך אויסגעשפּאַנט דעם פאַרמאָרעטען „שמענדריקען",
און אַריינגעפיהרט איהם דורכן פירהויז, אין שטאַל אַריין.

ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרריגלען די
שטאַל-טהיר — דערהערט ער ווי מערע רופט איהם, פון שטוב
אַרויס, ער זאָל אַריינגעהן טרינקען אַ גלאָז טהיי. ער, קושקע,
איז דאָך מסתמא אויסגעמאַטערט פון וועג.

צו טרינקען טהיי ביי איין טיש מיט אַזאַ הויכער און
שעהנער ווייבעל, ווי מערע איז, איז גאָר ניט פון די טאָג-טעג-
ליכע זאַכען. בשעת פּאַנדרע איז געווען אויף דער פריי, האָט
מען אַפילו אין איהר זייט ניט געטאָרט קוקען... קושקע האָט
זיך אַזש באַלעקט און אינגאַנצען פאַרגעסען אויפן אייזערנעם
ריגעל פון שטאַל.

אַזוי איז שמענדריקע געבליבען אין דער ניט-צוגעשלאָ-
סענער שטאַל אָהן השגחה.

צום אומגליק איז ניט ווייט פון דער שטאַל-טהיר גע-
שטאַנען אַ גרויסער צעבער אייז-קאַלטע וואַסער. דאָס האָט סענ-
דעריכע אָנגעגרייט אויף פאָיען די פערד און געלאָזען שטעהן
עס זאָל זיך אָנוואַרימען אין פירהויז, ווייל אין יענעם פריה-
מאָרגען האָט נאָך געכאַפּט אַ פרעסטעל מיט אַ זילבערנעם

אַנלויף אויף די שינדעל־דעכער און מיט אייז־שייבעלעך אין די בלאָטקעס; ווי עס טרעפט, ווען־ניט־ווען, אין די ערשטע מאַי־טעג אין רייסען. אין אָנגעגרייטען צעבער זיינען אַרומגעשוואוי־מען אַ סך אַזעלכע אייז־שטרודלעך. און שמענדריקע האָט פון שטאַל אַרויסגעצויגען זיין אויסגעבויגענעם שעהנעם האַלז מיטן קליינעם ראָסאָווען קאָפּ און צוגעכאַפּט זיך צום צעבער. פריהער האָט ער געצויגען פּאַוואָליע, מיט אַביסעל שרעק, וואַרפענדיג מיט דער מאָרדע פאַר קאַלטקייט. דערנאָך — אַלץ שטאַרקער און דורשטיגער, כראָמשקענדיג דעם דינעם אַייז מיט זיינע שטאַרקע פאָדערשטע ציינער. צעהיצט און באַדעקט מיט שוים, ווי ער איז געווען, האָט ער זיך אָנגעזוליאָקעט אַ פולען בויך, אַ סך אַייז־וואַסער אויפן הייסען ניכטערען מאָגען. און ס׳איז איהם באַקומען ווי אַ פליוך פון עמער אין אַן אָנגעגליהטער פלאַש...

.2

ווען ר׳ סענדער איז געקומען, נאָכן דאַוונען, אַהיים צום אָנבייסען און דערזעהן דעם הויפען זילבער אויפן טיש, האָט ער דאָס געלט ניט געצעהלט. קודם־כל איז ער אַרויס אין שטאַל, געוואָהר־ווערען וואָס שמענדריקע מאַכט, נאָך אַ גאַנצע נאַכט טרייבען איבערן זשלאָבינער שליאַך, וועלכער האָט ביי באַלעגאָלעס ניט קיין איבעריג גוטען נאָמען מיט זיין שטייניג־קייט און מיט זיינע טיעפע גריבלעך.

אין דער האַלב־טונקעלקייט פון שטאַל, ביים קרום־געשני־טענעם זאַשיק, האָט סענדער דערזעהן זיין תכשיט, ווי ער שטעהט טרויעריג און פאַרקלערט און קייט ניט. קיין האָבערל איז ניט געווען געריהרט... סענדער האָט איהם ליעבליך אַ פּאַטש געטאָן איבערן האַלז. שמענדריקעס קאָפּ האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן, ווי ביי אַ קוקלע, אַראָפּ און אַרויף. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויפן באַלעבאָס און ווייטער געבליבען שטעהן אַ

פאַרטראַכטער. נאָר אַ פּאָדים שליים איז איהם גערונען פון מויל, ווי ביי אַן איבערגעגעסענער קוה, און זיינע אויערען האָבען איהם אַביסעל געציטערט.

דאָס האַרץ איז סענדערן איינגעפאַלען. ער איז אַריינגעלאָפען צוריק אין שטוב מיט קולי קולות:

— וואו איז קושקע? דער געלער פרעסער וואו איז?...

כדי צו באַרוהיגען איהם, האָט איהם סענדעריכע צוגעטראָגען דאָס זייפעל זילבער-געלט: „נאַ, נאַ! פינף רובעל מיט פינף-און-פערציג קאָפּיקעס!...”

האָט איהר אָבער סענדער אַ שטויס געטאָן די האַנט אַזוי, אַז עטליכע מטבעות האָבען זיך צעשאָטען. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואו איז קושקע? ער האָט אַוועקגעקוילעט שמענדריקען, דער ממזר!...

— וואו קושקע, וואָס קושקע? דער פערד איז געקומען אַ פרישער, אַ געזונטער פון שפּאַן...

אַזוי האָט עדות געזאָגט מערע. באַשיצט איהר מאַמען. אַ סימן — קושקע איז אָט-אָ דאָ געזעסען און זיך גאַנץ רוהיג געטרונקען אַ גלאָז טהיי מיט קאַנדעל-צוקער...

מען לויפט אַרויס אַלע דריי אין פירהויז, מען כאַפּט זיך צום צעבער, ערשט — יאָ! דאָס גאַנצע וואַסער מיט די אייזשייבלעך איז אויסגעזליאָקעט. קיין טראָפּען איז ניט געבליבען.

סענדער האָט זיך געכאַפּט רייסען די רעשטלעך האָר פון קאָפּ. אַצינד ווייסט ער! אַצינד איז שמענדריקע אַ פאַרפאַלענער. ער איז פון אַ סיבירער ראַסע. אָנגעטרונקען זיך מיט קאַלט וואַסער אויפן הייסען מאָגען — איז ער אַ פאַרפאַלענער.

אין שטוב איז געוואָרען אַ בהלה: „שטאַל-טהיר... ריגעל... וואַסער... אייז... קושקע...” מערע האָט געקרעכצט און סענדעריכע האָט זיך געבעטען ביים מאַן:

— ווי גאָט איז דיר ליעב, סענדער, דו ווייסט דאָך וואו מערע האַלט!...

אַז די ערשטע בהלה איז אַריבער, איז סענדעריכע אַוועקגעלאָפען מיט איהרע פלינקע פיסעלעך, אויפצוזוכען ביי די

יאָטקעס ר׳ גרשון־יאָצרע — דעם אידישען „טעווע... וועטערע־נאַר״, ווי מען רופט איהם.

יאָצרע איז געקומען, צוריינגעטאָן מיט זיין שלאַנגישער ניט־זויבערער הענטעלע אַ חלבנע ליכטעל, וואו מען באַדאַרף, אריינגעגאָסען שמענדריקען אַ פלאַש צעלאָזענע ביטערזאַלץ אין גאָרגעל. אָבער די ביטערע פליסיגקייט האָט געדונען מעהר אויף דער ערד ווי אין שמענדריקעס פאַרקלעמטען גאָרגעל. דערנאָך האָט יאָצרע געאָכצעט און געזיפצט אויף די שווערע צייטען, אויפן יקרות, גענומען אַ האַלבען זילבערנעם קערבעל פון קושקעס פרנסה, וואָס ער האָט צוריינגעבראַכט אין סענדערס שנוב צוזאַמען מיטן אומגליק, און איז אַוועק. אַוועקגעהענדיג האָט ער צוגעזאָגט קומען מאָרגען. מאָרגען וועט ער זעהען.

שמענדריקע איז אַלץ געשטאַנען, ווי פאַרחלומט, לעבען פולען זאַשיק. נאָר די מאָרדע האָט זיך ביי איהם געשאָקעלט פונם שטאַרקען בלוט־שלאָגען אין די אָנגעדראָלענע אָדערען.

פאַרנאַכט־צו האָט מען ביי סענדערן אין שטוב דערהערט אַ טראַסק הינטער דער בערוועגע־וואַנט. מען לויפט אַריין אין שטאַל, ערשט שמענדריקע איז צונידערגעפאַלען, און פאַלענדיג שטאַרק אָפגעקלאַפט זיך דעם קאָפ אָן דעם שפיץ פון זאַשיק. וואָרים צווישעןביידע אויערען איז ביי איהם אויפגעשפרונגען אַ גרויסער בייל. שמענדריקע איז געלעגען אויסגעצויגען אויף אַ זייט, מיט אַן אויסגעשטרעקטען האַלז, וואָס איז אַצינד געווען ווייך און נאָכגיביג, ווי אַ טייג. זיין אויפגעלאָפענער בויך האָט שווער געאָטעמט, די גרויסע אויגען האָבען זיך געקרימט, ווי פון אַ שטעכעדיגער ליכטיגקייט. און די נאָזלעכער — צוויי גרויסע איבערגעקעהרטע פימפערלעך — האָבען געסאָפעט אַ פערדישע סאָפעניש אויסגעמישט מיט אַ מין הייזעריגען בויך־קרעכץ. און אַ היץ האָט פון זיי געשלאָגען. אַ דריבנע ציטערניש איז געלאָפען איבער זיין גלאַטער, אויסגעכאָליעטער פעל, ווי אַ בייזער ווינטעל, פאַר אַ שטורעם, איבער אַן אַטלאַסדיגער פעלד מיט צייטיגע זאַנגען... וואָס איז דאָ צו רעדען: שמענדריקע איז „אַ פאַרבייאיגער״.

3.

צו-מאָרגען האָט מען שמענדריקען געשלאָגען אָן אָדער, געלאָזען שטראָמען זיין פערדיש בלוט. איז איהם אַביסעל גרינגער געוואָרען. ער האָט אונטערגעצויגען די פאָדערשטע פיס אונטער זיך. און דאָס האָט סענדערן געגעבען אַ שטיקעל האָפנונג, אַז שמענדריקע וועט נאָך קומען צו זיך. ער האָט געטרונקען אַביסעל אָפּגעקאָכטע האָבער-וואַסער, אָנגענומען אַ שטיקעל צוקער מיט די ציטערדיגע סאַמעטענע ליפען, און איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ הינהער-פלעט. אַזוי האָט זיך דאָס געביטען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. דאָס ווערט שמענדריקען בעסער, דאָס ווערט איהם ערגער. און נאָך אַ צעהן טעג קרענקען איז שמענדריקע ווי-ניט-איז אויפגעשטאַנען אויף זיינע אויסגעמאָגערטע פיס. נאָר ס'איז שוין מעהר ניט געווען יענער שמענדריקע. אַ טרויעריגער שמענדריקע-שאָטען מיט אויסגעלאָשענע אויגען איז דאָס געווען.

ר' סענדער האָט איהם אַרויסגעלאָזט אויסלופטערען זיך אויפן פוסטען גאָרטען און האָט גלייך דערזעהן, אַז זיין געוועזענע „איידעמ:על אויף האָבער" ציהט אויף איין זייט, אַלץ — אויף רעכטס און אויף רעכטס. אַזוי ציהט אַ לייכטען שיפעלע, מיט אַ כאַרדרעהטען רודער, אַרויף שטראָם. ווי שטאַרק מען זאָל ניט אַרבייטען מיט די וויאָסלעס, וועט עס אַלץ ציהען אויף איין זייט, צום זייט פון פאַרקלעמטען רודער...

אַ מין גלגול איז אַריין אין שמענדריקען. דעם באַלעבאָס זיינעם האָט ער כמעט ווי ניט דערקענט. סענדער האָט איהם געפרובט מכבד זיין מיט אַ שטיקעל צוקער אויף דער פלאַכער דלאָניע, קיצלען איהם אונטערן האַלז, ריידען צו איהם, אָנרופען איהם מיט פלערליי ליעבליכע נעמען. שמענדריקע איז געבליבען קאַלט און טרויעריג. ער האָט נאָר געקרימט אויף סענדערן מיטן לינקען אויסגעלאָשענעם אויג.

גרשון-יאָצרע איז נאָך אַמאָל געקומען, האָט בודק געווען די אויג אויפן פרייען גאָרטן, ביים העלען ליכט פון טאָג, און האָט סענדערן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ווי עס ווייזט אויס, האָט שמענדריקע פאַרלאָרען די ראיה אויף איין זייט, און אין אַ צייט אַרום וועט ער, מסתמא, אינגאַנצען בלינד ווערען, אויף ביידע אויגען.

צי די פערדישע קדחת, נאָכן קאַלטען טרונק, האָט פון איהם געמאַכט אַזאַ תל? צי דאָס אַנידערפאַלען און אָפּשלאָגען זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט פון קראַנקען קאָפּ אָן שפּיץ פון זאַשיק? אפשר ביידע זאַכען צוזאַמען. גרויסע חלוקי-דעות איז געווען צווישען סענדערן און קושקע-בראַנד און גרשון-יאָצרע, מיט זידעל-ווערטער און מיט שוים אויף די ליפּען. איינער האָט באַשולדיגט דעם צווייטען אין שמענדריקעס אומגליק. נאָר וואָס קומט אַרויס פון די אַלע פּוסטע קריגערייען? אַז ס'איז אויס שמענדריקע, אַ סוף מיט שמענדריקען!

מחמת גרויס געטריישאַפט האָט סענדער ניט געהאַט קיין האַרץ צו פאַרקויפען איהם גלייך אויפן שטעל פאַר עטליכע רובעל. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז ס'וועט זיך „אויסשטעהן“. די גאַנצע פינף-רובעלד'גע פרנסה, וואָס שמענדריקע האָט אַריינגעבראַכט מיט זיין לעצטען פאָהר קיין קופּיאַל און צוריק, האָט סענדער אַריינגעפּאַקט אין באַבסקע און אין באַלעגאָלישע רפואות. מיט סקיפּעדאַר האָט מען שמענדריקען די ציטערדיגע פיס געריבען, מיט כלערליי קרייטיכער איהם געפּאָיעט, געקאָכט האָבער מיט צוקער און געקאָרמעט איהם דערמיט, כדי ער זאָל זיך „פּאָפּראַווען“, אפילו אַ „זנאַכער“ אַ גויעשקען גערופען, ער זאָל „אָפּשפּרעכען“... הייל שמענדריקען און הייל די וואַנט!... ס'האָט איהם געצויגען אויף איין זייט, אויף רעכטס, אַלץ אויף רעכטס...

דעם לעצטען פּרוב האָט סענדער געמאַכט, מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער, לעבען שטוב און פאַרטאָג, ווען קיינער איז אויף דער גאַס ניטאָ, ווען נייגעריגע לויפען ניט אָן אויפן ביין-וואונדער. ער האָט זיין פאַראומגליקטען „איידעמצל אויף האָבער-

איינגעשפּאַנט אינם לייכטער, זומערדיגען פאַיעטאָנדעל. אפשר וועט שמענדריקע דערפיהלען דעם כאָמעט מיט די האָלאָבליעס און וועט זיך דערמאָנען ווי צו געהן אין שפּאַן. אַ טרויעריגער פאַרהער איז דאָס געווען!

סענדער האָט בכיון געצויגען די לייצעס אויף לינקס. און שמענדריקע האָט זיך יעטוועדער מאָל אויסגעדרעהט און געצויגען אויף רעכטס. און זיין פאַרלאָשענע לינקע אויג האָט זיך אַזוי משונהדיג געקרימט, אַז דאָס ווייסעל מיט רויטע אָדערען האָט איינגעאַנצען פאַרגאָסען דאָס אויג-עפּעל. ניט מיט גוטען ניט מיט בייזען, אַפילו די בייטש האָט שוין דאָ גאָרניט געקענט העלפען.

— שמענדריקע... — האָט סענדער אַ כליפּ געטאָן און אַראָפּ פון פאַיעטאָנדעל — וואָס איז פון דיר געוואָרען!...

ער האָט מעהר ניט געוואָלט מוטשען זיין געוועזענעם תכשיט. און מיט מיה און מאַטערניש אויסגעשפּאַנט איהם פון די האָלאָבליעס. פאַר די פּאָר וואָכען, וואָס שמענדריקע איז קראַנק געוואָרען, איז ר׳ סענדער אַליין אַראָפּ פון די כחות. דאָס לייב איז איהם מאָגער געוואָרען און זיין אַלטער „פּעהלער“, אונטערן גאַרטעל, האָט זיך געלאָזען פיהלען אַ סך שאַרפער. דער „פערשעל“ האָט איהם אַפילו אָנגעזאָגט, ניט איינמאָל און ניט צווייסאָל, ער זאָל זיך היטען פאַר מאָגער-ווערען און ניט טאָן קיין שווערע אַרבייט, אויב ער, סענדער, וויל ניט מען זאָל איהם מוזען פיהרען קיין מאָהליוו אין שפּיטאָל. וואָרים מאָגער ווערען מיט איין מאָל — איז די גרעסטע סכנה פאַר אַ מענשען מיט אַזאַ „פּעהלער“. אַ שטאַרקער בויך, אַזוי האָט איהם דער פערשעל ערקלערט, איז בעסער ווי צעהן „באַנדעס“. נאָר וואו היטען זיך. ווען היטען זיך? אַז די גאַנצע שטוב געהט אונטער. שמענדריקע געהט אויס ווי אַ ליכט, און פאַנדרע, להבדיל, זיצט אין אָסטראָג און וואַרט אויף זיין משפּט.

4.

אָפּקויפֿען שמענדריקען האָט מעהר קיינער ניט געוואָלט. ניטאָ קיין נאַראָנים אויף שקלאָווער מאַרק. סיידען יאָקע דער שינדער. פֿיר רובעל האָט ער פֿאַרן אינוואַליד געבאָטען, און אַ קאָפּיקע ניט מעהר. נאָר דאָס וואָס די רויהע פֿעל איז ווערט און אַ רובעל פֿאַר דער טרחה.

סענדעריכע האָט שוין כמעט ווי מסכים געווען. זאָל שוין נעמען אַ כוף מיט די פֿערדישע רפֿואות. בדיל-הדל מאַכט זיי דאָך דער קאַליקע! נאָר סענדער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין! דעם שינדער וועט ער שמענדריקען ניט פֿאַרקויפֿען. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט. זאָלען דאָס אַנדערע טאָן...

און גאָט האָט געהאָלפֿען און ס'האָט זיך אָפּגעזוכט גאָר אַ וואַזשנער קונה. מ א י ר פ ע נ ט ע איז דאָס געווען.

ווער עס איז אַן אַפּיקורס און גלויבט ניט, אַז אדם הראשון איז באַשאַפֿען געוואָרען פֿון לייהם, דער זאָל גצהן און זיך באַקענען מיט מאיר פענטע, וועט יענער זעהן, ווי אַזוי דער שאַפֿער, כביכול, האָט געקנאָטען אַ אידען פֿון אַ שטיק לייהם און דער נ י ט - ג ו ט ע ר האָט איהם איבערגעשלאָגען אינמיטען. אַזוי איז מאיר געבליבען — האַלב-גולם האַלב-איד, מיט אַ טיעפֿער מגושמדיגקייט אין אַלע אברים, אַפֿילו אין קוק פֿון זיינע שטענדיג-וועהטאָגדיגע אויגען, אין יעדער באַוועגונג פֿון זיינע פֿליישיגע ליפּען. מיט פֿלאַקסענע שיטערליכע האָר און באָרד איז פֿאַרשאָטען דער ליימענער קאָפּ, און רעדען רעדט עס מיט בלויזע ברומענדיגע הברות*) דאָס איבעריגע פֿאַרשלינגט ער אין זיך אַריין בשעתן רעדען, פֿאַרזשליאָקעט מיטן שווערען שליימיגען צונג פֿון אַן אמתן בופֿל. אַזוי, למשל, אַז ער בעט ביי טריינען זיין ווייב, זי זאָל איהם דערלאַנגען וועטשערע,

*) זילבען.

הערט זיך דאָס אָן ווי אַ פֿאַרגרייזטע טעלעגראַמע מיט פֿאַר־
קירצטע ברומיגע ווערטער:

— טריי—ע, גי—מי—שיי—וועטשע— און לאַמך—אָפּ־סען!

פּענטע איז זיין צונעמעניש. און געגעבען איז עס איהם געוואָרען דערפֿאַר, ווייל ער באַנוצט די זעלבע פּענטע פֿון שטריק צו דער ווייב אַזוי ווי צו זיין פֿערד, בשעת מען לאָזט איהם אַרויס אויף פּאַשע. וואָרים אַ ווייבעל האָט ער — אַ בראַנד ניט קיין ווייבעל. ער האָט מיט איהר התונה געהאַט, ווי אַ האָלצערנער סלופּ מיט אַ קאַץ. ער שטעהט און זי דראַפּעט זיך אויף איהם. נאָר, אַז זי צעיאַכמעט זיך און הויבט אָן צו שילטען און צו וואַרפֿען זיך מיט אָקרישקעס פֿון טעפּלעך — קען דאָס שוין אַזאַ האָלץ ווי מאיר אויך ניט פֿאַרטראָגען, פֿאַרטרייבט ער זי אין אַ ווינקעל, כאַפּט זי אָן, ווי מען כאַפּט אַ פֿאַרזינדיגטע קוויטשענדיגע קאַץ, פֿאַרפּענטעט זי מיט אַ שטריק, וואַרפֿט זי אַריין אין בעט און לאָזט זי דאָרטען ליגען ביז זי באַרוהיגט זיך.

— לי - ! — מאַכט ער צו זיין געפּענטעטער אידענע און באַטראַכט זי מיט אַ פּאָר וועהטאָגדיגע אויגעלעך פֿון אונטער ליי־מענע ברעמען, — לי —, או—קרי—מי—ניט—אין—עזיק!

דאָס הייסט „ליג, און קריך מיר ניט אין היזק!"

מאיר פּענטע איז אַ באַלעגאָלע. ניט קיין עכטער נאָר אַ מין סאָרט אונטער־באַלעגאָלע, וואָס אין צעך נעמט מען איהם ניט אָן און ווייטער ווי די שקלאָווער־ברעמלעך פֿאָהרט ער ניט אַרויס. דער כח פֿון זיין שלימזלדיגען פֿערדעל וואָלט אויף דעם ניט געקלעקט. און באַנוצען טהוט מען איהם צו שטאָדטישע באַדערפֿענישען: אָוועקצופֿיהרען אַ פֿעסעל קרויט אין אַ קעלער, אָפּפֿיהרען אַהיים עטליכע זעק בוריקעס פֿון מאַרק, אַ קופּע שפּענער פֿון אַ גאַס, וואו אַ נייע הויז ווערט געבויט. אין שפּאַן ביי איהם, צווישען די קרומע האָלאָבליעס פֿון זיין פֿויערישען וועגעל, אויף נידעריגע רעדלעך, זיינען שוין איבערגעוועזען כל־ערליי פּאַדלעס און פֿאַרזעהענישען. דאָס וואָס קיין אָרעמער באַלעגאָגלע און קיין פֿיער פֿון דאָרף קען שוין מעהר ניט

נעבּרויכען, ניט צום וואָגען און ניט צום שליטען, גראָד וואָס איז פאַר מאיר פּענטע אַ סחורה. מעהר ווי צכט קאָרבּען פאַר אַ „פערד" האָט ער קיינמאָל ניט געצאָהלט. פשוט דערפאַר, ווייל אַ גרעסערע מטבע, ווי צכט רובּעל, האָט מאיר קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן. האַנדעלט ער איין אַ שטיק „פאָדלע" און ציהט פון איהר די חיונה ביז זי פאַלט. לאָזט ער זי אָפּ־שינדען און נעמט אָפּ אַ וועלכע פיער רובּעל פאַר דער פעל און נאָך אַ דריי־פיער רובּעל באָרגט ער אויס, צאָהלט וואָכער און האַנדעלט איין אַ נייע פאָדלע. גאַנצע פעק מיט מעשות דער־צעהלט מען וועגען פּענטען און וועגען זיינע אָדלעוס. וועלכע פאַרזעהענישען זיינען שוין ניט איבּערגעוועזען ביי איהם אין שפּאַן! הינקעדיגע און טויבּע און בּלינדע, מיט אָפּגעהאַקטע אויערען, קרעציגע און מיט אויסגעקראָכענע עקען. מאיר פּענטע אַליין איז געוויס געזונטער פאַר זיינע שלימזלדיגע פערד. ער האָלט בּעסער גענומען די משאות אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, ווי אַ נאָסקע־טרעגער, וואָלט ער זיי גיכער צוגעשטעלט וואו מען בּאַדאַרף. נאָר ער איז פויל צום דער פּענטע, ווי אַ טערק, צו קיין שום משא וויל ער זיך, מיט זיינע האָלציגע הענט, ניט צוריהרען; אויף זיינע ליימענע פּלייצעס וויל ער קיין יאָך ניט נעמען. און ס'איז אַ טעאַטער צו קוקען, ווי מאיר פּענטע געהט זייט ביי זייט מיט זיין קאַליקע אין שפּאַן. דאָס אָרעמע בּאַ־שעפעניש שלעפּט מיט די לעצטע כחות און מאיר געהט נאָך, הענט און בּייטש־שטעקעל פאַרוואָרפען אויף הינטען, ווי אַ חשובער בּאַלעבּאָס נאָך שלוש־סעודות, אַזוי שפּאַנט פּענטע נאָך זיין וועגעל. בּאַטראַכט די וועלט מיט טעמפּע וועהטאָגדיגע אויגעלעך. די ניט־געשמירטע רעדלעך סקריפען־צו, די טרוקענע, דערהיצטע אַקסען קוויטשען. נאָר, אַז די דאָזיגע קעצישע מוזיק בּלייבּט שטעהן, גיט זיך מאיר אַ כאַפּ פון זיין טעמפּער פאַר־טראַכטקייט:

— ניאָ! — גיט ער אונטער חשק זיין פאָדלע. — גע—כאָלע—אַ—דו—גע־!

דאָס הייסט: געה, כאָלערע, אַז דו געהסט!

און טאַמער פאַרעקשנט זיך דאָס קאַליקע־פערדעל און וויל ווייטער ניט שלעפּן, איז מאיר פּענטע ניט פויל, שטעקט פּאַוואָליע אַריין דעם בייטש־שטעקעל אין גאַרטעל, נעמט אָן זיין ברויט־געבער פאַרן צוים מיט דער לינקער האַנט און דערלאַנגט איהם אין דער פערדישער באַק מיט דער רעכטער. דערנאָך בייט ער איבער די הענט, נעמט אָן דעם צוים מיט דער רעכטער האַנט און דערלאַנגט איהם אַ פּראַשק מיט דער לינקער. די צייהנער שיטען זיך דעם אָרעמען פערד פון מויל, אָבער מאיר איז רוהיג און געלאַסען. מיט זיינע טעמפּע אויגעלעך זעהט ער ניט קיין אונטערשיד צווישען אינגלעך־שקצים, וואָס ווילען אין חדר ניט געהן און צווישען פאַדלעס וואָס ווילען אין שפּאַן ניט געהן. אַזוי ווי ער זעהט ניט קיין שום גרויסען אונטערשיד צווישען אַ פערד און צווישען אַ ווייב „וואָס קריכט אין היזק"...

אַט דער דאָזיגער פּענטע האָט דאָס אויסגעדונגען „שמענדריקען" פאַר גאַנצע זיבען קאַרבען. סענדער אַליין האָט זיך אָקעגענגעשטעלט. נאָר סענדעריכע, זיין ווייבעלע, האָט זיך אויף איהם אָנגעזעצט, און מערע זיין טראַגעדיגע טאָכטער האָט אונטערגעהאָלפען: אַ קינפּעט געהט... וויקעלעך... הינער... איינגעמאַכץ... און דער ווייבערשער צד האָט ווייטער מנצח געווען.

שלעפּט נעבעך שמענדריקע דער אינוואַליד מאיר פּענטען לאַסטען. שמענדריקע שלעפּט רעכטס און מאיר פּענטע גלייכט איהם אויס אויף לינקס. לינקס און רעכטס, רעכטס און לינקס. עס קומט צו פייערדיגע פּעטש איבער די פערדישע אָפּגעמאָגערטע באַקען. שמענדריקע נעמט אויף די אויסטערלישע שווערע פּעטש שטומערהייט. נאָר זיין בלינדעוואַטע לינקע אויג דרעהט זיך מיט צער און מיט אַ מאָדנער פאַרוואונדערונג. עס זעהט אַזוי אויס, ווייל דאָס אויג איז שוין אַציגד איינגאַנצען פאַרלאָפען מיט ווייסעל און מיט רויטע אָדערען. אַזוי האַמפּערען זיך מענש און בהמה ביז זיי קומען אָן צום באַשטימטען אָרט.

סענדער דערזעהט ווען־ניט־ווען זיין תּכשיט, זיין געוועזענעם איידעמעל אויף האָבער, וואָס פאַר אַ ביטערען לעבען ער פיהרט, אין וואָס פאַר אַ קנעכטשאַפט ער איז אַריינגעפאַלען

קראַנקערהייט, און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ. אַהיים קומט ער, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, אַ פּינסטערער, אַ שווייגעדיגער. ער עסט ניט און זאָגט תהילים, און אינמיטען תהילים־זאָגען הויבט ער אויף אַ פּאָר פינסטערע, פאַרגרעסערטע אויגען דורך די אַלטע שפּאַקולען און ווענדעט זיך — ניט צו סענדעריכען, ניט צו מערען, ניט צו זיך אַליין:

— אָט, מ'עט נאָך זעהן... ניטאָ וואָס צו רעדען!...

ער גיט אַ מאַך מיטן האַנט און זאָגט ווייטער תהילים.

ווייסען ניט די שטוב־מענשען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען און פרעגען פונדעסטוועגען ניט איבער. זיי זעהען ווי אַ גרויסער וועהטאָג שטאַמעלט פון סענדערס מויל אַרויס.

אין זיין אָנגעבלוטיגטען האַרץ האָבען די ווערטער גאָר אַ ביטערען טייטש:

— אָט, מ'עט נאָך זעהן!... הלואי זאָל איך ליגען זאָגען. אַזאַ עולה וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרען שמענדריקען ועט אַזוי גלאַט ניט אַריבערגעהן!...

„אונטערבארג“

.1

צווישען שקלאָווער אָזערע און דניעפּער איז דאָ אַ שמאָ־לער פּאַס ערד — אַ גרענעץ צווישען זיי ביידען. די אָזערע, וועלכע טראָגט איהר וואַסער פון טיעפען וואַלד, שלאָגט־זיך־אָן אָן ערדענעם גרענעץ און צעגיסט זיך אין איהר גאַנצער ברייט. און דער בלויער דניעפּער פאַרקירעוועט דאָ מיט אַ האַלב־קיי־לעכדיגען, שעהנעם בויג קיין מאָהליוו. אין אַ טיעפער קעסעל־גרוב פלייצט ער דאָ דער פּיעל־באַזונגענער דניעפּער. און דער הויכער זאַמדיגער ברעג פון זיין קעסעל־גרוב דערגעהט ביזקעל ערדענעם גרענעץ פון דער אָזערע. בשעת אַ גרויסען געוויסער, וויעסנע־צייט, ווען די שנייען שמעלצען זיך, ווערט די קע־סעל־גרוב פול. ווי אַ ברודנע טייג געהט דער דניעפּער אויף. עס ברויזט און עס קראַכט, קריהעס ברעכען זיך און דרעהען זיך ביים פאַרקירעווען מיטן שטראָם. און די אָזערע, איבער איהם, ווערט שוואַרץ און ברוגזדיג. די ליימיגע בעבעכעס אין איהר בויך קעהרען זיך איבער פון פריהלינג־גלוסטעבישען. זי דרייסט זיך צום דניעפּער איבער דעם ערדענעם גרענעץ און קען זיך ניט דורכרייסען... נאָר שמאָלער ווערט דער פּאַס ערד צווישען זיי ביידען, און בלאָטיג ווערט ער פון שפריצען און שוים, וואָס שטורמען איהם אָן פון ביידע זייטען. פוהרען פאָה־רען פאָרזיכטיג און די רויטע קאָפּ־כוסטעס פון דורכפאָהרענדיגע

גויות שפּיגלען זיך אָפּ אין צוויי וואַסערען, פון רעכטס און פון
לינקס. ער וואָלט שוין לאַנג דורכגעריסען געוואָרען, דער שמאָ־
לער פּאַס ערד, פון דעם וואַסער־אָנפּאַל און פון די קריהעס,
ווען ניט די גרויסע הרעבליע אינמיטען, וועלכע רעגולירט דעם
צופלוס פון דער אָזערע. די הרעבליע איז באַדעקט מיט אַ היל־
צערנעם בריק פון דיקע ברעטער, און אונטער איהם רוישט
דאָס שווערע וואַסער, וואָס פאַלט, ווי אַ רונד־פאַרבויגטער
שטיק־גלאָז, אין טיעפען טהאָל פון דניעפּער. פאַלענדיג צושיט זיך
דאָס שטיק גלאָז אין ווייסען שטויב און שוים און מאַכט אָן
אַ רעש, אַ געפּילדער. דער פּאַס ערד טרייסעלט זיך אונטער
די ריטמישע וואַסער־קלעפּ פון דער הרעבליע. עס דאַכט זיך —
אַ גאַנצער רייטער־עסקאַדראָן גאַלאָפּירט דאָ גאָר נאָהענט. הונ־
דערטער פּאָדקעוועס קלאַפּען און יאָגען קיינמאָל ניט אַריבער...

אונטער דער הרעבליע פון טיעפען דניעפּער־טהאָל הויבט
זיך אויף אַ זעקס־שטאָקיגע מיהל פון בערווענעס מיט אַ סך
מעהליגע פענסטערלעך. זי קוקט מיט גאוה איבער גאַנץ שקלאָוו,
און אויפן שפּיץ דאַך ביי איהר דרעהט זיך, אויף איין פּיסעל,
אַ מעשענער ווינט־האָהן, מאַכט קונצען... זי האָט זיך מיט וואָס
צו גרויסען, די זעקס־שטאָקיגע מיהל! אַזאַ הויכען בנין, פון
בלויזע בערווענעס, איז זעלטען־וואו צו געפינען אין גאַנץ רייסען.
סיידען די הילצערנע אידישע שוהל, להבדיל, אויף רישקאַקי,
ניט ווייט פון אידישען בית־עלמין. איין מייסטער, זאָגט מען,
האָט זיי ביידען געבויט. קיין פּלאָטניק וועט זיך היינטיגע צייטען
אונטערנעמען צו בויען אַזוי־פיעל שטאָקען פון בלויזען געהילץ,
אויף הילצערנע שטאָלצען. מבינים זאָגען, אַז ס'איז אַ וואונ־
דערליכער בנין.

בשעת אַ גרויס געוויסער, וויעסנע־צייט, זיינען די אונ־
טערשטע שטאָקען פון מיהל פאַרגאָסען. די קראַפט פון דער
הרעבליע ווערט פאַרשלונגען פון דעם אויפגעבראַזטען דניעפּער.
בלייבען שטעהן די גרויסע וואַסער־רעדער מיט די איבעקגע־
קעהרטע „שעפלעך”. דאַן הויבט אָן צו אַרבייטען די פּאַראָווע
מאַשין פון דער זייט, געהייצט מיט בעריאָזאָווע שייטען, אַזוי־

דערהען קיינמאָל ניט די גרויסע מיהלשטיינער מיט די ברייטע לעדערנע פּאַסען. עס מאָלט זיך און עס מעהלט זיך און עס שטויבט זיך, טאָג־איין און טאָג־אויס. פון די טונקעלע אָפענע טהירען און טהירלעך, אין דער גרויסער מיהל, קריכען אַרויס מעהליגע מענשלעך מיט רויטע אָנגעפּודערטע פּנימער און בערד און מיט רויטע אויגען. עפּעס מאָדנע נפשות! א ווייס־האָריגע רויט־אויגיקע ראַסע פון „אַלבינאָסען", וואָס וואוינען אין דעם מעהליגען געפעל פון מיהל... אַנטקעגען דער זעקס־שטאָקיגער גרויס פון בנין זעהען זיי אויס, ווי קאַרליקלעך, ווי ווייסע מייז אַנטקעגען אַ גרויסען העלפאַנט. קריכען זיי אַרום די דאָזיגע געהיימניספולע נפשותלעך, שלעפּען אַרויס פולע ווייסע זעק מיט מעהל און שלעפּען אַריין שוואַרצע זעק מיט קערנער. און אַ ווייסער שטויב באַגלייט זיי ביים אַרויסקריכען און אַריינקריכען...

הינטער דעם דאָזיגען מיהל שניידט זיך אַריין דער שליאַך, וועלכער לויפט איבערן פּאַס ערד און איבער דער הרעבליע, אין אַ ליימיגען באַרג אַריין. כדי צו געווינען פּלאַץ האָבען זיך מענשען און הייזקעס אַריינגעגראָבען אין לייהם, אָפּגע־שפּאָלטען די קיילעכדיגע גרינקייט פון באַרג, זיין ליימיגע פלייש אויפגעדעקט און געמאַכט פון איהם אַ הויכע רויטע וואַנט. צוויי שורות פון טונקעלע פאַררעגענטע בערוועגע הייזקעס טוליען זיך אין איהר רויטליכען שאָטען.

און שעהן איז דאָ דער שפּיעל פון פאַרבען זומער־צייט, ווען איבער דעם רויטען אָפּריס פון ליימיגען באַרג שטעהען אָנגעטורעמט בייכיגע ווייסע וואָלקענדלעך, ווי פאַרקיהלטע עקספּלאָזיאָנען, ווי פאַרגליווערטע שאָסען פון הימעלשע האַר־מאַטען. אונטער דער פויכיגער ווייסקייט פון די וואָלקענדלעך גאַרטעלט זיך אַ גרינער ראַנד פון קוסטעס. אונטער די קוסטעס — די פליישיגע רויטקייט פון דער הויכער ליימיגער וואַנט. און טיעף אונטערן באַרג — אַ העלער קופּערנער זשאַווער, אַן אויסגוס פון העל־גרינעם סאַמעטענעם מאָך איבער די אַלטע אינדעל־דעכער. אונטער דעם — די גלייכמעסיגע גרויקייט פון

די הילצערנע הייזקעס מיט פאַרטוכלעך פון פרישע סעדלעך און פריזבעס, מיט פינטעלעך פון רויטען מאָהן אין די סעדלעך. איין פרעהליכע פאַרב פרעגט דאָ אויס די צווייטע פאַרב, שטרייכט אונטער איהר זאַפטיגקייט. און דער ברעג פון דער נאָהענטער אָזערע שטעהט-צו צו קאָמפּאַניע פאַרבען מיט איהר קיהלער בלויקייט; שטעהט-צו, חנפעט זיך צו זיי און שמייכעלט אונטער... און אַלץ צוזאַמען הייסט: דער „אונטערבאַרג".

לויפט אָן דער שליאַך פון צווישען צוויי וואַסערען, איבערן שמאָלען ערד-פּאַס, איבער דער הרעבליע, שפּאַרט זיך דורך צווישען די צוויי שורות הייזער פון דעם „אונטערבאַרג" שלאָגט זיך אָפּ אָן וואַלד און פאַרקירעוועט זיך לינקס – צום זשלאָבינער טראַקט — באַרג-אַרויף, און רעכטס — צום פראַנצאָווקער וואַלד – באַרג-אַראָפּ, וואוהין פראָסטע יונגעלייט געהען זומער שפּאַצירען מיט זייערע כלות...

וואוינט אינם „אונטערבאַרג" אַ סאָרט אידען, וואָס איז האַלב-שטאָדטיש און האַלב-דאָרפיש. מעקלער און ישובניק איז אויסגעמישט אין זייער קליידונג, קרעמער און האָראָפּאַשניק – אין זייערע פּנימער און אין זייער ריידען. אַ קורצע קאַפּאָטע מיט אַ שפּענצער איבער דאָרפישע פלודערען, וועלכע זיינען פאַררוקט אין בונט-רויטע, ניט-געפּוצטע כאָליאַוועס. פאַרגרעבטע פּנימער און איידעלע מידות. האַלבע פסוקים און גמרא-ווערטלעך שווימען אין אַ זאַפטיגען באַלעגאָלישען לשון...

זיי פאַרמיטלען טאַקע, די דאָזיגע אידען, די דערפער פון הינטער דער ליימענער באַרג מיט דער אידישער שטאָדט אויף יענער זייט הרעבליע. זיי פאַרטרעטען זיי ביידען. זייערע קינדער לערנען חומש מיט רש"י אין גוטע חדרים אין שטאָדט; און ווען זיי קומען פון הדר אַהיים לערנען זיי זיך איינשפּאַנען אַ פערד און אַרומגעהן אַרום עופות. מיטן גראָבען פינגער טייטשען זיי איין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, און מיטן זעלבען פינגער מאַכען זיי גריבלעך אין די בייטען פון זייערע גערטנער און פאַרזייען אוגערקעס און קרויט און פּאַסאָליעס. העלפען טאַמע-מאַמע...

כמעט יעדער איד פון „אונטערבאַרג" האָט אַ פערדעל

און אַ וועגעל, אַ פּאָר בהמהס, געגנז און היהנער, אַ גערטעל הינטערן הויז און אַ סעדעל פון פּאָרענט. אין די סעדלעך וואַקסען געלע איריסען, חנעוודיגע מאָהן-בלומען, וואָס שטעקען נייגעריג אַרויס די פאַרביגע פּוסטע קעפּלעך זייערע פון צווישען די פלעקענער און קוקען נאָך אַלע פאַרבייגעהער. דאָ שטופּען זיך, יאָלדיש און באַרימעריש, די „פּאָדסאָלניקעס“ און אויף זייערע הויכע העלזער זיינען אָנגעהאַנגען גאַנצע טעלער פול מיט זונען-שיין. אונטער זייערע לאַנגע פיס טוליען זיך באַשיידען די צאַגרעסען-קוסטעס און עס באָמבלען זיך אַלטמאָדיש די ווייַנפּערלעך מיט זייערע לאַנגע רובינען-אוירינגלעך.

די אידען פון „אונטערבאַרג“ זיינען שטיל און געזונט, ווי דער וואַלד, וואָס אָטהעמט אויף זיי מיט זיין פעכיגען אָטהעם פון פּראַנצאָווקע; ווי די אָזערע, וואָס שפּיגעלט אין זיך אָפּ אַ טייל פון זייערע הייזער. און די רויטע וואַנט פון לייהם-באַרג וואַכט, ווי אַ פעסטונג, איבער זייער לעבען און אַרבייט: דאָס אויסזעהן פון אַן אַלטער פעסטונג פאַרשטאַרקען נאָך די טיעפע שמאָלע לעכער, וואָס געפינען זיך אין אָפּגעשפּאָלטענעם באַרג, הויך איבער די הייזער און קוימענס. שוואַלבען האָבען אויסגעפּיקעט די דאָזיגע לעכער, וועלכע זעהען אויס ווי פאַרמאַסקירטע שיס-קוקערס. שקלאָווער שוואַלבען איז אויך געפעלען געוואָרען דער „אונטערבאַרג“, וואָס איז אַזוי נאָהענט צו די טראָסטינעס און צו דער אָזערע, וואו עס מעהרען זיך גאַנצע וואָלקענס פון מוקען, וואו עס ווידמען זיך כאַליאַסטרעס פון פלערליי פליגען. האָבען זיי דאָ דערפאַר פאַרלייגט זייער קאָלאָניע, געגרינדעט אַ גאַנצע שוואַלבען-מלוכה אינדערהויך פון אָפּגעשפּאָלטענעם לייהם-באַרג. אָט איז דער נעסט און אָט זיינען די מזונות!... נאָר אָנשטאָט צו קלעפּען זייערע בולטע, קונציגע נעסטען אָן די ניט-זיכערע אידישע הייזער, האָבען זיי זיי בעסער איינגעגראָבען הויך-הויך, אין רויטען לייהם פון באַרג, און אַזוי טיעף אויסגעפּיקעט זיי — מיט אַ גאַנצען אָרים קען מען דעם גרונט ניט דערטאַפּען.

שקצים, וויסע-חברהניקעס, נעסטען-טרייסלער, אייעלעך-

רויבער, האָבען שוין ניט איין מאָל געפּרובט אַרויפקלעטערען מיט סכנות-נפשות, אַריינגעשטעקט אין די נעסטען נאַקעטע דינע אָרימס ביזקעל סאַמע פּלייצע... און ניט דערגרונטעוועט. אַט ווי פּראַקטיש עס זיינען די שקלאָווער שוועלבעלעך פון „אונ-טערבאַרג"! מיט זייער פויגעלשען חוש האָבען זיי לכתחלה געפיהלט אויף וואָס פאַר אַ המצאה אידישע קינדער וועלען פאַלען און האָבען זיי איבערגעכיטרעוועט.

.2

דאָרט וואו עס דערלויפט די לעצטע הייזקע פון „אונ-טערבאַרג" און דער וועג פאַרנעמט זיך רעכטס, אויף פראַנצאָווו-קע, שטעהט אַ בודקע פון ברעטער. אין בודקע פאַרקויפט מען זעלצער-וואַסער.

פאַרמאַטערטע גויים, מיט טאָרבעס, וועלכע קומען זומער אַראָפּ פון זשלאָבינער שליאַך, כאַפּען דאָ אַ טרונק. און בשעת זיי איז קיהל און גוט אויפן הארצען, איז „אונטערבאַרגער" אידען אַ סך לייכטער איינצוהאַנדלען ביי זיי זייער חזיר-האָר, זייער פלאַקס, זייערע קוישען אייער.

און שבת, ווען אידען האַנדלען ניט, איז די בודקע, בונ-דעסטוועגען, אָפען. באַלעמעלאָכעס, וועלכע געהען שפּאַצירען מיט זייערע כלות אין פראַנצאָווקער וואַלד, כאַפּען זיך אַריין אין דער הילצערנער, קיהלער בודקע און טרינקען דאָ זעלצער-קע אויף באָרג, אַ קאָפּיקע אַ גלאַז. אומדערוואָכען מאָהנט מען ביי זיי אויף. אָבער נאָר סטאָלע יונגעלייט באַקומען דאָ קרע-דיט. געהילף-יונגען מוזען דאָ אַרויסטרייסלען מזומנע קאָפּיקעס פון טיכעלע גלייך אין טיש-קעסטעל אַריין... אַ אינגעלע אונטער בר-מצוה שטעהט דערביי און גיט אַכטונג. אַ אינגעלע מיט ממזרישע אויגען. וואָוקע רופט מען איהם, און רעדען רעדט ער, דער סרוליאַק, עפּעס גאָר ווי אַ גרויסער סוחר: „מיין סחורה"... „איז קאָסט מיך אַליין טייער"... „איך קען אויף באָרג ניט געבען"...

ער היט, דער ממזרוק, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ער האַלט קאָפּ. ווען ער קען ניט, דעם הייסט ער מוחל זיין און אַריינטרייסלען קודם־כּל די קאָפּיקע אין טיש־קעסטעל. אַנדערש לאָזט ער נישט קוועטשן די הענטעל פון סיפּאָן. ניט וואָווקע, ניט דער קאָפּיקענער קונה וועט דאָך קיין געלט מיט די בלויזע שבתדיגע הענט ניט האַלטן... אַזוי נאַרט מען אָפּ דעם רבונו־של־עולם אין זיין שבתדיגן דרימעל און אַלע זיינען צופרידן.

בשעת פאַנדרע איז געווען אויף דער פריי און האָט זיך געזונט, פלעגט ער דאָ שבת כאַפּען אַ טרונק זעלצערקע. צעהיצט פון געהן, פון דער הייסער זון, פון זיין העלישער ליעבע צו מערען און פון זיין שבתדיגען געווענטעטענעם גאַרניטער, וועלכער ברענט אונטער די פאַכעס, פלעגט ער זיך אָפּשטעלען אין בודקע, איידער פאַרקירעווען קיין פראַנצאָווקע אויפן שפּאַציר. איהם האָט וואָווקע גוט געקענט. פאַנדרע איז געווען אַ גוטער טרינקער און אַן אָנגעלעגטער קונה אויף באָרג.

שפּרייזט פאַנדרע אַריין אין בודקע. קוים וואָס ער קריכט דורך מיט זיינע ברייטע פּלייצעס דורך דער שמאָלער טהיר. פון זיין זיבען־פודיגען געוויכט און פון זיינע טריט גיט זיך די גאַנצע בודקע אַ שאָקעל, די ברעטער פון דיל קנאַקען אונטער זיינע שבתדיגע שטיוועל.

זעצט זיך פאַנדרע אַנידער אויף דעם איינציגען הילצערנעם באַנק, צעשפּרייט די קני און די לאַקירטע כאָליאַוועס, גיט אַ זויג די לעצטע שיריים פון טשאָלענט פון צווישען די געזונטע ציינער און רעדט צום צוועלף־יאָהריגען סוחר אַזוי:

— אַ נו, וואָווקע! וויז מיר נאָר וואָס דו קענסט! פּצען אַקאָרשט אויף דעם שפּונט און פּליוכע מיר אָן די אמתע גלאָז זעלצערקע! ס'זאָל אַ זעץ טאָן אין נאָז ווי פּסחדיגער כריין, מוראַשקעס זאָלען אַוועק אַ קאָזאַצקע איבער דער צונג, סע זאָל בורטשען אין בויך און אין אַלע אברים.

וואָווקע, דער ממזרוק, גיסט אָן פאַנדרען די טיעפסטע

גלאָז, אָהן גלעזערנע צאַצקעס, וואָס איז באַשטימט פאַר גוטע קונדען און נעמט אין זיך אַריין מעהר זעלצער-וואַסער, ווי די גראָבע גלעזער מיט די געחכמהטע דעקען... „כיל—כיל—כיל" כאָרכעלט דער גרויסער קופערנער סיפאָן, ווי אַ געקוילעטער אינדיק, און צעדייצט פאַנדרעס דורשט. נאָר פאַנדרע האַלט זיך איין. ער פאַרלענגערט די הנאה, ער רייבט זיך די לאַפּצס. ער קוקט נאָך אַ ווייליטשקע אויף די וואַסער-פענכערלעך, וואָס טאַנצען איבערן פלאַך פון פולען גלאָז, וואָס האַפּקען זיך און שפּריצען אַזוי שטיפעריש און אַפּעטיטליך. דערנאָך ערשט נעמט ער אָן די גלאָז מיט ביידע הענט און ציהט אין זיך אַריין די גאַנצע פליסיגקייט מיט די שפּיצען ליפּען פּונקט אַזוי ווי דאָס טהוט „שמאַרעוואָז" — ר' סענדערס געזונטעסטער פערד — בשעת ער איז דורשטיג.

אין צוויי-דריי ציה איז די גאַנצע זעלצערקע פאַרשוואונדען אין פאַנדרעס אינערלעכקייטען, כאָטש ברענענדיג-קאַלט איז דער טרונק. וואָרים „אונטערבאַרגער" אידען זשאַלעווען ניט קיין אייז אַרום אַ סיפאָן, די אָזערע איז באַהענט צום שטוב. און ווינטער-צייט גרייט מען זיך אָן גאַנצע קעלערען מיט בלויע שטיקער געפראָרענס. און פאַרפעהלט אין שטאָדט אייז פאַר חולאים לויפט מען נאָך איהם צום „אונטערבאַרג".

אָבער מחמת דער שטאַרקער אַנגעקיהלטקייט פון טרונק פיהלט אין איהם ניט פאַנדרע די „שטאַרקייט". די קעלט האָט דערשטיקט די קיצלענדיגע פענכערלעך. עס בייסט ניט געננג אויף דער צונג, עס שלאָגט ניט אָפּ אין נאָז...

פאָסמאַקעוועט זיך פאַנדרע מיט אַן אומצופרידענער מינע פון אַ „טרינקער", וואָס האָט זיך געריכט אויף „ניינציגער" און מען האָט איהם דאָ אונטערגערוקט „פערציגער" בראָנפען. דריקט ער אויס זיין אומצופרידענהייט אַזוי:

— אוי, וואָוקע! ס'איז עפעס ניט דאָס! ס'איז עפעס גאָר ניט דאָס! וואו בורטשען, ווען בורטשען, וואָס בורטשען?... סע הויבט גאָר ניט אָן צו בורטשען... אַנו, גיס מיר אַקאָרשט אָן נאָך אַ גלאָז.. אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט.

כאַפּט זיך צו וואָווקע צום קופּערנעם סיפאָן און גיסט אָן אַ צווייטע גלאָז, און פאַנדרע טרינקט ווייטער אויס ביזקעל דעק און איידער ער האָט נאָך דערזופּט דעם לעצטען טראָפּען — שאָקעלט ער שוין מיטן קאָפּ אויף „ניין", ס'הייסט: אַז ס'איז נאָך אַלץ ניט דאָס וואָס מען מיינט...

אָפּגעריסען די ליפּען פון גלאָז פאָסמאָקעוועט ער זיך נאָך אַמאָל, פּרובט אָפּשטויסען דעם גאַז, פּרובט אָפּשלוקערצען — עס שלוקערצט זיך ניט.

— פע! — מאַכט ער — וואָווקע, וואָס איז מיט דיר היינט געוואָרען? דו האָסט זיך דאָך מיר אינגאַנצען אויסגצוועבט! דאָס איז דאָך אָפּגעקיהלטער „פאָמינעס", ניט קיין זעלצערקע. אָפּגעזייעטע לאָקשען-וואַסער איז דאָס, וואָווקע, דו הערסט? ציגענע טרינקעכץ... וואו האָסטו דעם סיפאָן איינגעהאַנדעלט? ביי „פלאַקסינעץ" דעם זעלצערמאַכער! טו זאָג איהם, דעם אַלטען אָנזעצער, ער זאָל אַביסעל מעהר אונטערגעבען... אַביסעל מעהר יענע מעשה... ווי הייסט דאָס דאָרטען?... מילא, בקיצור, פייף מיר אָן נאָך אַ גלאָז זעלצערקע! לאָמיך זעהן וואָס דו קענסט און לאָמיך דערפיהלען דאָס הארץ!...

.3

וואָווקע כאַפּט זיך פאַרן קראַן, בלייבט שטעהן און גיט אַביסעל פאַרשעמט אַ פרעג ביי פאַנדרען: אפשר זאָל ער איהם אין גלאָז אַריינשיטען אַביסעל מעהל-צוקער וועט עס בעסער זידען...

— מעהל-צוקער? — פאַרקרימט זיך פאַנדרע, — וואָס בין איך עפּעס אַ מעוברתע אידענע? וואָס רעדסטו נאַריש-קייטען, וואָווקע? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? אויב זידען, דאַרף עס זידען אָהן מעהל-צוקער... דו הערסט, וואָווקע? דיין מעהל-צוקער גיב אַוועק דער מאַמען דיינער אויף אַ זיסען קוגעל.

און מיר גיס אָן די אמתע זעלצערקע, אָהן חכמות, וואָווקע! קוועטש אַביסעל בעסער דיין פאַרזשאַווערטען סיפאָן! די גאַנצע מאַכאַרייקע אין בויך זאָל זיך איהם דאָרטען איבערקערען...

קוועטשט וואָווקע, דער ממזר, מיט אַלע כחות. און דער קיפערנער סיפאָן סטאַרעט זיך: כריפעט און כאָרכעלט און גאָרגעלט פונם אייז-צעבער אַרויס, כדי צופרידענצושטעלען פאַנדרען, דעם גרויכען ליבהאָבער פון זעלצערקע, דעם בעסטען שבתדיגען קונד אויף באָרג, דעם שעהנסטען מבין... אָבער פאַנדרע בלייבט פאָרט ניט צופרידען. די דריטע גלאָז באַפרידיגט איהם אויך ניט. זי דראַפּעט ניט גענוג אין האַלז, זי שלאָגט ניט אין די נאָזלעכער. ווישט זיך פאַנדרע אַרום, מעשה-שצאָגעל, מיט זיין צוזאַמענגעלעגטער נאָזטיכעל, הויבט זיך אויף אַ ביסעל ברוגזלעך און רעדט צו וואָווקען אַזוי:

— איז דריי קאָפּיקעס פאַר דריי גלאָז בין איך דיר שולדיג!... נאָר געדענק, וואָווקע, מעהר טרינק איך ביי דיר קיין זעלצער-וואַסער. מעג איך שטאַרבען אַ טרונק... דו הערסט? סיידען דו וועסט זיך פּאָסטאַרען דעם קומענדען שבת...

מיט אַ פולען בויך קאַלטע וואַסער, איבערן הייסען אָפּגעגעסענעם טשאָלענט, שפּרייזט פאַנדרע אַרויס פון דער הילצערנער בודקע. דער דיל גיט ווייטער אַ קנאַק און די בודקע גיט זיך אַ שאָקעל צו פאַנדרען און אַ שאָקעל אויף צוריק. פונקט, ווי זי וואָלט איהם אַרויסבאַגלייט מיט אַ הילצערנעם „גוט-שבת". פאַרקערוועט זיך פאַנדרע צום וואַלד, וואו חברים באַלעגאָלעס און קצבים וואַרטען שוין אויף איהם און מאַכט מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: „נאַ, שלעכט געטראָפען היינטיגען מאָל"...

נאָר דאָ הויבט אָן די קאַלטע זעלצערקע צו אָנוואַרעמען זיך אין געזונטען גוף. די פענכערלעך הייבען אָן צו ברויזען, גיט פאַנדרען אין נאָז אַ זעץ די ערשטע „שטאַרקייט" אויס-געמישט מיט דעם טעם פון אַריינגעריבענעם פעטען קוגעל... דרעהט ער אויס דעם שטאַרקען קאָפּ צו דער בודקע און רופט פון פולען בויך אַרויס:

— וואָווקע!

וואָווקעס ממזריש, געשווירן קעפּעל מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערלעך רוקט זיך אַרויס פון טהירעל.

— נאַ!... — שרייט צו איהם פּאַנדרע מיט אַ קול פון אַ מענשען, וואָס געהט איין אויף אַ פּשרה, — דיין זעלצערקע — גישקשה! דו הערסט? ניש—ק—שה!

פּאַנדרע איז נאָך ניט דערגאַנגען צום אַלטען שייער, וועלכער שטעהט ביים זייט פון וואַלד-שטעג, ערשט דאָס זעל-צער-וואַסער האָט גענומען שפּיעלען אויף נייע סטרונעס, עס זעצט נאָכאַנאַנד, עס בורטשעט אונטערן גאַרטעל, עס שלוקערצט זיך... און פּאַנדרעס פאַרגעניגען וואַקסט. פיהלט ער, אַז ער האָט זיך אומזיסט-אומנישט געטשעפּעט צו וואָווקען. זיין קצביש-באַלעגאָלישער יושר דערלאָזט איהם ניט צו פאַרשווייגען אזא אומגערעכטיגקייט פון זיין זייט. דרעהט ער זיך אויס צו דער בודקע און שרייט נאָך העכער:

— וואָווקע!

וואָווקעס כיטרע קעפּעלע רוקט זיך אַרויס פון דער היל-צערנער טהיר-לאָך. זיין וועלפישער אויערעל האָרכט:

— דיין ז-לצערקע, וואָ:וקע, — גו-וט! אָבער גאָר גוט! אַן אַנטיק, וואָווקע!...

באַקומען דעם צווייטען קאָמפּלימענט רוקט זיך דאָס קעפּע-לע אַריין צוריק, און פּאַנדרע געהט אָפּ נאָך אַ וועלכענע צעהן טריט. ערשט דאָ דערפיהלט ער דעם עכטען טעם פון אַלע דריי גלעזער זעלצער-וואַסער, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען. עס האָט זיך אין איהם צעבעלבעט און צעבעלעזעלט. ס'האָט זיך אין איהם צעשפּיעלט אויף אַלע כלים. פון אַלע באַהאַל-טערלעך אין איהם, פון אַלע מאָגען-טיפענישען שפּאַרט זיך אַ ברויזענדיגע זיסע שטאַרקייט. און עס שלאָגט אין נאָז, ווי אַ גוטער ספּירט. נאָך אַ פּאָר טריט — און עס אַרבייטען שוין אַלע שפּונטען, עס פייפען אַלע פייפעלעך און עס שיסען די ראַקעטען. דער גרינער וואַלד שטוינט און סאָראָקעס אויפן וועג דערשרעקען זיך. קען אין זיך פּאַנדרע זיין גרויסע דאַנקבאַר-

קײט פּאַר אַזאַ גוטען טרונק אויך ניט אײנהאַלטען; דרעהט ער זיך אום אַ דריטען מאָל און שרײט פון דערװײטענס. נאָר זײן לײבצן־קול רײסט זיך שוין דאָסמאָל איבער פון זיסע אויסשטויסענישען:

— איק... װאָװקע! איק...

װאָװקעס קעפּעלע שטעקט זיך אַרויס אין טהירעל.

— אוי, אוי, װאָװקע! — שרײט צו איהם פאַנדרע, — אַ רוח... איק... אין דײן טאַטענס טאַטען אַרײן! דײן זעלצער־קע — איק... הפלא!! עס צענעמט, װאָװקע! עס גראַגערט! עס טערעבענצע־עט! אַט־אָ נאָך אַמאָל! אי־יק! אַי־אַי, װאָװקע!

• •

•

אַזעלכע סצענעס האָט די בודקע געזעהן כמעט אַלע שבת, סך־הכּל — מיט אײן יאָהר פריהער, װען פאַנדרע איז נאָך געװען אַ בחור, װען ער האָט זיך נאָך ניט געװען צוגעװאוינט צו סענדער׳ס פערד און מורא געהאַט צוצוטרעטען צו מערען, זי זאָל ניט „אַ בריק־טאָן“. און אַצינד —

אַצינד, אָנהויב װיעסנע־צײט, עס איז נאָך צו פריה צו טרינקען זעלצער־װאַסער. גוײם פון שליאַך זײנען ניט דורשטיג, באַלמעלאָכעס און געהילף־יונגען געהען נאָך ניט שפּאַצירען אין פראַנצאָװקער װאַלד. נאָר די בודקע אין „אונטערבאַרג“ האָט זיך שוין גענומען אויסטשוכען פון איהר װינטערדיגען שלאָף. איהר פאַרשלאָסענער אײזערנער פרענט איבערן טהיר הענגט שוין שלאָס־אַראָפּ, באַלכסון, װי אַ פאַרחלשטער אָרעם. די הילצערנע טהירעל איז אויפגעמאַכט. װאָװקעס טאַטע־מאַמע קעהרען אויס דאָס שפּינװעבס, װאַרפען אַרויס טויטע פלעדער־הײבלעך, װאָס זײנען דערפרוירען געװאָרען שפּעט אָסיען־צײט און ניט צײט געהאַט צו אַנטװיקלען זיך אין ברוינע און װײסע „זומער־פויגעלעך“. שטעהט שוין די בודקע אַן אָפענע און לופטערט

זיך, זי גענעצט, דאַכט זיך, און בענקט נאָך קונים... צי וועט אָבער פאַנדרע אויך היינטיגען זומער קומען באַזוכען זי, טרינקען זיין פאָרציע זעלצערקע נאָכן טשאָלענט?

מיט עטליכע חדשים צוריק האָט זי איהם, מיט איהרע פוסטע קוקערלעך, געזעהן אָוועקגעהן, די בודקע. זי האָט איהם געזעהן אַוועקגעהן אויפן מאָהליווער שליאַך, צווישען צוויי סטראַזשניקעס, מיט אַנטבלויזטע שווערדען. און זינט דאַמאָלס איז ער נאָך צוריק ניט געקומען. צי וועט ער?...

א בייזע באַגעגעניש

.1

ראַניעצקע, נאָך אַ געכאַפּטען און געהיפּטען דאַווענען און פּאָר אָנבייסען, האָט זיך ר׳ סענדער גענומען קלייבען צום „אונטערבאַרג״, צו בערען — זאָווע דעם מילנערס איידעם, כּדי איבערצוגעבען איהם „דזשירקעליכען״ — די ציטערדיגע קליאַטשע זיינע.

ווי אַ טאַטע, וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרען און פיהרט אָפּ זיין טאָכטער צו ווערען אַ דינסט אין דער פרעמד, אַזוי האָט זיך ר׳ סענדער געשעמט מיט זיין שטיקעל אַרבייט, וואָס ער קלייבט זיך דאָ אָפּצוטאָן. אויסטערליש און מיאוס האָט איהם אויסגעזעהן צו פאַרהאַנדלען אינמיטען מיטוואָך אַ טרייע ברויטגעבערין, און בלייבען אויף דער עלטער אַ באַלעגאָלע אַ יורד, ביי איין פערד; אָהן „שמאַנדריקען״ — זיין פאַראומגליקטען „איידעמעל אויף האָבער״, און אַצינד — אָהן „דזשירקעליכצן״... דערפאַר האָט ער זיך געפּעדערט, געוואָלט אָפּפּטרן דעם עסק ווען האַלבּ שטאָדט שלאָפט נאָך, ווען אַלע קלייטצן זיינען געשלאָסען. זאָלען לייט און באַלעגאָלעס פון צעך ניט זעהען. נאָר דער רבונו-של-עולם און דאָס באַגינען-ליכט מעגען זעהן זיין צער.

אין זיין קליינעם פאַיעטאָנדעל האָט ער געשפּאַנט „שמאַרעוואָזען״ — זיין שטאַרקסטען פערד, מיט די צעגאָסענע ברוינע

און ווייסע פלעקען איבער דער פּנים. דזשירקעליכען אליין האָט ער געלאָזען אויף שפּעטער. זי קען ער פּשוט אָנבינדען אָן זיך פון בריטשקע, מיט איין בלויזען שטריקעל, און זאָל זי נאָכלויפען... אַזוי אַרום וועט ער אין „אונטערבארג" ניט דאַר־פען לאַנג עוסק זיין מיט איהר. אָפּגעבונדען, אָפּגענומען די ממתקים און אַוועק פון די אויגען אין פרעמדען שטאָל אַריין! נענוג וועט זיין צו עסען זיך דאָס הארץ צו־ליעב אַ פערדיכע.— פאַנדרע איז בילכער!

ס׳איז טאַקע ניט אַזוי שעהן דזשירקעליכע זאָל נאָכלויפען הינטער דער בריטשקע, ווי אויף אַ גויעשקען יאַריד. דערפאַר אָבער איז ער, ר׳ סענדער, נאָכן מסחר, פּטור פון איבערשפּאַנען. יעדער איבעריגער אָנציהען די לייצעס און פאַרוואַרפען דעם כאָמעט קומט איהם אַצינד אָן מיט טעם־טויט. שמענדריקעס חולאת און זיין טרויעריגער סוף האָט איהם, ר׳ סענדערען, איינגעאָנצען דערשלאָגען. זיין קאַרק איז אָפּגעמאָטערטער געוואָרען. זיין געריהרטער, פעטט־פאַרגאַרטעלטער בויך איז איהם איינגע־פאַלען. און זיין אַלטער בעהלער האָט זיך געלאָזט פיהלען מעהר ווי אַלעמאָל. ניט אַריבער אַ טאָג אָהן אַ שאַרפען שניידען אין לייב און אָהן הייסע קאָמפּרעסען.

ווי שווער ר׳ סענדער איז אַצינד אויפן קעהר, דאָס האָט מען געקענט אָנזעהן פון זיין פאַיעטאָנדעל גופא. וועלכען פאַנדרע האָט, פאַר זיין אַרעסט, איבערגעלאַקירט אויפס ניי, די רעדער איבערגעקאָוועט און די מעשענע טיילען אויף די האַלאָבליעס געפוצט... פאַרדריפּעט איז אַצינד געוועזן דאָס פאַיעטאָנדעל אונטער די בלעכענע פליגלען. איבער די אָפּגעניצטע רעדער, איינגעטריקענטע אין פרישע בלאָטע קריכט אַראָפּ פון די ספּיצעס און מישט זיך מיט דעם דיעגעכץ אויף די דינע אַקסען. ר׳ סענדער האָט אַצינד קיין כח ניט אויסצוציהען זיך אונטער די רעדער מיט אַ נאַסען ווישכיטש און וואַשען. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן פאַיעטאָנדעל, ווי אויף זיין גאַנצען מזל. וואָס איז? פּריצים, אפשר, פיהרט ער אויף אַ חתונה? ער פאָהרט דאָך נאָר איבערצוגעבען דזשירקעליכען אין פרעמדע

העגט, פאַרקויפען אַ שטיק פלייש פון אייגענעם לייב... ווערען אַ יורד. הייגט פאַר ווענמען דאַרף ער דאָ יוצא זיין? זאָל טאַקע די בריטשקע בלייבן פאַרדריפעט. זאָל טאַקע די קבצנות ניט שרייען מיט פרישען לאַק און מיט מעשענע בלעכלעך!

מיט אַ צעבראָכען האַרץ האָט זיך ר' סענדער באַשלאָסען אויף דעם פאַרקויף. ווען ניט דער מאָהליוווער אַדוואָקאַט — דער כלב, פאַנדרעס באַשיצער, וואָלט ער זיך נאָך אפשר אָפּגעשוויגען פון סענדעריכען — זיין ריהרעוודיג ווייבעלע, און פון מערען — זיין שווערמוטיגער, טראָגעדיגער טאָכטער... נאָר דער משפט איבער פאַנדרען אין „אָקרוזשני סוד" האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָהענט, און דער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטען אין איין טענהן, אַז ער לעגט נאָך צו צום באַלעגאָלישען פראָצעס. הכלל... דער באָבעס ירושה לעגט ער צו! מיט קבצנים זאָגט ער, אין אַזעלכע זאַכען, טאָר מען זיך קיינמאָל ניט אָנהויבען. די וועלט, מאַכט ער, איז זיי ווענינ...

די התלהבות, אַרויסצוהעלפען אַן אָרימען אידען פון גויעשע הענט, האָט שוין לאַנג איבערגעבערענט אַפילו ביי די באַרעמהאַרציגע באַלעבאַטים פון ליובאַוויטשען בית־מדרש. געפעהלט האָט דער אַלטער מורא־הוראה, מיט זיין טיעפען קוק און מיטן רוהיגען וואָרט. פאַר מענדלען, זיין קליינינקען יורש מיט זיין בעקוועטשטען „תזזכרו" אין קריאת־שמע, האָבען בכבודיגע חסידים קיין גרויסען דרך־ארץ ניט געהאַט. דעם לעקיש האָט קוים געקלעקט די שכירות צו היילען זיינע אייגענע שלימזלען אין שטוב, די ניט־געראָטענע קינדער זיינע. מ'האָט צוליב דעם געמוזט צוזאַמענרופען אסיפות און מאַכען אַ קאַראָבקע אויף די ערב־שבתדיגע הייוען. חסידישע ווייבער זיינען געווען שטאַרק ניט צופרידען פון אַזאַ נייער הוצאה און האָבען זיך געבונטעוועט. מחלוקתן זיינען, צוליב דעם, אַוועק צווישען די מאַנסביל, צווישען אַזעלכע, וואָס האַלטען מיט זייערע ווייבער און צווישען די, וואָס זיינען געגען די ווייבער. מען האָט זיך אַפילו איינמאָל שבת, נאָך מפטיר, געפאַטשט צוליעב די הייוען. און דער

חלול-השם איז געווען גרויס. היינט וועמען וועט דאָס אַצינד ליגען אין קאָפּ עפּעס אַ נחקע פֿאַגדרע?

די הכנות צו זיין משפּט האָבען זיך אויך אַביסעל צו לאַנג פֿאַרצויגען. דער נייער פּריסטאַוו מיט די דראָטענע וואָנסעס, ימח-שמו זאָל ער ווערען, האָט געהאַט אַ האַנט אין אַזאַ פֿאַר-שלעפּעניש. עדות איבער עדות האָט ער אויסגעזוכט, זיינע געגנער געסטראַשעט, און האָט אַלע געמיטער מיעד געמאַכט. איז דערפֿאַר שווער געוואָרען אַרויסצוציהען, ביי וועמען-ניט-איז, אַ פֿרישען גילדען אויף אַזאַ אַלטגעבאַקענער מצוה.

און געקומען איז אַ טאָג, ווען ר' סענדער האָט דערזעהן, אַז עס העלפֿט ניט, אַז ער שטעהט איינער אַליין מיט זיין טרייער קליאַטשע אַקעגען אַ שטאָדט מיט קאַלטע לונג-און-לעבערס, אַקעגען אייגענע וויב און טאָכטער, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: „פֿאַרקויף" און „פֿאַרקויף"!

מיט טענות, אַז צום זומערדיגען יאַריד איז נאָך ווייט, און קיין אמתע קונים זיינען ניטאָ, האָט ער זיך מעהר ניט געקענט אַרויסדרעהען. סענדעריכע, די בריהצקע זיינע, האָט איהם „געהאָלפֿען" און, אויפֿן מאַרק, געקראָגען פֿאַר איהם אַ סוחר — דעם מילנערס איידעם פֿון „אונטערבאַרג".

הכלל, דזשירקעליכע איז איצטער באַזאָרגט אויף איהר גאַנצען פֿערדישען לעבען. אַ קלייניגקייט אַ מיהל! גאַנצע צעבערס מיט מיעקינע און מיט קלאַיען. האָבער — האַלב אומ-זיסט. מיטן מילנער זעהען די גויים, די יקרותניקעס, גוט אויס-צוקומען... די גוטע וואַסער פֿון דניעפּער און די פּאַשע אַרום אַזערע זיינען אויך נאָהענט. אָט איז די מיהל און אָט איז פּאַשע! וואָס וועט איהר דאָרטען פֿעהלען דער טייערער דזשיר-קעליכען „דיינער"?... מען וועט זי דאָרטען פֿאַרמאָרען, זאָגסטו. מיט משא־ת? מיט שווערע וועגענער קאָרן? וואָס דען? אומ יסט אפשר זאָל זי שטעהן און פֿרעסען פֿון זאַשיק, ווי ביי דיר אין שטאַל, דו קבצן איינער?

און ר' סענדער האָט נאָכגעגעבען.

גאָר גלאַט איז אָבער דער משא-ומתן, פֿון אָנהויב אָן,

ניט צוגעגאַנגען. וואָרים ווען דער מילנערס איידעם אין צורײַן צו סענדערען אין שטאַל און דערזעהן „שמאַרעוואָזען״ מיטן ברייטען רוקען, מיט דער גלאַנציגער געפלעקטער פעל און מיט האָריגע באַבקעס אויף די הינטערשטע פיס, האָט איהם אָנגעגומען אַ חשק אָפּצוקױפען דוקא דעם דאָזיגען חברה־מאַן און איבערלאָזען דזשירקעליכען ביי איהר אַלטען באַלעבאָס. אָבער ר׳ סענדער האָט, מיט אַ געפּאַלענעם קול, געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער בלייבט אַצינד ביי איין פערד, פון גאַנצע דריי... פריהער... איהם אַליין איז שמאַרעוואָז נויטיג אום לעבען, ווייל ער טויג זיך סיי פאַר דעם פאַיעטאָנדעל — פיהרען שודאַקעס צום פאַרעכאָד. סיי פאַרן משא־וואָגען, ווען די אָנגעלאָדענע לייוועס סחורה קומען אָן מיטן דניעפּער. נאָר אויב ער, דעם מילנערס איידעם, וויל איהם קוילענען — טו זאָל ער !...

דער אויסגעפּאַשעטער, גוטמוטיגער איידעם פון „אונטערבאַרג״ האָט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ צרה ר׳ סענדער געפינט זיך, צוליעב וואָס און צוליעב וועמען ער צעשיידט זיך מיט זיין קליאַטשע — האָט ער נאָכגעגעבען און פון שמאַרעוואָזען מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט.

.2

בשעת ר׳ סענדער האָט שוין געהאַלטען ביים אָנבינדען זיין קליאַטשע הינטער דער געשפּאַנטער בריטשקע, האָט פון דער אָזערע אַ בלאָז געטאָן אַ קיהלער באַגינען־ווינטעל. דזשירקעליכע, ווי איהר שטייגער איז, האָט גלייך געכאַפּט אַ ציטער, גענומען קלאַפּען מיט איין פּאָדקאָווע און טרייסלען מיט דער פעל אויף איין ליטקע. געגעבען סענדערן צו פאַרשטעהן, מיט קלאָרע סימנים, אַז ס׳איז איהר קיהלבלעך, יאָ, ס׳איז איהר עפּעס קאַלט. און ס׳וואָלט געווען אַ יושר איינצודעקען זי מיט דער אַלטער לעכערדיגער קאָלדרע. יאָ, מיט דער רויטער קאָלדרע...

סענדער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. דערנאָך ברו־מדיג געגומען בורטשען אונטערן נאָז, ניט צו דזשירקעליכען זיין קליאַטשע, ניט צו זיך אַליין:

— בערע דעם מילנערס איידעם — דער חזיר, וועט דיך שוין איינדעקען... דיין נייער באַלעבאָס! אַ ביזעמנע פוטער וועט ער דיר קויפען... וואַטאָווע מייטקעס וועט ער דיר לאָזען אויפ־נייהען... אָן סענדערן מעגסטו שוין פאַרגעסען מעגסטו...

ער האָט זיך געאיילט, ר׳ סענדער. אַליין קיין טהיי ניט געטרונקען און די פערד ניט געפּאָיעט. אָפּגעלעגט שמאַרעוואָזס „אָנבייסען״ אויף שפּעטער, נאָכן עסק. און דזשירקעליכע... זאָל זי דער נייער באַלעבאָס פאָיען! יאָ, בערע דעם מילנערס איידעם. ציקאָריע מיט מילך זאָל ער איהר געבען...

אַרויספאָהרענדיג, האָט ר׳ סענדער געמיינט, אַז אַזוי פריה וועט ער קיינעם פון זיינע לייט ניט טרעפען. אָבער ווי אויף צו־להכעיס איז אויף איהם, עק שטאָדט, אָנגעפאָהרען, מיט אַ סקריפּעריי און מיט אַ קוויטשעריי פון ניט־געשמירטע רעדער, ניט קיין אַנדערער ווי מאיר פענטע. דער זעלבער קלאָציגער איד מיט די טוטוויִע אויגען, וואָס האָט ביי איהם אָפּגעקויפט שמענדריקען פאַר גאַנצע זיבען רובעל.

הארצרייסענדיגע טענער האָבען פון זיך אַרויסגעלאָזען די טרוקענע רעדער. מיט טענות האָבען זיי זיך געדרעהט און מיט אַ „ס׳טייטש״ און מיט וועהגעשרייען. מיט אַ הייזעריג בילען פון אויסטערלישע הינט און מיט אַ קרעהען פון ווילדע העהנער. מיט פּזרס און תלישא־גדולהס און מיט שלשלתן... וואָרים צו שמירען דיעגעכץ אויף די אַקסען — דאָס האָט פענטע געהאַלטען פאַר גאָר אַן איבעריגען וואוילטאָג. ביי דעם קראַנקען גאַנג פון די אייביגע פאַדלעס וואָס ער האַנדעלט איין, האָט ער קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט די אַקסען זאָלען זיך אָנצינדען. און טאָמער יאָ — איז דאָ בלאָטעס און ברונימער אויף יעדער גאַס. נעצט מען איין אַ שמאַטע און מ׳לעשט...

ר׳ סענדער האָט שוין פונדערווייטענס דערקענט דעם געשמאַקען מזמור פון פענטעס וועגעל אויף די בן־פקוע־רעדלעך,

נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט צו פאַרקירעווען אָן אַ ווייס. וואָרים זיין וועג צום „אונטערבאַרג״ האָט זיך שוין געווען פאַרנומען צום שמאָלען פּאַס ערד, וואָס צווישן דניעפּער און אָזורע.

אין מאיר פּענטעס פויערשען וועגעל זיינען געווען אָנגע־וואָרפען שפּענער און האַלבע ציגעל, קאָרע פון בוימער און לעדיגע פּעסלעך, ביינער און שמאַטעס, אַלץ אַזעלכע מיני סחורות, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אומעדום און קיינער, דאַכט זיך, דאַרף זיי ניט. און פונדעסטוועגן ציהט פון זיי אַזאַ פוילער גולם, ווי מאיר פּענטע איז, זיין חיונה. אין שפּאַן איז געגאַנגען אַ פערדישע באַשעפעניש. סענדער האָט קוים־קוים דער־קענט זיין געוועזענעם איידעמעל־אויף־האָבער, דעם אַמאָליגען שטיפער אויף דינע געטאָקטע פיס, וועלכער פלעגט לאַכען מיט איין לעפץ פון דעם באַלעבאָס חכמות. אָט דאָס איז שמענד־ריקע? די גריווע איז ביי איהם אַצינד געווען האַלב אויסגע־קראָכען, דער עק אויסגעפליקט, איין טייל קירצער, דער צווייטער לענגער. די זייטען איינגעפאַלען. אויפן רוקען — רויטליכע רויהע פלעקען, אָהן האָר, ווי פון אָפּבריהען מיט זודיגע וואַסער, אָדער פון אכזריותדיגע שמיץ. און די גאַנצע פעל — איין מיתה־משונה־קאָליר. ווי איבערגעבערענטע גראָז אויפן פליין, סוף זומער... די דאָזיגע באַשעפעניש האָט געשלעפּט דעם שווערען וועגעל מיט איין זייט, אַלץ רעכטס און רעכטס, צום געזונטען אויג צו... און „פּענטע״ האָט איהר אַלע ווייל אויסגעגליכען דעם איינ־געדאַרטען קאָפּ מיט אַ שטורך פון רויטען קולאַק אין מאָרדע, מיט אַ שטאָך פון עק בייטש־שטעקעל. און אַלץ אַזוי קאַלט און קלאָציג, ווי אַ ליימענער גולם. און דער אַמאָליגער קאַפּריזנער שמענדריקע האָט אויפגענומען די גראָבע שטורכענישען אונטער־טעניג און אומעטיג, ווי אַ זאַך וואָס קומט איהם, אַפילו אַ שנאָ־ך ניט געטאָן. נאָר זיין בלינדע לינקע אויג האָט נאָך יעדען שטורך געגעבען אַ פאָהר־אַרויף מיט איהר בלוטיגער ווייסעל, און מיט דעם שטאָהל־בלויען גלאַנץ פון אַ טויטען שוואַרצאַפּעל. אַזוי האָט שמענדריקע געשלעפּט אויפן פּאַס ערד די משא פון

פענטעס חיונה און די משא פון זיינע פאַרלוירענע יאָהרען. געשלעפּט אין ציק־צאַקען, ווי אַ קרויט־וואָרעם. איין טראָט רעכטס און איין שטויס־אָפּ — לינקס.

דזשירקעליכע, די אָנגעבונדענע קליאַטשע, הינטער ר׳ סענדערס בריטשקע, האָט שמענדריקען גלייך דערשמעקט. פאָרט אָפּגעשטאַנען שעהנע עטליכע יאָהר אין איין שטאַל! האָט זי נאָכלויפענדיג אַ וואָרף געטאָן אַרויף דעם ווייבערשען נייגע־ריגען קאָפּ, ווי מען גריסט אַן אורח פונדערווייטענס, און האָט זיך שטאַרק צעהירזשעט הינטער ר׳ סענדערס רוקען:

— הי—הי—אי—אי!

דאָס האָט געזאָלט זיין אַן אָנזאָג: „קוקט, קוקט באַלעבאָס! שמענדריקע קומט אָן...”

אָבער דער געוועזענער קאַוואַליער איז אַצינד געגאַנגען ווי אַ למך, ניט דערקענט און ניט אָפּגעענטפערט מיט אַן איידעלען הירזשען, דורך די אָנגעבלאָזענע נאָזלעכער, ווי דער שטייגער איז פון יונגע העפליכע אָגערס, ווען אַ קליאַטשע באַגריסט זיי... מיט אַ זייטעל, מיט אַ זייטעל האָט ער געשלעפּט זיין אומגליק און מאיר פענטעס יאָך. הי—הי—אי—אי! מען שפּאַנט און מען שלעפּט און צום גרוב איז נאָך ווייט...

אויסגעגליכען זיך מיט ר׳ סענדערס פאַיעטאָנדעל איז מאיר פענטע, וועלכער פענטעס זיין ווייב, שטעהן געבליבען. אויפגעהויבען זיינע וועהטאָגדיגע אויגלעך און אָנגעקוקט סענדערס קאַוואַלקאַדע מיט טעמפּער פאַרוואונדערונג. אַ פּנים דערפאַר פאַרוואונדערט, וואָס ער זעהט „דזשירקעליכען” פון הינטען אויף אַ שטריק און ר׳ סענדערן אַליין אַזוי פריה. און עפּעס גאָר פלוצלינג האָט ער אַרויסגעוואָרפען פון זיך עטליכע אָפּגעהאַקטע אומגעלומפּערט־ברומיגע אויסגעשרייען, האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז:

— גו—מאָן! הע ז זי שיי—באַ—גאַצן—בלי—די—מיצי—

מאיר פענטע האָט דערמיט געמיינט זאָגען ר׳ סענדערן: „גוט מאָרגען”, און אַגב מודיע זיין איהם, אַז... „זי איז שוין באַלד איינגאַנצען בלינד, די מציאה”... ס׳הייסט שמענדריקע.

פון אַזאַ פלוצלינגן ברוך-הבא האָט ר׳ סענדערן אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און פאַרקוועטשט אין האַרצען. ער האָט נאָך טענות, אַזאַ מנובל! מיט אַ יאָהר פריהער וואָלט ער דעם פּענטע פאַר אַזאַ גוט-מאָרגען אַראָפּגעלאָזט מיטן בייטש איבער דער ליימענער צורה זיינער. אָבער, געבראָכען און דערנידריגט ווי ר׳ סענדער איז אַצינד געווען ביי זיך אַליין, האָט ער גאָרניט געענטפערט. נאָר איינגעהויקערט האָט ער זיך אויף דער קעלניע, איינגענורעט דעם פּנים אין באָרד, וואו די געלע ראָגאָזשע-האָר האָבען די לעצטע צייט גענומען נאָכגעבען און גרויען — צו... פינף און זעכציג יאָהר. און עפּעס אַ פאַרגעסענער פסוק האָט איהם מיטאַמאָל גענומען אַרומטאַנצען אין ניט-אויסגעשלאָפענעם קאָפּ: „ודמו הנה נדרש"... אַ פסוק פון חומש, ווען יעקב אבינוס זוהנדעל טשעפּעט זיך צו זיינע ברידער און לאָזט זיך ניט דערקענען, מאַכט ראובן צו זיי: „כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, פאַרזינדיגט זיך ניט אָן קינד... און אַט ווערם אָפּגערעכענט פאַר זיין בלוט"...

האָט ער זיך דען, סענדער, ניט געבעטען ביי זיין „סענדער׳כען" מען זאָל אַט דעם גולם — „פּענטען" ניט פאַרקויפען דאָס קראַנקע פערדעל? און ווער ווייסט?... צי מאַכט זיך דאָס אַצינד שמענדריקע אַליין ניט געפּגרט?... דער פאַרקויפטער „בן-יחיד" — אַ גלגול פון מכירת-יוסף איז דאָס ניט קיין פערד... ער זעהט דאָך אַלץ מיט זיין בלינדעוואַטען אויג, און פאַרשטעלט זיך, אַז ער זעהט, כלומרשט, גאָרניט...

מיט אַ געהיימניספולען שרעק אין ניכטערען האַרצען האָט ר׳ סענדער אַ שמיץ-געטאָן שמאַרעוואָזען און אַוועק אין גאַלאָפּ, מיט דער נאָכטאַנצענדיגער דזשירקעליכען פון הינטען, וואָס גיכער אַוועק פון „פאַרשטעלטען" אומגליק, פון לעבעדיגען פאָרוואורף.

און מאיר פּענטע האָט נאָכגעקוקט מיט זיינע וועהטאָגדיגע אויגען און ניט פאַרשטאַנען וואָס עס טהוט זיך דאָ היינט מיט ר׳ סענדערן.

די גרויסע מיהל פון „אונטערבאַרג" און די הרעבליע,

וואָס פֿאַרבינדט די אָזערע און דניעפּער, האָבן זיך דערנעהערט. לינקס איבער דער משופּעדיקער קעסעל־גרוב, וואו דער דניעפּער פֿאַרקירעוועט אויף מאָהליוו, האָבן זיך שוין אויסגעצויגן גאָלדענע פּאַסן שיין פֿון באַלויכטענע וואָלקנדלעך. נאָר איבער די טראָסטינעס און אייאיר אין אָזערע, פֿון דער רעכטער זייט, איז נאָך געהאַנגען אַ מילכיקער נעפּעל. פֿונם דאָזיקן נעפּעל אַרויס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט, אַ טיפֿער און טרויעריקער, דער קול פֿונם שקלאָווער וואַסער־אָקס — אַזאַ מין משונהדיק־גרויסע זשאַבע, וואָס בלאָזט פֿון איהר גאָידער, ווי פֿון אַ דודעל־זאַק, אַ מאָדנעם איינטאָניקן ניגון, ווען די זון געהט־אויף און ווען זי פֿאַרגעהט: „בו—הו!..״ „בו״—אין זיך אַריין און „הו״— פֿון זיך אַרויס; אַזוי אַז עס שאַלט אויף, ווי אַ פֿאַרזופּטער רעוועך פֿון אַ קוה, וואָס בענקט אַהיים, און ווי אַ געבראָכענע תּקיעה פֿון אַן אָנגעשפּאָלטענעם שופֿר, אויסגעמישט צוזאַמען:

— בו־הו! בו—הו—או!

מיט אַ נאָגענדיקן אומעט האָט אַ וועה געטאָן אויף סענדערן פֿון דעם דאָזיקן זיפֿץ און פֿון די פֿאַרעדיקע טראָס־טינעס. עפּעס ווי אַ קול פֿון יענער־וועלט וואָלט איהם גערופֿן, פֿון די שליימיקע טיפֿענישן אין דער אָזערע... און גראָד אַצינד, ווען זיין שרעק פֿאַר שמענדריקעס „פֿאַרשטעלעניש״ איז נאָך נים אַריבער... פֿון אַ פּחד אַוועק, אין אַ פּחד אַריין. און פֿאַר סענדערס אויגן זיינען מיטאַמאָל אַרויסגעשוואומען ברענע־דיגע ליכט צו אַ צוקאָפּענס. דער מורה־הוראה גוססט!... די געשטאָרבענע אויגן, מיט טונקעל־בלויע הייטלעך איבער זיי, שפּאַלטען זיך מיטאַמאָל אויף, און אַ גוססדיגער קול רופֿט איהם צו זיך:

— סענ—דע—ער! בו—הו—או!

נאָך אַ שמיץ איבער שמאַרעוואָזס ליטקע. וואָס־גיכער אַוועק פֿון דעם פֿאַרכשופֿטען פּאַס ערד, צווישען די ביידע וואַסערען, וואו מאָדנע זאַכען זיינען זיך מתדמה אין דער ערשטער מאָג־ליכטיגקייט.

דאָס בערווענע־בריקעל איבער דער הרעבליע האָט אַ

ברזם געטאָן אונטער די רעדער פון פּאַיעטאָנדעל, און די גרויסע מיהל האָט זיך אָנגערוקט, ווי אַ כמאַרע, מיט איהרע מעהליגע פענסטערלעך און פינסטערע אָפענע טהירען.

אַ פלאַכער צונג וואַסער פון דער אָזערע האָט אַ בליאַסק געטאָן אויף דער צווייטער זייט הרעבליע, ביים אַריינפאָהר אין „אונטערבאַרג". אינם דאָזיגען אויסגוס רוהט זיך די אָזערע אויס, פאַר איהר שטורמישען אַריינפאַל אין דניעפּער. שמאַרעוואָז, וועלכער איז נאָך היינט גיט-געפּאָיעט, האָט זיך אַ קעהר געטאָן צום וואַסער. ער האָט דעם וואַסער-אויסגוס גוט געקענט. ר' סענדער זיין באַלעבאָס האָט איהם דאָ ניט איינמאָל געלאָזט אַריינשפּאַצירען ביז די קניע, צווישען אייאיר און וואַסער-קראַסקעס, כדי צו טרינקען רוהיג און ברייטלעך פונם גאַנצען גלאַנציגען פלאַך. אָבער דאָסמאָל, ווייזט אויס, איז סענדער געווען געררייצט פון דער בייזער באַגעגעניש מיט שמענדריקען, פונם טרויעריגען רוף, וואָס דער וואַסער-אָקס האָט איהם גערופען... און אויסער דעם וואָלט ער דאָך געמוזט צו וויט אַריינלאָזען שמאַרעוואָזען אין וואַסער אַריין, כדי דזשיר-קעליכע, פון הינטען, זאָל אויך קענען טרינקען. האָט ער דער-פאַר מיט כעס אַ ריס-געטאָן די לייצעס אויף צוריק. אַ ריס-געטאָן — און דערפיהלט אַ שניידענדיגען וועהטאָג אונטערן גאַרטעל. דער „פעהלער" האָט זיך צעלאָזען. דאָס האָט אויפגע-בראַכט זיין כעס נאָך מעהר. האָט ער האַסטיג אַראָפּגעלאָזט די בייטש איבער שמאַרעוואָזס ליטקע איינמאָל און צוויי מאָל. געקיהלט זיך דאָס האַרץ... שוין אַ דריטען מאָל, אַז ער שמייסט היינט זיין פערד. אָבער דאָסמאָל האָט שמאַרעוואָז ניט פאַר-שוויגען און אָפּגעענטפערט מיט אַ בריק פון פאָדקאָווע אין דער קעלניע, אונטער סענדערס פיס, אַזוי צו זאָגען:

— וואָס האָט איהר צו מיר היינט, באַלעבאָס?

האָט איהם סענדער גלייך פארשטאַנען, און אַביסעלע פאַרשעמט, מיט אַ שוואַך האַרץ, ווי נאָך אַ תענית, אָפּגעבורטשעט:

— כ'האָב נאָך היינט אַליין קיין ט..יי ניט געטרונקען! ביסט אויך ניט קראַנק צו זויפען אַביסעל שפּעטער...

א גרוב אין אזערע

.1

דער מקח פאַר „דזשירקעליכען" איז שוין מיטן מילנערס אײדעם געװען אָפּגעמאַכט פון פריהער. דערפאַר האָט דער האַנדעל אַצינד לאַנג ניט געדויערט. מיט אַ פאַרשמאַכט האַרץ האָט ר' סענדער צוגענומען דאָס פעקעלע פינף־רובעלדיגע. זעכציג „רובלעס" פאַר זײַן געטרייער קליאַטשע. פריש־בלוטיג געלט פאַרן שוואַרץ־יאָהר אין מאָהליװ... און דער מאָהליװער אַדװאָקאַטעל װעט נאָך אַלץ טענהן, אַז „מיט קבצנים טאָר מען זיך ניט אָנהויבען".

ר' סענדער האָט דעם ביטערען פדיון גוט פאַרװיקעלט אין אַ שטיקעל צעראַטע, פאַררוקט אינם װאָלענעם בוזים, פאַרשטופּט אין דער טיעפער, לייװענטענער קעשענע און פאַרקװעטשט מיטן ברייטען באַלעגאָלישען גאַרטעל, כדי עס זאָל זיך גוט האַלטען. יאָ, עס זאָל זײַן גאַנץ און טרוקען. װאָרים פאַנדרעס יונגע יאָהרען שרייען פון אָסטראָג...

דזשירקעליכע, צוגעבונדען צו אַ פרעמדען זאַשיק, אין אַ פרעמד שטאַל, האָט זיך געפרובט אויסדרעהען צו ר' סענדערן. אָבער דאָס שטריקעל האָט ניט דערלאָזען. האָט זי עטליכע מאָל אַ װאָרף־געטאָן מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, װי אײנער זאָגט:

— אַזוי גאָר, ר׳ איד! פאַרקויפסטו מיך טאַקע?... אָס אַזאַ מין מענש ביסטו דאָס?...

פון מאַהאָריטש האָט זיך סענדער אָפּגעזאָגט, געטענהט, אַז ער איז נאָך פאַר טהיי. נאָר בעת דעם מילנערס איידעם איז צו איהם צוגעשטאַנען מיט זיין לויכטענדיגען אויסגעפּאַשעטען פּנים, מיט אַ בנעימותדיגען רעדען:

— וואָס הייסט, ר׳ סענדער, מירן גאָר ניט „באַנעצען" די קליאַטשע? אַ גאָמעלקע צום פאַרבייסען וועט זיך נאָך אויך געפינען...

אויף ר׳ סענדערס ניכטערען האַרצען איז דאָס ביסעל משקה אַרויפגעפאַלען ווי אויף גליהענדיגע קויהלען. אַ שכורע פאַרע האָט איהם אַ זעץ־געטאָן אין מידען קאָפּ. דאָס צ־יהען און שניידען אין געבריך האָט נאָכגעלאָזען. די ביטערקייט אין האַרצען האָט זיך גענומען מישען מיט אַ שאַרפער זיסקייט. און ביים דריטען קעלישאָק האָט שוין די צונג גענומען שטאַמלען צו בעת דעם מילנערס איידעם אַזוי:

— גאָט זאָל שוין... שוין געבען, אַז... אַז... איהר הערט? אַז... עס... עס...

דער קול ביי ר׳ סענדערן איז איבערגעגאַנגען אין אַ קוויטש. טרעהרען האָבען איהם גענומען שטיקען. ער האָט זיין ווינשעווען אָהן אַ ווענדונג, ניט געקענט ענדיגען, ניט געהאַט מיט וואָס צו ענדיגען.

דעם מילנערס איידעם האָט געוואוסט פון סענדערס בראָך און האָט איהם זאַט און גוטמוטיג געטרייסט:

— נישקשה ר׳ סענדער, בטחון! דער אויבערשטער וועט נאָך העלפען. מ׳עט ניט לאָזען פאַנדרע זאָל פאַרפאַלען ווערען איבער אַ יונסקען קנעפּעל...

אַזאַ גוט וואָרט האָט אָבער סענדערן אינגאַנצען צענומען:

— וואָס ווייסט איהר? — האָט ער הייזעריג אונטערגע־קוויטשעט — וואָס האָט מיר פריהער געפעהלט?... ניט אַנדערש אַ ביין אויג. וואָס ווייסט איהר, וואָס די שרפה פון נייעם גבירס שטאַל האָט פון מיר געמאַכט? אַ לעבען אָפּגעהאַרעוועט,

ר׳ בערע... און אַט! — פאַנדרע אין אָסטראָג, שמענדריקע להבדיל, פאַר זיבען קאַרבען פאַרקויפט... אַ קאַליקע געוואָרען... און איצטער... איצטער...

אויף אַזאַ קול ביי אַ מאַנסביל און באַלעגאָלע האָט זיך דעם מילנערס אײדעם ניט גערײכט. אויף אַזעלכע טענות, וואָס שמעקען אַביסעל מיט ווײבערשע תחינות — אודאי און אודאי ניט. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ר׳ סענדערן פון דער זייט און דערזעהן, אַז ס׳איז אין איהם מעהר קיין זכר ניטאָ פון יענעם אײנגעפונדעוועטען האָרעפּאַשנעם חסיד, פונם עלטסטען אין באַלעגאָלישען צעך. עפּעס אַ שטעמפּעל פון שלימזל און געפאַלענקייט איז אַצינד געלעגען אויף סענדערס אַרבעסדיגער נאָז, אויף זיינע אויסגעמאָגערטע פּלייצעס אונטער דער ברייט־געוואָרענע דעליע. „ער וועט שוין לאַנג ניט ציהען״... איז דעם מילנערס אײדעם דורכגעלאָפען אַ געדאַנקעל אין פּעטען קאָפּ. נאָר אָנשטאָט צו רעדען פּוסטע דבורים, האָט ער בעסער ר׳ סענדערן אָנגעגאָסען אַ פּערטען קעלישאָק בראַנפען.

.2

צוריק פון „אונטערבאַרג״ איז שוין ר׳ סענדער אַרויס־געפאָהרען נאָר מיט איין שמאַרעוואָזען אין שפּאַן. אַצינד איז ער געפאָהרען מיטן רוקען צום גרויסען לייהם־באַרג און מיטן פּנים צום שמאָלען פּאַס ערד, וואָס ציהט זיך צווישען דניעפּער און אָזערע. נאָר ס׳האָט זיך איהם, ווי עס ווייזט אויס, נאָך אַלץ געדוכט, אַז דזשירקעליכע, די פאַרקויפטע קליאַטשע זיינע, לויפט נאָך, אויף אַ שטריקעל אָנגעבונדען, הינטער דער בריטשקע און טענצעלט־צו מיט איהרע לייכטע פאָדקאָוועס צום טאַקט פון די רעדער, ווי זי האָט צוגעטענצעלט מיט אַ שעה צוריק... וואָרים סענדער האָט אַלע ווײלע געכאַפּט אַ קוק אויף הינטען, און זיינע וואַסערדיג־בלויע אויגען האָבען דערביי אומרוהיג געבלאָנדזשעט. צי האָט זיך איהם דאָס געדוכט דערפאַר, ווייל

ער האָט אויפן ניכטערן האַרצען גענומען אַביסעל משקה?... צי דער איינטאָניגער גערויש פון דער נאָהענטער הרעבליע האָט ביי סענדערן אַרויסגערופען אַזאַ אָפּקלאַנג אין מידען קאָפּ — ווער ווייסט? ביי ר׳ סענדערן, וועלכער איז אַלעמאָל געווען אַזוי צוזאַמענגעוואָקסען מיט זיינע סוסים, איז עס אודאי געווען דערזעלבער געפיהל פון אַ מענשען, ביי וועלכען מען האָט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, אַראָפּגענומען אַ פוס, און וואָס אַ שטיק צייט נאָך דער אָפּעראַציע „פיהלט“ ער נאָך אַלץ, ווי די אַראָפּגענומענע פוס „טהוט וועה“, באַוועגט זיך, מאַכט מיט די פינגער...

ער האָט זיך אַזוי אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט: אפשר אַ נס?... פאַרקויפט דאַכט זיך דזשירקעליכען, אַליין צוגעבונדען זי צום פרעמדען זאַשיק, און זי לויפט גאָר נאָך און שמייסט מיטן עק... מ׳קען אַזעלכע מעשות!... אָנשטאָט זיין קליאַטשע, האָט ער אָבער נאָר געזעהן די טראָכטינעס אין אָזערע, וועלכע האָבען זיך שוין באַפרייט פון באַגינען-נעפּעל, און בויגען זיך אַצינד פון אַ פרישען פריהמאָרגענדיגען ווינטעל, און מאַכען-נאָך דאָס טרוקענע שמייסען פון אַ פערדישען עק...

די טראָסטינעס און אייאיר האָבען סענדערן דערמאָנט אָן דעם אומעטיגען רוף פון „וואַסער-אָקס“, ווען ער איז געפאָהרען מיט דער קליאַטשע צום אונטערבאַרג. „בו-הו-או“... האָט איהם אימיצער גערופען פון די שליימיגע טיפענישען אין דער אָזערע, פון דער מילכיגער פאַרע וואָס איז געשטאַנען איבערן אייאיר, און אַן אומעט אָהן אַ נאָמען האָט איהם ווידער פאַרקוועטשט דאָס האַרץ: אַך, וואָס גיכער, וואָס גיכער זיין אינדערהיים!...

די גרויסע מעהליגע מיהל, מיט איהרע שוואַרצע אָפענע טהירען, האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגערוקט; און איהר שאָטען איז, ווי אַ כמאַרע, אָנגעגאַנגען אויף סענדערן און אויף זיין בריטשקע. דער הילצערנער בריק איבער דער הרעבליע האָט ווידער אַ בום געטאָן אונטער די געשמידטע רייפען פון די רעדער. דאָס גערויש פונם וואַסער-פאַל אונטערן בריק האָט אַ רגע פאַרשלונגען סענדערן און זיינע ניט-פרעהליכע מחשבות; און דער

שמאָלער פּאַס ערד, צווישן די צוויי שקלאָווער וואַסערן, האָט זיך אָנגעהויבן.

ערשט דאָ האָט ר׳ סענדער דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט ניט באַמערקט פריהער, פאָהרענדיג צום אונטערבאַרג, ווען די באַגעגעניש מיט מאיר-פּענטען און מיט „שמענדריקען" האָט איהם אינגאַנצען צעטומעלט. ער האָט אַצינד באַמערקט, אַז דער שמאָלער פּאַס ערד, צווישן דניעפּער און אָזערע, איז עפּעס שמאָלער געוואָרען. פון ביידע זייטען, אין ערדיגען זאַמד, זיינען נאָך געווען צו דערקענען אויסגעשווינקטע משופּעדיגע לעכער, געבראָכענע טיעפליכע ציק-צאַקען, ווי אַן אַלטער געפלאָכטענער פלאַנקען. הערען האָט סענדער געהערט, אַז היינטיגען נאָך-פּסח, מיט עטליכע וואָכען צוריק, איז געווען אַ שטאַרקער גע וויס ער, אַז די גרויסע מיהל איז שטעהן געבליבען, און די קעסעל-גרוב פון דניעפּער איז געווען פול מיט שטורעמדיגע שוואַרצע כוואַליעס און ווייסע קריהצס. אפילו די שטילע וואַסערן פון אָזערע האָבען זיך צעבושעוועט און אַריבערגעשפּריצט אין דניעפּער. מ׳האָט אפילו מורא געהאַט די הרעבליע זאָל ניט אויפרייסען און דער פּאַס ערד מיטן גאַנצען שטיק שליאַך זאָל ניט אָבגעשווינקט ווערען צווישען ביידע וואַסערן. נאָר ס׳איז אַריבער בשלום. דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלען, און דער וועג צום אונטערבאַרג איז גאַנץ געבליבען. גאַנץ שטאָדט איז געקומען זעהן גאָטס וואונדער. און חדר-אינגלעך זיינען געלאָפען זעהן אַ אָנדייט פון מבול אין חומש... נאָר מחמת זיין שוואַכען געזונט און צרות זיינען סענדערן אין קאָפּ ניט געלעגען אַזעלכע נאַרישקייטען. און אָט זעהט ער נאָך אַצינד די סימנים וואָס די פאַרפלייצונג האָט דאָ איבערגעלאָזט. ווי מיט מוראדיג-גרויסע ציינער האָט זי אויסגעפרעסען גאַנצע שטיקער ערד פון ביידע זייטען. אויף די ווערבעס זעהט מען נאָך די בלאָטע פון ברודיגע כוואַליעס, וואָס האָבען געשלאָגען איבער די צעקעמטע ווייכע צווייגען...

אין דער פּאַרע פון בראַנפען אויפן פוסטען מאָגען, האָבען ביי סענדערן אין קאָפּ געגומען שווימען פסוקים און טייטשען

פון פרשה בראשית „וישכו המים"... און די וואַסערען, הייסט דאָס, זיינען שטיל געבליבען. פאַרשטאָפּט זיינען געוואָרען די קוואַלען פון אָפּגרונט און די פענסטער פון הימעל האָבען זיך געשלאָסען. און אָט בלאָזט שוין אַ ווינטעל איבער די אָפּגעפאַלענע וואַסערען, און ער, ר' סענדער, פאָהרט איינ׳ר אַליין מיט זיין פאַרדריפּעטער בריטשקע... אין שפּאַן — איין איינציגער שמאַרעוואַז, איבערגעבליבען פון זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט, פון גאַנצע דריי פערד... איבערן גאַנץ־געבליבענעם פּאַסיק ערד, צווישען צוויי וואַסערען טהוט ער פאָהרען. אַ נייער נח גאָר אַ שקלאָווער מבול...

„וישלח את היונה"... און נח האָט פון זיך געטאָן אַוועקשיקען די טויב צו זעהען, אויב די וואַסערען זיינען גרינגער געוואָרען פונם פנים פון דער ערד... האָט די טויב... די טויב, הייסט דאָס, וועלכע טויב? האַ?... ווער וואָרקעט עס דאָ? ווער פאַרגעהט זיך דאָס אין אַזאַ פאַסקודנעם געלעכטער?... אַ קול פון אַ טויב און אַ מחשבה צוזאַמענגעמישט...

3.

ער גיט זיך אַ קעהר, ר' סענדער, ערשט, ווי פון אונטער דער ערד, איז, לעבען זיין בריטשקע, אויסגעוואַקסען חיה־שרהקע די משוגענע. זי געהט נאָך שמאַרעוואָזען מיט גיכע פאַרהאַוועטע טריט, מיט איהר אייביגען פעקעלע אין די אָרעמס — אַ ניט־כשר געבוירען קינד, וועלכען זי דערטרינקט דערנאָך אין אַ קאָרעטע ביי אַ ברונים, אָדער אַ פעקעלע מיט שמאַטעס — פאַרבונדען ווי אַן עופעלע... דאָס יאָהר האָט נאָך חיה־שרהקע ניט געבראַכט אויף דער וועלט איהר יעהרליכען ממזרל. דריקט זי דערווייל צום משוגענעם האַרצען איהר פעקעל שמאַטעס און האָלובעט איהם, לויפענדיג, ווי מען האָלובעט אַ לעבעדיגע זאַך. איהרע בולטע און כיטרע אויגלעך מיט אַ מאָדנעם אומריינעם גלאַנץ טוקען זיך בשעת מעשה אין פעטע הויט־זעקעלעך, שפּרינגען און צאַפּלען זיך ווי פישלעך

אין אַ גאַנצען נעץ פון בצוועגליכע לאַך-קנייטשלען. סענדער האָט גלייך דערזעהן, אַז אַ משוגע-ברויזענדיג געלעכטערל קאָכט אין חיה-שרהקען. אָט-אָט פלאַצט עס אַרויס פון איהרע גראָבע תאוהדיגע ליפּען; נאָר זי האַלט זיך איין מיט אַלע כחות. בלויז דער „שוים״ פון איהר דערשטיקטען געלעכטערל שלאָגט איהר דורך די אויפגעבלאָזענע נאָזלעכער, איינטאָניג און דריבנע:

— הין—הין—הין...

אַ פאַרציטערטער איז סענדער געוואָרען. ניט-ווילענדיג האָט ער זיך אַ ריב-געטאָן די פאַרגאָסענע אויגען, אָפּגעווישט די זיסלעכע פאַרע פון בראַנפען, די פאַרביגע שפּינוועבס פון „פרשה בראשית״... פון וואַנען, אַ שטייגער, האָט זיך דאָ גענומען חיה-שרהקע אינמיטען-דרינען? פון די טראָסטינעס, ביים ברעג אָזערע, אַרויסגעקראָכען? צי פון הינטערן מיהל — וואו זי האָט גענעכטיגט מיט אויסוואורפען?... איהרע באָרוועסע טריט זיינען דאָך ווייך, ווי ביי אַ קאַץ, היינט ווי אַזוי זאָל מען הערען וואו און ווען זי איז אַרויסגעלאָזען אויפן שליאַך?... צי אפשר האָט זי זיך גאָר אָנגעהאַנגען הינטערן הויכען זיץ פון דער ברישקע, אַזוי ווי שקצים חדר-אינגלעך טהוען, און מיטאַמאָל איז זי דאָ אַראָפּגעשפּרונגען?... יאָ, יאָ, זיכערער ווי אַלץ איז, אַז שוין „אונטערבאַ״ג״ האָט זי זיך פאַרטאַיעט אויף דער הינטערשטער אַקס-ברעט פון פאַיעטאָנדעל און איז מיטגעפאָהרען... ניט אומזיסט האָט ער עפּעס פריהער געהערט צו אָטעמען הינטערן פלייצע...

אַ שווייס האָט ר׳ סענדערן אַרויסגעשלאָגען אונטער דער באַלעגאָלישער היטעל. צי אַזוי, צי אַנדערש — וואָס איז די נפקא-מיני? קיין גוטס וועט חיה-שרהקע ניט אָנזאָגען, קיין גליק מיט איהר געלעכטערל וועט זי ניט ברענגען. אַזוי איז געווען אינם טאָג ווען מען האָט פאַנדרען אַרעסטירט און אויך דעמאָלט, ווען דער אַלטער מורא-הוראה האָט געגוססט...

אָנגעשראָקען ווי ר׳ סענדער איז געווען פון דער בייזער באַגעגעניש מיט שמענדריקען, פון די מאָדנע שטימען אין אייאיר, קלאָגעדיגע רופען פון „וואַסער-אָקס״,

פון שאָטענס און שאָרכען, וואָס זיינען פון פריה־אָן געשוואומען אויף איהם פון אַלע זייטען, אויפן פאַר־בשופטען פאַס ערד, צווישען די צוויי וואַסערן, — האָט איהם דאָס באָרוועסע אַרויסשפּרינגען פון היי־שרהקען דער משוגענער מיט איהר געלעכטער? אינגאַנצען דערשיטערט. מיט אַ באַהאַלטענער אימת־מות האָט ר׳ סענדער אַ ציה געטאָן די לינקע לייצע, געוואָלט אַ נעם־טאָן זיך אָן דער זייט, כדי וואָס גיכער אויס־צומיידען די ניט־גוטע נאָהענטקייט פון דער משוגענער. ער האָט אָבער שלעכט אויסגערעכענט זיין באַוועגונג. זיין לייכטע שכרות, אויפן ניכטערען האַרצען, האָט געמאַכט שטרויכלען זיין געניטען אָרעם. צו־שמאָל איז געוועזן דער אונטערגעשווינקטער פאַס־ערד פאַר אַזאַ פלוצליכען קעהר. מיט איין פאָדערשטע פאָדקאָווע האָט זיך „שמאַרעוואָז" אַ גליטש געטאָן פון ברעג אָזערע, און באַלד אַ כאַפּ־געטאָן צו זיך די צווייטע פוס, כדי צו האַלטען גלייכגעוויכט. און דאָ האָט ער דערזעהן, גאָר נאָהענט צו זיינע פערדישע אויגען, דעם רוהיגען פאַרטאַיעטען, כלומרשט פרידליך־שמייכלענדיגען פלאַך פון וואַסער.

שמאַרעוואָז האָט אַזש אַ הירזשע־געטאָן פון פאַרגעניגען און אַ ציה־געטאָן דעם אויכגעבויגענעם שטאַרקען האַלז צום אָפענעם טרונק. אין איילעניש און כאַפּעניש און גערייצטקייט אַ גאַנצען פריהמאָרגען האָט איהם דער באַלעבאָס ניט אָנגעפּאָיעט, לעבען מיהל, אונטערבאַרג, האָט ער זיך שוין היינט איינמאָל געריסען צום וואַסער און דער באַלעבאָס האָט ניט דערלאָזען... האָט ער דאָסמאָל אָנגענומען סענדערס ניט־געלונגענעם ציה מיט דער לייצע פאַר אַ צייכען, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך דערמאָנט אָן איהם און דערלויבט איהם אַצינד צו טרינקען פון אָזערע מיטן פולן מויל. און ניט קלערענדיג קיין סך האָט ער זיך נאָך שטאַרקער אַ ריס־געטאָן אַראָפּ דעם הלייאיקען משופּע־דיגען ברעג אַזוי, אַז ר׳ סענדער האָט פאַרלאָרען די אויבער־האַנט איבער די לייצעס, און דערזעהן פאַר זיך נאָר דעם קיילעכדיגען, מוראדיג־אויסגעוואַקסענעם פערדישען הינטען. דעם

פערדס קאָפּ און אויערען זיינען עפּעס ווי אַריינגעפאַלען אין דער קרומקייט פון ברעג.

— ביסט שכור... ביסט משוגע !... — האָט ר׳ סענדער גע־מורמעלט צו זיך אַליין און געכאַפּט ציהען אויף צוריק. נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. שמאַרעוואָז האָט זיך עקשנותדיג גערוקט אין צעווייקטען לייהם, געצויגען זיך צום וואַסער מיט אָנגעבלאָזענע נאָזלעכער און מיט פלאַטערדיגע פאַרשפּיצטע ליפּען. די אויערען האָט ער דערביי מיט אַ פערדישער בייזקייט צוגע־דריקט צום פּאַטילניצע. מיט דעם האָט ער סענדערן געוואָלט געבען צו פאַרשטעהן:

— חרטה, באַלעבאָס, געהט ביי מיר ניט אָן !...

האָט ר׳ סענדער, נאָך האַסטיגער, געפּרובט אַ ריס־טאָן די ביידע לייצעס און דערפיהלט אַ שניידענדיגען וועהטאָג אונטערן גאַרטעל. ביז די שלייפען איז דער וועהטאָג דערגאַנגען. די לעצטע צייט האָט זיין אַלטער פעהלער דערלאָזען אַן אָנשטרענגונג נאָר ביז אַ געוויסען גראַד.

— ס׳אַ סכנה ! — האָט סענדערס האַרץ אַ צאַפּעל־געטאָן, — דאָ, אינמיטען דער ברייט פון אָזערע, האָט ער קיינמאָל זיינעם אַ פערד ניט געפּאָיעט. סיידען ביים אַריינפאָהר צום „אונטערבאַרג", אָדער ביים אַרויספאָהר — צום שטאָדט, וואו דער ברעג איז פלאַך און זאַמדיג. אין קלעם פון וועהטאָג און געפאָהר איז ער געבליבען זיצען אַ פאַרגליווערטער. דער גאַנצער געשפּאַן האָט זיך, דורך שמאַרעוואָזס אַראָפּגליטשען, ווי איבער־געבראָכען אינמיטען. און אויפן סאַמע שפּיץ פון איבערברוך — אויף דער קעלניע — ר׳ סענדער מיט די איינגעקלעמטע הענט אין ביידע לייצעס. ער האָט גערעכענט, אַז שמאַרעוואָז, זיין איבערגעגעבענער פירפיסיגער פריינט, וועט זיך גלייך אַרומזעהן און וועט נאָכגעבען. אָבער דעם פערדס דורשט איז אַצינד געווען שטאַרקער פון יעדען שכל־הישר און פאַר סענדערס הענט — אודאי און אודאי. די אָדערען פון בויך האָט ער זיין באַלעבאָס געצויגען.

האָט זיך סענדער גענומען בעטען ביי איהם:

— פֿאָזאָליע, שמאַרעוואָז! איך האָב צו דיר קיין כח ניט...

און ווי ער קווינקעלט דאָ אַזוי: צי פֿאַרלאָזען זיך אויפֿן פֿערדס געזונטען חוש און לאָזען איהם אָנטרינקען זיך, צי נויטען איהם אויסצוקירעווען זיך, און ווי-ניט-איז אַרויס פֿון ליימיגען אָפּריס אויפֿן שמאָלען שליאַך, — ערשט חיה-שרהקע האָט זיך צעכאָכאָטשעט... איהר פֿאַסקודנער געלעכטערל, וועלכער האָט זיך ביז אַהער קוים-קוים אָנגעהערט, אין די נאָזלעכער געפּאָנפּעט ביי איהר, האָט פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט און צעשאָטען זיך הינטער סענדערס פּלייצע, ווי ווערימדיגע אַרבעס אין אַ מעדניצע:

— כהי-כהי-כהי — כע-כע-כע...

ווען אַ בייזער לץ וואָלט פּלוצלינג, אינמיטען שמונה-עשרה, צעבראָכען איבער סענדערס פּאַטילניצע אַ גרויסען בוסטען טאָפּ, וואָלט ר׳ סענדער אַזוי ניט אויפֿגעציטערט געוואָרען ווי אַצינד, אין זיין גייסטיגער און קערפּערליכער אָנשטרענגונג. ניט-ווילענדיג האָבען זיך איהם די אָרעמס אָפּגעלאָזען, דער קאָפּ האָט זיך האַסטיג אומגעדרעהט און דער ציטערנדיגער מויל האָט זיך צעשריען:

— אַוועק... צו אַלדי קאַדיק!... משו—וגענע דו!...

אָבער חיה-שרהקע האָט פּונקט ווי געוואַרט אויף אַזאַ קללה. וואָרים ניט קלערענדיג קיין איין-איינציגע רגעלע האָט זי גלייך אָפּגעענטפערט מיטן אַלטן זמרל, מיט איהר אַלטע בענקעניש נאָך איהר פֿאַמיליע-גליק, ווען זי איז נאָך ניט געווען משוגע, ביי זוסיע דעם מיליכיגען אין שטוב:

...פֿאַר די מאַסלינקעס און ברינדזע —
דאָ, אויכעט דאָ!

די רגע פֿון סענדערס אָפּהענטיגקייט האָט שמאַרעוואָז אויסגענוצט נאָך ברייטער. און מיט זיין פֿערדישער איינגע-שפּאַרטקייט און דורשט געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריטלעך. דאָסמאָל

שוין אין וואַסער, איבערן קלייאיגען אונטערגעשווענקטען גרונט פון אָזערע.

און מיט איינמאָל האָט זיך די גאַנצע בריטשקע אַ האָטשקע־געטאָן, אַזוי אַז ר׳ סענדער איז שיער ניט אַראָפּגעפאַלען פון קעלניע איבערן פּערדס רוקען. נאָר ער האָט זיך דערכאַפּט מיט ביידע הענט אָן די אויסגעריבענע אייזענס פון זיין זיץ, און זיינע אויפגעריסענע אויגען האָבען נאָך פּאַספּעיעט צו זעהן, אַז שמאַרעוואָז מיט זיין גאַנצער פאָדערשטער טייל פון גוף האָט זיך שווער אַ פליוך געטאָן אין עפּעס אַ שליימיגער קויטיגער מאַסע, אָהן אַ שום האַלט, ווי אין אַ ברודנער פּעטשאַ אַריין. „בו־הו״, האָט דער שליימיגער הליי אַ זיפץ־געטאָן, ווי פון אַ בויך־אַרויס; ווי פריהער מיט אַ שעה — דער „וואַסער־אָקס״ אין די טראָסטינעס... נאָר אַ סך טיעפער און משונהדיגער האָט דער שליים אַציגנד אַן אָכצע געטאָן, און פאַרגאָסען דעם ערד ביז איבער די אויגען און די בריטשקע ביז איבער די פאָדערשטע רעדער. אינגז געווירבעל פון שוים און שרעק און בלאָטע האָט זיך נאָך אַריינגעמישט חיה־שרהקעס שטעכעדיגער ניגונדעל, ווי אַ גלעקעל צום ברום פון אַ קעסעלפויק; געצויגען, ווי אַ מתים־מאַרש, האָט ער יעצט געקלונגען.

גיטשיינע האָב איך אַ קוק־געטאָן
דאָ, אויבעט דאָ;
נאָך דעם פערד און נאָך דער בריטשקע —
דאָ... טאַקע דאָ!...

4.

ערשט דאָ האָט זיך שמאַרעוואָז געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צופיעל פאַרלאָזען אויף זיין פערדישען שכל און אויף זיין בהמהשען חוש. דער באַלעבאָס, וואָס האָט אַזוי געסדיג געצויגען די לייצעס — איז געוועזן גערעכט.

האָט ער אַרויסגעוואָרפען די מאָרדע זיינע איבערן וואַסער, כדי צו כאַפּען לופט און מיט די שטאַרקע הינטערשטע ליטקעס גענומען אַרבייטען אויף צוריק. געוואָלט אָנטאַפּען אַ אָנהאַלט אין משופּעדיגען ווייכען לייהם און ניט געקענט. דער שליימיגער גרונט האָט זיך אַוועקגעגליטשט פון אונטער זיינע ברייטע פּאָדקעוועס. דאָס גאַנצע געוויכט פון דער בריטשקע און פון סענדערס שווערען גוף, אויף דער קעלניע, האָבען אַצינד געדריקט מיט אַן אומברחמנותדיגער קראַפּט אויף די רימענע פּאַסען אונטערן כאָמעט. אָט-אָט ברעכט דאָס איהם איבער דעם לאַנגען, אָנגעשטרענגטען קאַרק. נאָר איין מינוטקעלע איז ער נאָך געווען בכח צו האַלטען דעם קאָפּ מיט די אַרויסגעקראָכענע אויגען איבערן וואַסער. אַ מינוט שפּעטער האָט ער שוין ווידער געמוזט אַראָפּלאָזען די מאָרדע אונטערן שליים. ער איז געווען געצוואונגען אָפּצוטונקען זיך ביז איבער די אויערען און לאָזען „בולבעצקעס", און באַלד ווידער אַרויפגעוואָרפען די נאָזלעכער מיט אַ מאוימדיגען הירזש און מיט אַ כראָפּ און מיט אַ הוסט — אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען. אויף פשוטן פערדישען לשון האָט דאָס שוין געהייסען:

— געוואַלד, באַלעבאָס! איך טרינק זיך...

אַ קאַלטער שווייס האָט סענדערן אַרויסגעשלאָגען איבערן גאַנצען לייב. דאָס האָט אַרויסגעפּרעסט דערזעלבער טויט-שרעק, ווי אַמאָל אין וואַלד, בשעת די וועלף זיינען באַפאַלען איהם און פאַנדרען... די לעצטע פּאָרע פון די פיצר קעלישקעס בראַנפען אויפן ניכטערן מאָגען, האָט זיך אויסגעוועפּט. די מורא פאַר חיה-שרהקעס געזאַנגעלע איז אויך פאַרשוואונדען געוואָרען. ניט געווען אַצינד קיין אָרט פאַר אַזעלכע איידעלע שרעקען. די גראָבע חיהשע אימה פאַרן טויט האָט אַלץ אַוועקגעשטופּט. מענש און פערד האָבען אַצינד קראַמפּהאַפטיג פאַראייניגט זייערע כחות, כדי אַרויסצוקריכען פון ליימיגען אָפּגרונט. שמאַרעוואַז האָט זיך שנאָרכענדיג נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויף די הינטערשטע פיס און ר' סענדער האָט גלייכצייטיג שאַרף פאַרצויגען די לייצעס אויף הינטען, איבערגע-

וואָרפען זיין געוויכט אויף אַן אַנדער פונקט, כדי צו דער־לייכטערען שמאַרעוואָזן זיין מוראדיגע אָנשטרענגונג. נאָר אָנשטאָט צו דערטאַפּען אַ האַלט אין שליים און אַ רוק־טאָן זיך אויף צוריק, האָט די גאַנצע בריטשקע אַ שווים־געטאָן פאָראויס, אַזוי לייכט און אונבאַהאָלפען ווי אַ שטיקעל פּראָבקע־האָלץ. און שמאַרעוואָזס פּאָדקאָװעס האָבען פאַרלוירען יעדע באַריהרונג מיטן ליימיגען גרונט. פונם פאַרצווייפעלטען צאַפּעל האָט ער זיך נאָך ווייטער און טיעפער אַראָפּגעגליטשט, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך דעם גאַנצען געשפּאַן.

אַצינד איז שוין דער פערד געזונקען מיט דער גאַנצער לענג פון רוקען און האַלז, וואַרפענדיג מיטן קאָפּ און גריווע אויף „ניין, ניין, ניין"... און כאָרכלענדיג מיט ראָפּע און בלאָטי־גען שוים אינם שליימיגען כף־הקלע. אַ פּנים די אונטערגעשוועקטע, ממזרשע גרוב, וואָס איז דאָ איבערגעבליבען נאָך דעם גרויסען „געוויסער", האָט ערשט איצטער צעעפענט איהר קויטיגען פּיסק און, ווערגענדיג זיך פון זשעדנעקייט, גענומען שלינגען דעם גאַנצען געשפּאַן.

סענדער האָט דייטליך פאַרנומען, מיט דעם אונטערשטען טייל פון זיין גוף, ווי שמאַרעוואָז פויקט, ווי פון זינען אַראָפּ, מיטביידע הינטערשטע פּאָדקאָװעס, אין דעם אויסגעבויגענעם פאָרנט פון קעלניע אונטער איהם, און דערשיטערט זיין לעצטען אָנהאַלט איבערן וואַסער. גלייכצייטיג האָט ר' סענדער דערשפּירט אַ שאַרפע קעלט אין די קניע. ער גיט אַ קוק, — דער ברודיגער תהום האָט שוין פאַרגאָסען די גאַנצע אויסהוילונג פון דער בריטשקע, דעם הינטערשטען ווייכען זיץ. ער אַליין זיצט נאָך כלומרשט אויף דער קעלניע. אָבער זיין זיץ האָט שוין פאַרלאָרען זיין האַרטקייט, זיין ממשות. נאָר די גרויסע פּאָלעס פון זיין באַלעגאָלישער דעליע האָבען זיך אָנגעבלאָזען פון ביידע זייטען, ווי צוויי נאַסע פענכערס, און האַלטען איהם נאָך קוים־קוים. בולבעסלעך און שוואַרצער שוים שפּרינגען פון אונטער די פּאָלעס. און שמאַרעוואָז, האַלב־דערשטיקט, קעמפּפט שוין אונטערן וואַסער אָהן אַ שום זין און אָהן אַ שום האָפענונג.

און די שאַרפע קעלט שטייגט דערווייליע. אַט איז זי דערגאַנגען ביזן גאַרטעל, אַט — ביז איבער די עלנבויגענס, ביז די פּאַכוועס... און די שליימיגע גרוב ציהט נאָך און ציהט, פאַרזויגט...

— ראַ—טע—ווע—וועט! — האָט זיך ביי סענדערן אַרויס־געריסען אַ ברילענדיגער געשריי. ער האָט מעהר זיין אייגענעם קול ניט דערקענט.

ניט געווען אָבער ווער עס זאָל ראַטעווען. פוסט און וויסט איז געווען דער פּאַס ערד צווישען די צוויי וואַסערען. קיין גויעשקע פּוהרעל, קיין איד אויף אַ רפואה. מאַרק־טאָג איז היינט ניט געווען און צו־פריה איז נאָך אויך געוועזען. און דאָס גאַנצע געשעהעניש האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אויפן שטילסטען פּונקט, צווישען שטאָדט און אונטערבאַרג. נאָר איין חיה־שרהקע די משוגענע האָט אונטערגעכאַפּט דעם ברילענדיגען געשריי און דריבנע, מיט אַ זלידנעם געלעכטערל, אָפּגעענטפערט:

ניטשיינע האָב איך זיך אויסגעגליטשט
דאָ, אויבעט דאָ!
נאָכן מערד און נאָכן וואָגען — —

.5

מעהר האָט סענדער קלאָר ניט געהערט, ווייל די אויערען זיינען איהם פאַרגאָסען געוואָרען מיט ברודיגע וואַסער. זיינע אויגען האָבען נאָר געזעהן, ווי זיין גרוי־געלבע באָרד איז אַרויפגעשוואומען פון ברוסט און געלעגט זיך פלאַך אונטערן גאָז, ווי אַ בינטעל פאַרוועלקטע וואַסער־פלאַנצען; און מיטן גוף האָט ער געפיהלט, אַז אונטער איהם, צווישען די פאַרטרונ־קענע האַלאָבליעס, וואַרפט זיך אַ גאַנצע מאַסע פון לעבעדיגען פליש, ווי געבונדענע חזירים אין אַ נאַסען זאַק. און איין

פּאַדקאָווע פּויקט נאָך קוים־קוים אין קעלניע, אונטערן וואַסער. מעהר פון קאָנוואולסען ווי פון זינען.

— איך טרינק זיך!... — האָט אין סענדערן נאָכאַמאָל העל אויפגעפלאַקערט דאָס באַוואוסטזיין, ווי אַ ליכט, ווען זי האַלט ביים אויסלעשען זיך. מיט דער לעצטער קראַפט פון זיין ווילען האָט ער אונטערן וואַסער אַ וויקעל־געטאָן די אָפּגעלאָזענע לייצעס אַרום די דלאָניעס, און קראַמפּהאַפטיג, מיט דעם גאַנצען געוויכט פון קאָפּ און אויבערשטען האַלבען גוף, אַ וואָרף־געטאָן זיך אויף הינטען. ס'האָט געזאָלט זיין די לעצטע און שטאַרקסטע הילף שמאַרעוואָזען אַרויסצוראַטעווען זיך פון גרוב מיטן באַלעבאָס צוזאַמען.

דעם פערדס פאַרבלאָטיגטע אויערען האָבען זיך נאָר איין רגע באַוויזען איבערן וואַסער און באַלד צוריק אַראָפּגעזונקען. פון דער פאַרצווייפעלטער האַסטיגקייט, מיט וועלכער סענדער האָט אַ ריס־געטאָן דעם שפּאַן, האָט ער נאָר דערשפּירט, אַז זיין אַלטער פּעהלער אונטערן גאַרטעל האָט זיך געגעבען אַ טרען־אויף, ווי אַ יאָהרען־לאַנג געוואַשענע העמד. אַ וועהטאָג, ווי אַ צעראַצטער קיך־מעסער האָט איהם דעם לייב אויפגעמרענט, און אַלע מוסקולען פון בויך האָבען צוזאַמענגעבראָכען. נאָר דריי מאָל אין לעבען האָט סענדער איבערגעלעבט אַזאַ שמערץ: צום ערשטען מאָל — בשעתן אָנרייסען זיך אויף דעם אָרשער שליאַך; צום צווייטען מאָל — יום־כּפּור בשעת פּייווקע, אוריס מזיק, האָט איהם געגעבען אַ טערעבענץ מיטן קאָריק פון שטיוועל, אויף הינטען, און אַצינד — צום דריטען מאָל... נאָר אַצינד איז עס געווען שמערצליכער און שרעקליכער ווי ביידע מאָל פון פריהער. אַלע פריהערדיגע וועהטאָגען האָבען זיך פאַראייניגט און אַרויסגעשטויסען זיינע געדערים, ווי אין אַ טיעפען זאַק אַריין.

פון אַזאַ איבערנאַטירליכער שמערץ האָט איהם פאַרשווינדעלט אין קאָפּ. און אַזוי ווי ער האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן מיטן רוקען איבער דער קעלניע, אַזוי איז ער שוין געבליבען ליגען. די הענט זיינען שווער, ווי בליי, צעראָפּגעפאַלען פון ביידע זייטען. נאָר די צוגעוויקעלטע לייצעס האָבען זיי נאָך אביסעל אויפ־

געהאַלטען. פונם אַנידערפאַל און זינקען פון אַזאַ שווערען קערפער, האָט די שליימיגע גרוב נאָכאַמאָל אַ קרעכץ-געטאָן. „בו-הו" האָט זי סאָפּענדיג אַ שלוקערץ-געטאָן פון אַזאַ צווייטען צו-גרויסען ביסען — אַ גאַנצען באַלעגאָלע מיט צוויי אָנגעבלאָזענע נאַסע פעלעס פון זיין דעליע. — עהנליך האָט מיט אַ שעה צוריק געקרעכצט דער וואַסער-אָקס אין אייאיר, סענדערס בייזער נביא, אין די פאַרנעפּעלטע טראָסטינעס...

...פון ערגעצוואו, מיט וואַסער-בולבעסלעך צוזאַמען, זיינען אַרויסגעשוואומען אַ פּאָר אויגען מיט געלב-בלויע פאַרטעכלעך איבער זיי. ער וואָלט געמענט שווערען, אַז דאָס זיינען דעם מורא-הוראהס אויגען בשעת דער גסיסה. נאָר בולטער זיינען אַצינד די אויגען. ווי ביי אַ גרויסער זשאַבע קריכען זיי אַרויס פון וועקסענעם געזיכט, און זיין קול — אַ מאָדנער, אַ הילכיג-פוסטער, ווי ביי אַ וואַסער-אָקס אין זומפּ, רופט איהם צום טויטען-בעט:

— סענ—דע—ער, בו—הו—או—או!

— רביניו, — האָט זיך סענדער געגומען בעטען — אַ לעבען אָפּגעהאָרעוועט... איך קען ניט... רב—רב—

נאָר אָנשטאָט ענדיגען, אָנשטאָט זאָגען, אַז ער קען צום רבינס בעט נאָהענט ניט צוגעהן, האָט גאָר דער מויל געמאַכט בול-בול בול-בול. און אַ מגושמדיגע מאַסע האָט איהם פאַרכליאָבעט.

אָנשטאָט איהם האָט גאָר דער מורא-הוראה פאַרענדיגט, פרעהליך איבערגעקרימט ווי אַ קונדס:

— סע—ענ—דע—ער! בול-בול-בול-בול...

פון דעם מורא-הוראהס שטיפעריי איז עפּעס מיטאַמאָל געוואָרען לייכט אויפן האַרצען און זיכערער איז געוואָרען... נו? צוליב וואָס געדאַרפט אַזוי שרעקען זיך?... שמענדריקע, פאַנדרע, די וואָלפיכע אין וואַלד, חיה-שרהקע, שמאַרעוואָז, מערע די טראָגעדיגע טאָכטער זיינע — אַלע שטיפען-מיט און בלעזלען מיט די ליפען... איינער מאַכט בול-בול און פּלאַצט ווי אַ פענכער און דער צווייטער שווימט אַרויף — — — —

6.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך חיה־שׂרהקע די משוגענע אַרויסגעלאָזט איבערן „אונטערבאַרג" מיט אַ שפּאָגל נײַעם געזאַנגעלע, וואָס זאָגט, על־פּי שטייגער, קיין גוטס ניט אָן...

שוין שפּאַנענדיק, מיט די באָרוועסע פּיס, איבער דער הרעבליע, לעבען מיהל, האָט זי געוויגט אין די אָרעמס איהר פּעקעלע שמאַטעס און געצויגען די נשמה מיט איהר אייגע־געסענער בענקשאַפט נאָך זוסיע דעם מילכיגען — איהר געוועזענעם מאַן, בשעת זי איז נאָך געוועזן קלאָר:

פאַר די קעז און פאַר די פּוטער —
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַר די גאָמעלקעס און בריגדזע —
דאָ, טאַקע דאָ!...

און, אַריינשפּרייזענדיג צווישען די הייזער פון „אונטער־באַרג" האָט זיך שוין איהר לידעל פאַרנומען אויף דער געשע־העניש פון הײַנטיגען טאָג:

גימשיינע האָט ער זיך אויסגעגליטשט
דאָ, אויכעט דאָ!
נאָכן פערד און נאָכן „סענדער" —
אונז צו לאַנגע יאָהר!...

דאָ האָבען זיך נייגעריגע קעפּ אַרויסגערוקט פון די פענסטער, און דער גאַנצער „אונטערבאַרג" האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז מיט ר' סענדערן האָט זיך עפּעס געטראָפען.

— חיה־שׂרהקע, חיה־שׂרהקע! — האָט מען איהר פון די פענסטער נאָכגעשריען, — וועלכער סענדער? וואו סענדער?

גאָר חיה־שׂרהקע וועט דען ענטפערן? זי האָט

נאָר צוגעזונגען אַלעגאָריש, ווי אַ הייזעריגער, כּיבּעדיקער „אָראַקעל״:

> ניט קיין כאַמעט, ניט קיין בריטשקע
> דאַ, אויבעט דאַ!

האָבּן זיך אונטערבאַרגער אידען אַ לאָז־געטאָן צו דער אָזערע. בּערע דעם מילנערס איידעם, וואָס האָט אַקאָרשט אָפּגעקויפט „דזשירקעליכען״, איז געלאָפן דער ערשטער מיט אַ לאַנגער הרעבּליע אין האַנד.

אַ צוואַנציג קלאַפטער נאָך דער הרעבּליע, בּיים מיטען אויסגוס פון דער אָזערע, האָט מען געפונען אַ צערודערטען שטיק וואַסער און איבּערן אויפגעשוואומענעם שליים און גרונט־פּוילעניש — אַ גרוי־גרינע, נאַסע און אָנגעבּלאָזענע פּאָלע פון ר׳ סענדערס בּאַלעגאָלישע דעליע. ווי אַ ריזיגער געשוויר האָט זי זיך קוים־קוים געוויגט איבּערן בּלאָטיגען וואַסער — סענדערס אַרויפגעשוואומענער, לעצטער וועהטאָג.

דער משפּט

.1

אַ האַלבען טאָג האָבען אידען פון „אונטערבאַרג" געאַרבייט מיט הראַבליעס, מיט שטריק און מיט דראָנגעס, און ניט געקענט אַרויסציהען, פון דער שליימיגער גרוב, דעם דערטרונקענעם באַלעגאָלע מיט זיין פערד. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז די שטילע, תמעוואַטע אָזערע איז בכח אויסצושווענקען אַזאַ טיעפע און ענגע גרוב, ביים סאַמע ברעג. ווי אַ מויז אין אַ קלעב־פאַסטקע איז אַהין אַריינגעפאַלען ר' סענדער מיט זיין „שמאַרעוואָזען" צוזאַמען. און ס'איז ניט מעגליך געווען צו ריהרען זיי פון אָרט.

ערשט שפּעטער, נאָך וואַרמעס, ווען עס זיינען אָנגעפּאָהרען אַלע באַלעגאָלעס פון צעך און אַלע פאָזשאַרניקעס מיט די כלים פון שטאָדט, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט.

דער חזן פון חברה־לויה, אַ פינסטערער איד מיט כמורנע קאַטאָוועסלעך, האָט אויף די דערטרונקענע, אויף מענש און פערד, להבדיל, געזאָגט אַזאַ פסוק: „הנאהבים והנעימים... די פאַרליעבטע און די טייערע אין זייער לעבען און טויט האָבען זיי זיך ניט צעשיידט..." און ס'איז אין דעם געווען אַ שטיק אמת. וואָרים סענדער איז געווען אַזוי פאַרפלאָנטערט מיטן גאַנצען געשפּאַן, אַזוי פאַרגאָסען און צוזאַמענגעקלעפּט מיטן ליימיגען שליים, אַז מען האָט זיי געמוזט אַרויסציהען אינאיינעם.

װען מען האָט מיט דער פּאָזשאַרנער קישקע אָביסעל אָפּגעשװענקט די מוראדיגע קױטיגע מאַסע, װאָס האָט פריהער אױסגעזעהן װי אַן אױסגעגראָבענע סטראַשידלע פון דור המבול, האָט מען דערזעהן סענדערן מיטן געזעס אויף דער קעלניע און מיט די שפּיצען שטיװעל פאַרקלעמט צװישען די האַלאָבליעס. מיטן קאָפּ איז ער געװען פאַרװאָרפען אויף הינטען אין דער אױסהוילונג פון בריטשקע, צופוסן פון װײכען, צעראַטעװעם זיך, און אינגאַנצען אױסגעבויגען װי אַ בייגעל. די אױסגעהאָרעװע־טע הענט זיינען געװען פאַרקראַמפּט און אַרומגעװיקעלט מיט די לייצעס פון פערד און דער אָפּענער מויל — פאַרשטאָפּט מיט שװאַרצער בלאָטע. אַזוי האָט ער צום לעצטען מאָל, װײזט אויס, אַ ריס־געטאָן דעם פערד, כדי אַרויסצוראַטעװען אַהם, זיך איבערגעבויגען און מעהר ניט געקענט זיך אױסגלייכען... אַזוי איז ער דערטרונקען און פאַרגליװערט געװאָרען.

— ניט אַנדערש, — האָבען װייבער געזאָגט, — אַז שוין דעם פאַרגאַנגענעם יום־כפּור איז אויף איהם נגזר געװאָרען אַזוי, װי אין מחזור שטעהט: „מי באש ומי במים"... װער מיט פייער און װער מיט װאַסער... דער שטן אַליין האָט איהם אין אַזעלע אַ גרוב געגראָבען און פאַרטאַיעט זיך... דאָס געװיסער, ערב־פסח, האָט די גרוב מיט שיטערן לייהם פאַרדעקט. און ערשט היינט, אין אַ בייזער שעה, האָט דער ניט־גוטער פאַר־מאַניעט דעם קרבן: קום, קום, פערדעלע, טרינק זיך אָן!...

און אַלטע חסידים פון ליובאַװיטשער בית־מדרש, װאו סענ־דער, עליו־השלום, האָט געדאַװענט, האָבען גענומען זוכען און גישטערען, פאַרװאָס קומט אַ פרומען באַלעגאָלע אַזאַ שטראָף? און האָבען ניט געפונען. סיידען... דערפאַר אפשר, װאָס בשעת דער פּטירה פון אַלטען מורה־הוראה, שוין נאָכן װידוי, האָט זיך ר' סענדער צו־גראָב אַריינגעריסען אין „מעבר יבק"*) אַריין... מיט די באַלעגאָלישע שטיװעל אַריינגעשפּאַנט אין קדשי־קדשים

*) „מעבר יבק" — הייסט די גאַנצע פּראָצעדור אַרום אַ טויטן און אַרום אַ געשטאָרבענעם. פאַרהאַן אויך אַ ספר מיטן זעלבן נאָמען.

פון לעצטען אָטהעם... די מיתת נשיקה*) געשטערט... אויפגעמאַכט די געשלאָסענע אויגען, וואָס זעהען שוין די אויבערשטע וועלטען, מיט געוואַלד... געצוואונגען א י ה ם, עליו־השלום, אָנקוקען נאָכאַמאָל די זינדיגע וועלט... איז אָט... ניט פאַר קיינעם געדאַכט — כרת־יאָהרען...

נאָר אין באַלעגאָלישען צעך האָט קושקע־בראַנד דער פרעסער, דער אַלטער קאָנקורענט פון כענדערס הויז, דערקלערט דעם סוד פון סענדערס אומקום גאָר אַנדערש. דערצעהלט האָט ער, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויערען געהערט פון יאָשע קאַזיאָל, פון זיין אייגענעם טאַטען הייסט דאָס, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען, אַז סענדער־פאַרדאָן האָט מיט זימלען זיין טאַטען... יאָ, אַז זייביידע האָבען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי דערהרגעט אַ מענשען אין וואַלד... דערצעהלט האָבען זיי אפילו, אַז זיי האָבען נאָר אָנגעבראָכען די ביינער אַ מיאוסען גוי... זיי האָבען אין איהם, כלומרשט, דערקענט איינעם פון די פיער גזלנים, וועלכע זיינען צמאָל אָנגעפאַלען אויף דער כאָטשט, וועלכע זימעל האָט געפיהרט דורכן אָרשער וואַלד... דאָבען זיי איהם, הייסט דאָס, דערטאַפּט און צעבלוטיגט: נאַדיר פאַר דער צעשניטענער בויד! און נאַדיר פאַר אַברהמלען דעם שמייסער וואָס איהר האָט דערשטאָכען!.. נאָר אין דער אכתן האָבען זיי דעם ערל געשאָכטען ווי אַ חזיר, צווישען געדיכטע יאָדלעס, זיינף וויאָרסט פון שליאַך, באַגראָבען און פאַרדעקט מיט מאָך... איז אָט! בלוט רעכענט זיך...

נאָר ווער איז דאָס מחויב גלויבען, דרייסיג יאָהר שפּעטער, אין אַזעלכע באָבע־מעשות?... ס'האָט טאַקע געהאַלטען דערביי, אַז קושקע־בראַנד זאָל פאַר אַזאַ דרשה קריגען מיט אַ שטיק צעבראָכענעם כאָמעט איבערן קאָפּ... מ'האָט זיך אָבער אין צעך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַ נאָהענטערער מענש אָפּצורעכענען זיך מיט קושקען. פאַנדרע — הייסט דער נאָהענטער.

*) „מיתת נשיקה" — אַ טויט דורך גאָטס קוש, פון וועלכען עס שטאַרבען אַלע הייליגע.

נאָר דערווייל זיצט ער אין אָסטראָג... האָט מען זיך דערפאַר צוריקגעהאַלטען און געדעדט צו קושקען צוויי:

— וואַרט, פאַנדרע וועט אַרויס פון גויעשקע הענט, וועט ער דיר שוין באַצאָהלען פאַר אַלץ!...

אָבער ניט די געהיימניספולע חסידישע שושקעדייי אין בית-מדרש און ניט די קולות אין באַלעגאָלישען צעך האָבען געמינערט איין האָר פון סענדערס כבוד נאָכן טויט. אדרבא, ר׳ מענדיל דער לעקיש, דער יורש פון מורה-הוראהס שטוהל, האָט איהם מספיד געווען, סענדערן; געגעבען אַ משל מיט שוואַרצע סחורה און מיט ווייסע סחורה, וואָס האָט זיך גע-קלעפּט צום נמשל, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט... האָט ר׳ מענדיל דערזעהן, אַז דער משל נעמט ניט, האָט ער אָנגעשראָקען דעם עולם מיט אַ פסוק: „כי מפני הרעה נאסף הצדיק...״ כדי ניט צו דערלעבען די שלעכטע צייטען געהט דער פרומער אַוועק פון דער וועלט. איז ניט אַנדערש, רבותי, אַז אויף שטאָדט געהען נייע גזרות... וואָרים מען זעהט דאָך שוין, ברוך-השם, וואָס אידען האָבען אויסצושטעהן פון המנען וס׳איז געווען אַ וואונק אויף דעם נייעם פריסטאַוו), וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף שטאָדט מיט כלערליי בלבולים און צוטשעפּעניישען...

באַלעבאַטים האָבען געהערט אַזעלכע ווערטער און האָבען פרוב געזיפצט, נאָר באַלעגאָלעס האָבען פעסטער אָנגערוקט די היטלעך איבער די האַרטע קאַרקען, און אין זייערע אויגען האָט געברענט אַ שוואַרצע שנאה צו המנען פון אַלע צייטען

.2

דאָס געלט, וואָס סענדער האָט אָפּגענומען אינם טאָג פון זיין טויט פאַר דזשירקעליכען, זיין פאַרקויפטער קליאַטשע, האָט מען געפונען גאַנץ אין זיין טיעפער בוזים-קעשענע. דער ברייטער גאַרטעל, וועלכער האָט צוגעקוועטשט דאָס שטיקעל צוראַ-טע, וואָס האָט סענדערן געדינט אָנשטאָט אַ טייסטער, האָט

דאָס שלײמיגע װאַסער ניט צוגעלאָזט צו מאַכן אַ תל פון דאָס ביסעל פּאַפּיר-געלט. האָט מען די פּאַפּירענע פינפערלעך צעלעגט אויף אַ פּאָלומעסיק און געטריקנט, בשעת שבעה-זיצן, אין אַ לינדער אויװען. און אויך דאָס ביסעל געראַטעװעטע בלוטיגע געלט האָט מען אַרײַנגעװאָרפן אין װאָגשאָל פון גערעכטיגקײט, אין אַדװאָקאַטס קעשענע, כדי אַריבערצוּװעגן דעם שװערן בלבול פון צורר-היהודים, פון נײַעם פּריסטאַװ, ימח שמו זאָל ער װערן! אָבער אײַנגאַנצן אַריבערװעגן האָט מען ניט געקענט. מען האָט נאָר אָפּגעצװיגן פון אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אויף אָסטראָג. אָבער פאַרמשפּט האָט מען איהם פאָרט — גת-פאַגדרען.

עטליכע דרײסטע אידען, װאָס האָבען זיך ניט געלאָזען אָפּשרעקען פונם פּריסטאַװס סטראַשונקעס, האָבען אפילו עדות געזאָגט, אַז אײדער „זײַן בלאַהאָראָדיע״ איז צוגעלאָפען צו דער שׂרפה אינם נײעם-נגידס הויף, האָט ער זיך במחילה אויסגעצװיגען װי גרויס ער איז, מיטן נײעם שינעל, איבער דער בריקעל פון קאַנאַװע. זײ האָבען אפילו אַ װינק געגעבען, די עדות, אַז ס'איז דאָ אַ סברא אַזאַ, אַז זײַן „בלאַהאָראָדיע״ האָט געהאַט אַביסעל אין קאָפּ... װאָרים מען װײסט, אַז ביז צװעלף אַ זײגער אין דער נאַכט האָט מען גענומען צו קאַפּעלעך בראַנפען בײם פּאָטשטמײסטער אינדערהײם. בכן, װאָלט מען געקענט שװערען, אַז „יעהאָ בלאַהאָראָדיע״ האָט אָפּגעריסען דעם קנעפּעל פון אַרבעל בײם אַנידערפאַלען, מיר בעטען איבער זײַן כבוד, איבערן בריקעל... און פאַנדרע האָט מיטן קנעפּעל גאָר ניט צו טאָן... פאַנדרע איז ערשט אָנגעלאָפען שפּעטער...

האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט דער פּאָטשטמײסטער אַלײן, אויך אַ געשמאַקער גוי מיט אַן אָנגעגאָסענעם רויטען קאַרק און האָט עדות געזאָגט אין אַקרוזשנאַי סוד, אַז... װאו? װאָס? װער? װעמען?... זײַן בלאַהאָראָדיע דער פּריסטאַװ, זײַן גוטער פרײַנט, האָט טאַקע גענומען אַ גלעזעל, נאָר ניט אַזױ פיעל ער זאָל פאַרלירען דעם קאָפּ. עס איז אַ חוצפּה פון אידען צו זאָגען װעגען אַ פּריסטאַװ, װאָס איז געקומען צולויפען, אָהן

קיינעמס הילף, אינמיטען דער נאַכט, צו מאַכען אָרדנונג אויף
אַ שרפה און טאָן זיין פליכט... צו זאָגען אויף איהם, אַז ער
איז געווען שיכור און איז געפאַלען פון די פיס... אַ סימן איז —
די פריסטאַוויכע ביי איהם, ביים פאָטשטמייסטער אין שטוב,
האָט געוואָלט דעם מאַן אָפּהאַלטען, ער זאָל אַליין ניט לויפען
און שיקען די דעסיאַטניקעס אַ קוק טאָן. האָט אָבער זיין „בלאַ-
האָראָדיע" שטרענג אַ זאָג געטאָן צו איהר: „סלוזשבאַ ניע
דרוזשבאַ"... יאָ, אָט וואָס פאַר אַ געטרייער דינער פון צאַר
און פאָטערלאַנד דער פריסטאַוו איז!... נאָר שקלאָווער אידען
זיינען איהם אַ דם-שונא דערפאַר, וואָס ער מאַכט צופיעל פאַ-
ראָנדקעס, הייסט ריין-האַלטען די אָפּטריטען, קעהרען די קוי-
מענס, גראָבען גריבער פאַר די פאָמוניצעס, און ניט פליוכען
דעם שמוץ אינמיטען די גאַסען, אָט-וואָס!...

זיינען געקומען עטליכע פאָזשאַרניקעס און האָבען עדות-
געזאָגט, אַז מיט עטליכע מינוט פריהער, איידער דער פריסטאַוו
איז אָנגעלאָפען, האָט פאַנדרע אַרויסגעראַטעוועט אַ בהמה פון
אַ ברענענדיגע שטאַל פול מיט שטרוי. איינער אַליין האָט ער
דאָס געטאָן און איינגעשטעלט דעם לעבען פאַר פרעמדע האָב-
און-גוטס...

זיינען אַקעגענגעקומען פאַרשריבענע אַקטען וועגען פאַנ-
דרעס אויפפיהרונגען, ווי אַזוי ער האָט, למשל, אַרויפגעשלעפּט
צום קאַזיאָנעם ראַבינער אויפן גאַניק צוויי נאַקעטע מענשען,
וועלכע ער האָט פריהער צוזאַמענגעבונדען מיט אַ גאַרטעל —
אַ זכר און אַ נקבה, וואָס ער האָט ערגעץ-וואו דערטאַפּט... און
ווי אַזוי פאַנדרע פלעגט שטענדיג מאַכען סקאַנדאַלען ווען ער
האָט זיך אָנגעשיכורט. אַלע יום-טוב פלעגט ער עס טאָן. אָדער
ער פלעגט פאַרמאַכען די לאָדען אין גאַנץ שטאָדט, אָדער ער
פלעגט פליוכען וואַסער פון ברונימער אויף דער גאַס און אָנ-
מאַכען אַ גאַנצע פאַרפלייצונג. אָדער ער פלעגט גלאַט אַזוי זיך
אַוועקשטעלען און זינגען מיאוסע לידלעך אונטער פרעמדע
פענסטער... אַלע אַלטע העמדער האָט מען פאַנדרען איבערגע-
קליבען, אַלע ביינדעלעך געוואַשען איהם. דער פריסטאַוו האָט

זיך, ווייזט אויס, גוט פאַסטאַרעט. אויסגעזוכט אַלע פאַרשימעלטע חטאים פון זיין קרבן און אַרויסגעלעגט זיי אויפן רויטען געוואַנט פון טיש, אין אָקרוזשנאַי סוד, פאַר אַלע ערלים אין די אויגען.

האָבען זיך אַוועקגעשטעלט נייע עדות פון פאַנדרעס צד, צוויי באַלעגאַלעס פון צעך, און דערצעהלט העלדישקייטען פונם געמשפטען. ווי אַזוי ער האָט זיך געראַנגעלט מיט אַ סטאַדע וועלף, דערשלאָגען אַ בייזע וואָלפיכע און געראַטעוועט זיין שווער פון טויט... און ווי גוט און פרום ער איז געוואָרען נאָך דער התונה, אַז אַלע קענען זיך גאָר פון איהם ניט גענוג אָנלויבען.

זיינען אויפגעשטאַנען גויעשע עדות, וואָס דעם פריסטאַווס צד האָט ערגעץ-וואו אויסגעקראַצט, און אויפגעוואָרפען, אַז דער באַשולדיגטער האָט מיט אַ פאָר יאָהר צוריק געטאַנצט אינמיטען מאַרק, בשעת ער האָט זיך באַפרייט פון פריזיוו דורך אַ גרויסען נומער. געטאַנצט האָט ער און זיך משוגע געמאַכט. אָט, הייסט עס, וואָס פאַר אַ טרייצר „ויערנאָפאָדאַני" (אונטערטאַן) ער איז אַלעמאָל געווען, דער איד נח-פאַנדרע.

איז אויפגעשטאַנען דער אַדוואָקאַט, נחס באַשיצער, און דערוויזען מיט דאָקומענטען, אַז געטאַנצט האָט זיין קליענט מחמת שמחה, וואָס ער וועט ניט דאַרפען לאָזען איינעם אַליין זיין קראַנקען טאַטען, וועלכען ער אַליין ה̣ט אויסגעהאַלטען די גאַנצע צייט. מחמת זיין עלטערער ברודער איז שוין לאַנג געווען אין קאַזאַרמע און געגעסען די קייזערליכע קאַשע פון קעסעל. פאַנדרע, זיין קליענט, איז געווען אַ כשרער לגאָטניק, נאָר מחמת די אידישע אָפגעלאָזענקייט אין די קליינע שטעדטלעך, האָט מען פאַרגעסען מאַכען די פאַפירען אין דער ריכטיגער צייט...

האָט מען זיך אַזוי געאַמפּערט ביז דער פראָקוראָר איז אויפגעשטאַנען און פאַרלאַנגט, אַז דער „סוד" זאָל זיך מעהר ניט פאַרנעמען מיט זייטיגע מעלות און חסרונות פון דעם געמשפטען. דאָ, אין מאָהליוועד קרייז-געריכט, ווערט נאָר געשטעלט

די פראַגע: צי דער באַשולדיגטער „מעשצאַנין״ פון שקלאָוו, װעלכער װערט אָנגערופען נח-פאַנדרע, פיער-און-צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט געוויזען אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, בשעת מאַן איהרע פליכטען, צי ניט?...

זיינען אַרויסגעטרעטען צוויי שקלאָווער סטראַזשניקעס, אין די נייע שינעלען, וואָס דער נייער פּריסטאַוו האָט פאַר זיי אויסגעכלאַפּאָטשעט, און האָבען עדות-געזאָגט, אַז פאַנדרע האָט זיי ביידען אַנידערגעוואָרפען, בשעת זיי האָבען איהם געוואָלט אָפּפיהרען אין סטאַן, ווען יעוואָ בלאַגאָראָדיע דער פּריסטאַוו האָט געהייסען...

אַזאַ קלאָרע און קורצע באַשולדיגונג, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט קיין קנעפּעל און מיט קיין פּריסטאַוו, וואָס האָט „בודטאָ-בי״ פריהער גענומען אַ כוסה און זיך אויכגעגליטשט — האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. אַלע גוטע מיילער פון די באַשיצער זיינען אַ ווײַלע פאַרשטומט געוואָרען.

3.

פאַנדרע אַליין איז געווען שטאַרק דערשלאָגען פון „זיצעך״ זעקס חדשים פאַרן משפּט; פון דער ידיעה, אַז סענדער, זיין שוועער, האָט געהאַט אַזאַ ביטערן טויט; פון מערעס בלייבען איינע אַליין אין שטוב מיט איהר אָרעמינקער מאַמעלע, אַ פּאָר וואָכען פאַר אַ קינפּעט, צווישען פאַרשימעלטע כאָמעטען, אָהן פערד און אָהן פּרנסה... האָט ער זיך צוגעהערט מיט איין אויער אי צו זיינע באַשולדיגער, אי צו זיינע באַשיצער. ניט אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען פון „פּעטערבורגער רוסיש״... דער באַצאָהלטער אַדוואָקאַט זיינער האָט זיך אַלע ווײַלע צוגעבויגען צו איהם און עפּעס געפרעגט און עפּעס דערקלערט. פון דער רוהיגקייט און זאַטקייט, מיט וועלכע די גויעשע „סודיאַס״ *)

---

*) ריכטער

און די גויעשע פריסיאַזשנע האָבען זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צום גאַנצען גערענגעל איבער איהם, דעם אידישען באַלעגאָלע פון קליינשטעדטעל, איז פאַנדרען אָנגעגאַנגען אַ חלשות. ווי פון געפרעגעלטען חזיר-פלייש ביי בויך-ווערטאָג. וואָס ווייסען זיי און וואָס קענען זיי וויסען, אָט די ווילד-פרעמדע, מיט זייער טרפהנעם יושר, פון איהם און פון זיין אומשולדיגקייט? אָט אַזוי באַצאָהלט מען איהם דאָס פאַר איינשטעלען דעם לעבען פאַר פרעמדע האָב און גוטס?... ווי אַ פאַרסמאַרקעטען אינגעלע אין חדר טהוט מען איהם די אָרעמינקע, פאַרלאַטעטע מייטקעלען אויס, און יעטוועדער צימבעלט אַריין: „אַ פאַנדרעלע, אַ פאַנדרעלע זאָל זיך לייטישער אויפפיהרען”!... אַ קונץ אַ גרויסער, ווען הונדערטער גויים זעצען זיך אָן אויף איין אידען! צום ערשטען מאָל אין לעבען איז איהם אָנגעקומען אַ מאָדנער געדאַנק, וואָס אַן אַנדער מאָל וואָלט ער זיך פאַר איהם געשראָקען: אם-ירצה-השם, אַז ער וועט אַרויס פון גויעשקע הענט מוז ער זיך נעהנטער באַקענען מיט כאַצע דעם הינקעדיגען אין שקלאָוו. אָט דער כאַצע קירזשנער, זאָגט מען, איז אַ „ציִשילִיסט”, ער האַלט ניט פון פראַוויטעלסטע, זאָגט מען. מוז מען דערגעהן — פאַרוואָס? ניט אומזיסט אַ פנים...

אַ זומערדיגע היץ איז געשטאַנען אויף דער מאָהליווער געברוקירטער גאַס, און אין זאַל פון „סוד” — אַ מענשישע פאַרע פון צעוואָרעמטע עדות און פון נייגעריגע. פאַנדרעס שטאַרקער גוף, וואָס איז געווען אָפּגעלאָזען פון גאָרניט טאָן אַזוי פיעל חדשים, פון האַרצוועהטאָג, בענקשאַפט צאַהיים און פון שלעכטע עסענס — איז אַצינד געווען דאָפּעלט אָפּגעשוואַכט. אַלע אויגען אַרום איהם און הינטער איהם האָבען געשטאָכען, און אין קאָפּ איז געשטאַנען אַ טשאַד, ווי פון אַ צו-פריה געשלאָסענעם, איבערגעהייצטען אויווען. טאַטע אין הימעל! ווען וועט זיך דאָס שוין אַלץ ענדיגען?

דער טרוקענער קול פונם פאָרזיצענדען אין סוד האָט איהם אויפגעוועקט: וואָס האָט דער באַשולדיגטער צו זאָגען

געגען אזעלכע עדות ווי די צוויי סטראזשניקעס, וועלכע ער האט אנידערגעווארפען ?...

וואס האט ער צו זאגען ? וואס קען ער זאגען מיט זיינע עטליכע צעהנדליג ווייס-רוסישע, פויערשע ווערטער, וועלכע קלינגען דא, צווישען אזוי פיעל אויסגעפוצטע פריצים, אזוי פרעמד און אזוי האמעטנע ? נאר ער וועט זאגען... יא. ער קען נאר זאגען, אז בשעת דער פריסטאוו האט געהייסען ארעסטירען איהם האט ער, פאנדרע, נאך ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם. פארסמאליעט פון פייער איז ער געווען און צעשלאגען פון דער בהמהס קלאהען, וואס ער האט אקארשט געראטעוועט... די ברענענדיגע שטאל איז שיער ניט איינגעפאלען אויף איהם... ער האט די סטראזשניקעס ניט אנידערגעווארפען. ער האט זיך נאר א דרעה געטאן — האבען זיי זיך אויסגעגליטשט... ער האט ניט אויסגערעכענט זיין קראפט... דערנאך האט ער זיך ווי אויסגעטשוכעט און געלאזען זיך אפפיהרען אין סטאן, ווי זיין „בלאהאראדיע” דער פריסטאוו האט געהייסען. קיין ווארט האט ער אפילו ניט גערעדט. און יעהא בלאהאראדיע דעם פריסטאוו האט ער ניט געטשעפעט. ווי קומט ער, פאנדרע, צו אזעלכע זאכען ? ווי גאט איז איהם הייליג. ער האט נאר ניט געלאזען שלאגען אן עלטערען א־דען, זיינעם א „שודאק”, וואס ער האט אקארשט געבראכט מיט דער בויד פון ארשע. ער האט נאר א שטעל־געגעבען דעם ארעם צווישען דעם פריסטאווס האנט און צווישען דעם נייעם־נגידס באק... ניט דערלאזען שלאגען...

— שלאגען גאר ?

דא איז יעהא בלאהאראדיע, דער נייער פריסטאוו פון שקלאוו אויפגעשפרונגען מיט זיינע דראטענע וואנסעס און מיט א הייליגען צארן. וואס הייסט שלאגען ? ווי קומט ער, דער פריסטאוו, צו שלאגען ? ער ווייסט אפילו ניט מיט וואס מען עסט דאס... ער האט נאר געטאן זיין „אביאזאנאסט”... ער האט נאר שטרענג אויסגעפרעגטביים באלעבאס פון שטאל מכח די סיבות פון דער שרפה. ווייל זינט איזען האבען פארסטראכירט

די הייזער זייערע, ברענט ביי זיי עפעס צו פיצל אין די קוימענס און אין די שטאַלען...

האָט דער אַדוואָקאַט פאַרלאַנגט מען זאָל אויסהערן דעם נייעם-נגיד צליין. צי האָט אויף איהם דער פריסטאַוו אויפגע-הויבען אַ האַנט צי ניט. ער אַליין זאָל דערצעהלען. איז דער צעקראָכענער נייער-נגיד צוגעגאַנגען צום טיש און שטיל, ווי אין שמונה-עשרה, מיט אַפגערונענע באַקען און מיט ציטערדיגע ליפען דערקלערט, אַז... אַז... ער געדענקט ניט. באמת, ער געדענקט ניט... יעהאָ בלאַהאָראָדיע — אַ האַנט אויפגעהויבען אויף איהם? דאַכט זיך, אַז ניט... אַ שרפה איז געווען און צטומעלט איז מען געווען... אַ האַנט? המ... איהם דאַכט זיך — ניין! דאַכט זיך, אַז... געוויס ניט! המ... געוויס, דאַכט זיך, אַז ניט...

דער מאָהליווער אַדוואָקאַט האָט אפילו געוואָלט פאַרקאָכען אַ גאַנצע קאַשע פון „געוויס" און „דאַכט זיך". איינס פון די ביידע האָט ער מיט גרויס קלוגשאַפט געטענהט: אָדער „דאַכט זיך", אָדער „געוויס"... אַ פנים, האָט ער זיך דערלויבט צו וויצלען, אַ פנים, אַז דער עדות האָט „דאַכט זיך געוויס" פאַר אימיצען מורא... דערפאַר „דאַכט זיך געוויס" זאָגט ער ניט דעם אמת...

אָבער דער פראָקוראָר האָט איבערגעריסען. דעם אַדוואָקאַטס חכמות האָבען איהם ניט געפאַסט צום עסק. וואָס האָט אַ איד אַ באַלעגאָלע, האָט ער אויסגערופען און אָנגעוויזען אויף פאַנדרען, וואָס האָט אַ איד פון דער גאַס אַריינצומישען זיך בשעת אַ פריסטאַוו טהוט זיינע פליכטען? בשעת ער פרעגט אויס די סיבות פון אַ שרפה?...

האָלט ער געווען איינגאַנצען קאַליע געמאַכט, אָט דער ערל מיטן גרינגעם פנים פון אַ מענשען, וואָס ליידט שטענדיג פון לעבער. דער אידישער אַדוואָקאַט האָט אָבער צוגעגרייט אַן איבעראַשונג. אַלס אַ לעצטען און וואָגיגען באַווייז פון פאַנדרעס מסירת-נפש פאַר אַ פרעמדען, אפילו פאַר אַ קריסט, האָט ער הויך איבערגעלייענט אַ בריעף פון דער פריצטע אין

שקלאָווער „הויפּעל״, אַ בריעף מיט באַגלויבטע און באַשטעטיגטע אונטערשריפטען פון נאָטאַריוס.

„זי איז אַצינד אין פּעטערבורג, האָט די פּריצטע געשריבען, זי איז שוואַך אין געזונט און קען אַליין ניט קומען עדות־זאָגען, נאָר אָט באַשטעטיגט זי שריפטליך מיט דער אייגענער האַנט, אַז דער שקלאָווער מעשצאַנין נח פּאַנדערע האָט זי מיט עטליכע יאָהר צוריק געראַטעוועט פון דריי צעבושעוועטע פערד, ווען זי האָט שוין געהאַלטען, אַז זי איז אַ פאַרלוירענע. זי ווייסט אויך אויף געוויס, אַז בשעת אָפּהאַלטען די פערד האָט נח פאַנדרע, אַ קצב צו יענער צייט, צווּעקגעוואָרפען אַ גאַנצען קאָשיק מיט פלייש, וואָס ער האָט געדאַרפט פונאַנדערטראָגען זיינע קונדען. ער האָט זיין סחורה מפקיר־געווען פאַר הינט, אַבי ראַטעווען אַ מענשען. — און דערמיט דריקט זי איהם נאָך אַמאָל עפנטליך אויס איהר דאַנקבאַרקייט פון אַ דוואָריאַנקע״.

דאָס האָט ווידעראַמאָל אויף די פּריסיאַזשנע געמאַכט אַ גוטען רושם. דער פּריסטאַוו, דער צורר, האָט זיך געביסען אַ וואָנסע, פאַרגעסען, אַז דערמיט מאַכט ער קאַליע ניקאַלאַי דעם ערשטענס אָנבליק, צו ווערמען ער איז, ווי מען זאָגט, זעהר עהנליך... דער פּראָקוראָר איז נאָך גרינער געוואָרען און אידישע פּנימער האָבען אויפגעלויכטען. נאָר איין פּאַנדרע איז רויט געוואָרען ווי אַ קראָפּ און ניט געהאַט וואו די אויגען אַהינצוטאָן. דער בריעף פון זיין מליץ־יושרטע — די אַלטע פּריצטע, האָט איהם דערמאָנט אַמאָליגע גבורות, אַמאָליגע הייסע זינד און אַמאָליגע רעדערייען פון אידען, אַז ער וועט זיך נאָך שמדען. דער פּאַנ־דרע, און התונה האָבען מיט דער נפקא...

עס האָט אַזוי־אַרום אויסגעזעהן, ווי אידען און גויים וואָלטען זיך געהוידעט אויף דער וואָג פון גערעכטיגקייט. צמאָל זינקט די גויעשע שאָל, אַמאָל — די אידישע, מיט פּאַנדרען אינמיטען. אַ פאַרגעסענער שטיקעל חומש האָט זיך פּאַנדרען דערמאָנט. שוין לאַנג, לאַנג, אַז ער האָט דאָס אין חדר גע־לערנט... ער געדענקט ניט קלאָר אין וועלכע סדרה, אָבער איין

זאָן געדענקט ער, אַז בשעת די אידען זיינען אַרויס פון מצרים און געוואָלט געהן אין ארץ־ישראל, איז זיי „עמלק“ באַפאַלען פון הינטען... מסתמא אַזעלכע געשמאַקע גויעצען ווי דער פּריסטאַוו מיט זיין גאַנצע כאַליאַסטרע דאָ... זיצט משה אויפן שפּיץ באַרג, זעהט־צו די מלחמה און טהוט תפילה. הויבט משה־רבינו אויף די הענט — געווינען אידען, לאָזט משה אָפּ די מאַטע הענט — אַזוי געווינט עמלק... אַך, ווען דער אַלטער מורא־הוראה וואָלט געלעבט, און וואָלט פאַר איהם גאָט געבעטען — וואָלט גאָר אַנדערש געווען! און אַצינד... ווער ווייסט?...

אָט האָט זיך עמלק ווייטער אַוועקגעשטעלט — דער פּראָקוראָר מיטן גרינעם פּנים. ער אַרבייט מעשים. עס שיט זיך פון איהם פּריצישער „רוסיש“, ווי פון אַ לעכערדיגען זאַק. ער טענהט, אַז ס'איז שוין קלאָר דערוויזען געוואָרען, אַז דער איד נח פאַנדרע האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט „די היטער פון געזעץ און אָרדנונג“ און אויפגעהויבען אַ האַנט אויף דער פּאָליציי, בשעת זי האָט דערפילט איהרע פליכטען. דעם פּריסטאַוו געשלאָגען איבערן האַנט און אָפּגעריסען אַ פּאַפּאָגע מיטן צוויי־קעפּיגען אָדלער — דער סימבאָל פון דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער מאַכט; און די צוויי דעסיאַטניקעס האָט ער גלאַט געשלאָגען און אומגעוואָרפען צו דער ערד, געטראָטען מיט שטיוועל פון אַ באַלעגאָלע די פּאָליצייאישע רעכט... ווענדעט ער זיך דערפאַר צו די פּריסיאַזשנע, זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון אויסגעזוכטע שטיפערייען — אַזוי־גערופענע העלדישקייטען, מיט וועלכע מען וויל דאָ באַקרוינען דעם האַרטען קאָפּ פון דעם באַשולדיגטען, זיי האָבען נאָר צו געבען אַן ענטפער אויף דער געשטעלטער פראַגע און ווייטער גאָרניט. ער פאַרלאַנגט פאַר דעם באַשולדיגטען ניט ווייניגער ווי דריי יאָהר „אַרעסטאַנטסקע ראָטע“ און פאַרלירען אַלע בירגערליכע רעכט. זאָל דאָס דינען אַלס מוסטער און אָנזאָג פאַר זיינע ברידער פון איין גלויבען, זיי זאָלען זיך מעהר ניט ערלויבען אַזעלכע „בעזאָבראַזיעס“ א.אַ.וו.

די מאָהליווער פּריסיאַזשע האָבען אָבער אין פאַנדרעס „העלדישקייטען“ פאָרט געפונען אַביסעל „זכות־אבות“, און האָבען

איהם פאַרמשפּט בלויז צו אַנדערהאַלבן יאָהר אָסטראָג, אָפּרעכענענדיג די זעקס חדשים, וואָס ער איז געזעסן ביז צום משפּט.

פאַנדרע איז צום סוף פון זיין משפּט געוואָרען ווידער שטייפער. דער טשאַד פון קאָפּ איז איהם אַוועק, און די אָפּגעלאָזענע אָרעמס האָבען זיך ווידער אָנגעגאָסען מיט אייזען. דער צערונענער כח זיינער האָט גענומען אומקעהרען זיך, ווי ביים בלינדען שמשון, ווען זיינע אָפּגעגאָלטע האָר הויבען אָן ווידער צו שפּראָצען... רוהיג, מיט אָפענע גרויע אויגען האָט ער אויסגעהערט זיין פּסק-דין. שוין בשעת דעם פּראָקוראָרס געשמאַקע דרשה, האָט ער, נח, פעסט באַשלאָסען צו באַקענען זיך מיט די „ציציליסטישע" סודות פון כאַצע דעם הינקעדיגען... נאָך אַ קיילעכדיגען יאָהר מוז ער זיצען און וואַרטען צו דער-געהן דעם אמת... נאָר נישקשה, ער וועט דאָס איבערוואַרטען...

ער איז געשטאַנען און אויסגעהערט זיין פּסק — די גרויסע עולה, וואָס עס ווערט איהם דאָ אָפּגעטאָן, נאָך אַלע קלענערע גויעשקע עולות אין משך פון אַ האַלב יאָהר צייט... און די דאָזיגע לעצטע עולה ווערט נאָך אָפּגעטאָן מיט אַזוי פיעל פּריצישע אָנשטעלענישען, מיט אַזוי פיעל יום-טובדיגען פּאַראַד! ניט מעגליך, אַז אַזאַ זאַך זאָל פאַרשוויגען ווערען! מסתמא איז ער ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער... פריהער, שפּעטער — אימיצער וועט זיך אָפּרעכענען פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען...

ווי אַ וואַרימער רעגען פון וואונדערליכער טרייסט זייגען איהם די דאָזיגע מחשבות געפאַלען איבערן האַרצען. און אין זיין אַנטבלויזטען, פאַרוואַקסענעם און פאַרעקשנטען קאָפּ האָבען זיך געבאָמבעלט די אונקלאָרע, האַלב-פאַרגעסענע פּסוקים פון דער סוף מעשה מיט עמלקן:

„פאַרשרייב דאָס צום געדענקען אין אַ בוך און טהו אין די אויערן פון יהושען... אַז מעקען און אָפּמעקען וועל איך עמלקס געדעכטניס פון אונטער די הימלען"...

שעפּטעלע גנב

I.

פֿאַר די זעקס חדשים, וואָס פֿאַנדרע איז געזעסן אין אַרעסט, ביזקעל משפּט, האָט ער זיך שוין געוועז אַביסעל געוואוינט צו דער פֿאַרפֿוישטער לופֿט, צו דער סביבה פֿון אַרעסטאַנטען, צו די גראַטעוועטע פֿענסטערלעך. פֿונדעסטוועגן, אַז מען האָט איהם נאָכן סוד איבערגעפֿיהרט אין אָסטראָג, אָפּצוקומען דעם יאָהריגען שטראָף, האָט איהם ווידער פֿאַרכאַפּט דער אָטהעם, און ער איז ביי זיך אַראָפּגעפֿאַלען. דער בטחון, וואָס פֿאַנדרע האָט אין זיך דערפֿיהלט צום סוף פֿון זיין משפּט, דאָס פֿאַרמעסטען זיך מיט דעם שלעכטען מזל זיינעם — זיינען פֿאַרשוואונדען געוואָרען. אַ סך האָבען דערביי געווירקט די גרויע אַרעסטאַנטסקע קליידער, מיטן גערוך פֿון פֿרעמדען שווייס, וואָס ער האָט אויף זיך אַצינד אָנגעטאָן צום ערשטען מאָל. ער האָט אַצינד געמוזט אָנטאָן דעם קורצען אַרעסטאַנטסקען כאַלאַטעל מיט די ברייטע פּלודערען און שיידען זיך מיט זיין היימישען אָנטועכץ, וואָס איז מיט איהם מיטגעגאַנגען אין געפֿענגעניש פֿון מיטען ווינטער אָן. צו־וואַרעם און צו־אָפּגענוצט איז שוין געוועזן דאָס באַלעגאָלישע, ווינטערדיגע אָנטועכץ, די וואַטאָווע פּאָדיאָווקע מיט די לאַנגע שטיוועל. ס'האָט זיך אָבער פֿון זיי פֿאָרט אָפּגעגעבען מיט היים, מיט קעלניע, מיט כרייע שליאַבען, מיט ווייב... איבען קנאָפּ פֿון דער טונקעלער פּאָדיאָווקע,

חעלכען מערע האָט איהם אין איילעניש צוגענייהט מיט ווייסע פאָדים, אַ טאָג פאַרן אַרעסט, האָט ער אָפטמאָל געקוקט, און דאָס האַרץ האָט איהם זיס גענאָגט... שוויצענדיג אין די היימישע קליידער, האָט ער נאָך געהאַט אַ טרייסט, אַז ער זיצט אומזיסט, דערווײלע... אַז ניט היינט, מאָרגען, וועט מען אויפפלאָנטערען דעם גאַנצ־ן אמת, און ער, פ־נדרע, וועט אַרויס ריין, אַזוי ווי ער איז געקומען. דערפאַר איז ער די ערשטע צייט „געזעסען", ווי מען זיצט אין אַ שלעכטען, אָנגעפיפקעטען שענק, אויפן מיטען שליאַך, בשעת אַ גוס־רעגען. מען מוז נאָר איבערוואַרטען און ווייטער פאָהרען... די בייזע נייעס וועגען מורא־הוראהס טויט, וואָס איז צו איהם דערגאַנגען אין מאָהליווער אַרעסט, האָט איהם צום ערשטען מאָל געוועזן דערשלאָגען. ער האָט צום ערשטען מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז דער מזל האָט זיך פון איהם גענומען אָפטאָן. דערנאָך זיינען אָנגעקומען אַלץ ערגערע און ערגערע ידיעות וועגען די פערד איינדרהיים, וועגען ר׳ סענדערן, להבדיל. און די אומרוהיגקייט איז געוואַקסען, און די „שפילקעס", אויף וועלכע ער איז געזעסען, זיינען געוואָרען שאַרפער.

און אָט, ערשט היינט, עטליכע טעג נאָכן משפט, אַריינשפרייזענדיג אַן איבערגעטאָנענער, אַ פאַרמאַסקירטער, ווי אַן אָרעמער פורים־שפיעלער, אין דער לופט פון אָסטראָג, האָט ער דערפיהלט, אַז ער זיצט אויף אַן אמת, אַז אַצינד איז ער אַן אַרעסטאַנט מיט אַלע אַרעסטאַנטען גלייך, אַז מען מוז זיך אונטערגאַרטלען און פאַרשטשירען די צייהן. מען מוז אויסהאַלטען נאָך אַ קיילעכדיגען יאָהר אָהן אַ ווייב, וועלכע איז אַצינד איינע אַליין און ליגט שוין אפשר אין קינפעט... מען מוז! און קיין איבעריגער כח אונטערצוגאַרטלען זיך איז ניטאָ. וואָרים פיהלען פיהלט ער זיך נאָכן משפט, ווי אַ שיכור, וואָס הויבט זיך אָן אויסצוניכטערען.

ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ געמיש פון צלערליי פרעמדע פנימער, קאַצאַפישע און פויערישע, כיטרע און גזלנישע, פאַרגרעבטע און אויסגעפייניגטע. ביי אַ סך איז אויף די כאַלאַטען

געוועז אָנגעטייהט אַ געלער טויז־פּיק — אַ קין־סימן פאַר רוצחים. דאָס זיינען מעהר ניט געוועז יענע פאַרבייגעהענדיגע טיפּען פון אַרעסט־הויז — צופעליגע גנבים און גוטמוטיגע בראָדיאַגעס. דאָ האָבען פון די שמוציג־גרויע כאַלאַטען, ווי פון אָנגעפוילטע שאָלעכצען, אַרויסגעקוקט סטאַלע, איינגעפונדעוועטע פאַרברעכער, האַרטע אויגען, געזאַלצענע שמייכלען. און דאָס אַלץ איז געוועז דורכגעוועזעלט מיט אַ פאַרעלטערטען ריח פון מאַכאָרקע און פון שלעכט־פאַרדייעטען בראַנפען. מען טאָר דאָך „פאַ זאַ קאָנו" אין די טורמעס ניט רויכערען און ניט טרינקען, פונדעסטוועגען רויכערט מען און מען זויפט אויף וואָס די וועלט שטעהט... אויסער דעם — דער ספּעציפישער ריח פון זויערקרויט און שוואַרץ־ברויט און מענשליכע אומריינקייטען, וואָס אָהן זיי קען מען זיך גאָר אַ רוסישען אָסטראָג ניט אויסמאָלען, און וואָס זייער אָנזאָג פיהלט מען שוין אין די רוסישע „אוטשאַסטקעס"...

צווישען די וואָסערדיגע אויגען, פאַרלעדערטע צורות און פלאַקסענע קעפ האָבען דאָ און דאָרטען געבליאַסקעט אומרוהיגע אויגען... עפּעס באַקאַנטע אויגען. און נעזער... עפּעס באַקאַנטע נעזער! ער וואָלט שווערען, פאַנדרע, אַז דאָס זיינען אידען. אומעטום, קיין עין־הרע, זיינען דאָ אידען. נאָך אַזעלכע שלעק ווי דו, נח! הכלל, פאַנדרע, מען ווערט ניט פאַרפאַלען!...

ווי אַ נאַקעטען מענשען, וואָס קומט אַריין פון פאָדערצימער אין באָד און דערזעהט פאַר זיך: פריהער אַ מיש־מאַש פון פאַרע און לייבער, און דערנאָך ערשט — אַ פרייע שעפעל, אַ ליידיגען אָרט צו וואַשען זיך — אַזוי איז געגאַנגען פאַנדרען. ס'האָט איהם גענומען קלאָרער ווערען פאַר די אויגען. דער פינגער פון סטאַראָזש האָט איהם אָנגעוויזען אַ פרייען אָרט און פאַנדרע האָט גלייך גענומען אויסלעגען פון זיין פעקעלע אויף דער ברייטער שמוציגער און אויסגעגלעטער „נאַרע"*), וואָס דינט די אַרעסטאַנטען אַלס שטוהל און אַלס טיש און אַלס בעט.

*) פּאָליצע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אונטערגעצויגען אַ פוס אונטער זיך און פאַרטראַכט זיך. ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז מען זאָל איהם געבען אַרבייט, אַ שווערע קאַטאָרזשנע אַרבייט. אַז מען אַרבייט, פאַרגעסט מען; אַז מען האָרעוועט, טראַכט מען ניט, זיין געדיכטע, איינגעשטאַנענע בלוט אין די אָדערען האָט דאָס פאַרלאַנגט, און זיין פוסטע קעשענע אויך. אָהן אַ קאָפּיקע איז ער געבליבען. ווער וועט איהם שיקען? אויף וועמען זאָל ער האָפען? אויף דער אָרעמינקער שוויגערל אפשר, וואָס שטעהט אַצינד אין שקלאָווער מאַרק אַ גאַנצינקען טאָג ביי אַ טישעל מיט גויעשקע קאָפּיקענע לעקעכלעך?... ווער ווייסט, צי זי און מערע אַליין האָבען אַצינד צו עסען? שעהן אויסגעפּידעלט, פאַנדרע! „נייע-נגידים״ האָט זיך דיר געגלוסט צו באַשיצען!...

און ווי ער זיצט אַזוי און פּלאָנטערט זיינע מחשבות, ערשט אַ קליינגעוויקסיגער אַרעסטאַנטעל שאַרט זיך צו איהם צו, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּאָר איד׳שלעך-לעבעדיגע אויגען און מיט אַ געשוירענעם קאָפּ בלוי-שוואַרצע האָר... אויף זיינע דינע פיס האָט ער געשלעפּט נאָך זיך אַ פּאָר צו-גרויסע, אָבער גוטע שטוביגע פּאַנטאָפליעס. זיי האָבען זיך, מיט זייערע בלויע און רויטע קוויטען, גאָרניט געפּאַסט צום מיאוסן אָסטראָג-אַנצוג, וועלכען דער אַרעסטאַנטעל האָט אויף זיך געטראָגען, ווי אַ זאַק. חייזט אויס, פון דער היים האָט מען איהם די פּאַנטאָפליעס צוגעשיקט. המ... אַ „שצאָגעל״ — איך בעט איבער אייער כבוד!

צוגעשאַרט זיך, האָט דער אַרעסטאַנטעל אומרוהיג אַרומגעקוקט פאַנדרעס ברייטע פּלייצעס, זיינע אייזערנע ליטקעס אונטערן גרויען שטאָף, זיין האַרטען קין מיט דער גריבעלע אינמיטען, זיינע ברייטע לאַפּעס מיט די שטאַרקע באַלעגאָלישע פינגער, און ער האָט, אַביסעל נישט-זיכער, אַ פרעג געטאָן:

— אַ... אַ יהודי?

— אום-הו! — גיט פאַנדרע אַ שאָקעל מיטן שווערען קאָפּ — דו אויך?

אַ פרעהליכער פייערל האָט זיך צעטאַנצט ביים אַרעסטאַנטעל אין די אידישלעך-בולטע אויגען:

— וואָס דען! זעהסט ניט?... נאָר — דו, כע־הע. כ'האָב קוים געגלויבט. געזונט ביסטו ווי צעהן גוים!...

פּאַנדרע האָט דערפּיהלט זיין גרויסען שטאַרקען לייב אונטערן כאַלאַט, און, ווי אַ ריז צו אַ קאַרליקעל, שוואַך אַ שמייכעל געטאָן.

— אויף ווי לאַנג? — איז דער אַרעסטאַנטעל ווייטער געוואָרען נייגעריג.

ניט אין באַלעגאָלישען צעך, ניט ביי סענדערן אין שטוב איז פּאַנדרע געוואוינט געוועזן צו אַזאַ קורצען און פּילדייטיגען סאָרט רעדען. האָט ער פריהער אַ טראַכט געטאָן און ערשט דערנאָך געענטפערט:

— אַ יאָהר מוז איך נאָך זיצען.

— פהע! — האָט דער שוואַרצער אַרעסטאַנטעל אַ פאָרשקע געטאָן מיט ביטול — ס'הייסט, אויך מיר אַ „זיצען"! — אַ „כאַדאַק" געלאַטכעט?

פּאַנדרע האָט ווידעראַמאָל געמוזט אַ טראַכט טאָן, וואָס יענער מיינט מיטן „כאַדאַק", און האָט זיך ניט דערטראַכט, ביז דער אַרעסטאַנטעל אַליין האָט איהם אַרויסגעהאָלפען. לאָזט זיך אויס, אַז „כאַדאַק" איז גאָר אַ ראשי־תיבות. דאָס מאַכט: „כאָ־ראָשי־דאָברי־קאָן". צי האָט, הייסט דאָס, פּאַנדרע ניט געגנבעט אַ פערד?

— ניין — מאַכט פּאַנדרע – אַ באַלעגאָלע גנבעט ניט קיין פערד. ביי אַ באַלעגאָלע, אפשר, גנבעט מען יאָ.

— מיט אַ פויגעל אין זייט אימיצען?

פּאַנדרע האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס מיינט אַ מעסער.

— ניין.

— מיט אַ „קנאַקער" אויך ניט?

— וואָס „קנאַקער", ווען „קנאַקער"? אַ בלבול האָט מען אויף מיר געמאַכט. כ'האָב, כלומרשט, געשלאָגען אַ פריסטאַוו מיט צוויי דעסיאַטניקעס. מאַלע וואָס שונאים זאָגען!...

2

פאַנדרע האָט דאָס אָפּגעזאָגט מיט אַ צווייִדייטיקן שמייכעלע, און דער שוואַרצער אַרעסטאַנטעל, מיט די שטאָגעלסקע פּאַנטאָפליעס, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ גליקליכן געלעכטערל. אין דרייען האָט ער זיך געבויגען. דורך זיינע געצוקטע באַוועגונגען, האָט ער פאַנדרען באַוויזען זיין פּאַטילניצע מיט אַ ווייסען און ברייטען שראָם אין זיינע געדיכטע און געשוירענע האָר. אפנים — אַ פאַרהיילטע וואונד.

— אַזוי ? אַ פּריסטאַוו ? מעהר גאָרנישט ? מאַמע, איך חלש ! צוויי דעסיאַטניקעס אויך ? כאָטש גוט מכבד געווען זיי ?

פון אַזאַ קיצעלד·גען לאַכען איז פאַנדרען פרעהליכער געוואָרען אויפן האַרצען. צום ערשטען מאָל, פאַר גאַנצע זעקס חדשים, זינט מען האָט איהם אַרעסטירט, הערט ער, אַז מען זאָל איהם ליבען פאַר אַזאַ שטיקעלע אַרבייט, און נאָך מיט אַזאַ קינדערשע פרעהליכקייט. מאַכט ער צום אַרעסטאַנטעל:

— כ׳וואָלט געוואוסט, אַז מ׳וועט מיך אַזוי פאַרמשפטן, וואָלט איך שוין בעסער מכבד געווען... פאַר איינע הוצאות...

— ביסט נאָך גליקליך אָפּגעקומען — טרייסט איהם יענער מיט לאַך־טרעהרען אין די אויגען, אַ יאָהר, זאָגסטו ?... אויך מיר אַ שטראָף !

דאָ האָט זיך פאַנדרע געכאַפּט, אַז ער באַלעבעטשעט אפשר צופיעל מיט אַן אומבאַקאַנטען פאַרשווינדעל. נאָך פאַרן משפט האָט איהם דער אַדוואָקאַט מתרה־געווען, ער זאָל מיט די סטאָראָזשעס ניט צופיעל רעדען, ניט מיט אַרעסטירטע. וועלכע ער קען ניט. ווארים ער קען זיי דערנאָך האָבען אַלס שלעכטע עדות געגען זיך אַליין... ס׳איז שוין אפילו נאָכן משפט, פונדעסטוועגען — אַ קשיא אויף אַ מעשה, מיט אַן אַרעסטאַנט קען מען דאָך טאָן וואָס מען וויל... האָט ער דעם פאַרשווינדעל איבערגעשלאָגען אין מיטען שמחה:

— הער!... און ווער ביסטו?

פאַרוואונדערט זיך יענער, ווי אַ פרעהליכער לעהרערעל, ווען דער תלמיד ווייסט ניט, וויפיעל עס איז צוויי מאָל צוויי;

— איך?... אַ גנב!

די קורצקייט און אָפענהאַרציגקייט פונם פאַרשווינדעל האָט פאַנדרען אַ פליוך געטאָן אין פנים מיט וואַרעם בלוט. ער איז אַזש רויט געוואָרען פון אַזאַ אומגעריכטען ענטפער. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יענער באַריהמט זיך מיט זיין פאַך, ווי אַ קרעציגער מיט זיין פאַרך. נאָר דער פנים ביים יונגערמאַנטשיק איז דערביי געבליבען פרעהליך און אָפען, גאָרניט ווי ביי אַ קרעציגען; נאָר דוקא ווי ביי אַ מענשען, וואָס שיט ברייטהאַרציג אויס זיין טייסטער פול מיט גאָלד צו אַ פרעמדען אין שויס אַריין און האָט אַ האָר ניט מורא, אַז יענער זאָל עפעס אַוועקלאַטכענען... פאַנדרע האָט געמוזט אַ שמייכעל טאָן. ער האָט צום פאַרשווינדעל, גלייך נאָכדעם, געקראָגען דעם אמתן צוטרוי און מיט דער איבערגענומענער קורצקייט באַשטעטיגט:

— אַזוי, ברודער־לעבען! פראָסט און פשוט.

דער יונגערמאַנטשיק האָט אַזאַ התקרבות אָנגענומען, ווי אַ פאַרדינטע זאַך, און נאָך ערנסטער דערקלערט:

— ניין, ניט אַזוי פשוט. מען שטעלט איין דעם לעבען. אָט! געבליבען אַצינד ביי די פאָר שקראַבעס אויף די פיס. נאָר אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפען און איך וועל אַרויס. אָדער אַנטלויפען פון דאַנען — דאָט ער צוגעגעבען שטילערהייט און אַרומגעקוקט זיך — וועל איך ערשט אָנהויבען צו אַרבייטען. גאָט וועט מיר נאָך העלפען.

ער האָט גערעדט וועגען זיין פראָפעסיע מיט ליבשאַפט און בענקעניש, ווי גאָר אַ גרויסער סוחר, וואָס איז צריינגעפאַלען אין אַן אומגליק, און האָט איבערגעלאָזען שיפען אויף גרויסע וואַסערען און געפאַקטע פוהרען מיט סחורות אויף ווייטע שליאַכען. און אָט זיצט ער דאָ, נעבעך, איינגעשפּערט און ווייסט ניט, וואָס פון זיין האָב און גוטס איז געוואָרען. נאָר ער איז

פול מיט בטחון, אז דער רבונו־של־עולם וועט איהם ניט פאר־לאזען...

דאס אריינגעמען גאט אין אזא קאמפאניע איז אבער פאנדרען א האר ניט געפעלען געווארען. און כדי צו דערמאנען דעם געשווירענעם יונגענמאנטשיק, וואוהין ער שלעפט דעם רבונו־של־עולם, האט ער איהם איבערגעשלאגען אינמיטען ברען פון ווינשעווען זיך:

— דו, וואס גנבעסטו?... פון קעשענעס?

— איך... קעשענעס? — האט זיך יענער באליידיגט — פון שעפטעלע גנב האסטו גארניט געהערט?

— ניט אויסגעקומען...

— ניין? ס'א חידוש! גיב א פרעג אין גאנץ מאהליוו! שעפטעלע? אלע קענען איהם. קעשענעס? כע! נעם א ביסעלע העכער! אט, אויפברעכען טיש־קעסטלעך, קאסעס, צומאכען שליסלען צו קראמען פון גאלד־הענדלער... פאר איין זייגער אין א פרעמ־דער קעשענע, וועט שעפטעלע דעם לעבען ניט איינשטעלען. צוליעב וואס? ער קען בעסער אוועקנעמען א גאנצען טשעמאָ־דאן מיט זייגערס... בריהער, זעהסטו, האט איך געארבייט נאר אויף שרפות...

פאנדרע האט ווייטער ניט קלאר פארשטאנען:

— זעה! א וואלנער פאזשארניק געווען? איך — אויך! דאס האב איך זיך אויף א שרפה פארטשעפעט מיטן פריסטאוו...

— איך? מיט מיין גופעלע? — האט שעפטעלע א לאך־געטאן — וואס רעדסטו, מענש איינער! ווי קום איך צו אזעלכע שווערע מלאכות? נאך איידער די פאזשארניקעס האבען זיך א ריהר געטאן, פלעג איך שוין אנטלויפען... אין ערשטען טומעל און רויך, ווען געשלאסענע טהירען עפענען זיך, נאך איידער די באלעבאטים כאפען זיך צו זייערע „ממתק ס״, האב איך זיי שוין געהאט אין קעשענע. מ'האט מיך אפטמאל אנגענומען פאר א שטוביגען, די שליסעלעך געשטופט אין הצנט. שפיעלסט זיך מיט אונזערע אידען, בשעת עס צינדט זיך ביי זיי אן?... זיי ווייסען דען אויף וואסער וועלט זיי זיינען? די בעסטע זאך

איז צו „אַרבייטען" צווישען אידענעס אויף אַ שרפה און ווען דער באַלעבאָס איז אין שטוב ניטאָ. אַן אַנטיק, זאָג איך דיר!... „ציפּקע! אייזיק! בערקע! זלאַטקע!" — שרייען זיי און כאַפּען זיך צו די פערענעס, שטיקען זיך מיט די קישענס אין די גוּנבס און הייבען ניט ווזס עס כהוצזיך מיט זיי.

— המ... — מאַכט פאַנדרע און לאָזט אַראָפּ די אויגען.

— נאָר, איינמאָל — דערצעהלט ווייטער שעפּטעלע — בין איך שיער ניט נהרג געוואָרען, צו שפּעט בין איך אַנגעלאָפען... אַ באַלקע מיט אַ טשוואָק האָט זיך אָפּגעריסען און געפּלעט מיר דעם מח. אַט, זעהסט אַ ווייסען שראַם אין די האָר? איז דאָס מיר פון דאַמאָלסט אָן געבליבען. פּאָזשאַרניקעס האָבען מיך אַרויסגעטראָגען אַ געחלשטען און געפונען ביי מיר עפּעס אַזעלכענעס אין די קעשענעס... רבינו־תמס תפילין האָבען זיי ביי מיר ניט געפונען!... אַצינד טהו איך נאָר קאַלטע אַרבייט. ווען מען שליסט די געשעפטען, ווען מען פאָהרט אַוועק אויף דאַטשעס. אָרעמעלייט טשעפּע איך ניט. מיינע יאַטען ווערען זיך אויך ניט דערוועגען. נאָר גאָרנישט... אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפען און כ'וועל אַרויס אויף דער פריי, וועל איך חתונה האָבען און אַוועק — קיין אַמעריקע! פריהער מוז איך אָנקלייבען די מטבע. כ'האָב נאָך אָפּצוזיצען אַנדערהאַלבען יאָהר. נאָר אפשר וועט זיך מיר איינגעבען צו מאַכען עס בקיצור...

— מען אַנטלויפט פון דאַנען?

— כ'בין שוין איינמאָל אַנטלאָפען. געמאַכט זיך געפּגרט און אַנטלאָפען פון שפּיטאָל. מען דאַרף נאָר האָבען, זאָג איך דיר, די מטבע אין האַנט. מיינסט, אַז איך זיץ דאָ און לייען תחינות? אָדער איך עס אכשר די פּאַסקודסטווע פון פּאָניעס קעסעל?... אַזוי לאַנג זאָל פּאָניע־גנב קרענקען און וועהטאָגען! מיינע יאַטען „אַרבייטען" אפילו איצטער אויך. אָבער אָהן מיין קאָפּ קענען זיי זיך ניט באַגעהן. אַז מען דאַרף — פרעגט מען מיך אָן, און אַז איך דאַרף — זיינען דאָ סטאָראָזשעס. פאַר אַ טרונק בראַנפען האָסטו זיי אין גאַרטעל. מען שיקט מיר צו

דאַרע קישקע, פראַנצויזישע בוהקעס, פאַפּיראָסען, געבראָטענע היהנער, געלט. מיט געלט מאַכט מען אַלץ. ווען ניט אָט דער „טשורילאָ", אַ בראָך זאָל איהם אויסקייקלען, וואָלט איך דאָ געלעבט ווי אַ גראַף... ווער איז טשורילאָ? קענסט איהם נאָך ניט? ווערסט איהם באַלד קענען. אַ גוי אַן אַרעסטאַנט, אַ גלית הפלשתי! אַ גזלן אַ גוי! ער געהט אַרום געשמידט אין קייטען און מאַכט אַלעמען דעם טויט. אפילו די סטאָראָזשעס האָבען פאַר איהם מורא... ער נעמט ביי אַלעמען אָפּ דאָס עסען, ער שלאָגט מכת־רצח... מען זאָגט אפילו, אַז ער איז אַ תליון און הענגט „ציציליסטען". פאַר יעדען קאָפּ רעכענט מען איהם אָפּ אַביסעל אָסטראָג און מען שענקט איהם אַ דריי־רובעלדיגע. אַנומעלטען האָט ער זיך אַליין באַריהמט, אַז ער האָט געהאָנגען אַ אידעל פאַר שיסען עפּעס אַ „קנעפּעל". פאַרן לעגען שלאָפען איז דאָס געווען. קיין אַנדער צייט האָט ער ניט געפונען צו דערצעהלען אַזעלכענע מעשות! האָב איך, מ.כט ער, דער ראָז־באָניק, אַ נעם געטאָן דעם אידליק, אַז אַלע ביינדעלעך האָבען ביי איהם אַ קנאַק געגעבען. אַזאַ דאַרער בחורל, מיט אַ בער־דעלע אַרום האַלז. זי האָט זיך איהם אויסגעשאָטען פון צו־לאַנג זיצען אין „אָדינאָטשקע". „ניע פלאַטש, מאַכט ער, מאָי מילי!"*) — האָב איך צו איהם געזאָגט און אויסגעדרעהט איהם די הענט־לעך אויף הינטען. דער אידליק, מאַכט ער, האָט אויסגעלופּעט גרויסע אויגען און גענומען וואַרפען זיך ווי אַ וואָרעם. אייך שטיוועלע איז איהם אַזוי אַוועקגעפלויגען. גרויס געוואָרען, אַפּנים, אויפן פוס. „געוואַלד, טאַטעלע, מאַמעלע!" האָט ער גע־קוויטשעט ווי אַ צוגעשטיקטע קאַץ. „איך בין דאָך ניט ווינאָ־וואַט, ס'איז אַן אַנדערער געווען... אַן אַנדערער!"... דערזעהענ־דיג די פּעטליע, האָט ער צוגעקוועטשט דאָס באַבערדעלטע העל־זעלע צום ברוסט און גענומען וואָיען ווי אַ משוגענער הונט. האָב איך איהם מיט צוויי פינגער אָנגענומען כאַר זיין בערדעלע, אַרויפגעבויגען דעם קאָפּ און אָ.געטאָן די פּעטליע. אומזיסט,

*) ניט וויין, מיין פייערער!

מאַכט טשורילאָ, האָב איך אַזוי לאַנג געזויפט דאָס שטריקעל, דער האַלז איז ביי איהם געווען נאַס פון שווייס און גליטשיג ווי אַ וואָרעם... „לאָז מיך", האָט זיך דאָס אידליק גענומען בעטען ביי מיר, „לאָז מיך איין מינוטקעלע, איך מוז געהן אין אָפּטרעט"... מאַך, זאָג איך איהם, דאָ אויף אַן אָרט, זאָג איך, כאַ־כאָ! וואָס זשאַלעוועסטו אַצינד דיינע מייסקעס?..."

פאַנדרע איז געזעסען אויף דער „נאַרע" מיט אויפגעריסענע גרויסע אויגען. מוראַשקעס זיינען ביי איהם געלאָפען איבערן ברייטען רוקען. פון היץ און קעלט האָט איהם שעפּטעלע גנב אַריינגעוואָרפען מיט זיין ציגנעל.

שצעפּטעלען אַליין איז עפּעס מיטאַמאָל אויסגעגאַנגען לופט. ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און גענומען רייבען זיך אַ שלייף. נאָך אַ מינוט שווייגען, האָט ער שוין גאָר שטיל, כמעט שושקענדיג, פאַרענדיגט:

— ער האָט געמיינט, טשורילאָ, אַז מירן איהם העלפען לאַכען. קיינער האָט ניט געלאַכט. אפילו אָט די גראָבע גוים דאָ... אַ סך זיינען אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען.

דאָס געשלעג מיט גליתן

.1

צי־וואָרעמעס האָט זיך אין אָסטראָג אַריינגעשאָטען אַ נייע כאָפּטע אַרעסטאַנטען פון די, וואָס אַרבייטען ניט ווייט פון געפענגעניש. ס׳האָט פון אַלעמען געטראָגען מיט געפרייצטע אַרעסטאַנטען־קליידער און מיט זויערען שווייס.

צוויי יונגע אָסטראָזשניקעס, אין קיילעכדיגע פאַרדויכערטע היטעלעך און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל, האָבען אַריינגעטראָגען אַ מין גרויסע פּאָמוי׳צע פון בלעך פול מיט געקעכץ. דאָס איז געווען דער „באַק״, דער קעסעל פון געפענגעניש. געטראָגען האָט מען איהם אויף אַ פלאָקען פון אַן אַלטער מיטעלע*) דורכגערוקט דורך צוויי אייזערנע אויערלעך. מ׳האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויפן מיטען דיל און צראָפּגענומען דעם בלעכענעם צודעק. באַלד זיינען אַלע אַרומיגע אַרעסטאַנטען פאַרשוואונדען געוואָרען אין אַ געדיכטער פּאַרע און אין אַ שאַרפען גערוך פון זויער־קרויט און בריזקווע. ווען דער עפּושדיגער נעפּעל איז אַוועק, האָט מען דערזעהן אַ מין גרוי־ברוינע בראַי, פון יענע מיני בראַיען, וואָס בלייבען איבער אין בריזז נאָכן אָבציהען דעם בראַנפען, און וואָס געהען אויף אונטערקאָרמענען אָקסען פאַר דער שחיטה. פון די יאַטקע־צייטען האָט דאָס

*) בעזים.

פּאַנדרע גוט געדענקט... נאָר דאָ, אין בראַי, זיינען נאָך אַרומגעשוואומען שטיקער „כראַפּקעס" פון קרויט-קעפּ, ניט-געשאָבענע שטיקער מעהרען, שטיקער חזיר-בויך מיט ניט-אָפּגעסמאַליעטע בערשטעל-האָר. שוין איינמאָל אַ געקעכץ פאַר מענשען!

אָט די דאָזיגע פּאָילע האָט דאָס דער „סטאַרשער" — אַן עלטערער אַרעסטאַנט מיט אַ סיווער פּאָנישער באָרד — גענומען אויסטיילען זיינע חברים מיט אַ גרויסען צינענעם לעפעל, אַזוי טיעף ווי אַ באָד-שעפּעל. יעטוועדער אַרעסטאַנט איז צוגעלאָפען, לויט דער רייה, מיט זיין בלעכענעם קענדעל; באַקומען אַ פולע כלי בראַי און אַ שטיק ניט-אויסגעבאַקענעם שוואַרצברויט — אַ צוגאָב, אויסגעדרעהט זיך מעשה סאָלדאַט און אַוועקגעטראָגען זיין פּאָרציע צו זיין אָרט אויף דער פּינסטערער נאַרע. עטליכע האָבען צוליעב באַקוועמליכקייט גענומען דעם שטיק ברויט צווישען די צייהן און דאָס קענדעל הייסע באָרשץ צווישען ביידע לעדערדיגע לאַפּעס. דאָס האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט זייער עהנליכקייט מיט אויסגעמושטירטע חיות, ביי וועלכע די ווילדקייט רופט זיך אָפּ דאַמאָלסט, ווען עס האַלט ביים פרעסען. די לעפעל, מייסטענס הילצערנע, האָט מען געצויגען פון די כאָליעוועס, פון אונטער די צוקאָפּענס. צוליעב גרויס ריינליכקייט אַרומגעלעקט זיי מיט דער צונג. גלייך נאָך דעם איבערגעצלמט זיך און אַ נעצ-געטאָן זיך „שאָרבען" עטליכע אַרעסטאַנטען, וואָס האָבען קיין אייגענע קענדלעך ניט געהאַט, זיינען געשטאַנען גרייט מיט די לעפעל אין די הענט, ביז מען וועט איינטיילען דעם באָרשץ די עלטערע איינגעפונדעווע אַרעסטאַנטען, וואָס האָבען זיך שוין באַזאָרגט מיט אָסטראָג-באַלעבאַטישקייט, כדי דערנאָך צוצוכאַפּען זיך צו די שיריים און עסען בקאָמפּאַניע, אַלע פון איין „באַק".

פּאַנדרע איז געשטאַנען אַ הונגעריגער און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. קיין אייגענע שיסעל האָט ער נאָך ניט געהאַט און קויפען זיך „קאַשט" אויפן אייגענעם חשבון האָט ער ניט געקענט. קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה איז איהם מעהר ניט געבליבען. פאַרן משפט אין אַרעסט-הויז, ווען עס זיינען

איהם אויסגעגאַנגען די פּאָר גילדען פלעגט ער עסען פון קעסעל. אַ ברירה האָט ער געהאַט? זאָל דוכטען, אַז ער איז אַ סאָלדאַט... דאָס עסען איז אָבער דאָרטען געווען אַ טך בעסער. נאָר דאָ, אין אָסטראָג, דערזעהענדיג אַזאַ „פּאָילע“ איז איהם אָנגעגאַנגען אַ חלשות. און מיט אָט דעם־אָ וועט ער זיך דאָס מוזען שפּייזען אַ יאָהר נאָכאַנאַנד...

צווישען די איידעלערע אַרעסטאַנטען, כמעט אַלע אידען, וואָס האָבען געוואַרט אויף אַן עסען פונדערהיים איז, פאַרשטעהט זיך, געווען אויך שעפּטעלע־גנב. ער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. געזעסען אויף דער „נאַרע“ און געוויגט מיט איין שצאָגעלסקען שטעק־שוך אויפן פיסעל, ווי אַ זיידענער באַלעבעסעל, וואָס ווייסט, אַז זיין יונגע פלוניתטע וועט איהם שוין באַזאָרגען מיט אַל־דאָס־גוטס... דערזעהענדיג פאַנדרען אין אין פאַרלעגענהייט, האָט ער צו איהם פריינטליך אַ פייף־געטאָן:

— פיו, נח! מ׳עט מיר באַלד ברענגען, וועסטו אויך עסען!... וועסט שוין זעהען, — האָט ער צוגעגעבען און פאַרקוועטשט איין גנבישע אויג, — מיינע יאַטען — וועסט זעהען...

אַרום דעם טיעף־אויסגעשעפּטען „באַק“ האָבען זיך אַרומגעזעצט די איינגערע אַרעסטאַנטען, אָהן כלים, און גענומען „שאָרבען“ לעפעל־איין לעפעל־אויס, אַז אַ רויך איז געגאַנגען. דערביי האָט איינער געהיט דעם צווייטען, דער איינער זאָל חס־ושלום ניט אַריינכאַפּען אַן איבעריגען זופּ. אַזוי האָט דאָס געקלאַפּט און געפּאָהרען, מיט אַ געוויסען טאַקט פון אַ מזמור. דער אייביגער טאַקט פון רויהען קאָמוניזם ביי געפאַנגענע און בעטלער...

די עלטערע אַרעסטאַנטען, וואָס האָבען שוין געהאַט אָפּגעגעסען אַ רעכטע העלפט פון זייער מוטנע געמישעכץ אין די קענדלעך, האָבען זיך אַביסעל אויסגעטשוכעט פון זייער ווילדען אַפּעטיט, אומגעקוקט זיך אויף די אידישע מפונקים, וועלכע זיינען געבליבען זיצען אויף די ערטער. און, צווישען איין חיהשען פאַסמאַקעווען זיך און צווייטען, גענומען אָפּלעכען, טשעפּען זיך:

— אויך מיר פּריצים;

— זשידאָווא—אַ!

— עסען כּלומרשט ווי די פייגעלעך, די זשוליקעס!

— און... ווי די גוטע מוזשיקעס, לויפען אַ גאַנצע נאַכט.

— האָבען אָבער קיין חשק ניט צוריסצוטראָגען די „פּצראָשע".*)

— קויפען זיך אָפּ ביי אַ „נאַש-בראַט".

— סוקיני-דיעטי!

— זשידאָווסקי וועלמאָזשי טוזאָווי!**)

— ס'געפעלט זיי ניט דעם קי-רס „כּצרטש"!

— געגזולעך געבראָטענע דערלאַנג זיי!

— אין מאָרדע דאַרף מען זיי געבען!

— די הינטישע אויערען אָפּרייסען!

— אָט, טשורילאָ וועט באַלד קומען.

— ער, כּאָ-כּאָ, וועט זיי שוין לערנען ווי צו פּיעסטשען זיך...

— אָט געהט ער, אָ!

און ווי זיי לאַכען אַזוי אָפּ, ערשט די שווערע דעמבענע טהיר גיט זיך אַ שליס-אויף מיט דעם גאַנצען האַמערדיגען גע-ברום פון איהרע אייזענס. און דער סטאָראָזש קומט אַריין מיט אַ קאָרב פול פּעקעלעך איינגעוויקעלט אין אַלט-פּאַפּיער. און נאָך איהם אַ גרויסער דריי-גאָרענדיגער גוי, אַן עוג-מלך-הבשן, מיט אַ פליכעוואַטען קאָפּ און מיט אַ פּאָר רויט-פּאַרלאָפענע אויגען, אָהן ווייעס. און זייערע שוואַרצאַפּלען... ניין, דאָס זיינען גאָר קיין שוואַרצאַפּלען ניט געווען. אין זיי איז געשטאַנען יעַבער ווייסער בליאַסק וואָס גיט אַרויס סאַמאָראָדנע זשוליקעס און שפּיאָנען; אַ געמיש פון דורכדרינגענדער כיטרעקייט און חוצפה. מיט שווערע קלאָציגע פּיס האָט ער צרייגעשפּרייזט,

---

*) די גרויסע נאַכט-כּלי אין אַסטראָג.

**) ס'הייסט: יחסנים מיט שאַנד-צייכענס, וועלכע זיינען אָנגעגעהט ביי אַלגוויר-אַרעסטאַנטען אויף די כאַלאַטען און זעהען אויס ווי אַ טוזי-פּיק...

און ביי יעדן טריט אַרויסגערופן אַ דערשטיקטן קלונג פֿון די פֿאַרדעקטע קייטן אונטערן ברודיגען געוועב פֿון די אַרעסטאַנטסקע מוראַדיגע פֿלודערן. זיין אַנגעשוואָלענע מאָרדע פֿון אַ שיכּור איז געווען אַרומגעזוימט מיט אַ שטעכיגער, שוין לאַנג ניט-געגאָלטער רויטער בערדעל מיט סיחע פֿלעקן. דאָס האָט זיין רויהען פּנים געמאַכט נאָך כגושמדיגער ווי ער איז.

— אָט דאָס איז ער! — האָט שעפּטעלע-גנבֿ אַ שטורך-געטאָן פֿאַנדרען, און גלייך פֿאַרטאַיעט זיך, ווי אַ מייזעל דער-זעהענדיג אַ קאַץ.

לויט דעם, וואָס שעפּטעלע האָט איהם פֿריהער געווען דערצעהלט פֿונם אַרעסטאַנט טשורילאָ, האָט איהם זיך פֿאַנדרע פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ מין מענש-מאַלפּע, איינגאַנצען האָריג מיט זעכציג צייהן אין פֿליישיגען פּיסק, דאָפּעלט אַזוי פֿיעל ווי ביי אַ מענשען. דער נאָמען „טשורילאָ" האָט זיך עפּעס אָפּגעגעבען מיט וואַלד און מיט אכזריותדיגער אומגעלומפּערטקייט. איז פֿאַנדרע אויף איהם געווען שטאַרק נייגעריג. דער אַרעסטאַנט האָט אָבער פֿאָרט אויסגעזעהן אַ סך מענשליכער. דער אָפּגעברענטער פֿליך מיט גרויסע זומערשפּרינקלעך האָט נאָך דעם איינדרוק פֿון דער דאָזיגער „מענשליכקייט" פֿאַרשאַרפֿט. אָבער גלייכצייטיג האָט פֿאַנדרע, מיט זיין געניטער געוואוינהייט אָפּצומעסטען אַלע שטאַרקע יונגאַטשעס, גלייך דערקענט, וואָס פֿאַר אַ כּח פֿון אַ בופֿלאָקס עס דרימעלט אין טשורילאָס, מכלומרשט פֿוילע, טריט, וואָס פֿאַר אַ שווערע זיכערקייט — אין יעדער באַוועגונג. ער איז אַזוי זיכער, דער גרויסער גוי, און אַזוי אָפּגעלאָזען, אַז ער קען אַמאָל כאַפּען קלעפּ פֿון אַ שוואַכערען... מען קען ניט וויסען.

פֿאַנדרע האָט איהם מיטן קוק דורכגעטאַפּט די ברייטע אַרעסטאַנטסקע בגדים, און מיט אַ שפּלקייט אָבגעשטעלט זיך אויף די גרויסע, גלאַטע, אַביסעל געדראָלענע הענט. איז מיט די דאָזיגע רויטע פֿינגער האָט ער דאָס פֿאַרבראָכען דעם „ציי-שיליסטעל" די דאַרע הענטלעך אויף הינטען, כּדי צו בינדען איהם פֿאַר דער תּליה, ווי מען בינדט אַ קאַלב?... און דערביי

האָט ער נאָך געשמייכעלט, דער כאַמרוליע, מיט זײנע װײסלי־כע אויגען אָהן װיעס, און, כלומרשט טרייסטענדיג, זיס געדעדט צום געבונדענעם בחורל:

— גיע פלאַ־אַטש, מאַי מילי!*)

.2

אַלע אַרעסטאַנטען מיט די בלעכערנע שיסעלעך געקעכץ האָבען, דערזעהענדיג טשורילאָן, גענומען סאָפּען מיט די נעזער, שושקען זיך.

— װי די שמשים, להבדיל, דערזעהענדיג דעם גבאי... האָט זיך פאַנדרע געטראַכט.

און די אינגערע אַרעסטאַנטען, װאָס זײנען געזעסען אַרום די שיריים פון „באַק", האָבען זיך אומגעקוקט, װי די קעץ, אײדער זײ הױבען אָן צו זליאָקען מילך פון שיסעל. און גאָר פלוצלונג האָט דער עלטסטער פון זײ אַ קלונג־געטאָן מיטן לעפעל אינם הילכיגען בלעך פון „באַק" און הויך אַ שושקע־געטאָן:

— לאָװי, רעביאַטאַ!**)

האָבען זײנע חברים־אַרעסטאַנטען גלײך פאַררוקט די הילצערנע לעפעל אין די כאַליאַװעס און גענומען כאַפּען מיט ברודיגע פינגער די שטיקלעך צעקאָכטע חזיר־פלײש אויפן דנאָ פון דער בלעכערנער פאַמויניצע. געכאַפּט און געשלונגען און אומגעקוקט זיך. אַ פּנים מורא געהאַט, טשורילאָ זאָל ניט פאַרלאַנגען אַ „לײבען־חלק".

דער גלית האָט אָבער אפילו ניט געקוקט אין זײער זײט. שפּאַטיש און שטעכיג האָט ער נאָר דורכגענומען מיט די װײסע אויגען יענע מכובקדיגע אַרעסטאַנטען, װאָס האָבען געװאַרט

---

*) װײן־זשע ניט, מײן טײערער!

**) כאַפּט, קינדער!

אויף זייערע פּעקעלעך פונדערהיים. ווי אַ גנבישע בלענד־לאָמ־טערנע האָט ער איבערגעפיהרט זיין קוק פון איין אידישען אַרעסטאַנט צום צווייטען. און ווער עס איז אַזוי אָנגעקוקט גע־וואָרען, דער האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט. בלויז איין פּאַנדרע איז רוהיג זיצען געבליבען און בּאַגעגענט טשורילאָס קוק מיט קאַלט־גרויע אויגען פון אונטער די שוואַרץ־געדיכטע וויעס. אין שאָטען פון דער „נאַרע" האָבען די דאָזיגע פּאָר אונבּאַקאַנטע אויגען געמוזט בליאַסקען גאַנץ בּאַזונדער. וואָרים טשירילאָס שפּאָט־שמייכעלע איז גלייך אויסגעלאָשען געוואָרען. ער האָט אַ ציה־געטאָן מיט דער ברייטער פּאָנישער נאָז, ווי אַ רויב־חיה וואָס דערשמעקט אַ צווייטע חיה אין שאָטען און ווייסט נאָך גיט, צי דאָס איז אַ חיה צו פאַרבייסען, אָדער צו ביי־סען זיך מיט איהר.

דער אַריינגעקומענער סטאָראָזש מיטן קאָרב האָט דערווייל געטיילט די פּעקלעך צווישען די איידעלערע אַרעסטאַנטען, וועמען די משפּחות אין שטאָדט האָבען עפּעס צוגעשיקט, אָדער וועלכע האָבען זיך געקויפט עסען פאַר אייגען געלט.

שעפּטעלע דער מפונק האָט אויפגעפּאַקט זיין פּאַפּירען־פּעקעלע. ס'איז דאָרטען געלעגען פאַרוויקעלט אַ גוט־דורכגע־בראָטענע הוהן מיט אַ האַלבען העל־קאָרענעם ברויט, פריש און מיט קימעל בּאַשאָטען; אַ פּאָר ציבעלקעלעך, אַביסעלע זאַלץ אין אַ פּאַפּירעל.

פּאַנדרע האָט געמיינט, אַז אָט די מפונקדיגע אַרעסטאַנ־טען וועלען זיך גלייך צוכאַפּען צו די געבראַכטע עסענס. ער האָט אָבער מיט פאַרוואונדערונג דערזעהן, אַז קיינער פון זיי ריהרט זיין עסען ניט אָן. אַלע האַלטען אָפּען און גרייט די פּעקעלעך און קוקען בּאַשיידען און אַביסעל דערשראָקען אָן אַ זייט; וואַרטען ווי הונגעריגע יונגלעך אויף קידוש פון אַן עלטערען.

אַז דער סטאָראָזש האָט אָפּגעגעבען דעם לעצטען פּעקעלע, האָט ער ווידער אויפגעשלאָסען די דעמבענע טהיר מיט די געקעסטעלטע אייזענס, אַרויס און אָפּגעשלאָסען הינטער זיך.

ערשט דאָן האָט טשורילאָ, מעשה פריץ, פאַרלעגטביידע געדראָ־לענע הענט אויף זיין גרויען כאַלאַט ביי דער פליישיגער און שטאַרקער ברוסט, און אַזוי האָט ער גענומען שפּרייזן, מיט פּאַוואָליע־טריטעלעך פון אַ קאָטער, צווישן די אַרעסטאַנטען מיט די פּעקעלעך עסענוואַרג. די קייטען אונטער זיינע ברייטע פּלודערען האָבען איהם מאוימדיג און איינגעהאַלטען צוגעקלונ־גען. נאָך איהם, מיט אַ גרויסער בלעכערנער שיסעל אין ביידע הענט, איז נאָכגעגאַנגען אַ קורנאָסער גויעצעל — אַן אַרעסטאַנט, און מיט חניפהדיגער נאָכגיביקייט אַריינגעקוקט טשורילאָן אין די אויגען אַריין. ווי אַ לייב און הינטעל, וואָס געהען אַרויס אויף ראַזבאָי, האָבען זיי ביידע אויסגעזעהן.

מיט פאַרלעגטע הענט האָט טשורילאָ אַ בריק־געטאָן איין אַרעסטאַנט אין קניע און אָנגעוויזען מיטן ברייטען נעזעל פון זיין צעקרימטער אַרעסטאַנטסקער „שקראַבע".*) אויף דעם אָקאָרשט־באַקומע-עם פּעקעלע האָט ער דאָז אַזוי אָנגעוויזען:

— וואָס האָסטו דאָרטען, פאַרשיווע מאָרדע?

דער קורנאָסער גויעצעל, הינטער איהם, האָט דאָס גלייך איבערגעלעגט אויף זיין מיאוסען קולכעל און מיט אַ בריק פון פּיסעל, ווי אַ פּאַיאַץ וואָס מאַכט נאָך אַן אַטלעט:

— באַווייז, פאַרשיוועץ!

די געשטורכעטע „פאַרשיווע מאָרדע" האָט גלייך אויפן אָרט און אונטערטעניג אויפגעצעפּענט איהר פּעקעלע; און טשו־רילאָ האָט זיך גנאָדיג געלאָזט אָפּברעכען אַ העלפט פון דער דאַרער קישקע, וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען, אַ שטיק פון קעז, פון דער גרינער אוגערקע... דער שמש זיינער, דער גוי־עצעל, האָט דאָס בלינק אויפגענומען אין דער בלעכערנער כלי און צוגעוואָרפען דאָס רעשט, ווען ס'געהערט, אַזוי ווי מען וואַרפט־צו אַ הונט. אין דערזעלבער צייט האָט שוין טשורילאָ גאַנץ ברייטלעך בודק־חכ'ץ געווען ביי אַ צווייטען אַרעסטאַנט, שטאָלץ, מיט פאַרריסענע נעזער, ווי די גאָר גרויסע אַקציזניקעס,

*) גראַבער, לעדערנער פאַנטאָפעל.

אזוי האָבען זיי זיךביידע גערוקט — דער רויבער מיט זיין באַהעלפער. געשטורכעט, אין דער מאַמען געזידעלט און ברייטליך געבישטערט. און קיינער האָט ניט געסמעיעט צו־צוריהרען זיך צום צוגעשיקטען עסענוואַרג, איידער אָט די שעהנע רעוויזיע איז פאַרביי־געגאַנגען. אָפּגעגעבען אַ חלק — זענען די באַגזלטע עפּצס גלייך געוואָרען פרעהליכער און גענומען רייבען אין די פּיסקעס אַריין, לאַכענדיג און טשמאָקענדיג, ווי די שאַקאַלען נאָך אַ לייב, פונקט ווי ס'איז זיי אָקאָרשט גאָרניט געשעהן און קיינער האָט זיי ניט באַליידיגט...

צו שעפּטעלע־גנב איז נאָך די רייה ניט דערגאַנגען. ער איז געזעסען איבער זיין פּעקעלע און געוואַרט. שוין אַפּנים געוואוינט געווען צו אַזאַ גזלוואָניע. נאָר פאַנדרע אַליין האָט מיט אויפגעריסענע אויגען צו־געזעהן די גאַנצע סצענע; און ביסלעכווייז, אונבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט איהם אַ צאָרן אַרומגענומען. די נאָז־פליגלען האָבען זיך ביי איהם אָנגעבלאָזען. די אָדערען פון האַלז — אָנגעגאָסען זיך מיט בלוט. דער גאַנצער פאַרשטיקטער כעס זיינער, אין משך פון אַ האַלב יאָהר צייט, געגען אַלע זיינע גויעשקע פייניגער: סטראַזשניקעס אויף דער גאַס און סמאָטריטעלעס אין צרעכט, פאַלשע עדות ביים פּראָקוראָר און קאַלטבלוטיגע שופטים אין „סוד" — האָט אין איהם אַצינד אויפגעברויזט. מילא, יענע מאַכען דעם טויט און זאָגען כאָטש, אַז ס'איז „פּאָזאַקאָנו", קוקען אין די ביכער און טהוען אָן צרות. אָבער וואָס קאָמאַנדעוועט דאָ נאָך אָט דער פּאָניע־חזיר? אָט דער בלאָטיגער תליון? אָט דער געמיינסטער אַרעסטאַנט צווישען אַרעסטאַנטען?

— פאַרוואָס עסטו ניט? — האָט פאַנדרע שטיל, אָבער שטרענג, אַ פרעג־געטאָן ביי שעפּטעלע־גנב.

— דו זעהסט דאָך! — האָט שעפּטעלע נאָך שטילער געענטפערט און אַ סאָפּע־געטאָן מיט דער נאָז.

— עס, זאָג איך דיר! — גיט אויף איהם פאַנדרע אַ מרוקע — האָב קיין מורא ניט!

— די קישקעס וועט ער אַרויסלאָזען, — סאָפּעט שעפּ־

טעיע און די אויגלעך לויפען ביי איהם אַרום ווי ביי אַ מייזעל — ער וועט צַלץ צונעמען און בלוטיגען... געה דערנאָך קלאָג זיך! ער איז דאָך אַ ווייערער... יאָ, הויב זיך מיט איהם אָן! א-צ-אַ גוי צעקוועטשט פּאָדקאָוועס ווי בויגעל, ברעכט האָלאָבליעס איבערן קניע...

טשורילאָ מיט זיין קורנאָסען באַהעלפער זיינען שוין געשטאַנען גאָר נאָהענט. דערהערט, אַז שעכטעלע רעדט עפּעס צופיעל מיט זיין נייעם חבר, האָט ער אויף איהם פונדערוויי-טענס אַ וואָרף-געטאָן מיטן אָקסענעם קאָפּ און, סטראַשענדיג, אויסגעזונגען דורך די צייהן:

— ראַזגאַ—וואַ—אַריוואַי! *)

אויסגעלערנט, אַפנים, אַזאַ ניגון און אַזאַ וואָרט ביי נאַטשאַלסטוואָ. ווי נאַטשאַלסטוואָ אויף איהם, אַזוי ער — אויף זיינע שוואַכערע אָסטראָג-חברים.

— כי-כי, — האָט איהם דער קורנאָסער באַהעלפער אונ-טערגעחנפעט. — געזעהן? צר מסרט. ער זשאָלעוועט זיין „כאַרטש"...

— עס, זאָג איך דיר! — האָט שוין פאַנדרע אַ ברום-געטאָן אויף שעפּטעלען, — עסען זאָלסטו! דו הערסט?

— נאַ — האָט איהם שעפּטעלע-גנב אַ רוק-געטאָן זיין פּעקעלע — עס דו! זיי אַ בריה אַז דו ווילסט!

ניט אומקוקענדיג זיך אויף קיינעם, האָט פאַנדרע גאַנץ רוהיג צוגענומען די געבראָטענע הוהן פאַרביידע פּאָלקעס און, מיט איין לייכטער באַוועגונג, צעריסען זי אויף צוויי גלייכע טיילען, פון צוגעברוינטען הינטען ביזקעל העלזעל.

אין דערזעלבער רגע האָט טשורילאָ אַ שפרונג-געטאָן, ווי אַ ח״יה, און אַ טראַסק-געגעבען מיט זיין שווערער לאַפּע איבער פאַנדרעס אָרעם אַזוי, אַז איין העלפט הוהן האָט צוועק-געטאַנצט איבערן קויטיגען דיל, צוועקגעקייקעלט זיך ביז דער „פּאַראַשע" אין ווינקעל:

— שטאָ-אָ-אָ-אָ?

---

*) רעד נאָר צביסעל!

די חייסע גזלנישע אויגען פון דעם „גליתּ" זיינען דערביי שיער ניט ארויסגעקראָכען. אַ שוימעל האָט זיך באַוויזען אין די ווינקלען פון זיין פליישיגען מויל. ער האָט אַזש געגומען זצאַיקען פון מוראדיגער אויפרעגונג:

— אַך, טי—טי, אין דיין מאַמ... מאַמען אַריין! טי־טי־טי!

פאַנדרע האָט זיך דערמאָנט, אַז פונקט אַזוי האָט זיך דער האַלב־שיכורער פריסטאַוו צעזאַיקעט, בשעת דער שׂרפה ביים נייעם־נגיד, ווען ער, פאַנדרע, האָט איהם אָפגעשטויסען זיין אויפגעהויבענע האַנט אין דער ווייסער הענטשקע... איז דאָך דאָס אָבער געווען אַ פריסטאַוו!... אָבער אָט דער חזיר דאָ! ער אויך?

— האַלט צו דיין חלק! — האָט פאַנדרע דערלאַנגט שעפּטעלען די צווייטע גאַנץ־געבליבענע העלפט פון הוהן. און מיט איין רוק צראָפּגעגליטשעט זיך פון די נאַרעס און געבליבען שטעהן אויףביידע שטאַרקע פיס אַקעגען טשורילאָן.

3.

אַלע אַרעסטאַנטען זיינען אויפגעשפרונגען פון די ערטער, קייענדיג געשמאַק און שלינגענדיג דעם לעצטען ביסען האָבען זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום ביידע געגנער. די שמחה פון אַן אומזיסטער פאָרשטעלונג, פון אַן אומגעריכטער אָפּרישונג האָט ביי זיי אַלעמען אויפגעלאַנצט אין די גלייכגילטיגע אויגען. אַלע גויים האָבען ווי איין מענש דערפיהלט, אַז דער נייער זשידאָווסקער אַרעסטאַנט איז ניט פון יענע, וואָס לאָזען זיך שפייען אין דער קאַשע. און די אידישע און שוואַכע, שטענדיג באַגזלטע אַרעסטאַנטען, האָבען אין האַרצען גאָט געבעטען עס זאָל עפּעס פאָרקומען אַזעלכעס, אַז מען זאָל פּטור ווערען פון טשורילאָס הערשאַפט, פון זיינע קולאַקעס, פון זיין מיאוזען מויל, פון זיין צרויסרייסען דעם ביסען פון האַלז. בלויז עטליכע פון די פאַרדאַרבענסטע גויים, וואָס האָבען אויף טשורילאָן געקוקט

ווי אויף זייער גליתן, ווי אויף אַ מין פאָרשטעהער פון זייער גויעשקער מאַכט און פון זייער אַרעסטאַנטסקער הפקרות, האָבען בייז געבורטשעט אויף דער חוצפה פון אַ „נאָוויטשאָק" אַ אידען, צו האָבען אַ העזה און פאַרטשעפען זיך מיט זייער עלטסטען... זיי האָבען געבורטשעט און אונטערגעוואָרעמט טשורילאָן:

— מאַך פון איהם אַ קרויט מיט ראָסעל!...

— ווייז איהם וואו די ראַקעס ווינטערען!

— די הייסע גיב איהם!

אינגאַנצען אַרום האָט דאָס אויסגעזעהן, ווי אַ קאַריקאַטור אויף אַ ביבעל־סצענע צווישען אידען און פלשתים, ווען די יהודים וואַרטען מיט ציטערניש און די פלשתים — מיט רויהע פרייד. און ביידענס חיילות קוקען אויס די אויגען מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיגען דודל'ס אַרויספאָדערונג צום גרויכען זעקס־איילענדיגען גלית, מיט די זעקס פינגער אויפן האַנט און מיטן קופערנעם הוט אויפן גרויסען קאָפּ...

טשורילאָ האָט זיך אָבער ניט געאיילט. ער האָט בלויז ווידער פ.ר. עגט ביידע לאַפּעס אויפן האַרצען און אָפּגעמאָסטען פאַנדרען פון אויבען אַראָפּ און פון אונטען אַרויף. פאַנדרעס וואוקס איז געווען ווייט ניט קיין קליינע. אָבער ער, דער גוי, איז פאָרט געווען מיט אַ קאָפּ העכער פאַר איהם. האָט זיך איהם לכתחילה אויסגעדוכט, אַז מיט אַזוי פיעל, ווייניגסטענס, איז ער שטאַרקער פאַר איהם... נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן פאַנדרעס פלייצעס, דריי־אַרשיניגע געזעצטע פלייצעס, און דער קיילעכדיגער קאָפּ זיצט פעסט אויף זיי, באַהעפט דורך אַ ברייטען האַלז מיט צוויי אָנגעבלאָזענע בלויליכע אָדערען פון ביידע זייטען, וואָס גיסען זיך צוזאַמען מיט דער געקאָוועטער קיילעכדיגקייט פון זיינע אַקסלען. און אָן אַ פּאָר אויגען האָט זיך טשורילאָ אָנגעשטויסען, וואָס קוקען איהם אָן גלייך און אָפען, מיט אַ גרויען פייער פון אונטער די שוואַרצע וויעס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין פריהער, ביים אַריינשפּרייזען אין אָסטראָג, איז איהם דער דאָזיגער אונבאַקאַנטער קוק ניט

געפעלען געוואָרען, און ס'איז איהם געוואָרען קאַלעמוטנע. אין זיין פערציג־יאָהריגען לעבען, פון אַ „קולאַק" אין דאָרף, פון אַ „בראָדיאַגע" אויף דער וואָלגאַ און אַ ראָזבאָיניק אין די פּאָליע־סער וועלדער, האָט ער שוין געהאַט גענוג פּראַקטיק, כדי צו דערפיהלען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, וואָס פאַר אַ גופעלע דאָ שטעקט באַהאַלטען, אַקעגען איהם, אין די גרויע פאַלדען פון די אַרעסטאַנטען־קליידער. אָה, אַזוי לייכט וועט ער דאָ דעם יונג די קישקעס ניט אַרויסלאָזען...

אָבער דער גאַנצער כבוד פון אַ „יאַ־טעבע־דאַם" און פון אַ הערשער איבערן גאַנצען אָסטראָג איז דאָ געשטאַנען אין קאָן. אַצינד איז שוין געווען צו שפּעט חרטה צו האָבען: געדאַרפט זיך פריהער אומקוקען, וואָס פאַר אַ נייער „פויגעל" עס זיצט דאָ אויף די נאַרעס... און, כדי אונטערצוגעבען זיך אַליין מוט און אָפּציהען אַביסעל דעם בייזען מאָמענט פון אָנגריף, האָט זיך טשורילאָ געפּרובט כראַברען, כלומרשט פון אויבען אַראָפּ אַ וואָרף־געטאָן מיטן קאָפּ צו פאַנדרען, חוצפּהדיג אַ פרעג־געטאָן ניט איהם, נאָר סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— זשיד?

— זשיד... נאָוויטשאָק! *) — האָבען עטליכע גוטמוטיגע אַרעסטאַנטען חניפהדיג פאַרענטפערט פאַנדרען. ס'הייסט. ער ווייסט נאָך ניט ווער דו, טשורילאָ, ביסט. אַז ניט וואָלט ער זיך ניט דערוועגט.

— זשידאָק, זשידאָק, קאַק־זשע! — איז טשורילאָס קור־נאָסער באַהעלפערל צוגעשפּרונגען מיט דער שיסעל אָנגערויבטע עסענוואַרג... ער האָט די בלעכערנע בלי געהאַלטען איןביידע הענט ווי אַ הינקענדיגער שמש — שלח־מנות. און זיין קווי־טשעדיגער „אויסזאָגען פון חדר" האָט געדאַרפט באַדייטען: „צי אַזוי צי אַזוי, קלעפּ מוז דער איד באַקומען"...

דאָס הינטישע אַריינמישען זיך פון זיין קורנאָסען נאָכ־לויפער איז דאָסמאָל דעם צערייצטען טשורילאָ ניט געפעלען

---

*) אַ איד, אַ נייליגנ[illegible]

בצוואָרען. האָט ער איהם, פאַר אַזאַ קזיטש, דערלאַנגט אַ כמאַל איבערן אָפּגעגאָלטען שאַרבען מיט דער בערישער לאַפּע און אַזוי פלינק און וואָגיג, אַז יענער האָט זיך איבערגעדרעהט אין דרייען, מיטן קאָפּ אָן דעם שטיינערנעם דיל אַנידערגעפאַלען; און די שיסעל מיט עסענוואַרג האָט זיך צעשאָטען אַרום איהם. דאָס האָט ביי טשורילאָן באַדייט, אַז אַצינד, אין אַזאַ ערנסטען מאָמענט, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַזעלכע הינטישע שטיק. און פאַר איינע הוצאות האָט ער שוין מיט דעם דאָזיגען כמאַל אַביסעל אָפּגעקיהלט דעם אייגענעם כעס און אַביסעל באַפרידיגט די הייסע נייגעריגקייט צו שלעגעריי ביי זיינע פאַרעהרער. אַזוי-אַרום — אָפּגעצויגען נאָך אַ ווייל־עצקע דעם געפעהרליכען אַרויסטריט אַקעגען זיין אונבאַקאַנטען געגנער.

פאַנדרע האָט אָבער קיין אויג פון איהם ניט אַראָפּגענומען, מיט אַ האָר פון ברעם ניט אַציטער געטאָן. די גאַנצע דעמאָנסטראַציע פון גבורה איבערן קורנאָסען גויעצעל איז איהם, ווייזט אויס, גאָר ווייניג אָנגעגאַנגען. ניט אויסהאַלטענדיג מעהר דעם גרויען קוק, האָט טשורילאָ, מיט געמאַכטען צאָרן, שטרענג אַ ברום-געטאָן:

— טשורילו זנאַיעש?

— כאַ-כאַ — כאַ-אַ! — זיינען זיך חניפהדיג-נאָכגיביג פאַרגאַנגען אַרום איהם עטליכע אַרעסטאַנטסקע העלזער.

פאַנדרע האָט געשוויגען. ער האָט אַצינד קלאָר דערפיהלט, אַז דער גרויסער ערל וואָלט שוין געווען אַ בעלן אַרויסצודרעהען זיך מיט כבוד פון געפעהרליכען שפּיעל. ער, פאַנדרע, דער זשיד און „נאָוויטשאָק”, דאַרף נאָר געבען אַ צייכען פון חרטה, נאָר איינמאָל שוואַך אַ שמייכעל טאָן וועט שוין טשורילאָ, דער אונבאַגרענעצטער הערשער און פאַטשער אין אָסטראָג, איינגעהן אויף אַ פשרה און וועט לאָזען די אַנטשיידונג אויף אַן אַנדערס מאָל...

נאָר אַצינד האָט זיך ביי פאַנדרען צעשפּיעלט דער האָנאָר.

---

*) טשורילאָן קענסטו?

עס האָט איהם ניט געפּאַסט אָפּצוטרעטען פאַר שעפּסעלען, וועלכער האָט געהאַלטען די גאַנץ־געבּליבענע האַלבּע הוזן אין האַנט און פאַרגעסען אויף איהר... ס'האָט איהם ניט געפּאַסט פאַר די איבּעריגע דערנידעריגטע און באַרויבּטע אַרעסטאַנטען, וואָס האָבּען פאַרזאָרגטע געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ רעטער פון הימעל. שעפּסעלעס מויל איז געוועזן האַלב־אָפען פון פאַרוואונדערונג, און די אויגען פון די אונטערדרויקטע האָבּען גע־גליהט פאַר אויפרעגונג. היינט ווי אַזוי זאָל ער, פאַנדרע, איב־מיטען־דערינען אָפּנאַרען זייער האָפנונג, לאָזען זיי אַליין?...

— דו שווייגסט? זשיד! — האָט זיך טשורילאָ ווייטער געכראַבּרעט, דערזעהענדיג אַז זיין געגנער טרעט ניט אָפּ און היט יעדע באַוועגונג זיינע מיט האַרטע און אָפענע אויגען.

— חזיר! — האָט פאַנדרע דאָס־מאָל קורץ און זאַכליך אָפּגעענטפערט.

שפּילעוודיג, ווי אַ גבּור וואָס איז כּלומרשט זיכער אין זיין נצחון, האָט טשורילאָ אַ הויב־געטאָן זיין לאַנגען און שווערען אָרעם און מיט ביטול, אָבּער אומגלויבּליך־פלינק, גע־לאָזען אַראָפּגליטשען צוויי שווערע רויטע פינגער איבּער פאַנ־דרעס פּנים. די פינגער האָבּען זיך אָפּגעשלאָגען אָן נאָז. און פון ביידע נאָזלעכער ביי פאַנדרען האָט גלייך אַ שפּאַר־געטאָן מיט בּלוט.

— וואָט קאָק! — כאַ־כאַ... — האָבּען זיך גענומען טרייס־לען די בּייכער ביי די אָסטראָזשניקעס.

פאַנדרע האָט זיך געריכט אויף אַן אָנגריף פון אַ חיה, אָבּער ניט אויף אַזאַ שפּילעוודיגען, שקאָצקעוואַטען שלאָג אין נאָז מצד אַזאַ גרויסען גוי. האָט ער זיך דערפאַר אין דעם ערשטען מאָמענט צבּיסעל צעטומעלט. עפּעס ווי פאַרחלומט האָט ער זיך אַ וויש־געטאָן די נאָז, וואָס האָט איהם הייס גענומען קיצלען... שוין באַלד אָנדערהאַלבּען יאָהר נאָך דער חתונה — און פונדעסטוועגען האָט איהם מיט אַמאָל אָפּגעקלונגען דער אַמאָליגער מערעס פּאַטש, בשעת ער האָט זי צום ערשטען מאָל אָנגעכאַפּט... אַ מאָדנע אונפאַרשטענדליכע זיסקייט פון יענעם

חעהטאָג האָט זיך איהם אַצינד צעגאָסען אין די ביינער, דערפאַר האָט ער זיך פאַרלאָרען. און ס'איז קיין חידוש ניט. שוין באַלד זעקס חדשים, אַז ער זיצט פאַרשפאַרט און בענקט נאָך מערען, נאָך אַלע איהרע זאַפטיגע אברים... אָבער אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך שוין אויסגעטשוכעט. בלוט האָט ער דערזעהן, נאָכן וויש, אויף דער דלאָניע. בלוט... און ניט מערען. אַנשטאָט איהר איז אַקעגען איהם, אין רויטליכען נעפּעל, געשטאַנען עפּעס אַ גרויסער פליכעוואַטער גוי, און אַרום איהם האָט געדונערט אַ גויעשקער בראַוואָ-געלעכטער:

— וואָט-קאַק! האָ-האָ-האָ...

.4

דערזעהענדיג פאַנדרעס פאַרלעגענהייט און אונטערגעוואַרימט פון אונטערטעניגסטען געלעכטער — האָט טשורילאָ פאַרגעסען זיין פריהערדיגע פאַרזיכט, זיין אויסגערעכענטקייט פון יעדער באַוועגונג, און אַביסעל אָפּגעלאָזען ווידער אויפגעהויבען זיין שווערען אָרעם צו געבען דעם אמתן קלאַפּ... אין דער זעלבער רגע האָט זיך דער גאַנצער געזעצטער גוף פון פאַנדרען אַ צאַפּעל-געטאָן. ווי אַן איבערגעבויגענע, איבערגעצויגענע שטאָלענע ספּרונזשינע, איז ער בליץ-שנעל אויפגעשפּרונגען, מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין גוף און האַרטקייט פון זיין פויסט, און אַ מוראדיגער ביין-ברעכענדיגער זעץ איז געפלויגען דעם גוי אין מאָרדע אַריין, פון אונטען-אַרויף...

טשורילאָס אָקסענער און לאַכענדיגער מויל האָט זיך גלייך צוגעהאַקט, ווי אַ שופלאָד, מיט אַ קנאַק און מיט אַ קלונג פון דערשיטערטע ציינער. פאַר זיינע ווייסליכע אויגען האָבען זיך צעגנומען שיטען גרויע קעסטעלעך און פונקען הויבען זיך צעשפּריצט; רויטע, געלע און גרינע פונקטן... כּאַ.דרעס פּאַ־ס זאַליצטער און נעבלוטיגטער פרצוף, אַקעגען איהם, האָט זיך עפּעס צעטיילט אין עטליכע טיילען... טשורילאָ האָט אַ בריל-געטאָן

פאַר ווערטאָג און חרפה און געוואָלט זיך אָנכאַפּן פאַר איין שווימענדיגען טייל פון זיין געגנער, איינקלעמען זיך מיט אַלע צעהן פינגער און נעגעל... איז אָבער גאָר אַ צווייטער טייל פון פאַנדרען אויסגעוואַקסען אין אַ נייער מוראדיגער קראַפט און אַרויסגעוואָרפען פון זיך אַ נייעם קיילעכדיגען זעץ, ווי אַן אַלט-מאָדישער האַרמאַט וואַרפט פון זיך אַרויס אַ שטיינערנעם קנויל. דאָס-מאָל איז דער קלאַפּ געפלויגען אַביסעל פון דער זייט, געטראָפען אין לינקען שלייף אַריין...

טשורילאָ האָט זיך אַ גליטש-געטאָן מיט איין פוס, באַלד אָבער דערכאַפּט זיך מיט דעם צווייטען פוס און געבליבען שטעהן אין אַ מילכיג-רויטען תהו-ובהו. צו דער פאַרוואונדערונג פון אַלע אַרעסטאַנטען און פון פאַנדרען אַליין איז ער פונדעסטוועגען שטעהן געבליבען. נאָר דער שווערער קאָפּ האָט זיך איהם געשאָקעלט, פון רעכטס נאָך לינקס, ווי ביי אַ ניט-דערקוילעטען באַיק. ער האָט שוין גאָרניט געזעהן, נאָר טאַפּענדיג געשטרעקט די לאַנגע שווערע לאַפּעס מיט פאַרקראַמפּטע נעגעל, אומגעלומפערט געפאָכעט מיט זיי, און שאַרף, ביז אין חזירשען ביין געפיהלט, אַז די קאַריערע פון אַ „קאַט“*) איז געענדיגט, אַז פון זיין גאַנצער ממשלה אין אָסטראָג איז קיין שטיק מעהר געבליבען און דער דאַך פאַלט איהם איבערן קאָפּ...

— נאָזשאַ! (אַ מעסער) — האָט ער פאַרצווייפעלט און סתם אין דער וועלט-אַריין אַ בריל-געטאָן. דער בריל אַליין איז געווען פייכט, פאַרכלינעט פון בלוט, וואָס האָט זיך איהם געגאָסען פון אַלע שפּאַרונקעס. ניט פאַנדרע, ניט קיינער פון די פאַרגאַפטע אַרעסטאַנטען האָבען פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. צי טשורילאָ שרייט בלינדערהייט, מען זאָל איהם געבען אַ מעסער, צי ער סטראַשעט זיין געגנער, אַז ער וועט באַלד ציהען אַ מעסער. און ניט וואַרטענדיג, ביז דער צעמזיקטער גוי וועט זיך דערקלייבען צו זיינע פליודערען, האָט זיך פאַנדרע אויף איהם צום דריטען מאָל אַ וואָרף געטאָן. דאָס מאָל מיט

*) אַ צונעמעניש פון אַ „קולאַק“ ביי די אָסטראָזשניקעס.

אַביסעל רחמנות. ער האָט איהם מעהר קיין בלוט ניט געוואָלט לאָזען. אַצינד האָט ער נאָר געוואָלט איהם אומוואַרפען. קודם-כל זאָל ער זיך אַקאָרשט אויסציהען אויפן דיל; דערנאָך וועט מען זעהן... האָט פאַנדרע דערפאַר נאָר איין איעג-געטאָן מיטביידע מאַסיווע פלייצעס אויף צוריק, און מיט די אויסגעשטרעקטע פויסטען, ווי מיט צוויי טוקאַטשעס, אַ שטויס געגעבען דעם ערל אין הארצען. און... איז באַגאַנגען אַ ניט-פאַראויסגעזעהענעם פעהלער.

מחמת רחמנות האָט ער צו קלאָציג אַ שטויס געטאָן. ער האָט ניט אויסגערעכענט, אַז דער געשלאָגענער, פאַרבלענדעטער גלית שטעהט שוין אַזוי שוואַך אויף זיינע אַרעסטאַנטסקע שקראַבעס. האָט ער, דערפאַר, זיך אַליין פריהער ניט באַוואָרענט מיט בויגזאַמקייט אין די עלענבויגענס און מיט שטאַנדהאַפטיגקייט אין די קניע. פונם האַרטען און גראַדען טערעבענץ, וואָס איז מעהר געווען אויסגערעכענט אויף וואָג ווי אויף וועה-צוּ-טאָן, איז דער גלית אַנידערגעפאַלען מיט דער גאַנצער לענג פון זיבען-פודיגען גוף; און מיט איהם צוזאַמען און איבער איהם — פאַנדרע מיט זיין אייגענעם כבוד...

— ווי אַמאָל איבער דער וואָלפיכע... — איז פאַנדרען דורכגעלאָפען אַ פריהענדיגער געדאַנק — עפּעס אַלץ חוזרט זיך איבער...

אָבער ניט אַלץ האָט זיך דאָס מאָל איבערגעחזרט. אויפצושפּרינגען, ווי אַמאָל איבער דער וואָלפיכע אין פינסטערען וואַלד, האָט פאַנדרע ניט באַוויזען, ניט געקענט מעהר. וואָרים... אויפגעוועקט פונם פּלוצלינגען אַנידערפאַל, האָט טשורילאָ באַקומען זיין ווילדע פלינקייט און, דערפיהלענדיג דאָס לעבעדיגע געוויכט פונם אויסגעצויגענעם שונא ביי זיך אויפן בויך און ברוסט, האָט ער איהם גלייך אַרומגעכאַפּט מיט ביידע לאַפּעס; אָרעמס און רוקען איהם פאַרקוועטשט ווי אַ ווערג-שלאַנג, און די שווערע קניע פאַרוואָרפען איבער פאַנדרעס פיס...

די אייזערנע ריפען ביי פאַנדרען האָבען אַזש אַ קרעכץ געטאָן, און מיט אַ קאַלטען שרעק האָט ער דערפיהלט, אַז ער

קען מעהר מיט הענט און פיס קיין ריהר ניט געבען, ווי יענער בחורל, דער „ציצילעסטעל", וועלכען טשורילאָ האָט פאַרבראָכען די הענט פאַר דער תליה, די פיס געפענטעט... איהם האָט זיך געדוכט, אַז באַלד, פאַרן דערשטיקען איהם, וועט אויך איהם טשורילאָס פאַרבלוט־גטער מויל תּליניש־זיס אויסזינגען:

— ניע־ע פלאַ־אַטש, מאָי מילי־י!

נאָר אָנשטאָט דעם, האָט פאַנדרע גאָר נאָהענט דערהערט אַ בלוט־דורשטיגען כאָרכלען, און אַ צעמזיקטער, גרויסער מויל האָט זיך אויפגעריסען אונטער זיינע אויגען, און צעבלוטיגטע גרויסע ציינער האָבען, בלינדערהייט, געזוכט אָפּצובייסען איהם די נאָז, אַרויסצורייסען איהם דעם גאָרגעל פון האַלז... אָט, אָט... נאָך איין רגעלע!... איבער זיין צוגעבויגטען האַלז־און־נאַקען האָט זיך שוין געטראָגען דאָס צופרידענע כאָכאָטשען פון די גויעשקע אָסטראָזשניקעס:

— וואָס־וואָט־וואָט! האָ־האָ־האָ־אָ...

איין שעפּטעלע האָט, ערגיץ־וואו איבער איהם, ווי אַ דערשראָקען קינד, אַ קוויטש געטאָן:

— אָי־אָי, מאַמע־ע!

מיט אַן איבערמענשליכער אָנשטרענגונג פון ווילען האָט פאַנדרע איינגעשטילט די פלוצליכע שווינדלעניש וואָס איז איהם באַפאַלען. מיט אַ צוריקגעקעהרטער קאַלטבלוטיגקייט פון אַ גע־ניטען פאָזשאַרניק און פויסט־שלעגער, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ טויט־סכנה. אין אַ קלעם פון אַ מיאוסען סוף, — האָט ער זיך גענומען ראַטעווען, אויסרעכענענדיג די מינדסטע באַ־וועגונג זיינע, שפּילענדיג אין גליק אויף דער וואוטיגער פאַר־בלענדעניש פון זיין געגנער.

מיטן גאַנצען כח און געצוואונגענער האַסטיגקייט פון אַ גבור, וואָס זעצט אַלץ איין אין קאָן, אַלץ אויף איין מאָל, האָט פאַנדרע אַ ציה־געטאָן לופט, איינגעפּרעסט זיין אָנגעאָטעמטע ברוסט, ווי אַ קיילעכדיגען פאַנצער, אין טשורילאָס קייכענדיגע אָפּגעפלאַכטע לונגען, און אַ וואָרף־געטאָן קאָפּ און האַלז אַרויפצו אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקענט. דורך אַזאַ דאָפּעלטען מאָ־

געווער, האָט ער שטאַרק פאַרגרעסערט דעם שטח צווישן גליתעס רייס־ציינער און צווישן זיין אייגענעם פנים און האַלז. אין דער דאָזיגער משונהדיגער אָנשטרענגעניש האָט ער זיך געהאַלטען נאָר איין רגע, נאָכקוקענדיג מיט אויסגעגלאָצטע אויגען טשורילאָס צאַפּלענען... און גאָר פלוצלינג האָט זיך פאַנדרע אָנגעציעלט, אַ וויעג־געטאָן דאָס גאַנצע געוויכט פון האַרטען קאָפּ, ווי אַ קורצע גומענע נאַהייקע מיט אַ פודיגען קניפּעל, געגעבען אַ לאָז אַראָפּ די אויסגעגאָלטע שטיינערנע גאָמבע מיט דער בלוי־רויטער גריבעלע אינמיטען, און אָנגעטראָפען דעם ערל פונקט אין ביינערד גען וואָרצעל פון דער ברייטער, פאָנישער נאָז...

אַמאָל, אין די אינגעלשע יאָהרען אין חדר, פלעגט פאַנדרע ווייזען אַ קונץ די דערשטוינטע חברימלעך זיינע. ער פלעגט צעקנאַקען אַ וואַלד־ניסעל מיט דער גריבעלע פון גאָמבע. מען האָט נאָר געדאַרפט דעם ניסעל אַוועקלעגען אויפן ב״עג טיש און צוזאָגען, אַז נאָכן צעקנאַקען געהערט די יאָדרע איהם, פאַנדרען. אַמאָל, אין די קינדער־יאָהרען, האָט ער זיך גאָר גישקשהדיג איינגעאַרבייט אין דער דאָזיגער כשרער פרנסה... אַצינד, אין דער מאָוימדיגער געפאַהר צו בלייבען אָהן אַ נאָז אָדער אָהן אַ גאָרגעל, האָט זיך איהם דער דאָזיגער קונץ דער־מאָנט, ווי אַ ליכטיגער שטראַהל אַ שיין געטאָן, און איז איהם שטאַרק צו ניץ געקומען. מיט דער או סגעוואַקסענער מאַנסביל־שגעשטאַרקטער גאָמבע און פאַרהאַרטעוועטער גריבעלע האָט ער צעקנאַקט דעם ערלס נאָז־וואָרצעל, ווי אַ גרויסען וואַלד־נוס. דערביי האָט פאַנדרע זיך אַליין געשפּאָלטען דאָס פלייש ביז אין ביין. עס האָט זיך אָבער געלוינט! טשורילאָס אייזערנער קלעם, פון קניע און לאַפּעס, האָט זיך גלייך אָפּגעלאָזען. די סכנה איז אַריבער. פאַנדרע האָט אַרויסגעכאַפּט ביידע אָרעמס און אַ נעם־געטאָן דעם ערל פאַר ביידע אויערען. צוליעב זיכער־קייט האָט ער געוואָלט אַ זעץ־טאָן דעם אָקסענעם שאַרבען אָן דער שטיינערנער פּאָדלאָגע... ער האָט אָבער דערפיהלט, אַז דער גלית־קאָפּ גיט נאָך. האָט ער איהם פאָרזיכטיג צוריק אַראָפּגע־לאָזען.

טשורילאָ — דער שרעק פון אָסטראָג, דער טיראַן פון אַלע אַרעסטאַנטען, ווי גרויס און שווער ער איז געווען, איז געלעגען אַ געהלשטער.

פאַנדרע איז אויפגעשפרונגען. פון זיין צעשונדענער גאָמבע האָט געטריפט מיט בלוט. מיט דעם גויס בלוט, צי מיט אייגענע?... אפשר מיטביידענס צוזאַמען.

ער האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן און אַרומגעקוקט זיך. די אָסטראָזשניקעס האָבען זיך מיט גרויס דרך-ארץ אָפּגערוקט אונטער דעם גרויען פייער פון זיינע אויגען.

נאָר איין שעפּטעלע גנב האָט אַרומגעטאַנצט ווי אַ וויע-וויאָרקע מיט אַן אָפּגעביסענעם עק:

— אוי, נח! אַ מגפה אין דיר! נעם, עס די האַלבע הוהן! פאַפּראָווע זיך!

שווער-אָטעמענדיג האָט איהם פאַנדרע אָפּגעשטויסען פון זיך. אַצינד האָט ער פאַרלעגט ביידע הענט, אַזוי ווי דאָס האָט פריהער געטאָן דער אַלמעכטיגער טשורילאָ, נאָכאַמאָל כמורנע אָנגעקוקט די אַרעסטאַנטען אַרום זיך, און אַרויסגעזייהט דורך די שטאַרקע צייהן נאָר איין-איינציגע האַלב-שפּאָטישע, האַלב-צאָרנדיגע הברה:

— נו — ???

דאָס איז געווען אַ וואָרנונג און אַן אַרויספאָדערונג צוזאַמען. דאָס האָט געהייסען, אַז פון היינט אָן פאַרנעמט ער, פאַנדרע, גליתעס אָרט. ס'האָט געהייסען, אַז פּונקט אַזוי וועט ער זיך אין אָסטראָג באַגעהן מיט יעדען מיאוסען גוי, אויב מען וועט דאָקוטשען איהם, אָדער די איבעריגע אידען-אַרעסטאַנטען.

אין דער דעמבענער טהיר האָט זיך דערהערט אַ קלאַ-פּעריי מיט אַ שליסעריי. דאָס זיינען די סטאָראָזשעס אָנגעלאָ-פען אויף די לעצטע קולות פונם גרויסען געשלעג.

ווי נחן אַזוי שמחהלען

.1

אַ טאָג נאָך פאַנדרעס פסק-דין, איז אין מאָהליווער אָקרוזשנאָי-סוד פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון שמחהלע טורצרו, וועלכען מ'האָט באַשולדיגט אין אונטערצינדען די שטאָל פונם נייעם-נגיד.

אַזוי ווי איין פּראָצעס האָט זיך געקייטעלט מיטן צווייטען, און אַזוי ווי אַ טייל אַרויסגערופענע שקלאָווער עדות האָבען געהאַט צו זאָגען אויף ביידע פּראָצעסען, האָבען, דער ציוויל-מאָהנער מצד דער געליטענער „אָבצעסטוואָ”, און דער אַדוואָקאַט מצד דעם באַשולדיגטען, ביידע געפועלט, אַז שמחהלעס דיעלאָ זאָל זיך אָנהויבען גלייך נאָך פאַנדרעס. אויף אַזאַ אופן וועט מען פאַרשפּאָרען מיה און צייט און הוצאות אויף ביידע זייטען.

מעז מוז צוגעבען, אַז די דאָזיגע השתדלות איז אָנגעקומען אַ סך לייכטער, ווי דאָס סטאַרען זיך פריהער, פאַר פאַנדרען, אַז זיין משפט זאָל פאָרקומען אין אַ קרייז-געריכט מיט פּריסיאַזשניע... דער מאָהליווער אַדוואָקאַט האָט, למשל, געזאָגט, אַז פאַר כלומרשט שלאָגען אַ פּריסטאַוו מיט סטראַזשניקעס, בשעת יענע פיהרען אויס זייערע פּאָליצייאישע פליכטען, ווי מען האָט פאַנדרען באַשולדיגט, קומט אייגענטליך געמשפט צו ווערען אַדמיניסטראַטיוו, אונטער די אויגען, און עס קומט פאַרשיקט צו ווערען אויף אַרעסטאַנטסקע ראָטעס. נאָר ער, אַזוי האָט דער

מאָהליווער אַדוואָקאַט געזאָגט, וועט צו אַזאַ זאַך ניט דערלאָזען. האָט ער צוגענומען וואו אַ קאָפּיקע ביי פאַנדרעס שווער און שוויגער און האָט איין זאַך געטאָן: ער האָט ניט דערלאָזען... אָט וואָס אַ מאָהליווער אַדוואָקאַט קען, אַז ער נעמט זיך פאַר אַ דיעלאָ!

און שקלאָווער שתדלנים, וועלכע האָבען איהם געדונגען ראַטעווען אַ אידען, האָבען קיין טענות ניט געהאַט. אדרבא, זיי האָבען אין ליובאַוויטשער בית-מדרש באַוואונדערט זיין געשליפען צינגעל, זיין מיניסטערשען קאָפּ. ער האָט דאָך דאָ פשוט באַוויזען נסים ונפלאות, דער מאָהליווער אַדוואָקאַט! נעמען נעמט ער טאַקע די גוטע געלט, האָבען זיי מסכים געווען, ער איז אָבער ווערט!

און אַז סענדעריכע און מערע זיינען צוגעפאַלען צו די דאָזיגע אידען מיט אַ גרויס געוויין: ס'טייטש! מ'האָט דאָך איהם פאָרט פאַרמשפט! ער איז דאָך געבליבען „זיצען"... היינט פאַרוואָס האָט אייער שעהנער אַדוואָקאַט צוגענומען אַזוי פיעל געלט? די לעצטע העמד האָט ער דאָך אויסגעטאָן פון אונזער לייב. שטוב האָט געגעבען. שטאָדט האָט געגעבען. די קליאַטשע צוליעב איהם פאַרקויפט און סענדער אַליין — —

האָבען באַבערדעלטע אידען גערעדט צו די צוויי נאַרישע ווייבער מיט חכמה:

— הויב זיך אָן מיט אידענעס!... וואָס-זשעווילט איהר נאָך? אָנשטאָט פאַרשיקען אייער פאַנדרען אַמני... אַנדי... אַדמי-ניס-טראַ-טיוו, אויף ווער ווייסט וויפיעל יאָהרען אַרעסטאַנטסקע ראָטעס און גאָט ווייסט וואוהין — האָט דער אַדוואָקאַט געמאַכט אַזוי, אַז דערפון איז געוואָרען בלויז אָנדערטהאַלבען יאָהר אָסטראָג, דאָ ניט ווייט — אין מאָהליוו... איהר שפּיעלט זיך מיט אַ בלבול? ניין, אַז ר' כענדער, עליו-השלום, וואָלט דאָס דערלעבט, וואָלט ער קיין טענות ניט געהאַט...

געזוכט אפילו יונגע-לייטלעך אַפּיקורסים, וואָס האָבען אונטער די אויגען געזאָגט, אַז דאָס האָט דער מאָהליווער אַדוואָקאַט לכתחילה אָנגעשראָקען אַזוי די שקלאָווער פאַרזאָרגער

כּדי דערנאָך אַרויסצושטעלען אַ פּאַרשפּיעלטע דיעלאָ, ווי אַ געוואונענע. זיי האָבען אפילו געגעבען אַ משל מיט יענעם גוטען-אידען, צו וועלכען אַן אָרימאַן איז געקומען קלאָגען זיך, אַז ער ווערט דערשטיקט מיט זיין הויזגעזינד אין דער ענגער דירה. האָט איהם דער רבּי אָנגעזאָגט, ער זאָל, למען-השם, אַריינגעמען צו זיך אין דירה דעם ברודערס אַלמנה מיט איהרע קינדערלעך, דערנאָך — די ציעג, דערנאָך — די קאַטשקעס מיט די היהנער... איז דאָך דער אָרימער איד געקומען צו-לויפען מיט אַ נייעם געוואַלד: ס'טייטש, רבּי, ס'איז דאָך אַ סך ענגער געוואָרען! האָט איהם דער גוטער-איד געהייסען גלייך אַרויסטרייבען די אַלמנה מיט די קינדער, די ציעג, להבדיל, מיט די קאַטשקעס און היהנער... איז דעם אָרימאַן געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען. די לעצטע פּאָר גראָשען האָט ער דעם גוטען-אידען געבראַכט אַ פּדיון: לאַנג לעבען זאָלט איהר, רבּי! איהר האָט דאָך מיך פּשוט מחיה געווען...

נאָר ווער הערט זיי, אַזעלכע יונגע-לייטלעך, און ווער פרעגט ביי זיי? איהר זאָלט געווען דינגען שלאָגבערגען פון „פּיטערבאַרג‟, וואָלט איהר זיי אויך ניט צופרידענגעשטעלט.

אָפּגעראַטעוועט פאַנדרען פון אַזאַ האַרבע שטראָף, אַצינד — אַזוי האָט דער מאָהליוער אַדוואָקאַט געזאָגט — טהוט ער אָן זיין אַדוואָקאַטען-„דעליע‟ און געהט ראַטעווען פאַנדרעס „פּריאַטעל‟. ס'הייסט: שמחהלע טורערו. אָט וועט מען זעהען! קומען קומט איהם „פּאָ-זאַקאָנו‟, דעם שמחהלען, מ'זאָל איהם פאַרשיקען, סיביר... נאָר ער, אַזוי האָט דער מאָהליווער אַדוואָקאַט פאַרזיכערט, וועט צו אַזאַ זאַך ניט דערלאָזען...

.2

אַן אָנגעלאָף פון גויעצלעך איז געווען אויף שמחהלעס משפּט. שמחהלע טורערו האָט זיך דאָך שטענדיג אַרומגעשלאָגען מיט שטאָדטישע און מיט דאָרפישע גויים, אויפן מאַרק און

אויסערן מאַרק, ווער רעדט, ווען ער איז נאָך געווען ניט-ניכ-טער, האָט ער דאָך אַן ערל ניט דורכגעלאָזט ניט צו פאַרטשפּ-פען איהם:

— די בעסטע פליייש פרעסטו דאָך אונז אויף, דו חזיר איינער! פאַר גראָשענס — די ווייכע זאָדיקעס... אידען לאָזטו איבער געסמאַליעטע פיסנאָגעס און מענוסע-שמאַלץ. און צו ווע-מען האָט מען טענות? צו שמחהלען... טו נאַ-זשע דיר, חזיר, אין מאָרדע אַריין...

האָט מען איהם אַצינד, אין אַזאַ יום-הדין, דערמאָנט אַלע זיינע מעשים-טובים, געשטופּט זיך עדות-זאָגען: ווער שמחהלע איז, ווען ער איז און וואָס פאַר אַ סחורקע דאָס איז. יעדען פון די גויים האָט זיך פאַרגלוסט אַ שטויס-טאָן מיט דער לאַפּטיע. אַזאַ חשק נעמט אָפּטמאָל אָן באַשיידענע קליאַטשעס צו בריקען אַ געבונדענעם, בייזען הונט... אָבער ניט אַלע גויעצ-לעך האָבען קלאָר געוואוסט, וואָס פאַר אַ שייכות זייער עדות-זאָגען האָט מיטן באַשולדיגטען און מיט דער שרפה ביים נייעם-נגיד.

מ'האָט, למשל, אַרויסגערופען איינעם פון די גויעשקע עדות, אַן ערל מיט פינסטערע ברעמען און מיט צוגעוואַקסענע אויערן-לעפּעלעך, און מ'האָט איהם באַשוואָרען: זאָג נאַר, אַזוינער און אַזוינער! האָסטו געזעהן אין יענער נאַכט דעם קצב שמחהלע, וועלכען מען רופט טורערו, אַ שקלאָווער כּעשצאַנין, ווי ער האָט אונטערגעצונדען די שטאַל פון מעשצאַנין חיים?

— אַ קאַק-ושע! — צלמט זיך דאָס גויעצעל.

—דערצעהל פּאָדראָבנע!

— טאַק וואָט! — הויבט אָן דאָס גויעצעל דערצעהלען און גיט זיך געוויסענהאַפטיג אַ וויש די ברייטע נאָז מיט דער פויערשער אויסגעהאָרעוועטער לאַפּע. „ספּליו-העטאָ" — איך שלאָף מיר אַזוי אויף די „פּאָלאַטיעס"*) ביי מיר אין „איזבאַ". שלאָף איך מיר אַזוי און אַלע מיינע הויזלייט שלאָפען מיט מיר

*) ברייטע פּאָליצעס אין די פויערשע הייזקעס אָבשטאָט בעטען.

אויף די פּאָלאַטיעס. איך שלאָף און זיי שלאָפען, און פּלוצלינג, אַכטי, ביעסי נעטשיסטיע! ווי גאָט איז מיר היילינג: דרר, דרר, דררר...

דאָ בלייבט דאָס גויעצעל שטעהן, כדי צו מאַכען אַ גרעַ־סע־ען איינדרוק. ווי דאָס טהוען אַלע פויערים, ווען זיי ווילען עמיצען איבערצייגען. ער בלייבט שטעהן און דער פּאָרזיצענדער אין אָקרושנאָי סוד מוז איהם אונטערוואַרימען, ער זאָל ווייטער רעדען.

— ווי גאָט איז מיר היילינג, — גיט דאָס גויעצעל אַ טרייסעל מיט דער קוטשמע האָר, — הער איך פּלוצלינג: דרר, דרר... און נאָכאַמאָל: דרר, דרר...

— און וואָס איז דאָס געווען אַזעלכעס?

— טאַק־שטאָ, אייער בלאַהאָראָדיע, שטעה איך מיר אויף פון די „פּאָלאַטיעס", קריך אַריבער איבער דער „זשאָנקע", דערנאָך איבער דער באַבקע, דערנאָך איבערן דיעדקאָ, דערנאָך איבער דער דאָטשקע, דערנאָך איבער... איבערן זוהנ... דערנאָך?... ניין, פריהער איבערן זוהנדעל דערנאָך איבער דער דאָטשקע, און אפשר... גיב מיר גאָט זכרון! די דאָטשקע איז גאָר געשלאָפען צווישען דער באַבקע און זשאָנקע... אָט אַזוי איז עס טאַקע געוועזען. קריך איך אַראָפּ פון די פּאָלאַטיעס און געה אַרויס אין „סעני", אין פירהויז הייסט דאָס, און דערזעה גאָר... טפו, וואָס איך דערזעה!

— וואָס דערזעהסטו, קרעסטיאַנין מיקיטאַ?

— קיצקאַ! (אַ קעצעל) — ענטפערט דער גוי מיט האַרץ. — זי הייסט דאָס גראַבעלט אין טהיר, די פּאַסקודע! מ'האָט זי פאַרגעסען אַריינעמען אין שטוב פאַרן שלאָפען געהן.

— איז וואָס, קרעסטיאַנין מיקיטאַ, האָט דאָס צו טאָן מיט דער דיעלאָ פון מעשצאַנין שמחהלע, וועלכער ווערט אָנגערופען טורערו?

— אָט דערצעהל איך דאָך, וואַשע בלאַהאָראָדיע. איך דערצעהל אַלץ פּאָדראָבנע. געה איך צוריק פון פירהויז אין שטוב אַריין, הויב זיך אויף אויף די פּאָלאַטיעס. קריך אַריבער:

אַפּריהער איבערן זוהנדעל, דערנאָך... שטעה! דערנאָך איבער דיעדקאָ, דערנאָך איבער דער „דאָטשקאַ"... ניין. אַפּריהער איבער דער באַבקע, דערנאָך איבער דער דאָטשקע, דערנאָך... אָט־אָט — איבער דער זשאָנקע! און לעג זיך צוריק אַנידער. און ווי איך ליג אַזוי, ערשט איך דערהער... אַך, טי האָספּאָדי!

דאָ בלייבט דער גוי ווייטער שטעהן און קראַצט זיך געהיימניספול אין דער קאָלטונעוואַטער פּאַטילניצע.

— איז וואָס דערהערסטו, קרעסט־אַנין מיקיטאַ?

— דערהער איך, אַ פערד פּאָבריקעוועט. אַלץ נעהנטער און נעהנטער; ווי גאָט איז מיר ליעב, אַלץ נעהנטער און נעהנטער. טאָם־טאָם־טאַך מיט די פּאָדקאָוועס. וואָס פּאַר אַן „אָקאַזיע"? קלער איך מיר און קריך ווייטער אַריבער איבער דער זשאָנקע, דערנאָך... דערנאָך איבער דער באַב... ניין, אַפּריהער איבער דער דאָטשקע, דערנאָך ערשט איבער דער באַבקע...

— מאַך דאָס בקיצור, קרעסטיאַנין מיקיטאַ!

— „פּריקאַזאַנאָ" — איך זאָל דערצעהלען פּאָדראָבנע, דערצעהל איך פּאָדראָבנע. טאַק־שטאָ, אייער בלאַהאָראָדיע. אַצינד הייסט מען — קירצער, איז קירצער! קריך איך אַריבער איבערן ווייב, איבער די אַלטצ לייט און איבערן גאַנצען „פּריפּלאָד", איך ריגעל אויף די טהיר פון פירהויז און כאַפּ אַ קוק. ערשט... יענער דער זעלבער רייט אויף אַ פערד איבער דער גאַס! אַנטלויפט. ווי גאָט איז מיר הייליג, יענער דערזעלבער...

— ווער איז דאָס „יענער דערזעלבער"?

— אַ סטאַלאָ־ביט, — מאַכט דער גוי טיעפזיניג און קוקט זיך אום אויף שמחהלען, — דער אונטערצינדער. ניט אַנדערש, דער אונטערצינדער אַליין...

— פונוואַנען ווייסטו, אַז ס'איז געווען דער אונטערצינדער און ניט גלאַט אַזוי אַ רייטער אויף אַ פערד?

— „אַ ווידאָמאַ" — מען ווייסט שוין פאַרוואָס. ווי באַלד ער איז פאַרבייגעלאָפען יענער דער זעלבער — האָט מען גענומען קלינגען אין גלאָק...

.3

אַזעלכע מיני עדות זיינען ניט געווען קיין אויסנאַהם. די „אָבצעסטוואָ”, וואָס האָט קיין חשק ניט געהאַט צו צאָהלען סטראַכאָווקע און דער גייער פריסטאַוו, וועלכער האָט זיך אָנגעזעצט אויף שטאָדט, האָבען זיך אָביסעל צופיעל פאַסטאַרעט און צוזאַמענגעשלעפּט כשרע פּראַוואָסלאַוונע עדות פון רעכטס און פון לינקס. אידישע עדות געפעלט, וואו נאָר ס׳האָט זיך געלאָזען.

אָבער מיט עטליכע פון די פויערשע עדות־זאָגער האָט אין אָקרוזשנאָי סוד געטראָפען דאָס, וואָס עס טרעפט מיט דרעסירטע פערד, ווען מען האַלט זיי אויף צו לאַנג אין צירק אויף דער אַרענע און מען צווינגט זיי צופיעל צו טאַנצען און צו בוקען זיך פאַרן עולם...

מ׳האָט זיך מיט זיי אָפּגעמוטשעט א גוטען האַלבען טאָג און קיין שום טאָלק האָט מען נאָך אַלץ ניט געזעהן. ס׳איז אין געריכט געוואָרען אַזוי פרעהליך, אַז אפילו שמחהלע טורערוו אַליין, וועלכער איז געזעסען אַן איינגעהויקערטער, א געפּאַלטענער, אָהן א טרונק בראַנפען אַזוי פיעל טעג אין אַרעסט, — אפילו ער האָט אויך גענומען לאַכען, באַווייזען דעם פּראָקוראָר אַליין די האַלב־אויסגעהאַקטע צייהן, וואָס זיינען איהם איבערגעבליבען נאָך אַלע גרויסע און קליינע שלעגערייען — ניכטערערהייט און שיכורערהייט – אין זיין פערציג־יאָהריגען קצבישען לעבען. האָט דער אָנגעברוגזטער פּראָקוראָר דערזעהן, אַז די פריסיאַזשנע און דער באַשולדיגטער אַליין לאָזען זיך וואוילגעהן ווי אין א טעאַטער, האָט ער באַלד צרויסגערופען די שטאָדטישע גויים, וואָס זיינען געגאַנגען האַלבע נאַכט, גראָד דאַן, ווען שמחהלע, ווי זיי זאָגען, האָט אונטערגעצונדען. און דאָ האָט גלייך גענומען עפּושן מיט שלעכטע שוועבעלעך און מיט סמאָליענעם פון שטרוי...

די צוויי שטאָדטישע גויים האָבען קלאָר עדות געזאָגט, אַז זיי האָבען אַליין, מיט די אייגענע אויגען, געזעהן ווי שמחהלע, וועלכער ווערט אָנגערופען „טורערו", האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן דעם נייעם-נגידס שטאַל און געריבען שוועבעלעך... אַנטלאָפען איז ער, ווי נאָר ער האָט זיי דערזעהן; און ווי נאָר זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַביסעל איז ער צוריק אַרויס פון באַהעלטער. און אין אַ מינוט אַרום האָט שוין די שטאַל געפלאַקערט...

כדי אָפּצושוואַכען דעם רושם האָט זיך דער מאָהליווער אַדוואָקאַט אַריינגעמישט:

— און פונוואַנען נעמט זיך דאָס ביי די עדות אַזאַ זיכערקייט, אַז ס'איז געווען ער, דער באַשולדיגטער?... ס'איז דאָך, זאָגען זיי אַליין, געווען שפּעט ביינאַכט... און זאָלען אַקאָרשט די עדות זאָגען: די לבנה האָט געשיינט?

— ניין, קיין לבנה איז ניט געווען. נאָר דער שנייַ האָט געבלענג געלויכטען. און צווייטענס: האָט דאַמאָלסט דער באַשולדיגטער זיך אַליין באַלויכטען מיט די שוועבעלעך, וואָס ער האָט געריבען. נאָר ווי ער האָט דערהערט טריט האָט ער אויסגעלאָשען... ער האָט צו-שפּעט דערהערט אַז מען געהט. ווייל דער שנייַ האָט ווייך געמאַכט די טריט. און דריטענס: ווער קען דאָס ניט די באַראַשקענע היטעל, וועלכע שמחהלע טראָגט סיי זומער, סיי ווינטער איבער די אויערען. דער באַשולדיגטער האָט איין אָפּגעריסענעם אויער, בשעת אַ געשלעג אַפּנים... שעמט ער זיך. אָט זאָל מען נאָר אָנקוקען...

— איהר דערקענט איהם דאָ, אויפֿן באַנק פון באַשולדיגטע?

— יאָ. מיר דערקענען איהם.

— און זיין היטעל וועט איהר דערקענען?

— יאָ. געוויס וועלען מיר דערקענען.

און שמחהלעס באַראַשקענע היטעל, מיטן שפּיץ און מיט די פאַרשמאָלצעוועטע ברעגעס, איז מיט גרויס כבוד אַרויסגעפאָהרען אויפֿן טונקעל-רויטען געוואַנט, אויף דעם טיש פון גע-

רעכטיגקייט, און מיט גרויס פּאַטשאָט געגומען געהן דורך די פּויערשע פינגער פון די עדות, דערנאָך דורך די איידעלע הענט פון די פּריסיאַזשנע. די לעצטע האָבן זי באַטראַכט — מען קען ניט זאָגן אַז מיט גרויס פּאַרגעניגען... ווייל אַ פּנים האָבן זיי בשעת-מעשה געמאַכט, פּונקט ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן אַלס אַ „קאָזוס יורי״ *) אַ געפּגרטע קאַץ, אָדער אַן עהנליכען געשמאַקען חפץ.

דערנאָך האָבן צוויי סטראַזשניקעס מיט דערזועלבער וואַטאָוועד „טיאַרע״ פייערליך געקרוינט שמחהלען אַליין; אָנגע-כלאַבוטשעט איהם איבערן גאַנצען שטערן און איבערן אָפּגעריי-סענעם אויער. און, כדי צו שאַפען דאָזועלבע בילד, ווי ביים אונטערצינדען, געבעטען שמחהלען מוחל זיין און שטעלען זיך אָנגעשפּאַרט אַן דער פּאַרענטשע, אונטער דעם הויכען זיץ פון די „סודיאַס״, ווי לעבען אַ בערוועגע-וואַנט, מיט אַ פּושקעלע שוועבעלעך אין האַנט... און געהייסען אָנרייבען.

— אַט אַזוי האָט ער דאַמאָלסט אויסגעזעהן?

— פּונקט אַזוי! — האָבן די עדות באַשטעטיגט, ביידע ווי איין מענש.

4.

אין דער מאָהליווער אַדוואָקאַט אויפגעשטאַנען און גע-רעדט צו די פּריסיאַזשנע מיט אַ זעהר קלוגען שמייכעלע, אַז מען קען זיך ניט פּאַרלאָזען אויף... פּויערים, וואָס האָבן געזעהן שפּעט ביינאַכט אַ באַראַשקענע היטעל. קנאַפּ היטלען אַזעלכע פּאַרהאַן אויף דער וועלט? איבער דער עהנליכקייט פון אַ היטעל קען מען אַ מענשען ניט באַשולדיגען...

האָבן די שטאָדטישע גויים געשוואָרען, אַז ביי דעם

---

*) זאַכליכער באַווייז.

שיין פון אַ שוועבעלע האָבען זיי געזעהן שמחהלען און ניט קיין אַנדערען.

האָט מען שמחהלען אַליין געפרעגט, וואָס, אַ שטייגער, האָט ער צו זאָגען אויף דעם.

האָט שמחהלע טורערו דערזעהן, אַז מיט לייקענען איז גאַנצען וועט ער דאָ קאַליע מאַכען, איז ער אַריבערגעטרעטען איבער דעם אַדוואָקאַטס חכמה, ווי איבער אַ בלאָטקע, און געטענהט אויף זיין פויערשען מאַרק-רוסיש אַזוי: וואָס זאָל ער זאָגען... ער איז דאַמאָלסט שפּעט אין דער נאַכט געגאַנגען פון שעכט-הויז. נאָך דער אַרבייט נעמט מען אַלעמאָל אַביסעל בראַנפען. דערפאַר קען זיין האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער בלינדער וואַנט פון שטאַל... יאָ, ער געדענקט. ער האָט פאַר-רויכערט זיין פּיפּקע, געמאַכט אַ דערכעלע איבער דער אָנגעצונדענער שוועבעלע... עס קען גריילך זיין, אַז צווישען די שפּאַלטען פון דער בערווענע וואַנט האָט אַרויסגעשטעקט אַ שטרוי און האָט זיך אָנגעכאַפּט... איז אפשר דער פייער אַזוי-אַרום אַריינגעצויגען געוואָרען אין שטאַל... אָבער ער אַליין ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען...

— „ניע ווינאָוואַט!" — אַזוי האָט שמחהלע פאַרענדיגט זיינע ווערטער. די אידישע קאָפּ האָט איהם ניט געדאַרט, דעם שמחהלע טורערו!

האָט זיך דער מאָהליוועער אַדוואָקאַט ווייטער אויפגעהויבען, אַ ביסעל פאַרשעהמט, וואָס זיין קליענט האָט זיך ניט געלאָזט געהן אויף דעם גליטשיגען וועג פון לייקענען שטיין און ביין, אויף וועלכען ער האָט איהם געוואָלט אַרויספיהרען. אויפגעשטאַנען, און מיט גרויס פרסום פאַרטייטשט שמחהלעס ווערטער: איז העכסטענס איז דאָ געשעהן אַן אומגליק און ניט קיין בייזער ווילען...

דאָ איז אָבער דער פּראָקוראָר אַרויס מיט לשון:

— פּאַזוואָלטיע!... אָבער די עדות זאָגען דאָך, אַז ס'האָט געברענט פון דאַך-ווינקעל, איבערן ווענטעל. ווען דער פייער, ווי דער באַשולדיגטער וויל אונז איינרעדען, איז אַריינגעצויגען

געוואָרען דורך אַ שטרוי אין אַ שפּאַלט, וואָלט דאָך געברענט פון מיטען שינדעל־דאַך. הייסט דאָס, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי...

איז דער אַדוואָקאַט געבליבען אָהן לשון. און שמחהלעס קעפּעל האָט דאָ ווייטער אַרויסגעהאָלפען:

— ווייסט מען דען ניט, אַז ווינטער ליגט שניי אויפען דאַך?... ווי אַזוי וועט אייך ברענען אַ דאַך אונטער אַ הורבע שניי? אַ פייער שפּאַרט זיך קודם־כל דאָרטען, וואו ס'איז אָפען. אַלע ווייסען, אַז די קראָקווע איבער אַ שטאַל איז געמאַכט אַביסעל אָפען, כּדי די שטרוי און היי פאַר דער בהמה זאָלען זיך בעסער טריקענען... האָט זיך דער ערשטער פייער אַרויסגעריסען דאָרטען, וואו ס'איז אָפען...

איז דער מאָהליוּוער אַדוואָקאַט אויפגעשטאַנען מיט אַ מינע, פונקט ווי ער אַליין האָט דאָס געמאַכט אַזאַ וואַוישנעם פּירוש, און געבעטען דאָס אַריינטראָגען אין פּראָטאָקאָל.

— יאָ, — מאַכט דער פּראָקוראָר — ס'איז זעהר שעהן און זעהר פיין. אַן אומגליק דורך אונפאָרזיכטיגקייט מיט פייער קען געשעהן. אָבער צוליעב וואָס... זאָל דער באַשולדיגטער גלייך זאָגען! צוליעב וואָס האָט ער זיך געדאַרפט באַהאַלטען, ווען ער האָט דערהערט די טריט פון די עדות? פאַררויכערן אַ פּיפּקע איז דאָך קיין שום עולה ניט...

אויף אַזאַ קונציג־פאַרבויגטע און שפּיציגע פראַגעלע האָט זיך שמחהלע אָנגעשטאָכען ווי אַ פיש אָן אַ שאַרפען העקעל אין וואַסער. ער האָט אַ צוק געטאָן און געבליבען אַ ווײַלע אָהן לשון.

— ניקאַק ניע זנאַיו!... — האָט ער דערנאָך שטיל און ועלנעריש־טעמפּ געענטפערט. נאָר אַלע האָבען באַמערקט, אַז ער איז שוין ניט מעהר אַזוי זיכער ווי פריהער.

דאָ איז דער מאָהליוּוער אַדוואָקאַט געקומען צו הילף, צעפּאָכעט זיך מיט די שוואַרצע אַרבעל פון זיין „דעליע":

— איהר האָט דאָך אַלע געהערט, אַז דער באַשולדיגער איז דאַמאָלסט געווען ניט גאַנץ ניכטער. ווי זאָל ער גע-

דענקען יעדע באַוועגונג און צוליעב וואָס ער האָט זי דאַן גע־מאַכט? אָבער איהר, — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו די עדות — זאָגט! בשעת דער באַשולדיגטער האָט זיך, לויט אייערע רייד, באַהאַלטען, צי האָט שוין ד אַ מ אָ ל ס ט די שטאָל געברענט, צי ניט? אויף ד ע ם זאָלט איהר געבען אַ קלאָרע תשובה...

— בשעת דער „רעזניק" טורערו האָט זיך באַהאַלטען, האָט נאָך די שטאָל ניט געברענט. שפּעטער...

— ווען שפּעטער? פּרימערנאָ? מיט אַ האַלבע שעה שפּע־טער? מיט אַ פערטעל שעה?

— מיט אַ פּאָר מינוטען שפּעטער. ווען מיר זיינען בלויז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק גאַס...

— נו, זעהט איהר, — האָט זיך דער מאָהליוור אַדוואָ־קאַט געווענדעט צו די געשוואָרענע, — בשעת די עדות האָ־בען, כלומרשט, געזעהן דעם באַשולדיגטען, האָט די שטאָל נאָך ניט געברענט. עס זיינען אַריבער עטליכע מינוטען!... פּאָר עטליכע מינוט קענען געשעהן אַ סך זאַכען און אַ סך אַנדערע פּאַרשוין מיט שוועבעלעך קענען זיך אַנשפּאַרען אָן שטאָל. איך זוך קיינעם ניט צו באַשולדיגען. איך פרעג נאָר, ווי אַזוי קען מען משפּטן אַ מענשען דערפאַר, וואָס מען האָט נ י ט ג ע ז ע ה ן. דערפאַר, וואָס מען איז נאָר משער?...

די געשוואָרענע האָבען זיך איבערגעקוקט. די שטימונג פאַר שמחהלען האָט זיך אַ ווײַלע געבעסערט.

.5

נאָר איין ווײַלע... די ווייטערדיגע עדות, וואָס מען האָט אַרויסגערופען, האָבען ווידער קאַליע געמאַכט. שמחהלען האָבען זיי אויסגעמאָלט אַלס אַ לאָטרע און ראַזבאָיניק, וואָס קיין מעשה איז איהם ניט צו קליין. אַלעמען שלאָגט ער און אַלע־מען סטראַשעט ער. אַ קאָפּ לאָזט ער ניט אויפהויבען!

אַ שווערער עדות איז געווען מיכאַלקע, דעם בײַעם-נגידס גויעשקער משרת. מיכאַלקע האָט דערצײלט די גאַנצע מעשה מיט דער „מורקע", דאָס הייסט: מיט דער קראַנקער בהמה, וואָס שמחהלע האָט געוואָלט אָפּהאַנדלען פאַר עטליכע רובעל. און אַז ס'האָט זיך איהם ניט אײַנגעגעבען, האָט ער פאַר כעס דערלאַנגט איהם, מיכאַלקען, אַ קלאַפּ אונטער דער לעפעלע. דרײַ טעג איז ער אָפּגעלעגען פון שמחהלעס קלאַפּ... און ריקליע, די אידישע דינסטמײדעל, האָט װײנענדיג געמוזט צוגעבען דאָס, וואָס ס'איז שוין אײנמאָל געווען פאַרשריבען אין פּראָטאָקאָל בײַם פּריסטאַוו, אַז אין דער נאַכט פון דער שׂרפה, שפּעט בײַנאַכט, אײדער איהר באַלעבאָס איז אָנגעפאָהרען מיט דער פוּיד פון אָרשע, האָט זי געזעהן שמחהלען אַרומדרעהען זיך אַרום שטוב. ווען איז דאָס געווען? אַ זײגער האַלב-צוועלף בײַנאַכט. זי האָט געוואַרט אויפן באַלעבאָס און ניט דערוואַרט זיך. איז זי אַרויס אויפן גאַניק אַ קוק טאָן, צי די פוּיד פאָהרט ניט און האָט גאָר דערזעהן... שמחהלען. זי האָט זיך דערשראָקען און אַרײַנגעלאָפען אין שטוב און דערצעהלט דער באַלעבאָסטע. די באַלעבאָסטע איז שוין געלעגען אין בעט.

— פאַרוואָס האָט זי זיך דערשראָקען? וואָס האָט זי זיך צו שרעקען פאַר אַ קצב, וועלכען זי קען?

— דערפאַר ווײַל ער... ווײַל טורערו האָט געסטראַשעט... שטענדיג האָט ער געסטראַשעט וואו נאָר ער האָט זי, ריקליען, געזעהן, האָט ער זיך געטשעפּעט צו איהר. זינט דער מעשה מיט דער „מורקע" איז ער געווען אין כעס אויף איהר באַלעבאָס...

— ווי אַזוי האָט ער געסטראַשעט? וואָס האָט ער געזאָגט?

— דעם ערשטען מאָל אין שטאַל: „אַ בהמה וועט איהר האָבען? כאַ-כאַ! אַ קדחת וועט איהר האָבען!..." אַזוי האָט ער געזאָגט.

— און מעהר גאָרנישט?

— דערנאָך, אין יאַטקע... ניט אײנמאָל: „דײַן באַלעבאָס,

ריקליע, איז דאָך פאַרסטראַכירט... אָבער קיין בהמה וועט איהר ניט האָבען...״

אויסער דאָס דאָזיגע עדות-זאָגען, האָט זיך דער נייער נגיד אַליין ניט אויף קאַטאָוועס דערשראָקען פאַר דעם חשד, וואָס דער האַלב-שיכורער פריסטאַוו האָט אויף איהם געוואָרפען בשעת דער שרפה, אַז ער אַליין, הייסט דאָס, האָט געמאַכט „בורא מאורי האש״, כדי אָפּצוגעמען סטראַכאָוועקע... דאָס האָט איהם געצוואונגען צו ריינוואַשען זיך אַליין און אויפריהרען די גאַנצע מעשה מיט דער „מורקע״, ניט קוקענדיג אויף אַלע עצות פון שכנים און קצבים, ניט צו טשעפּען זיך מיט שמחה-לען, וועלכער וועט זיך מיט איהם פריהער אָדער שפּעטער אָפּ-רעכענען, האָט ער זיך געשטעלט אַלס אַן עדות און, בלייכ-ווערענדיג און שטאַמלענדיג, באַשטעטיגט, אַז אַלץ וואָס מיכאַלקע האָט געזאָגט איז אמת און אַלץ וואָס דאָס דינסטמיידעל האָט דערצעהלט איז ווייטער אמת. אַי, פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט געשוויגען און ניט איבערגעגעבען דאָרטען וואו מען באַדאַרף? מ׳האָט איהם ניט געעצהט, מ׳האָט איהם געוואָרענט ניט אָנהויבען זיך... האָט ער געשוויגען, אַצינד געפינט ער זיך סיי-ווי-סיי צווישען צוויי פייערן. ס׳איז איהם אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט, ניט צו זאָגען עדות, וואָלט זיך די „אַבצעס-טווע״ געטשעפעט. אַצינד, אַז ער האָט יאָ דערצעהלט דעם אמת, איז ער מיטן לעבען ניט זיכער. ער קלערט שוין גאָר ניט פון סטראַכאָווקע. זאָל עס געהן צום וואַטענמאַכער די פאַר הונדערט רובעל פאַרזיכערונג! ער קלערט שוין אינגאַנצען אַריבערפאָהרען קיין מאָהליוו מיט דער פאַמיליע, פאַרקויפען די הויז אין שקלאָוו און אַריבערפאָהרען...

— פאַרוואָס עפּעס אַריבערפאָהרען?

— ווייל ער האָט מורא... אָפענע ווערטער. ער האָט מורא פאַר שמחהלע טורעצו. ער האָט זיך אויף איהם אָנגעזעצט, דער פיאַניצע! היינט האָט ער אונטערגעצונדען די שטאַל און מאָרגען, אַז ער וועט אַרויס אויף דער פריי, וועט ער אונטער-צינדען די שטוב... אָדער ער וועט נאָך אָפּטאָן אַ שענערע

מעשה. מענשען ווייסען! דאָס עדות-זאָגען דאָ אָקעגען איהם וועט איהם טורערו ניט פאַרשווייגען... נאָר, ער, דער נייער נגיד, האָט מעהר קיין אַנדער ברירה ניט...

דאָס האָט אינגאַנצען איבערגעדרעהט שמחהלעס דיעלאָ אויף דער שוואַרצער זייט. דאָס שמייכעלע פונם מאָהליווער אַד-וואָקאָט איז אויסגעלאָשען געוואָרען. דאָס קווינקלען זיך פון די געשוואוירענע האָט אינגאַנצען אויפגעהערט. זיי האָבען זיך מעהר ניט איבערגעקוקט, ניט געשושקעט זיך, נאָר געשוויגען; אָדער פאַרצייכענט עפּעס אויף פּאַפּירלעך. דעם פּראָקוראָרס געלבליכער פּנים איז אינגאַנצען רויט געוואָרען בשעת ער האָט „באַוויזען״ מיט אַ סך ראיות און מיט קונציג-אויסגעשניטענע שטיקלעך פון דעם עדות-זאָגען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ בייזען ווילען און מיט אַ נקמה; אַז די אָנגעצונדענע שוועבעלעך האָט דער באַשולדיגטער אַריבערגעוואָרפען אין שטרוי, דורך דער עפענונג אונטער דער קראָקווע, און נאָר דערפאַר האָט די שטאַל גע-ברענט פון ווינקעל אונטערן דאַך... עס קען גריילין זיין, אַז דער באַשולדיגטער, ווי זיין געעהרטער פאַרטיידיגער וויל האָ-בען, איז דאַמאָלסט געווען אַביסעל ניט גאַנץ ניכטער, נו, איז דערפאַר דאַרף מען איהם פאַרשווייגען? אַזאַ געפעהרליכער פאַרשוין דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעלערענט ווערען. ער טאָר ניט אַרויס פונם מאָהליווער „הויז פון גערעכטיגקייט״ אונ-באַשטראָפט...

אין זיין לעצטען וואָרט איז שוין שמחהלע אַליין געווען ניט זעהר האָפערדיג ביי זיך. לויטן נאָז פון זיין באַשיצער האָט ער שוין געזעהן, וואו עס האַלט. ער האָט נאָר נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז ער איז דאַמאָלסט, נאָך דער אַרבייט, געגאַנ-גען אַהיים טויט-שכור און געדענקט ניט קלאָהר וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט געבעטען רחמנות האָבען אויף זיין ווייב און קינדער...

אַזוי ווי אויך עטליכע פון די עדות האָבען פריהער דערצעהלט וועגען שמחהלען, אַז ער איז באַקאַנט אַלס אַ טרינ-קער, אַ לאַטרע, וואָס געהט אין גאַס ניט אַרויס אָהן „אַ האַלבע קווערטעל״ אין קעשענע, האָט שמחהלעס רחמנות-בעטען אַ ביסעל

געהאָלפֿען ווייכער צו מאַכען די הערצער פֿון די גויעשע גע־שוואוירענע. סוף־כּל־סוף איז דאָך יעדער פֿון זיי געווען אַביסעל געכאַפּט אויף דער מעשה, אויפֿן ביטערען טראָפּען, הייסט דאָס. און, למשל, זיין בלאַהאָראָדיע, דער פּריסטאַוו, וואָס האָט זיך אַזוי מוסר־נפש געווען פֿאַר אָרדנונג אויף דער שרפה, איז דאַמאָלסט, זאָגט מען, אויך געווען אַ ביסעל ניט גאַנץ פּעסט אויף די פֿיס — קען מען ניט וויסען...

זיינען דעם אַדוואָקאַטס ווערטער מקוים געוואָרען. ער האָט געהאַלטען וואָרט. ער האָט ניט דערלאָזען... קיין סיביר האָט מען שמחהלען ניט פֿאַרשיקט. מ׳האָט איהם נאָר פֿאַרמשפּט אויף אָסטראָג. כּמעט אויף אַזוי פֿיעל צייט ווי פֿאַנדרען, בלויז אויף אַ יאָהר מיט דריי חדשים. מ׳האָט איהם אפילו אָפּגערע־כענט די דריי חדשים, וואָס ער איז געזעסען אין אַרעסט־הויז ביז דעם משפּט.

ניין! דער מאָהליוער אַדוואָקאַט נעמט טאַקע די געלט געלט. ער איז אָבער ווערט.

וואָס אַ גנב פאַרגינט זיך!

.1

ווען שמהלע טורערו איז, נאָכן משפט, איבערגעשיקט געוואָרען פון אַרעסט אין אָסטראָג, אָפּצוקומען זיין שטראָף, איז נאָך דאָרטען דער שטיינערנער דיל ניט געווען אָפּגעוואַשען פון טשורילאָס בלוט. די נאָהענטע „נאַרעס" זיינען נאָך אויך געווען פאַרשפריצט.

שעפּטעלע גנב האָט מיט זיינע שפּיציגע אויגלעך באַלד דערקענט אינם ניי־אָנגעקומענעם, אַ אידען; און טאַקע פון איהם האָט זיך שמהלע דערוואוסט פון גרויסען געשלעג אין אָסטראָג, מיט אַ טאָג אָנדערטהאַלבען פריהער. שעפּטעלע האָט איהם קיין נאָמען ניט אָנגערופען. נאַר וועדליג די באַשרייבונג פון די קלעפּ, וואָס מען האָט אין דעם גלית אַריינגעלעגט, האָט שמהלע פאַרשטאַנען, אַז שטאַמען טוען זיי פון פאַנדרעס העג־טעלעך... הייגט וואו־זשע איז דער בעל־דבר אַליין ?... פאַנדרע וואו איז ? ער זיצט אין קאַרצער פאַר שלאָגען זיך. ס׳טייטש ? טשורילאָ, ניט פאַנדרע, האָט זיך דאָך אָנגעהויבען ? טו געה, טענה זיך אויס מיט פאָניע־קוואַס! זוך יושר ביים „סמאָטריטעל" !... וויבאַלד — דעם ערשטען טאָג, ווי נאָר פאַנדרע איז אַריבער די שוועל פון אָסטראָג, איז ער שוין פאַרמישט אין אַ געשלעג. איז ער דאָך, מסתמא, דער רעכטער „בויאַן" ! אַגב, זיצט ער דאָך טאַקע פאַר בויאַנסטווא אויף אַ שרפה — דאַרף מען איהם

אָנלערנען... ס'האָט אפילו ניט געהאָלפען די עדות פון אידישע און גויעשקע אַרעסטאַנטען, אַז טשורילאָ האָט נחן דער ערשטער צעבלוטיגט. אַרעסטאַנטען זיינען קיין עדות ניט.

— און וואו איז דער בעל-גוף אַליין? — פרעגט שמחהלע און קוקט זיך אַרום.

— נאַ, — מאַכט שעפּטעלע — אַזוי גיך וועט ער שוין צוריק ניט קומען, ער ליגט אין קרענק, אין שפּיטאָל ליגט ער. האָסט דען אַ באַגריף ווי דיין חברל האָט איהם צעטרייבערט? די צעבראָכענע נאָז וועט זיך אַזוי גיך אויך ניט פאַרהיילען. און דערנאָך וועט מען שוין ביידען אין איין קאַמער ניט לאָזען זיין. אַזוי האָבען די סטאָראָזשעס געזאָגט. זיי האָבען געהערט אין קאַנצעלאַריע. אָדער טשורילאָ אָדער פאַנדרע וועט דאָ זיצען. ביידע—ניט. ס'איז אַ גרויסע סכנה. טשורילאָ-חזיר וועט אַזאַ חרפה ניט פאַרטראָגען. אַזאַ קאַטאָרזשניק, וואָס הענגט מענשען, האָט ניט מעהר וואָס צו פאַרלירען. און אַזאַ בחורעץ ווי פאַנדרע, איז דאָך עפּעס אויך ניט קיין „גימפּעל שלאָג מיך"! איינער פון זיי וועט דאָ בלייבען אויף די נאַרעס אַ דערוואָר-געגער. און אפשר ביידע צוזאַמען.

— אַי, אַ שלאַק אין גרויסען גוי אַריין! — זיפצט אָפּ שמחהלע מיט פאַרדראָס — געמיינט מ'עט זיצען מיט פאַנדרען צוזאַמען.

— מ'עט זעהן, — מאַכט שעפּטעלע, און קוקט געהיימ-ניספּול אויף דער סטעליע — מ'עט נאָך עפּעס טאָן. איך און מיינע יאַטען.

שמחהלע האָט אָבער ניט געגלויבט: ווי אַזוי, אַ שטייגער, קען דאָס אַ געבונדענער אויפבינדען אַ צווייטען? צווישען די געבונדענע קעלבער, למשל, אין שעכטהויז, האָט ער אַזאַ וואונדער קיינמאָל ניט געזעהן.

באַטראַכט שעפּטעלע דעם נייעם „האָז" מיט איין אָפּגע-ריסענעם אויער פון אויבען אַראָפּ:

— מ'זאָגט דאָך דיר „יאַטען"! דו פאַרשטעהסט, צו ניין? מ י י נ ע יאַטען. אַז שעפּטעלע-גנב זאָגט: „יאַטען"—איז יאַטען.

איך זעה, אז דו האָסט נאָך ניט געהערט פון שעפּטעלען. מיט געלט קען שעפּטעלע אַלץ מאַכען.

— טו זאָג-זשע מיר, — מאַכט שמחהלע מיט אַ קרומען שמייכעל — זאָג-זשע מיר, טייערער בן-פּקוע מיינער, אַז דו ביזט שוין יאָ אַזאַ בריה, איז אפשר קענסטו דאָ קריגען אַביסעל יענע-מעשה, כ'מיין אַביסעל בראַנפּען ? פאַר געלט, מיין איך, ניט אומזיסט. כ'האָב שוין פיער חדשים אין מיין מויל ניט געהאַט. כ'בין אויס מענש...

— אויך מיר אַ זאַך ! — גיט זיך שעפּטעלע אַ קרים. — די סטאַראָזשעס אַליין וועלען דיר אַריינשוואַרצען. האָסט גע-נוג געלט ?

שמחהלע האָט זיך אַ טאַפּ-געטאָן אין אַ פאַרשטעקטען אָרט, און באַלד חרטה געקראָגען. מאַלע וואָס אַ שעפּטעלע-גנב קען זיך פאַרוועלען !... פונדעסטוועגען האָט ער, נאָך אַ מינוט שווייגען, האַלב-בורטשענדיג, אַרויסגערעדט :

— נאַ, אויף אַ האַלבע „קווערטעל" וועט נאָך סטאַיען !

שעפּטעלע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט שמחה-לעס פאַרדאַכט גאָר ניט באַמערקט :

— דאָ, אין אָסטראָג, קאָסט אַ „סאָטקע" וויפיעל אַ קוואָרט אויף דער פריי. מיין ניט !

— אויף אַ טרונק בראָנפען איז מיר גאָרניט צו טייער...

שעפּטעלע האָט זיך געשטעלט אויף ביידע דינע פיסלעך אין זיינע שצאָגעלסקע שטעק-טיך. אויף זיין שוואַרצען פּנימל איז געווען אויסגעגאָסען אַ מינע פון אַ גרויסען נדבן, וועלכער שעמט זיך מיט זיין גוטסקייט.

— נאָר געדענק, — מאַכט ער אַביסעל פאַרשעמט — זאָלסט זיין אַ מענש ! וואָס הייסט אַ מענש ? ניט פאַרלירען דעם קאָפּ זאָלסטו. אַביסעל בראַנפּען קענסטו נעמען ? אַך, יאָ. אַלע זאָגען אַז זיי „קענען", דערנאָך מאַכען זיי אָן אַ טאַרראַם. מיר זיינען אין אָסטראָג זיינען מיר. איך טהו דאָס ניט צוליעב דיר נאָר צוליעב פאַנדרען, ווייל דו ביסט פאַנדרעס אַ חבר. און דיין אַפּותיקי, — האָט שעפּטעלע צוגעגעבען גאָר-

קאַלט — פֿאַר דיין אַפּותיקי האָב קיין מורא ניט! ביי אַן אָרימאַן האָט נאָך שעפּטעלע קיינמאָל ניט געגנבעט.

אָפּגעזאָגט, אויסגעדרעהט זיך צו שמחהלען אויף ביידע שטעק-שיך און אַוועק אין אַן אַנדער ווינקעל. שמחהלע איז געבליבען זיצען ווי אַן אָפּגעשמיסענער פֿון אַזאַ איידעלען האָנאָר ביי אַן אָסטראָזשניק. ער האָט איהם פֿאַר געקראָגען דרך-ארץ.

און שעפּטעלע האָט געהאַלטען וואָרט. ווען די אַרעסטאַנטען זיינען אַוועק אויף דער אַרבייט, אויסער איהם און דעם ניי-אָנגעקומענעם שמחהלען, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט די סטאָראָזשעס, מיט גאָר באַזונדערע רמזים און מיט גנבישע ווערטלעך, האַלב-אידיש, האַלב-רוסיש, וואָס די גויים מיט די שליסעלעך האָבען, ווייזט אויס, זעהר גוט פֿאַרשטאַנען. און ניט שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין דאָס ביסעל משקה געבראַכט צוטראָגען. איין חלק — אין אַ פֿלאַכער אַפּטייק-פֿלעשעל, פֿון כאָליעוואַ אַרויסגעצויגען, און דעם צווייטען חלק אין עפּעס אַ גומינעם פּעגכער, זעהר אַ פֿאַרדעכטיגע כּלי, וואָס מען באַנוצט אויף שדים ווייסען וואָס, וועלכער לאָזט זיך אָבער אַריינשטופּען אונטערן לעדערנעם גאַרטעל. און מיט די זעלבע ווינקען און גנבישען לשון, ווי פֿריהער, האָבען דאָס די סטאָראָזשעס איבערגעגעבען שעפּטעלען. אויף זייערע ברייטע שטיוואַלעס האָבען זיך די צוויי פּאָליצייאישע שמוגלערס ניט פּעסט געהאַלטען, און די ווינפּערלעך אויף זייערע רויטע נעזער האָבען גאָר פֿיין געבליהט. קענטיג געווען, אַז קודם-כּל האָבען זיי פֿון ביטערען טראָפּען אַליין גוט פֿאַרזוכט, און בלויז די שיריים אַריינגעשוואַרצט אין אָסטראָג, אונטערן סאַמע נאָז פֿון „סמאָטריטעל". ס'האָט זיי אַפּנים געלוינט. וואָרים פֿאַר ווייניגער ווי אַ האַלבע קוואָרט האָט זיי שעפּטעלע באַצאָהלט ווי פֿאַר אַ גאַנצען „שטאָף", און נאָך אַ פּאָר פּיאַטאַקלעך אַ צוגאָב געגעבען זיי. אַוועקגעהענדיג, מיט ניט-זיכערע טריט, האָט זיך נאָך דער סטאַרשער אומגעדרעהט צו שעפּטעלען און איהם אונטערגעוואונקען מיט איין פֿאַרגאָסען אויגעל:

— אַ שטאָ, שעפּטעל! גאָל נאַ ווידומקי כיטראַ!

ס'הייסט: וואָס זאָגסטו עפּעס, שעפּטעל! קבצנים זיינען קלוג אויף אַ שפּיצעל?

— כיטראַ, ווי לאַנג קרענקסטו! — האָט זיי שעפּטעלע האַרציג צוגעוואונשען, און אַזוי קונציג פאַרשלונגען די „ברכה", אַז ס'האָט געקלונגען, וועניגסטענס, ווי „זדראַווע זשעלאַיעם".

יאָ, שעפּטעלע גנב האָט געהאַלטען וואָרט. אָבער ניט שמחהלע דער קצב. ס'איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע צו דער־צעהלען, וואָס מיט שמחהלע טורערו איז געשעהן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעשנאָטשקעט. צי מחמת דעם, ווייל ער האָט געטרונקען אויפן ניכטערען האַרצען; וואָרים ווי יעדען „נאָוויטשאָק" איז איהם אָנגעגאַנגען אַ חלשות פונם קעסעל אין אָסטראָג... צי מחמת דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געהאַט אַביסעל משקה אין מויל; צי מחמת די בראַנפען גופא האָט זיך אָפּגע־געבען מיט ריזינע פון פענכער און האָט איהם איינגאַנצען פאַר־טשאַדעט... ווי עס זאָל ניט געווען זיין, אָבער דער סוף איז געווען גאָר ניט קיין גוטער.

לכתחילה האָט שמחהלע שטיל געשלוקערצט און גערעדט עפּעס צו זיך אַליין. גאָר פיין און גאָר שעהן. דערנאָך האָט ער זיך פלוצלינג גענומען טשעפּען צו שטיין און ביין און צו מענשען. אַלץ איז ביי איהם געווען גלייך. דערנאָך האָט ער גענומען קלאַפּען מיט די פויסטען אין די „נאַרעס" און שרייען, אַז ער וועט דעם שקלאָווער גייעם-נגיד, דעם מערידאַלניק, אַריינזעצען אַ מעסער אין בויך, מעהר גאָרנישט. און גאַנץ שקלאָוו וועט ער צוועקלאָזען מיטן פייער. אָט זאָל ער נאָר אַרויס פון אָסטראָג, וועט מען זעהן!... ס'האָט ניט געהאָלפען שעפּטעלעס אַריינמישען זיך, דאָס דערמאָנען שמחהלען, אַז ער האָט דאָך עפּעס צוגעזאָגט... שטיל זאָל זיין! ער קען נאָך אָנמאַכען אַ חתונה מיט די סטאָראָזשעס, וועלכע האָבען דעם ביטערען טראָפּען אַריינגעשוואַרצט...

פאַר אַזאַ אָנשרייען האָט איהם טורערו געענטפערט מיט אַ שטויס אין האַרצען, אַז יענער האָט זיך איבערגעקוליעט. און איין שצאָגעלסקער שטעק-שוך איז איהם געפלויגען אין דער

לופטען. בלויז די גויעשקע אַסטראַזשניקעס האָבען פון שמחהלעס שיכּורע שטיקלעך געקליבען נחת. זיי האָבען געקוקט מיט אַ מין באַגייסטערונג פון באַהאַלטענע שיכּורים אויף אַזאַ גאונות, וואָס שמחהלע האָט דאָ אַרויסגעוויזען. אָקאָרשט, דאַכט זיך, אַריין אין אָסטראָג און האָט שוין געפונען אַ דרך ווי אַזוי צו „פּאָטיאַפּען” אַביסעל משקה. אָט דאָס הייסט אַ חברה־מאַן! מיט אַ צערטליכקייט פון עלטערע ברידער, איבער די שטיקלעך פון אַ אינגערען, האָבען זיי גערעדט פון שמחהלעס העלדישקייט:

— העך, ווי עס צענעמט איהם, דעם אידליק, אין זיין מאַמעס־מוטערס טראַכט!

— טפו! — האָט ער אַ שפּיי־געטאָן אויף דער „פּאַכליאָבקע” פון אָסטראָג. און אָט!... עפּעס בעסערס געקראָגען.

— געקומען, געקויפט און אַריינגעגאָסען... מאָלאָדיעץ!

אָבער די שליסלער און דער סמאָטריטעל האָבען וועגען דעם געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג. זיי זיינען שוין געווען אָנגעלערענט פון דעם עהערנעכטיגען געשלעג צווישען פאַנדרען און טשורילאָן. זיינען זיי באַצייטענס אָנגעלאָפען אויף שמחהלעס געשרייען און האָבען איהם קודם־כל בארוהיגט מיט עטליכע ניש־קשהדיגע קלעפּ. דערנאָך אַרויפגעשלעפּט אויף די נאַרעס און געלאָזען איהם דאָרטען ליגען אַ וויינענדיגען, אַ פאַרסמאַרקעטען. שפּעטער איז נאָך דער סמאָטריטעל געקומען, האָט עפּעס אויסגעפרעגט און עפּעס פאַרשריבען. שעפּטעלע האָט זיך דערביי געהאַלטען אָן אַ זייט, ווי אַ מענש, וואָס זעהט שמחהלען צום ערשטען מאָל. נאָר אַז דער סמאָטריטעל איז אַוועק פון קאַמער, האָט ער אויסגעגאָסען זיין האַרץ פאַר די אידישע אַרעסטאַנטען:

— ווער זאָל זיך ריכטען! דערצעהלט האָט ער, אַז ער איז פאַנדרעס אַ חבר. מיין איך דאָך אַ גבר! ערשט וואו? וואָס? ווען? אַ קאָפּ האָט דאָס פון אַן אינדיק!... נאַ, צרות וועט ער שוין האָבען. ער זאָל נאָר מיך ניט פאַרמסרן דער יאָלד!

.2

שוין באַלד צוויי טעג, אַז פאַנדרע זיצט אין קאַרצער. אין פינסטערען קעלער פון אָסטראָג. אויף ברויט און וואַסער זיצט ער. פון אַ גראַטען־פענסטערל, וועלכע איז איינגעבויט, במעט אונטער דער סאַמע שטיינערנער סטעליע, טריפט אַ מין ברודנע ליכטיגקייט — אַ גלאַנץ פון אַ בלאָטיגער וואַסער אין אַ רעגענדיגען טאָג; כאָטש דרויסען ברענט און בראָט דער זומער.

בייטאָג מאַטערט פאַנדרען די פייכטע דושנעקייט און ביינאַכט — די שצורעס. זיי זיינען אַזוי חוצפהדיג, אָט די קליינע חיהלעך, אַז זיי שפּרינגען, אין שלאָף, איבערן פּנים, און זיי קיצלען, טאַפּענדיג מיט די לאַפּקעס, אין די האָר. אפילו בייטאָג, ווען פאַנדרע זיצט אַ ווײַלע פאַרקלערט אויף דעם איינגעבויטען ציגעלנעם „בענקעלע", דערפיהלט ער פּלוצלינג ווי אימיצער אַ קליינינקער, אַ פלינקער און אַ פאָרזיכטיגער דראַפּעט זיך אויף זיין כאַלאַט, דערקריכט ביז די קניע, דער־שרעקט זיך פּלוצלינג און אַנטלויפט מיט אַ דינינקען קוויטש.

נאָר דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו פאַרטראָגען. נאָך אַ טאָג צי צוויי איבערקומען. פאַנדרע איז קיין מפונק ניט. אין מח עגבערט איהם בלויז דאָס, וואָס דער סמאָטריטעל פון אָסטראָג האָט אויף איהם געשריען, נאָכן געשלעג מיטן גוי, אַז באַלד נאָכן אָפּקומען די שטראָף אין קאַרצער, וועט מען איהם פאַרשפּאַרען, אַזאַ „בויאַן" ווי ער איז, אין אַ באַזונדער קאַמער. אַז די קאַנצעלאַריע וועט צושטעלען אַ ראַפּאָרט מען זאָל איהם, פאַנדרען, פאַרלענגערען דעם „סראָק", ער זאָל האָבען צו געדענקען...

די טורמע אין דער הויך, אַנטקעגען דעם לאָך וואו ער זיצט, זעהט איהם אַציינד אויס ווי אַ ליכטיגער פּאַלאַץ פול מיט פרעהליכע פּרצוף־פּנימער... פונקט אַזוי האָט זיך איהם

פריהער פאַרגעשטעלט דער ברייטער שליאַך אויף אָרשע אַקעגן דער קאַמער אין אַרעסט, וואו ער איז ביזקעל משפּט אָפּגעזעסן באַנצע זעקס חדשים. ס׳איז גאָר קיין שליאַך ניט געווען — אַ מלוכה איז דאָס געווען! אַ לאַנגער קאָרידאָר צווישן ברוינע שטאַמען פון סאָסנעס און גרינע ווענט פון יאָדלעס. און ער, פאַנדרע, זיצט אויף דער קעלניע און טרייבט סענדערס פערד אין אַ בלויען עק־וועלט אַריין... ווען איז דאָס געווען? שוין דאַכט זיך אַ סך צייט אַריבער... סענדער... מערע...

מערעס געשטאַלט, מיט איהרע באַגולדעטע קיילעכדיגע פלייצעס ביים נאַכט־לעמפּעל, ווי ער האָט זי געזעהן צום לעצטען מאָל אין בעט, גיט איהם אַ ברען אין האַרצען, ווי אַן אָנגעגליהטער שטיק אייזען. שוין באַלד אַ פּאָר וואָכען אַז ער האָט פון איהר קיין שום ידיעה ניט געהאַט. זי ליגט אַפּנים אין קינפעט. וואָרים אפילו סענדעריכע, די מאַמעלע איהרע, איז צום „סוד״ אין מאָהליוו ניט געקומען. ניט געקענט, ווייזט אויס, לאָזען מערען איינינקע אַליין; אָדער אויף הוצאות ניט געהאַט. און וואָס וועט זיין ווייטער? אַט אַזוי וועט ער זיך דאָס אַלעמאָל איינשטעלען פאַר אידען. פאַרן נייעם־נגיד, פאַר שעפּטעלע גנב און פאַר אַנדערע צעשראָקענע האָזען, אַן אייגענע בלוט־און־פלייש פאַרגעסען און געהן אַלץ טיעפער אין דרערד אַריין? פון שטוב אין סטאַן, פון סטאַן אין אַרעסט, כון אַרעסט אין אָסטראָג, פון אָסטראָג אין קאַרצער... און וואוהין גאָך ווייטער?

אַ פּוסטע שטאָל האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט. סענדערס שטאָל אָהן פערד. פאַרשימעלטע כאָמעטען, פאַרזשאַווערטע רעדער, פאַרפוילטע שטרוי, אַן אויספאַרקויפטע שטוב.

ניט געפּאָלגט האָט ער מערענקען. אויפגעריסען זיך פון שלאָף און געלאָפען ראַטעווען. דאָס לעבען איינגעלעגט פאַרן נייעם־נגידס כבוד און פאַר זיין בהמה. געלאָזען ליגען מערענקען איינע אַליין. ער געדענקט נאָך ווי זי האָט געציטערט, ווען ער האָט זי איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע... דאָס האַרץ האָט איהם

אָבער געזאָגט, בשעת דער פריסטאַוו האָט איהם אָוועקגעפיהרט אין סטאַן, אַז אַזוי גיך וועט ער מערענקען ניט זעהן...

— אוי, פאַנדרע, פאַנדרע! — האָט ער זיך אַליין גע־מוסרט — ווען וועסטו שוין ווערען אַ מענש!

און פינסטער איז איהם געוואָרען אויפן האַרצען פון דעם אייגענעם מוסר, פונקט ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעקראָכען, מיט לייב און לעבען, אין דער ענגער, געלבליכער און ניט־געזונטער הויט פון דעם גייעם־נגיד...

אַ שאָרך האָט זיך דערהערט הינטערן וואַנט, און טריט האָבען זיך דערנעהנטערט. די פאַריגעלטע פאַרטקע אין טהיר פון קאַרצער האָט זיך קרעכצענדיג אויפגעעפענט, און די טונקעלע האַנט, וואָס האָט איהם שוין צוויי מאָל אַריינגעגעבען וואַסער און ברויט, האָט איהם איצט דורכגעשטופט אַ פעקעלע, פאַרוויקעלט אין פאַפיר, און צוריק אָפּגעשלאָסען.

אין פעקעלע האָט פאַנדרע געפונען אַ שטיק קעלבערנע געבראָטענס, אַ מאַלאָסאָלנע אוגערקע מיט אַ מחיהדיגען ריח פון „אוקראָפּ", אַ האַלבען פרישען קימעל־ברויט.

אַ וואַרימקייט האָט זיך צעגאָסען אין פאַנדרעס האַרצען, אַ ליכט איז איהם אויפגעגאַנגען אין די אויגען. אין דער אומגעריכטער מתנה האָט ער דערפיהלט שעפטעלעס האַנט, און אַ געשפּאָרטע פאַרציע פון זיין עסען. פאַרט אַ אידיש האַרץ! גיין, שעפטעלע גנב האָט איהם ניט פאַרגעסען. ס'איז דיר ניט דער נגיד מיטן פליך! שעפטעלע זאָרגט זיך פאַר איהם דאָרטען, ערגעץ־וואו אין דער הויך...

פאַנדרע האָט געשמאַק אַריינגעריבען. די דורכגעבראָטענע ביינדעלעך פון דאָס קעלבערנס האָט זיך, צווישען זיינע שטאַרקע ציינער, צעמאָלען פונקט ווי דאָס פלייש אַליין. די מאַלאָסאָלנע אוגערקע האָט זאַפטיג געקנאַקט, און דאָס קימעל־ברויט האָט זיך פריינטליך געלאָזען רייסען אויף געשמאַקע שטיקער... די מייז, אין די ווינקעלעך פון קאַרצער, האָבען זיך מיט דרך־ארץ צוגעהערט צו אַזאַ מוזיק, געשאָקעלט מיט די וואָנסעלעך פון גרויס גלוסטעניש און געגלעט זיך, ווי הונגעריגע פאַצעטען,

מיט די פֿאָדערשטע לאַפּקעס איבערן קעפּעל. געוואַרט אויף ברעקלעך... אָבער פֿאַנדרע האָט דאָסמאָל קיין ברעקעלע ניט געלאָזען פֿאַלען. זינט ער איז פֿון דער היים האָט ער אַזאַ מאכל-מלכים ניט געגעסען. דער אידישליכער, קנאָבעלדיגער טעם פֿון פֿלייש האָט איהם אינגאַנצען אויפֿגעמונטערט. ער האָט אין זיך אַריינגענומען דאָס עסען מיט אַלע חושים זיינע. דעם געשמאַק מיטן גומען, די ווייכקייט און קרוכלעקייט — מיט די האַרטע פֿינגער און דאָס אַפּעטיטלעכע קנאַקען — מיט די אויערען. נאָכן עסען איז ער אַ גוטע ווײלע געבליבען זיצען, כדי צו פֿיהלען ווי זיין געזונטער אויסגעמאַטערטער גוף זויגט אין זיך איין, מיט אַ מין פֿרעהליכער ציטערניש, אַלע זאַפטען פֿון דאָס געגעסענע. דערנאָך איז ער אויפֿגעשטאַנען און, איינגעבויגענערהייט, גענומען מעסטען די עטליכע טריט וואָס האָבען זיך געלאָזט מאַכען. אַרומשפּאַצירען איבערן קאַרצער גלייכערהייט האָט דער נידריגער סופיט ניט געלאָזען. צעגאַנגען זיך אַביסעל — האָט פֿאַנדרע פֿרעהליך אַ ריב-געטאָן ביידע פֿאַרמאַזאָליעטע הענט, ווי זיין שטייגער איז נאָך אַ זאַטען עסען. אַ גערויש פֿון צוויי ריב-אייזענס האָט זיך דערהערט אין קעלער און פֿאַנדרעס קול האָט דאַנקבאַר אָפּגעברומט:

— נאַ, געלויבט דער אויבערשטער, אָפּגעגעסען...

דאָס האָט איהם ווידער אָן עפּעס דערמאָנט. ווי אַ ווידער-קול פֿון דערהיים האָט זיך איהם אָנגעהערט זיין אייגענער קול. האַ?... ווען ער האָט דאָס צום לעצטען מאָל געזאָגט אַזאַ וואָרט? יאָ, אַצינד דערמאָנט ער זיך: פֿאַרן לויפֿען מיטן האַק אויף דער שרפה. נאָכן טעפּעל מיט לעבעליכע פֿאַסאָליעס וואָס ער האָט אויפֿגעגעסען... אַפֿריהער, געדענקט ער, האָט זיך איהם געוועזן געגלוסט מילכיגע רעטשקענע קאַשע. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבעטען און באַנוגענט זיך מיט אָפּגעשטאַנענע פֿאַסאָליעס...

דאָס האָט אויף איהם ווידער אָנגעוואָרפֿען אַ טרויער און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט: וואָס איז פֿון דיר געוואָרען, פֿאַנדרע? אַ דעמב ביסטו פֿריהער געווען. אַצינד וואַרפֿט דיך

שטענדיק אַ קדחת. אָט איז דיר גוט, אָט איז דיר שלעכט...

נאָר אין אַ שעה אַרום האָט ער ווידער דערפיהלט, אַז אַז אימיצער זאָרגט זיך פאַר איהם. וואָרים דער עלטערער סטאַ־ראָזש האָט ווידעראַמאָל אויפגעמאַכט די פאָרטקע אין טהיר פון קאַרצער און אַריינגערעדט שטילערהייט, מיט אַ ריח פון איבערגעבערענטען בראַנפען:

— טאַק־שטאָ!... ווי רופט מען דיך?... שעפטעל לאָזט דיר זאָגען, זאָלסט קיין מורא ניט האָבען. וועסט צוריקגעהן אין דערזעלבער קאַמער וואו דו ביזט געווען...

3.

צומאָרגען אינדערפריה, ווען מ'האָט נחן אַרויסגעפיהרט פון קאַרצער און צוריק אַריינגעלאָזען אין דער גרויסער קאַמער פון אָסטראָג, האָט זיך מיט איהם שעפטעלע דערפרעהט ווי מיט אַ טאַטען. די אידישע אַרעסטאַנטען האָבען איהם באַגעגענט ווי זייער שמשון הגבור, זייער אויסלעזער. אפילו אַ סך פון די גויים האָבען איהם באַגריסט מיט דרך־ארץ:

— נו, אָנגעבראָכען אַ „קאָט“ *) די ביינער, אָפגעזעסען אַביסעל. אַציגד זיי מיט אונז!

פאַנדרע האָט זיך גלייך דערפיהלט צווישען אייגענע. זינט מען האָט איהם פאַרשלעפט פון דערהיים האָט איהם געפעהלט די וואַרימקייט פון משפחה. און אָט האָט ער, מיט־אַמאָל, דערפיהלט איהר ווייטען אָטעם. עט, מען ווערט ניט פאַרפאַלען, פאַנדרע, אפילו צווישען אָסטראָזשניקעס!...

זיין גוטער מוט איז אָבער פאַרשטערט געוואָרען, ווען שעפטעלע האָט איהם צוגעפיהרט צו די נאַרעס, וואו שמחהלע איז געלעגען, איינגעקאָרטשעט און שווער־אויסגעניכטערט, נאָכן נעכטיגען טרונק און מיט בלויע „לאַמטערנעס“ אונטער די

*) אַ קולאַק, וואָס טעראָריזירט אַלעמען אין טורמע.

אויגען, וואָס די צערייצטע סטאַראָזשעס האָבען איהם געשטעלט, כדי צו „באַרוהיגען" איהם...

שעפּטעלע האָט געוואָלט זעהן דעם רושם, וואָס אָט פלוצליכע באַגעגעניש וועט מאַכען אויף ביידע חברים. ער האָט אין האַרצען ניט געגלויבט, אַז פאַנדרע וועט זיך חברן מיט אַזאַ נפש. וואָס קען אפילו קיין האַלבע „קווערטעל" בראַנפען ניט איינהאַלטען אין קאָפּ. און דער איינדרוק איז געווען גאָר אַ זעלטענער: ביי פאַנדרען האָט זיך געעפענט דער מויל, די אונטערשטע ליפּ איז געבליבען הענגען ווי ביי אַ קינד, ווען עס וואונדערט זיך. און גאָר פלוצלינג האָט זיך די ליפּ אַ הויבגעטאָן און דאָס גאַנצע פארגרעבטע פנים האָט זיך איהם צעגליהט אין איין גוט-ברודערישען שמייכעל. נאָר שמחהלעס מינע איז געבליבען שטאַר און כמורנע ווי געווען. כאָטש הערען האָט ער שוין פריהער געמוזט הערען, אַז פאַנדרע איז צוריקגעקומען. ער איז געלעגען אָפּגעשוואַכטער און געקוקט מיט אַ זלידנער שטייכיגקייט אויף זיין אַמאָליגען חבר פון יאַטקע. אָנגעקוקט איהם אַזוי און דערנאָך הייזעריג אַרויסגערעדט:

— נו וואָס ?... אויסגעפיהרט ? מען טרעפט זיך, אַ ?

— וואָס מאַכסטו, שמחהלע ? — האָט איהם פאַנדרע געגומען טרייסלען.

— לאָז ! — האָט שמחהלע קורץ און טרוקען אַ כריפּעגעטאָן און זיך אָפּגערוקט, איינגעצויגען זיך ווי אַן אָנגעטראָטענער וואָרים.

פאַנדרע האָט אַ הויב-געטאָן מיט ביידע פּלייצעס.

— אָט, — מאַכט שמחהלע טורערו געהיימניספול און קוקט ווידער אָן זיין חבר מיט שטאַרע אויגען — האָסט גאָרניט אויסגעפיהרט ! מיר דרעהצן זיך און מיר דרעהען זיך און מיר קומען אַלעמאָל צוזאַמען.

— וואָס מיינסטו מיט דעם ? — גיט פאַנדרע שטיל אַ פרעג.

— וואָס איך מיין ? — פרעגט איבער שמחהלע מיט זיין גיפטיגען כריפּען — כ'מיין, אַז ס'האָבען דיר ניט געהאָלפען

דיינע באַלעבאַטישע שטיק, האָסט געיאָלדעוועט מיטן שווער... צום מורה-הוראה געלאָפּען, געוואָלט זיך איינקויפען אין חסידות, צגטשן לאָפּען פון שמחהלען. אַריינגעקומען אין יאַטקע מיטן בייטש-שטעקעל אונטערן אָרעם און געדרעהט מיט דער נאָז... קלאָמפּערשט ניט דערקענט...

שמחהלע איז אַ ווייליטשקע אַנטשוויגען געוואָרען, ווי אַ בייזע ביהן, וואָס לאָזט אַריין איהר שטעכעל און איהר זעל אין אַ פאַרהאַסטען לייב אַריין. און דערנאָך, פונקט ווי די זעלבע גוססדיגע ביהן, האָט שמחהלע, קורץ און באַפרידיגט, אַ ברום-געטאָן:

— און אַט זיינען מיר ווייטער צוזאַמען!

די לופט אין אָסטראָג איז פאַנדרען גלייך שווער געוואָרען. ער האָט געזעהן, אַז עפּעס דריקט שמחהלען אויפן האַרצען, אפשר שוין זעהר לאַנג. און אַט, אָפּגעשוואַכט פון טרונק, האָט ער דאָס, אַפּנים, מעהר ניט געקענט איינהאַלטען אין זיך. פאַנדרע האָט אָבער קלאָר ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס אייגענטליך שמחהלע האָט צו איהם. זיין אַמאָליגע חזקה אין יאַטקע, זיין האַק און קלאָץ האָט דאָך ביי איהם טורערו אַליין אָפּגעקויפט, באַלד נאָכן פריזיוו, ווי נאָר ער איז געקומען פון פריסוטסטווע אַ באַפרייטער. היינט וואָס-זשע וויל ער דאָ אַצינד?... האָט זיך זיין רחמנות צו שמחהלען גענומען מישען מיט: אַ ז:

— איז וואָס עפּעס האָסטו זיך מיטאַמאָל דערמאָנט?

שמחהלע האָט איהם מעהר ניט געענטפערט. נאָר אין האַרצען ביי איהם האָט בייז געכריפּעט.

האָט שפּעטלע דערזעהן, אַז די גוטע פריינטשאַפט, וועגען וועלכער דער קצב האָט איהם נעכטען דערצעהלט, איז גאָר ניט אַזוי הייס, האָט ער אַ ווינק געטאָן פאַנדרען מיט איין אויגעל און אָפּגעפיהרט איהם אָן אַ זייט:

— לאָז איהם! — מאַכט ער שטילערהייט, — ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט. דאָס האָב איך זיך פאַר איהם פאָסטאַרעט...

פאַנדרע האָט זיך געמאַכט באַקוועם לעבען שפּעטלען אויף די נאַרעס:

— ניט געדאַרפט געבען איהם טרינקען... אויפן ניכטערן הארצען מסתמא? נאָכן אַריינגיסען בויאַנעוועט ער אַלעמאָל.

— געה ווייס אַז ער האָט אַ קאָפּ פון אַ פּיסקליאַטע! — מאַכט שעפּטעלע מיט די פּלייצעס — געמיינט דיינער אַ חבר. וועסט דאָך ניט גלויבען! ער האָט מיר שיכורערהייט דערלאַנגט אַ טראַסק אין הארצען, פיהל איך דאָס נאָך אַצינד. נאַ, אָבער מעהר קיין בראַנפען קריגט ער ניט! מעג ער זיך אפילו אויס-ציהען בעטענדיג.

מ׳האָט אויפגעשלאָסען די טהיר און גענומען אַרויספיהרען די אַרעסטאַנטען אויף דער אַרבייט. פאַנדרע איז גלייך צוגע-שפּרונגען און געשטעלט זיך אין דער רייה. נאָך צוויי טעג זיצען אין קאַרצער האָט זיך איהם געגלוסט אויף דער פרישער לופט. אָבער דער סטאַראָזש האָט איהם אַרויסגעשטופּט:

— דו, וואַרט!

— דאָס געפעלט מיר ניט! — טראַכט ביי זיך שעפּטעלע. נאָר פאַנדרען האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט.

מ׳האָט אַלע אַרעסטאַנטען אַרויסגעפיהרט. געבליבען זיינען נאָר אויסער פאַנדרען: שמחהלע — אויף די נאַרעס און שעפּ-טעלע גנב.

— זעה, — מאַכט פאַנדרע — דיך טשעפּעט מען גאָר ניט?

— מיך? — מאַכט שעפּטעלע און גיט אַ וואָרף דאָס קעפּעל ווי אַ העהנדעל צום שלאָגען זיך — אַזוי לאַנג קרענקט פאָניע ווי איך וועל אויף איהם האָרעווען...

— ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?

— אַזוי ווי בראַנפען פאַר דיין שמחהלען... שעפּטעלע קען אַלץ.

— ביסט דאַ, זעה איך, אַ גאַנצער מאָנאָפּאָלטשיק...

— פאַר געלט קריגט מען אַלץ... ווילסט אפשר אויך אַ „סאָטקעלע"? שעהם זיך ניט!

— כ׳ווייס? — מאַכט פאַנדרע מיט אַ קראַץ אין פּאַטיל-ניצע — וועסט אויך נעמען אַ קאָפּעלע?

— איך? — מאַכט שעפּטעלע מיט ווערדע — איך אַליין

טרינק נים קיין „סיוואוכע". שעפטעלע איז געוואוינט צו בע־סערע געטראַנקען! און ליקער פראַנצויזישען ווילסטו ניט? און שאַמפּאַניער מיט געזאַלצענע מאַנדלען איז אַ הונט?

— ווי זאָגסטו פּאַשמאַ?... ווי?

— ס'אַ נפקא־מיני ווי עס הייסט. אַבי ס'איז גוט. אַני־געקיהלטער ווייסער ווייז מיט סירופּ און מיט רויטע יאַגדעס איז אויך בעסער ווי אַ געשוויר אויף אַ צאָהן.

— און דו האָסט דאָס אַלץ געטרונקען?

— און נאָך אַ מין! שפּיעלסט זיך מיט שעפטעלען? כ'וועל אפשר געהן זשאַלעווען פרעמד געלט? מיט וועניג האַרצקלאַפּע־ניש קומט דאָס מיר אָן? פאַר מיר און פאַר מיינע יאַטען פאַלט דאָך מיר שטענדיג אַרויס דאָס האַרץ... און פאַר־וואָס נאָר טרינקען אַליין? פאַרוואָס ניט גוט עסען? אָט, למשל... וואָס אכלסטו, נח, אינדערהיים?

— דאָס לעצטע מאָל, — מאַכט פאַנדרע — פאַרן אַוועק־געהן אין אַרעסט, האָב איך געגעסען מיין ווייבס אַ געקעכץ. פּאַ־סאָליעס אויף ביינער געקאָכט. אַ ביסעל לעבליך, אָבער גאַנץ געשמאַק געווען.

— כאַ־כאַ־כי־י!—צעלאַכט זיך שעפטעלע מיט אַ קוויטש,— קישקע און קאָפּ האָט מען דיר פאַרשטאָפּט; איינגעשמועסט דיר, אַז בעסערס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, אַז ניטאָ קיין געפילטע טייבעלעך מיט שוואָמען, ניטאָ קיין ראָזינקע־קו־געלעך אינמיטען וואָך... פודינג הייסט עס. ניטאָ קיין היגערשע „קאָנקלעטען", ניטאָ קיין קאָמפּאָטען!... אויף צוויי ווייגטרויבען מאַכט מען נאָר „שהחיינו" דעם צווייטען טאָג ראש־השנה, אַז און פון אַנאַנאַסען מיט ראָם האָסטו מסתמא אויך ניט געהערט! און באַנאַנעס ווייסטו וואָס דאָס איז? אַ שטיק האָניג איז דאָס ניט קיין פּרי!... אַמאָל, ברודער, בין איך אויך געווען ווי דו. געמיינט אַז מיט אַ זיסער אוגערקע מיט הערינג און מיט זויער־קרויט און מעהל־צוקער ענדיגען זיך אַלע פּאָטראַוועס. כ'האָב פון דרייצעהן יאָהר אָן געהאָרעוועט ביי אַ שלאָסער. נאָכגעלאָ־פען נאָכן שטיקעל ברויט אַ פאַרסאָפּעטער און קיינמאָל איהם

אין האַנט ניט געהאַט. דער מייסטער האָט מיך געשלאָגן מיט אַן אייזערנעם פרענט און רק געשריען אַז איך פויל זיך. האָב איך זיך אַרומגעקוקט: וואָס טויג מיר מאַכן שלעכטער און זיין הונגעריג? כ׳וועל בעסער ב ר ע כ ע ן שלעסער און זיין זאַט. האָב איך זיך אַזוי געשטאָפּט מיט כּלערליי פּאַסקודסטווע ביז איך בין זאַט געוואָרען. ערשט שפּעטער האָב איך זיך גענומען צוקוקן ווי לייט עסן. פריהער — ווי ס׳עסן מאָהליווער גבירים אין די גוטע קוכמייסטערסקעס, דערנאָך אין גרעסערע שטעדט: אין קיעוו, אין כאַרקאָוו, אין מאָסקווע... אין אויסלאַנד בין איך שוין אויך געווען. פון דאַציג האָסטו געהערט? פון אַנטווערפּען?... ניט איינמאָל איז מיר דאָרטען אויסגעקומען אַריבערשוואַרצן אַביסעל סחורה פון מיינע יאַטען, איבערשלייפן שטיינדלעך... וואָס זאָל איך דיר דאָ לאַנג בראַיען, ברודער! לייט עסן און זויפן און נואפן, אַז עס גייט אַ רויך. און אַ נאַש־בראַט דערצעהלען זיי באָבע־מעשות: הכּלל מען דאַרף אַרבייטען, און אַרבייטען... אַז מע האָרעוועט, אַזוי זאָגען זיי, פאַרגעסט מען אויף אַלע צרות אין דער וועלט. און אַליין טהוען זיי גאָרנישט... מיין רבי אין „תלמוד תורה״ האָט מיר אַמאָל אויך פאַרהאַקט אַ קאָפּ, אַז כּדי צו ווערען אַ למדן דאַרף מען שלאָפן אויף דער ערד און עסן ברויט מיט זאַלץ. אַזוי, האָט ער געזאָגט, זאָגען די „חכמים״... ס׳איז איין חכמה, ברודער, סיי ביי די גרויסע למדנים, סיי ביי די גרויסע גבירים. דערווייל־וואָס האָרעוועט ביי זיי אַ נאַש־בראַט פאַר קאַלטע פּאַסאָליעס, און ישיבה־בחורים יאָלדען — באַנוגענען זיך מיט ברויט און זאַלץ. אי עס קאָסט ביליג, אי מען האָט די אמתע מצוה... מען גיט דאָך, כּלומרשט, אָרימע־לייט צו פאַרדינען. די גאַנצע עולם־הבא האָט מען און די גאַנצע עולם־הזה — איז ניט געריהרט. האָב איך מיך, ברודער פאַנדרע, אַרומגעזעהן, אָפּגעלאָזען אַביסעלע עולם־הבא און גענומען פאַרזוכען פון עולם־הזה. מכּח עולם־הבא וועט מען זעהן... און כ׳האָב גאָר קיין חרטה ניט.

— ביי אונז אין שקלאָוו, — מאַכט פאַנדרע פאַרקלער־

טערהייט — רעדט כאַצע דער הינקענדיגער קירזשנער אויך אַזוי. מ'זאָגט אַז ער איז אַ... סיצ... אַ ציטשיליסט. אָבער ווי קומסטו צו אַזעלכע זאַכען?...

— זאָג בעסער, — מאַכט שעפּטעלע — ווי קומען צו אַ גנב אַזעלכע דיבורים?... נאָר געדענק, פאַנדרע, מיינע ווערטער! אם-ירצה-השם, אַז גאָט וועט מיר העלפען און כ'וועל אַרויס פון פאָניעס הענט און אַוועקגעהן קיין אַמעריקע וועל איך אויך ווערען אַ „ציטשיליסט", פונקט ווי דיין הינקענדיגער קירזשנער. דאָרטען, זאָגט מען, איז אַ מלוכה אַזאַ, אָהן אַ קיסר. דאָרטען טשעפּעט מען ניט פאַר אַזעלכע זאַכען... און דאָ, ביי פאָניען, פאַרזעצט מען אין חד-גדיא סיי גנבים סיי ציטשיליסטען; סיי פאַר איינבּרעכען שלעסער, סיי פאַר זינגען אַ לידעל אַזאַ, אפילו פאַר לייענען, זאָגט מען, אַן „אויסלענדיש ביכעל"... אויב אַזוי איז שוין גלייכער אויפצומאַכען שלעסער און עפּעס האָבען דערפון.

.4

פאַנדרע האָט שווער צעקייט שעפּטעלעס שטעכעדיגע און קערנדיגע רעדעריי. ס'האָט עפּעס אַי געקריצט צווישען די ציינער, אַי געשמאַק געווען... ניין, האָט זיך פאַנדרע געטראַכט דאָס, וואָס ער האָט שוין ביי זיך אַמאָל באַשלאָסען, בשעתן משפּט אין „אָקרושנאָי סוד"... אַז כ'וועל מירצעשעם אַרויס פון אָסטראָג מוז איך זיך טאַקע באַקענען מיט כאַצע דעם הינקענדיגען. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מיני ביכלעך אַזוינע און וואָס זיינען דאָס פאַראַ לידעלעך? און אין אַמעריקע איז גאָר קיין קיסר ניטאָ?... זעהר מאָדנע.

ס'האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט אויספרעגען ביי שעפּטעלען וועגען אָט די אַלע זאַכען. נאָר ער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט דעם זעלבען צוטרוי צו שעפּטעלע גנב, ווי שעפּטעלע צו איהם. האָט ער דערפאַר, סתם אין דער וועלט אַריין, נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— אזוי די מעשה... ביסטו שוין גאָר אַ גאַנצער דייטש ? אין אויסלאַנד געווען ?...

— און כ׳וועל נאָך מירצעשעם זיין! און דו, ברודער, — מאַכט שפּטעלע גאָר שטיל — טאָמער וועסטו אַמאָל דאַרפן מאַכן פּליטה, שוואַרצן אַ גרענעץ...

— איך ? — ווי קום איך צו אַזעלכע זאַכן ? כ׳האָב אַ ווייב, אַ קינד. מסתמא שוין געבוירען געוואָרען...

— כע-כע, — לאַכט איהם שפּטעלע אויס — דו זיצסט צום ערשטען מאָל. אָסטראָג, ברודער, איז אַ זאַך, אַזאַ זאַך —

— וואָסער זאַך ?

— מען אַנטלויפט פון איהם, מען שטופּט איהם אַוועק, מען וויל פאַרגעסען, און דער אָסטראָג שלעפּט אַריין צוריק. וועסט זעהן. צי אַזוי צי אַזוי, דער וואָס זיצט איינמאָל זיצט צוויי מאָל. ס׳איז אַ כישוף! איך אַליין אויף דער פריי, לעב, דאַכט זיך, אַ גוטען טאָג. נאָר כ׳בין שטענדיג אומרוהיג. קיין נעכט שלאָף איך ניט. די היטעל ברענט אויפן קאָפּ, מען ברענט טאָג און נאַכט און מען רויכערט, ווי אַ צופיל-אַרויסגעדרעהטער לאָמפּ. אַנגעקומען אין אָסטראָג — דרעהט מען צוריק אַריין דעם קנויט. מען רוהט זיך אויס. נאָך עטליכע חדשים האָט מען שוין ווייטער כח צו „אַרבייטען”. און ס׳גלוסט זיך אַנטלויפען. פאַרטאַיעט מען זיך פאַר אַ חולה-מסוכן און מען לויפט. פון שפּיטאָל איז אַ סך לייכטער צו אַנטלויפען. דאַסמאָל האָב איך זיך ניט גוט אויסגערוהט. דער ערל, אַ רוח אין זיין געפגרטער נשמה, האָט דאָ פאַרביטערט דאָס לעבען. אַצינד, אַז דו האָסט פון איהם געמאַכט אַ טרפהן „קאָנקלעט” וועט מען זיך אַביסעל צוזעהן. ער וועט שוין צוריק אַהער ניט קומען.

— אויב ער וויל זאָל ער קומען! קריכען אויפן קאָפּ וועל איך איהם ניט לאָזען.

— מען זאָגט דיר — ער וועט נ י ט קומען. איך ווייס עס שוין פון סטאַראָזש, פון קאַנצעלאַריע ווייס איך דאָס. מ׳האָט מורא איהר זאָלט זיך ביידע ניט שעכטען. מ׳וועט איהם איבערפיהרען אין אַן אַנדער קאַמער. דערווייל היילט מען איהם

די ב׳זז. און דו, פּאַנדרע, אָהן חכמות זאָג איך דיר: היט זיך! וואו דו זאָלסט איהם ניט באַגעגענען.

— כ׳האָב איהם — מאַכט פּאַנדרע — אין דרערד! אַז ער האָט מיר ביז איצט דעם גאָרגעל ניט אַרויסגעריסען, וועט ער מיר שוין דעם קאָפּ אַודאי ניט אָפּבייסען.

— און איך זאָג דיר, פּאַנדרע, געדענק! אַזאַ ווילדער חזיר ווי טשורילאָ — קענסט קיינמאָל ניט וויסען וואָס ער קלייבט זיך דיר אָפּטאָן. איז אָט, — פיהרט שעפּטעלע אַרויף אויפֿן פריהערדיגען שמועס, — אויב דו וועסט אַמאָל דאַרפען שוואַרצען אַ גרענעץ, דו, אָדער אַ חברה־מאַן פון דיינע גוטע־ברידער, אפילו כאַצע דער הינקעדיגער... ס׳אַלץ איינס. געדענק, אַז ס׳איז דאָ אַ שעפּטעלע אויף דער וועלט! כ׳וועל דיר געבען אַן אַדרעס. דערמאָן נאָר מיין נאָמען וועט מען דיך שוין אַריבערפּעקלען...

פּאַנדרע האָט זיך צעלאַכט. אַן איינפאַל פון אַ שעפּטעלען! ווען וועט ער, אַ שקלאָווער באַלעגאָלע, דאַרפען שוואַרצען גרעניצען?...

— נאַ, — מאַכט פּאַנדרע, — שוואַרצען צי ניט שוואַרצען — דיין „אויסלאַנד" וואָלט איך געוועז אַ בעלן אָנצוזעהן. שעהנע זאַכען זעהט מען עפּעס אין אויסלאַנד?

— פיו—ו! — מאַכט שעפּטעלע און שטעלט זיך ווידער אויף ווי אַ העהנדעל, — וואָס דען! ווי דאָ ביי פּאָניען אפשר? די גאַסען אַלע אויסגעברוקירט, ניט מיט קיילעכדיגע שטיינער וואָס טרייסלען אַרויס די נשמה, נאָר מיט הילצערנע ציגעל און מיט אַזאַ מין האַרטען פּעך, וואָס מען גיסט פון אייזערנע טשאַנעס. עס פאָהרט זיך אויף דעם ווי אויף גומען. הייַנט די שניפּסען אַליין, די האַרטע שליאַפּעס מיט שפּענצערס אין טאַליע! כ׳וואָלט געוואָלט זאָלסט מיך אָנקוקען ווי איך שפּאַציר מיר אין דאַנציג אויפֿן ברעג ים אין לאַקירטע קאַמאַשען, מיט אַ זיידע־נעם העמד אונטערן רעקעל, אַ ברילּיאַנטעל אין שניפּס און מיט אַ זילבערנעם שטעקעלע אין האַנט. אַ פּרינץ זאָג איך דיר! וואָס זעהסטו דאָ פון מיר? מעהר ווי די שטעק־שיך זיינען ביי

מיר אין אָסטראָג ניט געבליבען. היינט די טייטשקעס! אַ געזונט אין זיי. שיקסעס זיינען דאָס? פּאַמפּעשקעס זאָג איך דיר זיינען דאָס, גאָגעלעך אין זיסער סמעטענע...

— און אויף די אַלע הולטאַיסטווע סטאַיעט דיר, שעפּטעלע, פון דיין „אַרבייט”?

— אַמאָל סטאַיעט, אַמאָל ניט. כ׳מיין, וואָס איז די נפקא־מיני? וואָס אַ שעפּטעלע גנב פאַרגינט זיך, וועט זיך דען אַ אידישער נגיד פאַרגינען? אַ גראָבער בויך אפשר? וואָס ווייסען זיי וואָס גוט איז? כ׳האָב זיי דאָרטען געזעהן זומער. פירען זיך אויף ווי די חזירים. פּאַליושקען זיך, פון יוצא־וועגען. אין די געזאַלצענע בעדער ביים ים. דער עיקר אָבער איז פרעסען און שפּילען קאָרטען אַ גאַנצינקען טאָג. דאָס הייסט ביי זיי: „פּאָפּראַווען זיך”.

פּאַר פאַנדרעס אויגען האָבען זיך ווייטער געוויקעלט נייע מענשען, קאָלירען און וואונדער; וואונדער און קאָלירען און אויסטערלישע מענשען.... אַלץ אַזעלכע זאַכען וואָס אימיצער האָט פון איהם ביז אַהער קאַרג און אייפערזיכטיג באַהאַלטען, פון זיין האַמעטנער נייגעריגקייט פאַרבאָרגען. אָבער די וואונדער, וואָס זיינען געלאָפען פון שעפּטעלעס מויל, ווי אַ פּאַרביגע סטענגע ביי אַ קונצענמאַכער אויף אַ יאַריד, האָבען זיך פלוצלינג געמוזט איבעררייסען. גראָב און מיאוס האָט זיי איבערגעריסען דער סמאָטריטעל פון אָסטראָג. ער איז אַריינגעקומען מיט צוויי סאָלדאַטען, די בלויזע שווערדען אויף די אַקסלען, צוגערופען פאַנדרען, אַראָפּגעטריבען שמחהלען פון די נאַרעס און אַרויסגעלייענט זיי פון אַ פּאַפּיר, אַז פון היינט אָן שיקט מען זיי אויף אַרבייט. אויף דער מיאוסטער אַרבייט. פאַנדרען פאַר בויאַנעווען און שלאָגען זיך. און שמחהלע טורערו — פאַר אַריינגנבענען בראַנפּ׳ען אין אָסטראָג און פאַר אָנשיכורן זיך. אַלע אָפּטריטען אין אָסטראָג און אין די באָהענטסטע פּראַוויטעלסטווענע געביידעס וועלען זיי מוזען ריינינגען; אַרויספיהרען, אונטער אַ קאָנוואָי, הינטערן שטאָדט און באַגראָבען. דערפאַר וועט יעדערער באַקומען דריי קאָפּיקעס

אַ טאָג, אויסער „כאַרטש״. און ניט גערעדט קיין סך, צרעס־מאַנטסקע מאָרדעס! מאַרש, און געגאַנגען זאָל ווערען!

שעפטעלע האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט. ער האָט אַ טאָג געטאָן זיינע שצאָגעלסקע שטעק־שיך, וואָס זיינען איהם נאָך איבערגעבליבען פון זיין אַמאָליגער גדולה, און געבליבען זיצען אויף די נאַרעס אייגער צליין, אין דער גרויסער קאַמער פון לעדיגען אָסטראָג.

די יאַטקע רעכענט זיך אָפּ...

.1

צוזאַמען מיט דער געבראָטענער הוהן האָט שעפּטעלע גנב צו מיטאָג באַקומען אַ צעטעלע, אַ געלבליך וואַקס־פּאַפּירעל, וועלכער איז געווען פאַרשטעקט אין פּאָלקע, אונטער דער צוגעברוינטער הויט. געלב אין געלבליכען איז שווער געווען צו דערקענען... אָבער שעפּטעלע האָט דאָס באַלד אָנגעטאַפּט מיט די פלינקע פינגערלעך. קייענדיג אין שאָטן פון די „נאַרעס" האָט ער זי קונציג אַרויסגעצויגען פון באַהעלטער, אַזוי ווי מען ציהט אַרויס אַן אָדער, דורכגעלאָפּען מיט די שפּיציגע אויגלעך און, כלומרשט, אַריינגעוואָרפען צווישען די אָפּגענאָגטע ביינדלעך. אָפּ:עגעסען — האָט ער דאָס צעטעלע אַרויסגעזוכט, גוט דורכגעקייט איהם צוזאַמען מיט אַ שטיקעל ברויט און אַרויסגעשפּייט אין „פּאַראַשע". ער האָט דאָס אָפּגעאַרבייט אַזוי קונציג, אַז אַלע אַרומיגע אַרעסטאַנטען האָבען געמיינט: גיט אַנדערש שעפּטעלע האָט אויסגעשפּייט אַ שלעכטען ביסען.

דערנאָך איז ער געזעסען פאַרטראַכט, געוויגט מיט איין שצאָגעלסקען שטצק־שיכעל. די אויגעלעך זיינע האָבען געקוקט אין איין פינטעל, דאָס קעפּעלע האָט געאַרבייט.

פאַרנאַכטליך, ווען די אַרעסטאַנטען זיינען זיך ווייטער צוזאַמענגעקומען אין דער גרויסער קאַמער, נאָך אַ טאָג אַרבייט, האָבען זיי שעפּטעלען געטראָפען אין דערזעלבער פּאָזע אויף

די נאַרעס. דאָס פּיסעלע האָט זיך געוויגט ווי פריהער. נאָר דאָס מאָל האָט זי זיך געוויגט מיט מעהר טאַקט. וואָרים שעפּטעלע האָט דערביי אונטערגעזוּנגען מיט זיין פאַלצעטעל עפּעס טרויעריגעס. אַ גנביש לידעלע האָט ער געפּאָנפּעט:

מ'האָט דאָך מיר אַ שטריק געפלאָכטען,
עהן אַ מעסער אָפּגעשאָכטען, —
פּאָניע, פּאָניע גנב!
פּאָניע, פּאָניע־קוואָס!

— זינגסט, אַ? — האָבען איהם מידע אַרעסטאַנטען ניט פאַרגונען, — ס'איז דיר וואויל?

האָט שעפּטעלע גאָר ניט געענטפערט, נאָר ווייטער געזשומעט:

פון דער מאַמען אָפּגעריסען,
מיט נאַהאַיקעס מיך געשמיסען —
פּאָניע, פּאָניע גנב!
פּאָניע, פּאָניע־קוואַס!

עס זיינען אָנגעקומען אויך שמחהלע טורערו און פאַנדרע פון זייער מיאוסער טאָג־אַרבייט.

זינט מ'האָט זיי באַשטראָפט מיט רייניגען די אָפּטריטען איז זייער כבוד אין אָסטראָג געפאַלען, מחמת דער ערנידערונג און מחמת דעם ניט־געזונטען ריח וואָס זיי האָבען אַרום זיך פאַרשפּרייט. די צוויי באַשטראָפטע אַליין האָבען זיך עפּעס געפיהלט ווי מצורעים און גענומען האַלטען זיך אַביסעל אָן אַ זייט. פאַר פאַנדרען האָט מען נאָך מורא געהאַט, געהאַט דרך־ארץ פאַר זיין גבורה. פונדעסטוועגען האָט ער באַמערקט, אַז מען דרעהט זיך שטענדיג אַרויס פון זיין נאָהענטקייט, דער עיקר — די אידישע אַרעסטאַנטען. אַ פאָלק פון מפונקים!...

אָבער מיט שמחהלען, זיין חבר, האָט מען געמאַכט גאָר חעניג מחזקות:

— אָטוואַליוואַי! — האָט מען איהם צוגעשריען.

— טורערו, רוק זיך!

— מאַרש, מיט די פאָדערשטע קאָפּיטעס!

און אַזוי, ווילענדיק ניט-ווילענדיק, האָבן זיך פאַנדרע און שמחהלע געמוזט אַריבערטראָגן אין אַ ווייטן ווינקל פון קאַמער, נאָהענט צו דער „פּאַראַשע". און אַזוי, ווילענדיק ניט-ווילענדיק, געמוזט מתקרב זיין זיך איינער צום צווייטן.

פאַנדרע האָט דאָס אַלץ אויפגענומען מיט זיין געבוירענער, בעזונטער גוטמוטיגקייט. נאָר שמחהלע האָט אונטערגעבורטשעט, שטעכווערטלעך געוואָרפן. כלומרשט... א י ה ם שטעהט ניט אָן צו חברן זיך צוריק מיט פאַנדרען. און נח האָט נאָך אַלץ קלאָר ניט געוואוסט צי שפּילט ער דאָס טעאַטער דער טורערו, צי ער מיינט ער דאָס מיט אַן אמת. פאַרן איינלעגן זיך שלאָפן אויף די נאַרעס פלעגט זיך אַלעמאָל ביי שמחהלען צעשפּיען די גאַל. ער איז געווען בייז, וואָס ער קען מעהר קיין טרונק-בראַנפן ניט קריגן דורך שעפּטעלעס השתדלות — פאַנדרעס חברל. און דערפאַר, וואָס פאַנדרע וויל זיך מעהר אינם דאָזיגן עסק ניט אַריינמישן...

— רעד, רעד! — פלעגט איהם פאַנדרע גאַנץ קאַלט-בלוטיג אָפּענטפערן מיט אַ בראַוון שמייכעלע אונטער די קליינע ווענסעלעך.

און באַלד נאָכדעם — איינגעשלאָפן מיט אַ כראָפּען פון אַן אָנגעהאָרוועטען פערד אין אַ שלעכט-אויסגעבעטער שטאַל.

— ער כראָפּעט שוין דער באַלעגאָלע! — פלעגט שמחהלע ניט-פאַרגינעריש אָפּוואָרטשען פאַר זיך. צי אפשר — מיט אַן אינערליכער פרייד פון אַ באַהאַלטענעם גוטען-פריינד, וועמען דער מזל האָט נאָך יאָהרען פון דערוויטערונג, ווידעראַמאָל צוזאַמענגעפאָרט אין איין אָסטראָג, ביי איין מיאוסער קאַ-טאָרזשנער אַרבייט... ווער קען דאָס דערגעהן אַ טאָלק ביי שמחהלען?

ערנסטער און פריינטליכער ווי אַלע איז פאָרט געבליבן נאָר איין שעפּטעלע-גנב. ער האָט קיין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז פאַנדרע האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן גאַנצן אָסטראָג,

געשלאָגען זיך מיטן גוי; אין קאַרצער געזעסן און באַשטראָפט געוואָרען מיט דער ערגסטער אַרבייט. און אַצינד, אַז מען האָט פריער אָפּגעאָטעמט פון טשורילאָס לאַפּעס און פון זיינע „פרעטענזיעס", מאַכען זיי אַן אָנשטעל, די אָסטראָזשניקעס, אַז פּאַנדרע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ ?... ניין, אַזאַ זאַך קען מען ניט דערלאָזען!

— פּאַנדרע! — איז שעפּטעלע צוגעגאַנגען האַרט צו נחן שוין אויף מאָרגען נאָך דער באַשטראָפונג. באַלד אָבער האָט איהם אַ שטיק-געטאָן דער ריח פון פּאַנדרעס קליידער.

שעפּטעלע האָט זיך זעהר ערנסט פּאַרשטאָפּט זיין שפּיציגע נאָז מיט צוויי פינגערלעך, און אָהן אַ שום קאַטאָוועס גערעדט צו נחן אַזוי:

— איך בעט איבער דיין כבוד, פּאַנדרע, איך האָב אַ שוואַכען קאָפּ...

— הכלל, — האָט איהם פּאַנדרע גוטמוטיג צוגעשאָקעלט,

— הכלל, שעפּטעלע, רעד אָפּ דיין חלק און... געה!

— זאָלסט ניט מיינען, — מאַכט שעפּטעלע מיטן צוגע-קוועטשטען נאָז — אַז איך וועל דאָס לאָזען... מיינע „יאַטען" אַרבייטען שוין... וועסט זעהן אַ קונץ, עס וועט אָנקומען אַ פּאַפּיר פון „קאַרצעראַליע" — ווי דער „סטאָראָזש" זאָגט — „פּאָ פריקאַזו" אַזוי און אַזוי... און מען וועט דיך באַפרייען פון... פון אַזאַ פּאַסקודסטווע... ניט קראַנק זיינען די קרעציגע פּאָניעס צו טאָן אַזאַ מלאכה!

האָט שמחהלע דערהערט, אַז איהם דערמאָנט מען גאָר ניט, האָט ער זיך עפּעס צוזאַמענגעקנייטשט און גענומען בורטשען.

פּאַנדרע האָט זיך אומגעקוקט און ס'האָט איהם אַ קוועטש-בעטאָן אין האַרצען. ס'איז ניט גוט צו לאָזען שטעקען אַ חבר אין קויט און אַליין אַוועקלאָזען זיך אין באָד אַריין...

האָט ער שטילערהייט אַ פרעג-געטאָן ביי שעפּטעלען:

— נו, און שמחהלע? טורערו — ניט?

— שמחהלע?... — האָט זיך שעפּטעלע גענומען דרעהען —

צווי, זעהסטו, מיט איין מאָל איז שווער... מ׳דאַרף ניט צופיעל אָנציהען די לייצעס.

— טו זאָל שמחהלע פריהער אַרויס, — מאַכט פאַנדרע — נישקשה, גוטער־ברודער, פאַנדרע קען וואַרטען, פאַנדרע וועט ניט שטאַרבען...

— כ׳האָב שוין די יאַטען אָנגעגעבען דיין נאָמען.

— אָהן שמחהן געה איך ניט איבער אויף קיין אַנדער אַרבייט. כ׳וועל זיך אַליין אָנבאָטען. סיידען — ביידע.

— כ׳וועל זיך פּרובען, — מאַכט שעפּטעלע אומצופרי־דען — נאָר ס׳וועט געדויערען לענגער. און ווער ווייסט צי די „יאַטען" וועלען וועלען. אויף דיר האָט איך אַ טענה: האָסט מיך געראַטעוועט פון טשורילאָן. אָבער אויף דיין שמחה־לען — וואָס?

2

דאָס מאָל, ווען פאַנדרע איז צוריקגעקומען פון זיין אַרבייט, האָט איהם שעפּטעלע צוגערופען מיט אַ ווינק צו זיין זיך אויף די נאַרעס. צוגעהענדיג האָט נאָך פאַנדרע אויפגעכאַפּט זיין פאַרטראַכט־גנביש לידעל:

ניט קיין ווידעס, ניט קיין באָבעס,
ניט קיין וואָך און ניט קיין שבת; —
פּאָניע, פּאָניע־גנב!
פּאָניע, פּאָניע־קוואַס!

— דאַרפסט מיך עפּעס? — בלייבט פאַנדרע שטעהן אַ פּאָר טריט פאַר די נאַרעס, און סטאַרעט זיך ניט צו אָטעמען. זינט דער וואָך־צייט, וואָס ער אַרבייט אַרום די אָפּטריטען, דוכט זיך איהם, אַז מיט זיין אָטעם אַליין פאַרשפּרייט ער אַרום זיך אַ ניט־גוטקייט.

— האָב קיין פּאַראיבעל ניט, ברודער פֿאַנדרע! — אַזוי זאָגט אָפּ שעפּטעלע און לעגט צו אַ ברעג פֿון זיין כאַלאַט צום נעזעלע מיט די פֿינסטערע שמאָלע לעכעלעך, — דו ווייסט דאָך... כ׳האָב אַ שוואַכן קאָפּ.

— שטאָפּ, שטאָפּ! — מאַכט צו איהם פֿאַנדרע גוטמוטיג — פֿאַרענטפֿער זיך ניט!

— קום-צו אַביסעל נעהנטער! — מאַכט צו איהם שעפּ-טעלע שטיל, און קוקט זיך אַרום — נאָך נעהענטער. אָט אַזוי! דו ווייסט, נח, דו האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט וואָס דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט: „טורערו און טורערו"... באַצייטענס געדאַרפט לאָזען מאַכען די מאַכאַרייקע אין דער „קאַרצעראַליע"*) וואָלסטו זיך שוין געקענט אַרומוואַשען, אָנטאָן אַ נייעם כאַלאַט. אַצינד זיינען מיינע „יאַטען" פֿאַרנומען מיט אַ סך בילכערע אַר-בייט. מיט...

דאָ האָט זיך שעפּטעלע נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און גאַנץ שטיל צוגעגעבען, מעהר מיט די ליפּען ווי מיטן קול:

— מיט מ י ר אַליין...

פֿאַנדרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פּלייצעס. דערנאָך געכאַפּט זיך און אָנגעקוקט שעפּטעלעס געהיימניספֿולע מינע מיט גרויסע אויגען.

— טאָמער, — מאַכט צו איהם שעפּטעלע מיט די ליפּען — טאָמער וועסטו הערען: שעפּטעלע איז אַ „פֿאַרבייאיגער"... אפשר נאָך היינט ביינאַכט... טאָ מיש זיך ניט און העלף מיר ניט!... דו הערסט?

פֿאַנדרע האָט שטום אַ בויטש געטאָן מיטן קאָפּ: מסכּים.

— ניט דיין עסק!... שעפּטעלע ווייסט וואָס ער טהוט. פֿאַרשטעהסט?

פֿאַנדרע האָט ווידער אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ סימן אַז ער פֿאַרשטעהט.

— נאָר מיין ניט, — מאַכט צו איהם שעפּטעלע און

---

*) קאַנצעלאַריע. אומישנע פֿאַרגרייזט.

בייט איבער דעם טאָן — מיין ניט אַז שעפּטעלע פאַרגעסט עפּעס. איז ניט מיין נאָמען שעפּטעלע! כ'וועל באַלד אַ־יין אָנהויבען „אַרבייטען" וועסטו זעהן! ס'וועט ניט לאַנג געדויערען, אַז שעפּטעלע זאָגט איז געזאָגט. מיט געלט מאַכט מען אַלץ, שמחה און דו — איהר קענט זיין זיכער. נאָר שמחהלען — קיין וואָרט ניט! אַ פּיאַניצע דערצעהלט מען ניט, פאַרשטעהסט?

פאַנדרע האָט זיך אַרומגעקוקט און אַ שאָקעל געטאָן: יאָ!

ער איז שוין געוואוינט געוועזן צו שעפּטעלעס באַרעדצוודיגקייט, ווען ער באַריהמט זיך, און צו זיין גנבישער קורצקייט ווען ער פאַרקלעהרט עפּעס אַ „שפּיצעל", ווען ער האַנדעלט איין ביי די סטאַראָזשעס בראַנפען און פאַרקויפט עס אין אָסטראָג פאַר אַ דרייענדיגען מקח, ווען ער באָרגט אויס שפּיעל־קאָרטען די אַרעסטאַנטען פאַר דריי קאָפּיקעס פון יעדען קאָן. וכדומה נאָך אַזעלכע פאַרבאָטענע געשעפטלעך... נאָר דאָסמאָל האָבען איהם שעפּטעלעס באַנעמען זיך, שעפּטעלעס קורצקייט, שעפּטעלעס מינעס אויסגעזעהן גאָר מאָדנע. ס'האָט זיך פאַנדרען געדוכט, אַז ביי שעפּטעלען זיינען אָנגעצויגען אַלע אָדערען ווי די סטרונעס. אַז ביי איהם איז אויסגערעכענט יעדעס וואָרט. אפילו דאָס וויגען מיט דער אַראָפּגעהאַנגענער פּיסעלע פון די נאַרעס איז אויך אויסגערעכענט. כלומרשט: איך, שעפּטעלע, זיץ מיר און זינג מיר... ס'איז מיר טרויעריג, און מעהר גאָרנישט! ס'איז אָבער ניט „גאָרנישט". ניין.

כ'העל מיר הענגען, כ'וועל מיר טרינקען
און אין קייטען מעהר ניט הינקען...
פאַניע, פאַניע־חזיר!
פאַניע, פאַניע־קהאַס!

פאַנדרעס באַלעגאָלישער געהער האָט אין שעפּטעלעס נגונדעל דערכאַפּט אַ נייעם קלאַנג, אַ מין פאַרשטיקטען הירזשען פון אַ דורשטיגען זשערעבטשיק. אַזוי פלעגט אַמאָל „שמענדריקע" אַ הירזשע־טאָן דערשמעקענדיג דעם דניעפּער הינטער די בוימער,

אויפֿן זומערדיקן שליאַך... ניין, אויף אַזאַ קולכעל, אויף אַזאַ איידעלער נגינה, ביי שעפּטעלע גנב, האָט זיך פֿאַנדרע אַליין ניט געריכט.

3.

אינמיטן דער נאַכט, אין אָסטראָג, האָבן זיך כּמעט אַלע אַרעסטאַנטן אויפגעכאַפּט פון טיפסטן שלאָף. די גוים האָבן געבראָמט און געבורטשעט אויף אַלערליי קולות און נוסחאות, פון אַ לייב, ביז אַן אָקס, ביז אַן אויפגעטשוכעטן חזיר. און די אידן האָבן געקוואָקצעט, ווי אויפגעשראָקענע הינער אין שטייג, געאָכצעט פון איבערגעריסענע שווערע חלומות און געמעקעט. און איבער אַלעמענס אויפכאַפּעניש, איבער אַלעמענס בורטשעניש און קרעכצעניש, האָט זיך געטראָגן אַ דינער, שניידענדיגער פֿאַלצעט:

— אוי, דער בויך, דער בויך, אַי—י!

— וואָס האָסטו זיך צעוואָיעט, זשידאָק! — האָבן גראָבע קולות געבראָמט.

— עס שניי—דט! — איז זיך שעפּטעלע פֿאַרגאַנגען.

— אָנגעפּרעסן זיך מיט געפילטע זשידאָווסקע היהגער און לאָזט מענשען ניט שלאָפן!

— דעם פּע—ערשעל! — האָט שעפּטעלע געקוויטשעט.

— אין מאָרדע דערלאַנגט איהם! האָבן אויסגעטשוכעטע בויאַנעס געגעבן אַן עצה — די בעסטע רפואה!...

אָבער שעפּטעלע האָט זיך אַזוי געוואָרפן אויף די נאַרעס, ער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַזעלכע געוואַלדען פון אַ שוואַכער געווינצעריך, בעת דאָס „באַנעמעניש" כאַפּט זי אָן, אַז קיינער פון די אַרעסטאַנטן האָט קיין האַרץ ניט געהאַט צוצוגעהן נעהנטער און „באַרוהיגען" איהם מיט דער „בעסטער רפואה". ס'הייסט, מיט אַ קלאַפּ.

דאָס גערודער אין אָסטראָג איז דערווייל געוואַקסען. אַ

טייל אַרעסטאַנטען האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר שעפּטעלען: מען איז דאָך, הייסט עס, ניט מעהר ווי אַ מענש. איהר זעהט דאָך ווי עס וואַרפט איהם! און אַ טייל האָט געבּונטעוועט: נישקשה, ער וועט ניט קראַפּירען ביז אינדערפריה! מען מאַכט ניט אַזאַ טאַראַראַם אינמיטען דער נאַכט!

צעשויבערטע קוטשמעס האָר, פאַרגרעבטע פּנימער און האַרטע גזלנישע אויגען האָבען זיך ווילד און מאוימדיג געמישט ביים געלבען נאַכט-לעמפּעלע, וואָס ווינקט אין דער הויך, פון דער געמויערטער וואַנט אַראָפּ.

— אוי-אוי-אוי, ברי—דער! — האָט שעפּטעלעס שאַרפער קוויטש דורכגעשניטען דעם גאַנצען טומעל.

איינער אַ גרויסער ניט-אויסגעשלאָפענער גוי איז צוגע-לאָפען צו שעפּטעלען מיט די קולאַקעס:

— בראַנפען אַביסעל נעם! דו סוקין-סין!

— אויסגעגאַ—נגען! — האָט שעפּטעלע געקרעכצט ווי אַ

גבווינערין.

— אויס—גע—גאַנגען... — האָט איהם דער בייזער גוי איבערגעקרימט, — אויף צו שאַכערען אין אָסטראָג, אין דיין מאַמען אַריין, האָסטו אַלעמאָל געגוג! הא?

— אָט! — גיט זיך שעפּטעלע אַ קאָרטש-צוזאַמען און וואַרפט אַרויס פון אונטערן צוקאָפּענס אַ לעדיגע פלאַכע אַפּ-טייק-פלאַש, איינע פון יענע פלעשלעך וואָס דער סטאָראָזש שמוגעלט איהם אַלעמאָל אַריין אין כאָליאַווע.

נאָר אין רעכטען מיטען טומעל האָט זיך געגעבען אַ שליס-אויף די געקאָוועטע טהיר, און דער פאַרשלאָפענער נאַכט-סטאָראָזש איז אַריינגעקומען מיט זיין לאַמטערנע אין דער האַנט. ערשט דאָ איז זיך שעפּטעלע פאַרגאַנגען אין די גאָר הויכע טענער. אַ צאַפּלעניש און אַ קאָרטשעניש האָט איהם אָנגענומען.

— וואָס פאַר אַ טאַראַראַם, שעפּטעל! — האָט איהם דער שליסלער גראָב אַ פרעג געטאָן — ווייזט אויס, אָבער, מעהר פון יוצא-וועגען פאַר די אויפגערודערטע אַרעסטאַנטען.

חייל פאַר שעפּטעלעס „לאַ־יחרץ״־געלט האָט ער אַלעמאָל געפֿיהלט אַ טיעפען דרך־ארץ.

— דעם פערשעל! — האָט שעפּטעלע געאָכצעט — אויוועה, גיכער!

— אַוואו, שעפּטעל, וועל איך דיר אַצינד נעמען דעם פערשעל?

— אין שפּיטאָל! — האָט איהם שעפּטעלע געוויזען מיט איין ציטערדיגען פינגערל.

— וואו שפּיטאָל? — האָט דער סטאַראָזש געוויגט מיט זיין לאַמטערנע — די „קאַרצעראַליע״ איז אַצינד געשלאָסען. אָהן דער „קאַרצעראַליע״ קען מען גאָרנישט מאַכען... האַלט זיך איין, שעפּטעל!

— זאָג... אַז פאַר מיר!... — האָט איהם שעפּטעלע געפֿיהרט אויף אַ דרך — אוי, אוי, דער באַרימהאַרציגער שוועסטער זאָג!

דער סטאַראָזש איז וואָרטשענדיג אין קלינגענדיג מיט די שווערע שליסלען אַרויסגעגאַנגען; און שעפּטעל האָט זיך אַלץ געוואָרפען, געכניקעט, געקוויטשעט, געפּרובט לויפען צו דער פּאַראַשע און איז אַראָפּגעפאַלען פון די „נאַרעס״ אַ האַלב־געחלשטער. און אין אַ שעה אַרום, ווען די באַרימהאַרציגע שוועסטער, מיט דעם געהילף פון סמאָטריטעל און נאָך צוויי געזונטע שפּיטאָל־משרתים מיט „נאָסילקעס״ זיינען אָנגעקומען אין אָסטראָג, איז שוין שעפּטעלע געלעגען בלאַס ווי קרייד, די צייהנער האָבען איהם געקלאַפּט. די אויגען האָבען ביי איהם געסטאַרטשעט ווי ביי אַן אָפּגעשטאַנענעם שלאַיען. אויף די פּראַגען פון „פּאָמאָטשניק״, האָט ער קוים געענטפערט. נאָר זיין איינגעפאַלענער בויך האָט זיך קרענקליך געהויבען. אַזוי האָט מען איהם, קוים מיטן לעבען, אַרויסגעטראָגען פון דער האַלבפינסטערער אַרעסטאַנטען־קאַמער.

.4

בשעת שעפטעלע האָט זיך געוואָרפען אין די גרויסע יסורים און אַלע האָבען זיך געטומעלט, האָט זיך איין שמחהלע טורערו געמאַכט אַז ער הערט ניט, און זיך ניט גערירט פון אָרט. פאַנדרע, וואָס האָט עפּעס יאָ געוואוסט, האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ער רודערט זיך מיט אַלעמען גלייך, כאָטש נאָהענט צו שעפטעלען איז ער קיין איינציגען מאָל ניט צוגע־גאַנגען. ער האָט גוט געדענקט וואָס שעפטעלע האָט איהם פריהער אָנגעזאָגט, אויף זיין גנבישען לשון...

דערנאָך, אַז מען האָט שעפטעלען אַוועקגעטראָגען אין אַרעסטאַנטסקען שפּיטאָל און פאַנדרע איז צוריקגעקומען צו זיין געלעגער אויף די נאַרעס, האָט ער שמחהלען געטראָפען אויפן זעלבען אָרט, אויסגעצויגען מיט אָפענע אויגען. און זאָל דאָס איהם גאָר אָנהויבען צו אָהרען די גאַנצע „קאָפּעדראַציע" אינ־מיטען דער נאַכט... איז דאָס פאַנדרען געווען אַ גרויסער חידוש. פונאַנדערפרעגען האָט ער גאָרנישט ניט געוואָלט. עס, גלייכער איז, וואָס ווייניגער באַלעבעטשען... ער האָט גוט גע־דענק וואָס שעפטעלע האָט איהם אָנגעזאָגט.

אָבער, אויסציהענדיג זיך צוריק אויפן געלעגער, האָט ער פלוצלינג דערהערט, ווי שמחהלע בורטשעט איהם גיפטיג אונטערן סאַמע אויער:

— הע? לעבען זאָל ער אַזוי, ווי דער בויך טהוט איהם וועה!..

פאַנדרע איז אַ ווײַלע געבליבען ליגען מיט אַן אָפענעם מויל. ער איז נשתומם געוואָרען: פונוואַנען האָט דאָס שוין טו־רערו דערשמעקט?... צי האָט ער פריהער ניט אונטערגעהערט, דער לאָטרע?

מאַכט צו איהם שמחהלע שטילערהייט, פונקט ווי ער האָלט טרעפען אַ רעטעניש:

— כ׳האָב, מייִנסטו, פריהער נישט געזעהן ווי ער שושקעט זיך מיט דיר, דער גנב? זינגט, דאַכט זיך, און שושקעט זיך, כאַ —

— נו, איז דייִן עסק? — גיט צו איהם פאַנדרע אַ רעד דורך די צייהן.

— מייִנער, ניט מייִנער, מיך נאַרט מען ניט... אָקאָרשט, דאַכט זיך, געזונגען גנבישע לידלעך און מיטאַמאָל האָט איהם די כאָלערע געכאַפּט, כהע —

— און אַז דו ווייסט, שמחה, טו האַלט ביי זיך! שפּיעל זיך ניט מיט... מיט...

— מיטן גנב? — ווערט שמחהלע אין כעס, — כ׳האָב איהם אין דר׳ערד מיט אַלע זייִנע „יאַטען" צוזאַמען!...

— כ׳ווייס דאָך, — רייצט זיך מיט איהם פאַנדרע אין דער שטיל — כ׳ווייס דאָך פאַרוואָס דו ביסט אויף איהם אָנגעבלאָזען, ס׳איז אַלץ ווייל ער האָט פאַר דיר מעהר קיין בראַנפען ניט געוואָלט דאַקאָזען, נאָך אַזאַ טומעל, ווי דו האָסט אָנגעמאַכט...

— דו ווייסט? — גיט שמחהלע אַ קריץ מיט די צייהן, הע, אָבער איך ווייס אויך...

— ווי די וואַנט זאָלסטו שווייגען! — גיט פאַנדרע שטיל אַ ברום, — דו הערסט?

— קאָמאַנדעווע דאָ ניט! — הויבט זיך שמחהלע אויף פון געלעגער, — כ׳האָב דיך, פאַנדרע, אין כאָליאַווע! רייניגסט אָפּטריטען אַזוי ווי איך!

אַזאַ לשון האָט פאַנדרען אינגאַנצען אויפגערעגט. פון ניט־שלאָפען נאָך אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, פון שפּעטעלעס סוד וואָס ער האָט אין זיך געטראָגען, פון דעם גאַנצען האַרמידער וואָס האָט זיך אָקאָרשט דורכגעטראָגען אין דער שטיקענדיגער לופט פון אָסטראָג, איז זייִן געזונטער געמיט אָפּגעשוואַכט געוואָרען. איז ער מיטאַמאָל ווי פון די כּלים אַרויס:

— שווייג, לאַטרע! איך זעה, דו טשעפּעסט זיך זינט דו ביסט אַריין אַהער אין קאַמער. דו רעדסט נאָך? דו?... וואָלסט

ניט אונטערגעצונדען, אַ רוח אין דיין טאַטען אריין, וואָלט איך דאָ ניט געזעסען...

— בעסער — מאַכט שמחהלע מיט אַ בייזען געלעכטערל

— בעסער אונטערצינדען ווי ראַטעווען בהמות ביים פראַנצע-וואַטען נייעם-נגיד, וואָס האָט דערנאָך עדות-געזאָגט אַקעגען דיר...

ביים ווייטען אָפשיין פון נאַכט-לעמפעל האָט פאַנדרע דערזעהן טורערוס פאַסקודנינקען שמייכעלע, און איז נאָך מצהר צעקאָכט געוואָרען:

— פאַרדעד מיר ניט די באַק-צייהנער, דו פיאַניצע! אפשר אַ ליגען?... פיפקעס האָט זיך דיר מיטאַמאָל פאַרגלוסט רויכערן אינמיטען-דער-נאַכט. און דוקא ביים נייעם-גבירס שטאַל, אַ? דערצעהל מיר מעשות! איך קען דיך דאָך... אַלץ איבער דיר! כ'וואָלט פון שלאָף ניט אויפגעריסען געוואָרען, כ'וואָלט זיך ניט געכראַבעט, כ'וואָלט זיך מיטן פריסטאַוו נים געטשעפעט, כ'וואָלט —

— כ'וואָלט, כ'וואָלט, כ'וואָלט... — קרימט שמחהלע איבער, — וואָלסט שוין געזעסען! צי אַזוי, צי אַזוי...

— רעד ווערטער! פאַרוואָס? כ'האָב אימיצען באַגנבעט? אַ ממזר אפשר האָב איך לעבעדיג באַגראָבען?

— די יאַטקע — רעדט שמחהלע אַרויס געהיימניספול און די אויגען גלאַנצען ביי איהם גאָר מאָדנע, די יאַטקע רעכענט זיך דאָס...

אַ שוידער האָט פאַנדרען דורכגענומען פון אַזעלכע שוש-קענדיגע, ניט-קלאָרע ווערטער —:

— דו רעדסט עפּעס ווי אַ קאָרטען-וואַרפערקע, ווי דער תנכניק אין אָרשער ברעמעל רעדסטו!

— אַ יאַטקע רעכענט זיך אָפּ, — מאַכט שמחהלע מיט דעם זעלבען קול און מיט דערזעלבער מינע — אַן אויוועך טאָר מען אין אַ שטוב ניט איבערדרעהען... היינט אַז מען דרעהט איבער אַ פרנסה פון אַ טאַטען, פון אַ זיידען און מען ווערט גאָר אַ „שמייסער" אינמיטען דערינען...

— רעד, רעד!

— ס'איז דיר מיטאַמאָל ניט אָנגעשטאַנען, הע!... כ'געדענק גוט, ווי דו ביסט איינמאָל זומער אַריינגעקומען צו מיר אין יאַטקע, מיטן בייטש-שטעקעל אונטערן פּאַכווע. ס'האָט פון דיר געשלאָגן מיט דזיעגעכץ אויף ד' אמות, ס'איז מיר שיער ניט גוט געוואָרען. אַלע יאַטקע-הינט זיינען פון דיר אַנטלאָפען. און דו האָסט נאָך געדרעהט מיט דער נאָז! ס'האָט דיר ניט געשמעקט אין יאַטקע, וואָס?

— יאָ! און אַז ניט? נאָך אַ פאָהר איבערן וואַלד...

— אַהאַ!... איז נאַ-דיר! ריינינג אַצינד אָפּטריטען! עס שמעקט בעסער, וואָס? ס'אַלץ די יאַטקע...

.5

אַזעלכע שטעכעדיגע, געהיימניספולע דבורים האָט פאַנדרע פון שמחהלעס מויל קיינמאָל ניט געהערט. ער שיט דאָך גאָר מיט סתרי-תורה, דער פּיאַניצע! ער קריכט אין לעבער אַריין. און פונדעסטוועגען גלוסט זיך הערען וואָס ער דרשנט דאָ...

שמחהלע האָט אַ פּנים אָנגענומען פאַנדרעס שווייגען פאַר אַ שוואַכקייט, וואָרים ער האָט זיך נאָך מעהר צעלאָזען:

— ביסט אַנטלאָפען, אַ? ס'איז דיר ניט מעהר אָנגעשטאַנען! די באַלעגאָלעס אין צעך זיינען בעסערע גוטע-ברידער. פון דער יאַטקע אַנטלויפט מען אָבער ניט. דו האָסט מערען געלאָזען איינע אַליין און ס'לעבן איינגעשטעלט פאַר אַ בהמה, אַ געוועזענער קצב — פאַר אַ בהמה, אַ? נו, האָט דיר די יאַטקע צוועקגעקוילעט אַלע דריי פערד, וואָס דו האָסט געקראָגען אין נדן, און ר' סענדער אַליין — ווייסטו דאָך...

פאַנדרע האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטען ניט אָנצוכאַפּען שמחהלען פאַרן דאַרען גאָרגעל. יעדעס וואָרט האָט איהם געטראָפען ווי אַ שווערע בייטש איבערן פּנים. נאָר עפּעס אַן אינערליכע ברענענדיגע נייגעריגקייט האָט איהם געצוואונגען אויסצוהערען שמחהלעס זלידנע ווערטלעך. לסוף האָט

ער פאָרט ניט אויסגעהאַלטען. זיינע שטאַרקע פינגער האָבען זיך איינגעקלעמט אין שמחהלעס כּאַפּאַט ביים ברודיגען קאָלנער:

— שווייג, זאָג איך דיר, לאַטרע! איכל, איכל...

— איכל, איכל... — קרימט איהם איבער שמחהלע טורערו, — לאָז אָפּ זאָג איך דיר! ווענסטו זיך שלאָגען — וועל איך דיך ביינאַכט אָפּשעכטען ווי אַ קאַלב. פאַר אַן אָסטראָזשניק צאָהלט מען נאָר דריי רובעל שטראָף...

— אָבער, וואָס האָסטו צו מיר, טורערו! — הויבט איהם אָן פאַנדרע צו טרייסלען ווי אַ לולב, — אַ גלגול איז אין דיר אַריין! זינט דו האָסט מיך דערזעהן, דאָ, אין אָסטראָג, איז... איז פון דיר ניט אויסצוהאַלטען!..

שמחהלעס אויגען פלאַקערן אויף ווי ביי אַ משוגענעם:

— ווען איך האָב דאָ דעם שינד-מעסער שטעך איך דיר איהם אַריין אין בויך. כ'בין דיר אַ שונא אין לעבען!

פאַנדרע איז געבליבען זיצען, ווי אַ פאַרשטיינערטער. אויף די נאַרעס, געקוקט אויף שמחהלעס צעקרימטען פנים און זיינע אייגענע קוקערס ניט געגלויבט. אַ שוים האָט ביי שמחה-לען צרויסגעשלאָגען אויף די ליפען, ווי ביי אַ משוגענעם הונט. יענער האָט נאָר אַ היבשע ווײלע געבילט און געהאַווקעט. נאָר פּלוצלינג, גאָר פּלוצלינג, ווען טורערוס ווילדע באַנעמעניש און זיין מוראדיגע אמת-זאָגעריי איז דערגאַנגען ביז צום העכסטען גראַד, האָט דאָס מיטאַמאָל געפּלאַצט ווי אַ פענכער פון אַ פיש. אַ נאַסע שמאַטע איז מיטאַמאָל פון שמחהלען געוואָרען. ע'איז אַנידערגעפאַלען מיטן צעפּאַטעלטען קאָפּ אויפן געלעגער און גענומען עפּעס כליפּען, ווי אַ שיכור וואָס הויבט זיך אָן אויסצוטשוכען.

פאַנדרע האָט זיך גלייך איבערגעבויגען איבער זיין שלים-מזלדיגען חבר:

— וואָס טהוט זיך מיט דיר היינט, שמחה?... שמחה!...

— שפּיי מיר אין פנים! — האָט זיך דערהערט שמחהלעס כליפּען פון דער פינסטערניש אויף די ברייטע נאַרעס. שפּיי, זאָג איך דיר! מעגסט!... אַז דו ביסט געווען אין יאַטקע, האָב

אין זיך נאָך געהאַלטען פאַר דיין גלייכען. איך–דו, דו–איך... ווי נאָר דו ביסט אַוועק פון יאַטקע האָב איך גלייך דערזעהן. כ׳האָב מיך אַליין פיינט געקראָגן ווי אַ שפּין... מעגסט עס וויסן. דאָ אין אָסטראָג, באַלד ווי איך בין איבערגעשיקט געוואָרען אַהער, בין איך געלעגען אויף די נאַרעס נאָכן טרונק, אַ צעהרגעטער, אַ פאַראומערטער, ווי אַ הונט. גראָד דאַמאָלסט ביסטו אַרויס פון קאַרצער. האָב איך דערזעהן ווי אַלע האָבען זיך מיט דיר דערפרעהט. אידען און גויים. ווי מיט אַ טאַטען ז.. אַרומגערינגעלט דיך ווי... ווי אַ טייערען אתרוג. שעפּטעלע גנב וועט דאָך פאַר דיר געהן אין פייער און אין וואַסער... כ׳האָב שטענדיג געוואָלט זאָלסט זיין מיין גלייכען. כ׳האָב דיך געוואָלט צוגעוואוינען צו בראַנפען, צו שלעגעריי. נאָר עס נעמט דיך ניט. וואו איך קריך אַרויס ווי אַ נאַסער הונט — טרעטסטו אַרויס ווי אַ גאַנצער העלד. אָט, אַפילו פון שלאָגען זיך מיט אַ גוי אין אָסטראָג... וואָס אמת איז אמת: כ׳האָב שטאַרק הנאה געהאַט וואָס מען האָט דיך באַשטראָפט צו רייניגען די אָפּטריטען אַזוי ווי מיך. נאָר דיך נעמט גאָרנישט. גאָרנישט נעמט דיך. איך אָבער, איך — —

* *
*

אין יענער נאַכט, נאָך אַלע אויפרעגונגען פון שעפּטעלעס געוואַלדען און פון שמחהלעס „באַנעמעניש", איז פאַודרע שפּעט און שווער איינגעשלאָפען. און ס׳האָט זיך איהם געחלומט די יאַטקע, דעם טאַטענס פאַרקויפטע יאַטקע, אין געשטאַלט פון אַ האַרבער, גרויסער קצבטע האָט זי זיך איהם געחלומט, מיט האָריגע בראָדאַווקעס אויפן פּנים און שטערען, ווי די הערנער ביי אַ יונג קעלבעל, מיט מאַנסבילשע שטיוועל אויף די גרויסע אומגעלומפּערטע פיס און מיט אַ גרויסען פאַרבלוטיגטען פאַרטוך אויפן ברייטען בויך. אַ פיסק כול מיט פלאַכע אָקסענע ציינער, אויגען — שוואַרצע און בולטע, ווי ביי אַ געשונדענער

קוה. די גראָבע אָנגעפּרוירענע הענט זענען איינגעשמירט אין בלוט און מענוסע־שמאַלץ. שטעהט זי אַזוי, דאָס פּנים פאַרזעהעניש, און האַקט קנאָכענס איבער דער אַלטער אָנגעשפּאָלטענער ירושה־קלאָץ... און פון איהר מויל זעצט איהר אַ בלוטיגע פּאַרע און אַ שוים. זי קיילט אַזוי די קנאָכענס און רעדט צום טאַקט:

— אַ יאַט—קע, פּאַנ—דרע, רע—כענט—זיך אָ—פּעט —
אַ—אַ—יאַ—אַט—קע־ ע...

אויפן מאָהליווער שליאַך

1.

דער אָנבייסען.

אומגעפעהר — אין אַ וואָך אַרום, נאָך דער אונרוהיגער נאַכט אין אָסטראָג, זיינען, עטליכע וויאָרסט פון שטאָדט, צווישען קוסטעס, געזעסען פאַנדרע און שמחהלע און געגעסען אָנבייסען. צו וואַרעמעס איז נאָך געווען ווייט, האָבען זיי דערווייל'ע דערכאַפּט דאָס האַרץ, נאָך אַ שווערער אַרבייט פון זעקס אַ זייגער פאַרטאָג. האַרט ביי די קוסטעס, אויפן מאָהליווער שליאַך, איז געשטאַנען איינגעשפּאַנט די לאַנגע מיאוסע פּאַס פון אונריינליכקייטען, וואָס די ביידע אַרעסטאַנטען האָבען אַהער אַרויסגעפיהרט, אויסגעלעדיגט און באַגראָבען, אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַוואָפענטען קאָנוואָי. די זעלבע צוויי סאָלדאַטען פון קאָנוואָי, מיט שווערדען ביי די אָנגעגורטע לענדען, מיט רעוואָלווערען אין די רימענע שיידלעך און מיט ליאַרם-פייפלעך אויף די ברוסטען, זיינען אַצינד געזעסען אַקעגען די אידישע אַרעסטאַנטען און האָבען אויך צוגעביסען. ס'איז געווען צו באַמערקען, אַז צווישען קאָנוואָי און די אַרעסטאַנטען איז דאָ אַ פאַרטרויליכקייט. דער קאָנוואָי איז, ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז די אַרעסטאַנטען זיינען שטאָדטישע, שטילע, ניט קיין ווילדע בראָדיאַגעס, וואָס רייסען זיך פון די קייטען צו אַנטלויפען פאַר

דער צייט. און, משמעות, אַז אויך די אַרעסטאַנטען האָבען זיך שוין צוגעוועהנט צו זייערע אויפזעהער און האָבען געוואוסט, אַז גלאַט אין דער וועלט וועלען זיי זיך ניט זידלען, ניט טרייבען, ניט פייפען; און שיסען — אַוודאי און אַוודאי ניט... האָבען זיי זיך אַזוי איינגעאָרדענט צו זיין אי נאָהענט אי פונדערווייטענס אין איין אין דערזעלבער צייט, כדי ניט צו שטערען איינער דעם צווייטען אינם אָרעמינקען פריהשטיק אויף דער פרייער לופט.

די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי האָבען געגעסען חזיר מיט שוואַרצען קאַזאַרמע-ברויט. געשמאַק און גרונטאָווגע האָבען זיי געגעסען, אַזוי ווי אַמאָל אין דאָרף, איידער זיי זיינען אַוועק דינען דעם קיסר. פאָרזיכטיג און מיט קאַרגער געניטקייט האָבען זיי איינטערגעכאַפּט יעדע פּיצעלע ברויט מיט דער דלאָניע און נאָכגעוואָרפען אַפּעטיטליך אין פולען מויל אַריין. יעדען פיער-קאַנטיג אָפּגעשניטענעם ביסען שוואַרץ-ברויט האָבען זיי באַדעקט מיט אַ ווייסען דינינקען און גלאַנציגען שטיקעל חזיר-פעטס, דורכגעוועבט מיט קאָראַלען-רויטע אָדערלעך, ווי אַ קלין אין שפּאַלט אַריינגעפּאַסט צווישען די פויערשע צייהן און קרעפ-טיג געכראָמשקעט. און די צוויי אידישע אַרעסטאַנטען האָבען געגעסען אונרוהיגער, פאַרדאַגהטער, ווי אידען עסען. אָהן אַ שום מעטאָדע. איין ביסען צו גיך, דעם צווייטען צו פּאַמעלעך: געגעסען האָבען זיי דעם זעלבען שוואַרצען ברויט, ווי די סאָלדאַטען, נאָר צוגעביסען מיט אַ גרויסער, פאַרגעלבטער אוי-גערקע מיט זאַלץ, וואָס זיי האָבען עהרליך געטיילט צווישען זיך און געשניטען מיט אַ שאַרפער שפּענדעל; ווייל קיין שום מעסער טאָרען אַרעסטאַנטען ביי זיך ניט האַלטען. ס'איז געווען איינע פון יענע אוגערקעס מיט די בולבעוואַטע נעזער און מיט איבערגעצייטיגטע קערלעך אין בויך, וואָס גיבען זיך שוין אָפּ מיט אַ זויערקייט און וואָס זאָגען אָן דעם האַרבסט... פונ-דעסטוועגען האָבען זיך די אַרעסטאַנטען, קענטיג, געקוויקט מיט דער לעצטער ברכה פון דער ערד און פון זומער. דער זאַפט און ריח פון דער אוגערקע איז זיך זיי צוגאַנגען איבער אַלע

ביינער. וואָרים אין אָסטראָג, אויסער דער „פּאָילע" פון קעסעל און אויסער אַ שטיקעל אַריינגעשמוגעלטע דאַרע קישקע, עסען זיי זעלטען ווען אַ פריש שטיקעל גרינס, אַ רעטאַך, אַ ציבעלע. זינט שעפּטעלע גנב ליגט אַ קראַנקער אין שפּיטאָל איז ניטאָ אַפילו ווער עס זאָל זיי מהנה זיין מיט אַ בעסערע זאַך ווי דאָס ברודנע געמישעכץ אין בלעכערנעם „באַק". ניט פאַנדרע, ניט שמחהלע באַקומען געלט פון דערהיים, ווי אַלע אַנדערע אידישע אָסטראָזשניקעס. מערע, פאַנדרעס ווייב, און זיין שוויגער — די ביטערע אלמנהלע, שלאָגען זיך קוים דורך מיט דער הוצאה פון שטעהן ביי אַ טישעל אויף שקלאָווער מאַרק. דעם לעצטען כאָמעט האָבען זיי שוין פאַרקויפט נאָך סענדערס טויט. און די דריי קאָפּיקעס אַ טאָג, וואָס פאַנדרע באַקומט, אויסער „כאַרטש", פאַר זיין שווערער און מיאוסער אַרבייט, גיט ער אויס אויף רויכערן... זיין שטראָף-אַרבייט האָט איהם דערצו געבראַכט. אינדערהיים האָט ער קיינמאָל ניט גערויכערט, נאָר דאָ, ביים ריינינגען די אָפּטריטען אין אָסטראָג און אין שפּיטאָל, האָט ער זיך ביי שמחהלען אויסגעלערענט צו דרעהען גויעשקע „ציהאַרקעס" פון שטיקלעך ציייטונגס-פּאַפּיר, מיט מאַכאָרקע געפילט...

דער גיפטיג-ביטערער געשמאַק האָט איהם פריהער פאַרשאַפט ניט-גוטקייט, קאָפּ-שווינדעל. נאָר אָט האָט ער זיך, כמעט, ווי צוגעוועהנט צום שאַרפען טעם, וואָס רייצט אַזוי די יאַסלעס און דעם גומען און פילט אָן די לונגען מיט אַ באַטויבענדיגען רויך. דאָס פאַרטרייבט די שמאַיע און לאָזט אַראָפּ אַ רויכיגען שלייער, אַ לייכטע שכרות צווישען איהם און צווישען זיין אונריינער אַרבייט.

אָבער די דריי קאָפּיקעס אַ טאָג סטאַיען איהם קוים, קוים. ער, אַזוי ווי שמחהלע טורערו, מוזען זיך טיילען מיטן קאָנוואָי מיט זייער מאַכאָרקע. דאָס איז אַ מין שטום-אָפּגעמאַכטער כאַבאַר. אַ סאָלדאַט וועט דיר דאָך טאַטע און מאַמע פאַרקויפען פאַר אַ „ציהאַרקע", און אידישע אַרעסטאַנטען זעהען דערפאַר אַ מענשליכען שמייכעל אויף די פאַרגרעבטע פּנימער פון די באַוואָפענטע אויפזעהער, זיי הערען דערפאַר אַ ווייכערען קול פון

די הייזעריגע העלזער, וואָס זיינען געוועהנט צו שרייען און צו־ווידלען זיך. נישקשה, עס לוינט זיך פאַרביידע צדדים.

אַזוי האָרעוועט פאַנדרע, טאָג־איין טאָג־אויס, אויף דאָס ביסעל ביטערען רויך וואָס ער בלאָזט דורך די נאָזלעכער, און — אויף דער אַרעסטאַנטסקער „פּאַילע" אין בלעכערנעם „באַק". און שפּעטעלעס גליקען, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט שטילערהייט, איידער ער איז אַוועק אין שפּיטאָל ?.. פון די דאָזיקע גליקען הערט מען עפּעס ניט און מען זעהט ניט.

דערפאַר אָבער איז איין זאַך בעסער געוואָרען: די חבר־שאַפט צווישען איהם און שמחהלען. זינט שמחהלע האָט זיך צו־בונטעוועט אינמיטען דער נאַכט און דערנאָך צעכניקעט זיך, ווי אַ צוציק, איז ער בעסער געוואָרען. פאַנדרען האָט זיך איינ־געגעבען צו דערווייזען זיין אַמאָליגען חבר פון יאַטקע, אַז ער איז איהם דערזעלבער גוטער פריינד, אַז ער בלאָזט זיך גאָר ניט.

פאַנדרע דערווייזט דאָס איהם וואו נאָר ער קען. וואו שמחהלע איז שוואַך, דאָרטען העלפען איהם נחס אָרעמס אַרויס; ווי אַמאָל ביים קיילען די גראָבע קנאָכענס אין יאַטקע... זיי האָבען זיך שוין ביידע איינגעאַרבייט אין דער מיאוסער מלאכה, זיי טהוען עס כמעט מיט צופרידענקייט, אַבי אַרויספאָהרען אַלע טאָג, כאָטש אַ פּאָר שעה, אויפן מאָהליוווער שליאַך, וועל־כער פיהרט אַהיים; אַבי אָנאָטעמען־זיך מיט וואַלד איידער מען ווערט איינגעשפּאַרט אויף דער גאַנצער נאַכט.

— נישקשה, שמחה! — אַזוי מונטערט פאַנדרע זיין חבר ביים רייניגען די אָפּטריטען, — פריהער האָבען אַנדערע אַרע־סטאַנטען געאַרבייט אַזוי פאַר אונז, איצטער — מיר פאַר זיי... מיר'ן ניט שטאַרבען, שמחה!

שמחהלע, ווי זיין שטייגער איז, גיט עפּעס אַ בורטש, פאַרציהט זיך מיט זיין „ציהאַרקע" און שפּייט אויס. נאָר פונגם סאָרט בורטשען וואָס יענער בורטשעט דערקענט פאַנדרע, אַז ווינע ווערטער זיינען שמחהלען צום האַרצען, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי בייז ווי מען וואָלט געקענט מיינען.

אַ גליקלעכער טאָג איז היינט אויסגעפאַלן. דאָרפישע גויים, בעלי-גופים, זיינען פאַרביי־געפאָהרען. דערזעהענדיג די אַרעסטאַנטען ביי זייער אַרבייט, האָבען זיי זיך איבערגעצלמט און אָפּגעשטעלט זייערע פוהרלעך. אַ באַיאָהרענטער גוי אין אַ באַראַשקענער „מאַגערקע״ האָט אַרויסגענומען פון אַ זאַק אַ פּאָר אוגערקעס און דערלאַנגט די אַרעסטאַנטען. און זיין גויה, אין אַ נייער בלוי-רויטע כוסטע אויפן קאָפּ, מיט אַ קיילעכדיגען פרישען פנים ווי אַ ריבען, האָט זיי דערלאַנגט אַ שטיק חזיר אין אַ שטיקעל ריינעם, דאָרפישען לייווענט.

— ביאַרי, ראָדנאָי! — האָט זי פויעריש-פריינטליך גערעדט צו די אָסטראָזשינקעס און געוואָרפען אַ פּאָר בלויע אויגען אויף פאַנדרען. נחן האָט דער דאָזיגער קוק דערמאָנט אַמאָליגע שיקסעס אין די היי-שייערען, פאַר דער חתונה...

זיי ביידע האָבען לאַכענדיג צוגענומען די מתנות און באַדאַנקט. אַרבייטענדיג, באַלד צוויי וואָכען אויפן שליאַך, היינטער שטאָדט, זיינען זיי שוין געוואוינט צו דער פויערשער גוטהאַרציגקייט, און זאָגען זיך מעהר ניט אָפּ פון אַזאַ מתנה. זיי ווייסען, אַז אַן אָפּזאָג וואָלט געווען ערגער ווי אַ פּאַטש אין פנים. זיי ווייסען אויך מיט וואָס פאַר רחמנות פויערים באַציהען זיך צו אַרעסטאַנטען. ניט ווי צו פאַרברעכער באַציהען זיי זיך, נאָר ווי צו מענשען וואָס זיינען אַרייַנגעפאַלען אין אַן אומגליק. היינט — יענע, מאָרגען — מיר. ביי די אָנגעשטעלטע פון „קאָזנאַ״, ביי דעם פאָדאָטקעס-אויפמאָנער, ביים סטאַנאָוואָי מיט זיינע דעסיאַטניקעס איז דאָך קיינער ניט זיכער...

ווען די פויערים זיינען אָפּגעפאָהרען, האָט פאַנדרע לאַכענדיג איבערגעגעבען דעם קאָנוואָי דאָס חזיר-פלייש וואָס ער האָט באַקומען און די אוגערקעס גענומען פאַר זיך און פאַר שמהלען. און אָט זיצען זיי זיך אַזוי, צווישען די קוסטעס, און בייסען אַלע צו מיט וואָס גאָט און פויערים האָבען געגעבען. סיי דער קאָנוואָי, סיי די אַרעסטאַנטען — אַלע פיער קייען געשמאַק. און דער איינגעשפּאַנטער פערד אויפן שליאַך, צווישען

די האַלאַבאַליעס פון דער לאַנגער אומרייַנער פאַס. רייבט אויך אַריין פון אַן אונטערגעבונדענער טאַרבע, און וואַרפט צו זיינע פיהרער מיט דער מאַרדע. קוקט! — אַזוי רעדט ער, דאַכט זיך, צו זיינע באַלעבאַטים אויף שטום-לשון, איהר עסט זיך ווי מענשען. עזט געזונטערהייט! און אַט עס איך מיר אויך, ווי אַ פערד עסט. אַ דאַנק, אַ דאַנק!

.2

טשורילאָס אַנפאַל.

דער בלעטער-וואַלד, פון ביידע זייטען שליאַך, איז געשטאַנען אַן אַלולדיגער, פאַרטראַכט אין זיין תשובה-טאָן, נאָך אַלע זומערדיגע שטיפערייען און בליהערייען. יום-טובדיג האָט ער זיך געגרייט צום ווינטערדיגען יום-הדין, צו אָפּשמייסען הושענות מיט אַלע באַבלעטערטע צווייגען; צו די ערשטע פרעסט...

אין צימרינגדיגע קרינאַלינעס האָבען זיך בוימיכעס אויסגעפוצט און אין געלבע, אַלטמאָדישע טשיפּעקעס. אין לעבעלדיגע שלייערען, ברוין ווי ציקאָריע, און אין געדיכטע ברוסט-טיכער — טאַבאַק-בלעטער מיט ציטראָנען-הויט געמישט, און מיט קאַראַלענע פרענז... לעבען זיי — זייערע מאָגערע מענער — יונגע קליאָנען און דעמבעס, מיט זאַפרענדיגע בערד, מיט וואַקס-בלאַסע קיטלען און מיט גאָלדענע עטרות. יעטוועדער בוים מיט זיין אַנטועכץ פון אָסיען-בלעטער און מיט זיינע פאַרבען וואָס ער האָט זיך צוגעקלערט. און אינמיטען-דערינען שטעהט גאָר אַ געזונטער בוקס, אינגאַנצען ווי מיט פאַרקיהלט בלוט פאַרגאָסען און שרייט: „געוואַלד, דער האַרבסט האָט מיך אַוועקגעקוילעט!" און לאַכט בשעת-מעשה...

צווישען זיי אַלעמען — די יאָדלעס מיט זייערע טונקעלע גאָדלען — שטעהען אין קופּקעלעך און אין שערענגעס. קיהל

און צוריקגעצויגען שטעהען זיי אין דעם גאַנצען פאַרביגען געטומעל, אינם יום-טובדיג אויסגעפוצטען בוימער-המון. דאָס זיינען די אויפגעקלערטע יונגעליטלעך. גרינע אַפּיקורסים זענען דאָס! זיי האַלטען ניט פון ימים-נוראים אין וואַלד. פאַרן קומענדיגען ווינטער האָבען זיי קיין מורא ניט. גרין זענען זיי זומער און ווינטער גרינט זיך זיי אויך.

פון דאָס ביסעל שוין אָפּגעפאַלענע און אָנגעפוילטע בלעטער, צווישען די קוסטעס, טראָגט זיך אַ ריח פון געפרייעטע שוואָמען. און צעריסענע „זיידענע ציצית” שוועבען אין דער קלאָרער לופט, טשעפּען זיך אָן צווייגען. זיי בליאַסקען און פאָכען אויף די גרינע נאָדלען פון די סאָסנעס און אויף די געלבע שישקעס פון יעלניק, ווי צעלאָזענע מאָטיקלעך רוי-זייד אויף די שטעכיגע וואַליקעס פון קראַץ-מאַשינעס. דובראָווגע וואָלט פון זיי גאַנצע טליתים געקענט אויסוועבען.

— אָט, — מאַכט פאַנדרע און ווישט זיך דעם אונטערקעזאפט פון זיינע דיקליכע רויטע ליפּען, וויפיעל מאָל מיינסטו בין איך דאָ מיט „שמאַרעוואָזען” דורכגעפאָהרען? אויפן זעלבען שליאַך. די בייטש האָט געקנאַקט, און אויפן האַרצען איז געווען פרעהליך...

שמחהלע איז אָבער אַ ביטערער יונג. ער האָט פיינט זיסע רעדערייען. ער האָט ליעב אַ שנאַפּס. ער האָט ליעב פאַרגעסען, אָבער ניט דערמאָנען זיך.

ענטפערט ער פאַנדרען אָפּ מיט אַ צו-להכעיס:

— יקום פורקן מני שמיא!...

דער יקום-פורקן שפּרינגט אַראָפּ ווי אַ האָהן אין ראָסצענעס. ער פּאַסט זיך גאָר ניט צום אלולדיגען וואַלד. דערפיהלט דאָס פאַנדרע, דער באַלעגאָלע, דער געוועזענער שמייסער אויף ימים-נוראימדיגע שליאַכען, קוקט ער שמחהלען, קאָפּשאָקלענדיג, און פאַרריכט מיט אַ געצויגענעם, שטילען ברום:

— אַי, יצ—לה תחנונינו מע—ע—ווע—רב...

קען שוין אויך שמחהלע טורערו ניט אויסהאַלטען און העלפט-צו:

— וי—בא עד ביי—וויי—קע—ער *)!

די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי קוקען זיך אום, פאַרוואונדערט פון אַזאַ פאַרביינקט געזאַנגעכץ. ביידע אידישע אַרעסטאַנטען פאַרשעמען זיך אַביסעל און בלייבען אַ ווײַלע זיצען מיט אַ גאַרישעוואַטער מינע; ווי קינדער, ווען דערוואַקסענע, גראָבע מענשען שלאָגען זיי איבער אינמיטען שפּיעל. זיי דערפיהלען פלוצלינג די אומריינע, טרפהנע סביבה אַרום זיך. און כדי איבערצוגעהן אויף אַן אַנדער זאַך ווייזט פאַנדרע אָן אויף די שאָלעכץ פון די געשענקטע און אויפגעגעסענע אוגערקעס:

— אַ גאַנץ גוטע אומה — פאָניע...

— יאָ, יאָ, — מאַכט שמחהלע טורערו, — אַ טייערע אומה! צלמען זיך איבער און פלעטען דעם מח.

— אָט, — מאַכט פאַנדרע און שאָקעלט מיטן קאָפּ, — נאָר ניט אריינפאַלען צו „פּראַוויטעלסטווע" אין די הענט, אָבער אַזוי... איך בין מיט זיי שטענדיג גוט אויסגעקומען.

— אַ? מיט זייערע שיקסעס מיינסטו אודאי?... שעם זיך ניט, נח!

אַ געלעכטער האָט פאַנדרען אויפגעעפענט זיינע ווייסע ציינער. שמחהלעס שטאָך האָט איהם מיטאַמאָל דערמאָנט אָן דער געזונטער פרישער גויה מיט דער נייער כוסטע אויפן קאָפּ, וואָס האָט איהם, מיט אַ האַלבער שעה צוריק, געשענקט אַ שטיק חזיר, אָנגענומען איהם, אַ פּנים, פאַר אַ „זייעריגען". ער האָט אין איהרע לעבעדיגע אויגען דערזעהן אַ באַקאַנטען פייערל. ער קען שווערען, אַז זי וואָלט איהם אויסגעביטען אויף איהר אַלטען מאַן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איהר מוזשיק טראָגט אַ נייעם שעפּסענעם קאָזשוך און ער, פאַנדרע, — אַן אַרעסטאַנטען-שינעל. פאַנדרע איז שוין געוועזן גוט אויסגעהונגערט. אַ הייסע לוסט האָט געשפּיעלט אין זיין, דורך-אַרבייט, אָפּגעפרישטער בלוט. מערעס געשטאַלט, וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזעהן, האָט זיך אָפּגערוקט; ערגעץ-וואו אָן אַ זייט

*) ויבא עד בקר.

האָט זי זיך אָפּגערוקט אַקעגן דער אָקאָרשט בגעזעהענער גויה, מיט דעם קיילעכדיגען פּנים און מיט דעם קעצישען בלויען פייער אין די אויגען.

— ווער אַ טרונק־בראַנפען, — האָט ער שמחהלען צוריק־געשטאָכען, און ווער — אַן אַנדער זאַך. האָסט געזעהן די גויה מיט דער כוסטע? ווי אַ קאַץ אויף פלייש האָט זי געקוקט...

נאָר לאַנג טשעפּען דעם יצר־הרע האָט מען איהם ניט געלאָזען.

— נו, ווסטאַוואַי!... — האָט זיך דערהערט די גראָבליכע קאָמאַנדע פון קאָנוואָי. די סאָלדאַטען זיינען אויפגעשטאַנען נאָך דער אַכילה און, מעהר פון געוואוינהייט ווי פון בייזקייט, גענומען טרייבען די אַרעסטאַנטען צום פּאַס, כדי צו פאָהרען צוריק אין שטאָדט אַריין, צום אָסטראָג־צו און צום שפּיטאָל.

פּאַנדרע האָט אָפּגעבונדען דעם זעקעל האָבער מיט סיעטשקע פונם פערדס מאָרדע, מיט אַ געניטער האַנט אויסגעקערעוועט די פּאַס מיטן גאַנצען שפּאַן און געלאָזען זיך טריט ביי טריט נאָכן פערד, מיטן ציימל אין האַנט. און שמחהלע טורערו — פונם צווייטען זייט פערד, ביי דער צווייטער האָלאָבליע. הינטער זיי ביידען — די צוויי סאָלדאַטען פון קאָנוואָי מיט אָנגעצונדענע „ציהאָרקעס“ אין די מיילער. פּאַנדרעס און שמחהלעס מאַכאָרקע האָבען זיי געהויכערט. דערפאַר האָבען זיי ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד־געווען אויפן שטילען גאַנג פון פערד. כאָטש וויסען האָבען זיי גוט געוואוסט, אַז די אַרעסטאַנטען זיינען אויסען אויסצוציהען דאָס פאָהרעניש דורכן וואַלד, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך.

די פּראָצעסיע פון דעם אומריינעם וואָגען, מיט דעם פּאַס, מיט דעם קאָנוואָי און אַרעסטאַנטען, האָבען זיך אַזוי געשלעפּט איבערן שליאַך, אונטער פאַרגעלבטע צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגען פון ביידע זייטען, ווי דורך גאָלדענע טריאומף־טויערען מיט פאַרוועלקטע רויזען... ווען פּאַנדרע איז נאָך געווען אַ אינגעל, איז די פּריצטע פון שקלאָווער „הויפעל“ צום ערשטען מאָל אַראָפּ־געקומען מיטן פאַרעכאָד אין איהר „אימעניע“. און צוליעב איהר

כבוד־וועגען האָבען, דאַמאַלסט, שקלאָווער אידען געלאָזען אויס־פלעכטען מיני אַרקעס מיט בלומען, מיט גרינס און מיט סטענגעס, מיט שמאָכטעס און גאָלדענע פאַפירלעך. און אָט פאָהרט ער אַצינד אויך דורך אַזעלכע טויערען, נאָר אַ סך שענערע און העכערע, וואָס דער אלול אַליין האָט פאַר איהם אויסגעצאַצקעט... אָבער ווי אַ בייזער וויץ פון אַ ניט־גוטען זעהט דאָס פאַנדרען אויס אין זיין איצטיגער שמוציגקייט און פאַרשטויסענקייט; ווי אַ פייערליכער קאַטאָוועס פון אָסיענדיגע לצים: „מאַכט אַ וואַרע פאַר אָפּטריט־רייניגער! צאַצקעט אויס טויערען פאַר אָסטראָזשניקעס!...

און בוימער שאָקלען זיך איבער איהם און איבער זיין פּאַס, אין זייער געלב־רויטער פּאַראַד־אָנטועכץ, טרייסלען מיט געלבע גלחישע קוטשמעס האָר, הוידען מיט לאַנגע בראָקאַטענע אַרבעל, ווי בשעתן רויכערען ווייראַך:

— מיר מאַכען! מיר מאַכען!...

צי האָט זיך אָבער, הויך צווישען די צווייגען, אויף אַ קאָראַלענעם באַלקאָן, ניט באַהאַלטען זרש?... טאַקע זרש אַליין, המנס ווייב. אַ גרויסען טאָפּ פּאָמינעס האַלט זי גרייט אין די באַציהרטע הענט, כדי אָפּצוגיסען פון אויבען די, וועלכע פיהרען מיט אַזוי פיעל פּאָמפּע די מיאוסע פאַס דורכן יום־טובדיגען וואַלד? — —

דער שליאַך האָט זיך פאַרנומען אויף לינקס, און אַ גאַנצע שטיפעריש קאָמפּאַניע פון יונגע בעריאָזקעס זיינען, ווי פון אַ ווינקעל, אַרויסגעלאָפען מיט אויסגעקאָלכטע דינע שטאַמען און מיט פאַרגעלבטע בלעטער־קרוינען. ווי יונגע שיקסלעך אין ווייסע קליידלעך מיט צעפלאָשעטע בלאָנדע צעפּ זיינען זיי נייגעריג אַרויסגעלאָפען, כדי אָנצוקוקען די פּראַצעסיע פון פּאַס און אַרעסטאַנטען. און אַזוי אַרום — פאַרשטעלט מיט זיך איינגאַנצען דעם פאַרקירעוועטען שליאַך.

אויף אַ זייטיגען שטעג, צווישען די בעריאָזקעס, האָט פאַנדרע דערזעהן אַ שעהנעם פּאַיעטאָן, בלוי־לאַקירט, מיט צוויי גוטע פערדלעך געשפּאַנט, און אויף דער קעלניע — אַ געזונטען

קוטשער מיט אַן אָנגערוקטען קאַרטוז איבער די פֿייערדיגע אויגען. די אָנגעצויגענע לייצעס אין די הענט — גרייט אַרויס־צופֿאָהרען אויפֿן שליאַך, ווען דער באַלעבאָס וועט איהם נאָר הייסען. אָבער דער באַלעבאָס אַליין — אַ שוואַרץ־חנעוודיגער „שצאָגיל“, אין אַ נייעם פּאַלטאָ איז געזעסען אין פֿאַיעטאָן אויפֿן ווייכען זיץ, דער פּנים האַלב באַהאַלטען און געוואָרט, ווייזט אויס, אויף אימיצען, אויף אַ צווייטען, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען אין בעריאָזקע־וועלדעל צוליעב זיין באַדערפֿעניש. איז דאָס אויסגעקומען פֿאַנדרען אַביסעל מאָדנע. פֿאַרוואָס שטעהט עפּעס דער פֿאַיעטאָן אין וועלדעל פֿאַררוקט און ניט אויפֿן רעכטען שליאַך? נאָר געה פֿרעג קשיות ביי פּריצים! ווען פֿאַנדרע איז געווען אַ באַלעגאָלע האָט ער פֿון פּריצישע „שוּדאַקעס“ געזעהן גרעסערע משוגעתן...

ווען די פֿאַס מיט איהרע באַגלייטער איז אָפּגעפֿאָהרען, האָט זיך הינטער איהר דערהערט אַ קול פֿון אַ קוקושקע, אָבער אַזוי שעהן און קלאָר, און זאָל עס פֿעלען אַ האָר:

— קוּ—קהוּ! קוּ—קהוּ!...

ווי קומט אַ קוקושקע זאָל קוקעווען סוף זומער, אלוּל־צייט?... ניט אַנדערש, אַז דער פֿאַרשוין אין פֿאַיעטאָן רופֿט דאָס אַזוי זיין חבר, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען אין וועלדעל. „אַן איינפֿאַל פֿון אַ פּריץ“! טראַכט זיך פֿאַנדרע און גיט אַ מאַך מיט די פּלייצעס.

נאָר דער פֿערד פֿון אָסטראָג לאָזט איהם לאַנג ניט טראַכטען וועגען זייטיגע זאַכען. דער פֿערד פֿון אָסטראָג גיט פּלוצלינג אַ פֿיהר מיט ביידע אויערען, און פֿאַנדרע, וועלכער האַלט איהם ביים צוים, שפּיצט זיך אויך אָן. וואָרים פּלוצלינג דערהערט ער עפּעס אַ טעמפּען קלונג. ער וואָלט געמעגט שווערען — אַ באַקאַנטער קלונג פֿון קייטען, וואָס איז איהם שוין אויסגעקומען צוּ הערען, ניט איינמאָל, צווישען די רוצחים אין אָסטראָג מיט די געלבע „טויזען“ אויף די כאַלאַטען.

דער לאַנגער וואָגען מיט דער פֿאַס גיט זיך נאָך אַביסעל אַ קערעווע אין שליינגעל פֿון שליאַך, לאָזט איבער די לעצטע

בעריאָזקעס הינטער זיך, און פאַר פאַנדרעס אויגען וואַקסט אויס, ווי פון אונטער דער ערד, אַ צווייטער קאָנוואָי: צוויי „אונטער-פיהרער" סאָלדאַטען מיט בלויזע שווערדען אויף די אַקסלען, און אַ גרויסער גוי, אַן אָסטראָזשניק, אַן „עוג מלך הבשן" — איינ-דערמיטען. זאָל עס צומאָל ניט זיין דער געשלאָגענער גלית, וועלכען ער, פאַנדרע, האָט דאָ ניט לאַנג אַזוי פיין מכבד געווען? ס'איז עפּעס טשורילאָ דער אָסטראָזשניק און ניט טשורילאָ... אָנשטאָט אַ נאָז זיצט איהם אַ צעקוועטשטער בוריק אינמיטען פּנים. און דער מאוימדיגער פּרצוף-פּנים זיינער געהט גלייך אויף איהם, גלייך אויף איהם...

הפּנים, פון שפּיטאָל פיהרט מען איהם דאָס איצטער איבער, אין אַן אַנדער אָסטראָג, כדי זיי ביידע זאָלען זיך ניט אומברענגען, ווי צוויי קאָטערס אין איין זאַק. אַזוי האָט איהם טאַקע שפּעטעלע געזאָגט... און פּונקט דאָ, אין וואַלד, דאַרפען זיי זיך אַצינד טרעפען, גראַד דאָ.

ווייזט אויס אַז טשורילאָ האָט אויך דערקענט דעם, וועל-כער האָט איהם צעטרושצעט די נאָז מיט דער האַרטער גאָמבע, ווי מען צעטרושצעט אַ וועלשענעם נוס. ער האָט דערקענט דעם, וועלכער האָט איהם אין איין מינוט געמאַכט פאַר אויס „וויקי-דאַילאָ" אין אָסטראָג און דערנידעריגט פאַר אַלע אַרעסטאַנטען אין די אויגען. די בלוטיגע קוקערס זיינע האָבען פּלוצלינג אויפגעפלאַקערט מיט אַ העלישען פייער און ער האָט האַסטיג אַ טראָט געטאָן פאָראויס.

פון אומגעריכטקייט און פון מוראדיגען קוק, אויף ביידע זייטען צעקוועטשטען נאָז, איז פאַנדרען דורכגעלאָפען אַ קאַלטער שוידער אונטערן כאַלאַט: ער האָט דערפיהלט, אַז אַ באַרג פון שנאה רוקט זיך אויף איהם אָן. אַ חיה-שרעקעניש וואָס האָט ניט מעהר וואָס צו פאַרלירען. זי געהט אפילו, די חיה, אונטער אַ קאָנוואָי, אָבער צי זיינען זיי באמת גענוג שטאַרק, די צוויי זעלנערלעך, איינצוהאַלטען אַזאַ חיה ווען זי צעיושעט זיך?

ווי אַ בליץ האָט פאַנדרען אויפגעלויכטען אין קאָפּ שעמ-טעלעס וואָרנען איהם, ער זאָל זיך, למען-השם, היטען פאַר

טשורילאָן... אַלוּלדיג ווייך ווי ס'איז איהם געווען אויפֿן האַרצען אינם האַרבסטיגען וואַלד, איז ער ניט געווען גרייט צו שלאָגען זיך. האָט ער דערפֿאַר, כמעט ניט-ווילנדיג, געמאַכט אַ קליינע באַוועגונג אָפּצולאָזען דעם צוים פֿון פערד און באַהאַלטען זיך הינטער דעם פּאַס, נעהנטער צו זיין קאָנוואָי. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דערמיט וועט ער מאַכען צונישט דעם גאַנצען נצחון איבער טשורילאָן. האָט ער דוקא, אויף צו-להכעיס זיך אַליין, אויסגעגלייכט דעם רוקען און שטאַרקער אַ ציה-געטאָן דעם פערד פֿאַרן צוים: ניין, ברודער פֿאַנדרע, נעה גלייך, אַז דו געהסט!...

אין דערזעלבער רגע האָט טשורילאָ נאָך האַסטיגער אַ שפּריז געטאָן פֿון צווישען דעם קאָנוואָי אָן אַ זייט, דער צו-מזיקטער נאָז זיינער האָט זיך ביי איהם אָנגעגאָסען מיט בלויע בלוט, ווי די קרעלען ביי אַ געשלאָגענעם אינדיק. ער האָט זיך פּלוצלינג איינגעבויגען, און אַזוי גיך, אַז זיין גרויסער גוף האָט זיך ווי איבערגעבראָכען אין צווייען. זיינע פליישיגע, רויטע לאַפּעס האָבען אָנגעכאַפּט אַ געקאַלכטען שטיין; איינעם פֿון די שטיינער, וואָס זיצען פעסט פֿון ביידע זייטען שליאַך, ביי יעדען פערטעל וויאָרסט, און האָט איהם אויסגעריסען ווי אַ מעהרעלע. באַלד איז דער גרויסער גוף אויפגעשפרונגען, אויסגעגלייכט זיך, ווי אַ שטאָלענער בויגען, און דער שווערער שטיין האָט געגעבען אַ פליה פֿון זיינע הענט... ס'איז געווען אַ שליידער פֿון אַ געניטען פלאָקען-שיסער און מח-פלעטער. וואָרים געפלויגען איז דער שטיין גראָד-אויס, ווי אַ קויל, און איז געווען געציעלט פונקט אין פֿאַנדרעס קאָפּ אַריין.

אָט די גאַנצע רייה פֿון באַוועגונגען האָט דער גרויסער גוף אָפּגעשפּיעלט, איינס נאָך איינס, אַזוי אימפּעטיג און אַזוי פלינק, אַז דער קאָנוואָי פֿון ביידע באַגעגענטע גרופּען אַרעס-טאַנטען האָט זיך פֿאַרלוירען; ניט באַווידען אָפּצוהאַלטען דעם צעיושעטען גלית ניט צו באַשיצען נח-פֿאַנדרען פֿונם אָנפֿאַל.

אָבער נח אַליין האָט זיך ניט פֿאַרלאָרען. ער האָט שאַרף געהאַלטען אַן אויג אויף טשורילאָן. און ניט-קוקענדיג אויף דער-

בליק-שנעלקייט, מיט וועלכער דער וואָרף איז געטאָן געוואָרען, האָט זיך פּאַנדרע נאָך גיכער איינגעבויגען, און דער האַלב-פּו־דיגער שטיין איז, פייפענדיג און זשומענדיג, דורכגעפלויגען אי־בער דער גאַנצער לענג פון איין האַלאַבליע און דורכגעבראָכען ביידע דעמבענע דעקען פון דער אויסגעלעדיגטער פּאַס.

ווי אַ קויל פון אַן אַלטצייטיגען האַרמאַט האָט דער שטיין אָנגעפּראַלט אין דעם הילכיגען פּראָנט פון פּאַס, ווי אין אַ רײ־זען-באַראַבאַן אַריין, און האָט זי דורכגעשאָסען אַזוי, אַז קליאָפּ־קעס און שפּונט זיינען געפלויגען פון דער צווייטער זייט, צו פּאַנדרעס קאָנוואָי צו. דער דאָפּעלטער טערעבענץ, דורך ביידע דעקען, איז געוועזען אַזוי אומגעריכט-שטאַרק, אַז דער פערד איז אויפגעשפּרונגען דיבאָם. און פּאַנדרע, וועלכער האָט פּאָספּעיעט אויסצוגלייכען זיך, האָט איהם קוים דערהאַלטען פאַרן צוים. שמחהלע האָט זיך אַ האַלב-געחלשטער אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. און די סאָלדאַטען פון ביידע קאָנוואָיען האָבען אויפגע־הויבען אַ געוואַלד מיט אַ פינף-גאָרענדיגען אין דער מאַמען־אַריין. זיי האָבען זיך צעפּייפּט מיט די ליאַרם-פייפלעך, אַרויס־געכאַפּט די רעוואָלווערען פון די שיידלעך, און אַזוי-אַרום אָפּ־געטריבען טשורילאָן; געצוואונגען דעם צעיושעטען גלית אָפּצו־געהן אָן אַ זייט, הינטער די איבערגעפאַלענע אידישע אַרעס־טאַנטען, הינטער דער דורכגעבראָכענער פּאַס.

— ספּאַס באָך!*) — שאָקעלט דער סטאַרשער פון קאָנ־וואָי צו פּאַנדרען. און צוזאַמען מיט זיינע חברים טיקעט ער ווייטער די געלאָדענע רעוואָלווערען אין טשורילאָס מאָרדע, אין זיין צעמזיקטען נאָז אַריין: דו, אַזעלכער און אַזעלכער! אוביוועץ!**) מ'עט דיך ממיתן ווי אַ הונט! אין קאַרצער וועסטו פאַרפוילט ווערן!

דערנאָך האָט דער סטאַרשער אַרויסגעכאַפּט אַ בלייפּען פון אַרבעל-אומשלאָג, געטונקט אין מויל, ווי אין אַ טינטער, און מיט אַ מאַטערניש און שרייב-העויות פון אַ „הראַמאָטנעם"***)

*) גאָט האָט געראַטעוועט!

**) רוצח!

***) וואָס קען לייענען און שרייבען.

פאַרשריבען צפעס אינם זכּלבען קאָפּיקענעס ביכעלע, וואו ער פאַרשרייבט שטענדיג די צאָהל פון די אויסגעלעדיגטע פעסער.

אָבער טשורילאָ אַליין, דער אָנמאַכער פון גאַנצען טומעל, איז זיך געשטאַנען קאַלטבלוטיג. נאָר זיין פליישיגע ברוסט האָט זיך ביי איהם געהויבען, ווי אַ בלאָזאַק, נאָך דער אָקאָרשט-געמאַכטער, ניט-מענשליכער אָנשטרענגונג. סאָפּענדיג אַזוי, האָט ער אויסגעהערט אַלע סטראַשונקעס פון די סאָלדאַטען און גע-שוויגען. אָפּגעאָטעמט זיך, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, פאַרלצגט די שווערע הענט אונטער די פּאַכוועס, און מאַוימדיג, ווי אַ העסלעכער ריז, אַריבערגעקוקט איבער די קעפּ פון די צערייצטע זעלנערלעך מיט זייערע שווערדלעך און ביקסלעך. זיין בלוטיגער קוק האָט געזוכט דעם שונא זיינעם... און ער האָט איהם געפונען. ווי אַ ווילדער אָקס, איבער אַ נידעריגען שטעכיגען צוים, אַזוי האָט ער אַ ווילע אַריבערגעקוקט צו זיין גאַנץ-געבליבענעם זשידאָווסקען פיינט. אַ קריץ-געטאָן מיט אַלע צייהן און אַרויסגעפּאָנפּעט פון דער צעפּלעטשטער נאָז:

— ניע אוידיאָש, זשיד! כ׳וועל דיך נאָך דערטאַפּען!...

פאַנדרע איז שוין געווען געקומען צו זיך פון דער סכּנה, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגען איבער זיין קאָפּ. ער האָט אָבער טשורילאָס קול ניט דערקענט. ס׳איז מעהר ניט געווען יענער זעגעדיגער חוצפּהדיגער קול, וואָס האָט געוואָרפען אַ מורא אויף אַלע אַרעסטאַנטען. דער קול איז אַצינד געווען אָנגעשפּאָלטען און צוגעשטיקט, ווי די צעקאַליעטשעטע נאָז אַליין. אינם דאָזיגען פּאָנפּאַטען שילטען-זיך און סטראַשען, האָט פאַנדרע דערפיהלט די גאַנצע שוואַכקייט און צעבראָכענקייט פון אַ געוועזענעם „וויקידאַילאָ״, וואָס האָט פאַרשפּיעלט זיין גאַנצען כּבוד און זיין גאַנצע זיכערקייט; וועלכער האָט שוין אַצינד מורא אַרויסצורופען זיין שונא אויף אַן ערלעכען, אָפענעם געשלעג. נאָר ער זוכט אַ מיטעל ווי צו באַפאַלען איהם פון הינטען, אומגעריכטערהייט; אָפּטאָן איהם אַ מיאוסן שפּיצעל... דאָס האָט פאַנדרען צעפּענט זיין שטייפען מויל און אַנטפּלעקט זיינע שניי-ווייסע צייהן, אין אַ ראַם פון אַ גוטמוטיגען ברייטען

שמייכעל. דאָס האָט געהייסען: „טשורילאָ, כ׳בין גרייט! אַז ס׳וועט זיך מאַכען, וועל איך דיר נאָך געבען אויסגאָב״!...

פאַנדרעס ווייסע צייהן האָבען נאָך מעהר צערייצט דעם גלית דאָס טרפהנע בלוט זיינס. האָט ער זיך נאָך שאַרפער און נאָך מיאוסער צעפאָנפעט:

— רעזאָט וואָס ווסיעך זשידאָוו טרעקליאָטיך!... ס׳הייסט: אויסקוילענען דאַרף מען אייך, אַלע אידען פאַרשאָלטענע!

דער קאָנוואָי האָט אָבער איהם מעהר ניט געלאָזען דרשענען. דער סטאַרשער האָט אַ פייף-געטאָן מיט זיין פייפעל און אַ קאָמאַנדעוועטע-געטאָן:

— מאַרש, מאַרש!

טשורילאָס אונטערפיהרער האָבען פאַרוואָרפען די בלויזע שווערדלעך אויף די אַקסלען, און מיט די רעוואָלווערען אין די הענט אונטערגעכאַפּט:

— מאַרש!

אין דערזעלבער מינוט האָבען אויך די רעדער, אונטער דער צעבראָכענער פאַס, אַ סקריפּ-געטאָן. דער וואָגען האָט זיך געריהרט. און ביידע גרופּעס אַרעסטאַנטען, ווי די פונאַנדער-געריסענע צעקריגטע הענער, זיינען זיך אין איילעניש צעגאַנגען אויפ׳ן מאָהליווער שליאַך. יעדערער אין זיין זייט.

אַ מאָדנע נקבה

.1

דעם ווייטערדיגען וועג, דורכן וואַלד, האָבען אונזערע אַרעסטאַנטען געמאַכט מיט אַ צעבראָכענער פּאַס. ביז צום אָסטראָג איז נאָך געבליבען אַ פּאָר וויאָרסט.

פֿאַנדרע האָט זיך געווישט דעם שווייס. ס׳איז אויף איהם אַנגעקומען יענע שוואַכקייט פֿון נאָך-אַן-איבערגעלעבטער געפֿאַהר, ווען אין קאָפּ ווערט קלאָר און דער גוף איז מאַט ווי נאָך אַ קרענק. ערשט אַצינד האָט ער קלאָר באַגריפען, אַז עס איז געגאַנגען אום איין האָרעלע זיין שטאַרבען זאָל צעטרושצעט ווערען, ווי אַ קירבעס אונטערן האַמער.

— מעגסט בענשען גומל! — מאַכט צו איהם שמחהלע און אין האַרצען איז ער צופרידען וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די פּאַס איז צעבראָכען געוואָרען. וואָרים ביז מען וועט זי פֿאַריכטען וועט מען דערווייל ניט אַרבייטען. שמחהלע טורערו האָט זיך צו זיין מיאוסער אַרבייט בשום-אופן ניט געקענט געוועהנען.

פֿאַנדרע האָט צו איהם שוואַך אַריבערגעשמייכעלט, איבער דער גריוועס פֿון פֿערד, אַזוי ווי עס שמייכעלט אַ גענעזען קינד. ער האָט איהם עפּעס געוואָלט זאָגען צו דער זאַך. נאָר אין דערזעלבער רגע האָט זיך פֿונדערווייטענס ווידעראַמאָל דערהערט דער רופענדער קול פֿון אַ קוקושקע:

— קו—קהו, קו—קהו!

— אַ קוקושקע ווי איך בין אַ רבֿ! — מאַכט פֿאַנדרע ניט צו דער זאַך, אַביסעל פֿאַרקלערט — ניטאָ אָנהויב אָסיען קיין קוקושקעס. אַפּנים ווייטער דער פֿאַרשוין אין פֿאַיעטאָן. אַן אַקט אַביסעל מיטן פֿריץ אין פֿאַיעטאָן!..

— קיין אַנדערע זאַכען ליגט דיר איצטער ניט אין קאָפּ?

— גיט שמחהלע אַ מאַך מיט די פּלייצעס.

— אַ געוואונענער קאָפּ... — שמייכעלט פֿאַנדרע מיטן גענעזענעם שמייכעל, — טאָ זאָל אין איהם ליגען וואָס עס ליגט.

שמחהלע ענטפֿערט מעהר ניט. ער געהט נאָך נאָכן פֿערד און טראַכט, אַז פֿאַנדרעס לשון האָט זיך געביטען. דאָס צינגעלע האָט זיך איהם אין אָסטראָג פֿאַרשאַרפֿט. אַ נייע „עברי" אויסגעלערענט זיך. אַפּנים ביי שעפּטעלע גנב... שניידט אָפּ ווי מיט אַ חלף. אין אַמאָליגע צייטען, אַלס אַ קצב און דערנאָך אַלס באַלעגאָלע, פֿלעגט ער קוים אַ פּאָר ווערטער קענען צוזאַמענבינדען. און זוכענדיג אַ וואָרט האָט ביי איהם, בשעת מעשה, געברומט אין בויך, ווי אַ ווידער-קול פֿון אַ פּוסטען ברונעם.

די צעבראָכענע פּאַס גופא האָט זיך דערווייל געלאָזט הערען איבערן גאַנצען שליאַך. זי האָט זיך צעלאָזען מיט איהר שווערען ריח, אויף-צו-להכעיס די אלול-בוימער מיט זייער גאָלד און צימרינג און זאַפֿרען-פֿאַרבען, אויף-צו-להכעיס זייער זיסליכען, יערענדיגען שוואַמען-גערוך. אַזוי פֿיהרט זיך אויף אַ גראָבער יונג, אַן אויסוואורף, צווישען אויסגעפּוצטע מחותנים, ווען ער דערפֿיהלט זיין אייגענע גראָבקייט, זיין נידעריגקייט: „נאַט אייך און ווייסט! כ'האָב אייך אין דר'ערד מיט אייער חתונה!..."

אפילו גויים אין פּוהרלעך, וואָס זיינען געוואוינט צו הנאַי*) אויף די פֿעלדער, האָבען זיך, פֿאַרבייפֿאָהרענדיג, געכאַפּט פֿאַר די נעז:

---

*) מיסט.

— דוך־טאָ, האָספּאָדי, קאַקאָי! *)

— טיזשאָלי דוך־טאָ! **) — האָבען זייערע פּלוניתטעס באַשטעטיגט.

גוטמוטיגערע האָבען זיך צעווערטעלט מיט די אַרעסטאַנטען:

— זדאָראָוואָ, זאָלאָטאָראָטניקי! ***)

— „זדאָראָוואָ, איבער־אַ־יאָהר דו!" — האָט זיי שמחהלע מיט גרויס פריינטשאַפט אָפּגעענטפערט, גויעש און אידיש פאַרשלונגען. די גוים האָבען עס אָנגענומען פאַר אַ וואַרימען דאַנק.

אַרעסטאַנטען טאָרען ניט רעדען מיט זייטיגע מענשען. נאָר די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי האָבען אויף דעם געקוקט דורך די פינגער. דאָס האָבען געמאַכט די „ציהאַרקעס" און די „סאַלאָ"****) וואָס זיי האָבען היינט באַקומען צום אָנבייסען פון זייערע אַרעסטאַנטען. זיי האָבען אפילו געוואוסט פון דער גרויסער פריינטשאַפט צווישען פאַנדרען און טשורילאָן און די סיבות פון דער דאָזיגער פריינטשאַפט. רופט זיך אָפּ דער סטאַרשער פון קאָנוואָי:

— נאָי*****), דאָס האָסטו איהם, דאַכט זיך, אַזוי באַארבייט די „רילאָ"******), דעם אוביוועץ*******)?

פאַנדרע האָט נאָר שטיל אַ לאַך געטאָן. דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגען, אַז ס'איז אַן אמת און אַז ער, פאַנדרע, פאַרגעסט ניט, אַז דער וואָס פרעגט איז אַ סאָלדאַט און דער וואָס ענטפערט איז בלויז אַן אָסטראָזשניק... דאָס איז דעם קאָנוואָי געפעלען געוואָרען.

— אָדנאָ סלאָוואָ! — רופט זיך אָפּ דער צווייטער קאָנוואָיניק, — אַ פאַרקוקעניש געמאַכט פון איהם! יעי באָהו!...

— היינט וועט מען שוין מעהר ניט אַרבייטען, — שלאָגט

*) אַ ריח! — רבונו־של־עולם.

**) אַ שווערער ריח!

***) אַ גאָט־העלף, אָפּטריט־ריינינגער!

****) חזיר־פעטס.

*****) נח.

******) שנוק.

*******) רוצח.

איהם איבער דער סטאַרשער, וויסענדיג, אַז אַזאַ אָנזאָג וועט די אַרעסטאַנטען הנאה טאָן, — כ'מוז אָפּגעבען אַ ראַפּאָרט אין „קאַרצעראַליע", וואָס דער טשורילאָ האָט אָפּגעטאָן. ער וועט שוין קריגען זיין לוין! סטאַלאַ ביט —

און ווי ער רעדט דאָ אַזוי און גיסט בוימעל אויף די הערצער פון זיינע אַרעסטאַנטען, ערשט עפּעס אַ שוואַרץ-חנעוו-דיגע ווייבעלע אין אַ געפּאַסעקטען העל-בלויען קליידעל, מיט אַ ווייסען פאַרטוך און מיט אַ ווייסען קאָפּ-טיכעל לויפט זי אַקעגען אויפן שליאַך. פון דאָרטען, וואו דער וועג פאַרקערעוועט זיך צום אָסטראָג און צום שפּיטאָל, איז זי אַרויסגעלאָפען. דערזעהן די פּראָצעסיע פון אַרעסטאַנטען און פּאַס מיטן קאָנוואָי, איז זי אַ רגעלע שטעהן געבליבען אין פאַרלעגענהייט און געהאַט בדעה אַריינצולויפען צווישען די בוימער פון וואַלד. זי האָט זיך אָבער, קענטיג, מישב געווען, גענומען שמעקען די לופּט, פאַר-שטעלט זיך די נאָז מיט אַ האַלבען פנים, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געלאָזען זיך געהן געלאַסענער און דוקא דעם קאָנוואָי אַקעגען. די צעבראָכענע פּאַס פון די „זאַלאַטאַראָטניקעס" האָט איהר, הייסט דאָס, ניט פאַרשמעקט. נאָר זי האַלט זיך פעסט און געהט אַקעגען. זי וויל, הייסט דאָס, ווייזען אַז זי איז ניט קיין ציטעריגע און וויל קיינעם ניט פאַרשעמען...

אַז זי האָט זיך דערנעהנטערט, האָט מען, לויט איהר מלבוש, דערקענט, אַז ס'איז ניט קיין אַנדערע ווי אַ „באַרם-האַרציגע שוועסטער" פון נאָהענטען שפּיטאָל, מיט אַ צעקנייטש-טען פאַרטוך — ניט זעחר קיין זויבערער, מיט אַ קאָפּ-טיכעל — אויך ניט פון אונטערן פרעסעל און מיט אַ רויטען צלמל אויפן אָרעם-באַנד. און עפּעס איז אויף איהר דאָס גאַנצע אָנטוועכץ צו לאַנג און צו אָנגעפּאַלדעוועט אויף דער איינגעפּאַלער ברוסט. זי פּלאָנטערט זיך אין איהרע מלבושים ווי אַ טעכטערל אין דער מאַמעס קליידעל. און אינגאַנצען איז זי עפּעס פאַרשמאַיעט און פאַרהאַוועט ווי אַ ריהרעוודיגע אידינקע, וואָס האָט איהר בייטעלע פאַרלאָרען, ווייסט ניט וואו, און לויפט עס אָפּזוכען אויפן מאַהליוער שליאַך.

האָט פּאַנדרע געמיינט, אַז מען האָט זי דאָס אַרויסגע־שיקט פון שפּיטאָל אָנצויאָגען טשורילאָן, וועלכען מען האָט אָקאָרשט פון דאָרטען אויסגעשריבען.

— זעה, — מאַכט ער צו שמחהלען — ס'איז ניט קיין גלאַטע מעשה. טשורילאָ האָט עפּעס אָוועקגעלקחענט זאָג איך דיר! מ'וועט איהם נאָך אומקעהרען...

אָבער שמחהלע ענטפערט ניט. ער קוקט נאָר שאַרף אָן דאָס „באַרמהאַרציגע שוועסטערל" און בורטשעט:

— אַ— אַ— מאָדנע נקבהקע!

באַמערקט אַז מען באַטראַכט זי צו שטאַרק, האָט זיך דאָס שוועסטערל צעטומעלט, גענומען פּלאָנטערען זיך אין לאַנגען קליידעל, אָפּגעלאָזען איין האַנט פון די פאַלדען. דעם שוואַרץ־חנעוודיגען האַלב-פאַרדעקטען פּנימל ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן.

דערזעהן אַזאַ פאַרשעמעניש פון אַ נקבה, האָבען די סאָל־דאַטען פון קאָנוואָי געמיינט, אַז דאָס האָבען איהר זייערע פאַר־דרעהטע וואָנצעס אַזוי „דעם קאָפּ פאַרדרעהט"; אַז זייער כוואַט־סקער גאַנג און דער קלונג פון זייערע שווערדען האָבען דאָס איהר געטראָפען גלייך אין האַרצען אַריין... האָבען זיי אויפן יונישען שטייגער גענומען קאָקעטירען, טרייבען גראָבע קאַטאָ־וועסלעך:

— וואוהין איילסטו זיך, שוועסטערל?

— דעם עק אַראָפּגעלאָזט.

— באַווייז די מאָרדעלע!

— דאָס קליידעלע העכער!

— שפּעטער נאָך „סלוזשבע"... ווילסט?

— וועט מען אַ הוליע-טאָן, אַ?

דערהערט אַזעלכע זיסע רייד, איז דאָס שוועסטערל אינגאַנצען אומגעלומפּערטען קליידעל געוואָרען אַ ביסעל זיכערער, געמאַכט אפילו אַ מינעלע מיט אַ פּיסקעלע פון אַ דינסטמיידעל, וואָס לאָזט זיך ליבען און בעוואונדערען... שמחהלען, דעם ממזר, האָט אַזש אַ געלעכטער אָנגעשפּאַרט:

— וואָס זאָגסטו?... — מאַכט ער שטילערהייט צו פּאַנ־

דרעגן, — וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער יענטעצקע אין שלומפּער?

— טאַקע אַ מאָדנע נקבהקע! — באַשטעטיגט פּאַנדרע שמחהלעס פריהערדיגע ווערטער און האַלט אַביסעל אָפּ דעם פּערדעל, כדי בעסער אַריינקוקן דעם שוועסטערל אין די אויגען אַריין. עפּעס באַקאַנטע אויגען.

חנדלענדיג זיך אַזוי און קוקענדיג פונדעסטוועגן אָן אַ זייט, מיט אַ פאַרשטעלטען מויל, האָט זיך דאָס שוועסטערל באַלד אויסגעגלייכט מיטן פערד און וואָגען. אַ ציה-געטאָן דורך די פינגער מיטן נעזעלע, פאַרקרימט זיך זעהר שטאַרק און אגב טאַקע פאַרשטעלט דאָס גאַנצע געזיכט און געכאַפּט לויפען. משמעות — פון שלעכטען ריח אַנטלאָפען. ניט אויסגעהאַלטען...

די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי האָבען איהר נאָכגעהירזשעט ווי די איינגעשפאַנטע זשרעבעצעס, וואָס דערזעהען אַ קליאַטשע אין פרייען פעלד. דרעהען זיי די נאָזלעכער מיט אַ „הי—הי" און וואַרפען מיט די גריוועס. און אַרויס פון שפּאַן קענען זיי ניט...

— אַך, ווען ניט די סלוזשבע! — מאַכט דער סטאַרשער מיט פאַרדראָס און דרעהט די וואָנסעס. און ס'איז קענטיג גע-ווען, אַז דאָס שטיק חזיר-פעטס, וואָס ער האָט מיט אַ האַלבער שעה צוריק אַריינגעפּאַקט אין זיך, האָט זיך שוין אין איהם גוט צעוואַרימט.

— פּאָשאָל! — האָט דער אינגערער סאָלדאַט מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן אויף די אַרעסטאַנטען, כאָטש יענע האָבען געשפּרייזט ניט ערגער ווי פריהער. און ס'האָט זיך געפיהלט אַ האַס אין זיין געשריי. אַ האַס צו די צוויי גרויע אַרעסטאַנטען וואָס שטעהען אַצינד צווישען איהם און דער אַנטלאָפענער נקבה.

פּאַנדרע האָט, אָבער, ניט קלאָר געהערט וואָס דער סטאַר-שער רעדט און דאָס וואָס דער אינגערער פון קאָנוואָי בייזערט זיך. דאָס האַלב-פאַרדעקט פנימל פון דער „שפּיטאָל-שוועסטערל" איז איהם עפּעס אויסגעקומען שטאַרק באַקאַנט. אָט די שוואַרצ-קייט פון שמאָלינקען שטערען, אָט דער לעבעדיגער קוק פון אונטערן קאָפּטיכעל! אפילו די געמאַכטע חנדלעך... עפּעס צו

אידישלעך האָט זי אויסגעזעהן, די שפּיטאָל־שוועסטער מיטן דרוי־סען צלמל אויפֿן אַרבעל.

שמחהלע האָט אַפּנים געטראָפֿען זיינע געדאַנקען, וואָרים גר האָט איהם געמאַכט אַ קצבישע העויה מיט איין אויג און מיט איין באַק, פֿונם צווייטען זייט פֿון שפּאַן, און האָט אַריבערגעמורמעלט צו איהם איבער דער גריווע פֿון פערד:

— אַ מאָדנע נקבהקע, אַ?

און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, געזעדט שטיל, ניט צו פאַנדרען, נייט צו זיך אַליין:

— ציגענע נסים היינט אין וואַלד. דאָס — פּריצים אין פּאַיעטאָנען, דאָס גזלנים, דאָס נקבות... ווען ניט דאָס יענטעוואַטע קליידעל, וואָלט מען געקענט שווערען, אַז ס'איז שעפּטעלע... ווי איך בין אַ איד! נאָר וואו האָט ער דאָס אַהינגעטאָן די וועגסעלעך, דער גנב?

— קו־קהו!... האָט זיך דערהערט גאָר נאָהענט הינטער דעם קאָנוואָי.

שמחהלעס אומגעריכטע ווערטער און דאָס נאָהענטע קו־קעווען פֿון הינטען, האָבען פאַנדרען איינגאַנצען אויפֿגעשראָקען מיט זייער פּלוצימדיגער קלאָרקייט און צוזאַמענטרעפען. עפּעס ווי ער וואָלט געהאַלטען אין אָנרייבען איין־איינציג שוועבעלע און דאָס גאַנצע קעסטעלע האָט איהם אויפגעריסען אין די הענט.

ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן, און נאָך איהם שמחהלע און דער קאָנוואָי. אפילו דער פערד האָט דערפּיהלט אַז מען מעג אַ ווײַלע שטעהן בלייבען און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ נייע, גאָר אומגעריכטע סצענע האָבען זיי אַלע דערזעהן. דאָס אָקאָרשט־שעמעוודיגע, ניט־פלינקע „שוועסטערל" פֿון שפּיטאָל, איז אַצינד געלאָפֿען אַראָפּ־שליאַך, ניט ווי אַ נקבה מיט אַ שווערען שלומפער, נאָר ווי אַ יונגער פאַזשאַרניק אויף אַ שרפה. איהר צו־לאַנגען אָנטועכץ האָט זי אַצינד געהאַלטען אין ביידע הענט, פֿון ביידע זייטען, ווי מען האַלט צוויי פּאָלעס ביים איבערלויפֿען אַ בלאָטע. אונטערן הויך־פאַררייסענעם קליידעל האָבען זיך אַצינד געבאָמבעלט אַ פּאָר דינע פיס, אין

שוואַרצע מאַנסבילשע הויזלעך. גיך־גיך האָבען די פיסלעך פּאַבריקעוועט אַראָפּ־שליאַך אַזוי, אַז דאָס קאָפּ־טיכעל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן נאַקען און אַנטפּלעקט אַ געשוירענע פּאַטילניצע. איינע פון יענע מאָגערינקע און געשוירענע פּאַטיל־ניצעס פון יונגע ווייבלעך וואָס שטעהען אויף פון אַ טיפוס.

— קו־קהו, קו־קהו, קו־קהו! — האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט אַ פויגעלשער קול. דאָסמאָל איז דאָס קוקעווען גע־ווען צו האַסטיג, ניט־נאַטירליך. און מען האָט קלאָר געהערט, אַז ניט קיין אַנדערע ווי דאָס אַנטלאָפענע „שוועסטערל“ לאָזט פון זיך אַרויס אַזעלכע טענער. ס׳איז אָבער פּאָרט געווען זעהר עהנליך צו דעם „קוקו“ פון יענעם פאַרשוין, וואָס איז פריהער געזעסען אין פאַיעטאָן, צווישען די בעריאָזקעס... הייסט עס, אַז ס׳איז אַן אָפּגערעדטער צייכען?

די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי זיינען נשתומם געוואָרען. די מיילער האָבען זיך ביי זיי אויפגעמאַכט. וואָרים באַלד נאָך דעם דריי־גאָרענדיגען קוקעווען איז, ווי אויף אַ וואונק פון אַ קונ־צענמאַכער, אַרויסגעפלויגען אויפן שליאַך אַ פאַיעטאָן מיט צוויי הייסע פערד. טאַקע דער פריהערדיגער פאַיעטאָן, וואָס האָט זיך געווען פאַרטאַיעט אינם בעראָזעווען וועלדעל. ווי אַ וויכער האָט ער זיך געטראָגען גלייך אויף דער שפּיטאָל־שוועסטערל, וואָס לויפט איהם אַקעגען.

— קו־קהו! — האָט אימיצער פון פאַיעטאָן אַרויסגעזונגען.

ווען ס׳איז געבליבען נאָך אַ צעהן טריט צווישען פאַיעטאָן און דער לויפענדיגער נקבה, האָט זיך דער גאַנצער געשפאַן אַ וואָרף־געטאָן אָן אַ זייט, און שאַרף אַ קערעווע־געטאָן זיך אויף צוריק. אַזוי שניידיג איז דער קעהר געמאַכט געוואָרען, אַז דיביידע צעיאָגטע פערדלעך זיינען אויפגעשפּרונגען אין דער הויך, שיער די האַלאָבליעס ניט דורכגעבראָכען, שיער דעם פאַיעטאָן ניט אומגעוואָרפען. דער קוטשער איז אָבער, ווייזט אויס, געווען אַ געניטער אָנטרייבער. ער האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט אויף דער קעלניע, מיט אָנגעצויגענע לייצעס, און אויסגעהאַלטען גלייכגעוויכט מיט זיין אייגענעם גוף. די דאָזיגע

געפערלעכע רגע, פון אויסקירעווען זיך, האָט דאָס „שוועסטערל" מיט די שוואַרצע מייטקעס גוט אויסגענוצט. ווי אַ וועווערק האָט זי, אינמיטען לויפען, דערלאַנגט אַ שפּרונג-אַרויף אין פאַיעטאָן, און פון גרויס אימפּעט אַריינגעקויקעלט זיך אין זיין טיפען צופוסען, פאַרשוואונדען געוואָרען... באַלד אָבער האָט זי זיך צוריק באַוויזען איבערן הויכען לעהן פון זיץ, שוין אינגאַנצען אָהן אַ קאָפּ-טיכעל און מיטן פּנים צום ערשטוינטען קאָנוואָי, צו פאַנדרען און צו שמחהלען. איהר ווייסען קאָפּ-טיכעל האָט אַצינד די מאָדנע נקבה געהאַלטען אין האַנט און געפאָכעט מיט איהם חוצפּהדיג און פרעהליך, ווי איינע וואָס געזעגענט זיך מיט קלעפּעדיגע קאַוואַליערען. אי, הייסט דאָס, זי חנדעלט זיך נאָך מיט זיי, אי זי וויל פון זיי וואָס גיכער פּטור ווערען.

— קו—קהו! — האָט זי זיך מיט זיי נאָכאַמאָל אַ רייץ-געטאָן פון דערווייטענס. ס'הייסט: אָט ווייסט איהר אַצינד מיין סוד און... קושט אַ בער!

די פערד מיטן פאַיעטאָן האָבען זיך בעת-מעשה געטראָגען ווי אַ רוח. דאָס ווייסע טיכעל האָט געפאָכעט, און באַלד איז דער גאַנצער געשפּאַן, מיט דער מאָדנער נקבה און שווייגעדיגע פאַרשוינען, פאַרשוואונדען געוואָרען אינם בויג פון מאָהליווער שליאַך. נאָר געלבע בלעטלעך זיינען נאָך זיי שטיפעריש נאָכגעפלויגען.

ביים קאָנוואָי האָבען זיך פאַרמאַכט די אָפענע מיילער. די גויעשקע קעפּ זייערע האָבען זיך געבראָכען איבער אַזאַ „פורים-שפּיעל", איבער אַזאַ פאַרבלענדעניש פון ווייב און מאַן בשעת אַזאַ משוגענעם גאַלאָפּ, וואָס האָט זיך, אין איין רגע, פאַרבייגעטראָגען פאַר זייערע אויסגעלופּעטע אויגען. דער אינגע-רער האָט זיך אפילו איבערגעצלמט:

— טשודיסאַ — אָדנאָ סלאָוואָ! *)

— דאַלזשנאַ, ס'ליובאָווניטשקאָם אוטיקלאַ! **) — מאַכט

---

*) נסים, מיט איין וואָרט!

**) מיט אַ ליובאָווניקעל, ווייזט אויס, אַנטלאָפען!

דער סטאַרשער מיט זיכערער זעלבסטצופרידענקייט פון אַ ייִד, וואָס איז גוט באַקאַנט אין ענינים פון ליעבע. דערביי האָט ער נאָך צוגעגעבען אַ פעפערדיג וואָרט מיט אַ שפּיי דורך די ציינער, אַז די רויטע בלעטער פון אלולדיגען וואַלד זיינען נאָך רויטער געוואָרען.

— געוועז פאַרנומען די זונה! — באַקלערט זיך דער אינגערער סאָלדאַט — דערפאַר, הייסט דאָס, האָט זי אונז גע־לאָזען אין ראָסעל.

און מיט אַ בייזקייט פון אַן אפגעגאַרטען קאַוואַליער, האָט ער זיך פלוצלינג צעשריען אויף די אַרעסטאַנטען:

— נו, טראַהאַי, סוקיני־דיעטי!*) וואָס האָט איהר זיך פאַרקוקט ווי די וואָראָנעס?...

דער וואָגען פון אָסטראָג האָט זיך ווייטער אַ ריהר־געטאָן מיטן הייזעריגען סקריפּ פון שלעכטע רעדער און מיט אַ טראַס־קעריי פון דער דורכגעבראָכענער פאַס. דער אַקעגענדיגער ווינט האָט דורכגעבלאָזען איהרעביידע לעכער און געוואָרפען אויפן קאָנוואָי פון הינטען דעם ספּעציפישען גערוך. פּונקט ווי ער וואָלט זיי אלולדיג געוואָלט מוסרן, מעורר־לתשובה־זיין:

— אַ מענש... דער אָנהויב זיינער איז ערד און דער סוף זיינער איז ערד. דאָס לעבען — מיסט און די ליעבע — מיסט.

אָבער די סאָלדאַטען פון קאָנוואָי האָבען זיך ניט געקענט באַרוהיגען. אייפערזיכטיג און פאַרדראָסיג האָבען זיי אַלץ געשמועסט צווישען זיך וועגען דער מאָדנער נקבהקע אויפן שליאַך.

דאָס האָט פאַנדרע אויסגענוצט. ער האָט זיך גיך אומגע־קוקט, אַ סאָפּע־געטאָן מיט דער נאָז, כדי צו פאַרמאַסקירען זיין קול, און אַריבערגעוואָרפען אַ פּאָר ווערטער איבער דער גריווע פון דעם פערד צו שמחהלען:

— ברודער, שמחה, דו האָסט געטראָפען!

— ווי? — מאַכט שמחהלע און פאַרקוועטשט איין אויג.

---

*) ריהרט זיך, הינטישע זיהן!

— שווייג! גיט פּאַנדרע אַ סאָפּע מיט דער נאָז, אַ ווינק אויפֿן קאָנוואָי, און גיט האַסטיג אַ ציה דעם פֿערד בײַם אָפּגעלאָזענעם צוים.

אָנגעקומען צום אָסטראָג, האָט זיך דער קאָנוואָי אָנגע־שטויסען, אין הויף, אויף אַ שטיקעל גערודער: סטאַראַזשעס מיט שליסלען, דער נאַדזיראַטעל. דער „פּאָמאָטשניק סמאָטריטעל" האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט און געבייזערט זיך. אַ צווייטע „באַרמהאַרציגע שוועסטער" פֿון שפּיטאָל, אַ הויכע און אַ דיקע, איז געשטאַנען אַ פּאַרווייַנטע און עפּעס דערצעהלט...

האָט דער סטאַרשער פֿון פּאַנדרעס קאָנוואָי אייַנגעזעהען, אַז איצטער איז געקומען די ריכטיגע צייט צו דערווייַזען, פֿאַר גאַנץ נאַטשאַלסטוואָ אין די אויגען, זיין טריישאַפט צום קיסר, ירום הודו, און ווי „הראַמאָטנע" ער איז. האָט ער פֿון אַרבעל־אומשלאַג אַרויסגעשלעפּט זיין קאָפּיקענע העפטעלע און, האַל־טענדיג די האַנט אונטערן קאָזיראָק, צוגעטרעטען צום פּאָמאָטשניק, כּדי אָפּצוגעבען איהם ראַפּאָרט וועגען דער צעבראָכענער פּאַס, וועגען טשורילאָס מעשים, וועגען —

נאָר דער פּאָמאָטשניק האָט אויף איהם גאָר אויסגעשטעלט אַ פּאָר גזלנישע אויגען און אַ געשריי־געטאָן:

— פּ'שאָל וואָן!... אין קאַנצעלאַריע געה!

* * *

אין יענעם טאָג האָבען פּאַנדרע און שמחהלע טאַקע מעהר ניט געאַרבייט. אין דער גרויסער קאַמער פֿון אָסטראָג האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז שעפּטעלע־גנב איז מיט אַ פּאָר שעה צוריק אַנטלאָפֿען פֿון שפּיטאָל. ער האָט ערגעץ־וואו פּאָטיאַפּעט אַן אָנטועכץ פֿון דער באַרמהאַרציגער שוועסטער, וואָס יענע האָט אַרייַנגעוואָרפען אין קאָרב פֿון שוואַרצע וועש, און האָט דאָס אויף זיך אָנגעטאָן, אָנשטאָט דעם האָט ער אין קאָרב איבער־געלאָזען זיינע אַרעסטאַנטסקע קליידער. דעם שפּיטאָל־כאַלאַט, די גרויע פלודערען. די שצאָגעלסקע שטעק־שיך... מען רעכענט, אַז אימיצער האָט איהם באַזאָרגט מיט ציוויל־קליידער, וועלכע

ער האָט אָנגעטאָן אונטער די ווייבערשע. ווייל אין איין סיטצענעם קליידעל „וועסטו אין סענטיאַבער ווייט ניט אַנטלויפען״... אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דעם פּאַטרול ביים טויער און געמאַכט פּלטה. יאָ, אין קאָרידאָר, אויפן פּריטעלקע פון פענסטער, האָט מען געפונען אַן אָפּגעבראָכען און פאַרבלוטיגט שטיקעל גלאָז. מען רעכענט, אַז דערמיט האָט זיך שעפּטעלע-גנב אויסגעקראַצט זיינע ווענסעלעך. וואָרים אַ נקבה מיט שוואַרצע ווענסעלעך וואָלט אפילו אַ פּראָסטער סאָלדאַט ניט דורכגעלאָזען...

פּאַנדרע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט. און שמחהלען איז אַראָפּ אַ משא פון קאָפּ. אַ רעטעניש האָט זיך איהם אויפגעקלערט. אַצינד האָט ער שוין קלאָר געוואוסט, וואו שעפּטעלעס שוואַרצע ווענסעלעך זיינען אַהינגעקומען.

ענדע — ערשטער טייל „עמי-הארצים״.

א י נ ה א ל ט

	זייט
וואו זיינט איהר? (אנשטאט א הקדמה)	5
נח פאנדרע	8
פאנדרעווערט א בעל־תשובה	18
פאנדרע ווערט א „שמייסער"	30
ר׳ סענדער מוסרט זיינע פערד	45
ר׳ סענדער, גזלנים און א בער	56
פון דער מעשה איז געווארען אן אמת	75
פאנדרע חתנט זיך	91
זי וויל ניט, זי וויל יא...	103
עס ברענט ביים נייעם נגיד!...	116
א „מורקע"	131
ווער האט אונטערגעצונדען?...	150
א נייער פריסטאוו	167
„ארעסטאוואט יעווא"!	182
אונז צו לאנגע יאהר!	197
אין פרעמדען שפאן	215
אין קנעכטשאפט ביי מאיר פענטע	229
„אונטערבארג"	243
א בייזע באגעגעניש	256
א גרוב אין אזערע	267
דער משפט	285
שעפטעלע גנב	299
דאס געשלעג מיט גליתן	310
ווי נחן אזוי שמחהלען	331
וואס א גנב פארגינט זיך!	347
די יאטקע רעכענט זיך אפ	368
אויפן מאהליווער שליאך	385
א מאדנע נקבה	401

דער ווייטערער טייל פון „נח פאנדרע"

— הייסט: —

„צווישען אָזערע און דניעפּער"

די גרויסע סעריע

„עמי-הארצים"

פון ז. שניאור

ענטהאלטען פאלגענדע טיילען:

ערשטער טייל: נח פאנדרע

צווייטער טייל: צווישען אָזערע און דניעפער

דריטער טייל: צוריק פון אָסטראָג

פערטער טייל: די וואנט

פינפטער טייל: פאנדרעס אנטלויפען